UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 04 12 23 10 005 7

מִן הַמֵּצַר

מן המצר קראתי—
(תהלים).

א שטודיום איבער דאָס לעבען
פון דער אידישער נאציאָן און
א בליק אין דער צוקונפט
פון אידען און יודענטום

— פון —
גדליה בובליק

ניו יאָרק, תרפ״ג
1923

Copyright, 1923, by Gedaliah Bublick.
All Rights Reserved.

געווידמעט מיין פרוי עלקע
בת ר׳ ליב קאָסאָווסקי ז״ל.

אינהאלטס־פערצייכניס
בײַם עגדע פון בוך

העדתי בכם היום את השמים ואת
הארץ החיים והמות נתתי לפניך
הברכה והקללה ובחרת בחיים למען
תחיה אתה וזרעך.

(דברים ל׳ י״ט.)

אין ירושלים צו נעילה

דאָס איז געווען אין ירושלים יום־כּפּור צו נעילה.

איך האָב געדאַווענט אין דער גרויסער ספרד'ישער שוהל וועלכע רופט זיך די שוהל פון ר' יוחנן בן זכאי. די חייסע ארץ־ישראל זונן איז שוין געווען ווייט געזונקען. דער אומע־דיגער ניגון, מיט וועלכען די ספרדים זאָגען די תפלות, א ניגון פול צער און בייַנקעניש, האָט ארומגעשוועבט אין דער אַלטער שוהל מיט די גראָבע שטיינערנע ווענד, ווי די ווענד פון אַן אַלטען פעסטונג וואָס זעהט אויס אז עס וועט אייביג שטעהן. די עטליכע ליכט וואָס ברענען פון ערב יום כּפּור האָבען מיט זייערע לעצטע כחות געקעמפפט מיט דער פינס־טערניש וואָס האָט אַלע מאָל מעהר ארומגענומען די שוהל און אַלעמען וואָס זיינען אין איהר.

און אין מיטען האָט זיך אויפגעהויבען א רעש: דער חזן האָט אָנגעפאנגען צו זאָגען: אבינו מלכנו. און דער עולם, ריכטיג ווי ער וואָלט אָבגעפרישט געוואָרען מיט א שטראָם פון נייע כחות האָט אָנגעהויבען נאָכזאָגען דעם חזן, אויס־שרייענדיג, ווי דער שטייגער פון די ספרדים, יעדעס וואָרט. און איך האָב געהערט ווי דער חזן האָט וויינענדיג אויסגע־שריען אַן אבינו מלכנו וועלכען איך האָב קיין מאָל ניט גע־הערט אין מיין לעבען און וועלכער איז מיר געווען גאַנץ אומ־בעקאַנט. הויך און שאַרף האָבען געציטערט אין דער לופט די ווערטער פון דער מאָדנער תפלה:

אבינו מלכנו אל תאבדנו באורך גלותנו.

(אונזער פאָטער, אונזער קעניג, זאָלסט אונז ניט לאָזען אונטערגעהן דורך די לאַנגקייט פון גלות.)

הייסט עס, אז די לאַנגקייט פון גלות קען לאַנגזאם אונז פערניכטען און מאַכען פון אונז א סוף!...

איך האָב מיינע אויערע ניט געגלויבט. אָט די תפלה האָט דאָך אָנגעריהרט אין מיין הארצען די וועהטאָגען מיט וועלכע איך טראָג זיך ארום יאָהרען לאנג. דאָס איז דאָך די תפלה וועלכע איך זאָג, אָהן ווערטער, דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג אין יאָהר; די תפלה אין וועלכער עס ליעגט א מורא'דיגער געדאנק וועלכען איך האָב קיינמאָל ניט גע־וואגט אָפּען ארויסצוזאָגען: אז מיר רוקען זיך מיט שנעלע טריט צום אונטערגאנג, אז עס ווארט שוין פיליכט הינטער אונזער רוקען דער שרעקליכער טאָג אין וועלכען דאָס אידי־שע פאָלק וועט צום לעצטען מאָל ערשיינען אויף דער וועלט־סצענע — און וועט פערשווינדען אין דעם תהום פון וועלכען קיין נאציאָן וואָס איז אונטערגעגאנגען איז שוין צוריק ניט געקומען!

אין די ביטערע חלומות פון שלאָפלאָזע נעכט, אין רעכטען מיטען פון שמחות ווען עס האָבען ארום מיר געשוואומען די וואסערדיגע רייד פון די גלאטע צינגער וואָס שמייכלען און גלעטען די זעלבסטליעבע פון אונזערע אידען, האָט זיך מיר געדאכט אז איך זעה אויף דעם וואנד אָנגעשריבען מיט פייערדיגע אותיות דעם אורטייל: מנא, מנא תקל ופרסין! איך האָב זיך געוואונדערט ווי שטעלען זיך די דאָזיגע מענ־שען ניט אָב און פרעגען ניט: האלטען מיר ניט ביים לעצ־טען קאפּיטעל פון אונזער געשיכטע? שטעהען מיר ניט ביי דער ענדע פון דער גרויסער גלאָררייכער עקזיסטענץ פון דער וואונדערליכסטער פון אלע נאציאָנען?

איך האָב עס געקלעהרט און האָב עס מורא געהאט ארויס־צוזאָגען. האָב מורא געהאט מיין צווייפעל אין דער צוקונפט פון אידען אין די לענדער פון גלות ארויסצוזאָגען. איך האָב מורא געהאט אויף די ליפּען צו ברייננגען די מעגליכקייט פון אזא זאך: די מעגליכקייט אז דער גלות וועט אונז אויפ־עסען, פערשלינגען און פערניכטען.

און דאָ קומען די ספרדים און שרייבען אריין אין זייער מחזור מיט גרויסע ווערטער, אז דער גלות קען סוף כל סוף פערשלינגען די אידען, קען פון זיי מאכען א סוף. און זיי בעטען ביים רבונו של עולם אז ער זאָל ניט לאָזען דאָס אי־דישע פאָלק אין גלות אונטערצוגעהן צוליעב דער לאנגקייט

מיט וועלכער דער גלות ציהט זיך. א פּנים אז די סכנה ליעגט אין דער לאַנגקייט. א פּנים אז וואָס מעהר דער גלות ציהט זיך, אַלץ גרעסער איז די געפאַהר אַז מיר וועלען פון דאַנען לעבעדיג ניט אַרויס. אז וואָס ווייטער איז דער קאַמפּף געגען אונטערגאַנג שווערער. די ספרדים פערשטעהען די געפאַהר בעסער, אָדער זיי זיינען מעהר אמת ווי מיר זיינען, ווייל זיי זיינען פּשוט׳ער פאַר אונז און זיי האָבען אַמווייניגסטענס געהאַט מוטה צו אַנערקענען אַז אונזער צוקונפט אין גלות איז אַזוי אונזיכער און האָבען דאַרויף געשריבען אַן אבינו מלכנו.

אָ ! ספרדים ! קרוין פון דער אידישער נאַציאָן, אור־אייניקלעך פון יענע ריעזען פון קאַרדאָווא און גראַנאַדאַ. איהר פערשטעהט, אָדער בעסער : איהר פיהלט ווי שוואַך עס זיינע אונזערע כחות געגען די כוואַליעס וואָס ווילען אונז פערשלינגען. איהר פיהלט אַז אין דעם וואָרט גלות ליעגט איינגעוויקעלט די דונקעלע צוקונפט פון א נאַציאָנאַלען אונטערגאַנג און איהר האָט עס כאָטש עהרליך פערצייכענט אין דעם היילינגען רעקאָרד פון סידור און מחזור, וועהרענד מיר געהען אַרום שטאָלץ און פּלוידערען פון אונזער גרויסקייט, פון דאָס שטאַרקע אידישע לעבען אין די גלות לענדער, פון אונזער אייביגקייט, און מיר זעהען ניט וואָס עס טהוט זיך פאַר אונזערע אויגען וועלכע זיינען פער־בלענדעט.

אונזער אייביגקייט !

איז דאָס ניט דאָס העכסטע פון אַלעם וואָס דער איד קען ווינשען זיין נאַציאָן ? איז דאָס ניט דאָס זיסעסטע פון אַלע אידישען טרוימען ? איז דאָס ניט די שעהנסטע נקמה אויף אונזערע שונאים ? איז דען פאַראַן א בעסערע ראַכע ווי צו שטעלען זיך געגען דער גאַנצער וועלט און זאָגען : אומזיסט זיינע אַלע אייערע פּלענער געגען אונז, אומזיסט זיינען אַלע אייערע מחשבות ; דער טויט קען דאָס פאָלק ישראל ניט בע־הערשען. מיר זיינען געשיצט פון אונטערגאַנג. מיר זעהען פאַר אונזערע אויגען ווי פעלקער קומען און געהען, נאַציאָנען ווערען געבאָרען און פערשווינדען, אָבער מיר זיינען אייביג ווי די בערג. ווי דער ים, ווי די זונן. צו אונז איז ענטדעקט

געוואָרען דער סוד פון אייביגען עקזיסטענץ. מיר האָבען ערדייכט דאָס נאַציאָנאַלע אונשטערבליכקייט !

אָט דאָס איז די העכסטע מדרגה פון אידישען נאַציאָנאַליזם, פון אידישען פּאַטריאָטיזם. אָט דערפאַר זיינען געשטאָרבען די אידישע קדושים, פון חנה מיט איהרע זיבען קינדער ביז די וואָס זיינען געפאַלען על קדוש השם אין אוקראַינע.

און דיזע אידישע אייביגקייט, דער צענטער פון אלע אידישע מחשבות, דער גרויסער אידעאַל וואָס האָט געוואַרעמט די הערצער פון אונזער פאָלק פון אברהם אבינו ביז היינט, קען ניט מעהר בעטראַכט ווערען אלס זיכער ווען מיר זעהען וואָס די נייע אומשטענדען פון לעבען האָבען פון און געמאַכט.

א קלוגער איד וואָס איז געקומען אהער מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק, האָט געזעהן ווי אַזוי אידישקייט האָט איסגעזעהן מיט דרייסיג יאָהר צוריק אין דער אַלטער היים און קוקט מיט אָפענע אויגען אויף דאָס וואָס עס טהוט זיך דאָ, האָט צו מיר געזאָגט :

— איך ווייס אז איך וועל פּילייכט נאָך לאָזען א שטיקעל אידישע ירושה צו מיין זוהן. מיר איז שווער זיך פאָרצושטעלען וואָס עס וועט זיין די אידישע ירושה וואָס מיין זוהן וועט לאָזען צו זיין זוהן. איך קען אָבער ניט גלויבען אז מיין אייניקעל וועט האָבען וואָס צו לאָזען אלס אידישע ירושה צו זיינע קינדער. ביז עס וועט קומען צום דריטען און פּיערטען דור וועט עס ווערען גאָר ניט.

דאָ קומען אָבער די געשוואָרענע טרייסטער אָדער די פאַלשע נביאים וואָס האָבען פון אייביג אָן געהאַט די טבע צו זאָגען : שלום, שלום, ווערענד עס איז ניט געווען שלום, און טענה'ן : אידען האָבען געלעבט אַזוי לאַנג, וועלען זיי לעבען ווייטער. דאָס איז א פערזיכערונג וואָס האָט קיין גרונד. דאָס וואָס אימיצער איז נאָך ביז איצט ניט געשטאָרבען איז נאָך קיין בעווייז ניט אז ער וועט ווייטער ניט שטאַרבען. און די נאַציאָנען וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען האָבען אויך פריהער געלעבט. אָט איז א פאָלק אָדער א שטאַם וואָס האָט מיט אונז א געוויסע שייכות — די

שומרונים וואָס האָבען געלעבט אַ פּאָאָר טויזענד יאָהר, און יעצט זיינען זיי שוין אַזוי גוט ווי אונטערגעגאַנגען. און די קראים וועלכע זיינען לויט זייער בלוט אמת׳ע אידען, געהען אויך אויף דעם וועג פון די שומרונים און זיי ווייסען שוין אליין אַז דער טויט קלאַפּט אין זייער טיהר.

די קראים האָבען געלעבט כל זמן זיי האָבען געהאַט די גייסטיגע קראַפט צום לעבען, און מיר וועלען אַזוי לאַנג לעבען ווי לאַנג מיר וועלען האָבען די גייסטיגע קראַפט דערצו, כל זמן אונזער אידישע נשמה וועט זיין גאַנץ. וועלען מיר אָבער קענען אויפהאַלטען אונזער אידישע נשמה גאַנץ, וועהרענד מיר ווערען אַלץ מעהר און מעהר פאַר׳גוי׳איש ?

אָבער מיר זיינען דאָך שוין אַזוי פיעל קריזיסען דורכגע־גאַנגען זייט מיר זיינען אין גלות ! — וועלען ווייטער טענה׳ן די טרייסטער — אַ קריזיס ביי אונז איז קיין נייעס ניט, און מיט וואָס איז דיזער קריזיס געפעהרליכער ווי אַלע אַנדערע וואָס זיינען געוועזן זייט די אידען האָבען פערלאָזען זייער היים און אָנגעהויבען וואַנדערען אין דער פרעמד ?

אָבער דאָ ליעגט דער געוואַלדיגער טעות.

די פריהערדיגע קריזיסען וועלכע די אידען האָבען דורכ־געלעבט אין גלות זיינען גאָר ניט געגען דעם יעצטיגען. אין אמת׳ן האָבען אידען ביז יעצט קיינע קריזיסען אין זייער גע־שיכטע ניט געהאַט. יענע קריזיסען זיינען געוועזן בלויז אוי־סערליכע : פערפאָלגונגען, גזרות א. ז. וו. קיין אינערליכע קריזיסען זיינען עס ניט געוועזן, די אידישע נשמה האָט עס ניט בעריהרט, דעם לעבענסקראַפט פון דער אידישער אומה האָט עס ניט אונטערגעגראָבען. דער יעצטיגער קריזיס איז אָבער אַן אינערליכער, עס איז אַ קריזיס ווען די כחות געהען אויס פון אינוויינג. דאָס איז דארום דער ערשטער קרי־זיס אין דער אידישער געשיכטע.

ביז יעצט האָבען די אידען ניט געקענט אונטערגעהן. זיי האָבען זיך ניט געקענט אסימילירען מיט זייערע שכנים. עס איז דאַמאָלס געוועזן פאַר אידען אַזוי שווער צו אסימילירען זיך, פּונקט ווי עס וועט זיין שווער פון יעצט אָן און ווייטער זיך ניט צו אסימילירען.

די געפאַהר וואָס עס שטעהט פאַר דער אידישער נאַ־

ציאָן אין גלות קען נאָר ווערען קלאָר ווען מען שטעלט זיך אָב אויף דער פראגע : פארוואָס זיינען אלע נאציאָנען אונ־טערגעגאנגען ווען זיי זיינען געקומען אין דער פרעמד און אידען זיינען געבליבען לעבען אלס א מינאָריטעט און האָבען זיך מיט זייערע שכנים ניט צומישט ?

פאַרוואָס דער איד איז ניט געשטאָרבען

ווען טיטוס האָט געפיהרט געפאַנגען די גבורים פון ירושלים דורך די גאַסען פון רוים, די הענד געבונדען, און פאַר זיי האָט מען געטראָגען די געראויבטע כלים פון בית־המקדש, האָט מען פון די דעכער געוואָרפען פאַר'ן רוימישען המון מטבעות אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבען אין רוימישע ווערטער:

יהודה איז בעזיעגט, יהודה איז פ א ר ל אָ ר ע ן !

טיטוס און זיינע רוימער האָבען גערעכענט, אז די היי־פעל אידען וועלכע ער צושפּרייט איבער דער גרויסער וועלט וועלען, ווי אַלע אַנדערע פעלקער וואָס געהעי אַוועק צווישען פרעמדע, ווערען פאַרשלונגען און אויסגעמעקט פון דער וועלט.

און גערעכט איז ע ר געווען — לויט אַלע געזעצע פון דער היסטאָריע ! ווייל די אייזערנע געזעצע פון דער נאַטור, וועמען קיינער קען ניט בעזיעגען, פאָדערען אז אויב אַ קליינע גרופּע מענשען ווערט מגולגל צווישען אַ פרעמדע גרויסע מאַססע זאָל זי, די קליינע גרופּע זיך אויסמישען מיט דער גרויסער מאַססע, אונטערגעהן אין איהר און פאַרניכ־טעט ווערען ; ריכטיג ווי דער קליינער וואַלד־טייכעל מישט זיך אויס אין דעם גרויסען טייך אין וועלכען ער פאַלט אריין, און ווי דער גרויסער טייך ווערט פאַרשוואונדען אין ים.

ד י נ אַ ט ו ר צ ו ו י נ ג ט צ ו אַ ס י מ י ל אַ צ י אָ ן.

ווען איהר גיסט אריין אַ קליינע מאָאָס מילך אין אַ גרויסע מאָאָס וואַסער, וועט איהר אין אַ ווייל אַרום אומ־זיסט זובען די מילך. דאָס ב י ס ע ל מילך איז אַ ס י־מ י ל י ר ט געוואָרען אין די סך וואַסער.

דעזעלבער געזעץ וואָס אַסימילירט די מילך אין די וואַסער אַסימילרט דער מינאָריטעט אין דער מאַיאָריטעט. דאָס לעבען פון אַ לאַנד קאָכט און מישט בסדר אָהן אַן

אויפהער און יעדער מינאָריטעט וואָס פאַלט אריין אין דעם ברויזענדען קאָכענדיגען קעסעל ווערט צוקאָכט, צונומען, צו־שמאָלצען און פארשווינדעט אין דער גרויסער מאַסע אזוי ווי די מילך אז פארשוואונדען געוואָרען אין די וואַסער.

און דערפאַר זיינען אַלע אומות וואָס זיינען אוסגערי־סען געוואָרען פון זייער גרונד און זיינען אַוועק אין "גלות", צומישט געוואָרען מיט אַנדערע און אונטערגעגאַנגען.

נאָר עס איז פאַראַן איין בן־יחיד ביי דער מענשהייט, איין יחסן וואָס האָט געוואַגט צו צושמעטערען די געזעצע פון דער נאַטור, האָט געוואַגט צו חוזק־מאַכען פון דער גאַנ־צער וועלט־געשיכטע מיט איהרע אייזערנע כללים. עס איז פאַראַן בלויז איין פּריווילעגירטעס פאָלק וואָס שטעהט העכער פון אַלעמען און פון אַלעס, און דאָס זיינען די אידען. דאָס איז די איינציגע מינאָריטעט צווי־שען מענשען, וואָס האָט זיך ענטזאָגט צו ווערען פארשלונ־גען פון דער מאַיאָריטעט!

און די וועלט שטעהט ערשטוינט, פארוואונדערט אויף דער געוואַלדיגער ערשיינונג, וועלכע איז אונפארשטענדליך פאַר'ן מענשליכען שכל. אַנדערע וואונדערען זיך און ציהען מיט די אַקסלען, אַנדערע וואונדערען זיך און קריצען מיט די ציינער פון פארדרוס, זיי פאַרגינען ניט דעם בן־יחיד וואָס ער איז אַן אויסנאַהם פונקט ווי קיין מענש אויף דער וועלט וואָלט ניט פארגונען ווען עס זאָל זיך געפינען איינער וואָס זאָל דורך אַן אונפארשטענדליכע קראַפט בעזיעגען דעם נאַטירליכען געזעץ פון טויט, ווערענד אַלע ארום איהם זיי־נען שטערבליך. (און אין דעם ליעגט אין אַ גרויסע מאָס דער סוד פון אַנטיסעמיטיזם). די וועלט שטעהט און שטוינט פאַר דעם דאָזיגען רעטעניש: פארוואָס זיינען אידען ניט געשטאָרבען?!!

איך וויל דיעזען וועלט־רעטעניש ערקלעהרען אויף אַ זעהר לייכטען און פּשוט'ען אופן. עס וועט קלאָהר ווערען אז עס איז דאָ גאָר ניטאָ איבער וואָס צו וואונדערען זיך. אז איהר ווילט, איז דער גאַנצער פּלא גאָר אַ נאַטירליכע זאַך.

די אידען האָבען זיך ניט אויסגעמישט מיט זייערע

גוי'שע שכנים, האָבען זיך מיט זיי ניט אסימילירט דערפאַר ווייל זיי, די אידען, זיינען געשטאַנען אַהן א שיעור העכער ווי די גוים צווישען וועמען זיי האָבען זיך בעזעצט. און דאָ איז דער סוד פון דער אידישער עקזיסטענץ אין גלות!

די אידען האָבען ניט געקענט אריינגעהן אין דער גוי'־שער געזעלשאַפט. אָננעהמען דעם גוי'שען ארט לעבען, חתונה האָבען מיט גוי'שע פאַמיליעס און אסימילירט ווערען אין דער גוי'שער סביבה דערפאַר וואָס די אידען האָבען גע־קוקט אויף די גוים פון א ו י ב ע ן א ר ו נ ט ע ר.

זיי, די אידען, האָבען ניט געוואָלט און האָבען ניט גע־קענט זיך ארונטערלאָזען פון א העכערער מדרגה צו א ניעדר־ריגערער. עס איז די נאַטור פון יעדען איינצעלנעם מענשען, און נאָך אין א גרעסערער מאָס, פון יעדעס פאָלק צו שטרע־בען ארויף, צו וועלען געהן העכער און ניט זינקען ניעדרי־גער, און דערפאַר איז די געפאַהר פון אסימילאַציאָן נאָר שטאַרק דאַן ווען מען קוקט פ ו ן א ו נ ט ע ן א ר ו י ף. מען וויל זיך אויסמישען, פאַראייניגען מיט די וואָס מען האַלט העכער פון זיך. דער בעדער איז שטענדיג גרייט זיך משדך זיין מיט דעם רב און אריין אין דעם רב'ס משפחה, ווערהענד דער רב וועט זיך ניט איילען אריינצוגעהן אין בעדער'ס משפחה — אויב איהר ווילט אזא משל. לויט דעם ענין וועגען וועלכען מיר ריידען דאָ וואָלט זיך געפּאַסט זאָגען: אז דער רב קען זיך פיעל וויינינער אסימילירען מיט דעם בעדער, ווי דער בעדער מיט'ן רב.

ווען די אידען זיינען מיט געוואַלד ארויסגעריסען געוואָ־רען פון זייער לאַנד, זיינען זיי געווען, אזוי צו זאָגען, די רבנים צווישען די בעדערס. זיי האָבען זיך געהאַלטען פיר די אריסטאָקראַטען פון די אומות, פיר די "עליטע" פון דער מענשהייט און זיי זיינען ווירקליך געשטאַנען אויף אזא הויכע מדרגה אין פערגלייך מיט זייערע שכנים, אז זיי האָבען גערעכענט אַן אויסמיש מיט די פעלקער אלס א ערנידריגענדע זאַך.

אין דער צייט ווען די אידען זיינען געקומען נאָכ'ן חורבן בית המקדש אין רוים איז שוין די שעהנערע עפּאָכע פון דער רוימישער געשיכטע געווען פאַרשוואונדען. באַלד

איז אריינגעטרעטען א געוואלדיגע פארפוילטקייט אין דעם גרויסען קערפער פון דער רוימישער אימפעריע. די רוימישע געצען האבען זיך געוואלגערט אין שאנדע, פארלאזען אפילו פון זייערע אייגענע אנהייננגער. רוים איז געווען פארפלייצט פון אן עקעלהאפטע אונמאראליטעט און קארופציאן, אי־בערזעטיגטע תאוות און פוילקייט האבען שנעל געפרעסען דעם ארגאניזם פון דעם רוימישען ריעז. די רוימישע רע־ליגיאן, וועלכע איז פריהער אויך ניט געווען געהויבען, איז יעצט געווען דערטרונקען אין דעם ניעדריגסטען סארט אבער־גלויבען. דער בלאסער שיין וואס האט זיך אבגעשפיגעלט אויף רוים פון דער גריכישער קולטור איז געווען פארלאשען. קיינע אידעאלען מיט וואס אבצופרישען די מענשליכע נשמה זיינען ניט געווען. עס האט געהאלטען אזוי ווייט, אז פיעלע רוימער זיינען געלאפען פון זייער אייגענע קולטור און האבען געזוכט טרייסט פיר זייער גייסט אונטער די פליגלען פון יודענטהום. ניט קיין ספק שפעטער זיינען גע־קומען די בארבארען פון נארד־איירופא און געמאכט א סוף פון רוים.

און אהין אין דיעזער געזינדעל פון רוימישער צופוילט־קייט און פון בארבארישע ווילדע זיעגער זיינען געקומען די אידען מיט דעם תנ״ך אין האנד און אין הארצען, מיט דעם ליכטיגעןווארט פון גאט, מיט דער איבערצייגונג פון דער איינהייט פון אלע וועלטען, מיט די לעהרע פון העכסטען מאראל, מיט דער געוואלדיגער קולטור פון די נביאים, מיט דעם ״כה אמר ד׳״ פון עמוס. אהין אין דער וועלט פון תוהו ובהו זיינען געקומען די אידען אלס די טרעגער פון א הויכע ציוויליזאציאן און זיי, די אידען, האבען געקוקט פון אויבען ארונטער אויף דאס נארישע טרייבען פון פעלקער און מדינות. פרעגט זיך: האבען די אידען געקענט ארונ־טערגעהן אזוי ניעדריג און זיך אויסמישען מיט די דאזיגע מענשען, וועלכע זיי האבען בעטראכט פאר אזוי שפל אין קולטורעלען זינן? געוויס ניט!

און נאכהער זיינען די אידען געקומען אין אנדערע לענ־דער פון איירופא, וואו זיי האבען אומעדום געפונען באר־בארען אדער ראסען וואס האבען ערשט קוים אנגעפאנגען

אַרויפצוגעהן אויף דעם ערשטען שטאַפּעל פון ציוויליזאַציאָן. האָט איז אַביישפּיעל אויף וואָס פיר אַ מדרגה די אייראָפּעאישע פעלקער זיינען געשטאַנען אין דער צייט אונגעפעהר ווי די אידען זיינען אהין געקומען: דער גרויסער היסטאָריקער טעין דערצעהלט ווי אַזוי די איינוואָהנער פון ענגלאַנד האָבען געלעבט אַן ערך מיט טויזענד יאָהר צוריק פון אונזער צייט. מען פלעגט זיך זעצען ביי אַ טיש און אַזוי פיעל פּערסען און זויפען ביז וואַנען אַלע פלעגען זיך אַרונטערקייקלען אונטער׳ן טיש און ליגען איינע אויף די אַנדערע. די משרתים פלעגען נאַכהער קומען מיט לאַנגע גראַבליעס אַרויסשלעפען די "הערהען און דאַמען" פון אונטער׳ן טיש און זיי אַוועקשלעפּען אויף זייערע געלעגערס.

און די אידען וואָס זיינען אָנגעקומען צו די דאָזיגע בריטען האָבען שוין געהאַט מיט זיך ניט נאָר דעם תנ"ך, נאָר אויך די לעהרע פון רבי עקיבא און ר׳ חנינא בן תרדיון און ר׳ יהודה הנשיא, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַלטען זיין האַנד ניעדריגער ווי דער גאַרטעל!

ניט העכער ווי די בריטען זיינען געוועזען די אור־אורעלטערען פון די פראַנצויזען, פון די גערמאַנען און ווער רעדט פון די סלאַווען. איז אַ וואונדער, אַז די אידען האָבען נעקוקט אויף דיעזע אַלע מענשען פון אויבען אַרונטער? איז אַ וואונדער, אַז זיי האָבען ניט געקענט זיך פאַרמישען מיט דער געזעלשאַפט וואָס אַרום זיי? איז אַ וואונדער אַז זיי האָבען ניט געקענט בטל ווערען ביי זיך אַליין אין די אויגען געגען זייערע שכנים? און ווען מען ווערט ביי זיך ניט בטל איז ניטאָ דער גרונד פיר אַסימילאַציאָן.

דער געוועהנליכער פּראָצעס פון אַסימילאַציאָן איז: געמישטע חתונות. דורך דיעזען מיטעל ווערען משפחות און פעלקער צוזאַמענגעמישט, אַסימילירט. אָבער פאַר אידען צו חתונה האָבען מיט אַ גוי איז געווען פאַררעכענט פיר אַ גרויסען שריט אַרונטער פון דעם שטאַפּעל פון קולטור. און ווען דער איד האָט געזאָגט דעם "אתה בחרתנו" האָט ער עס עהרליך און ערנסט געמיינט, און ווען ער האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט ניט פון אידען געמאַכט אַזוי ווי די גוים פון די לענדער, האָט ער עס האַרציליך געפיהלט. ווייל ער

האט געהאלטען זיך אלס איד אהן א מאס העכער ווי דער גוי. ער האט זיך געהאלטען פיר א געפאנגענעם פרינץ צווישען קנעכט, עס הייסט, צווישען מענשען וועמעס קול־טור, בילדונג און מאראלישע השגה איז א קנעכטישע, א גראבע. דאס האט געהיט זיין זוהן פון א גוי׳שע כלה און זיין טאכטער פון א גוי׳שען חתן. דאס האט געהיט דאס פאלק פון פארלירען זיין גאוה און אונטערגעהן.

קען א איד היינט אויך אין א ציוויליזירטע מדינה האל־טען זיך העכער און קוקען אויף די בעלי־בתים פון לאנד פון אובען ארונטער? קען, למשל, אן אמעריקאנער איד מבטל זיין די גוי׳שע וועלט, די ברייטע וועלט וואס רינגעלט אונז ארום און האלטען זיך אלס א העכערען סארט מענשען ווי די צווישען וועמען מיר לעבען? קען אימיצער פון אונז דיינקען, אז אריינטרעטענדיג אין דער געזעלשאפט פון אמעריקאנער, איז דער גוי׳שער געזעלשאפט, לאזען מיר זיך ניעדריגער ארונטער? האלט זיך דער דייטשער איד העכער ווי דער דייטש, דער פראנצויזישער העכער ווי דער פאנ־צויז און דער ענגלישער העכער ווי דער ענגלענדער?

געוויס ניט! און ניט נאר האלט זיך ניט דער איד ה ע כ ע ר פון זיינע שכנים, נאר ער האלט זיך אפילו ניט ג ל י י ך מיט׳ן גוי! ער האלט זיך אינוויינינג אין זיין הארצען נ י ע ד ר י ג ע ר, ער האלט דעם גוי העכער פון זיך! יענעמ׳ס חכמה איז א גרעסערע, יענעמ׳ס ליטע־ראטור איז א מעכטיגערע, יענעמ׳ס פיהרונג איז א שעהנע־רע, יענעמ׳ס מאניערען זיינען איידעלערע און מען דארף זיי נאכאהמען.

אנשטאט וואס דער איד איז אמאל געשטאנען אויפ׳ן בארג און האט אראבגעקוקט אויף זיינע שכנים, וואס זיינען געווען אין טהאל, פיהלט זיך היינט דער איד אין טהאל און קוקט ארויף צו זיינע שכנים, וועלכע זעהען איהם אויס אז זיי שטעהען אויפ׳ן בארג. די אמאליגע אידען האט ניט גע־צויגען צום טהאל א ר ו נ ט ע ר, די היינטיגע אידען ציהט עס ווי מיט טויזענד מאגנעטען צום בארג א ר ו י ף. כל־זמן די גוים צווישען וועלכע די אידען האבען געלעבט זיי־נען געשטאנען אויף ניעדריגע שטופען פון ציוויליזאציאן און

קולטור האָבען אידען ניט געהאט אפילו די תאוה צו אַסימי־לירען זיך און דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק איז דארום ניט געווען אין סכנה. ווען די גוים אָבער זיינען ארויף אויף א זעהר הויכער מדרגה פון קולטור האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען דער אייביגער נאַטור־געזעץ, אז די מינאָריטעט ציהט צו דער מאַיאָריטעט, אז דער קלענע־רער מאַגנעט ציהט זיך צו בעהעפטען אין גרעסערען.

דער גוי איז הויך געוואָרען! און דאָס איז אונזער נאַ־ציאָנאַלער אונגליק. מיר זיינען יעצט אין דעם ע ר ש ט ע ן קריזיס פון אונזער געשיכטע, צום ע ר ש ט ע ן מאָל טרעפען מיר זיך פנים אל פנים מיט'ן אמת'ן געפאהר פון אונטערגאַנג.

הארוואַרד אָדער וואָלאָזשין ?

געדענקט איהר די מעשה ?
עס לויפט אַ טייערער עקיפּאַזש געשפּאַנט צו פיער פערד. דער קוטשער, אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע, האַלט די לייצעס אין זיינע הענד וועלכע זיינען אָנגעטהאָן אין ווייסע הענטשקעס. אינוויינינג זיצט אַ גענעראַל מיט בעגאָלדעטע עפּאָלעטען. נעבען איהם זיצט זי, די משומדת. איבער'ן גאַס געהט דורך אַן אָרימער איד, אַ שמש, שטעלט זיך אָב, גיט אַ קוק אויף איהר מיט גרויס פעראַכטונג, שפּייט אויס, גיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ און זאָגט :
כן יאבדו !...
צו ווערען די ווייב פון אַ מאַגנאַט אָדער אַ גרויסען גענעראַל האָט געהייסען אַ מיאוס'ער סוף, אַ סוף וואָס האָט ערוועקט שרעק און עקעל אפילו ביי דעם אָרימסטען און פערלאָזענסטען פון דער אידישער גאַס. און יעדער וואַסערפיהרער וואָלט זיך געפיהלט דערשלאָגען און פול מיט שמאַך און חרפּה ווען עס וואָלט זיין טאָכטער געטראָפען אַזא אונגליק. אין דער אידישער גאַס האָבען געוואָהנט די פּרינצען, די געפאַנגענע בני־מלכים וואָס האָבען געקוקט מיט בעדויערען אויף אַלעם וואָס איז אין דרויסען אין דער גוי'שער וועלט.
געוואוסט האָבען די אידען אַז ביי גוים זיינען פאַראַן געלערנטע מענשען, אַז ביי די גוים זיינען פאַראַן ב י כ ע ר און אַ גאַנצע וועלט פון בילדונג, אָבער וואָס פיר אַ בעדייטונג האָבען אַלע זייערע גרויסע מענשען צוזאַמענגענומען געגען איינעם פון די גרויסע אידישע צדיקים און גאונים ? און וואָס פיר אַ בעדייטונג האָבען אַלע זייער ב י כ ע ר צוזאַמענגענומען געגען איין אידישען ס פ ר ?
איין מאמר פון חז"ל וועגט־איבער אַלע זיבען חכמות פון

די אומות העולם און איין וואָרט פון דער תורה הקדושה שיינט אריבער אַלעס וואָס זייערע חכמים האָבען געזאָגט און געשריבען זייט די וועלט שטעהט. אין אַ פּרק משניות וואָס אַ פּראָסטער איד לערנט איז פאַראַן מעהר ערהאַבענהייט ווי אין אַלע גוי׳שע חכמות, ווייל אַלעס וואָס עס איז געשריבען אין די אידישע ספרים שטאַמט פון די פריהערדיגע דורות וואָס האָבען עס מקבל געווען פון באַרג סיני און עס איז דאַרום הייליג און געטליך ווערהענד דאָס וואָס די גוים שרייבען איז נאָר על פּי שכל. און פאַר זיי זיינען ניט אַנט־פּלעקט געוואָרען די קוואַלען פון מאָראַל און קדושה און זיי טאַפּען דאַרום אין דער פינסטער.

אַזוי האָבען אידען געפיהלט, אַזוי האָבען אידען געדענקט, אַזוי קליין האָט ביי זיי אויסגעזעהן די גאַנצע וועלט געגען די אידישע גייסטיגע אוצרות, אַזוי אָרים האָט ביי זיי אויסגעזעהן אַלעס וואָס עס איז אויף יענער זייט פון יודענטהום און אַזוי רייך האָט ביי זיי אויסגעזעהן אַלעס וואָס איז אינוויינינג. ביכער וואַלגערען זיך אויף דער ערד — אַרט עס קיינעם ניט; איין קליינער אידישער ספר׳ל זאָל אַראָבפאַלען — און די אידישע נשמה ווערט עמפּערט! דאָס הייליגטהום איז פערשוועכט געוואָרען. די האַנד לויפט אליין מיט ציטערניש, כאַפּט דעם טייערען אוצר פון דער ערד, און מיט ליעבשאַפט קושט דער איד דעם ספר און בעט איהם איבער די בעליידיגונג וואָס מען האָט איהם געטהאָן.

ווייל אין דעם אידישען ספר — האָט דער איד גע־גלויבט — איז פערקערפּערט אַלעס וואָס איז אמת, אַלעס וואָס איז מאָראַליש, אַלעס וואָס איז עהרליך, אַלעס וואָס איז שעהן, ווייל נאָר פון אידישען ספר קען מען לערנען ווי צו לעבען, ווי צו קענען ליידען און קעמפּפען פאַר׳ן אמת, ווייל דער אידשער ספר לערנט די וועגען פון גערעכטיגקייט אויף דער וועלט און דעם אייביגען גליק אויף יענער וועלט, וועלכע איז דער עיקר.

האָבען אידען וועלכע האָבען אַזוי געגלויבט און אַזוי גע־פיהלט געקענט זיך אַסימילירען? האָבען זיי געקענט אויס־בייטען זייערע רענדלעך אויף די בלעכענע מטבעות פון זייע־

רע שכנים ? קיין מענש וואָס האָט מארך אין קאָפּ בייט ניט אויס אַ בעסערע זאַך אויף אַן ערגערע און די אידען האָבען אַזא אויסטויש ניט געקענט מאַכען.

איך האָב געזאָגט : קיין מענש בייט ניט אויס אַ בעסערע זאַך אויף אַן ערגערע. עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַן אייזערנער כלל אַז קיין מענש האַלט זיך ניט מיט אַן ערגערע זאַך ווען ער קען עס אויסבייטען אויף אַ בעסערע. אַ מענש האַלט זיך מיט זיין סחורה און וועט עס ניט פערבייטען אויף אַן אנדערע אַזוי לאַנג ווי ער איז זיכער אַז זיין סחורה איז בעסער ווי די פון זיין שכן. ווען ער קומט אָבער צום בעשלוס אַז זיין סחורה איז די ערגערע און אַז דעם שכן'ס איז די בעסערע איז ניטאָ קיין כח וואָס זאָל איהם אָבהאַלטען אַז ער זאָל דעם אויסטויש מאַכען ! עס הייסט ער זאָל אוועקוואַרפען און נעהמען דעם שכן'ס ווען ער קען נאָר.

די גרויסע אידישע טראַגעדיע איז וואָס דער איד האָט אויפגעהערט צו גלויבען, אַז זיין סחורה איז בעסער ווי די סחורה פון זיין שכן. און נאָך אַ גרעסערע טראַגעדיע איז וואָס ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג אַז דעם שכן'ס סחורה איז פיל בעסער ווי זיין אייגענע. ער דענקט אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ זאַך וואָס איז פון קליינעם ווערטה געגען דאָס וואָס ער זעהט ביי אַנדערע. ווי לאַנג, פרעגט זיך, קען מען זיך טראָגען מיט אַ ירושה וואָס האָט פערלאָרען איהר ווערטה אין די אויגען פון דעם וואָס טראָגט איהר ? ? ?

און זאָל קיינער ניט קומען לייקענען דעם פאַקט אַז די אידישע ירושה איז געפאַלען אין די אויגען פון אידען און אַז אַלעס וואָס עס איז פרעמד איז ביי אונז אין די אויגען זעהר הויך געשטיגען ! זאָלען מיר זיין אמת אַמווייניגסטענס פאַר אונזער געוויסען. דער גוי'שער בוך איז ביי אונז אונגע־הויער פיעל חשוב'ער ווי דער אידישער ספר. דער וואָס האָט אַ גוי'שע בילדונג איז ביי אונז פיעל חשוב'ער ווי דער וואָס האָט אַ אידישע בילדונג. דער וואָס טראָגט אַ טיטול וואָס ער האָט געקראָגען אין דער גוי'שער וועלט איז אָהן אַן ערך ביי אונז מעהר יחסן ווי דער וואָס טראָגט אפילו דעם גרעסטען טיטול וואָס מען קען קריגען לערנענדיג די תורה.

זעהט וואָס פיר א כבוד מען גיט אָב ביי אונז די אידען וואָס קענען ניט אפילו א צורה פון אן אלף און פערגלייכט עס מיט דער בעהאנדלונג וואָס עס קריגען ביי אונז די וואָס האָבען אוועקגעגעבען זייער לעבען אויף דער אידישער לעהרע. זעהט אז ביי אונז, צום ביישפּיעל, אין אמעריקא, פערשטופּט מען אפילו אויף שמחות פון תלמוד תורות אָן א זייט אלעמען וואָס קענען עפּענען א אידישען ספר און מען זעצט אוועק אויפ'ן סאַמע אויבען אָן די וואָס קענען אפילו ניט לייענען פון רעכטס אויף לינקס!

דאָס איז דערפאַר וואָס די אידישע תורה, פיר וועלכע אידען זייגען מיט שמחה געשטאָרבען, איז ביי אונז בזוי און שפּל געגען אן אנדער תורה, אן אנדער בילדונג, אן אנדער קולטור, די קולטור פון אונזערע שכנים. דאָס איז דערפאַר וואָס אידען האָבען אָנגעפאַנגען צו גלויבען אז די קוועלע פון ליכט, פון ערהאבענע געדאַנקען, פון בעגייסטערענדע אידעאלען — אז די קוועלע פון אלעס וואָס איז שעהן, אז די אמת'ע ציוויליזאציאָן איז דאָרטען ביי זיי, ביי די גוים. אידען זעהן ניט מעהר די זונן פון הויכע אידעען און אידעאלען שיינענדיג אין זייער אייגענעם געצעלט, זיי האלטען אז זי שיינט דאָרטען אין דעם פרעמדען לאַגער און אז מיר דאַרפען זיין צופרידען וואָס מען לאָזט אונז ווארימען זיך אין יענעמס ליכט.

דער צענטער פון אונזערע געדאַנקען, דער וואונש פון אונזער נשמה איז דאָרטען אין דער גוי'שער וועלט. מיר האָבען דעם גרעסטען רעספּעקט פיר יעדע זאך וואָס קומט פון דאָרטען. מיר מעגען זיך געהן אין שוהל מאַכען א ברכה: אשר בחר בנו מכל עם ונתן לנו תורת אמת, און פונדעסטוועגען גלויבען מיר אז די תורה פון הארווארד איז העכער ווי די תורה פון וואָלאָזשין. מיר זיינען גליקליך וואָס אונזערע קינדער לערנען אין יעיל און ניט אין מירער ישיבה. א ו נ ז ע ר בילדונג איז געפאַלען ביי אונז אליין, אונזער גוף שטעהט נאָך אין יודענטהום אָבער אונזער נשמה איז שוין דאָרטען אין דער פרעמד. ווי לאַנג קען אָנציהען א גוף אָהן א נשמה?

ווארום אויב די גוי'שע וועלט איז אזוי שעהן, אויב מיר

האָבען זיך ניט וואָס איבערצונעהמען אלס אידען געגען איהר, און פערקעהרט, מיר קניען נאָך פאַר איהר גרויסקייט, דאַן איז ניטאָ מעהר קיין שטערונג אז מיר זאָלען סוף כל סוף ניט אויפהערען צו שטעהן בעזונדער און אין גאַנצען צומישט ווערען מיט דער גרויסער וועלט, וועלכע האָט ביי אונז אזא גרויסען חן, פונקט ווי גרויס עס איז געווען דער אונ'חן וואָס זי האָט געהאט ביי אַמאָליגע אידען.

ווארום דער כח אונזערער איז געווען אין דעם וואָס מיר האָבען זיך געהאלטען אלס אויסערערוועהלטע און האָבען ניט געוואָלט אַרונטערגעהן פון דעם פּעדעסטאַל אויף וועלכען מיר האָבען גערעכענט אז מיר שטעהען. איז בטל געוואָרען דיזע זעלבסטווירדע, דיזער גלויבען אין אונזער גרויסקייט אין פערגלייך מיט אַנדערע — איז דערמיט אוועקגענומען געוואָרען דער באָדען פון אונטער אונזערע פיס. עס איז צו־גענומען געוואָרען דער גרונד פון אונזער אָבגעזונדערטקייט אלס א בעזונדער קערפערשאַפט וואָס וויל זיך ניט פערמישען מיט קיינעם.

א קלוגער איד, א גרויסער למדן און א הויך קולטיווירטער מענש האָט צו מיר געזאָגט: הערט! אויב רבי עקיבא איז גרעסער ווי דארווין וואָלט ביי מיר רעכט געווען צו ליידען א מיליאָן יאָהר אלע אינקוויזיציעס שבעולם פאַר'ן יודענ־טהום, אויב אָבער איך זאָל קומען צום בעשלוס, חס וחלילה, אז דארווין איז גרעסער ווי רבי עקיבא שמד איך זיך מאָר־גען!

איהר דאַרפט זיך ניט שרעקען אז מיין פריינד געהט ווירקליך גלייך זיך שמד'ן. אָבער ער האָט אַרויסגעזאָגט א זעהר טיעפען אמת. טויזענדער יאָהרען האָבען אידען גע־קעמפפט פאַר רבי עקיבא און רבי חנינא בן תרדיון, ווייל זיי האָבען געגלויבט אז דאָס איז די העכסטע זאַך וואָס די וועלט פערמאָגט. אויב אָבער דארווין און אַנדערע האָבען עטוואָס העכערס און בעסערס צו שיינקען דער מענשהייט, אויב די גוי'שע וועלט איז העכער ווי די אידישע, וועלען די אידען אויפהערען צו קעמפפען און זיי וועלען לאַנגזאַם אַריבער צום לאַגער וואָס זיי גלויבען אז די גרויסקייט איז דאָרטען און די ליכטיגקייט איז דאָרטען.

די פּאָעזיע פון דער "גהעטא"

ווי שעהן זיינען געווען דיינע געצעלטען, ישראל, איי־דער עס איז געקומען דער שטורם פון דער וועלט־ציוויליזאַציאָן און האָט זיי צושמעטערט!

ווי שעהן איז געווען די אידישע מאַמע, די כשר'ע אידי־שע טאָכטער, ווען זי האָט איהר פרומען פנים פאַרשטעלט מיט די הענד פאר ליכט בענטשען און האָט א הייסע תפלה שטיל געזאָגט צום בורא עולם פאר איהר מאן און פאר איה־רע קינדערלעך.

און ווען זי האָט איהרע הענד פון פנים אוועקגענומען האָבען פערל פון טרעהרען געבלישצעט אין איהרע עהרליכע אויגען. טרעהרען פון גליק און פון דער הייליגסטער ליעב־שאַפט וואָס די וועלט פערמאָגט, די ליעבשאַפט פון דער משפחה.

קומט, איהר דיכטער און קינסטלער וואָס איהר גראָבט זיך אין מענשליכע געפיהלען, וואָס איהר ווילט ענטדעקען די הייליגע פערבאָרגענע וועגען פון מענשען'ס הארצען, קומט און בעזינגט די טרעהרען פון דער אידישער מאַמע ביי ליכט־צינדען!

העכער אָבער ווי אייער פאַנטאַזיע זיינען די דאָזיגע טרעהרען, און די מענשליכע שפּראַך האָט ניט גענוג ווער־טער עס צו שילדערן. אין דער מאַמעס אויגען פרייטאָג פאַר־נאַכט האָב איך מעהר פּאָעזי געלערנט ווי אין אלעם וואָס איך האָב נאַכהער געלעזען מיין גאַנצען לעבען.

ווי שעהן איז געווען דער אידישער טאַטע ווען ער איז לאַנגזאַם אריין אין שטוב פון שוהל, ווי א פּרינץ וואָס קומט צו זיין פּאַלאַץ. שעהנער ווי די בעגלייטונג פון אלע פּרינצען אין דער וועלט איז געווען די בעגלייטונג פון דעם אידישען טאַטען פרייטאָג צו נאַכט. יענעם בעגלייטען שטערבליכע

און דער איד איז בעגלייטעט פון מלאכים. א י ך ה א ב ז י י ג ע ז ע ה ן מיט מיינע — גייסטיגע — אויגען, די מלאכים, ווי זיי פלעגען שטיל אריינגעהן ביים שוועל און פלעגען שטיל זיך ארויסגליטשען צוריק. מיינע אויגען פלעגען זיין צוגעשמידט צום טיהר דורך וועלכע זיי פלעגען אריין און צוריק אוועקגעהן ווען דער טאטע פלעגט זאָגען "צאתכם לשלום".

און ווען די מלאכים פלעגען אוועקגעהן פלעגען זיי לאָזען א שיין פון זייער ליכטיגקייט אויף דעם פנים פון אידישען טאטען. די אויגען שיינען מיט א גלאַנץ פון אן אנדער וועלט, דאָס זיינען ניט די אויגען מיט וועלכע דער אידישער טאטע שטעהט אין קראָם! אנדערש איז זיין קול, קלאָרער, טיעפער און פייערליכער. ער מאַכט דעם קידוש און אלעס הויבט זיך אויף אין די אויגען פון די קינדער.

העכער און העכער שטייגט ארויף דער שבת-טיש דאָס איז ניט סתם א סעודה וואָס מענשען עסען ווען זיי זיינען הונגעריג. דאָס איז עפּעס א הייליגער גאָטעס-דיענסט. אָט אזוי — רעכענט דאָס אידישע קינד מיט א צאַפּעלדיגע הארץ — האָט געווים אויסגעזעהן די סעודה וואָס אברהם האָט געגעסען מיט די מלאכים דאָרטען אין אלוני ממרא... און די געפלאָכטענע חלות זעהען געווים אויס ווי דער לחם-הפנים!... און די געדאַנקען פון יונגען קינד וואַנדערן אוועק אין די גרויסע וועלטען פון אלטע געוואַלדיגע פּאַסירונגען ארומגעוויקעלט אין דעם צויבער פון פּאָעזי און ערהאַבענהייט.

הייליג און ערהאַבען זיינען געווען די שבת-פאַרנאַכטען אין די אידישע געצעלטען! זיסער צער! דאָס זעגענען זיך מיט'ן שבת. פאַרוויקעלט אין דער דונקעלקייט פון פאַרנאַכט זיצט די מאַמע אין א ווינקעל נעבען פענסטער, גלעט און צערטעלט די קעפּלאך פון איהרע קינדערלאך וועלכע טוליען זיך צו איהר. זי איז ערנסט און שווייגענדיג. עטוואָס גרויסעס פּאַסירט אויף דער וועלט. דער שבת וואָס האָט אלעמען גליקליך געמאַכט טרעט צוריק. די שבת'דיגע נשמה וואָס מיר האָבען געקראָגען פרייטאָג פאַרנאַכט פון הימעל רייסט זיך ביי אונז ארויס און מיר בלייבען מיט דער וואָכעדיגער

נשמה, מיר פּאַלען אַראָב אויף דער ערד און ווערען צוריק קליינע מענשען פּערזונקען אין קליינע מעשים, אין קליינע מחשבות. די הערצער פון די יונגע קינדער קלאַפּען און דער מאַמע'ס שטימע ברעכט אויס מיט דעם אומעדיגען געזאַנג: גאָט פון אברהם...

ווי שעהן זיינען געווען די טרוימען פון דעם אידישען קינד. אָט געהט ער צוזאַמען מיט יעקב'ן אין יענער געפעהר־ליכער וועג וואו ער שלאָפט אויף אַ הארטען שטיין. אָט קלאַפּט זיין הארץ וואָס יעקב און עשו טרעפען זיך צוזאַמען. אָט איז ער מיט יוסף'ן אין גרוב. אָט איז ער מיט איהם אין געפענגנים אין מצרים. ווי גליקליך איז ער, דער אידישער אינגעל וואָס יוסף ווערט שני למלך! און נאַכהער: משה, יציאת מצרים, דער מדבר, דער בארג סיני, וועלכער קינד איז אזוי רייך אין פּאָעזי, אזוי רייך אין פאַנטאַזיע ווי דער אידישער קינד אין דער אידישער גאַס! וועלכער קינד האָט אזא ברייטע וועלט ווי דער אידישער קינד!

וואונדערליך איז געווען די אידישע חתונה. צניעות'דיג און בעשיידען איז די אידישע כלה. עהרליך און גאַנץ איז איהר הארץ, ריין ווי דער מאָרגענשטערן, הייליג ווי דער אונשולד פון אַ פריש געבאָרענער טאָג. זי לאַכט ניט פאַר־שייט. זי זוכט ניט געפעלען צו ווערען די מאַנסבילשע אויגען. זי געהט צו דער חופּה נ א ך א ט א ג פ ו ן פ א ס ט ע ן. עס איז אַ הייליגער שריט וועלכען זי מאַכט. די אידישע ליעבע איז איינגעוויקעלט אין קדושה. זי איז העכער ווי ליידענשאַפט, העכער ווי אלעס וואָס ערדיש. זי האָט ערדייכט איהר העכסטע מדרגה אין דעם אידעאַל פון דעם נאָבעלסטען פאַמיליען־לעבען וואָס די וועלט האָט וועןגעזעהן.

די משפחה! די מענשהייט האָט ניט קיין וויכטיגערען וואָרט ווי דיזער. דער ווינקעלשטיין פון דער געזעלשאַפט, דער פונדאַמענט פון דער מדינה. אָבער אויב איהר ווילט זעהן דעם אידעאַל פון משפחה, אויב איהר ווילט זעהן די פאַ־מיליע אין איהר שעהנסטען פאָרם, געהט אין דער אידישער גאַס אין די געצעלטען פון דער „געהעטא", וואו די האנד פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציאָן האָט עס נאָך ניט צושטערט.

די אידישע משפחה איז אָבער ניט בלויז א מוסטער פון צוזאמענלעבען, עס האָט אויפגעהויבען דער פאמיליע צו דער שטופע פון א פּאָעטישע שאפונג, צו א שיר השירים צווישען מאן און ווייב.

און ווי גרויס איז געווען אייער פראכט, אידישע געצעלטען, אין דעם יום־טוב פסח! די גאנצע אידישע גאס איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין א וועלט פון פּאָעזי. די יונגע נשמות פון די קינדער זיינען געווען אויפ׳ן ״קאמפּף׳ס פלאץ״ אין מצרים צווישען גבורות, נסים ונפלאות, צויבער און פאנטאזי. דאָס איז ניט געווען קיין לעסאָן אין היסטאָרי, נאָר אן איבערלעבונג פון דער פערגאנגענהייט. נאָך ליכטיגער ווי עס איז די פריהלינגס־זונן איז געווען די ליכטיגקייט אין דער הארץ פון אידישען קינד. ווי העכער האָט זיך געפיהלט דאָס אידישע קינד איבער אלע פעלקער און נאציאָנען וואָס לעבען היינט און האָבען געלעבט זייט די וועלט שטעהט! פאר די אויגען איז געשטאנען דער געשפּאָלטענער ים, אין די אויערען האָט געקלונגען דער ״אז ישיר״.

אין דעם זיבענטען טאָג פסח ווען דער גאנצער עולם גיט זיך אין שוהל א שטעל מיט שטורם צו הערען שטעהענדיג די געוואלדיגע ווערטער פון דער שירה האָט די קינדערשע נשמה אין גאנצען פארגעסען, אז עס האנדעלט זיך וועגען א לאנג פערגאנגענע זאך נאָר ווי מיר אליין וואָלטען יעצט געשטאנען איינגעוויקעלט אין די טליתים אויפ׳ן ברעג ים און משה אליין לייענט זיין שירה... ווארום האָט ניט בפירוש די הגדה געזאָגט, אז יעדער איד דארף זיך בעטראכטען ווי ער אליין וואָלט ארויסגעגאנגען פון מצרים!

ווי שעהן זייט איהר געווען אידישע טאטעס און מאמעס וואָס האָבען אזוי אָפּט דעם לעצטען רובעל אוועקגעגעבען פאר שכר־לימוד ניט אום די קינדער זאָלען דורכ׳ן לערנען קענען מעהר געלד פערדינען, נאָר זיי זאָלען קענען לערנען צוליעב לערנען אלס א תכלית פיר זיך אליין. (ווי מען זאָגט אויפ׳ן מאָדערנעם לשון: קונסט לשם קונסט).

און ווי שעהן זייט איהר געווען אונזערע בתי־מדרשים פארנאכט צווישען מנחה און מעריב. אוועקגעלייגט האָט דער שניידער זיין שעהר, דער שוסטער זיין האמער, דער

שמיער זיין קאַוואדלע, פערלאָזען האָט דער קרעמער זיין קראָם און געקומען זיינען אלע ל ע ר נ ע ן. פערשידען זיינען די וועגען פון דער ברייטער תורה. אוועק איז דער למדן אויף דעם גרויסען שליאַך פון טיעפע סברות און זעל־טען־קלוגע איינפאַלען פון דער הלכה. אוועק איז דער פראָס־טערער עולם אויף דעם וועג פון זיסע און הארציגע אגדה, וועלכע וויעגט איין די הארץ און פאַנטאַזי פון מענשען און בריינגט איהם אין א העכערע וועלט פון צויבער און דיכ־טונג.

און דער פּראָסטער עולם, וואָס איז געלאָפען טרינקען תורה אנשטאט וואָס ביי די "ציוויליזירטע" פעלקער לויפט ער טרינקען בראַנפען, אויב ער קען נאָר קריגען, האָט געהאַט א רבי׳ן וואָס פלעגט לערנען אויפ׳ן קול און די בעלי־מלאכות האָבען עס נאָכהער איבערגע׳חזר׳ט. און דאָרטען האָט זיך גערעדט פון עהרליכקייט און צדיקים, און פון קדושים און פון מאַרטירער און ווען עס האָט געהאַלטען ביי דער גע־שיכטע פון רבי חנינא בן תרדיון וועלכען מען האָט אריינ־געוואָרפען אין פייער און פארברענט מיט דער תורה און פון רבי עקיבא פון וועמען מען האָט געריסען שטיקער מיט איי־זערנע קאַמען און ער האָט זיך געפרעהט וואָס ער קען דיענען דעם בורא דורך מסירת נפש, האָבען א סך שוסטערשע און שניידערשע הענד פערהארטעוועטע פון מלאכה, אָבגעווישט א טרעהר פון אויג.

און אין רעכטען מיטען פון אלע דיזע אידעען און אידע־אלען, פון אלע דיזע געדאַנקען און געפיהלען, איז געשטאַ־נען יענע וואונדער־לאַנד, אונזער היים פון וועלכע מיר זייי־נען פערטריבען געוואָרען אין פ ר ע מ ד ע לענדער פון וועלכע גאָט וועט אונז אויסלייזען. יענע לאַנד מיט וועלכער אַלעם וואָס איז הייליג און גרויס איז פערבונדען, די לאַנד צו וועלכער מיר וועלען קומען אזוי שנעל ווי דער גואל וועט זיך בעווייזען. אין דעם הארצען פון יעדען אידען האָט פער־נומען דעם צענטראַלען פּלאַץ מ ש י ח און די האָפנונג אויף משיח.

אָט אזוי איז דער אידישער לעבען אין דער אידישער גאַס געוועזען געקנאָטען פון פּאָעזי און קדושה, פון גרויסע

טרוימען, מעכטיגע פאָרשטעלונגען און ערוואַרטונגען. אזוי איז עס די אידישע גאַס אין דער "גהעטאָ" געווען פול מיט האַרץ און גייסט, מיט דיכטונג און קונסט, די קונסט וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון א גרויסער אומה און איז אריינ־געלייגט געוואָרען אין זיינע ספרים מיט וועלכע דער איד האָט געטאָגט און גענעכטיגט.

* * *

און ווען דאָס אלעס איז שוין כמעט ווי פערשוואונדען אין די גרויס־ציוויליזירטע לענדער, ווי קען מען ערוואַרטען מען זאָל דאָ האָבען אידען ? א פאָלק קען ניט לעבען אָהן פאָעזי, אָהן בעגייסטערונג, מיט איין וואָרט : אָהן נשמה !

* * *

און די משכילים, אָן אונגליקליכע אומה וואָס האָט ווייניג געוואוסט און נאָך ווייניגער פערשטאַנען, האָבען גע־זאָגט, אז דאָס אידישע לעבען איז "טרוקען", אז דאָס האַרץ פון אידישען קינד איז "פעררדאַרט".

די לעבערליכסטע מענשען אויף דער וועלט זיינען געווען די משכילים !

די "משכילים"

א איד איז געקומען צו לויפען צום בעריהמטען פילאָזאָף מאָזעס מענדעלסאָן מיט א שמחה: הערר מענדעלסאָן! איך האב א זוהן וואס וועט זיין א גרויסער פילאָזאָף, ער איז שוין ווייט ארייגעפאָהרען!

—וואס איז דער פראַגרעס וואס אייער זוהן האָט ביז יעצט געמאכט אין דער פילאָזאָפיע?—האט מענדעלסאָן זיך נאָכגעפרעגט.

— אָ—האט דער גליקליכער טאַטע געענטפערט מיט בע־גייסטערונג—ער האט שוין מאָנאַטען לאנג די תפלין ניט אנגעמאָסטען!

דאס איז געווען דער סימן פון השכלה ווען די השכלה איז געבאָרען געוואָרען אין בערלין אם ענדע פון אכטצעהנטען יאהרהונדערט, און דאס איז איהר סימן ביז היינטיגען טאָג.

די סטודענטען פון דעם סעמינאר וואס די רוסישע רע־גיערונג האט געהאלטען, וועמעס אויפגאבע עס איז געווען צו ברייגגען השכלה צו די אידען, האבען געגעסען טרפות בפרהסיא אום צו צייגען קלאָר וואס ־ וועלטליכע בילדונג בע־דייטעט. ישיבה־בחורים וועלכע זיינען משכילים געוואָרען האבען זיך ניט געקענט פארגינען אזא זאך צו טהאָן, ניט זיי האבען געהאט געלד צו קריגען טרפות און אזא עובדה איז ניט געווען פאר זיי זיכער, האבען זיי זיך בענוגענט מיט שמי־רען אין דער שטיל חלב אויף ברויט אבי מקים צו זיין די מצוה פון זיין "אויפגעקלעהרט".

ניט לאנג איז אין נויארק געשטאָרבען א שרייבער וועל־כער איז געווען פון די וואס האבען געמאכט יום־כפור־בעלער אום צו ברייגגען די פראָלעטארישע גאולה, און א סאציאליס־טישע צייטונג אין נויארק האט גע'פסקנ'ט אז א אידישע מאַמע האט ניט קיין רעכט צו מאכען בלינצעס אום שבועות

ווייל דערמיט וועט זי זינדיגען געגען דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציאָן!

אָט דאס איז די לעבערליכע זייט פון דער השכלה. אבער אויב מיר ווילען זיין אמת צו זיך אליין, אויב מיר ווילען ניט פארלייקענען דאס וואס עס טהוט זיך אין אונזער האר־צען, וועלען מיר מודה זיין אז מיר אלע, טראָץ דעם וואס מיר זיינען ניט קיין סטודענטען פון רוסישען סעמינאר און ניט הלב־עסער־צו־להכעיס און ניט קיין פראָלעטארישע ער־לעזער, זיינען דאָך נאָך אלץ מעהר אדער ווייניגער אנגע־שטעקט מיט דער "השכלה" קראנקהייט און מיר שטעהען נאָך ניט גאנץ ווייט פון יענעם בערלינער טאטען וואס האט מיט הונדערט און פופציג יאהר צוריק געהאלטען אז אוועק־ווארפען די תפלין איז דער סימן פון פראָגרעס און בילדונג.

אין דער אידישער גאס איז נאָך היינט אויך פאררעכענט דאס היטען פון אידישקייט אלס א סימן פון אונוויסענהייט און צוריקגעשטאנענהייט און דאס פערווארפען פון אידיש־קייט אלס א סימן פון בילדונג און פון פראָגרעס. פרומע יונגע לייט, געבילדעטע און אין א גוטע עקאָנאָמישע לאגע, סלאָ־גען זיך אז עס איז זיי שווער צו טהאָן שדוכים. דאס וואס זיי היטען די געזעצע פון יודענטום איז פאררעכענט אלס א שווערער חסרון וועלכע קיין מעלה קען ניט איבערוועגען.

א דאקטאר אין א דורכאויס־אידישער געגענד אין ניו־יארק, האט מיר געזאגט: איך וואָלט וועלען אריינגעהן שבת אין א שוהל און איך וואָלט געוואָלט א מאָל אין מיטען וואך אויך פערבלאָנדזשען אין שוהל, מיין הארץ ציהט אהין, אבער איך קען דאס ניט טהאָן, איך האב א ווייב און קינדער און דאס קען פון מיר אוועקנעהמען פרנסה.

— ווי אזוי? — האב איך ניט פערשטאנען.

— גאָר פשוט, מיין פראקטיק איז אין דיעזען געגענד וואו אלע קענען מיר, און ווען מען וועט מיר זעהן אָפט אריינ־געהענדיג אין שוהל וועט מען ניט טרויען מיין מעדיצינישעס וויסען, איך וועל פארלירען די פראקטיק און.ווערען רואינירט.

דער אידישער עולם האט די "השכלה" אין די ביינער. מיר געפינען זיך אלע אין דעם פעריאָד פון השכלה וואס האט זיך אנגעפאנגען פון מענדעלסאָן. מיר האבען צו פיעל דרך־

ארץ פיר אלעס וואס איז גוי'איש און צו ווענינ דרך־ארץ פיר אלעס וואס איז אידיש, און אין דעם בעשטעהט אונזער אונגליק.

ווארום אין וואס בעשטעהט דער גאנצער טעות פון די משכילים אויב ניט אין דעם וואס זיי האבען אראבגעווארפען נידריג אלעס וואס זיי האבען געזעהן אין דער אידישער גאס און האבען אויפגעהויבען ביז'ן הימעל אלעס וואס איז ביי די גוים?!

עס איז אונמעגליך צו פארשטעהן די עובדות פון די משכילים אויב מען זאל פריהער ניט קלאר דורכנעהמען דעם דאזיגען פונקט: זיי, די משכילים, זיינען געשטאנען מיט זייער גוף אין דער אידישער גאס אבער זייער נשמה האבען זיי שוין געהאט דארטען אין דער גוי'אישער וועלט.

געזאגט האבען זיי אז זיי ווילען צוזאמענפארען דאס יודענטהום מיט דער וועלטליכער בילדונג, אין אמת'ן אבער האבען זיי פארקויפט דאס יודענטהום צו דער וועלטליכער בילדונג. זיי האבען געהאלטען אז דאס וואס די אידען האבען אריינצולייגען אין דער שותפות איז גאר ניט ווערטה, דא־געגען איז ווערטה אהן א שיעור דאס וואס די גוים ווילען אריינלייגען אין דעם שותפות'דיגען עסק.

אויף זיי, די משכילים, קען מען אמבעסטען זאגען דעם פסוק: "עינים להם ולא יראו". זיי האבען געהאט אויגען און האבען ניט געזעהן דעם רייכטום פון דער אידישער גאס. אזוי פיעל איז זייער דרך־ארץ פאר די גוים געווען גרוים אז זיי האבען געגלויבט אז נאר דארטען קען זיין עטוואס שעהנעס און אנשטענדיגעס.

ניט דער אידישער שבת, ניט די אידישע ימים־טובים האבען געמאכט א ווירקונג אויף די בלינדע מענשען וועמעס הויפט אידעאל אין לעבען איז געווען צו ווערען וואס מעהר עהנליך צו די גוים. ניט די אידישע משפחה מיט איהר ריי־נעם לעבען האט געקענט בעגייסטערן די משכילים וואס הא־בען געקוקט מיט זשעדנע אויגען אין גוי'אישען לאגער, ניט די אידישע איבערגעבענהייט צום לערנען, וועלכעס איז די גרעסטע מדרגה פון קולטור, האט געהאט פאר זיי א חן.

ווי באלד אידען האבען דאָך געלערענט אידישע ספרים, טו וואס קען עס טויגען?

עס איז ניטאָ קיין לעכערליכערע זאך אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט ווי דאס משכיל׳שע רייסען זיך צו ״דער גרויסער ליכטיגער וועלט״, ריכטיג ווי דאס אידישע לעבען מיט זיינע טראדיציאָנען, מיט זיינע פארהייליגטע איינגע־פעסטיגטע לעבענס־פאָרמען זיינען ניט א טהייל פון דער וועלט, ריכטיג ווי אידען וואָלטען געשטאנען אויסער דער וועלט.

און דאָ ליעגט דער סוד פארוואס זיי זיינען אזוי בלינד געווען צו אלע ליכטיגע זייטען פון דעם אידישען לעבען און צו אלל־דאס־שעהנע פון דער אידישער גאס. קוים האבען די משכילים זיך ארייננגענומען אין זינען אז דארטען אויף יע־נער זייט פון דער ״געטאָ״ איז די ברייטע וועלט און דאָ איז דער אבגעשלאָסענער ווינקעל, האבען זיי דעם ווינקעל שוין ממילא מבטל געווען ביי זיך אין הארצען און האבען שוין ניט געהאט קיין פארשטענדניס פיר דאס וואס עס טהוט זיך דארטען.

און מיר שטעהען דאָך היינט אין דערזעלבער שלעכטער לאגע ווי די משכילים זיינען געשטאנען. מיר האלטען דאָך אויך אז דארטען אויף יענעם זייט גרענעץ פון דער אידישער גאס איז די גרויסע וועלט. מיר האלטען דאָך אויך אז די אידישע קווארטאלען זיינען ניט מעהר ווי פארווארפענע ווינקלען פון דאס גרויסע אמעריקא, אדער ענגלאנד, אדער פראנקרייך א. ז. וו. די אידען פון אמעריקא האלטען דאָך אויך ניט אז איסט בראדוויי איז דער וויכטיגסטער פלאטץ אין די פעראייניגטע שטאאטען און ישיבת ר׳ יצחק אלחנן איז דער העכסטער קולטור־אנשטאלט וואס עס איז פאראן אין אמעריקא. און דארום קומט דער בטול און די קאלטקייט צו אלע אידישע זאכען. מיר זיינען אויך, נאָך אלעמען, ״משכילים״.

דער ערשטער שרכן צווישען יודענטהום און וועלט־ציוויליזאציאָן, איז געווען מאָזעס מענדעלסאָן. ער איז גע־שטאנען נעהנטער צו אידישקייט ווי די משכילים פון די

שפּעטערדיגע צייטען, ער האָט נאָך אַליין מקים געווען אַלע מצוות און געלעבט ווי אַן אָרטאָדאָקסישער איד.

און פונדעסטוועגען האָבען זיך זיינע קינדער און זיינע תלמידים אויסגע׳שמד׳ט. מיט מענדעלסאָן האָט זיך אָנגע־פאַנגען די אַסימילאַציאָן.

ווייל מיט מענדעלסאָנען האָט זיך אָנגעפאַנגען דער דרך ארץ פיר אַלעס וואָס קומט פון גוי. מענדעלסאָן האָט איבער־זעצט דעם תנ"ך אין דייטש, פון איין זייט האָט עס געקענט הייסען אַז ער פערשפּרייט דעם תנ"ך צווישען די וואָס קענען קיין לשון־קודש, אָבער אין אמת׳ן איז אין דעם געלעגען אַן אַנדער זאַך: צו צייגען דעם גרויסען רעספּעקט פיר דער דייטשער שפּראַך און ניט אַזוי פאַר דער דייטשער שפּראַך ווי פאַר דער דייטשער קולטור, און ניט אַזוי פאַר דייטשער קולטור אַליין, ווי פאַר דעם גוי אין אַלגעמיין. מענדעלסאָן האָט אַוועקגעשטעלט דעם גוי און זיין קולטור אין דעם צענ־טער פון דער וועלט און האָט דערמיט אַוועקגענומען ביי׳ן אידען זיין אינערליכען שטאָלץ, זיין איבערצייגונג אַז ער, דער איד, שטעהט העכער מיט זיין תורה, מיט זיין סאָרט לעבען, מיט זיינע אידעען און מאָראַל פון דעם גוי.

די וואָס האָבען בעקעמפפט די משכילים האָבען טיעף פערשטאַנען אין וואָס עס בעשטעהט די געפאַהר פאַר׳ן אי־דען, פיר דער אידישער נאַציאָן. די אידען וואָס זיינען נאָכגע־לאָפען נאָך דעם משכיל לילענטאַל וואָס איז געקומען מיט געוואַלד מאַכען רעגיערונגס שולען אין ווילנא, מינסק און גראָדנא, און האָבען געשריען „שקאָלאַס ניע זשעלאַיעם" האָבען בעסער פאַרשטאַנען די געזעצע פון דער געזעלשאַפט ווי לילענטאַל און אַלע משכילים. דיעזע פשוט׳ע אידען האָ־בען געוואוסט אַז לערנען רוסיש אָדער אירגענד וועלכע שפּראַך איז ניט קיין אונגליק און זיי האָבען אויך גוט פער־שטאַנען די נוצען דערפון, אָבער זיי האָבען געוואוסט אַז הינ־טער דער בעוועגונג פיר רוסישע סקולס ליעגט דער גרויסער דרך־ארץ פיר דער גוי׳אישער בילדונג און זיי האָבען גע־וואוסט אַז הינטער דעם דרך ארץ פאַר דער גוי׳אישער ביל־דונג ליגט אַ נייער וועג צו נאָכאַהמען די גוים אין זייערע אי־

דעען און זייערע אידעאלען און עטוואס ווייטער ליעגט שוין די אסימילאציאָן.

די פשוט'ע אידען פון דער אידישער גאַס האָבען פערשטאַנען פיעל בעסער ווי די משכילים דעם סוף פון דער השכלה. מיט דעם טיעפען חוש מיט וועלכען עס פיהלט יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש א נאָהנטע לעבענסגעפאהר האָבען די אידען דערפיהלט אז די משכילים געהען אונטערגראָבען דעם פיער־טויזענד יאָהריגען פעסטונג אין וועלכען זיי זיינען בעשיצט געוועזן פון אונטערגאַנג.

און מיט דער גבורה פון א לייב וואס ווערט אטאקירט פון די וואס ווילען נעהמען זיין לעבען האָבען די אייניקלעך פון די חשמונאים זיך געוואָרפען אין שלאכט צו בעשיצען זייער פעסטונג, צו בעשיצען די אידישע גאַס און אל־דאס הייליגקייט וואס זי פערמאָגט, צו בעשיצען דאס לעבען אליין פון דער אידישער נאציאָן.

און דאָ האָט זיך אָנגעפאנגען דער מורא'דיגסטער קאַמפף פון דער גאַנצער אידישער געשיכטע, די גרויסע מלחמה וועלכע האָט נאָך יעצט אין סאַמע מיטען, און אין וועלכער עס הענגט אָב פאר אונז די פראגע פון לעבען און טויט!

די גרויסע מלחמה געגען דער אידישער גאס

ארויס פון דער "געטא" ! האבען געשריען די גענעראלען פון דער השכלה אין בערלין אם ענדע פון אכצעהנטען יאהר־הונדערט, ווען זיי זיינען צוגעטרעטען צו צושמעטערען די אידישע גאס און מאכען א סוף פון דעם אידישען לעבען וואס האט דארטען עקזיסטירט.

ווען זיי האבען געשריען : ארויס פון דער "געטא", האבען זיי געמיינט : ארויס פון אלע אידישע מנהגים, ארויס פון אלע אידישע ספרים מיט וועלכע אידען האבען זיך געקוויקט אזויפיעל דורות און אין וועלכע זיי האבען געפונען טרייסט און הילף אין אלע זייערע שווערע ליידען.

אונטער דעם געשריי : ארויס פון דער "געטא", האט מען געמיינט : ארויס פון דער גמרא ! פארניכטונג צו אלעס וואס איז געשריבען געווארען ביי אידען זייט דער תנ"ך האט זיך געענדיגט. ניעדער מיט'ן תלמוד ! אט דאס איז געווען דער הויפט־צוועק פון דער מלחמה וואס די משכילים האבען גערופען : דער קאמפף פון ליכט מיט פינסטערניש. פינסטערניש האט געמיינט דאס אידישע לעבען און דער תלמוד.

וויל מען טרעפען די אידישע הארץ, וויל מען אויסלעשען די אידישע נשמה, וויל מען פון אידען מאכען אויס־אידען, זאל מען דעם תלמוד צונעהמען. עס איז אזוי ווי ארויסנעהמען א פיש פון וואסער און איהם ארויפווארפען אויף דער יבשה.

די משכילים האבען געוואוסט, אז דאס גאנצע איינגעווארצעלטע אידישעס לעבען אין הויז און אין גאס, אין שוהל און אין מארק, אויף שמחות אדער ביי אונגליקען חלילה, איז געבויט און געגרינדעט אויף דעם דאזיגען וואונדערליכען ספר וועלכעס האט ניט צו זיך קיין גלייכען אין די כתבים פון דער גאנצער מענשהייט ; אין דעם ספר

אין וועלכען אזויפיעל דורות האָבען אריינגעהויכט זייער נשמה — אין דעם תלמוד. און זיי האָבען דארום געוואָלט אונטערהאקען די וואָרצלען פון בוים, אום ער זאָל אומפאַלען.

די גמרא ! דער ספר וואָס שטעהט אויף דער ערד און שפּאַרט איין ביז'ן זיבעטען הימעל. דער וואונדערליכער ספר וואָס נעהמט אַרום די גאַנצע וועלט און אַלעס וואָס די מענשליכע פאַנטאַזי האָט געקענט דערגרייכען, דער בוך וואָס איז אַ גאַנצע ליטעראַטור אין זיך אַליין, די ערשטע ענציקלאָפּעדיע איידער עס איז אימיצען איינגעפאַלען ענציקלאָפּעדיעס צו שרייבען. אָבער צו גרויס און ערהאַבען איז דער תלמוד, אַז מען זאָל איהם ענציקלאָפּעדיע אָנרופען. אין איהם איז ניטאָ די טרוקענקייט און די פּאַרכמורעטע בייזקייט פון ענציקלאָפּעדיע, ווייל דעם תלמוד האָבען געשריבען דיכטער, גאָט־בעגאַבטע דיכטער מיט טרוימערישע נשמות.

דאָרטען אין דעם בוך פון אַלע ביכער, אין דער אונפערגלייכליכער שאַפונג פון דעם אידישען געניוס שטעהען ניט די ענינים וועגען וועלכע עס ווערט דאָרטען פאַרהאַנדעלט בעזונדער אויסגעמושטירט ווי סאָלדאַטען אין באַטאַליאָנען און רעגימענטען, שטריינג מיליטעריש ווי זיי שטעהען אין פאַרדאַרטע ענציקלאָפּעדיעס. ניין ! זיי שטעהען דאָרטען אין בונטער פיעלפאַרביגקייט דורכגעוועבט איינע אין די אַנדערע ווי די שעהנע געמעלדען אויף טייערע טעפּיכע אַלע קאָלירען דורכגענומען און דורכגעקרייצט אין איין גאַנצע שעהנע זאַך, און ווי עס איז דעם מענשענס לעבען אויפגעשטעלט פון ערנסטע פפליכטען און לייכטערע פערוויילונגען, קומענדיג גלייך איינע נאָך די אַנדערע און דעם שנעלען וועקסעל פון די פאַסירונגען. אזוי איז דער תלמוד !

אָט עוסק'ט זיך די גמרא אין אַ קלוגען סעטלמענט צווישען סוחרים פון לוד. און אין אַ מינוט שפּעטער שמייכעלט זי צו אייך זיס און דערצעהלט אייך פון די וואונדערשעהנע זאכען וואָס יענער רייזענדער רבה בר בר חנה האָט געזעהן און געהוי'רט פאָהרענדיג אויף די ים'ען. צו לאַנג, נאַטירליך, ווערט אייך די גמרא ניט לאָזען זיך וויעגען אין שעהנע פאַנטאַזיעס. מיט מעשיות אַליין, ווי שעהן זיי זאָלען ניט זיין,

קען מען די וועלט ניט דורכמאַכען, און אין א פּאָאר מינוטען שפּעטער זיינט איהר ווידער אין רעכטען מיטען פון א גרויסע פראגע פון ביזנעס וואָס האָט זיך פאַרוויקעלט צווישען צוויי שותּפים און איהר מוזט עס אויספּלאָנטערן. געלעזט די פראגע און ווידער גיט אייך די גמרא א זאָג א ווערטעל שוין ניט פון קיין מעשה, נאָר פון מאָראַליש־פילאָזאָפישען אינהאַלט, און איידער איהר גיט זיך א קעהר, האָט איהר א שמועס איבער פאָלק ישראל און זיינע ליידען און די גרויסע וועלטען וואָס זיינען פאר איהם אָנגעגרייט אין דער צוקונפט און אייער האַרץ ווערט ווידער פול מיט ווייכקייט און איהר פיהלט ווי די ליעבענדע האנד פון דער מאַמען גלעט אייך אייערע האָאר, א טרעהר קייקעלט זיך פון איהרע אויגען אויף אייער קאָפּ און זי ערמוטיגט אייך ווייטער און ווייטער אין אייער קאַמפּף. די גמרא איז אייער מאַמע, די מאַמע פון אידישען פּאָלק.

און אזוי לאַנג ווי מיר זיצען ביי דער מאַמען אין שויס, אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען אונטער דעם פליגעל פון דער גמרא, קענען אונז קיין קוילען ניט דורכדרינגען און קיין פייערען ניט פארברענען. אזוי לאַנג ווי מיר האַלטען זיך ביי די גמרא, געהען מיר ניט אליין אין קאַמפּף פיר ישראל׳ס עקזיסטענץ, עס מאַרשירען פאר אונז א פריהער מורא׳דיגע ריעזען: רבי עקיבא, און רבי חנינא בן תרדיון, ר׳ יהודה בן בבא, וועמען די רוימער האָבען דורכגעשטאָכען מיט דריי הונדערט שפּיזען און האָבען איהם געמאַכט ווי א זיפּ און ער איז געשטאָרבען גליקליך וואָס ער האָט איבערגעלאָזען נאָכפאָלגער צו לערנען מיט׳ן פּאָלק תורה, און די איבעריגע הרוגי־מלכות געהען פאר אונז. מיט זיי צוזאמען איז גרינג צו ליידען. דער תלמוד מאַכט אונז פיר גבורים און קעמפּפער.

די גמרא איז אונזער גרויסער היסטאָרישער בוך. אין איהם זעהען מיר לעבעדיג שטעהן פאר אונזערע אויגען די אידישע נאַציאָן מיט איהר מוטה, מיט איהר פאַרביסענע עקשנות געגען א וועלט פון שונאים, אין איהם זעהען מיר דעם בראַווען קאַמפּף פון דעם אידען אין גלות און פון איהם שעפּען מיר כח צו קעמפּפען ווייטער. עס קען זיין, אז די וואָס לערנען פון היסטאָריע־ביכער וויסען מעהר פאַקטען

פון דער אידישער געשיכטע ווי די וואָס שעפּען זייערע היס־
טאָרישע ידיעות נאָר פון תלמוד און די שפּעטערדיגע ספרים,
אבער פערשטעהן אידישע היסטאָריע, פיהלען
איהר גייסט, איבערלעבען די אידישע פער־
גאנגענהייט — דאָס האָבען בעסער פערשטאנען, געפיהלט
און איבערגעלעבט די וואָס האָבען זיך געהאָדעוועט אויף דער
גמרא און זיינען ביי איהר געבליבען. ניט די איינצעלהייטען
איז דער עיקר אין היסטאָריע, נאָר דער תמצית, דאָס גרויסע
סך־הכל, דער קווינט־עסענץ פון דער פאָלקס־זעעלע וואָס
שפּיגעלט זיך אָב אין די מעשים און דאָס האָבען די אידען
פון דער געטאָ פיעל בעסער געוואוסט פון אלע יאסטס און
גרעץ׳ס צוזאַמענגענומען. מיט דער גמרא האָט דער איד זיין
אידישעם לעבען געשאַפען, אָהן דער גמרא קען דער איד קיין
איד ניט בלייבען. איך רייד ניט פון איינצעלנע מענשען, איך
רייד פון דער נאַציאָן.

און טאקע דערפאַר האָט זיך דער קאַמפף פון די משכילים
שטענדיג קאָנצענטרירט געגען דעם תלמוד, וועלכעס מיינט
נאַטירליך אויך די מדרשים און אלע אידישע ספרים פון
נאָכ׳ן תלמוד. און ביז היינט זיינע אלע געגנער פון דעם אי־
דישען נאַציאָנאלען לעבען, געגנער פון תלמוד.

אין נויאָרק איז געווען א גרויסער גביר, א רעפאָרמער,
וואָס ווען מען האָט איהם געבעטען געלד פאר א תלמוד־תורה
האָט ער געזאָגט, אז ער וועט געבען, נאָר מיט דעם תנאי א:
מען זאָל אָבשאַפען פון תלמוד־תורה די גמרא־קלאַס. א
טרייער נאָכפאָלגער פון די בערלינער אסימילאַטאָרען מיט
הונדערט און פופציג יאָהר צוריק!

אום צו מבטל זיין דעם תלמוד און דאָס גאנצע אידישע
לעבען וואָס איז אין איהם אנגעבונדען, האָבען די גענעראלען
פון דער השכלה, נאָך גלייך אין מענדעלסאָן׳ס צייט ער־
קלעהרט, אז די אידען דארפען זיך אומקעהרען צו דער
ביבעל. דאָס אומקעהרען זיך צו דער ביבעל האָט געמיינט
אויסצומעקען פון דער אידישער געשיכטע און פון אידישען
לעבען די גאנצע דריטהאלבען טויזענד יאָהר וואָס זיינען
פאַרפלאָסען פון דער ענדע פון תנ״ך ביז דער נייער צייט.
עס האָט געמיינט, ברעכען די אויטאָריטעט פון אלעם וואס

איז געווען פארהייליגט ביי אידען אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען. וואָרים אוועקנעהמענדיג די אויטאָריטעט פון תלמוד איז ניטאָ קיין כשרות (פון פסוק לא תבשל גדי בחלב אמו אָהן די אויסטייטשונג פון תלמוד קען א איד קיין כשר'ע הויז ניט פיהרען), און עס פאַלען אוועק פיעלע אנדערע הויפט־זיילען פון אידישען לעבען.

אבער דאס אַלעס איז געווען בעהאַלטען הינטער דער כלומר'שט אונשולדיגער טענה אז מען דארף אָנפאַנגען צו קולטיווירען די ריינע העברעאישע ביבלי־שע שפראך. עס האָט זיך אָנגעפאנגען מיט דקדוק און העברעאישע מליצות. א מאָדנער אָנפאַנג פון אסימילאַציאָן! די פלוצלינגע אהבה צו העברעאיש האָט אבער בעדייטעט: צוריק צו דער ביבעל איבער דעם טויטען קערפער פון תלמוד און איבער די חורבות פון דעם אידישען לעבען.

און עס האָט לאנג ניט געדויערט ביז מען האָט געזעהן דעם גאַנצען מאַרשרוט פון די משכילים. עס האָט זיך אָנגע־פאַנגען מיט א העברעאישען זשורנאַל "מאסף" באַלד איז עס איבערגעביטען געוואָרען אין א "פעראיין פיר גוטעס אונד עדלעס". וועלכעס האָט שוין קיין אידישען צוועק גאָר ניט געהאט, אָבוואָהל עס האָט נאָך געטראָגען א העברע־אישען נאמען אויך: "שוחרי הטוב והתושיה". באַלד אבער איז ביי די משכילים מיאוס געוואָרען נאכצושלעפען א העב־רעאישען נאמען און זיי האָבען דערפון געמאכט די "געזעל־שאַפט דער פרוינדע". די דאָזיגע געזעלשאַפט וועלכע איז א נאכקומער פון די מאספים האָט זיך געענדיגט ווען אַלע מיטגליעדער האָבען זיך אויסגע'שמד'ט! די איראָניע פון דער געשיכטע: מען זאָל איבערגעהן צום שמד דורך א בריק פון דעם נאַציאָנאַלען לשון פון אידישען פאָלק!

די אידען אבער האָבען ניט געדאַרפט וואַרטען אויפ'ן סוף. זיי האָבען גלייך פערשטאַנען וואס עס שטעהט הינטער דיזער פאָדערונג פיר העברעאיש און ווען נפתלי הערץ וויזעל'ס בוך "דברי שלום ואמת" איז אָנגעקומען אין ווילנא האָט מען עס עפענטליך פארברענט, ווי עס שיינט, מיט דער הסכמה פון ווילנער גאון.

ווען איך האָב צו צוועלף יאָהר געשיקט פון מירער ישיבה,

וואו איך האָב געלערנט, מיין ערשטען בריעף אין העברעאיש צו מיין טאַטען, האָב איך, צו מיין גרויסער איבערראַשונג, געקראָגען אַלס ענטפער אַן אָרדער פון איהם איך זאָל גלייך קומען אהיים און פערלאָזען די ישיבה. איך האָב געפונען מיין טאַטען זעהר פערזאָרגט און האָב ניט געקענט פער־שטעהן:

מיין טאַטע וואס וואָלט זיך מקריב געווען פאר לשון־קודש, ביי וועלכען יעדער אות פון דער הייליגער שפּראַך איז געווען קודש־קדשים, איז געווען פול מיט צער און וועהטאַג וואס זיין זוהן האָט געשריבען אין דער דאָזיגער שפּראַך!

אָבער טיעף אין דער פאָלקס־נשמה איז געלעגען דער אָבקלאַנג פון די בערלינער העברייער, די "מאספים" און זייער סוף, מען האָט געוואוסט אין די אידישע געצעלטען אַז די השכלה האָט געוואָלט פון העברעאיש מאכען א בריק פון דער אידישער גאַס — אין דער גוי'שער אריין. און מיין אָרימע העברעאישע פּאָסט־קארט האָט מיין עהרליכען פרו־מען טאַטען איבערגעשראָקען...

רעפאָרמער און אסימילאציאָן

די גייסטיגע קינדער פון די ערשטע משכילים זיינען די רעפאָרמער.

ווען איהר הערט אמאָל א רעפאָרם ראבבי ריידענדיג וועגען דעם גרויסען אידעאל פון יודענטהום: סאָציאלע גע־רעכטיגקייט, און וועגען די גרויסע נביאים ישעיה און עמוס וועלכע האָבען געפּרעדיגט גערעכטיגקייט און האָבען זיך אָנגענומען פאר׳ן אָרימאַן א. ז. וו. קען זיך דאכטען אויבער־פלעכליך אז דאס איז דאָך עפּעס גאַנץ אידישלאָך.

און אין אמת׳ן פיהלט איהר אז עס איז אזוי פרעמד, אזוי אסימילאטאריש, אזוי גוי׳איש אז עס האָט געקענט געזאָגט ווערען אפילו פון א גלח אין א טשוירטש!

געוויס איז סאָציאלע גערעכטיגקייט דער יסוד פון די אידישע אידעאלען, געוויס איז עס דער ווינקעלשטיין פון דער אידישער תורה און עס איז ניטאָ קיין ספר אין אלעם וואס איז געשריבען געוואָרען ביי אידען אין די פיער טויזענד יאָהר פון זייער לעבען וואס זאל דערפון ניט ריידען.

אָבער ווען דער רעפאָרם ראבי זאָגט "סאָשעל דזשאָס־טיס" איז זיין כונה קלאָר און דייטליך אז דאס יודענטהום בעשטעהט נאָר פון סאָציאלע גערעכטיגקייט און אלל דאס איבריגע דאַרף ווערען ארויסגעוואָרפען. ווען ער רעדט פון "סאָושעל דזשאָסטיס" מיינט ער, און יעדער פיהלט אז ער מיינט דאס, אז דאס גאַנצע אידישקייט, מצוות און טראדי־ציאָנען, קורץ, דאס גאַנצע אידישע לעבען, דאַרף ווערען אָב־געשאַפט.

אויב אידען זאָלען בלייבען ביי א אידישקייט פון בלויז "סאָציאלע גערעכטיגקייט" מוז עס פיהרען צו דעם אונטער־גאַנג פון דער אידישער נאַציאָן, ווארום אויב אלע אידען זאָלען ניט טהאָן קיין שום אַנדער אידישע זאַך ווי נאָר זיך

אינטערעסירען מיט "סאָושעל דזשאַסטיס", הייסט עס וואו־טען פיר עהרליכע קאַנדידאַטען פיר סיטי־מעיר, און העל־פען דורכפיהרען אַזעלכע גערעכטיגקייט־ בילס ווי למשל די רענט־לאָו, וועט אין פערלויף פון אַ געוויסע צייט ניט זיין קיין אונטערשיעד צווישען איד און גוי, ווייל סאָציאַלע גע־רעכטיגקייט בעלאַנגט דאָך צו אַלעמען, ניט נאָר צום אידען. און דר. פעליקס אַדלער איז געקומען פון סאָציאַלע גערעכ־טיגקייט צו זיין "עטיקאַל קולטשור", וועלכע שטעהט שוין אויסערהאַלב דאָס יודענטהום.

און ווען דער רעפאָרם־ראַבבי זאָגט עמוס און ישעיה מיינט ער, און דאַרויף שטעהט דאָס גאַנצע רעפאָרם, צו זאָ־גען: עמוס און ניט רבי עקיבא, ישעיה און ניט רבי יהודה הנשיא, מיכה און ניט ר׳ יוחנן בן זכאי. מיט זיין שטעלען זיך אויף די נביאים, ווייל ער זאָגען: אַלעס וואָס עס איז געשאַפען געוואָרען נאָך די נביאים פערוואַרפען מיר, פון אַלעס וואָס איז געשריבען געוואָרען פון הלל און שמאי ביז דעם ווילנער גאון ווילען מיר ניט וויסען, דאָס איז אַלעס "נעטאַ־יודענטהום", דאָס ריין־אידישע איז נאָר אין תנ״ך. דערמיט מיינט דער רעפאָרמער, ווי די ערשטע משכילים־אַסימילאַטאָרען, צו פערניכטען דעם תלמוד און זיין איינ־פלוס אויף אידען און דאָס מיינט שוין ממילא פערניכטען דאָס גאַנצע אידישע לעבען.

די רעפאָרמער שטעהען פאַלשטענדיג אויף איין באָדען מיט די קאַראַאימער, וועלכע האָבען ערקלעהרט אַז זיי קעה־רען זיך צוריק אום צום פסוק און ווילען ניט אָננעהמען דעם תלמוד. די משכילים האָבען געהאַט רעמזעלבען שטאַנדפונקט אָבוואָהל עס זיינען געווען אויסנאַהמען אויך, ווי למשל יצחק בער לעווינזאָהן. זיי האָבען נאַכאַנאַנד געשמייכעלט צו די קאַראַאימער, ווי עס צייגט די פיעלע ווערק וואָס משכילים האָבען געשריבען איבער די קאַראַאים. צווישען משכילים רעפאָרמער און קראים איז פאַראַן איין שותפות׳דיג זאַך: די נעגנערשאַפט צו דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור און דער עיקר צו די מצוות המעשיות, אויף וועלכע דאָס אידישע לעבען איז געגרינדעט.

אונטער דער בעגייסטערונג פון די רעפאָרמער פיר דעם

"פראָפעטישען יודענטהום" האָבען זיי פערניכטעט דאס אידישקייט אין הויז, וועלכען זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען "קיך־יודענטהום"; אונטער דער מאַסקע פון ליעבשאַפט צו די נביאים האָבען זיי פון דעם לעבען פון דעם רעפאָרמירטען אידען ארויסגענומען יעדען סימן פון אידישען לעבען. נאָכ־מעהר: זיי האָבען ארויסגענומען יעדען סימן פון אידישקייט אפילו פון טעמפעל, אויף אזוי ווייט, אַז גלחים פיהלען זיך דאָרטען זעהר בעקוועם ווען זיי ווערען איינגעלאַדען צו זאָ־גען דעם "רב'ס דרשה" אין טעמפעל. ווארום אין די נביאים און אין סאָציאַלע גערעכטיגקייט האַלטען זיך דאָך די גלחים אויך פאַר שותפים. "צוריק צו דער ביבעל" קלינגט אייגענט־ליך גאַנץ שעהן. מיינען, מיינט עס אבער: "לאָמיר מאַרשי־רען צום גלח'!"

ווייל אַ יודענטהום וואס ווארפט אוועק די מצוות, וואַרפט אוועק דאס לערנען אין אידישע ספרים, ווארפט אוועק אונ־זערע מנהגים, ווארפט אוועק אלעס וואס דער אידישער גייסט האָט געשאַפען אין דער גרעסטער העלפט פון דער אידישער געשיכטע (ווארום די תלמודישע עפּאָכע פון די כנסת הגדולה ביז היינט איז פיעל גרעסער ווי די ביבלישע) מוז זיך ענדיגען פריהער אָדער שפּעטער —ביים גלח! מיט עמוס און ישעיה אליין קענען מיר היינט קיין אידען ניט זיין. זיי זיינען אזוי ווייט פון אונז און די אומשטענדען אונ־טער וועלכע זיי האָבען געלעבט זיינען אזוי אנדערש ווי אונזערע, און דאס אידישע פאָלק האָט אזויפיעל געשאַפען אין דער לאַנגער צייט צווישען זיי און אונז, אַז דער וואס זאָגט: לאָמיר אלעס איבערלאָזען און געהן צוריק צו ישעיה און עמוס און מעהר ניט — איז אלץ איינס ווי ער וואָלט זאָגען: לאָמיר זיך אומקעהרען צו איידער מתן־תורה. לאָמיר ווערען אוים־אידען! ניט אומזיסט דערצעהלט די גמרא אַז ווען איינער איז געקומען זיך מגיר זיין און האָט געזאָגט אַז ער וויל בלויז אָננעהמען דעם תנ"ך האָט מען איהם צוריק־געשטויסען.

אָהן תלמוד קענען מיר קיין אידען ניט זיין! דער תלמוד איז קודם־כל דער איינציגער ספּעציעלער אידישער ספר. דאס טהיילט דעם אידען אָב פון אלע אנדערע קולטורען. פון

אַלע אַנדערע נאַציאָנען. דער תנ"ך איז ניט מעהר אונזערע אַליין. די גוים לערנען איהם אויך, סטודירען איהם אויך און ער איז יעצט דער בוך פון דער מענשהייט. עס איז בלויז פאַראַן איין ספר וועלכער איז ביי אידען און נאָר פאַר אידען און דאס איז: דער תלמוד. דער תנ"ך מיט'ן תלמוד צוזאַמען בילדען דעם נאַציאָנאַל אידישען פארמעגען, דער תנ"ך אבער אליין אָהן דעם ספּעציעל אידישען גייסט אין וועלכען דער תלמוד טייטשט איהם אוים, קען ניט זיין דאס וואס ער דאַרף זיין ביי אונז. דער תנ"ך ווערט אונזער תנ"ך, ער ווערט בלויז אונזער תנ"ך און ניט קיינעמס אַנדערענס נאָר ווען ער ווערט פערשטאַנען דורך די אויגען פון תלמוד, דער נאַציאָנאַלער אידישער ספר פּאַר עקסעלאַנס.

דער תלמוד איז דער נאַציאָנאַלער אידישער ספר אויך דערפאַר וואס אין איהם זיינען אַנגעזאַפּט די טרעהרען פון דער אידישער אומה. דאס איז אונזער ליידענס־בוך און ווי עס ווערט אין דעם דאָזיגען ספר גופא געזאָגט: "ליעב זיינען די יסורים ביי אידען". אונז זיינען ליעב די ליידענס־ספרים ווייל זיי דערצעהלען אונז אַז מיר ליידען פיר אַן אידעאַל. און פון די בלעטער פון דיזען הייליגען ספר וואס האָט אונז בעגלייט אין פייער און אין וואסער שעפען מיר קראַפט אויף אונזער, מיט דערנער פולער, וועג.

אין דער שטימע פון א אידישען אינגעל וואס זיצט אין מיטען נאַכט אין בית־המדרש און פארזינגט זיך מיט בייַנק־שאַפט און מתיקות "שור שנגח את הפרה" זיינען פאַראַן גאַנצע וועלטען פון פּאָעזיע. וואס אַארט עס אונז וואס אַנ־דערע, גוים, וועלען זיך וואונדערן: וואס פיר א פּאָעזי איז פאַראַן אין א לעגאַלע פראַגע ווען אַז אַקס וואס האָט גע־שטויסען א קוה און ווענען דעם וואס דער אייגענטהימער פון אָקס דאַרף בעצאָהלען א. ז. וו.? וואס אַארט עס אונז אַז דער גוי פערשטעהט אונז ניט; מיר זיינען ניט פאַר איהם גע־שאַפען געוואָרען, מיר האָבען אונזער וועלטעל. און מיר ווייַ־סען אַז אין דעם געזאַנג פון "שור שנגח את הפרה" הערען מיר די שטימע פון דער שכינה וואס קלאָגט און וויינט: וועה צו מיר וואס איך האָב פערטריבען מיינע קינדער פון מיין טיש! אין דער שטימע פון "שור שנגח את הפרה" הער־

רען מיר דעם מערטירער־קול פון טויזענדער יאָהרען, פון אונזערע אור־אור־עלטערן, מיר הערען דעם אויסגעשריי פון אַלע דורות: פיהרט אַן ווייטער דעם קאמפף פון ישראל! אין דעם "שור שנגח את הפּרה" האָט אַן אומה געפונען איהר וואפען געגען אַלע מעכטע פון דער ערד־קוגעל. עס מוז עפּעס ליגען אַ וואונדער אין דעם.

און ווען איהר געפינט אין ווילנא, אין ווארשא, אין מאָסקווא, אין וולאַדיוואָסטאָק, אין סאן פראנציסקא, אין נויאָרק, אין בוענאס־איירעס, אין פּאַריז, בערלין, אין יאָהאַ־נעסבורג, קאַהירא און ירושלים אידען אין וועמעס הער־צער עס ברענט דער פייער פון ליעבע צו זייער נאַציאָן, אידען וואס זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין פיר זייער אומה, זיינען זיי פון די יעניגע וואס האָבען געזונגען דעם "שור שנגח את הפּרה" אין די שטומע נעכט, אין דער אידישער גאַס.

אבער דער "שור שנגח" האָט געדיענט נאָך צו אַ צוועק. עס האָט געשאפען דעם געניאַלען אידישען קאָפּ. ער האָט געשארפט דעם אידישען מח און האָט אונז דערמיט שטאַרק געמאַכט אַלס אומה. דער כח פון אונזער אומה ליעגט אין די רש"י'ס און די מהרש"א'ס און די ווילנער גאונ'ס. און אפילו די איינשטיינס און די רעדינגס האָבען צו פערדאַנ־קען זייער געניאַליטעט צו דעם ספר פון "שור שנגח!"

און געגען דיזען ספר האָבען עס די רעפאָרמער און די משכילים געמאַכט אַ קריעגס־צוג — דוקא ווייל זיי האָבען געוואוסט אַז דאס איז דער נאַציאָנאַלער אידישער ספר. ווייל זיי זיינען אַנטי־נאַציאָנאַל. די וואס האָבען אויסגעמעקט ציון פון סדור און די וואס האָבען געזוכט צו מאַכען פון אידען אוים־אידען האָבען מיט דעם דאָזיגען ספר ניט גע־קענט שלום מאַכען. איבריגענס האָבען די ערשטע קריסטען אויך ארויסגעטרעטען געגען תלמוד. אַלע וואס ווילען דעם אידישען אונטערגאַנג האָבען אזוי געטהאָן.

* * *

די הויפּט אורזאַכע פאַרוואָס די משכילים און די רע־פאָרמער זיינען ארויסגעטרעטען געגען תלמוד איז געווען אום צו געפעלען ווערען די גוים. די גוים האָבען געברענט דעם תלמוד, האָבען איהם פערצאורטיילט, האָבען געשאָטען

פעך און שוועבעל אויף די פרושים, די גרינדער פון תלמוד. די גוים האָבען ניט געקענט דולדען די גמרא, ווייל זיי האַבען געוואוסט אז אין איהר ליעגט דער סוד פון דעם אידישען לעבען. די גוים האָבען געצוויגען א שטריך צווישען ביבעל און תלמוד. די ביבעל איז הייליג און דער תלמוד איז שלעכט און פערדאָרבען און מען דאַרף איהם אויסראָטען. די משכילים און די רעפאָרמער האָבען איבערגענומען פון די גוים דיזען גאַנצען בליק אויפ'ן יודענטהום: האַלטען די ביבעל און פערוואַרפען דאָס איבריגע. אין דעם איז אויך געווען א כונה צו איינקויפען זיך אין פריינדשאַפט ביי די גוים ווי זיי וואָלטען געזאָגט צו די גוים: זעהט, מיר זאָגען זיך אָב פון דער גמרא, וועלכע איהר האָט פיינט און בלייבען בלויז ביי די ביבעל פון וועלכער איהר האַלט אויך. איהר דאַרפט אויף אונז קוקען פריינדליך דערפאַר!...

און איין כלל זאָלט איהר האָבען: אויב איהר ווילט צופאַסען אייערע אידעען און אייערע מעשים צו דער גוי'-אישער וועלט, קענט איהר קומען צו אסימילאַציאָן אפילו דורך די הייליגסטע זאַכען. איהר זעהט דאָך אז אפילו דורך העברעאיש, און תנ"ך און די גרויסע אידעאַלען פון צדק און יושר האָט מען געמאַכט כלי־זיין נעגען דאָס יודענטהום. ווייל אין הארצען איז געלעגען די כונה צו געפעלען ווערען דעם גוי! איך בעט אייך האַלטען דיזען כלל אין זינען, ווייל מיר וועלען עס נאָך דאַרפען ווייטער אין אונזערע ווייטער־דיגע בעטראַכטונגען.

חסידים אויפ׳ן שלאכטפעלד

ניט אזוי לייכט איז אָנגעקומען דער קאַמפּף געגען דעם אַלטען איינגעאָרדענטען אידישען לעבען אין דער אידישער גאַס.

ווען די באַטאַליאָנען פון די ערשטע משכילים די "בער־לינטשיקעס" זיינען צוגעטראָטען צו דער אידישער פעסטונג צו שטורמען איהם און ניעדעררייסען אַלעס וואָס זיי וועלען געפינען אין אידישען קוואַרטאַל האָט מען פון דער פעסטונג געענטפערט מיט אַזאַ שווערע קאַנאָנאַדע וואָס האָט גלייך איבערצייגט די אנגרייפער, אַז זיי האָבען צו טאָן מיט גבורים און עקשנים וואָס שרעקען זיך ניט אויפנעהמען אַ קאַמפּף. דאָס זיינען דאָך אייגענטליך געווען די סאָרט מענ־שען וואָס האָבען זיך ניט געשראָקען פיר אינקוויזיציעס און קרייציגע. די שלאַכט צווישען די בעלאַגערער און די פערטהיידיגער פון פעסטונג האָט זיך פאַרנאַנדערגעפלאַ־קערט. די פערטהיידיגער האָבען געוואוסט, אַז אין דעם רע־זולטאַט פון דער מלחמה הייגנט־אָב די גאַנצע צוקונפט, זאָגאַר דער גאַנצער לעבען פון דער אידישער נאַציאָן.

די פערטהיידיגער פון פעסטונג האָבען זיך צוטהיילט אין צוויי לאַגערן. דער צוועק פוןביידע לאַגערן איז געווען דערזעלבער; אָבצושלאָגען דעם שונא און רעטען די פעס־טונג, אָבער זיי האָבען זיך אונטערשיעדען אין די מיטלען וועלכע זיי האָבען בענוצט דעם שונא אָבצושלאָגען. די הויפּט־מחנה האָט געהאַלטען, אַז דער בעסטער מיטעל איז צו פאַרבאַרעקאַדירען אַלע וועגען וואָס פיהרען צום פיינד, צורייסען אירגענד־וועלכען בריק וואָס קען פיהרען די שונאים צו דער פעסטונג, אויסגראָבען נאָך טיעפערע טהאַלען צוויי־שען דער ארמיי פון שונא און דער פעסטונג און פאַרריגלען די אידישע גאַס געגען דעם געפעהרליכען פיינד. אזוי האָט געהאַלטען די הויפּט־מחנה פון די פערטהיידיגער וועלכע

זיינען געזעסען אין גאַליציען, פּוילען און ליטא, מיט איין וואָרט, די מזרח־אייראָפּעאישע מחנה.

א קלענערע מחנה פון פערטהיידיגער איז געווען די וואָס האָט געוואָהנט אין דייטשלאַנד און אנדערע וועסט־אייראָפּעאישע לענדער. זי האָט געגלויבט, אז דער בעסטער מיטעל איז צו טאָן ווי יענער אידישער גבור פון דוד המלך׳ס סטאַף האָט געטאָן, ווען ער האָט געקעמפּפט מיט דעם ריע־זיגען מצרי ״און ער האָט גערויבט דעם שפּיעז פון דעם מצרי און האָט איהם ערמאָרדעט מיט זיין אייגענעם שפּיז״. שלאָגען די אָנגרייפער, די משכילים, מיט זייער אייגענעם וואפען, מיט בילדונג, אין דער רייכסטער דייטשער שפּראַך, אין דעמזעלבען סטיל און פאָרם וועלכען זיי, די אנגרייפער, בענוצען. אזוי האָט געדיינקט די מערב־אייראָפּעאישע מחנה.

מיר וועלען שפּעטער זעהן וועלכער וועג האָט געבראכט גרעסערע רעזולטאטען, דערווייל וועלען מיר זיך אָבשטע־לען אויף דער הויפּט־ארמיי דער מזרח־אייראָפּעאישער אויף וועלכער עס איז געפאַלען די שווערסטע און גרעסטע טהייל פון דער מלחמה. די הויפּט־ארמיי אליין האָט זיך צוטהיילט אין צוויי טהיילען. איין טהייל איז קאָמאנדירט געוואָרען פון די תלמידים און נאָכפאָלגער פון בעל־שם: רבי שניאור זלמן פון לאדי, ר׳ נחמן פון בארעסלאָוו, ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו און נאָך אנדערע. דער צווייטער טהייל איז קאָמאנדירט געוואָרען פון די תלמידים און אנהייננגער פון ווילנער גאון מיט ר׳ חיים וואָלאָזשינער אן דער שפּיצע.

און מערקווירדיג! די צוויי טהיילען פון דער מזרח־אייראָפּעאישער מחנה, די וואָס איז געפיהרט געוואָרען פון חסידישע גענעראלען און די וואָס איז געפיהרט געוואָרען פון מתנגדישע האָבען צווישען זיך געהאט אזעלכע אונטער־שיעדע, אז עס האָט אויסגעזעהן און זיי האָבען אליין אויך געמיינט, אז די הויפּט־מלחמה איז גאָר צווישען זיי, צווישען די ביידע פליגלען פון דער הויפּט־ארמיי. דער אמת איז אָבער געווען, אז זיי האָבען ביידע געהאט איין שונא און ביידע זיינען, טראָץ זייערע אונטערשיעדע צווישען זיך, גע־גאַנגען אין שלאַכט געגען דיעזען שונא. יעדער פון זיי, די

חסידישע מחנה אונטער איהרע פיהרער און די מתנגדישע אונטער איהרע פיהרער האָבען פערטהיידיגט א בעזונדער ווינקעל פון דער אידישער פעסטונג. די חסידישע ארמיי האָט בעשיצט די אמונה געגען די אנגרייפער, די מתנגדישע האָט בעשיצט די תורה. דער פייער פון שונא האָט אָנגעגרייפען דיזע ביידע ווינקעל־טורעמס מיט איין מאָל.

* * *

די חסידים זיינען אַרויס אויפ׳ן שלאַכט־פעלד געגען דער השכלה, וועלכע איז געקומען אלעס פארניכטען, מיט א מורא׳דיגען וואָפען אין האנד. זיי זיינען אַרויסגעטראָטען מיט יענעם כח וואָס שאפט וועלטען, וואָס קעהרט איבער לענדער און מדינות, וואָס פאַרוואנדעלט דעם שוואַכען אין א גבור, מאכט דעם בלינדען זעהענדיג, מיט יענעם כח וועלכער איז דער סוד פון דעם זיעגער, די נשמה פון דעם קינסטלער, דער כח וואָס פיהרט מענשען זינגענדיג צום טויט און בעקלייידעט מיט צויבער אפילו די יסורים אליין. זיי זיינען אַרויס אין שלאַכט־פעלד מיט דעם שווערד פון התלהבות אין זייערע הענד.

התלהבות איז א חסידישעס וואָרט, וואָס שטאַמט פון דאָס העברעאישע וואָרט להב א פלאַם, און קיין וואָרט אין דער וועלט האָט ניט געקענט בעסער און טיעפער אויסדריקען דעם אינהאַלט פון חסידות ווי דער וואָרט פ ל א ם. אין דער נשמה פון חסידים ברענט א שטענדיגער פלאַם, וואָס קיהלט זיך קיינמאָל ניט אָב. אין דער טיעפעניש פון האַרצען פון חסיד שיינט א פלאַם וואָס צייגט זיך אַרויס דורך די אויגען, איז קענטיג אין אלע תנועות וואָס ער מאַכט, אליין איינס צי שטעהט ער ביים דאַווענען, אָדער ער זינגט זיך זיין בים־באַם, אָדער ער דערצעהלט א מעשה פון רבי׳ן, אָדער ער געהט א טאַנץ. און אמאָל גיט א חסיד א קלאַפּ מיט די פינגער איבער׳ן האנד און איהר דערפיהלט שטעהענדיג דערביי אז דאָס איז ניט סתם א קלאַפּ מיט פינגער איבער׳ן האנד, נאָר דאָס איז א תנועה וואָס גיט ארויס אין אן אויסערליכע פארם, אז עס האָט אויפגעפלאַמט עפעס טיעף דאָרטען אין האַרצען, אז דער בעל־הבית פון דער תנועה איז יעצט אין ה ת ל ה ב ו ת. התלהבות איז די העכסטע

מדרגה פון בעגייסטערונג, די אלמעכטיגע בעגייסטערונג פון חסידות איז א טיעף רעליגיעזע וואָס דערגרייכט ביז דער סאַמע טיפעניש פון דער מענשליכער זעעלע.

דער אמת׳ער חסיד איז אין דעם צושטאַנד פון א שטערבליך פאַרליעבטען, דער פייער פון ליעבע בעוועלטיגט אלע זיינע געדאַנקען און אלע זיינע געפיהלען. זיין ליעבשאַפט איז גרעסער ווי זיינע כחות און עס איז אַזוי ברייט, אז עס דוכט זיך איהם, אז זיין ברוסט קען עס ניט איינהאַלטען. עטוואָס געוואַלדיגעס רוישט און שטורעמט אין איהם און ער געפינט זיך קיין אָרט ניט פון ליעבע. דאָס זינגען און דער טאַנצען און די תנועות דאָס זיינען ניט מעהר ווי די סימנים אויף דער שטורעמדיגער ליעבע פון אינעווייניג און דער בליאַסק אין די אויגען אין די מעהר אויפרעגענדע מאָמענטען איז דער סימן אז דער מענש באַדט זיך דאַן אין דעם אייביגען גן־עדן פון ליעבע אָהן א גרענעץ און אָהן א שיעור. דער חסיד איז א פאַרליעבטער און ער האַנדעלט ווי א פאַרליעבטער: אמאָל אונפאַרשטענדליך און מאָדנע אין די אויגען פון א פרעמדען, וואָס ווייס ניט דעם טעם פון אמת׳ע ליעבע. אָבער דער ליעבענדער קימערט זיך וויינינג מיט דעם זייטיגען, אבי ער איז גאַנץ און טריי צו זיך אליין.

דער חסיד איז שטערבליך פאַרליעבט אין גאָט. זיינע אלע חושים, זיין גאַנצער לעבען, זיינע אלע רעיונות, זיין גאַנצער גייסטיגער כח וועלכען ער פאַרמאָגט, זיינע אלע פיבערן פון זיין נשמה זיינען פאַרבונדען, פאַרוויקעלט, קאָנצענטרירט אין דער דאָזיגער ליעבע, אויסערהאלב פון דיזער ליעבע איז פאַר איהם אויף דער וועלט גאָר ניטאָ. רעליגיאָן איז ביי איהם אונבעגרענצטע ליעבע צו השם יתברך, ליעבשאַפט אָהן א מאָאס און אָהן א שיעור אויף אַזוי ווייט ווי די כחות קענען נאָר אויסטראָגען און אמאָל מעהר ווי די כחות קענען אויסטראָגען. ביי חסידים איז פאַראַן אן אויסדרוק: ״ביז די נשמה געהט אוים (עד כלות הנפש)״, דאָס מיינט ניט ביז מען שטאַרבט, נאָר ביז דעם פונקט אין וועלכע די נשמה שיינט זיך ארוים צו כאַפּען פון גוף פון בייענקשאַפט און אהבת.

עס איז קיין וואונדער, אז רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו ווען ער פלעגט אָנהויבען ריידען פון אהבת הבורא פלעגט ער ארויפשפרינגען אויפ׳ן טיש, אָדער אראָבשלעפען דעם טיש־טוך מיט אלע כלים, אָדער כאפּען א שטוהל און איבער־קעהרען איהם אויפן קאָפּ פון גרויס התלהבות. ווארום ווי קען מען עס איבערטראָגען צו זיצען שטיל ווען מען ווערט אינעווייניג אויפגעגעסען פון דעם בראנד פון ליעבע און השתפכות הנפש ? !

און ווי קען מען איינשטעהן אויף אן אָרט ווען מען קומט דאַווענען מיט א פולע הארץ, מיט ברענענדע ליעבע און מען פאנגט עס אָן אויסצוגיסען פאר איהם אליין, פאר דעם בעַ־שעפער פון אלע וועלטען, פאר דעם טאטען אין הימעל ? קען מען זיצען אָדער שטעהען און זאָגען, ווען די הארץ וויל ארויספליהען פון א ברוסט, ווען קיין גליעדער קען זיך ניט האלטען רוהיג, קען דען דער צונג זאָגען כאָטש איין מיליאָנען־חלק פון דאָס וואָס עס ליעגט אויף דער נשמה ? ניין ! מען מוז לויפען, מען מוז שרייען, מען מוז אמאָל פּאַ־טשען מיט די הענד, מען קען זיך ניט איינהאלטען קאלט און פּאָרמאל ווען א פלאַם־פייער ברענט אינעווייניג !

און דער חסיד דארף ניט זובען גאָט אין שוהל. ער זעהט איהם וואו ער געהט און וואו ער שטעהט, ער זעהט איהם אין שמחה און אין צער, אין טרויער און אין נחת, ער זעהט איהם אין גראָז און אין בוים, אין פעלד און אין וואלד, אין בארג און אין טהאָל, אויבען און אונטען, אין מזרח און מערב. ער זעהט איהם אין מענש און אפילו אין יעדעם לע־בעדיגע בעשעפעניש, ער זעהט איהם אין זיינע אייגענע גע־דאנקען אין די פארבאָרגענסטע ווינקלען פון זיין נשמה. אפילו אין דאס שלעכטע, אין דאס מיאוס׳ע איז אויך דאָ א חלק פ⸗ן באשעפער, ווייל עס קען דאָך קיין זאך ניט זיין אָהן איהם און ווייל ער איז דאָך אלעס און אלעס איז א טהייל פון איהם.

און דארום איז ניטאָ קיין העכערע זאך פאר׳ן מענשען, האלט דער חסיד, ווי צו אָנקלעפּען זיך אָן איהם, אָן רבונו של עולם, מען דארף זיך צוזאמענגיסען מיט איהם, מען דארף דורך ד ב ק ו ת מיט איהם אין זיך אליין בעזייטי־

גען דאָס שלעבטע און ארויסהייבען דאָס גוטע, דאָס נאָבעלע פון אייער אייגענעם הארצען ארויס. און וואָס מעהר איהר קלעפּט זיך צו צום בורא עולם, אלץ העכער און העכער שטייגט איהר און הויבט זיך אויף אלס מענש וואָס איז דער בחיר היצורים. דאָ האָט חסידות אָנגעריהרט דעם קוואל פון מ י ס ט י צ י ז ם, וועלכעס ליעגט שטענדיג מעהר אָדער וויינינגער אין דעם גרונד פון א רעליגיאָן. דאָס איז דער קוואל פון דאס פערשטעלטע, פון דאס אונבעוואוסטע, פון יענע סודות וואָס זוכען דעם אורשפּרונג פון דער מענשליכער נשמה און דאָס גרויסע ליכט וואָס האָט אלעס געשאפען, אין דער געטליכער קראַפט פון וואנען מיר אלע קומען און צו וועלכער מיר געהען. דאָ גרענעצט זיך חסידות מיט דער פילאָזאָפיע וועגען דער יצירה.

חסידות איז ניט קיין נייע שאפונג אין אידענטום. אלעס האָט זי געפונען גרייט אין תנ״ך און אין תלמוד. ליעבע צו גאָט איז אַ גרויסער פונקט אין דער תורה און אידען זאָגען אלע טאָג ״ואהבת את ד׳ אלקיך״. דבקות איז אויך פאראַן אין חומש און אין אלע אידישע ספרים. די מיסטיש־פילאָזאָפישע אידעען פון חסידות זיינען אלע פאראַן אין דער קבלה, וועלכע האָט געשעפּט פון די גאָר אלטע קוועלען פון אידישען גייסט, אָבער די קראפט פון חסידות איז בעשטאַנען אין דעם וואס זי האָט דיזע פונקטען אויפגעהויבען צו אַ העכערע מדרגה און האָט זיי שאַרפער ארויסגעבראַכט.

פון די דריי זאַכען וואס דאס חסידות האָט אריינגעטראָ־גען אין קאמפף געגען דער השכלה: התלהבות, אהבה און **דבקות איז געבאָרען געוואָרען די פּאָעזיע פון חסידות.**

די פּאָעזי פון חסידות

חסידות איז די פּאָעזי פון יודענטום, דער "שיר השירים" פון דער אידישער נשמה.

ניט אומזיסט פאַרנעהמט דער געזאַנג אזא הויכען פּלאַץ אין חסידות. דורך דעם געזאַנג הויבט זיך אויף דער חסיד אין די העכערע וועלטען, דערגרייכט אזש ביז דער שכינה און כסא־הכבוד און גיסט זיך אויף צוזאַמען מיט אלעם וואָס שוועבט ווייט איבער דעם עולם השפל אין וועלכען מיר געפינען זיך. דאָס וואָס ביי מתנגדים איז לערנען, איז ביי חסידים זינגען.

דער צדיק ר' נחמן פון בראצלאַוו האָט געזאָגט, אז ווען יעקב אבינו האָט געשיקט צו זיין זוהן יוסף אין מצרים פרוכט "מומרת הארץ" האָט ער דערביי געשיקט צו זיין זוהן א ניגון, אן ארץ־ישראל ניגון אין מצרים אריין. חסידים קענען זיך ניט פאָרשטעלען קיין בעסערע מתנה ווי א ניגון.

זאָגט טאַקע דער צדיק ר' נחמן אין אן אנדער אָרט:

אז דו געהסט אין פעלד, הערסטו ווי יעדער פּאַסטוך האָט אן אַנדער ניגון לויט דעם געגענד וואו ער פּאַשעט און לויט די גראָזען וואָס עס געפינען זיך דאָרטען, ווייל יעדער גראָז האָט א באַזונדער שיר און פון די שירים פון אלע גראָזען ווערט אויפגעשטעלט דער שיר פון פּאַסטוך.

און דער בראצלאַווער צדיק זאָגט ווייטער:

אז א מענש דאַווענט אין פעלד, קומען אלע גראָזען, העלפען איהם מיט זייער געזאַנג און גיבען איהם כח צום דאַוונען. און אין אן אַנדער אָרט זאָגט דער־זעלבער:

די דבקות צו גאָט איז דורך שיר און זמרה. דער עיקר שמחה פון עולם־הבא איז דער שיר און דער ניגון וואָס עס וועט געזונגען ווערען לעתיד לבוא.

דער חסיד שוועבט אַרום שטענדיג אין די הויכע ספּע־

רען פון פּאָעזי. ווי אַן אמת׳ער דיכטער אַזוי קוקט אַן אמת׳ער חסיד ניט אויף דער אויסערליכער געשטאַלט פון זאַכען, נאָר אויף דעם אינערליכען תוך, אין די נשמה פון יעדער זאַך, ער דרינגט אריין צו דעם שורש פון יעדער געגענשטאַנד און געפינט דאָרטען דעם סוד פון אַלע סודות, דעם וואונדער פון אַלע וואונדער, דעם געטליכען כח וואָס האָט אַלעם געשאַפען.

אַ שטיין איז ביי איהם ניט קיין פאַרהאַרטעוועטע מאַסע, נאָר עס איז אַ בעשאַפונג פון בורא יתברך. דער שטיין שווייגט, אָבער אין שווייגען איז פאַראַן אַ גרויסער כח. אין שווייגען זעהט מען דעם רעיון וואָס האָט זיך נ י ט ארויסגעריסען, עס איז אַמאָל פאַראַן אַ זינגענדיגער שווייגען און דער האַרטער שטיין שווייגט און ווערט ענטציקט פון די גדלות הבורא פון וועמען עס זיינען פול אַלע וועלטען.

די שטראַהלען פון ליכט זיינען ביין אמת׳ן חסיד ניט עפּעס אַזאַ ערשיינונג, ווי ביי אַנדערע מענשען. ביי איהם איז עס אַן אָבשיין פון דעם בורא כביכול, וועלכער ענטפּלעקט זיך אין דעם דאָזיגען מלבוש פון שטראַהלען. אַ רב, אַ געגנער פון חסידות, האָט אַמאָל געפרעגט אַ חסידישען רבי: „ווי זעהט אויס אַ נשמה ?" האָט איהם דער רבי געענטפערט: „קוק זיך איין אויף די קרישטאָלען וואָס הייגגען אראָב פון אַ לאָמפּ, בעטראַכט דעם ברעג פון דיעזע קרישטאַלען ווען די פייער פון לאָמפּ שפּיגעלט זיך אָב אין איהם — אָט אַזוי זעהט אויס אַ נשמה".

דאָס וואָס עס זעהט אויס ביי אַן אַנדער מענשען וואָכעדיג און פּשוט זעהט אויס אין די דיכטערישע אויגען פון דעם חסיד אַ גרויסע און ערהאַבענע זאַך. דער פּאָעט זעהט שטענדיג ווייטער און טיעפער ווי געוועהנליכע מענשען. ער זעהט אין אַן איינזאַמע הויז אויפ׳ן שפּיץ פון אַ בערגעל ווי זי שטעהט געגען די לעצטע שטראַהלען פון דער פאַרגעהענדער זונן, אַ וועלט מיט בייגקשאַפט. דער חסיד זעהט אויך וואונדערליכע מעשים אין דאָס וואָס עס זעהט אויס ביי אַנדערע מענשען פּשוט.

אָט איז, למשל, עסען. ביי אַנדערע מענשען איז עסען ניט מעהר ווי ברעכען דעם הונגער. ביין חסיד איז עסען אַן

עבודת הבורא, אויב מען האָט דערביי א ריינע כונה. אפילו דאָס פשוט'סטע וואָס א מענש טוט קען דערהויבען ווערען צו א וויכטיגען און גרויסען טהאַט, אויב מען מיינט דער־מיט צו ערפילען דעם רצון פון השם יתברך און אויב מען האָט איהם אין זינען דערביי.

"מיין רויכערן א ליולקע ציבעק — האָט א גרויסער חסיד געזאָגט — איז דאָסזעלבע וואָס אן אנדערנס תפלה". און גוט האָט ער געזאָגט. מען קען רויכערן א ליולקע־ציבעק און בשעת מעשה קאָנצענטרירען אַלע חושים אויף די העכסטע רעיונות, אויף די הייליגסטע מחשבות, און מען קען דאַוונען און האָבען אין זינען דעם יריד. אַלעס ווענדעט זיך אָן דער כ ו נ ה. אַלעס ווענדעט זיך אָן שטימונג און שטימונג איז דער עיקר פון פּאָעזי.

און ווייל דער עיקר איז כונה, איז חסידות אזוי קאַרג אין ווערטער. דאָס וואָרט קען ניט אויסשעפּען אַלעס וואָס עס טוט זיך אין האַרצען. דיכטונג איז צו גרויס אז עס זאָל קענען ארייינגעהן אין די ענגע ראַהמען פון ווערטער און דאַרום איז די פּאָעזי שטענדיג געווען בלויז האַלב־דערזאָגט, עס איז פאַראַנען ניט־דערזאָגטעס אין די שורות און עס ליגט בעהאַלטען צווישען די שורות אויפ'ן וואונק. "מיט א בעהאַלטענע זאַך קען מען בעסער ווירקען", זאָגט איינער פון די חסידישע צדיקים און עס איז טיעף געזאָגט. נאָר דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס פאַרדעקטע רעגט דעם מענשענ'ס פאַנטאַזי.

דער וואונק פון א רבי ביים טיש, א קורצער וואָרט וואָס דעקט אויף בלויז דעם ברעג פון א מחשבה טוט־אויף מעהר ווי הונדערטער לאַנגע דרשות. דאָס זיינען די סימנים וואָס ווערען איבערגעגעבען פון נשמה צו נשמה דירעקט אָהן די פאַרמיטלונג פון ווערטער. און ווען דער רבי, וועלכער איז אזוי ענג פאַרבונדען דורך אונזיכטבאַרע פעדים פון ליעבע און בעגייסטערונג מיט זיינע חסידים גיט א ברום אין דער שטיל אָן אָנהויב פון א טרויעריגען ניגון און גיט דערביי א קרעכץ און א זאָג: "אי, אַי, אי", עפענען זיך פאַר די חסידים אַלע וועלטען פון השתפכות הנפש, און זייערע הער־צער ווערען דורכגעדרונגען פון א טיעפען צער, זיי פיהלען

ווי עס טראָגט זיך אַרום אין דער לופטען א שמערץ אויף אידען וואָס זיינען אין גלות, אויף דער גאולה וואָס קומט ניט און אויף די נאַרישקייט און נוצלאָזיגקייט פון אונזער גאַנצען לעבען. דער רבי האָט דאָ מיט זיינע חסידים א ו י ס ג ע ר ע ד ט גאַנצע וועלטען מיט מחשבות אין זיין קרעכץ, אין דעם אָנהויב פון נגון און אין זיין אי, אַי, אַי,

און ווי רייך איז דעם חסיד'ס לעבען אין דעם מאַטעריאַל פון וועלכען פּאָעזי ווערט געשאַפען ! ווער איז נאָך אַזוי פול ווי דער חסיד מיט ליעבשאַפט און מיט בייִנקשאַפט ! ער בייִנקט נאָך דער שכינה, ער בייִנקט נאָך ישועות ונחמות, ער בייִנקט אז די וועלט זאָל האָבען איהר תקון, אז אַלעס וואָס איז שפּל און האָט א שייכות מיט דעם "סטרא אחרא" זאָל פאַרשווינדען. ער בייִנקט נאָך די אייביגע ליכט וואָס וועט אַמאָל אויפשיינען. און פון ליעבע און בייִנקשאַפט פלעכט דער חסיד אוים זיין נגון, זיין האַרץ־אויסגוס, זיין שיר פון דער נשמה !

עס קען ניט זיין אמת'ע פּאָעזי אָהן צער. דער חסיד האָט זיין טיעפען צער, זיין "וועלט־שמערץ" מיט וועלכען זיין האַרץ איז אָנגעפילט, טראָץ דעם וואָס חסידות איז פול מיט שמחה. דער חסיד איז פרעהלאַך, עצבות איז פאַררעכענט פאַר א גרויסען חטא ביי חסידים, אָבער די פרעהליכקייט קומט אום צו פ א ר ש ל אָ ג ע ן די עצבות, זי קומט צו פאַרטרייבען דעם צער, דערפאַר איז די חסידישע שמחה ניט קיין פאַרשייטע, ניט קיין גראָבע. זי, די חסידישע שמחה, איז אַן איידעלע בת־מלכה, פון איהר זיסען שמייכעל קוקט אַרוים א צאַרטער זאָרג וואָס קומט שטענדיג פון פיין־פיהלען און נאָבל דיינקען.

דער חסיד האָט דעם נאָבעלסטען צער וואָס מענשען־קינ־דער האָבען ווען געהאַט. ער זאָרגט אויף דער "שכינתא בגלותא", די שכינה וואָס איז געבונדען אין קייטען פון גלות, וואָס פלאַנט זיך צוזאַמען מיט'ן פאָלק ישראל. ער הערט דעם יאָמערליכען געשריי וואָס געהט אַרוים אַלע ביינאַכט פון דעם באַרג חורב און רופט אוים און זאָגט : "וועה איז מיר וואָס איך האָב פאַרברענט מיין הויז און חרוב געמאַכט מיין היכל און פאַרטריבען מיינע קינדער צווישען די אומות". דער חסיד האָט צער וואָס דער מענש טראָץ־דעם וואָס ער

האָט אַזאַ גרויסע השגה וועגען הויכע און ערהאַבענע וועל־טען, קען זיך ניט אויפהויבען העכער ווי זיין ערדישער גוף און מוז בלייבען פאַרזונקען אין די קליינקייט און שפלות פון דער וועלט.

אָט איז אַ שבת־צו־נאַכט. חסידים זיצען ביי׳ן רבי׳ן. אין שטוב פיהלט מען, אַז די מלכה שבת געהט אַוועק, אַ טיעפער צער פון בייַנקשאַפט נעהמט דורך אַלע הערצער, אַלע פ י ה ל ע ן, אַז זי געהט אַוועק און אַז מיט איהר אַוועקגעהן פאַלט אַלעס אַראָב פון הימעל אויף דער ערד, און אַן אומעדיגער ניגון אויסגעוויקט פון צער און וועהטאָג טראָגט זיך שטיל פון איינעם צום אַנדערן, און דערביי קלאַפּט מען אומעדיג שטיל און צום טאַקט מיט׳ן האַנד אויף׳ן טיש. און פּלוצלינג גיבען זיך די חסידים אַ הויב און מען פאַנגט אָן אַ פרעהליכען ניגון׳דל, אַלע מאָל העכער, אַלע מאָל שאַרפער, די פּנים׳ער ווערען פאַרפלאַמט, די אויגען אָנגעצונדען און פול מיט התלהבות טאַנצט און פרעהט זיך דער חסידישער עולם; ער פרעהט זיך אום צו פאַרדעקען דאָס געזעגענען זיך מיט דעם שבת. טיעף אינעווייניג אין דער נשמה איז איהם אומעדיג ריכטיג ווי עס איז אומעדיג טיעף אין דער נשמה ביי די מחותנים ווען די געסט געהען אַוועק נאָך דער ענדע פון דער חתונה. און אין מיטען גיט אַ חסיד אַ געשריי: „כאַפּט דער מלכה!״ „לאָזט איהר ניט אַרויס!״ אָבער די מלכה געהט אַוועק און די חסידים געהען מיט פולע הערצער אַהיים.

אָט אַזוי האָט חסידות געשאַפען אַ וועלט פון צויבער, פון זיסע טרוימען און פון שעהנע פאַנטאַזיען אַרום דאָס לעבען. דער חסיד לעבט אין צוויי וועלטען, איינע האַלט איהם צו דעם טעגליכען לעבען און די אַנדערע טראָגט איהם אַוועק אויף די פליגלען פון פּאָעזי צו יענע ברייטע פאַנ־טאַסטישע רוימען וואו אַלעס איז לויטער געזאַנג, האַרמאָ־ניע און אייביגער גליק. די חסידות איז די ראָמאַנטישסטע בעוועגונג פון דער מענשהייט. איז אָבער אין דערזעלבער צייט די גרעסטע נאַציאָנאַלע בעוועגונג וואָס איז געווען ביי אידען זייט חורבן בית המקדש, ווייל נעקסט צו דער ליעבע צו גאָט קומט אין חסידות די ליעבע צום פּאָלק ישראל.

חסידות, פאָלק ישראל און ארץ־ישראל

טיעף און ברענענדיג ווי עס איז דעם חסיד'ס ליעבע צו גאָט איז זיין ליעבע צום אידישען פאָלק ניט פיעל קלענער, אָדער ריכטיגער, זיין ליעבע צוביידען איז אויף איין מאָס. דער חסיד קען זיך ניט פאָרשטעלען די אהבה צום בורא אָהן די אהבה צו ישראל אזוי ווי ער קען זיך ניט פאָרשטעלען אַ ליעבשאַפט צו ישראל אָהן ליעבשאַפט צו השם יתברך.

אין דער חסידישער וועלט־אנשויאונג, אין דער חסידי־שער אמונה פארנעהמט די היילינקייט פון דער אידישער אומה דעם ערשטען פּלאַץ נאָך דער היילנקייט פון דער שכינה. אָפט ווערט גערעדט אין די חסידישע ספרים און אין די קבלה ספרים פון וואַנען דאס חסידות שעפּפט איהר כח, וועגען גאָט אַלס דער חתן און די כנסת ישראל אַלס די כלה. דער אורשפּרונג פון דיזען געוואַגטען פערגלייך איז נאָך פאראַן אין תנ"ך, עס איז אויך פאראַן אין מדרש און איז נאָך מעהר פערטיעפט געוואָרען אין דער קבלה.

לויט דעם חסידות קען די וועלט גאָר ניט עקזיסטירען אָהן די אידען. דאס פאָלק ישראל איז דער פערמיטלער צווי־שען גאָט און די מענשהייט, ער איז די כלי דורך וועלכער עס געהט דורך די געטליכע השפעה צו די מענשען־קינדער דאָ אויף דער וועלט. דאס וואס דער צדיק איז אין פערהעלט־ניס צו פּשוט'ע אידען, אזוי אונגעפעהר איז דאס אידישע פאָלק אין פערהעלטניס צו דער גאַנצער וועלט.

דער צדיק איז דער סימבאָל פון פאָלקסמענהייט, ער איז דער צענטער פון ליכט, ווייל ער איז העכער ווי דער געוועהנ־ליכער מענש, ער איז דער טרעגער פון דאס וואס איז שעהן און הערליך און ער איז ד א ר ו ם נעהנטער צו גאָט, זיין נשמה איז אַ העכערע און ער הויבט אויף מיט זיך (אויפ'ן חסידישען לשון: ער איז מעלה) די נשמה פון אנדערע. אזוי,

אַן ערך, איז די שטעלונג פון דער אידישער אומה געגענאי־בער, אַלע מענשען. די אידישע נאַציאָן איז דער סימבאָל פון פאָלקאָמענהייט, ער איז העכער ווי אנדערע דורך דער תורה וועלכע איז איהם געגעבען געוואָרען, ער איז נעהנטער צו גאָט און ער הויבט אויף מיט זיך (אויפ׳ן חסידישען לשון: ער אז מתקן) די גאַנצע וועלט וועלכע קריגט דורך איהם איהר עקזיסטענץ בערעכטיגונג. און אָהן דעם אידען און זיין תפלה וואָלט ניט געקענט זיין די נשמה פון דער וועלט, ער איז דער צענטראַלער זייל אויף וועלכעם דאס גאַנצע יוניווערזום האַלט זיך.

דער בעל־שם איז זעהר אין כעס געוואָרען אויף א מגיד וואס האָט גערעדט האַרבע שטראָף־רייד צו אידען. און ווען דער מגיד האָט איהם געפרעגט די אורזאַכע פון זיין אונצופרידענהייט, האָט ער געענטפערט: טשעפּעט ניט די אידען! אז א איד לויפט ארום א גאַנצען טאָג אין מארק, ער זעהט עס ווערט פינסטער, כאַפּט ער זיך אריין אין שטוב און דאַווענט א מנחה, פון וועלכער ער פערשטעהט אפילו ניט וואס ער רעדט, ווערען פערציטערט אַלע שרפים און אופנים און עס טרייסלען זיך אויף אַלע זיבען הימלען.

אזוי גרויס און ליעב איז די אידישע אומה אין דער חסידות!

דער אָפּטער צדיק האָט געהייסען מען זאָל אויף זיין מצבה ניט אָנשרייבען קיין אַנדער וואָרט ווי: אוהב ישראל. די גרעסטע מדרגה וואס א איד קען עררייכען איז געוועזען ביי איהם און ביי אַנדערע פיהרער פון חסידים צו ליעב האָבען מיט דער גאַנצער נשמה, מיט דעם גאַנצען ברען פון הארצען, מיט דער גאַנצער התלהבות אויף וועלכער א חסיד איז פעהיג — דעם אידישען פאָלק. די גרעסטע נאַציאָנאַליסטען וואס די אידישע נאַציאָן האָט פערמאָגט אין דער גאַנ־צער צייט פון דער אידישער געשיכטע זיינען די חסידים. ביי זיי האָט זיך די אהבת ישראל דערהויבען ביז צו אזא פונקט ווען עס פערשלינגט די גאַנצע זעעלע, און ווען יעדער איינצעלנער פיהלט זיך שטענדיג ווי ער איז אויפגעגאָסען מיט׳ן כלל, מיט דער נאַציאָנאַלער פאָלקס נשמה. דער חסיד דאַווענט ניט פאר זיך, זינגט ניט פאר זיך, און טאַנצט ניט

פאר זיך. דאס דאוועגט דורך איהם, זינגט דורך איהם און טאנצט דורך איהם די פאָלקס־זעעלע, דאס פרעהט זיך דורך איהם און עס זאָרגט דורך איהם די כנסת ישראל אליין וועל־כע לעבט אין איהם.

ווען מען האָט אויף איינעם פון די ציון־קאָנגרעסען אָנ־געפאנגען צו לעזען א רעפעראט איבער דער פראגע צו אידען זיינען א נאציאָן, איז אויפגעשפרונגען דער חסיד שלמה מעלצער הכהן און האָט אויסגעשריען: דאס איז א פראגע פאר די דאָטשען, מיר אידען האָבען אין דעם קיינמאָל ניט געצווייפעלט! דאס האָט דורך איהם גערעדט די חסידות ביי וועלכער א דיסקוסיאָן איבער דער פראגע פון נאציאָנא־ליזם איז אזוי לעכערליך, ריכטיג ווי עס וואָלט לעכערליך געווען פאר אימיצען צו דיסקוטירען אויב ער לעבט אָדער ער איז שוין לאנג געשטאָרבען.

ביי ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו איז די ליעבע צו דער נאציאָן איבערגעגאנגען אין אזא עקסטאז אז ער האָט אָפט געזאָגט הארטע כמעט עזות׳דיגע דבורים געגען גאָט אליין. עס איז בעקאנט זיין וואָרט: רבונו של עולם, אויב דו וועסט זיך איינ׳עקשנ׳ען און וועסט אונז ניט אויסלייזען אָט באלד וועלען מיר דיר זאָגען: דו שפיעל זיך ניט מיט די בני אברהם יצחק ויעקב!!

ווי אזוי ר׳ לוי יצחק האָט זיך נאָכאנאנד "געקריעגט" מיט׳ן רבונו של עולם פאר די אידען, ווי ער פלעגט נאָכ־אנאנד שרייען: אָ, וואס פאר א טייערע אומה דו האָסט, ווי ער האָט ניט געקענט הערען קיין עולות אויף א אידען, און ווי אזוי ער פלעגט האָבען טענות צו גאָט: וואס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל?! — דאס איז בע־קאנט דעם אידישען עולם, דאס צייגט ניט בלויז די אונבע־גרענצטע פייערדיגע ליעבשאפט צו דער אידישער נאציאָן פון ר׳ לוי אליין, עס צייגט דעם אונבעשרייבליכען נאציאָנא־לען פאטהאָס פון חסידות ביי וועלכער דער נאציאָנאלער זעלבסטבעוואוסטזיין האָט דערגרייכט ביז׳ן הימעל אין דער צייט ווען די פאָרשטעהער פון דער השכלה האָבען זיך בע־שעפטיגט מיט זעלבסט־פארלייקנונג און האָבען געקניעט צו דער אסימילאציאָן.

גרויס ווי עס איז געווען די נאַציאָנאַלע טרייהייט און ליעבשאפט פון די חסידים אזוי גרויס איז געווען זייער האס צום גלות און זייער בענקשאפט נאָך דער ערלייזונג. דער רעיון און די האָפנונג אויף משיח איז געווען דער צענט־ראלער פונקט ארום וועלכען אלע פּאָעטישע געפיהלען פון חסידות האָבען זיך קאָנצענטרירט. אזוי ווי די וועלט קען ניט זיין אָהן אידען אזוי קענען אידען ניט זיין אָהן משיח'ן, ווייל ווען אידען זיינען אין גלות איז די שכינה אליין אויך איז גלות, די שכינה אליין, כביכול, טרויערט און וויינט און עס קען ניט איינגעשטעלט ווערען קיין גלייכגעוויכט אין אלע וועלטען ביז ישראל ווערט ניט אויסגעלייזט.

דער רוזשינער זאָגט אויף דעם פסוק, גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע וכו', אזוי: רבונו של עולם, אפילו אז איך געה אין דעם טהאָל פון טויט האָב איך ניט קיין מורא פאר מיר, איך וואָלט שוין ווי עס איז אויסגעהאלטען, שלעכט איז נאָר כי אתה עמדי, דאס וואס דו אליין ביזט מיט מיר אין גלות, דאס וואס דו אליין וואלגערסט זיך און פלאגסט זיך מיט מיר, אָט ד א ס קען איך ניט איבערטראָגען!

קיינער האָט ניט אזוי פיינט געהאט דעם גלות ווי די חסידים. ווי הארצרייסענד קלינגען די פאָלגענדע ווערטער פון דעם חסידישען ליעדעל:

גלות, גלות ווי גרויס ביזטו,

שכינה, שכינה ווי ווייט ביזטו.

דער שפּאָלער צדיק האָט ניט געקענט אויסהאלטען וואס משיח קומט נאָך ניט און אין דער ביטערניש פון זיין האר־צען האָט ער אויסגעשריען: משיח! ווארום קומסטו ניט? אויף וואס ווארסטו? אפשר ווארטסטו ביז אידען וועלען תשובה טהאָן? איך שווער דיר ביי באָרד און פאות אז די אידען וועלען קיין תשובה ניט טהאָן!

און ר' לוי יצחק פלעגט אלע ערב תשעה באָב פארנאכט קוקען אין פענסטער אויב משיח קומט שוין ניט אָן, און ווען עס פלעגט ווערען נאכט און ער איז ניט געקומען פלעגט ער אוועקגעהן אין שוהל און ביטער זיך פערנאנדערוויינען: איכה ישבה בדד! און ער האָט געזאָגט פאר זיין טויט: אז

איך וועל שטארבען וועל איך אזוי פיעל דארטען ארבייטען מעשים ביז מען וועט מוזען שיקען משיח׳ן.

טריי צו זייער אידעאל און צו זייער בייגקשאפט נאך ארץ־ישראל, די הארץ פון דער וועלט, דער טויער פון הימעל וואו די געטליכע השפעה און בעגייסטערונג איז גרעסער ווי אומעדום, ווייל ארץ־ישראל געגען אנדערע לענדער איז אזוי ווי די אידען געגען אנדערע אומות — טריי צו דעם נאציאָנאלען וואָרצעל פון חסידות האבען די ערשטע חסידים־פיהרער זיך אויפגעהויבען און זיינען אוועק קיין ארץ־ישראל.

דער בעל שם טוב אליין האט געוואלט געהן קיין ארץ־ישראל. אין זיין בריעף צו זיין שוואגער ר׳ גרשון קיטעווער שרייבט ער: גאָט ווייס אז איך בין זיך ניט מייאש פון צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. ער האט עס אבער ניט געקענט דורכפיהרען. זיין שוואָגער און אנהענגער ר׳ גרשון קיטיוער איז אבער אוועק קיין ירושלים וואו ער איז געווען א סאָרט שליח פון בעל שם.

אביסעל שפעטער זיינען אוועק קיין ארץ־ישראל דריי חסידישע פיהרער: ר׳ מנחם מענדיל וויטעבסקער, רבי ישראל פלאָצקער און ר׳ אברהם קאליסקער. די גרופע חסידים האבען זיך געפיהלט אין שרעקליכען נויט אין ירושלים און ר׳ ישראל פלאָצקער האט געמוזט ארויספאָהרען צו זאמלען געלד אין חוץ לארץ. ר׳ מענדעל שרייבט וועגען דעם דאָזיגען ר׳ ישראל׳ן אזוי: ער וואָלט ניט אוועק פון ארץ־ישראל אפילו ווען מען וואָלט איהם געבען אין אן אנדער לאנד צעהן טויזענד א חודש. אבער דער נויט פון אונז אלעמען צווינגט איהם.

אין דערזעלבער צייט וואס די דריי דערמאנטע רביים האבען געשאפען די ציון בעוועגונג צווישען די חסידים, האט דער בעריהמטער ר׳ שניאור זלמן פון לאדי געקליבען געלד אין ליטא און פוילען צו שטיצען דעם ישוב ארץ־ישראל, און צוליעב דעם איז ער ארייגגעפאלען אין פריזאָן אין פעטער־בורג.

דער בעריהמטער צדיק ר׳ פנחס קאָרעצער פאָהרט קיין ארץ ישראל און שטאַרבט אויפ׳ן וועג. ר׳ חיים קראסני, א

תלמיד פון בעל שם פאָהרט קיין ארץ־ישראל, זיין שיף ליי־דעט שיפּברוך, און ער איז געצוואונגען זיך צוריקקעהרען. פאר׳ן טויט זאָגט ער אַן אז מען זאָל אויף זיין מצבה גאָר ניט אָנשרייבען קיין זאך — ווייל ער האָט ניט זוכה געווען צו זיין אין ארץ ישראל. און ר׳ נחמן בראצלאווער קומט קיין ארץ ישראל אונטער שווערע געפאהרען און מוז זיך אומקעהרען צוריק צוליעב א מלחמה.

אָט אזוי האָט עס פּאסירט מיט די נאכפאָלגער פון די צוויי בעריהמטע אידען וואס האָבען געלעבט אין איין צייט: משה מענדעלסאָן און ר׳ ישראל בעל שם. די תלמידים פון משה מענדעלסאָן האָבען געענדיגט אין דער לוטעראנישער קירכע און די תלמידים פון ר׳ ישראל בעל שם טוב האָבען געענדיגט אין ארץ ישראל!!!

אָט אזוי האָט חסידות א בעוועגונג פון אידישקייט, בע־גייסטערונג און נאציאָנאלען שטאָלץ וואס האָט געשעפּפט איהרע כחות פון אינעווייניג און זיך ניט געקימערט וועגען די מיינונג פון דער גוי׳שער וועלט, געענטפערט אויף השכלה א בעוועגונג וואס האָט געהאַט איהר הויפּט־צוועק צו געפעלען ווערען דעם גוי! די חסידישע ארמיי האָט גערעטעט דאס יודענטהום אין גאליציען, פּוילען און אוק־ראינא. לאָמיר יעצט בעטראכטען וואס האָט געטהאָן די אנדער ארמיי וואס האָט בעקעמפּפט השכלה מיט דעם וואָ־פּטן פון דער תורה, די ״מתנגד׳ישע״ ארמיי אונטער דער קאָמאנדא פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער. ווען מיר וועלען פארטיג ווערען דערמיט וועלען מיר האָבען א קלאָרען וועג צו בע־טראכטען די שווערע פּראָבלעמען וועלכע ליגען פאר אונז.

לערנען

דער קודש־הקדשים פון דער אידישער נאַציאָן, דער וואָרצעל פון אידען׳ס נשמה איז — לערנען.

מערקווירדיג! דאס יודענטהום הייסט ניט ביי אונז אָפיציעל אַן אמונה וועלכעס איז דאס העברעאישע וואָרט פיר רעליגיאָן, עס הייסט ביי אונז תורה — דאס לערנען. אויפ׳ן בארג סיני האָט מען ניט גענעבען משה׳ן קיין אמונה נאָר אַ תורה, מען רופט ניט דאס יודענטהום אמונת משה נאָר תורת משה און דער גרעסטער מאָמענט אין דעם לעבען פון דער אידישער נאַציאָן ווערט ניט אָנגערופען ״דאס געבען פון אַן אמונה״ נאָר עס ווערט אָנגערופען ״מתן תורה״, דאס געבען פון אַ תורה, פון לערנען.

נאכמעהר: דער תלמוד דערצעהלט אונז אז גאָט אליין זיצט און לערנט! און אז דאס לערנען איז בעשאַפען געוואָרען נאָך איידער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען. און עס איז פאַראַן אַ געוואַלדיגער וואָרט אין תלמוד וועלכעס מאַכט קלאָר אז ביי אידען איז געווען פעררעכענט דאס לערנען פיר דער גרעסטער מדרגה צו וועלכער אידען קענען דערגרייכען. לויט דעם תלמוד, זאָגט גאָט: ״מיר וואָלט ניט געאַרט אז די אידען זאָלען מיר פערלאָזען אבי מיין תורה זאָלען זיי האַלטען״. אין דיזען וואָרט איז תורה אויפגעהויבען געוואָרען צו אַ העכערע שטופע ווי פרומקייט.

פרומקייט ווי וויכטיג עס זאָל זיין איז קיינמאָל ניט געווען פאַררעכענט אלס דאס העכסטע ביי אידען: תורה איז העכער. און ווידער אמאָל זאָגט די גמרא אז אַ ממזר אויב ער איז אַ תלמיד חכם איז וויכטיגער אפילו ווי אַ כהן גדול אויב דער לעצטער איז אַן עם הארץ. דאס גיט אונז דעם שליסעל צו דעם כאַראַקטער פון אונזער נאַציאָן און דאס גיט אונז די מעגליכקייט טיעף אריינצוקוקען אין די האַרץ און זעעלע פון אידישקייט.

לערנען! עס איז פאראן א מורא׳דיגע קראפט אין די אותיות. די אותיות זיינען צייכענס דורך וועלכע גרויסע געדאנקען ווערען איבערגעגעבען פון מענש צו מענש, פון דור צו דור. אותיות זיינען ניט טרוקען, אין זיי ליגען די נשמות פון זייערע פערפאסער אייביג פריש און שטענדיג יונג. די פארמעט אדער פאפיער אויף וועלכע די אותיות זיינען געשריבען קענען ווערען פארברענט — האבען געזאגט די תלמודיסטען — אבער די אותיות בלייבען שוועבען אין דער לופט, קיין פייער איז אין זיי ניט שולט.

דורכ׳ן לערנען ווערט דער געדאנק ברייט, דער מח שארף, די השגה הויך, דורך דאס לערנען וואקסען די גייס־טיגע כחות פון מענשען, עס וואקסט זיין נשמה, און וואס מעהר דער מענש לערנט אלץ מעהר פערשטעהט ער וואס עס בעדייט מענש, וואס עס בעדייט פאלק, וואס עס בעדייט וועלט, וואס עס בעדייט נחת און צער, וואס עס בעדייט פליכטען, וואס עס בעדייט קעמפפען פאר אידעען און וואס עס בעדייט די בעציהונג פון איין מענש צום צווייטען און צו דער מענשהייט אין אלגעמיין.

ווערענד ביי אנדערע נאציאנען אין די אלטע צייטען האבען געלערנט בלויז פריווילעגירטע קלאסען איז ביי אידען דער אוצר פון לערנען געווען אנטפלעקט פאר אלעמען. אלע זאלען לערנען, אלע מוזען לערנען, לערנען ערהאבענע גע־זעצע פון צדק און יושר אין דער תורה, לערנען די וואונדער פון די געטליכע בעשאפונג, לערנען די געזעצע פון מאראל — אבי לערנען.

און ווען אידען זאגען לערנען מיינט עס ניט דעם לער־נען דורך וועלכען מען קען נאכדעם פערדיענען געלד, ווי דאס ווארט לערנען בעדייטעט אין א גרויסע מאאס ביי די היינ־טיגע ציוויליזירטע פעלקער, עס מיינט ניט לערנען צוליעב א תכלית, מיטעל צו א צוועק, אדער אין דעם בריליאנטענעם אויסדרוק פון פרק: ״א רידעל צו גראבען דערמיט״. ניין! ווייט איז אזא וואכעדיגער בעגריף פון דאס ווארט לערנען ביי אידען.

לערנען מיינט ביי אידען אהן א שום מאטעריעלען צוועק, אהן א שום גשמיות׳דיגע נוצען דערפון צו ציהען, עס מיינט

לערנען צוליעב לערנען, לערנען אום ניט צו שפייזען דערמיט דעם גוף נאָר צו שפייזען די נשמה, צו מאַכען דעם מענשען איידעלער, בעסער, מענשליכער. עס מיינט די העכסטע מדרגה פון דאס וואס מען רופט אין די מאָדערנע לשונות קולטור. די אידען זיינען די קולטיווירטעסטע פאָלק וואס איז ארומגעגאנגען אויף גאָט'ס ערד. דער סוד דערפון איז ל ע ר נ ע ן.

עס טרעפט אמאָל אז א מענש קען זיך דערהייבען צו א הויכע מדרגה אפילו אז ער קען ניט לערנען אויב נאָר זיין הארץ איז גרויס און זיין כונה איז גרויס. דערצעהלט מען א מעשה: איינמאָל האָט א ישוב'ניק געבראכט יום כפור אין שוהל זיינעם א אינגעל וואס האָט אפילו די אותיות ניט גע־וואוסט. ווען דער עולם אין שוהל איז צופלאקערט געוואָרען אין דאווענען האָט דעם ישוב'ניק'ס אינגעל ארויסגעכאפט פון קעשענע א פייפעל און האָט מיט אַלע זיינע כחות געגעבען א פייף. אַלעמען אין שוהל האָט פערדראָסען דער חלול הקודש, אבער דער בעל־שם וועלכער האָט געדאווענט אין יענער שוהל איז אריין אין גרויס שמחה און האָט געזאָגט אז אַלע תפלות זיינען שוין אָנגעקומען אויפ'ן הימעל, ווייל דער פייף פון אונוויסענדען אינגעל וואס איז געקומען פון זיין טיעפען הארצען, ווייל אנדערש האָט ער ניט געקענט אויסדריקען זיין שבח צו גאָט, האָט דורכגעשפאָלטען אַלע הימלען און האָט מיט זיך מיטגעריסען אַלע תפלות.

דאס איז א וואונדערשעהנע געשיכטע, וועלכע באראַק־טעריזירט איינע פון די פּאָעטישע זייטען פון חסידות, אבער זאָל גאָט שומר ומציל זיין אז אַלע אידען זאָלען ניט קענען מעהר ווי פייפען צו השם יתברך. און זאָל גאָט שומר ומציל זיין אז דאס גאנצע פאָלק זאָל בעשטעהן פון פרומע עמי־הארצים. האָט מען שוין ביי אידען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק געזאָגט אז אן עם הארץ קען פרום ניט זיין, דאס הייסט, אז זיין פרומקייט האָט קיין בעדייטונג. און ווי ריכטיג דאס איז געזאָגט געוואָרען! מיר זיינען אן אויס־ערוועהלטע פאָלק ניט דערפאר וואס מיר זיינען פרימער פון אַלע נאציאָנען נאָר דערפאר וואס מיר האָבען א תורה, דערפאר וואס מיר לערנען. און מיר האָבען אויסגעהאלטען

דעם קאַמפּף מיט דער גאַנצער וועלט צוויי טויזענד יאָהר און מעהר, ניט בלויז צוליעב אונזער פרומקייט נאָר אויך, און אפשר נאָך מעהר, צוליעב דעם ווייל מיר האָבען גע־לערנט.

און דאס איז געווען די אידעע פון גאון׳ס תלמיד ר׳ חיים וואלאזשינער! וועהרענד דעם בעל־שם׳ס תלמידים האָבען געזוכט צו פערפעסטיגען דאס יודענטהום און דאס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן וועלכע איז אָנגעגריפען געוואָרען פון די משכילים, דורך איין טהייל פון יודענטהום: פרומ־קייט, פּאָעטישע התלהבות און פילאָזאָפישע שטימונגען, איז ר׳ חיים געקומען פארפעסטיגען דאס יודענטהום און דאס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן דורך אן אנדער טהייל פון יודענטהום — דעם אלטען אויספּרובירטען מיטעל פון לערנען תורה.

ר׳ חיים זאָגט: די (חסידים) וואס ווילען זיך דערנעהנ־טערן צו גאָט, האָבען אויסגעקליבען פאר זיך א וועג צו מאַ־כען דעם עיקר פון זייער לערנען אין ספרים פון פרומקייט און מוסר נאָכאַנאַנד און זיי מאַכען ניט פאר׳ן עיקר דעם עסק אין דער תורה הקדושה אין תנ״ך, אין א סך הלכות — און עס שיינט ניט אויף זיי די ליכט פון דער תורה, זאָל זיי גאָט מוחל זיין, זייער כונה איז א גוטע אבער דאס איז ניט דער וועג ווי מען קען קומען צו דער ליכט פון דער תורה.

ר׳ חיים גלויבט אז פרומקייט און מאָראַל דארף מען ניט זוכען דורך קיין אנדער וועג ווי דורך לערנען אין דער תורה. דאס איז א קוואַל פון וואנען עס ווערט געשעפּט אַלעס, אי מאָראַלישע פּרינציפּען, אי גרויסע התלהבות, אי פּאָעטישע שעהנקייט. ר׳ חיים זאָגט: די תורה איז דאס לעבען פון אונזער נשמה, און אונזער וועלט שטעהט אויף דאס וואס מיר ריידען אין דער תורה און מיר שטודירען אין איהר און איבערהויפּט זייט מיר זיינען פערטריבען געוואָרען פון אינ־זער לאַנד און מיר האָבען אַלעס פערלאָרען, איז דאָך אונז קיין אנדער זאַך ניט געבליבען ווי דאס לערנען אין דער תורה.

אין דיזע ווערטער האָט ר׳ חיים דורכגעדרונגען ביז צום טיעפסטען גרונד פון אונזער נאַציאָנאַלען עקזיסטענץ. אויב דאס לערנען איז וויכטיג פיר אַלע מענשען איז עס פאר

אידען נאָך וויכטיגער, ווייל אין אונזערע ספרים האָבען מיר אונזער איינציגע פעסטונג. ווערהענד דאס נאַציאָנאַלע לע־בען פון אנדערע פעלקער איז פערקערפערט אין פיעלע זאכען איז עס ביי אונז פארקערפערט אין אונזערע ספרים אויף וועלכע דאס גאנצע אידישע לעבען איז געבויט.

דורך דאס לערנען אין די ספרים פארבינדען מיר זיך מיט די פריהערדיגע דורות. די איינהייט פון דער אידישער נאַציאָן איז געשאפען דורך די איינהייט פון די ספרים. ווען איהר האלט אין האנד א גמרא און איהר לערנט וואס עס האָט געזאָגט רבי עקיבא און רבי מאיר ווערט איהר מיט זיי צוזאמענגעגאָסען אין איין גאנצע זאך און איהר פיהלט אז איהר לעבט־איבער מיט זיי די אמאָליגע צייטען און זיי לעבען־איבער מיט אייך די היינטיגע צייטען. ווען איהר הערט קריאת התורה שבת אין שוהל און איהר שטעלט זיך פאָר אז טויזענדער יאָהרען זיינען דיזעלבע ווערטער געזאָגט געוואָרען פאר אידען, קריגט איהר ניט ווילענדיג דעם בע־גריף און די איבערצייגונג וועגען די אייביגקייט פון דער אידישער נאַציאָן.

און איינע פון די הויפט־גבורות פון די אידישע ספרים ליעגט דוקא אין דער ווידערהאָלונג. ווען איהר לעזט אי־בער צום ביישפיעל א שעהנעם געדאנק, געהט ער מאָרגען, איבערמאָרגען, איבעראכטאָג, ארויס פון אייער מחשבה און איהר האָט ניט דערפון די נוצען וואס איהר וואָלט דערפון געהאט ווען דער געדאנק וועלכען איהר האָט געלעזען וואָלט געבליבען אייער אייגענטהום. נעהמט אבער דעמזעלבען גע־דאנק וואס איהר האָט איינמאָל געלעזען און לערנט איהם איבער פינף, צעהן, צוואנציג אָדער פופציג מאָל און איהר וועט פיהלען ווי ער זינקט אריין אין אייערע ביינער, ער ווערט איינגעגעסען אין אייער נשמה, ער ווערט א טהייל פון אייער "איך". דאס וואָרט לעבט אין אייך. די מאָאס פון קולטור פון א מענשען איז ניט אבהענגיג אין א סך לעזען נאָר אין דעם ווי ווייט ער האָט פארדייהט דאס געלעזענע און דאס איז דער סוד וואס אין דעם גהעטאָ זיינען געשטאַ־נען די אידען אזוי הויך קולטורעל בלויז מיט די ספרים וועלכע זיי האָבען געהאט. זיי האָבען די ספרים דורכגעלעבט

און דורכגעפיהלט און האָבען פון זיי ארויסגענומען גאַנצע וועלטען מיט קולטור.

א סך ספרים זיינען געשריבען געוואָרען ביי אידען אין די פיער טויזענד יאָהר פון דער אידישער געשיכטע אבער דער חוש פון פאָלק האָט געוואוסט אויסצוקלייבען וועלכע ספרים מען דאַרף לערנען, וועלכע מען דאַרף ווידערהאָלען, וועלכע עס זיינען וויכטיג מען זאָל זיי מאַכען אלס א טהייל פון דער אידישער זעעלע. און ווען עס איז פאַראַן א אידישעס לעבען קומט עס דערפון וואס אַלע אידען האָבען געטרונקען פון דיזעלבע קוואַלען, וואס אידישע קינדער פון איין ברעג וועלט ביז דער אַנדערער האָבען ווידערהאָלט דיזעלבע ווער־טער אין דיזעלבע ספרים. עס קומט דערפון וואס די גרעסטע מענשען האָבען געלערנט דיזעלבע ווערטער וואס קינדער האָבען געזאָגט, וואס דער ווילנער גאון למשל האָט נאָכאַנאַנד ווידער אָנגעהויבען די מסכת ברכות וועלכע קליינע קינדער לערנען. ער האָט עס געלערנט העכער, טיעפער, ער האָט פון דאָרטען מעהר געשעפּט ווי דער געוועהנליכער לערנער, ווייל נעהמען נעהמט יעדער פון דאס געשריבענע וואָרט לויט זיינע אייגענע כחות, און עס איז נאָך ניט געווען פיליכט קיינמאָל צוויי מענשען וואס זאָלען ביידע ארויסנעהמען פון א וואָרט פונקט דיעזעלבע מאָאס בעגייסטערונג, שטימונג, א. ז. וו. אבער דורך דעם וואס אַלע האָבען געלערנט דיזעלבע ווערטער אין די ספרים, זיינען צוגעבונדען געוואָרען אַלע מיטגליעדער פון דער אידישער נאַציאָן אין איין קערפּער.

און נאָכמעהר : וואס מעהר מען לערנט אַלץ טיעפער ווערען די ווערטער, די גרויסע מענשען לייגען אריין נייע כונות אין אַלטע ווערטער און זיי ציהען זיי ארויס ווייט און ברייט איבער די גרעניצען וועלכע זיי האָבען אין אָנפאַנג געהאַט. דיזעלבע ספרים ווערען אַלע מאָל רייכער אין בע־דייטונג וואס מעהר דורות עס לערנען אין זיי און ווידער־האָלען זיי און זינקען אין זיי אריין זייערע נשמות.

לערנען איז געווען דער קאַמפּפס־רוף פון ר׳ חיים וואָ־לאָזשינער, ניט א קאַמפּפס־רוף געגען חסידות נאָר א קאַמפּפס־רוף צו רעטען דאס יודענטהום אין דעם דור פון השכלה, און ער האָט געגרינדעט וואָלאָזשינער ישיבה.

צוויי ארמייען—איין צוועק

ווי צוויי ארמייען וואָס מאַרשירען ארוים פון צוויי פונק־טען און קומען זיך צוזאמען ווען זיי אטאקירען דעם שונא מיט איין מאָל אויף צוויי זייטען, אזוי זיינען זיך צוזאמענ־געקומען די תלמידים פון רבי ישראל בעל שם טוב מיט די תלמידים פון ווילנער גאון אויף איין פונקט ווען זיי האָבען אָנגעגריפען דעם שונא, די תלמידים פון מאָזעס מענדעלסאָן מיט איין מאָל פון צוויי פראָנטען.

ביידע מחנות, די חסידישע פון גאַליציען, אוקראַינא און פוילען און די מתנגדישע פון ליטא האָבען געהאט איין צוועק — צו בעקעמפּפען די אלעס פארניכטענדע השכלה, צו בעשיצען דאָס יודענטום פון פארניכטונג און די אידישע נאציאָן פון אונטערגאנג. וואָרום וועהרענד די חסידים האָבען ביטער געקעמפּפט געגען מענדעלסאָן׳ס תלמידים וואָס זיי־נען געקומען אין גאַליציען צו איינפלאַנצען השכלה מיט דעם כח פון דער רעגירונג, האָט ר׳ חיים וואָלאָזשינער זיך גע־שטעלט מיט אלע כחות געגען דעם וואונש פון דער רוסישער רעגירונג וועלכע האָט געוואָלט מיט געוואלד ארויפוואַרפען די השכלה אויף אידען, זעלבסטפערשטענדליך ניט פון אידי־שע טובה וועגען נאָר צוליב דעם צוועק פון אַסימילאַציאָן. ווי עס איז בפירוש געשריבען אין דעם בריעף וואָס אואווראוו, דער רוסישער מיניסטער פון בילדונג האָט שפּעטער געשרי־בען צו ניקאָלאַי דעם ערשטען אז דער עיקר פון דער ארבייט צו פארשפּרייטען השכלה צווישען אידען איז אז זיי זאָלען פערגעסען דעם תלמוד און צו דיזען צוועק דארף מען איינפיהרען העברעאיש און דקדוק אין די אידישע סקולס אום מען זאָל דורכדעם פּטור ווערען פון דעם תלמוד...

אויף דער דאָזיגער פעראייניגונג פון די אידישע משכילים מיט די טשינאָווניקעס פון דער רעגירונג געגען דעם תלמוד

האָט ר׳ חיים וואָלאָזשינער געענטפערט מיט דעם שאַפען
פון א ישיבה וועלכע איז געווען א מוסטער פאר פיעלע
ישיבות, וואו אלע קרעפטען זיינען געווידמעט געווען פאר
תלמוד. אין דער שאַפונג פון ישיבות האָט די השכלה געפו־
נען אן אייזערנע וואַנד וועלכע זי האָט ניט געקענט איינ־
ברעכען. אן דער קליינער שטעדטעל וואלאזשין און אין די
אנדערע שטעדטלאך וואו ישיבות זיינען געגרינדעט געוואָ־
רען, און וואו דער קול פון תורה האָט געקלונגען פיער און
צוואנציג שעה אין מעת לעת זיינען צוקלאַפּט געוואָרען די
קוילען וואָס זיינען געשאָסען געוואָרען פון בערלין אויפ׳ן
יודענטום. אין דער שטימע פון יונגע לייט מיט פייערדיגע
אויגען וואָס זיינען געשטאנען ביי סטענדערס און האָבען
געלערנט די אלטע צוויבער־זווערטער איז דערטרונקען געוואָ־
רען די שטימע פון לצנות און נארישע גאָטלעסטעריי פון די
ערשטע משכילים וועלכע האָבען געוואָלט צושמעטערען
אלעס וואָס איז ביי אידען געבליבען.

צווישען ביידע מחנות איז געווען א געוויסער אונ־
טערשיעד אין מעטאָדען, אָבער עס איז קיין אונטערשיעד
ניט געווען אין דעם צוועק, און עס איז ניט געווען קיין אונ־
טערשיעד אין פּרינציפּ. ביידע זיינען געשטאנען גלייך
אויף דעם פונדאַמענט פון גלויבען אָהן וועלכעס דאָס יודענ־
טום קען ניט עקזיסטירען. די מאָאָס פון גלויבען קען זיין
פערשיעדען און איז שטענדיג געווען פערשיעדען אין דער
אידישער געשיכטע, עס זיינען פאראן גרעסערע מאמינים
און קלענערע מאמינים. דאָס הייננגט אָב אין כאראקטער,
אין טעמפּעראמענט (די מאָאָס פון גלויבען למשל פון רמב״ם
און פון ר׳ יהודה החסיד איז ניט דיזעלבע) אָבער זיכער איז
אז דער יסוד פון יודענטום איז שטענדיג געווען ביים אידי־
שען פאָלק: אמונה.

ר׳ חיים וואָלאָזשינער און ר׳ שניאור זלמן, די צוויי אָנ־
פיהרער פון די צוויי מחנות, זיינען ביידע געשטאנען אויף
דעמזעלבען יסוד פון אמונה. דער ערשטער האָט געגלויבט
מיט דערזעלבער קראַפט און מיט דערזעלבער פאַטעטישער
בעגייסטערונג ווי דער לעצטער, ער האָט געגלויבט אז אלע
וועלטען האלטען זיך אויף די ריינע מחשבות און גוטע מעשים

פון דעם מענשען, אז אויב א מענש רעדט ניעדריגע דבורים און האָט אין זינען שלעכטע מחשבות און טהוט שלעכטע מעשים מאכט ער חרוב דערמיט גאנצע וועלטען. ער גלויבט באמונה שלמה אז אויב מען זאָל חס ושלום אויפהערען צו לערנען אין דער תורה אפילו איין רגע ממש וועלען פיעלע וועלטען חרוב און בטל ווערען, און יעדער איד האָט בכח צו אויפהאלטען אלע וועלטען אין דעם יוניווערזום דורך זיין לערנען תורה לשמה. און דערפאר פלעגט ער אליין לערנען נאָך יום כפור ווען אלע זיינען מיעד פון תענית ביז צוועלף בייננאכט מחמת ער האָט ניט געוואָלט אז מען זאָל אויפהער־רען לערנען אפילו א מינוט. אזוי טיעף און אזוי שטארק איז געווען די אמונה פון דעם מאַן וועמעס העכסטער און איינציגער אידעאל איז געווען: תורה.

און פונקט וויביידע צדדים זיינען געווען פעראייניגט אין דעם ענין פון גלויבען, אזוי זיינען זיי אויך געווען איינס. נאָך אלעמען, אין דעם ענין פון לערנען. די חסידים האָבען ניט מבטל געווען לערנען אזוי ווי די מתנגדים האָבען ניט מבטל געווען פרומקייט. ר׳ חיים וויטאל, איינער פון די גרעסטע מקובלים פון וועמען דאָס חסידות האָט געשעפט, האָט געזאָגט אז אויב אימיצער האָט אפילו געטהאָן אלע מעשים טובים נאָר ער לערנט ניט, האָט ער ניט קיין חלק לעולם הבא. דער אונטערשיעד איז נאָר געווען אויף וועלכע פון דיזע צוויי זייטען פון יודענטום מען האָט געלייגט מעהר געוויכט. די חסידים האָבען געלייגט געוויכט מעהר אויף די ערשטע און די מתנגדים אויף די צווייטע. אין דעם גרונד אָבער זיינען זיי ביידע געווען איינפערשטאנדען. די בע־הויפטונגען פון די נייע אויסטייטשער פון חסידות, די שריי־בער וואָס זיינען שוין אליין ווייט פון יודענטום, אז חסידות איז דער בלוט־שונא פון דעם תורה־יודענטום, אז דאָס לעצ־טע איז "טרוקען" און אז חסידות איז כמעט אן אנדער אמונה — דיזע אלע בעהויפטונגען זיינען גרונד־פאַלש. עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין אונטערשיעד צווישען ביידע מחנות און עיקרים. ביידע זיינען געווען פרום, האָבען זיך געפיהרט אין דמזועלבען סאָרט אידישקייט און זיינען געווען מיעף נאַציאָנאַל.

ביידע זיינען געשטאנען אויף דעמזעלבען אַל־וויכטיג־סטען שטאַנדפונקט אז אידען דארפען זיך ניט קימערן אום צו געפעלען ווערען דעם גוי נאָר זיי דארפען שעפען זייערע כחות פון אינעווייניג. ביידע האבען אוועקגעשטעלט די אידישע קולטור העכער ווי די קולטורען פון אנדערע נאציא־נען, ביידע האבען געגלויבט מיט'ן גאנצען הארצען אז די אידען זיינען אן אויסערוועהלטעס פאָלק און אז די וועלט האט זיך פון אונז צו לערנען מעהר ווי מיר פון אנדערע. ביידע זיינען געשטאַנען געגען דעם שטאַנדפונקט פון די משכילים אז דארטען אין גוי'ישען לאַגער איז די חכמה, איז די שעהנהייט, איז דאָס ליכטיגקייט, איז די פאָלקאַ־מענהייט און אז מיר דארפען זיך מענשלען ביי זיי אויף יענער זייט פון גרענעץ. וועהרענד די השכלה האט אוועק־געשטעלט די גוי'ישע קולטור אלס דער צענטער פון גייס־טיגען רייכטום און די אידישע קולטור אין א ווינקעל האבען ביידע אידישע לאגערן וואָס האבען דער השכלה בעקעמפפט, די חסידישע און מתנגדישע, אוועקגעשטעלט דאָס יודענטום אלס די גרעסטע גייסטיגע רייכטום און האבען עס אפילו ניט געוואָלט פערגלייכען מיט אנדערע.

און די אייניגקייט וואָס עס איז געווען אין ביידע לאַגערן אין דיזען גרויסען און וויכטיגען עיקר פון אלע עיקרים, אן עיקר אין וועלכען עס הייגגט אָפּ דאָס לעבען פון דער אידי־שער נאַציאָן, איז פיעל וכטיגער ווי די קלייניגקייטען אין וועלכע ביידע לאַגערן זיינען ניט געווען איינשטימיג.

ביידע מחנות שטעהענדיג אויף דעמזעלבען נאַציאָנאַ־לען גרונד זיינען זעלבסטפערשטענדליך געשטאַנען אויף איין גרונד אין בעצוג צו ארץ־ישראל. ביי ביידען איז ארץ־ישראל געווען דער צענטער פון גאנצען אידישען לעבען, דער יסוד פון אלע יסודות אין דער אידישער פערגאנגענהייט און אין דער אידישער צוקונפט.

מיר האָבען געזעהן אין אונזערע פריהערדיגע בעטראַכ־טונגען ווי אזוי די ערשטע פיהרער פון די חסידים האבען זיך בעצויגען צו ארץ־ישראל. פונקט אזוי האבען זיך בע־צויגען צו ארץ־ישראל ר' חיים וואָלאָזשינער און זיינע תלמידים. ער און זיינע חברים, די תלמידים פון ווילנער

גאון, האָבען זיך גענומען צו פערשטארקען די זאמלונגען פאר ארץ־ישראל דורך די קופּת רמב"ן וועלכע איז שוין א צייט פריהער געווען דער פערבאנד וואָס האָט פעראייניגט די אידען פון גלות מיט די אידען פון ארץ־ישראל. דאָס איז געווען די ארבייט וואָס האָט דערמאָהנט די אידען וועגען דער אידישער לאנד, און איינע פון די אויפגאבען פון די פּיה־רער פון די מתנגדים איז געווען צו איינאָרדנען און פאר־גרעסערען די זאמלונגען פאר ארץ־ישראל אום אז דער ישוב אין דער הייליגער לאַנד זאָל וואקסען. אויף דיזען פעלד זיינען זיך צוזאמענגעקומען די חסידישע רביים מיט די מתנגדישע גאונים־רבנים. ווערהענד די נשמה פון די משכילים איז געווען אין בערלין און אין פּאריז, איז די נשמה פון די חסידים און מתנגדים געווען אין ירושלים און אין צפת!

* * *

אָבער דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע פון אלעס איז וואָסביידע מחנות, די חסידישע און די מתנגדישע, שטעהען פעסט פאר די מצוות, די פשוט'ע מצוות אָדער טאָג־טעגליכע אידישקייט וועלכע די משכילים, די רעפאָרמער און אנדערע האָבען מבטל געווען. און דאָ קומען מיר צו דער הויפּט־פראגע, צום צענטראלען פונקט פון אלע אונזערע בעטראַכ־טונגען. מיר זיינען געקומען צו דער לעבענספראגע פון דער אידישער נאַציאָן:

קענען אידען בלייבען אידען אָהן די מצוות המעשיות, אָהן דעם פראקטישען טהייל פון יודענטום אין וועלכען אלעס וואָס איז אידיש איז פארקערפּערט?

אין דעם ענטפער אויף דיזער פראגע היינגט־אָב די גאנ־צע צוקונפט פון דער אידישער אומה. מיר וועלען ריידען איבער דיזער פראגע אפענע ווערטער.

קען די אידישע נאציאָן לעבען אָהן אידישקייט ?

קענען אידען בלייבען אידען ווען זיי זאָלען אוועקוואַרפען שבת, כשרות א. ז. וו.? קענען אידען בלייבען אידען אָהן די אַלע מעשים און סימנים מיט וועלכע אידען האָבען זיך אויסגעצייכענט ביז יעצט? מיט איין וואָרט: קען מען זיין אידען אָהן׳ אידישקייט?

איך בין מודה אז איך האָב געשטעלט די פראַגע פּראָסט און אפשר אויך גראָבלעך. ווען מען קומט היינט רײדען וועגען אַזעלכע זאכען פיהרט מען זיך זעהר "דעליקאַט", מען געהט ארום און ארום אויסמײדענדיג צו אָנרופען דעם קינד מיט זיין אמת׳ן נאמען, מען רעדט וועגען "טראַדיציאָנעלען יודענטהום" וועלכעס קיין מענש ווייס ניט קלאָר וואס עס מיינט, מען בענוצט אַנדערע לופטיגע אויסדריקען וואס זאָגען גאָר װעניג און מיינען וויניג, און דאָ קומט אַ איד און זאָגט ארויס דאס וואס, אמת, אַ סך מענשען האָבען אין זינען נאָר קיינער האָט ניט דעם מוטה צו זאָגען מיט די ליפּען דאס וואס די הארץ קלעהרט!

אבער איך האָב זיך אונטערנומען ווען איך בין צוגעטרעטען צו טרייבען דיזען בוך, צו דיסקוטירען אַזעלכע זאכען וועלכע אַנדערע האָבען ניט געוואָגט צו בעריהרען און איך וועל מיין וואָרט האַלטען. דאס איז דאָך אַ פראַגע וואס ריהרט אָן ביז׳ן גרונד פון דעם עקזיסטענץ פון דער אידישער נאַציאָן. איך וועל דאַרום שטעלען די פראַגע מיט איהר גאַנצע שאַרפקייט:

לאָמיר זיך פאָרשטעלען אז די אידען פון פוילען, פון ליטא, וועלען אויפהערען אין גאַנצען אהער צו קומען, און לאָמיר זיך פאָרשטעלען אז מיינע און אייערע אייניקלאך— לאָמיר בעסער זאָגען אור־אייניקלאך אום עס זאָל ניט אזוי

שארף און ביטער קלינגען — וועלען ניט וויסען פון קיין שבת, וועלען ניט וויסען פון קיין כשרות, וועלען ניט קענען דאוונען א. ז. וו. און אין זייערע הייזער וועט ניט זיין קיין סימן פון אידישקייט, וועט מען קענען אונטער אזעלכע אומ־שטענדען זאָגען אז עס איז פאראן א יודענטהום אין אמע־ריקא? און וועט מען דאן קענען זאָגען אז די אידישע נאַ־ציאָן לעבט אין אמעריקא? און ווי לאנג קען אזא לעבען אנהאלטען?

איך ענטפער דערווייל ניט אויף דיזע פראגען, איך פרעג נאָר. און ווען איך זאָג אמעריקא מיין איך עס נאָר אלס ביישפיעל ווייל די פראגע געהט אויף די אידען פון אנ־דערע הויך־ציוויליזירטע לענדער, פונקט ווי עס געהט אויף אמעריקא און עס וועט אויך געהן אויף יענע לענדער וואס זיינען נאָך היינט ניט הויך־ציוויליזירט נאָר זיי וועלען עס פריהער־שפעטער ווערען, און די אומשטענדען וועלען דאן דאָרטען זיין אזעלכע ווי עס זיינען יעצט די אומשטענדען אין די לענדער וואס האָבען שוין עררייכט א הויכע שטופע פון ציוויליזאציאָן.

אלזא קורץ: קען זיין א יודענטהום, א אידישעס לעבען, א אידישע נאציאָן אָהן אידישקייט? שוין א הונדערט און פופציג יאָהר ווי די פראגע שטעהט פאר אידען, זי ווערט אלע מאָל שארפער און די תשובות וואס זיינען אויף איהר געגעבען געוואָרען זייט מענדעלסאָן׳ס תלמידים ביז היינט זיינען פערשידען. מיר וועלען בעטראכטען אָט דיזע אלע תשובות, ווייל עס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך אז קיין מענש קען ניט זאָגען זיין מיינונג און ער קען ניט האָבען קיין אידעע וועגען די צוקונפט פון אידען אלס נאציאָן אין די גלות־לענדער איידער ער איז פארטיג מיט דיזער פראגע וועלכע איז באמת די האמלעטישע שאלה פון זיין אָדער ניט זיין, פאר דער אידישער אומה.

* * *

די ערשטע וואס האָבען בעטראכט די פראגע, אָדער ריכטיגער, וואס האָבען די פראגע אויפגעוועקט, זיינען גע־ווען טאקע די משכילים פון דער בערלינער עפאָכע נאָך מענדעלסאָן. זיי האָבען גע׳פסקנ׳ט אז ניט נאָר דארף מען

ניט מורא האָבען אוועקצואוואַרפען די מצוות המעשיות (פיר וועלכע מענדעלסאָן אַליין איז יא געשטאַנען) נאָר מען זאָל עס אוועקוואַרפען און דערמיט וואס מען וועט דערפון פּטור ווערען וועט מען נאָך האָבען אַ שעהנערען יודענטהום, ווייל די דאָזיגע פּראַקטישע אידישקייט אָדער פּשוט'ער געזאָגט, די אַלע מצוות מיט וועלכע דער איד איז ארומגערינגעלט, איז ניט מעהר ווי אַ לאַסט וואס שלעפּט דעם הימלישען יודענטהום ארונטער.

דאס יודענטהום — האָבען זיי גע'טענה'ט — בעשטעהט אין די הויכע אידעאַלען פון מענשליכקייט און ברידערליכקייט און אין די אַנערקענונג פון מאָנאָטעאיזם (אחדות הבורא). אָט דאס איז דאס יודענטהום, דאס איז די האַרץ און דער עיקר פון דעם אידישען גלויבען. די אַנדערע זאַכען — די פּראַקטישע אידישקייט — זיינען איבריג, דאס איז אַ געטאָ־יודענטהום וועלכעס מען דאַרף איבערלאָזען צוזאַמען מיט די גאַנצע אַלטוואַרג פון מיטעלאַלטער. דאס יודענטהום איז אַ פילאָזאָפישער בעגריף און אַלס אַזעלכער דאַרף עס בלייבען און דאס דאַרף ניט אויסגעמישט ווערען מיט דאס וואס מען רופט אידישקייט וועלכעס האָט קיין בעדייטונג געגען די הויכע רעיונות פון אידישען גלויבען.

דאס איז דער אורטהייל איבער די מצוות המעשיות פון די השכלה־טרעגער. זעהר עהנליך צו דיזען אורטייל איז באַלד געקומען דער אורטהייל פון די רעפאָרמער, וועמעס דירעקטע אויפגאַבע עס איז געווען די פּראַקטישע אידישקייט אָבצושאַפען. די רעפאָרמער האָבען פּערוואָרפען ניט נאָר דעם תלמוד נאָר אַלע דינים און מנהגים לויט וועלכע אידען האָבען זיך געפיהרט, אַנגעבענדיג אונגעפעהר דיזעלבע אַרגומענטען ווי די משכילים נאָר מיט אַ ביסעל אַנדערע אויסטייטשינג.

דאס יודענטהום — האָבען די רעפאָרמער גע'טענה'ט און טענה'ן היינט אויך — איז אַ רעליגיאָן פון גערעכטיגקייט וואס וויל ברינגען בעסערע בעציהונגען צווישען מענשען און געזעצע פון יושר אין דער געזעלשאַפט. אַלע אַנדערע זאַכען — די מצוות — האָבען ניט קיין בעדייטונג און עס איז שוין לאַנג אוועק די צייט ווען מען זאָל זיך

דערמיט קימערען. די אויפגאבע פון אידען איז צו זיין די שלוחים, די אגיטאטארס צווישען די פעלקער, פאר די אידעען פון גערעכטיגקייט. קיין אנדער אויפגאבע האבען זיי ניט. און צו פערשטארקען זייער מיינונג האבען זיי געבראכט דעם בעקאנטען ווארט פון הלל וועלכער האט געענטפערט דעם גר אז: דער עיקר פון דער תורה איז: ״דאס וואס דו ווילסט ניט אז מען זאל דיר טהאן זאלסטו יענעם ניט טהאן״, עס הייסט אלזא אז דאס גאנצע יודענטהום בע־שטעהט אין דער אידעע פון גערעכטיגקייט. די נביאים — האבען די רעפארמער געזאגט — זיינען געווען סאציאלע רעפארמער און ווען זיי זיינען ארויסגעטרעטען געגען קרבנות האבען זיי דערמיט געמיינט אלע מצוות וועלכע מען דארף ניט האבען.

און וואונדער איבער וואונדער! די נאציאנאליסטען וועלכע זיינען א פאלשטענדיגער קאנטראסט געגען די משכילים און די רעפארמער אין בעצוג צו אסימילאציאן שטימען אבער איין מיט די משכילים און רעפארמער אז די מצוות זיינען ניט וויכטיג. זיי געהען ניט אזוי ווייט ווי די רעפארמער צו בעקעמפפען דאס וואס מיר רופען אן פראק־טישע אידישקייט, זיי האלטען אבער צוזאמען מיט יענע אז די מעשים און די פיהרונגען פון די אידען אין הויז און אין גאס, אין שוהל און אומעדום, איז ניט קיין וויכטיגער עלעמענט אין יודענטהום. אלענפאלס קען מען זיך — לויט זייער מיינונג — גאנץ שעהן בעגעהן אהן דעם.

אין דעם האט זיך ארויסגעצייגט דער טהייל השכלה וואס איז נאך געבליבען ביי די נאציאנאליסטען. ווערהענד די נאציאנאליסטען האבען ערקלעהרט קריעג דער אסימי־לאטארישער השכלה און זיינען אוועק אין א וועג וואס איז פונקט דער היפך פון דעם וועג אויף וועלכען די משכילים זיינען געגאנגען — די משכילים שטרעבענדיג צו אסימי־לאציאן און די נאציאנאליסטען שטרעבענדיג צו פארפעס־טיגען די עקזיסטענץ פון אידישען פאלק אויף אייביג — האבען אבער די נאציאנאליסטען ניט געקענט אין גאנצען בעזיעגען אין זיך די ירושה פון דער השכלה צו וועלכער זיי האבען פריהער בעלאנגט און זיי זיינען געבליבען אין בעצוג

צו דער גרויסער פראגע וועלכע מיר פערהאנדלען דא, די פראגע פון "אידישקייט" אויף דעם שטאנדפונקט פון די משכילים און רעפארמער.

די נאציאנאליסטען בעהויפטען — מיר האבען אין זינע דעם גרעסטען דענקער און טעארעטיקער פון די נאציאנא־ליסטען "אחד העם" — אז דאס יודענטהום איז ניט מעהר און ניט ווענינער ווי די נאציאנאלע אידעע פון אידישען פאלק. דער עיקר פון אלע עיקרים אין דער עקזיסטענץ פון "לאומיות", דאס וואס עס איז נויטיג צו די לאומיות איז ארץ ישראל און די הברעאישע שפראך. אלע אנדערע זאכען זיינען מיט'ן אידישען נאציאנאליזמוס ניט פערבונדען און ממילא איז צווישען דעם אידישען נאציאנאליזמוס און דאס פראקטישע אידישקייט אדער מצוות המעשיות ניטא קיין שייכות, א איד קען זיין דער גרעסטער נאציאנאליסט, דאס הייסט לויט דעם בעגריף פון די נאציאנאליסטען: דער בעס־טער איד, און ניט האבען קיין שום פערבינדונג מיט די אי־דישע פיהרונגען לויט וועלכע דאס אידישע פאלק האט ביז יעצט געלעבט. קורץ: דאס וואס מען רופט געוועהנליך אי־דישקייט איז ניט קיין טהייל פון דעם נאציאנאלען יודענ־טהום ווי די ריינע נאציאנאליסטע טעארעטיקער שטעלען זיך פאר.

עס פעהלט אויך ניט אין דער אידעאלאגיע פון די נא־ציאנאליסטען דאס בערופען זיך אויף די נביאים, ריכטיג ווי מיר זעהען עס ביי די משכילים און ביי די רעפארמער, זעלבסטפערשטענדליך מיט דעם אונטערשיעד אז וועהרענד די ערשטע צוויי פערשטעהען די נביאים אין אן אסימילא־טארישען וועג, פערשטעהען זיי די נאציאנאליסטען אין א נאציאנאלען וועג. די נאציאנאליסטען שטעהען אבער צוזא־מען מיט די משכילים און רעפארמער דערמיט וואס אונטער דער טענה: לאמיר זיך אומקעהרען צו די נביאים מיינט עס: לאמיר איבערהיפען דעם גלות־יודענטהום מיט זיין פראקטישע אידישקייט פון דינים און מנהגים און זיך אומ־קערען צו א צייט ווען דאס איז נאר ניט געווען פארפעסטיגט אין דעם לעבען פון אידישען פאלק. ווען איך זאג נאציאנא־ליסטען מיין איך די וועמעס אידעען זיינען פערטראטען אין

דער מאַיאָריטעט פון די נאַציאָנאַליסטישע דענקער, טעאָ־רעטיקער, שריפטשטעלער און ערציהער.

וואס, אַלזאָ, איז אונז קלאָר געוואָרען פון דאס פריהער־דיגע ?

עס איז אונז קלאָר געוואָרען אַז אויף דער פראַגע : קע־נען אידען בלייבען אידען אָהן אידישקייט האָבען שוין דריי פּאַרטייען — אויב מען קען עס אַזוי אָנרופען — געגעבען א תשובה אויף : יאָ.

די אַלע דריי פּאַרטייען, טראָץ די אונטערשיעדע צווישען זיי, זיינען אבער אַלע מסכים אַז דאס יודענטהום קען שטעהן אויף זיין הויפּט־רעיון, אויף דעם גרונד־אידעאַל, און דאַרף ניט קיין מצוות. ביי די משכילים איז דער רעיון פון יודענ־טהום : מענשהייט ; ביי די רעפאָרמער איז עס : גערעכטיג־קייט ; ביי די נאַציאָנאַליסטען איז עס : דער נאַציאָנאַלער געדאַנק. אַלע דריי זיינען מודה אַז דער רעיון, דער אידעאַל, דער הויפּט־פּרינציפּ נויטיגט זיך ניט אַז ער זאָל פערקער־פערט ווערען אין מצוות חוקים און משפטים וועלכע זיינען ביז יעצט בעטראַכט געוואָרען אַלס דער פונדאַמענט אויף וועלכעם דאס לעבען פון דער אידישען נאַציאָן האַלט זיך.

עס איז אויך קלאָר געוואָרען אַז אַלע דריי אויבענגע־בראַכטע פּאַרטייען בויען שטאַרק אויף ניט קיין קלענערע אויטאָריטעטען ווי די נביאים.

עס איז דארום פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אַז בעפאָר מיר געהען אונטערזוכען די ריכטיגקייט אָדער אונריכטיג־קייט פון דער תשובה וואס די דריי פּאַרטייען האָבען אונז געגעבען אויף דער פראַגע, זאָלען מיר זיך אָבשטעלען אויף א וויכטיגער שאלה : האָבען באמת די נביאים בעקעמפּפט די געזעצע און פּאַרשריפטען פון דער אידישער רעליגיאָן ? זיינען באמת די נביאים געווען געגען אידישקייט ?

זיינען די נביאים געגען אידישקייט?

די אָרימע נביאים! וויפיעל פאַלשע כוונות וואס זיי האָבען קיינמאָל ניט געמיינט האָט מען עס אריינגעלייגט אין זייערע ווערטער! וויפיעל ניט־ריכטיגע אויסטייטשונגען האָט מען עס געגעבען צו דאס וואס איז ארויס פון זייער מויל!

רעדט מיט די רעפאָרמער וואס האָבען אויסגעשפרייט אַ בריק וואס זאָל אוועקפיהרען דעם אידען צו אַסימילאַציאָן און זיי וועלען אייך זאָגען אַז די נביאים זיינען פון זייער קלייזעל. דאַכט זיך אייגענטליך אז עס איז ניטאָ קיין גרע־סערע צוויי קאָנטראַסטען אויף דער וועלט ווי צווישען נביאים און רעפאָרם אידען. די נביאים האָבען דאָך גע־שטרעבט אז אידען און יודענטום זאָל בלייבען אויף אייביג און די רעפאָרמער טהוען אַלעס וואס זיי קענען אום אַז עס זאָל אונטערגעהן. די נביאים האָבען געוואָלט אַז די גוים זאָ־לען זיך לערנען פון אידען און די רעפאָרמער האַלטען זייער הויפּט־ציעל אַז אידען זאָלע אַלעס לערנען פון די גוים. די נביאים זיינען געוועזען די גרעסטע פּאַטריאָטען און די רעפאָר־מער לייקענען זאָגאַר אַז עס איז פאַראַן אַ אידישע נאַציאָן אויף דער וועלט און דאָך וועט איהר זעהר זעלטען הערען אַ רעפאָרם־דרשה אין וועלכע עס זאָל ניט זיין דיזער נאַרישער און פאַלשער פערגלייך.

און די אַסימילאַנטען פון כל־המינים פון די ערשטע בערלינער וואס האָבען געענדיגט אין קירכע ביז די לעצטע פון די היינטיגע צייטען, פּאַררופען זיך בסדר אויף די נביאים. לויט זייער אויסטייטשונג האָבען די נביאים גאָר געוואָלט אַז די אידען זאָלען אונטערגעהן, אַז עס זאָל פון זיי גאָר ניט בלייבען, והא־ראיה אַז זיי האָבען געזאָגט אַז די אידעע פון גאָט זאָל ווערען אויסגעשפרייט אויף אַלע מענ־

שען, אויף אלע נאציאָנען און לענדער, ובכן הייסט עס אז מען דארף גאָר ניט דאס אידישע פאָלק אלס א בעזונדער נאציאָן; די נביאים האָבען דאָך געוואָלט אז די אידעען פון יודענטהום זאָלען זיך אויסשפרייטען, זאָלען זיין יוניווער־סאַל, דארפען דערפאר די אידען ניט האלטען דאס יודענ־טהום אלס זייערע א זאַך, א נאציאָנאלע, און זיי דארפען אליין אויך ניט זיין קיין אָבגעטהיילטע פאלק נאָר זיי דאר־פען זיך אויסמישען מיט אנדערע כדי ס'זאָל זיין איין מענש־הייט און איין פעלקער אויף דער וועלט!

אזוי טייטשט אויס דער אסימילאטאָר די ווערטער פון די שעפפער, פון די גרינדער פון דער אידישער נאציאָן, פון די וואס האָבען געזאָגט אז די בערג וועלען זיך ריהרען פון זייערע ערטער און די אידישע נאציאָן וועט ניט אונטער־געהן; די מענשען וואס האָבען געזאָגט אז פון אלע ברעגען פון דער ערד וועט גאָט אויפזאמלען צוריק די קינדער פון ישראל און זיי פערפלאנצען צוריק אויף זייער לאנד! עס איז ניטאָ קיין גרונד צו פאלשקייט און ליגענס.

וואס דארפט איהר מעהר? יעדער לומפישער מיסיאָ־נערעל וואס האָט פערקויפט זיין נשמה פיר א פּאָאר דאלאר אין שטעלט זיך אין גאס דרש'ענען טאָמער וועט ער כאפען א פּאָאר אידישע נשמות, פאנגט אָן ניט אנדערש ווי פון די נביאים! די נביאים זיינען זיינע חברים געווען און האָבען געזוכט אידען אָבצו'שמד'ען! און יעדער פאמפלעטעל וועל־כען זיי צושפרייטען איז אויסגעוויקעלט אין פסוקים פון ישעיה און אנדערע נביאים! ווען די אינקוויזיטאָרען האָבען אידען געוואָרפען אין פייער האָבען זיי אויך בשעת מעשה ציטירט די נביאים. די גוים אליין האָבען שוין בעשאפען א ווערטעל וואָס צייגט ווי ווייט יעדער זוכט אויסצונוצען די נביאים פיר זייערע אייגענע צוועקען. דאס ווערטעל זאָגט: אפילו דער שטן אליין ציטירט די ביבעל ווען ער דארף עס!

איז דען א וואונדער אז אלע וואס האלטען ניט פון דאס פראקטישע אידישקייט פון די מצוות, פון די געזעצע און פאָרשריפטען פון יודענטהום האָבען זיך אויך געוואָרפען צו די נביאים צו העלפען זיך מיט זיי אין דעם קאמפף געגען אידישקייט? איז דען א וואונדער אז די וואס האָבען גע־

וואָלט פערוואָרפען דאס יודענטום און מאַכען דערפון בלויז א רעיון זיינען געלאָפען צו די נביאים אום זיי פּאַלש אויס־צוטייטשען און פאַלש צו ערקלעהרען, אום עס זאָל זיך אויס־ווייזען אז די נביאים זיינען געווען די שונאים פון מצוות אָדער ריכטיגער: די שונאים פון אידישקייט ? ! און ליידער געפינען זיך צווישען די לעצטע, צווישען די וואס זוכען ביי די נביאים א וואפען געגען אידישקייט, געגען די זיילען אויף וועלכעס עס שטעהט דאס גאַנצע אידיש נאַציאָנאַלע לעבען — ליידער, זאָג איך, געפינען זיך צווישען די וואס געהען אויף דעם געפעהרליכען וועג פון אויסטייטשען די נביאים אַלס געגנער פון אידישקייט, א זעהר גרויסער טהייל פון אונזערע נאַציאָנאַליסטישע דענקער און שריפטשטע־לער !

איך וויל ניט פּרובירען אויסשעפען דעם גאַנצען מאַטע־ריאַל וואס איז פערבונדען מיט דיזער פראַגע, איך וויל ניט נאַכגעהן אין אונזער גאַנצער נאַציאָנאַליסטישער ליטעראַטור און צייגען וואס מען האָט דאָרטען געזוכט צו מאַכען פון דיזער נביאים־טעאָריע, איך וויל נאָר ברייגגען צוויי ביי־שפּיעלע וועלכע פאַלען מיר אריין אין זינען אין דעם מאָ־מענט פון שרייבען.

א שרייבער אין העברעאיש (ש. א. האָראָדעצקי) שטעלט פאָר דאס יודענטהום אלס א זאך אין וועלכער עס קעמפּפען צוויי רעליגיאָנען. איינע רופט ער מיט׳ן נאָמען די רע־ליגיאָן פון די נביאים (״הדת של הנביאים״). אבער ניט נאָר איז פאַראַן א בעזונדערע רעליגיאָן פון די נביאים לויט זיין מיינונג, נאָר עס איז זאָגאר פאַראַן א גאָט פון די נביאים, וועלכעס איז משמעות ניט דער גאָט פון אונז, פון די פשוט׳ע אידען, פון אייער טאַטען און מאַמען, זיידעס און באָבעס.

אויסער די רעליגיאָן פון די נביאים איז פאַראַן אַן אנדער רעליגיאָן פון געזעצע, מצוות הייסט עס, ״וועלכע האָבען דערשטיקט דעם גייסט, די נשמה פון יודענטהום״, ״מען האָט גע׳גנב׳עט (ביים פאָלק) זיין גאָט (דאס הייסט דעם גאָט פון די נביאים), און אנשטאט איהם האָט מען געגעבען דעם פאָלק געזעצע״. קורץ, מען דאַרף פּטור ווערען פון דאס

פּראַקטישע אידישקייט, פון די מצוות "וועמעס צייט עס איז אריבער און זייער בעדייטונג איז פערלאָרען געוואָרען", און מען דאַרף זיך "אומקעהרען צו די נביאים".

אָט אזוי רופט אַ איד אין נאָמען פון די נביאים צו צו־שטערען, צו פערניכטען, אַלעס וואס איז אידיש! און ענדיי־גען ענדיגט ער אז אום צו עררייכען דעם דאָזיגען צוועק איז די בעסטע זאַך צו מאַכען דיזע רעפאָרם ("רפרמה־דתית") אין ארץ ישראל וואו די נביאים זיינען געבאָרען געוואָרען. די גרויסע מעלה וואס דיזער שרייבער האָט איז וואס ער בעהאַלט ניט זיינע געדאַנקען און ער זאָגט ארויס זעהר קלאָר און אָפען דאס וואס מאַנכע אַנדערע וואס דענקען ווי ער דענקט זאָגען עס ניט אזוי פשוט ארויס.

דער צווייטער ביישפּיעל איז אַ פיעל קירצערער און נעהמט אריין אין אַ פּאָאר ווערטער די גאַנצע שיטה פון ארויסשטעלען די נביאים אלס אַ קאָנטראַסט צו אידישקייט. ער קומט פון דער פעדער פון בעריהמטען דיכטער שאול טשערניכאָווסקי וועלכער קלאָגט וואס די אידען האָבען גע־נומען זייער גאָט "און האָבען איהם געבונדען אין רצועות פון תפלין". מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אז די אידען וואס היטען אידישקייט דיענען גאָר ניט דעם אלקי ישראל ווי זיי מיינען, נאָר זיי פּייניגען איהם, האַלטען איהם געפאַנ־גען הינטער די גראַטעס פון מצוות, פון וועלכע ער, כביכול, וואָלט וועלען זיך ארויסרייסען.

* * *

די וואס שטעלען ארויס די נביאים אלס געגנער פון אידישקייט אָדער פון מצוות־המעשיות בעגעהן אַ שווינדעל און ניט קיין טעות. זיי פעלשען אויף אַ זעהר גראָבען אופן דעם אמת, וואַרפען־אונטער אַ גנבה ביי יענעם אין הויז, טהוען עס אין מיטען העלען טאָג און שעהמען זיך גאָר ניט. כאָפּען זיי ביי דער מיאוס'ער מלאכה פאַר'ן האַנד איז ניט קיין גרויסער אויפטהו, אַ קינד וואס פערשטעהט העברעאיש און קען עפענען דעם תנ"ך קען עס טהאָן.

ניט נאָר האָבען די נביאים קיינמאָל ניט ארויסגעטרעטען געגען דאס פּראַקטישע אידישקייט נאָר זיי האָבען געקעמפּפט פאַר די מצוות פּונקט אזוי ווי עס האָבען געקעמפּפט דערפאַר

שפעטער די תנאים און אמוראים, די גאונים, אלע פיהרער פון דער אידישער נאציאָן אין זיין לאנגער געשיכטע.

דער גרויסער נביא ירמיה, דער געוואלדיגער נאציאָנאלער זינגער אין וועמעס פייערדיגע רייד עס ווערט אם שטאַרק־סטען אויסגעדריקט די ליעבשאַפט און די מסירת נפש צו דער אידישער אומה, טרעט ארויס מיט א בעזונדער נבואה געגען חלול־שבת צו דעם קעניג פון יהודה און צו דאס פאָלק פון יהודה און צו די איינוואָהנער פון ירושלים מיט פאָל־גענדע ווערטער:

אזוי האָט גאָט געזאָגט! איהר זאָלט היטען אייערע נשמות און זאָלט ניט טראָגען קיין משא אום שבת און ניט ברייגגען עס אין די טויערען פון ירושלים! און איהר זאָלט ניט ארויסטראָגען קיין משא פון אייערע הייזער אום שבת און קיין ארבייט זאָלט איהר ניט טהאָן! — — און אויב איהר וועט ניט פאָלגען — — צו הייליג האלטען דעם שבת און קומען אין די טויערען פון ירושלים אום שבת וועל איך אָנצינדען א פייער אין איהרע טויערען און עס וועט פער־ברענען די פאלאצען פון ירושלים און עס וועט ניט ווערען איינגעלאָשען! (ירמיה י״ח, כ״א—כ״ז).

און יחזקאל רעדט אין גאָט׳ס נאָמען:

איך בין אייער גאָט! אין מיינע געזעצע זאָלט איהר געהן און מיינע פעראָרדנונגען זאָלט איהר היטען און זיי טהאָן. און מיינע שבתים זאָלט איהר האלטען הייליג. (יחזקאל כ׳ כ׳).

און אין אַן אנדער אָרט:

זיי האָבען פער׳מיאוס׳ט מיינע פעראָרדנונגען, און אין מיינע געזעצע זיינען זיי ניט געגאנגען, און מיינע שבתים האָבען זיי מחלל געווען. (יחזקאל כ׳ י״ג).

און ריכטיג ווי אויף צו־להכעיס די דאזיגע לייט וואס טראכטען אויס א ליגען אז עס זיינע פאראן צוויי יודענ־טומס, איינער פון די נביאים, א יודענטהום פון גערעכטיג־קייט און יושר אָהן אידישקייט אָדער געגען אידישקייט, און איינער א גלות־יודענטהום פון אידישקייט אָהן די נביאים, ריכטיג ווי צו־להכעיס דיזע לייט פישט יחזקאל אויסביידע זאכען צוזאמען און ער זאָגט צו דער שטאָדט ירושלים:

דעם גר האָט מען בערויבט, דעם יתום און דער אלמנה האָט מען ביי דיר אָבגענארט, מיינע הייליגטהימער האָט איהר מבזה געווען און מיינע שבתים האָט איהר מחלל געווען. (יחזקאל כ״ב ז׳).

אלזאָ ״דער גאָט פון די נביאים״, וועמען די רעפאָרמער, די אסימילאַטאָרען און אויך א טהייל פון אונזערע נאַציאָנאַליסטען שטעלען ארויס אלס שונא צו די מצוות און אידישקייט, קימערט זיך גאָר וועגען חלול שבת! די נביאים שטעהען, ווייזט אויס, נעהנטער צום ראדינער רב, צום גערער רבי׳ן און צו ר׳ מאיר שמחה פון דווינסק ווי צו האָראָדעצקי, טשערניכאָווסקי, פון איין זייט און דר. פיליפסאָן און עמיל הירש פון דער אנדערער זייט!

און ניט נאָר וועגען שבת זאָרגען די נביאים אזוי שטארק, נאָר — אָ, אַן אונגליק פיר משכילים, רעפאָרמער און א טהייל נאַציאָנאַליסטען — אויך וועגען כשרות האָבען זיי זיך געקימערט! יחזקאל ווען ער טענה׳ט זיך אוים מיט גאָט זאָגט ער: איך האָב דאָך קיין טרפה קיין מאָל ניט געגעסען! און אין לעצטען קאפיטעל פון ישעיה ווערט געדונערט געגען די וואס עסען די פלייש פון חזיר, שקץ און עכבר!

אָט דאס איז די בעציהונג פון די נביאים צו דאס פראקטישע אידישקייט. אלע פאבריקאציעס וועגען א ״נביאים׳שע יודענטהום״ וואס איז געגען די מצוות איז אזוי פאלש, ריכטיג ווי עס איז פאלש דאס וואס די קריסטען ווילען אריינלייגען אין מויל פון די נביאים וועגען קריסטענטום. די נביאים זיינען ניט געווען קיין משכילים, קיינע רעפאָרמער און אויך ניט קיינע נאַציאָנאַל־ראדיקאלע טעאָרעטיקער; זיי זיינען געווען — אידען! און דאס יודענטום איז ביי זיי געווען א גאנצע אונטהיילבארע זאך.

שניידט ניט דאָס יודענטום אין שטיקער

שניידט ניט דאס יודענטום אין שטיקער! צונעהמט עס ניט אין איינציגע גליעדער! ווארום דאס יודענטום, אזוי ווי די אידישע נאַציאָן, איז א לעבעדיגע זאַך און עס לאָזט זיך ניט פאַלמעסען, עס לאָזט זיך ניט פאַרנאַנדערטיילען מיט'ן מעסער און אבטהיילען חלקים־ווייז בעזונדער!

איהר קענט ניט זאָגען אז איהר קלייבט אויס פון יודענטום דעם גליעד וועלכער געפעלט אייך אם בעסטען, איהר ווארפט אוועק די איבריגע חלקים און דאס יודענטום בלייבט ביי אייך פערטראָטען דורך דעם איינצעלנעם גליעד וועלכען איהר האָט אָבגעשניטען. פונקט ווי איהר קענט ניט נעהמען א האַנד אָדער א פוס פון א באשעפעניש און זאָגען אז איהר נעהמט דערמיט די גאַנצע בריאה צו זיך. אפילו ווען איהר נעהמט די קאָפּ פון א באשעפעניש אָדער די האַרץ האָט איהר אויך דערמיט גאָרניט געוואונען, ווייל די האַרץ און די קאָפּ זיינען וויכטיג נאָר דאַן ווען זיי זיינען פערבונדען מיט דעם גאַנצען קערפּער און ניט ווען זיי זיינען אבגעטיילט דערפון.

שוין טויזענדער יאָהרען ווי מען פּרובירט רייסען שטיקער און גליעדער פון יודענטום, אויסקלייבען בעזונדערע טהיילען, זאָגענדיג דערביי אז דער גענומענער טהייל איז די האַרץ פון דער אידישער תורה אָדער אמונה, אין אמת'ן אבער זיינען זיי געבליבען אָהן דאס יודענטום, וועלכע קען נאָר גענומען ווערען א גאַנצע, א לעבעדיגע, ווי זי איז, מיט אלע אברים אָדער גאָרניט!

געווען אמאָל א איד אין אלעקסאַנדריען, די הויפּטשטאָדט פון מצרים, זיין נאמען איז געווען פילאָ, האָט ער ליעב געהאט פילאָזאָפיע. ער האָט געפונען אז דאס יודענטום, די תורה פון משה ענטהאַלט טיעפע פילאָזאָפישע געדאַנקען.

איז ער געגאַנגען און אַרויסגענומען די פילאָזאָפישע געדאַנ־קען וועלכע ער האָט אַזוי ליעב געהאַט און געזאָגט אַז דאַס איז געגנוג פאַר איהם, ער האָט אויסגעטייטשט אַלעס וואָס שטעהט אין דער תורה אויף אַ פילאָזאָפישען וועג, האָט זיך וועגען די איבריגע זאַכען וואָס עס זיינען דאָרטען פאַראַן ניט געקימערט און האָט געמיינט אַז ער האָט דערמיט אריינ־גענומען צו זיך דאַס גאַנצע יודענטום. דאָס איז אָבער געוועזן אַ טעות. דאָס וואָס עס איז געבליבען ביי פילא איז געוועזן אַ גליעדער פון דער אידישער אמונה, אָבער ניט די אידישע אמונה. דער פילאָזאָפישער טהייל פון דער תורה איז נאָך ווייט ניט די תורה אַליין.

שפּעטער זיינען געקומען די ערשטע קריסטען וואָס זיי־נען נאָך אַליין אידען געוועזן, האָבען גענומען פון יודענטום די אידעע פון גאָט אַלס באַשעפער פון דער וועלט, האָבען זיך בעריהמט אַז זיי האָבע גענומען דאָס האַרץ פון יודענטום. אָבער דאָס וואָס עס איז ביי זיי געבליבען איז אַזוי ווייט פון יודענטום, אַזוי ווייט ווי מזרח איז פון מערב. אַנשטאַט צו פאָרטזעצען דאָס לעבען פון אידישען גלויבען, האָבען זיי געשאַפען אַן אייביגען פיינד צו דער אידישער רעליגיאָן טראָץ דעם וואָס זיי האָבען זיך בעריהמט אַז דעם עיקר פון דער אידישער רעליגיאָן האָבען זיי גענומען און האָבען פער־וואָרפען בלויז די טהיילען וועלכע זיינען נאָך זייער מיינונג ניט וויכטיג. אַ פּנים אַז די אידעע פון גאָט אַלס דער בעשע־פער פון דער וועלט איז נאָך ניט דאָס גאַנצע יודענטהום, ווי וויכטיג דיזער פונקט זאָל ניט זיין. אַרויסגענומען דאָס אַליין איז דאָס שוין ניט מעהר דער אידישער גלויבען.

נאָך שפּעטער איז געקומען מחמד און האָט אַרויסגענומען פון יודענטום נאָך אַ מעהר פאָלקאָמענע זאַך ווי די קריסטען האָבען גענומען. מחמד האָט גענומען ניט נאָר די אידעע אַז גאָט איז דער שעפּפער פון אַלע וועלטען, ער האָט גענומען די פאָלשטענדיגע אידעע פון אחדות הבורא, דעם אַבסאָלו־טען ריינעם מאָנאָטעאיזם, פערוואָרפענדיג די שותפות וואָס די קריסטען האָבען אריינגעפיהרט אין דער גאָטהייט. אָבער אפילו דער גרויסער רעיון פון אַבסאָלוטער אחדות הבורא איז אַלץ ניט דאָס גאַנצע יודענטהום, עס איז אַלץ ניט מעהר ווי אַ

גליער פון אידישקייט. מחמד האָט געמיינט אז ווען ער האָט גענומען דאס וואס עס איז איהם אויסגעקומען די הארץ פון יודענטום וועלען אידען אקצעפּטירען זיין שאפונג אלס די פאָרטזעצונג פון דער אידישער אמונה. ווי אין כעס איז ער נאכהער געוואָרען ווען אידען האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן רוקען און ניט געוואָלט אָננעהמען דעם חלק אלס דאס גאנצע.

און אביסעל שפּעטער איז געקומען א סעקטע פון אידען גופא און האָט אויסגעקליבען א טהייל פון יודענטום, דעם תנ"ך, די תורה פון משה און די ספרים פן די נביאים. דאס איז שוין געווען א גרויסער חלק פון יודענטום, אבער אלץ ניט מעהר ווי אַ טהייל. זיי האָבען פערוואָרפען די משנת און די גמרא. זיי האָבען נאַטירליך אויך געזאָגט אז זיי האָבען גענומען די הארץ, דעם עיקר, אבער דאס האָט גאָרניט גע־האָלפען, זיי זיינען געוואָרען קראים, זיי זיינען ניט קיין אידען און קענען קיין אידען ניט זיין טראָץ דעם וואס אין זייערע אָדערן פליסט ריין־אידישעס בלוט, ווייל מען קען קיין אידען ניט זיין ווען מען צושניידט דאס יודענטום אויף שטי־קער און מען קלייבט זיך אויס איין טייל אָדער אַן אַנדערען.

אָט דאס איז דער אורטייל פון דער אידישער געשיכטע, א געשיכטע פון טויזענדער יאָהרען, אויף די וויוויסעקציאָ־ניסטען, די פּאַלמעסער וואס האָבען געוואָלט טהיילען די תורה אין די פערגאַנגענע דורות און דאס מוז זיין דער אור־טהייל פון דער געשיכטע אויף די וויוויסעקציאָניסטען פון די מאָדערנע צייטען.

די ערשטע בערלינער משכילים האָבען געטהאָן דאס וואס פילא, דאס וואס די ערשטע קריסטען, דאס וואס מחמד און דאס וואס די קראים האָבען געטהאָן; זיי האָבען אויס־געקליבען פון יודענטום א גליעד וואס איז זיי געווען געפע־לען: (זיי האָבען אויך געזאָגט אַז זיי האָבען ערוועהלט דאס הארץ) די ערהאַבענע אוניווערסאַלע געדאַנקען פון די נביאים וואס־האָבען נביאות געזאָגט אויף די גרויסע צייטען ווען אַלע פעלקער, אַלע מענשען וועלען ווערען פערברידערט אין איין משפחה, זיי האָבען גענומען דיזען העכסטען־אידעאַל, די שעהנסטע און גרעסטע מחשבה צו וועלכע די מענשהייט

האָט זיך דערהויבען, זיי האָבען גענומען דיזען לייכט־טורעם פון דער וועלט און האָבען געזאָגט: אָט דאס איז דאס יודענ־טום, דאס איז פאר אונז גענוג.

אבער ווי גרויס און ערהאבען יוניווערסאַליזם און קאָס־מאָפּאָליטיזם זיינען, ווי מעכטיג און גרויס עס איז דער אידעאל פון די פערברידערונג פון דער מענשהייט, ווי גע־וואלדיג עס קלינגען פאר אונז די ווערטער פון אייביגען פריעדען פון ישעיה און ווי שטאָלץ מיר זיינען אז די אידען האָבען דיזע אידעען געשענקט צו דער וועלט, איז דאס אבער אויך ניט מעהר ווי א טהייל, אָבוואָהל א וויכטיגער טהייל, פון דאס יודענטום. דאס גאנצע יודענטום איז עס ניט און עס קען ניט זיין. און עס איז גאנץ נאַטירליך אז די ערשטע משכילים מיט זייער גאנצע התלהבות פיר די הויכע אידעאלען פון תנ"ך האָבען געענדיגט דאָרטען וואו זיי האָבען געענדיגט — אין אַסימילאַציאָן. די אידישע נאַציאָן קען ניט אויפגע־האַלטען ווערען מיט די רעיונות פון פריעדען און יוניווער־סאַליזם אליין ווען מען פערוואַרפט די איבריגע טהיילען פון יודענטום.

מיט דעם מעסער פון פאַלמעסען אין האנד זיינען אויך געקומען די רעפאָרמער צו צושניידען דאס יודענטום און די אידישע נאַציאָן וועלכעס איז איינס און דאס זעלבע און אויסקלייבען א חלק פאר זיך ווי א בעל־הבית'טע וואס לאָזט זיך אוועק אין יאַטקע אויסצוקלייבען עפּעס א פעטען ביסען וועלכער געפעלט איהר אַמבעסטען. דער פעטער ביסען וואס גייגער, האָלדהיים און נאכהער זייערע אַמעריקאנער נאכפאָל־גער האָבען אויסגעקליבען פאר זיך איז געווען די געוואַלדיגע רעיונות פון גערעכטיגקייט פון מענשען צו מענשען און דעם גרויסען פּרינציפּ וואס דאס יודענטום האָט אוועקגעלייגט, האָט ערפונדען און פּראָפּאַגאַנדירט פאר דער מענשהייט אז דער פונדאַמענט פון דער מענשליכער געזעלשאַפט מוז זיין ניט קראַפט נאָר רעכט, אז דאָס לעבען אָדער אונטערגאַנג פון דער געזעלשאַפט איז אבהייננגיג נאָר אין דער מאָאס פון יושר און צדק וואס עס עקזיסטירט אין איהר. מיט איין וואָרט: אז די קראַפט פון דער מענשהייט איז ניט אין דאס וואס זי קען ערדרייכען פון אויסערליכען וואוילטאָג נאָר אין

די פאָלקאָמענהייט און עהרליכקייט וואס זי האָט אינעווייניג אין איהר געוויסען. נאָך האָט קיין בן־אָדם ניט אויסגע־קלעהרט קיין גרעסערען פרינציפּ פיר דער מענשליכער גע־שיכטע און וועט קיינמאָל ניט אויסקלעהרען ווי דיזער פרינ־ציפּ פון די נביאים.

אבער אויך דיזער וויכטיגער פרינציפּ איז ניט דאס יודענטום, אויך ער איז ניט מעהר ווי א טהייל פון דער גרוי־סער וועלט־אומפאַסענדער אידישע אמונה. און פונקט ווי די וואס האָבען ארויסגענומען פון יודענטום דעם גרויסען צענטראַל־געדאַנק פון אחדות הבורא האָבען דערמיט אליין ניט געקענט דאס יודענטום אויפהאַלטען, אזוי האָבען די רעפאָרמער ניט געקענט אָנהאַלטען דאס יודענטום מיט דעם פּרינציפּ פון יצדק אליין.

אונזערע נאַציאָנאַליסטישע טעאָרעטיקער געהען אויך אויף דעמזעלבען וועג פון צושניידען דאס יודענטום אין שטי־קער און אויסקלייבען פאר זיך א חלק וועלכער איז נאָך זייער געשמאַק. זיי קלייבען אויס אלס זייער פעטען ביסען דעם נאַציאָנאַליזמוס. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק לעבט איז דאס אידישע פאָלק פון אברהם אבינו ביז יעדען פון אונז. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק איז דער הייליגער פונקט אין וועלכען עס קומען זיך צוזאַמען די כחות פון אונזער אומה. דורך דעם פייער פון ליעבע צום אידישען פאָלק ווערט גע־שמידט די אידישע גבורה וועלכע קיין מאַכט האָט ביז יעצט ניט געקענט ברעכען. דורך די בלוט פון אונזער ראַסע שטראָמט דער וואונש, דער בעשלוס צו בלייבען אלס נאַציאָן, צו פאָרטזעצען אונזער געשיכטע, צו בלייבען א פאָלק צווי־שען פעלקער. עס איז א הייליגע ירושה פיר וועלכעס עס איז ווערטה אַלע קרבנות צו ברייננען. עס לעבט די אידישע נאַ־ציאָן אויף אייביג!

קיין נאָבעלערער געדאַנק האָט נאָך ניט בעזועלט קיין מענשען! קיין הייליגערער רעיון האָט נאָך ניט דורכגע־שטורעמט קיין מענשליכע ברוסט, קיין שעהנערע דיכטערי־שע שטימונג האָט נאָך קיין מענשליכע פאַנטאַזיע ניט גע־שאַפען. א נאַציאָן וועלכע א וועלט מיט מעכטיגע פיינד האָבען ניט געקענט אויפעסען שטעהט־אויף ווי יענער

וואונדער־פויגעל וואס ווערט געבאָרען צוריק פון די אש אויף וועלכע ער איז פערברענט געוואָרען און ערקלעהרט זיין ווילען און ענטשלום ווייטער צו לעבען. קיין מעהר וואונדער־ליכע ערשיינונג האָט אונזער ערד־קוגעל ניט געזעהן!

אבער אויך דיזער געוואלדיגער טהייל פון יודענטום איז ניט דאס גאנצע יודענטום. עס איז אויך א חלק וועלכער קען אליין ניט לעבען ווען מען שניידט איהם אָב פון קערפער. דאס יודענטום איז מעהר ווי נאציאָנאליזם, פונקט ווי ער איז מעהר ווי אפילו אחדות הבורא, ווי צדק און יושר, ווי דער רעיון פון די פערברידערונג פון דער מענשהייט. און פונקט ווי יענע טהיילען אָדער שטיקער פון יודענטום קענען ניט רעטען דאס אידישע פאָלק פון אונטערגאנג אין די שטורמדיגע כוואלעס פון גלות, אזוי קען דער נאציאָנאליזמוס אליין עס ניט רעטען. און פונקט ווי די וויוויסעקציאָן פון די פריהערדיגע איז געווען אָן אנגריף אויף דאס לעבען פון יודענטום און פון דער אידישער נאציאָן, אזוי איז די וויווי־סעקציאָן פון די נאציאָנאליסטישע טעאָרעטיקער א סכנה פיר דאס לעבען פון יודענטום און פון דער אידישער נאציאָן.

ווייל איינמאָל פאר אלע מאָל איז דער אייזערנער אור־טהייל פון דער געשיכטע: ווער עס נעהמט א טהייל פון יודענטהום נעהמט גאָרניט! די פשוט'ע אידען האָבען עס געוואוסט און זיי האָבען עס גענומען אין גאנצען: פון אחדות הבורא, צדק און יושר, ברידערליכקייט פון מענשען, מסירת נפש פון אידישען פאָלק ביז — פליישיגס און מילכיגס!

דער אידישער שמעלץ־טאָפּ

מיר שטאָלצירען דערמיט וואָס די אידישע געשיכטע ציהט זיך ווי איין גלייכער שנור אין פערלויף פון טויזענ־דער יאָהרען און וואָס אונזער גייסטיגער נאַציאָנאַלער פּארמעגען אָדער ווי מען רופט עס: יודענטום ציהט זיך אָהן אָן ענדערונג אין פערלויף פון אַזויפיעל דורות פון משה ביז אונז.

אָט דאָס איז איינער פון די וואונדער אין דער וועלט־געשיכטע. צוטיילט אין אַזוי פיעל לענדער, אונטערוואָרפען אונטער אַזויפיעל איינפלוסען, לעבענדיג אין אַזויפיעל פאַרשיעדענע צייטען זיינען מיר דאָך, נאָך אַלעמען, געבליבען איין פאָלק מיט איין תורה טראָץ די מלחמות פון אידעען, די קעמפּפע פון געדאנקען וואָס זיינען פאָרגעקומען און האָבען געמוזט פאָרקומען צווישען אונז אין דער לאנגער צייט פון אונזער עקזיסטענץ.

און דער וואונדער ווערט נאָך גרעסער ווען מיר דער־מאָהנען זיך, אַז מיר זיינען דאָך ניט קיין צו־רוהיגעס פאָלק, אַז די נייגונג ביי אונז צו חלוקי־דעות, צו אמפּערן זיך, צו שפּארען זיך און צו דיינקען בעזונדער איז ביי אונז שטארקער ווי ביי אנדערע, האָט דאָך אמאָל איינער געזאָגט, אַז ווען עס שטעהען צ ו ו י י אידען צוזאמען זיינען דאָרטען פאראן ד ר י י מיינונגען! טראָץ דעם אַלעמען איז דאָך דאָס יודענטום געשטאנען אין פערלויף פון אַזוי פיעל דורות אַלס איין גאנצע זאך!

ווילט איהר אָבער וויסען דעם אמת'ן ענטפער אויף דיעזען וואונדער, ווילט איהר זעהן דעם פאראייניגונגס־שנור וואָס האָט געהאַלטען די אידישע איינהייט פון די ערשטע צייטען ביז היינט, קענט איהר דאָס אויסדריקען אין א פּאָר ווערטער: דיעזער שנור, דיעזע פעראייניגונגס־

קראפט איז געווען דאָס "פּראָסטע" אידישקייט וועגען וועלכע מען שעהמט זיך אין דער ליטעראטור צו ריידען. דאָס איז געווען די מצוות המעשיות. מיר מוזען אויסשעפּען דיעזען פּונקט בעפאָר מיר געהען ווייטער, ווייל איידער מיר ווערען קלאָר אין דיזען ענין, וועלכער איז פארהאסט און פארשטויסען פון אלע וואָס שרייבען איבער אידישע ענינים, וועלכער ווערט אוועקגעמאכט מיט דער האנד פון אלע אידישע רעטער און פארזאָרגער און דיינקער און דיס־קוטירער און קריטיקער און שעהן־גייסטער און טרוימער וואָס אנטלויפען פון אמת — בעפאָר מיר ווערען קלאָר אין דיעזען ענין, וועלכער איז אָדער בעלאכט געוואָרען אָדער שטיל געשוויגען געוואָרען אין דעם אידישען וואָרט און שריפט, וועלען מיר ניט קענען דורכנעהמען די גרויסע פּראָבלעם פון דער אידישער נאציאָן און געפינען דעם שלי־סעל פיר דער לעבענס־פראגע פון אונזער עקזיסטענץ. מיר שטעלען זיך דארום אָב אויף א ווייל אויף דאָס פּראקטישע אידישקייט אלס דער צענטראלער פונקט וואָס האָט אויפ־געהאלטען די איינהייט פון יודענטום און פון דער אידישער נאציאָן טראָץ די גרויסע מיינונגס־פערשיעדענהייט און גייסטיגע קעמפּפע וואָס מיר האָבען צווישען זיך געהאט.

עס וואָלט געווען פאלש צו זאָגען, אז די אידעען פון די אידען אין אלע צייטען זיינען געווען דיעזעלבע און אז די גרויסע מענשען וואָס זיינען אויפגעשטאַנען ביי אידען אין פערלויף פון דער געשיכטע האָבען אלע געדיינקט אויף איין אופן איבער אלע פילאָזאָפישע געזעלשאפטליכע און אנדע־רע פראגען וואָס זיינען פארבונדען מיט דער פיעלזייטיגער אידישער אמונה. געוויס זיינען געווען מיינונגס־פערשיע־דענהייטען און אָפטמאָל גאַנץ טיעפע איבער די אידעען פון יודענטום. אפילו, למשל, וועגען אזעלכע פראגען ווי תחית המתים און משיח'ס צייטען זיינען אויך געווען חלוקי־דעות נאָך צווישען די תלמודיסטען, אז וועהרענד די מעהרס־טע האָבען פארבונדען דעם בעגריף פון משיח'ס צייטען מיט תחית־המתים און מיט אלע געוואלדיגע וואונדער וואָס דיעזע ווערטער בעדייטען, האָט איינער געזאָגט, אז דער גאַנצער אונטערשיעד צווישען געוועהנליכע צייטען און משיח'ס צייי־

טען איז נאָר דאס, ווען משיח וועט קומען וועלען אידען זיין פריי אין זייער לאַנד און וועלען ניט זיין אונטערוואָרפען אונטער פרעמדע נאַציאָנען. אויב עס איז ניט געווען קיין איינהייט אין דער אידעע וועגען אזא וויכטיגען ענין ווי משיח׳ס צייטען, איז דערפון צו זעהן ,אז דער אונטערשיעד פון אַנשויאונגען איז געווען בעדייטענד אפילו צווישען אידישע פיהרער וואָס האָבען געלעבט אין איין צייט.

לאָמיר נעהמען אַלס ביישפּיעל פון מיינונגס־פערשיע־דענהייטען צווישען אידען וואָס האָבען געלעבט אין איין צייט פון אַ שפּעטערדיגע עפּאָכע פון דער אידישער געשיכ־טע. די מחלוקה פון די געגנער פון רמב״ם אויף זיינע ספרים איז ניט געווען איבער קלייניגקייטען, עס איז געווען איבער פראגען וואָס האָבען אָנגעריהרט טיעף פונדאמענטאלע אי־דעען פון דער אידישער אמונה. דער רמב״ם וואָס האָט פיעל געשעפּט פון די אַראַביש־גריכישע קוועלען איז זיך ווירקליך פאַרנאַנדערגעגאנגען גאנץ שטאַרק מיט די פרומע אידען פון פראַנקרייך, וועלכע האָבען ניט געקענט אקצעפּטירען די אידעען פון אריסטו און זיי אויסמישען מיט אידישקייט ווי דער רמב״ם האָט געטאָן. מיט אנדערע ווערטער, צווישען די געדאַנקען פון רמב״ם און פון זיינע געגנער איז געווען אַן אונטערשיעד אויף וועלכען קיינער פון די צדדים האָט ניט געקענט מוחל זיין. דער פאַקט איז אז דער רמב״ם האָט געדיינקט איבער׳ן יודענטום אין פיעל הינ־זיכטען אַנדערש ווי זיינע געגנער.

און אויב עס איז ניט פאָרגעקומען קיין פאָלשטענדיגע שפּאַלטונג צווישען די צוויי שטרעמונגען און דאָס יודענ־טום האָט זיי ענדליך ביידע פעראייניגט און אריינגענומען אין איהר אוצר, איז עס דערפאַר וואָס אָבוואָהל דער רמב״ם און זיינע געגנער האָבען זיך אָפט אונטערשיעדעט אין אידעען, האָבען זיי זיך אָבער ניט אונטערשיעדעט אין מעשים. דער רמב״ם האָט געהאַט אריסטו׳שע אידעען, וועלכע זיינע געגנער האָבען בעטראַכט אַלס שעדליך פאַר׳ן יודענטום. אָבער ער האָט גע׳פּסק׳נט דינים, האָט געמאַכט דעם קאָדעקס פון מצוות און האָט זיך לויט די מצוות גע־פיהרט. און אין דעם, אין די מצוות, אין דאָס פּראַקטישע

יודענטום האָט ער זיך פאראייניגט מיט זיינע געגנער. דאָס „פראָסטע״ אידישקייט איז געוועזן דער באָדען אויף וועלכען די געגנער אין אידעען זיינען זיך אויפגעקומען, די מיינונגען האָבען זיי געשידען, די טהאטען האָבען זיי פארבונדען. וואָלט חס־ושלום דער רמב״ם געענדערט די מצוות המעשיות אָדער פארקלענערט זייער בעדייטונג, וואָלט ער פון יודענטום אויסגעשלאָסען געוואָרען.

די געגנער פון קבלה האָבען מרעיש עולם געוועזן געגען די מקובלים. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אז די מקובלים מאכען מגושם׳דיג דעם בעגריף פון גאָט, און זיי, די געגנער פון קבלה, האָבען עס בעטראכט אלס א לעסטערונג געגען גאָט, אלס א זאך וואָס ריהרט אָן דעם עיקר פון אלע עיקרים: די אידעע פון אלקות. זיי האָבען אויך אָנגעקלאגט די קאבאליסטען, אז זיי, די קאבאליסטען, זיינען אנגעשטעקט מיט פאנטהעאיזם, עס הייסט, פון דער אפקורסישער אידעע, אז גאָט און די נאטור איז דאָסזעלבע. ווי איהר זעהט זיינען דאָ געוועזן גאָר בעדייטענדע אונטערשיעדע צווישען די געגנער פון קבלה און די מקובלים אין זעהר וויכטיגע ענינים. אָבער די מקובלים האָבען צוזאמען מיט זייערע געגנער אָבגעהיט די מצוות. בײדע לאגערן האָבען זיך געטראָפען אויף איין פעלד אויף דעם פעלד פון פראקטישע אידישקייט. אויב זיי האָבען ג ע ק ל ע ה ר ט אנדערש, האָבען זיי אָבער ג ע ט אָ ן דאָסזעלבע און צוליב דעם וואָס ביידע לאגערן האָבען זיך געפיהרט אויף דעמזעלבען אידישען אופן אין דער טהאט, האָט מען ארונטערגעשלונגען דעם אונטערשיעד אין אידעען, ביידע לאגערן זיינען געוואָרען א טהייל פון דאָס גאנצע, פון דעם יודענטום, וועלכער איז דורך דיעזע אונטערשיעדע נאָך רייכער געוואָרען אין אידעען. וואָלטען די מקובלים פארוואָרפען אפילו בלויז א טהייל פון די מצוות, וואָלט געמוזט קומען צו א פאָלשטענדיגע שפאלטונג און די איינהייט פון דער אידישער אמונה און פון דער אידישער נאציאָן וואָלט צובראָכען געוואָרען.

עטוואָס ענהליכעס איז פאָרגעקומען מיט הונדערטע יאָהרען שפעטער צווישען די חסידים און די מתנגדים. די חסידים האָבען געהאט מאנכע אידעען, וועלכע די מתנגדים

האָבען געהאַלטען אַלס שעדליך פיר'ן יודענטום. לאָמיר נעה־מען אַלסביישפּיעל די חסידיש־קאַבאַליסטישע אידעע, אַז גאָט'ס רצון איז פאַראַן אומעדום אפילו אין אַ ניעדריגע זאַך, אפילו אין אַ פאַרברעכען. דיעזע אידעע איז געבויט אויף פאָלגענדען ארגומענט:

גאָט האָט אַלעס בעשאַפען און ער אַליין לעבט אין אַלעס וואָס איז פון איהם געשאַפען געוואָרען, ער איז אַ ל ע ס און אויסער איהם עקזיסטירט קיין זאַך ניט און קען ניט עקזיסטירען. אַלעס וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט איז ניט בלויז אַ בעשאַפונג פון זיין האַנד, נאָר עס איז אַ לבוש פון איהם, עס איז אַ טהייל פון איהם אַליין, אָדער ווי עס זאָגט דער זינגער פון "שיר היחוד": "עס איז ניטאָ קיין עקזיסטענץ אויסער דיינע — — — איידער אַלעס איז גע־וואָרען ביסטו געוועזן, און ווען אַלעס איז געוואָרען ה אָ ס ט ו אַ ל ע ס (מיט דיר) אָ נ ג ע פ י ל ט — ווען דו האָסט אַלעס געמאַכט האָסטו זיך ניט אָבגעטהיילט, דו האָסט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען פון אין מיטען פון דאָס וואָס דו האָסט געמאַכט. דו ביסט דער וואָס איז אין אַלעס, אַלץ איז דיינע און אַלעס איז פון דיר". עס מוז דאָך דארום — אַזוי דיינקט די קבלה און די חסידות — זיין אַ טהייל פון גאָטהייט אפילו אין דאָס מיאוס'ע, אין דאָס נידריגע, ווארום אויב ניט, וואָלט דאָך עס ניט געקענט עקזיסטירען. עס איז דארום פאַראַן אַ פונק, אַ ניצוץ פון קדושה אפילו אין דער טומאה, נאָר די אונריינע עלעמענטען וואָס עס זיינען פאַראַן אין אַ טמא און ניעדריגע זאַך אָדער טהאַט זיינען פיעל מעהר ווי די קדושה־פונקען און דערפאַר זיינען זיי גובר.

דיעזע אידעע האָט ארויסגערופען געגנערשאַפט אין דער מתנגד'ישער וועלט, ביי וועלכע קדושה און טומאה האָבען ניט געקענט האָבען אירגענד־וועלכע פאַרבינדונג. עס איז געוועזן נאָך שטרייט־פּונקטען און אידעען צווישען חסידים און מתנגדים, אָבער אַזוי ווי די חסידים האָבען ניט געמאַכט קיין ענדערונג אין די מצוות המעשיות און האָבען עס געהיט גלייך מיט די מתנגדים, האָט מען מיט דער צייט גובר גע־ווען די מיינונגס־פערשיעדענהייטען אין אידעען צוליעב דער איינינגקייט אין טהאַטען און וויעדער אַמאָל איז געקומען אנ־

שטאט א צעשפּאַלטונג אין יודענטום א בערייכערונג. און אַלעם צוליעב דאָס פּראַקטישע אידישקייט!

דער אידישער גלויבען, אמונה, תורה אָדער ווי איהר זאָלט עס ניט אָנרופען, איז א גרויסע קראַפט וואָס קען אריינגעהמען אין זיך פאַרשיעדענע אידעען, פּיעלע פאַרשיעדענע געדאַנקען אפילו אַזעלכע וואָס זיינען געגנעריש איינע צו די אַנדערע און זיי אַלע איבערקאָכען און פאַרדייהען און עס פאַרוואַנדלען אין אַ טהייל פון איהר אייגענעם אָרגאַניזם. דאָס יודענטום נעהמט אריין די גאַנצע וועלט, איד, מענש, חיות, שטיין, פעלד, ים, און באַרג און מען קען זאָגען, אז קיין זאַך וואָס האָט נאָר א בעריהרונג צו מענשען איז איהר ניט פרעמד, זי האָט פּלאַץ פיר אַלע אידעען (אויסער די וואָס זיינען געגען אחדות־הבורא, מאָראַל, און גערעכטיגקייט), און עס אריינפּאַסען אין איהר גרויסער אונבעגרענצטער וועלט־אַנשויאונג. זי קען שלום ווערען מיט אריסטו אויף אַזוי וווייט ווי עס איז ניט געגען די יסודות פון אידישען גלויבען, זי קען שלום ווערען מיט קאַבאַליסטישע רמזים, זי קען שלום ווערען מיט'ן אבן־עזרא'ס פרייערע אידעען, אָבער נאָר דאַן ווען זיי אַלע קומען אריין אינגעווייניג אין אידענטום און לאָזען זיך פאַראייניגען דורך דעם פּראַקטישען זייט פון יודענטום, דורך די מעשים וואָס אַ איד טוט טאָג־טעגליך. דאָס איז דער שמעלץ־טאָפּ וואו אַלע אידעען ווערען אויסגעקאָכט און אויסגעמישט און עס געהט נאכדעם דערפון ארויס א גאַנצע זאַך. דאָ ביי די אידישע דינים און מנהגים טרעפען זיך די אידעען, פערלירען דורך דעם צוזאַמען־לעבען זייער שאַרפקייט, יעדע גיט נאָך אויף אַזוי פיעל ווי זי קען, אַ קאָמפּראָמיס ווערט געשלאָסען, און דאָס לעבען פון יודענטום און אידישער נאַציאָן פליסט ווייטער.

וואָלט ניט געווען דיעזער יסוד וואָס פאַראייניגט די אידען מיט פאַרשיעדענע אידעען אויף איין גרונד אין וועלכען אַלע זיינען מודה, וואָלט ניט געווען דיעזע קייט וואָס פאַרבינדעט רבי עקיבא מיט רבינו־תם, שלמה איבן גבירול מיט ר' יצחק אלחנן, דעם רמב"ם מיט'ן בעל־שם און דעם אבן־עזרא מיט ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו — דאַן

וואָלט אַלעם שוין לאַנג צופאַלען געוואָרען אויף שטיקער. דאָס יודענטום איז ליבעראַל אויף אידעען, אויף "דברים שבלב", איז אָבער שטריינג אין דעם ענין פון מעשים, ווי־סענדיג, אַז דאָס איז דער איינציגער גרונד אויף וועלכע אַלע מיינונגס־פערשיעדענהייטען קענען אויסגעגלייכט ווערן. זי קען דולדען אַ "שווערע" אידעע, וועלכע ווערט לאַנגזאַם אַריינגענומען אינעווייניג, קען אָבער ניט דולדען ווען אימיצער וויל צושטערען די איינציגע קראַפט וואָס האַלט־צוזאַמען, בינדעט־אויף און האַרמאָניזירט אַלע שטרעמונגען און שטרעבונגען אין יודענטהום און רעטעט דערמיט די איינהייט און דאָס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן.

נשמות וואָס גערען אָרום נאַקעט

עס איז פאַראַן אַ וואונדערליך שעהנער אויסדרוק אין דער קבלה וועגען "נשמות וואָס געהען אַרום נאַקעט", זיי האָבען זיך ניט אין וואָס צו פאַרקערפּערן און פיהרען דאַרום אַן אונגליקליכען עקזיסטענץ. רעיונות, אידעאַלען, אידעען זיינען "נשמות וואָס וואַנדערן אַרום נאַקעט" אויב זיי ווערען ניט מגולגל אין טהאַטען.

דאָס אידישע פאָלק האָט שטענדיג געוואוסט דעם גרויסען סוד, אַז אידעאַלען קענען ניט עקזיסטירען ווען זיי זיינען אין דער לופט און ווערען ניט פאַרקערפּערט אין לע־בעדיגע מעשים. אין דערזעלבער צייט וואָס די אידישע רעליגיאָן האָט אָנגעשפּאַרט די הימלען מיט איהרע גרויסע אידעאַלען, אין דערזעלבער צייט וואָס זי האָט אַרויסגעגע־בען די גרעסטע אמת'ן וואָס די מענשהייט פאַרמאָגט האָט זי געזעהן, אַז יעדער רעיון זאָל ניט בלייבען הייגגען אין דער לופטען, נאָר זאָל אָננעהמען אַ קערפּערליכען פאָרם פון אַ טהאַט פון אַ מצוה, וויסענדיג קלאָר, אַז אָהן דעם וועט דער רעיון ניט האָבען אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרען און וועט לאַנג זיך ניט האַלטען.

אָט דאָס איז די אורזאַכע וואָס דער אידישער רעלי־גיעזער ספר דער חומש איז אַנדערש ווי די רעליגיעזע ספרים פון אַנדערע גלויבענס. וועהרענד דאָרטען ווערט גערעדט פון דונקעלע רעליגיעזע געפיהלען אָהן אַ שום אינהאַלט אין לעבען, ווערט אין דעם אידישען רעליגיעזען ספר נאַכאַנאַנד גערעדט פון חוקים און משפּטים, פעראָרדנונגען, געזעצע, מעשים. דער אידישער גלויבען וואָס איז מעהר ג י י ס ט י ג ווי אַלע אמונות, וואָס האַלט אַזוי הויך דעם תוך, דעם אינערליכען ווערטה פון יעדער זאַך, האָט ניט פאַרגעסען צו פאַרוואָרענען, אַז יעדער הויכער געדאַנק זאָל האָבען אַ

געוויסען סימן אין וועלכען ער זאָל זיך אויסדריקען, א געוויסען טהאט וועלכער זאָל ווערען ווידערהאָלט און דורכדעם זאָל דער געדאנק ארייגדרינגען אין פאָלק און ווערען איינגעגעסען אין זיין געוויסען.

טיעף איז דער בליק פון דער אידישער רעליגיאָן איז דער פסיכאָלאָגיע פון מענשען. א מענש קען וויניג אָבגעבען זיין צייט צו ארומטראָגען זיך מיט רעיונות. פיעלייכט איינצעלנע מענשען וואָס זיינען בעזונדערס בעגאבט קענען זיך אָבגעבען מיט אבסטראקטע אידעען. דער געוועהנליכער מענש קען עס ניט. ער קען נאָר זיך דערמאָנען פון אן אידעע ווען ער טוט עפעס א טהאט וואָס איז מיט דיעזער אידעע פארבונדען, ערשט דאן ווען ער דערמאָנט זיך דערפון דורך א טהאט, קען ער זיך אויפהויבען העכער און אָנפאנגען צו דיינקען איבער דער אידעע אליין.

אז דיעזער בליק איז פעסט בעגרינדעט אויף דער פסיכאָלאָגיע פון מענשען איז צו זעהן דערפון וואָס דער שטאאט בענוצט זיך אויך מיט טהאַטען אום צו דערמאָנען א רעיון. מען שטעלט ארויס א פלאג, אום צו דערמאָנען דעם ר ע י ו ן פון פאטריאָטיזמוס צו דער שטאאט. מען בעשטימט א געוויסען טאָג מיט געוויסע צערעמאָניעס, אום צו דערמאָנען דעם ג ע ד א נ ק וועגען די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דער נאציאָן. די פלאג ווערט דארום בעטראַכט פיר א קדושה און דער וואָס ריהרט עס אָן ווערט בעטראַכט פיר א פארברעכער, ווייל זי ס י מ ב אָ ל י ז י ר ט מיט זיך די איינהייט פון דער נאציאָן. די ליעבע און רעספעקט צום לאַנד — א גייסטיגער בעגריף — איז פארקערפערט אין דער מאַטעריעלער פלאַג.

דיעזער פרינציפּ אז אידעען מוזען זיין איינגעוויקעלט אין טהאטען און מעשים, אום צו דערמאָנען דעם מענשען דורך א ן א ו י ס ע ר ל י כ ע ן ס י מ ן וועגען דעם א י נ ע ר ל י כ ע ן ר ע י ו ן, וועלכען דער מענש וואָלט פארגעסען ווען דער אויסערליכער סימן וואָלט איהם ניט דערמאָנט — דיעזער פרינציפּ, וועלכער איז געבויט אויף דער נאַטור פון מענשען, ווערט אזוי פרעכטיג און וואונדערליך אויסגעדריקט אין חומש ווען עס האנדעלט זיך

ווענען ציצית: "און איהר זאָלט האָבען ציצית, און איהר וועט עס זעהן — אום אז איהר זאָלט זיך דערמאָנען און איהר זאָלט טאָן אלע מיינע מצוות אום איהר זאָלט זיין הייליג צו אייער גאָט".

אלע געזעצע וועגען פסח זיינען געקומען אום דורך די מעשים וואָס א איד טוט וועגען פסח זאָל ער זיך דערמאָנען אַ היסטאָרישע פּאַסירונג וועלכע ער דארף ארויסרופען אין זיין פאַנטאַזיע. און זיכער איז, אז יעדער איד וואָס ט ה ו ט די פעראָרדנונגען פון פסח און "פּראַוועט" דעם סדר דער־מאָנט זיך וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי יציאת־מצרים מיט טויזענדער יאָהר צוריק אין די לעבעדיגסטע פארבען. א ר ע י ו ן פון אויסלייזונג אָהן מעשים וואָלט קיינמאָל ניט געקענט לאַנג זיך האַלטען אין דעם זכרון פון א פאָלק. שבת איז דער אויסערליכער סימבאָל פון דעם איידעלסטען און אבסטראַקטעסטען רעיון וואָס עס איז פאַראַן אויף דער וועלט, דער רעיון פון דער אבסאָליוטער אחדות פון גאָט וואָס האָט אלעם בעשאַפען און אלעם לעבט מיט זיין קראַפט. אָט דיעזער גרויסער פילאָזאָפישער געדאַנק ווערט דורכ'ן שבת צוטריטליך און היימיש ביי יעדער שוסטער און מוליאַר אין דער אידישער גאַס. ווען דער וואונדערליכער סוד פון די פאַראייניגונג פון אלע וועלטען, פון אלע מעכטע פון דער נאַטור אין איין האַנד וואָלט בלויז ארויסגעזאָגט געוואָרען דורך ווערטער און וואָלט ניט געוואָרען פאַרקער־פּערט דורך שבת, וואָלט ער פיעלייכט קיינמאָל ניט געקענט אריינדרינגען טיעף אין דער נשמה פון פאָלק און ליכטיג מאַכען די מוחות וואָס קענען זיך ניט אָבגעבען מיט הוילע רעיונות. דער שבת איז בעטראַכט אלס א ט ה א ט, עס ווערט געהייסען צו מ א כ ע ן דעם שבת, אָבוואָהל דער שבת בעשטעהט הויפּטזעכליך אין ניט־טאָן.

טראָץ די אלע פאַלשע אויסטייטשער פון אלע מחנות איז דער טהאַט פאַררעכענט פאר'ן ווינקעלשטיין פון יודענ־טום פון דעם ערשטען מאָמענט פון דאָס ערשיינען פון דאָס אידישע פאָלק אויף דער וועלט־סצענע. אברהם אנערקענט דער ערשטער די עקזיסטענץ פון גאָט דורך א טהאַט. פיעל מאָל וואו עס ווערט גערעדט וועגען דער אידישער רעליגיאָן

ווערט געזאָגט : "און טהוט עס !" (ועשׂו) און די נביאים ריידען אויך אין דעם לשון פון טאָן ("אשר יעשה אותם האדם").

די נביאים זיינען געווים געווען גרויסע אנהייגער פון טהאט און האָבען געזוכט שטענדיג צו פאַרשטעלען א רעיון דורך א עובדה אפילו ניט אין רעליגיעזע פראגען. ירמיהו וויל ציינען דאָס פאָלק, אז די אידישע לאַנד וועט ווערען געבראָכען, קויפט ער א קרוג און צוברעכט איהם אויפ'ן גאַס פאר די אויגען פון פאָלק. ער וויל ציינען, אז דאָס לאנד וועט ווערען אונטעריאָכט אונטער'ן שונא, טוט ער אָן א יאָך אויפ'ן האלז. יחזקאל און ישעיה טוען אויך געוויסע מעשים אַלס א סימבאָל צו דאָס וואָס זיי פּראָפעצייהען. דאָס האָט געשטימט מיט דעם כאראַקטער פון דער אידישער אומה צו אויסדריקען א געדאנק דורך א טהאט.

צווישען די פאַלשע מיינונגען וואָס האָבען זיך איינגע־וואָרצעלט אין געוויסע שיכטען פון אידען איז די מיינונג, אַז די אידישע דינים און מנהגים זיינען געוואָרען ארויפגע־וואָרפען אויפ'ן פאָלק דורך די רבנים אין גלות. קיין זאַך קען ניט זיין ווייטער פון אמת ווי דיעזע בעהויפּטונג. מיר האָבען געזעהן, אז דאָס איז דער גאַנצער פונדאמענט אויף וועלכען דער אידישער גלויבען איז געבויט פון אָנפאַנג אָן. די חוקים און דינים זיינען פאַרצווייגט געוואָרען און פאַר־ברייטערט געוואָרען דורך די אומשטענדען פון לעבען פון דער צייט פון חורבן בית־המקדש ביז היינט, אָבער זיי זיינען געווען דער אייזערנער זייל פון דער אידישער אמונה פון אייביג אָן.

און ווייסט איהר פון וואַנען עס איז אַריבער אין אידי־שען לאַגער דער בזיון צו די מצוות־המעשיות ? ווייסט איהר וואָס איז דער קוואַל פון וואַנען עס קומט דער בטול צו דאָס פּראַקטישע אידישקייט צו די משכילים און די רעפאָרמער און אפילו די נאַציאָנאַליסטען טעאָרעטיקער ?

דאָס קומט פון קריסטענטום !

דאָס קריסטענטום איז פונקט דער קאָנטראַסט פון יו־דענטום אין בעצוג צו דער פראַגע פון טהאַטען. דאָס קריס־טענטום האַלט ניט פון קיין מעשים, ער האַלט פון חוילע

רעיונות, פון געוויסע גלויבונגען וועלכע זיינען ניט פאַר־בונדען מיט'ן טאָג־טעגליכען לעבען און ווערען ניט אויס־געדריקט אין קיין שום אקציאָן. א קריסט דאַרף גאָר ניט טאָן, ער דאַרף נאָר גלויבען אין געוויסע ענינים. דער קאַמפּף צווישען קריסטענטום און יודענטום איבער די מצוות איז געווען גרויס. דאָס קריסטענטום האָט אַלעס פאַרוואָרפען. די איינציגע טהאַט וואָס זי פאַרמאָגט און האָט עס גענומען פון יודענטום איז רוהען איין טאָג אין וואָך און מתפלל זיין אין דער געמיינדע, גענומען פון אונזער תפלה און קריאת התורה. און דאָס האָט זי אויך אָבגערוקט אויף זונטאג פון שבת אוים כעס וואָס זי קען עס ניט פאַרוואַרפען. ווייטער אָבער שווימט אין קריסטענטום אַלעס אין דער לופט. דאָס קריסטענטום אליין איז א "נשמה וואָס געהט ארום נאַקעט".

און פון קריסטענטום האָט מען עס איבערגענומען אין דער אידישער גאַס די מיינונגען, אז מעשים דאַרף מען ניט, אז עס איז גענוג די כונה, אז מעהר ווי די הארץ דאַרף מען ניט, און אז עס איז גאָר ניט קיין אונטערשיעד אויב א איד היט די פאָרשריפטען פון דער אידישער רעליגיאָן אָדער ניט. קורץ, אז אַלעס איז דער רעיון און ווייטער דאַרף מען גאָר ניט.

דאָס איז א קריסטליכער שטאַנדפונקט.

דער שטאַנדפונקט פון יודענטום איז אז דער רעיון איז גוט נאָר ווען עס איז פארבונדען מיט דעם טהאַט, אָהן דעם שטאַרבט ער פון זיך אליין. די געשיכטע פון אידישען פאָלק וואָס האַלט פעסט די הויכע רעיונות ד ו ר ך מ ע ש י ם, און האָט געקענט איבערקומען אַלע איהרע שונאים דורך א גלויבען וואָס איז איינגעוויקעלט אין מעשים האָט פאָל־שטענדיג בעוויזען די גערעכטיגקייט פון דעם אידישען שטאַנדפונקט.

מען דאַרף ניט האָבען קיין גרעסערען בעל־כונה וואָס האָט געזוכט רעיונות און ביי וועמען דער עיקר איז געווען דער אידעאַל, ווי ר' שניאור זלמן פון לאַדי און ער האָט אוועקגעלייגט אַזאַ פשוט'ען כלל, אז "דער עיקר פון ג ל ו י־ ש כ י נ ה, (דאָס הייסט, דער עיקר פון די בעגייסטערונג פיר די הויכע מחשבות) קומט נאָר דורך מצוות־מעשיות".

און ווי ריכטיג האָט ער געזאָגט!

דיכטער און זינגער וואָס ווילען שעפען בעגייסטערונג פון אידישען לעבען, קענען ניט געפינען די שכינה אין דער הויז פון א פרייען אידען וואָס האָט פארוואָרפען די אידישע דינים און מנהגים, אפילו ניט אין די הויז פון א ראדיקאלען־נאציאָנאליסט, טראָץ דעם וואָס ער שרייט נאָכאנאנד נאַ־ציאָנאליזמוס. מען קען עס געפינען נאָר אין דער הויז, וואו מען היט די מצוות. די שכינה, די רעליגיעזע, די נאציאָנאלע, וואָהנט דוקא, פלאי־פלאים, אין יענע הייזער וואו מען צינדט שבת ליכט און וואו מען האלט א כשר'ע קיך... פרעגט אונ־זערע מאלער, צו האָבען זיי אמאָל געפונען בעגייסטערונג פיר זייער פינזעל, צו האָבען זיי געפונען דיכטערישע שעהנ־קייט אין א טרפה הויז! קוקט איבער אלע בילדער פון די אידישע קינסטלער און זעהט, וועלכע פנים'ער זיי מאלען, וועלכע סצענעס זיי שילדערן, אויב ניט פון די אידען, אויב ניט פון די הייזער וואו מען היט דאָס פראקטישע אידיש־קייט!!!

און וועלכע אידען זיינען עס געגאנגען אויף די פייערן פון שפאניען, און אוקראינא? ווער זיינען עס די גבורים פון דער אידישער געשיכטע, די אידעאליסטען־קדושים, אויב ניט די וואָס קומען ארוים פון דאָס "פראָסטע" אידישקייט פון מעשים?!

יעדער איד איז א פילאָזאָף

איינגעוויקעלט אין די טעגליכע מצוות, אין דאָס איינ־פאַכע אידישקייט — ליעגט די גרעסטע פילאָזאָפיע וואָס די מענשהייט פארמאָגט!

שוין באַלד דריי טויזענד יאָהר זייט די גרויסע גריכישע פילאָזאָפען זיינען ארוים אויף דער וועלט־סצענע, און וויפיעל פילאָזאָפישע שיטות זיינען עס שוין בעשאפען געוואָרען פון טהאלעס ביז וויליאם דשיימס אָדער העגרי בערגסאָן! נעהמט אָבער אויף צוזאמען אלעס וואָס די פילאָזאָפען האָבען געשאפען, אלע זייערע שווערע זוכעניש אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען און לייגט אויף איין וואָגשאָל און די פילאָזאָפיע פון יודענטום אויף דעם צווייטען וואָגשאָל, וועט די לעצטע וועגען, ווייט איבערוועגען.

ווארום אין דריי טויזענד יאָהר פון שווערע אָנשטריינגונג האָט קיינעם ניט געלונגען אויפצוהויבען דעם פאָרהאנג פון דער וועלט־בעשאפונג, אריינקוקען אין דעם ווערקשטאט פון דער יצירה און בעטראכטען ווי אזוי דאָס איז אלעס געוואָרען ארום אונז, ווי אזוי איז דאָס אלעס געקומען, ווי אזוי קומען מ י ר, און וואָס ז י י נ ע ן מיר.

ווי יענע מענשען פון דעם דור־הפלגה, וואָס האָבען גערעכענט, אז זיי קענען דערגרייכען צו דעם סוד פון אלע סודות, גאָר אין דער הויך, ווען זיי וועלען ארויפלייגען א סך ציגעל איינע אויף די אנדערע ביז'ן הימעל, אזוי רעכענט דעם מענשען'ס פילאָזאָפישער גייסט, אז ער קען דערגרייכען די ערשטע אורזאכע, יענע גרויסע קראפט פון וועלכער אלעס האָט זיך אָנגעהויבען ווען זיי וועלען ארויפלייגען סברות איינע אויף די אנדערע. און פונקט ווי יענע זיינען אראָבגעפאלען צוריק אין טהאָל ניט פארשטעהענדיג איינע די אנדערע, אזוי פאַלען שטענדיג אראָב אלע פילאָזאָפישע סיסטעמען ניט פאר־

שטעהענדיג איינע די אַנדערע אין טהאָל אריין ניט ברייני־גענדיג מיט זיך קיין ערקלעהרונג.

צו דער אָהנמעכטיגער פילאָזאָפיע וואָס האָט זיך טוי־זענדער יאָהרען געדרעהט אין א צירקעל פון השערות און סברות וועגען דעם ווי אַזוי די וועלט איז בעשאַפען געוואָ־רען, ווער און וואָס איז די קראַפט וואָס האָט עס געמאַכט, איז עס אַליין געוואָרען, טו ווי קען א זאַך אליין ווערען, און וואָס איז געווען "פריהער" אויב עס איז גאָר געווען א "פריי־הער" — צו דער אהנמעכטיגער פילאָזאָפיע וואָס האָט אזוי פיעל געזוכט און אזוי ווייניג געפונען איז צוגעקומען אַלס א שטיצע די וויסענשאַפט פון וועלכער מען האָט ווידער ער־וואַרטעט, אַז זי וועט וויסען צו ענטפערן אויף די גרויסע פראַגען וואָס מאַטערן דעם מענשליכען גייסט. אָבער די וויסענשאַפט וויים ניט מעהר ווי די פילאָזאָפיע. זי האָט ניט קיין מעגליכקייט צו בעלייכטען אפילו איין און איינציגען פונקט פון די שווערע און אייביגע שאלות.

די וויסענשאַפט וויים ווי אזוי צו בענוצען די פארשיע־דענע קרעפטען פון דער נאַטור פיר געוויסע צוועקען. אָבער וואָס איז די נאַטור אַליין, ווי אַזוי איז זי געוואָרען, וואָס איז געווען "פריהער" און ווער האָט עס געמאַכט די אייזערי־נע נאַטור־געזעצע, ווי אַזוי לעבען מיר, און וואָס הייסט לעבען, און וואָס הייסט טויט, פון וואַנען קומען מיר און וואו געהען מיר, און וואָס איז שכל און וואָס איז נשמה ? — די וויסענשאַפט קען אונז דאַרויף קיין זאַך ניט זאָגען. דאָס וואָס זי זאָגט אונז איז נאָר דער רעזולטאַט פון ערפאַה־רונג וואָס מענשען האָבען אָנגעקליבען וועגען דעם ווי אַזוי אויסצונוצען די נאַטור־כחות ניט וויסענדיג קיין ערקלעה־רונג וואָס די כחות גופא זיינען.

פון אַלע חשערות וואָס די וויסענשאַפט האָט געשאַפען איבער די גרויסע פּראָבלעמען מיט וועלכע די פילאָזאָפי האָט זיך אָבגעגעבען פאַרנעהמט דעם אויבען־אָן דאָס וואָרט : עוואָלוציאָן. אָבער דאָס ברייננגט אונז ניט איין שריט ווייי־טער און עס ערקלעהרט גאָר ניט. אַלעס איז ענטוויקעלט גע־וואָרען דורך דער נאַטור־געזעץ פון ענטוויקלונג ! עס איז אַלץ איינס ווי איהר וואָלט זאָגען : אַלעס איז בעשאַפען

געוואָרען דורך א בעשאַפונג ! ערשטענס : ענטוויקעלט גע־וואָרען, פון וואָס ? פון אַ ערשטען דינעם שטאָף — איז די תשובה. אָבער פון וואַנען איז געקומען דער דינער שטאָף ? ער איז דאָך שוין ניט ענטוויקעלט געוואָרען פון קיין זאך, טו ווי אזוי איז ער געוואָרען, ווער האָט איהם בעשאַפען און וואָס איז געוועזן פריהער, איידער ער איז געשאַפען געוואָ־רען און אזוי צוריק אלע שאלות איבער וועלכע די פילאָזאָפי איז מיעד געוואָרען און קיין ענטפער געפונען. און נאָך א פראַגע : ווער האָט געמאַכט דעם געזעץ פון ענטוויקלונג, וואָס האָט עס געהאַט אַזאַ כח צו מאַכען פון א דינעם סוב־סטאַנץ ערד און ים'ען, און בערג, און חיות און מענשען ! ניט די פילאָזאָפיע און ניט די וויסענשאַפט קען ענטפערן אויף די פראַגען אויף וועלכע דער מענש גאַרט אזוי שטאַרק צו האָבען א תשובה.

אָבער אין דעם ווילדען כאָאָס פון השערות וואָס שלאָגען זיך שטענדיג אָב אַן אַ שוואַרצע וואַנד פון אונוויסענהייט ווי די כוואַליעס פון ים שלאָגען שטענדיג אָן דעם ברעג פון דער יבשה, איז פאַראַן איין ליכטיגער פונקט, איין ליכטיגע אידעע, בלויז איין שטראַהל שניידט דורך די אייביגע פינס־טערניש וואָס שטעהט פאַר אונזערע אויגען. דיעזער איינ־ציגער שטראַהל איז די אידעע, אז די אַלע וואונדער און אי־בער־וואונדער וואָס מיר זעהען ארום זיך, אז די אַלע מעכ־טיגע כחות פון דער נאַטור וואָס ערשיטערן אונז מיט זייער גרויסקייט זיינען ניט מעהר ווי די מאַניפעסטאַציאָנען, די ערשיינונגען וואָס קומען פון איין מורא'דיגע קראַפט וואָס האָט אַלעס געשאַפען. פון דיעזער קראַפט קומט אַלעס ארויס און אַהין געהט אַלעס : די איינהייט פון גאָט, אחדות הבורא. דאָס איז די איינציגע זאך וואָס מיר קענען וויסען און ווייטערע זוכעניש וועט אונז צו קיין זאך ברייננגען.

און דיעזען איינציגען ליכטיגען פונקט אין דעם תהום פון אומזיסטע השערות, דיעזען איינציגען אוצר וואָס די פילאָ־זאָפי פאַרמאָגט, האָט ניט געפונען דאָס גריכישע פילאָזאָ־פען־פאָלק, דאָס האָט געפונען די אידישע רעליגיאָן. אין דער אידישער רעליגיאָן איז דארום פאַראַן די פילאָזאָפיע פון אלע פילאָזאָפען, די קרוין פון מענשענס מחשבה, וועלכע איז ניט

געפונען געוואָרען אויף קיין אנדער אָרט ווי אויף דעם בארג סיני. ניט אומזיסט זאָגט סער אָליווער לאָדזש, איינער פון די גאָר גרעסטע וויסענשאַפטס־מענער פון דער היינטיגער צייט, אז ווען מען זאָל אויפזאַמלען די גאַנצע חכמה וואָס די מענשהייט בעזיצט, וועט זי ניט קענען געבען קיין בעסערע ערקלעהרונג אויף די גרויסע פראַגען ווי : "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ".

דער איד האָט געפונען דעם איינציגען געזונדען פילאָזאָפישען רעיון, וועהרענד די גריכען האָבען עס ניט געפונען דערפאַר ווייל דער איד האָט אַן אנדער סאָרט בליק אויף דער וועלט ווי דער גריך. דער גריך האָט ליעב צו אריינלאָזען זיך אין איינצעלהייטען, צו אנאַליזירען, צו צושניידען יעדער זאַך אויף שטיקער און עס אויספאָרשען. דאָס איז א מעלה ווען מען דאַרף שטודירען די איינצעלהייטען פון א זאַך, עס איז אָבער א גרויסער חסרון ווען מען דאַרף ארומנעהמען א גאַנצע זאַך, ווען מען דאַרף בעטראַכטען א געוואַלדיגע ערשיינונג און איהר דורכנעהמען אין איהר גאַנצע גרויס. דאַן ווערט דער איינצעלהייט־זוכער פאַרלאָרען אין דער אנאַליזע פון די טהיילען און קען קיינמאָל צו דאָס גאַנצע ניט קומען. "פון די סך בוימער זעהט ער ניט דעם וואַלד", וועהרענד דער וואָס שטעלט זיך ניט אָב אויף פרטים פאַרכאַפּט מיט זיין בליק דאָס גאַנצע און נעהמט עס דורך מיט זיין בעגריף.

לאָמיר געבען א משל : ווען איהר זעהט א שעהנע פערזאָן און זאָלט זיך וועלען אָבשטעלען מיט לאַנגע און טיעפע חקירות וועגען דעם נאָז פון דער פערזאָן, און וועגען די אויגען און וועגען די ווינקלען פון מויל און די אויערן א. ז. וו. און איהר וועט יעדע זאַך בעזונדער בעטראַכטען און פאָרשען, וועט איהר אין גאַנצען פארגעסען, אז איהר האָט פאַר זיך א גאַנצע פערזאָן און אז די פערזאָן מאַכט אויף אייך א געוויסען איינדרוק אלס גאַנצע. גליקליכערווייזע פאַלט אייך קיינמאָל ניט איין צו אנאַליזירען א פערזאָן בעטראַכטענדיג איהר, נאָר איהר שטעלט זיך אָב אויף דעם רושם וואָס זי מאַכט אויף אייך מיט אמאָל און איהר זייט דארום אין א בערעסע לאַגע צו געבען א ריכטיגע אָבשאַצונג, ווי אז איהר וואָלט זיך פאַרלאָרען אין איינצעלהייטען.

די גריכען האָבען געזוכט די נאַטור וואָס ארום אונז צו א נ א ל י ז י ר ע ן, זיי האָבען געהאַט אין זינען בעזונדע־רע ערשיינונגען, דער דונער און דער שטורם, די זון און די לבנה, די וואַסערן און די יבשה א. ז. וו. און צוליב דעם האָ־בען זיי מיט זייער גאַנצע פילאָזאָפי ד י ו ו ע ל ט ניט געזעהן. זיי האָבען געזעהן שטיקלאַך, שטיקלאַך פון דער וועלט און האָבען געגלויבט אין געטער און געטער פיר יעדע שטיק פון דער נאַטור. צו דעם גרויסען געוואַלדיגען א ל ע ס, צו דער מורא׳דיגער ערשיינונג פון אלעם וואָס די וועלט פאַרמאָגט אלס איין איינציגע זאַך, האָבען זיי ניט געקענט דערגרייכען. זייער טיעפער אנאַליטישער כאַראַקטער האָט זיי אין דעם געשטערט. נאָר דער איד וועלכער האָט ניט קיין גרויסען אינטערעס פאַר איינצעלהייטען האָט געקענט ארומכאַפּען די וועלט מיט אמאָל, הימעל און ערד, נאַטור און מענש, די גרויסקייט פון אוניווערזום און די קליינקייט פון שטערבענדען מענשען; האָט געקענט געבען אזא פילאָזאָפיע צו וועלכער די ספּעציעלע פילאָזאָפען־פאָלק, די גריכען, האָ־בען זיך ניט געקענט אויפהויבען.

און דיעזע הויכע פילאָזאָפי, דער אוצר פון דער מענש־ליכער מחשבה, דער העכסטער פונקט צו וועלכען מענשען האָבען געקענט דערגרייכען, איז איינגעוואַקסען אין דעם מח, אין דעם געוויסען פון יעדען אידען וואָס היט די מצוות אין דער אידישער גאַס. זי איז אריינגעדרונגען אין די מאַרך פון זיינע ביינער און זיין גאַנצער געדאַנקען־גאַנג דרעהט זיך ארום דיעזען גרויסען פילאָזאָפישען פונקט. נעהמט דעם פּראָסטעסטען אידען פון דער אידישער גאַס און רעדט זיך מיט איהם פאַרנאַנדער און איהר וועט געפינען ווי טיעף ער וויים און פיהלט, אז גאָט איז דער באשעפער פון אלע וועל־טען, אז זיין אויג איז אומעדום, אז עס איז פאַר איהם קיין בעהעלטעניש ניטאָ, אז ער איז געווען פון אייביג און אז ער וועט זיין אייביג, אז ער איז דער קוואַל פון אלעס וואָס איז גוט, און אז מיר אטהמען מיט זיין אטהעם און מיט לעבען מיט זיין נשמה, וועלכע איז א טהייל פון איהם. ניין! איהר קענט אונזערן א בעל־עגלה פון וועג ניט אראָבפיהרען אין דאָס וואָס אנבעלאַנגט צו גרויס־פילאָזאָפיע אפילו ווען איהר

האָט געענדיגט זיבעצעהן אוניווערזיטעטען! ער ווייס ניט קיין איינצעלהייטען, אָבער ער ווייס דעם גרויסען סך־הכל.

ווארום דאָס יודענטום האָט ניט נאָר ערפונדען די גרעס־טע אמת׳ן פון דער קולטור, זי האָט געפונען א וועג ווי אזוי צו פערוואַנדלען דיזע אמת׳ן אין דעם אייגענטום פון יעדען אידען, זי האָט געפונען די וועג ווי אזוי עס צו איינפאַסען אין א פאָרם אין וועלכען עס זאָל זיין צוטריטליך צו אלעמען, ווי אזוי עס צו פערוואַנדלען אין א טהייל פון לעבען, זי האָט אראָבגענומען די הויכע הימעלשע מחשבות און געבראכט עס אן דער אָרימסטער הייזעל דורך די מעשים וואָס דער איד טוט.

נאָך איידער דאָס אידישע קינד קען ריידען גוט, ווערט זיין פערשטאַנד צוגעגרייט צו דורכנעהמען דעם גרויסען רעיון פון אחדות הבורא. דער גרויסער פילאָזאָף הערמאַן קאָהן מאַכט אויפמערקזאם אויף די קראַפט מיט וועלכע א איד רעדט ארויס דעם שמע־ישראל ה׳ אחד, אריינלייגענדיג זיין גאַנצע זעעלע אין דער דאָזיגער ערקלערונג. און די ערש־טע זאך וואס מען לערנט א אידישען קינד אין חדר איז די געוואלדיגע פרשה פון וועלט־בעשאַפונג, ווי אזוי אלע מדרגות פון דער יצירה, יבשה, וואַסער, פיש, חיות, מענש זיינען געשאַפען געוואָרען איינע נאָך די אַנדערע און ווי גאָט האָט געמאַכט דעם שבת אלס א סימן פון דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן. די הארץ פון קינד ווערט ברייט, די פאַנטאַזי לעבט אויף און ארבייט אין הויכע אבסטראקטע געדאנקען. און ווען עס קומט דער שבת פארשטעהט ער שוין וואָס דאָס מיינט, דער שבת איז ביי איהם די פאָרם אין וועלכע ער זעהט אלע מאָל פון דאָס ניי די וועלט־בעשאַפונג.

און דיזער גרויסער פרינציפ ווערט איהם ווידערהאָלט אין דאַוונען, (דער גאַנצער דאַוונען איז נאָר דערפאַר גע־מאַכט געוואָרען.) און ווען ער לייגט שפּעטער תפילין ווייס ער גאַנץ גוט און פיהלט, אז דאָס איז צו אַנערקענען די וואונדער־קראַפט וואָס האָט אלעס געמאַכט. ער מעג ניט זאָגען די ווערטער על־פי דקדוק, ער מעג דאַוונען אויף גיך און זיך ניט אָבשטעלען אויף יעדעס וואָרט, אָבער דער עיקר, דער רעיון איז ביי איהם דאָ. און אין שוהל ביי קריאת־

התורה, און מאכענדיג א ברכה, אלעם ווערט פון איהם בע־
טראכט און דורכגעפיהרט אלס אן ערקלעהרונג וועגען דעם
פילאָזאָפישען פרינציפּ אויף וועלכען עס שטעהט די אידישע
רעליגיאָן.

יעדע אידישע הויז איז א פילאָזאָפישע שולע, און יעדער
איד וואָס היט אידישקייט איז א פילאָזאָף אין זיין פאך!

איד און מענשהייט

נאכדעם ווי די אידישע רעליגיאָן האָט געשאַפען דעם טיעפסטען, העכסטען און גרעסטען פילאָזאָפישען געדאַנק וואָס די וועלט פאַרמאָגט—די איינהייט פון גאָט—האָט זי גלייך געשאַפען דעם ברייטעסטען און נאָבעלסטען אידעאַל וואָס עס איז פאַראַן אין דער געשיכטע — די איינהייט פון דער מענשהייט דורך גערעכטיגקייט פון איין מענש צום צווייטען.

די אידעע אז די מענשהייט איז איין גאַנצע זאַך און אז עס דאַרף הערשען גערעכטיגקייט צווישען די איינצעלנע גליעדער וואָס שטעלען צוזאַמען די גאַנצע מענשליכע משפחה איז אַרויסגעקומען אלס דירעקטער רעזולטאַט פון דעם פּרינציפּ, אז עס איז פאַראַן איין גאָט אויף דער וועלט. גאָטהייט און מענשהייט זיינען צוויי בעגריפען וואָס האָבען ניט געקענט אויסגעקלערט ווערען בעזונדער נאָר צוזאַמען, אַזוי ענג איז דאָס לעצטע פאַרבונדען אין דאָס ערשטע.

די מענשען וואָס האָבען געגלויבט אין פיעל־געטעריי האָבען ניט געקענט קומען צו דעם בעגריף אז עס איז דאָ אָדער עס דאַרף זיין אַן אָרדנונג אין דער וועלט, אז עס זיינען פאַראַן זאַכען וואָס זיינען רעכט און זאַכען וואָס זיינען אונרעכט. די וועלט האָט זיך פאָרגעשטעלט, אין די אויגען פון יענע מענשען, אלס א קאַמפּפּס־פּלאַץ פיר פאַרשיעדענע קרעפטען, נאַטור־קרעפטען, וואָס פיהרען איינע מיט די אַנדערע א ווילדע מלחמה אָהן א שום צוועק און אָהן א שום פּלאַן. די געטער וואָס האָבען פאָרגעשטעלט דיעזע נאַטור־קרעפטען האָבען צווישען זיך אָנגעפיהרט אינטריגעס, האָבען אָבגענאַרט איינע די אַנדערע, האָבען זיך כסדר פאַרמאַסקירט צו בעהאַלטען די געמיינע מחשבות,

זיינען בעפאלען איינע די אנדערע ווען יענע זיינען געווען ניט צוגעגרייט צום קאמפף, האבען זיך ניט אבגעשטעלט אפילו פיר אזא שוידערליכען חטא פון מארדען קינדער, די געטינען האבען אבגעטאן די עקעלהאפטעסטע פאלשקייטען פון די געטער־מענער. קורץ; די געטער זיינען געווען א "גענג" פון אויסוואורפען געגען וועמען די ערגסטע אויסוואורפען פון די מענשען זיינען געווען צדיקים גמורים.

אונטער אזעלכע אידעען איז ניטא קיין פלאץ פיר דעם בעגריף פון דאס וואס מען מעג טאן און דאס וואס מען טאר ניט. אלעס מעג מען, אויב מען קען נאר. אונטער אזעלכע אידעען איז ניטא קיין פלאץ פיר מאראל אלס א פפליכט אויפ׳ן מענשען, און עס איז ניטא קיין ארט צו רעכענען, אז עס איז פאראן פפליכטען פון גערעכטיג־קייט פון איין מענשען צום צווייטען. פון וואנען זאל קומען א פאדערונג פון גערעכטיגקייט ? ווער זאל זיין דער וואס וויל עס און דיקטירט עס און צווינגט אז מען זאל עס דורכפיהרען ? די געטער וואס שיכור׳ן און טוען כל־דבר אסור פאדערען עס געוויס ניט !

געוויס האט זיך פון צייט צו צייט ארויסגעריסען דא אדער דארטען מחשבות וועגען יושר און מיטלייד צו אי־מיצען אנדערש, נאך איי־ער די אידען זיינען ערשיענען אויף דער ביהנע פון דער וועלט־געשיכטע, אבער דאס האט ניט געקענט ווערען קיין שיטה, קיין פעסטע ארדנונג, קיין אנשויאונג, קיין איבערצייגונג אזוי לאנג ווי מענשען האבען געגלויבט, אז עס איז ניטא קיין ארדנונג, קיין געזעצע אין די קרעפטען פון דער נאטור און אז די געטער וואס הערשען איבער דיעזע קרעפטען זיינען פארנומען אין א ווילדען שפיעל פון ערפילען יעדער איינער זיינע פערזענליכע תאוות אויף דעם חשבון פון שכן־גאט. ווען מען האט געגלויבט אין אנארכי אין דער נאטור, האט מען ניט געקענט אנדערש ווי גלויבען אין אנארכי, אין אלעס וואס בעלאנגט צו רעכט און אונרעכט.

די גרויסע רעוואלוציאן אין מענשליכע געדאנקען, די גרעסטע פון אלע רעוואלוציאנען אין דעם גייסט פון מענ־שען זייט די וועלט שטעהט איז פארגעקומען ווען די אי־

דישע רעליגיאָן האָט ערקלעהרט אחדות־הבורא. די וועלט איז ניט קיין שפּיעל פון ווילד־צולאָזענע עלעמענטען. אלעס איז די שאַפונג פון איין גרויסען שעפער וואָס האָט אוועקגעלייגט די אייזערנע געזעצע ווי אַזוי זיי זאָלען זיך פיהרען. עס איז זיין וואונש און זיין בעפעהל, אז עס זאָל זיין אָרדנונג אויף דער וועלט, עס איז קיין הפקר, עס איז פאַראַן א בעל־הבית וועמען אלע מוזען פאָלגען, סיי די קרעפטען פון דער נאַטור, וועלכע ער האָט בעשאַפען און סיי די מענשען וואָס זיינען פון איהם געשאַפען געוואָרען. און אַזוי איז ער איינער, די וועלט איז איין גאַנצע זאַך און די מענשהייט איז איינס. אלע זיינען טהיילען פון איין גאַנצעס און עס איז פאַראַן פפליכטען פון איין טהייל צו די איבעריגע, פון איין מענש צום אַנדערן, פון איין גרופּע צום אנדערן. גאָט פאַרנעהמט זיך ניט מיט נאַרעריי, מיט אינטריגען, ער איז די גערעכטיגקייט אליין. ער איז דער אמת אליין, ער האָט פיינט פאַלשקייט, ער האָט פיינט ווען דער שטאַרקער נוצט זיין כח צו טאָן אונרעכט און ער פערלאַנגט, אז די מענשען זאָלען זיין ווי ער!

פון דעם רעיון פון דער איינהייט פון גאָט האָט דער אידישער גלויבען ארויסגעצויגען די גרויסע לעהרע פון א הויכען און נאָבעלען פפליכט צו וועלכער דער מענש איז אונטערוואָרפען, די פפליכט פון ניט טאָן דאָס וואָס עס ווילט זיך, נאָר דאָס וואָס איז גערעכט, ווי עס זאָגט ריכטיג פיליפּ וואַן נעסס מייערס: "עס איז געוועזן ישראל'ס גליקליכער שיקזאל צו ווערען דער לעהרער פון דער מענשהייט פון דעם אמת, אז עס איז פאַראַן אַן איינציגער און גערעכטער גאָט, און צו זיין דער בעשאַפער פון א מאָראַלישען אידעאַל, וועלכער איז היינט דער העכסטער עטישער בעגריף, ביי אלע ראַסען פון דער מערב־וועלט, און די שטאַרקסטע מאָראַלישע קראַפט אין דער וועלט־געשיכטע".

דער ביטערער קאַמפּף וואָס די אידישע רעליגיאָן האָט געפיהרט געגען געצענדיענסט איז ניט בלויז געוועזן א מלחמה פיר א גרויסען פילאָזאָפישען אמת, געגען פאַלשע בעגריפען, עס איז אויך געוועזן אין דערזעלבער צייט א

קאמפף געגען פארדארבענהייט, געגען שלעכטעס פון מענש צו מענש, געגען אכזריות, געגען אלע סארטען אונטערדריקונגען, געגען דער חיה וואס זיצט אין מענשען. עס איז געווען א מלחמה צו אויפהויבען דעם מענשען צו פפליכטען, צו אידעאלען, צו דער אויסשפרייטונג פון דער מענשליכער הארץ, עס זאל אריינגעהמען אלע מענשען וואס לעבען אויף דער וועלט. די אידעע פון איין גאט האט געהייסען ביים אידען איין פיהרערשאפט, איין אויטאריטעט, וועלכער צייגט אן דעם וועג צו גערעכטיגקייט אלס דער העכסטער אידעאל פאר'ן מענשען, אלס געגענזאץ צו געצענדיענסט, וואס האט געמיינט : אהן פרינציפען און אהן פפליכטען.

און פון דאנען שטאמט עס די וואיגדערליכע צוזאמענמישונג אין יודענטום אויף שריט און טריט פון די צוויי גרויסע פרינציפען וועלכע איך וואלט וועלען אנרופען געטליכקייט און מענשליכקייט. ווען דער איד שניידט זיין פעלד, ווערט ער אנגעזאגט, אז ער מוז לאזען א טהייל פאר דעם ארימאן, און דאס ווערט ניט בעטראכט אלס נדבה, עס ווערט בעטראכט אלס א חוב וואס עס קומט דעם ארימאן געזעצליך, ווייל ער איז ארעם און עס הייסט ווייעדער מיט דעם נאמען "גערעכטיגקייט" (צדקה). ווען דער איד נעהמט א משכון א בגד, וועלכען דער ארעמאן דארף האבען אום צו לייגען זיך שלאפען, מוז ער עס איהם ביינאכט געבען צוריק. און ווי גוואלדיג קלינגען די ווערטער אין דער תורה וואו עס ווערט געזאגט, אז מען זאל ניט דריקען דעם יתום און דער אלמנה, ווארום ווען ער וועט שרייען צו גאט וועט זיין צארן ברענען און אייערע ווייבער וועלען זיין אלמנות און אייערע קינדער יתומים. ניט אומזיסט האט גאט ביי אידען דעם טיטול דער פאטער פון יתומים און דער דיין פון אלמנות.

וואו נאר די אידישע תורה קומט צו א פונקט וועגען ארעמאן, ווערט איהר טאן א פייערדיגער, און די ווערטער ווערען געשליידערט ווי גראנאטען, ווען די נביאים קומען צום פונקט פון דריקען און עקספלאאטירען דעם ארימאן, שטעכען זייערע רייד ווי שארפע שפיזען : "איהר מאהלט די פנים'ער פון די ארימע לייט !" שרייט אויס דער נביא

אין דעם אויסברוך פון זיין צאָרן. און ווי ריהרענד זיינען די ווערטער פון חומש וועגען א בעפרייטען קנעכט, וועלכען מען טאָר ניט אוועקלאָזען ליידיג: דו זאָלסט איהם מיט־געבען — זאָגט דער אידישער געזעץ — פון דיינע שעפּסען, און פון דיינע תבואה, און פון דיין וויין, פון אלעם וואָס גאָט האָט דיר געגעבען זאָלסטו איהם געבען!

מען דאַרף זיך נאָר פאָרשטעלען ווי אזוי א בעפרייטער שקלאַף געהט אויפ׳ן וועג מיט ליידיגען, ער געהט אין דער ברייטער וועלט אריין ניט פאַרזאָרגט אפילו וואָס ער וועט עסען אין דער ערשטער נאַכט פון זיין וואַנדערונג, נאַכדעם ווי ער האָט אזוי לאַנג געהאָרעוועט און געשאַפען פאַר זיין בעל־הבית — מען דאַרף זיך פאָרשטעלען אזא בילד, אום צו פאַרשטעהן די ווערטער פון דער תורה, וואָס האָט ניט געשפּאָרט קיין ווערטער און אויסגערעכענט אלעס וואָס דער בעל־הבית זאָל געבען. א בעל־הבית, ווי עס ווייזט אויס, האָט ניט קיין שטאַרקען חשק צו געבען, און מען דאַרף מיט איהם פיעל איינ׳טענה׳ן. איך האָב שוין געזעהן אין די מאָדערנע צייטען, ווי מענשען וואָס אַרבייטען אָב צעהנדליגע יאָהרען ווערען אוועקגעלאָזען מיט גאָר ניט. די תורה אָבער פאָדערט פאַר׳ן אַרבייטער אמווייניגסטענס ביים אוועקגעהן א טהייל פון דעם קאַפּיטאַל וואָס ער האָט געשאַפען.

און דאָ זעהט מען ווי דער אידעאַל פון גערעכטיגקייט איז געבויט אויף דער אידעע פון אחדות־חבורא; וואָס דיין גאָט האָט דיר געגעבען, זאָלסטו איהם געבען. גאָט איז דער בעל־הבית פון אלע פאַרמעגענס און ער פאָדערט פאַר׳ן ארימאַן א חלק. אָבער פון דעמזעלבען פּרינציפּ איז ארויס־געוואַקסען נאָך א גרעסערע אידעע, אז קיין אבסאָלוטע איי־גענטהום זאָל ניט זיין, די ערד זאָל זיך אומקעהרען צום פאַרקויפער אין דעם יאָהר פון יובל. דאָס איז דער געזעץ אויף וועלכען אלע סאָציאַלע רעפאָרמער בויען זייערע פאָ־דערונגען. און דיזער פּרינציפּ ווערט פאָרמולירט מיט דעם געוואַלדיגען ארגומענט: כי לי כל הארץ. די ערד איז דאָך מיינע און קיינער דאַרף עס ניט צונעהמען אויף אייביג. דער רעיון פון די איינהייט פון גאָט פיהרט צום געדאַנק, אז פאַרמעגענס דאַרפען ניט אין גאַנצען אוועקגענומען ווערען

דורך די רייכע און אז די אָרימע דאַרפען ניט ווערען בע־רויבט פון זייער חלק אין גאָט'ס וועלט.

און ניט נאָר די מענשהייט ווערט אריינגענומען אין דעם בונד פון אחדות וואָס די אידישע רעליגיאָן שאַפט, נאָר אפילו בהמות אויך. עס איז אונמעגליך דורכצונעהמען די גאַנצע גרויסקייט פון דעם פסוק אין דער תורה וואו עס ווערט געזאָגט, אַז דער שבת איז געגעבען געוואָרען צום רוהען, און געניסען פון דער רוהע דאַרף אויך דער אָקס און דער אייזעל! אין אלעס וואָס עס איז פאַראַן געשריבענעס אונטער דער זונן איז ניטאָ קיין זאך וואָס זאָל זיך קענען פארגלייכען צו דיעזען געזעץ פון דער תורה. דאָ האָט זיך דער גייסט פון גערכטיגקייט אויפגעהויבען ביז דער גרעסטער מדרגה וואָס א מענשליכער מח קען זיך פאָרשטעלען. דער אָקס האָט פאר דיר געארבייט, דו עסט פון זיין פראַצע, ער דאַרף רוהען גלייך מיט דיר, ער איז אַ שותף דיינער און דו דאַרפסט ניט אויסשווינדלען ביי איהם זיין שווער פאַר־דינטען אָברוה. גאָט האָט איהם באַשאַפען גלייך מיט דיר און דו האָסט צו איהם פפליכטען.

און נאָך אין אָן אָרט ווערט געזאָגט, אַז ווען דער אָקס דרעשט דיינע תבואה, "זאָלסטו זיין מויל ניט פארשליסען": ער מעג עסען ווען ער טוט דיין ארבייט. און דער אידישער דין שפּינט ווייטער דעם דאָזיגען געוואַלדיגען בעגריף פון מענשליכקייט און הייסט, אַז מען זאָל געבען פריהער עסען דער בהמה איידער מען עסט אליין. קיין וואונדער, אַז ווען ישעיה הויבט זיך אויף צו דער גרעסטער אידיליע פון "אחרית הימים", האָפט ער זאָגאַר, אַז א וואָלף מיט אַ שעפּס זאָלען זיין צוזאַמען און אַ לייב וועט מעהר ניט רייסען, ער וועט עסען שטרוי. דער גרעסטער נביא וויל ניט נאָר אַ פריעדען פון דער מענשהייט, ער וויל א איינהייט פון דער גאַנצער וועלט וואָס זאָל שטימען מיט דער איינהייט פון גאָט.

און פונקט ווי די פילאָזאָפי פון אחדות־הבורא איז פול אין יעדע אידישע הויז און אין אלע מצוות וואָס דער איד טהוט, אזוי איז די לעהרע פון דער אחדות פון דער מענשהייט די טרייע בעגלייטערין פון דעם אידען פון זיין פריהעסטער

יוגענד ביז זיין טויט. אין זיין דאַוונען, אין זיין לערנען, אין זיינע שבתים און ימים־טובים, אין זיין גאַנצען לעבען, אין זיין פיהלען און זיין דיינקען, אין דעם מאַרך פון זיינע ביינער איז דורכגעוועבט די גרויסע אידעע פון מענשהייט און גערעכטיגקייט. אָט פון דאַנען שטאַמט עס די אידישע ליעבע צו פרייהייט, צו גלייכהייט און אַלעס וואָס דערמיט איז פאַרבונדען.

גאָט און נאַטור; ירושלים און אַטהענס

דער בעריהמטער ענגלישער שריפטשטעלער מעטיו אַרנאַלד האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט בעוועגט זיך צווישען צוויי שטראָמען, אַ אידישען און אַ גריכישען. די קולטור פון די ציוויליזירטע פעלקער באַשטעהט פון צוויי טהיילען, העללעניזם, וואָס קומט פון גריכענלאַנד, און העברעאיזם, וואָס קומט פון ארץ־ישראל. אַמאָל איז גובר העללעניזם און אַמאָל איז העברעאיזם שטאַרקער.

מיר ווילען זיך נאָר אָבשטעלען אום צו ציהען אַ פאַר־גלייך צווישען די צוויי „ויסע אויבער־נאַציאָנען, דאָס פאָלק פון רעליגיאָן און דאָס פאָלק פון פילאָזאָפי, די אידען און די גריכען אין בעצוג צו די ברייטע אידעען פון גערעכטיג־קייט און מענשליכקייט.

מיר האָבען אין פאָריגען קאַפּיטעל געזעהן ווי אַזוי די אידישע תורה האָט זיך אָנגענומען פיר דעם שקלאַף, פיר דעם אָרימאַן, פיר דעם שוואַכען און ווי אַזוי די נביאים האָבען פאָרטגעזעצט דיעזען קאַמפף פיר שוואַכע מיט פייער און עקסטרימסטען ענטוזיאַזם. אומזיסט וועט איהר זוכען עהנ־ליכעס ביי דעם פילאָזאָפען־פאָלק פון גריכענלאַנד. עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינד אויף אייך ווען איהר קומט אַריין אין דער שעהנער לאַנד פון די העלענען. אומזיסט וועט איהר דאָרטען זוכען דאָס פלאַמענדע וואָרט געגען די "וואָס פאַרקויפען אָן אָרימאַן פאַר אַ פּאָאַר שיך", אָדער די וואָס ליגען אויס־געצויגען אויף זייערע בעטלאַך פון עלפאַנטביין און האַלטען די גזלה פון אָרימאַן אין זייערע הייזער. די גרויסע גריכישע פילאָזאָפען קימערן זיך ניט וועגען אַזעלכע זאַכען. מיר ווע־לען נעהמען די דריי גרעסטע פילאָזאָפען וואָס די וועלט־געשיכטע האָט אַרויסגעגעבען: סאָקראַטעס, פלאַטאָ און אַריסטאָטעל און זעהן ווי זיי שטעהען צו דער פראַגע פון גערעכטיגקייט און מענשהייט.

סאָקראַטעס איז דער וואונדערליכער גייסט וואָס האָט ארויפגעלייגט זיין שטעמפעל אויף דער מענשהייט. דאָס איז דער שאַרפער טיעפער סאָקראַטעס, דער איידעלער דיינקער וואָס גלויבט, אַז די עכסטע זאַך אויף דער וועלט איז דיינקען און וויסען, אָהן וויסען קען, ביי איהם, קיין זאַך ניט זיין, "וויים זיך אליין" איז געווען זיין כלל, דאָס איז דער עהרליכער סאָקראַטעס, וואָס האָט געקענט ניט נאָר לעבען מיט זיינע געדאַנקען, נאָר אויך שטאַרבען פאַר זיי אַלס מאַרטירער, שטאַרבען קערפּערליך און בלייבען לעבען אייביג אין דער אנדיינקונג פון מענשען אַלס לעהרער פון דאָס וואָס איז שעהן און נאָבעל.

און דאָך האָט סאָקראַטעס גאָר ניט צו זאָגען אין שוץ פון די שוואַכע קינדער בעלי־מומים, וועלכע די גריכען פלע־גען לאָזען זיך מיטשען און אוועקשטאַרבען. ער האָט ניט קיין וואָרט צו זאָגען פאַר דעם רעכטלאָזען שקלאַף, ער האָט קיין וואָרט צו זאָגען געגען די אונריינקייט פון דער פאַמיליע אין גריכענלאַנד, ער האָט ניט צו זאָגען אַ וואָרט געגען דעם ניעדריגען, כמעט שקלאַפּישען צושטאַנד פון דער פרוי ביי די גריכען, ער האָט קיין זאַך צו זאָגען און צו טרוימען וועגען אַ פאַרברידערונג פון דער מענשהייט. אַנשטאַט דעם שפּינט ער וואונדערשעהנע טעאָריען, ווי אַזוי אַ מענש זאָל "זיך אַליין וויסען" און דעבאַטירט עס געמיטהליך מיט זיינע תלמידים.

מיר זיינען פאַרטיג מיט סאָקראַטעס.

דאַן קומט פּלאַטאָ, דער ריעז צווישען אַלע פילאָזאָפען. פּלאַטאָ וואָס האָט געשאַפען דעם בעגריף פון אידעאַליזם, פּלאַטאָ וואָס איז געווען ניט נאָר אַ דיינקער ווי סאָקראַטעס, זיין רבי, נאָר איז געווען אַ דיכטער, האָט געקענט אריינ־דרינגען אין יעדער ערשיינונג און זעהן דאָס פאַרשטעלטע, דאָס פאַרבאָרגענע, וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם וואָרט "נשמה" מעהר ווי אירגענד וועלכער פילאָזאָף און משורר פון גריכענלאַנד. פּלאַטאָ וואָס האָט אַזוי טיעף אנאַליזירט וואָס איז פריינדשאַפט און וואָס איז ליבשאַפט.

אָבער איהר וועט ביי פּלאַטאָ ניט געפינען דאָס וואָס איהר האָט געזוכט און ניט געפונען ביי סאָקראַטעס. אַזוי

ווי דער רבי, אזוי איז דער תלמיד, בלינד צו די גרויסע עולות און הסרונות אין דער מאָראַל פון זיין צייט. אדרבה: "ער גיט אַן הסכמה צו לאָזען אויסגעהן קראַנקע פעלער־האַפטע קינדער, ער מאַכט די מאָראַליטעט פאַר אַן אריסטאָקראַטישע קלאַסס־זאַך — — ער אקצעפּטירט שקלאַפעריי אַלס אַ נויטיגע אינסטיטוציאָן פון שטאַאט. ער שליעסט אויס די ניט־גריכען פון דער מאָראַלישער ספערע, און ער הויבט זיך קיינמאָל ניט אויף, ווי אַ אידישער נביא, איבער דעם אַלגעמיינעם גריכישען שטאַנדפּונקט צו דער־פיהלען דעם גרויסען געזעץ פון מאָראַלישען פּראָגרעס און צו דעם אויסזיכט פון היסטאָרישען צוועק — די עטישע איינהייט פון דער וועלט" (פילים וו. נ. מייערס).

מיר קומען צו אריסטאָטעל, וועלכער פאַרנעהמט אַזאַ גרויסען פּלאַץ אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע. אריסטאָ־טעל איז ניט נאָר אַ גרויסער פילאָזאָף, נאָר אויך אַ וועלט־מענש, דער רבי פון אלעקסאַנדער מוקדון און זיין בעגלייטער אויף פיעלע רייזעס, און דאָך איז ניטאָ ביי איהם אפילו קיין סימן פון אַ אידעע וועגען אַ גאַנצע מענשהייט. פאַרקעהרט, ער איז נאָך אַוועק ווייטער ווי אַנדערע אין איינטהיילען די מענשען אין קלאַסען, העכערע און ניעדריגע. די ניעדריגע קלאַסען קענען, לויט זיין מיינונג, קיין מעשים טובים ניט האָבען, זיי זיינען נאָר בעשאַפען געוואָרען צו דינען און זיין אונטערטהעניג, ער האָט געהאַלטען פיר אַן עולה ווען אימיצער האָט גערדיינקט, אַז מענשען זיינען גלייך. וואָס אַנבעלאַנגט צו שקלאַפען האָט ער געגלויבט, אַז זיי זיינען דערצו בעשאַפען געוואָרען, זיי זיינען ניט מעהר ווי "לעבע־דיגע אינסטרומענטען".

און ווערהרענד די אידישע תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז מען טאָר ניט נעהמען קיין נקמה ("לא תקום ולא תטור") און האָט געגעבען אַ געזעץ, אַז ווען אימיצער זעהט דעם אייזעל פון זיינעם אַ שונא, דאַרף ער איהם עס בריינגען צו פיהרען צו איהם אַהיים, אין דערזעלבער צייט וואָס נקמה איז ביי דער אידישער רעליגיאָן בעטראַכט געוואָרען פיר אַ זעהר ניעדריגען פאַרברעכען, האָט מען אין גריכענלאַנד געהאַל־טען נקמה אַלס אַ זעהר הויכע מדה און דאָס מוחל זיין איז

געווען פאַררעכענט פיר א שוואַכקייט און א חרפה, און פלאַטא אליין זאָגט, אז צו טאָן א רעה א שונא איז א דרינ־גענדע פפליכט.

אָט אזוי זיינען געקומען די אידען דורך רעליגיאָן צו דער העכסטער מדרגה פון מענשענליבע און די גריכען האָבען ניט געקענט דאָס דערגרייכען דורך פילאָזאָפי. דערפאַר איז די גריכישע ציוויליזאַציאָן אונטערגעגאַנגען ווען די גריכען זיינען נאָך געזעסען אויף זייער באָדען, און די אידישע צי־וויליזאַציאָן איז געבליבען שטאַרק אפילו נאָכדעם ווי די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען אין דער פרעמד. און דערפאַר האָט די לעבענדע מענשהייט געזוכט פיהרערשאַפט ניט אין אַטהענס, וואו די גרויסע פילאָזאָפען זיינען געווען, נאָר אין ירושלים, וואו די גרויסע נביאים זיינען געווען.

* * *

וואָס איז אָבער געווען די אורזאַכע פאַרוואָס אזא הויכע פאָלק ווי די גריכען וואָס האָט עררייכט אזא הויכע שטופע אין פילאָזאָפי, אין קונסט און אין וויסענשאַפט האָט ניט געקענט זיך אויפהויבען צו א העכערע וועלט פון מאָראַל? וואָס איז די מ ש א וועלכע איז געלעגען אויף דעם גרי־כישען גייסט, וואָס האָט איהם ניט געלאָזען זיך צו דער־הויבען צו ברייטע וועלט־אידעאַלען און פפליכטען?

די משא וואָס האָט אראָבגעשלעפט די גריכישע ציווי־ליזאַציאָן צו דער ערד און האָט עס ניט געלאָזען זיך אויפ־הויבען העכער אין בעצוג צו מענשהייטס־אידעאַלען איז געווען די צוגעבונדענקייט פון דעם גריף צו דער נאַטור. דער הויפּט־פּרינציפּ פון גריכישען לעבען איז געווען צו לעבען "אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור". אין דיעזע איינציגע ווערטער איז געלעגען די גאַנצע גריכישע אויפפאַסונג פון דער וועלט און דער גאַנצער בעגריף ווי אזוי א מענש זאָל זיך פיהרען. דער גריך האָט געדיענט די נאַטור מיט אַלע פעדימלעך פון זיין נשמה, דורך זיין מיטהאָלאָגי האָט ער פאַרגעטערט בלויז די נאַטור און זיין איינציגער וואונש איז געווען צו ערפילען דאָס וואָס די נאַטור זאָגט צו איהם, וואָס די נאַטור בעוועגט אין איהם.

איינער פון די גרויסע גריכען האָט געזאָגט : "זיי וואָס דו ביסט !" וועלכעס מיינט קיין אַנדער זאַך ווי אז א מענש קען עררייכען זיין העכסטע שטופע ווען ער וועט אויספאַר־שען זיינע נאַטירליכע נייגונגען און לאָזען זיי פריי שפּיע־לען. עס שיינט, אַז אפילו די וויכטיגקייט פון פאָרשען און וויסען אויף וועלכע די גריכישע פילאָזאָפען לייגען אזוי־פיעל געוויכט איז אויך נאָר אום צופריעדענצושטעלען א וואונש ביי די וואָס זיינען גענייגט דערצו. דער איידעלער מענש האָט פארגעניגען און צופריעדענהייט פון פילאָזאָפי־רען, אַזוי האָט איהם די נאַטור געשאַפען און צו ערפילען דיזען וואונש איז פאר איהם אזא פערגעניגען ווי צו ערפילען א פיעל פּראָסטערען וואונש ביי א פּראָסטען מענשען. אומע־דום איז אָבער דער גרונד דערזעלבער : צו לעבען אין איינ־קלאַנג מיט דער נאַטור.

אזא פארגעטערען פון דער נאַטור קען ניט פיהרען צו קיין פעסטען בעגריף, אז א מענש האָט פּפליכטען און מוז עס ערפילען. דאָס לעבען ווערט גענומען זעהר לייכט ווען מען שטעהט אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט, עס לוינט ניט זיך אָנצושטריינגען. אַ מענש דאַרף ניט זיין בעסער ווי ער איז. עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל עס ביי איהם פאָדערן, ווי־באַלד אַז אויסער דער נאַטור און אויסער דעם אינערליכען וואונש וועלכער קומט אויך פון דער נאַטור, איז ניטאָ קיין אַנדער אויטאָריטעט, איז ממילא ניטאָ קיין אורזאַכע פאר־וואָס מען זאָל טאָן אַנדערש ווי עס ווילט זיך.

אַלס ביישפּיעל : די גריכישע פילאָזאָפּי האָט זיך ניט געשטעלט געגען נקמה, ווייל דאָס איז אַן עלעמענטאַרע קראַפט פון דער נאַטור. זי האָט ניט געפונען קיין וואָרט פון שוץ פיר אלטע־לייט, וועלכע זיינען געוועזען אין גריכענלאַנד פאַרלאָזען און פאַראַכטעט, ווייל פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער נאַטור זיינען אַלטע לייט ניט נוצבאַר און די נאַטור וואַרפט אַרויס דאָס וואָס איז ניט נוצליך. רעספּעקט צו אַלטקייט און שוואַכקייט איז געווים ניט קיין נ א ט י ר־ל י כ ע פאָדערונג. די אידישע תורה האָט זיך איןביידע זאַכען געשטעלט דירעקט געגען דער נאַטור, וויסענדיג ווי נקמה איז ליעב, האָט זי עס פאַרבאָטען. וויסענדיג ווי אַלט־

קייט איז פון נאטור פאראכטעט, האט זי געהייסען געבען כבוד און זאגאר זיך שטעלען פיר אלטע לייט.

די נאטור איז ניט מאראליש, זאגט דער גרויסער פאר־שער האקסלי. און ניטשע, בויענדיג אויף דער נאטור, אויף דעם כלל פון דארוויניזם, אז דער שטארקער דארף פארניכטען דעם שוואכען, זאגט, אז רחמנות איז א פארברעכען. די גריי־כישע פילאזאפען זייענדיג די דיענער פון דער נאטור האבען ניט געקענט ענטוויקלען הויכע מאראלישע בעגריפע, האבען ניט געקענט בעגרייפען פפליכטען צו בעקעמפפען די נאטור וועלכע איז ביי זיי געוועזען די העכסטע קדושה.

נאר די אידען מיט זייער אמונה, אז עס איז פאראן א י י ן באשעפער פון דער וועלט, וואס שטעהט העכער ווי די נאטור־קרעפטען, האבען געקענט שאפען דעם בעגריף, אז פפליכטען שטעהען העכער ווי ווינשע, אז די הארץ מיט איהרע פארלאנגען איז ניט די וועג־ווייזערין פאר'ן מענשען. אדרבה; ולא תתורו אחרי לבבכם, איהר זאלט ניט געהן נאך אייערע הערצער. דורך דעם כח פון: כה אמר ד', האבען זיך די אידען בעפרייט פון די שקלאפעריי צו דער נאטור און האבען געצייגט, אז גאט איז העכער ווי די נאטור און דער מענש איז העכער ווי די חיה וואס איז צו דער נאטור גע־שמידט אין קייטען.

און דאס איז דער גרויסער טריאומף פון יודענטום איבער העללעניזם, פון דעם אידען איבער דער וועלט! דער שליסעל פון יודענטום איז אינערליכע פרייהייט, די פרייהייט פון מענשליכען ווילען איבער זיינע ליידענשאפטען. און דאס גאנצע אידישע לעבען איז געבויט אויף דיזען פונדאמענט פון מענשליכע פרייהייט.

דער "יצר הרע" און דער "יצר־טוב"

מיר זיינען געקומען צו א געוואלדיג־וויכטיגע פראגע — א פראגע, וואס שטעהט אין רעכטען מיטען פון אלע פראבּלעמען פון ציוויליזאציאן און קולטור, און זי איז אזוי ברענענד חיינט פונקט ווי זי איז געווען ברענענד מיט באלד דריי טויזענד יאחר צוריק, ווען מען האט אנגעפאנגען ווענען איהר קלעהרען. די פראגע איז:

איז די מענשליכע נאטור גוט אדער שלעכט? קומען מיר אויף דער וועלט מיט גוטע נייגונגען, אדער שלעכטע? ווילט זיך אונז גיכער צו טאן גוטעס אדער שלעכטעס?

דער בעריהמטער פראנצויזישער פילאזאף זשאן זשאק רוססא ענטפערט קלאר און שארף, אז די מענשליכע נאטור איז דורכאויס גוט. מיר, מענשען, זיינען אייגענטליך פול מיט אלע גוטע נייגונגען און מיר רייסען זיך אלע דורך אונזער נאטירליכען חשק צו טאן נאכאנאנד מעשים טובים איינע צו די אנדערע, קורץ, מיר מיינען נאר דאס בעסטע און מיר וואלטען וועלען טאן דאס בעסטע, דער אונגליק איז נאר, וואס מען מאכט אונז דא קאליע און מען פארדארבט אונזער נאטירליכע גוטסקייט. ווער פארדארבט עס? די רעגיערונגען, די שלעכטע ארדנונגען און אינסטיטוציאנען, די שלעכטע ערציהונג, וואס פיהרט אונז אראב פון דרך הישר, ווען ניט דיזע זאכען וואלט אלעס געווען גוט און שעהן אין דער מענשהייט.

פונקט קאפויר זאגט דער בעריהמטער דייטשער פילאזאף שאפענהויער. לויט זיין מיינונג, זיינען מיר אלע רשעים גמורים פון דער נאטור, מיר זיינען ליגנערס, צבוע'קעס, אויסוואורפען, וואס זיינען ניט פעהיג צו טאן איין גוטע זאך אין דער גאנצער צייט וואס מיר לעבען דא אויף דער וועלט. אויב עס דאכט זיך אמאל אויס, אז מיר טוען יא א גוטע זאך איז עס נאר, ווייל מיר נארען אב דעם צושויער. מיר

יאמערן אויף א טויטען, ווייל מיר ווילען מאכען אן איינדרוק אויף אונזערע שכנים אָדער ווייל דורך דעם טויט פון דעם וועלכען מיר בעקלאגען האָבען מיר עפּעס פאַרלאָרען א זאך פון וועלכער מיר האָבען נוצען געצויגען. די פרויען וואָס זיי־נען עהרליך, איז עס נאָר דערפאר וואָס קיינער וויל זיי ניט אָנקוקען און זיי האָבען דעם גרעסטען צער וואָס קיינער האָט זיי ניט געבראכט צו א נסיון, וועלכען זיי וואָלטען ניט אויסגעהאלטען. די יונגע, די אַלטע, קיינער איז ניט בעסער איינער פאר׳ן אנדערן, די מענשהייט איז פארדאָרבען פון קאָפּ ביז די פיס און מיר אַלע זיינען ניט מעהר ווי אן עלענ־דעם געזינדעל.

דאָס זיינען די צוויי עקסטרימען אין דער פראגע פון אונזער נאטור און צווישען דיעזע צוויי עקסטרימען זיינען פאראן אנדערע ריכטונגען פון וועלכע א טהייל האלטען מיט רוססא און א טהייל וואנדערען צוזאמען מיט דעם פארבי־סענעם שאָפּענהויער אויף דעם וועג פון פעסימיזם.

אָבער, ווי געזאָגט פריהער, האָט זיך דער ויכוח ניט אָנ־געפאנגען פון רוססא און פון שאָפּענהויער, עס האָט זיך אָנגעפאנגען ווייט אמאָל אין אלטערטום אונטער אנדערע פאָרמען און אונטער אנדערע אומשטענדען, אָבער מיט דעמ־זעלבען אינהאלט. די צוויי מיינונגען, די איינע, אז די נאטור איז גוט און שעהן און אז מען דארף קיין זאך מיט דעם מענ־שען ניט טאָן, נאָר לאָזען אים געהן מיט דער נאטור און די אנדערע, אז די נאטור איז שלעכט, זיינען געווען פארטראָטען פון צוויי גרויסע און פילאָזאָפישע נאציאָנען. די ערשטע איז געווען פארטראָטען דורך די גריכען און די צווייטע דורך די אינדיער, א פאָלק וואָס האָט בעשאפען אן אייגענע פילאָזאָפי ארום דערזעלבער צייט ווען ביי אידען האָבען געלעבט די גרויסע נביאים און אין גריכענלאנד האָבען געלעבט די גרוי־סע פילאָזאָפען. עס איז ניט מעגליך צו האָבען א ריכטיגען בליק איבער דעם קאמפף צווישען די אידישע רעליגיאָן און דער גריכישער פילאָזאָפי, און איבער די יעצטיגע שטרע־מונגען אין דער אייראָפּעאישער קולטור אין בעצוג צו דער פראגע פון יודענטום, אויב מען זאָל זיך ניט אָבשטעלען אויף דער שאלה אויף וועלכער מען האָט געגעבען כמעט אין

איין צייט דריי פארשיעדענע תשובות אין דריי בעזונדערע מדינות: גריכענלאנד, אינדיען און ארץ-ישראל.

די גריכען, וועלכע זיינען געווען אזוי שטארק ארייננגע-טאָן אין דיענען די נאטור, האָבען געגלויבט, אז מען דארף ווייניג זיך אינטערעסירען מיט אויסבעסערען דעם מענ-שענס נאטור. אלעס איז גוט און אלעס איז שעהן אין מענ-שען, אויב נאָר עס איז אין איינקלאנג מיט דעם פערלאנג פון נאטור. דערפאר זיינען געווען ווייניג זאכען, וועלכע דער גריך האָט זיך פארפליכטעט אויסצומיידען. די וועלט איז שעהן און גוט — האָט דער גריך געקלעהרט — און אונזער אויפגאבע אויף דער וועלט איז צו געניעסען.

גאנץ אנדערש איז עס געווען ביי דער צווייטער פילאָ-זאָפישער פאָלק, די אינדיער. אין יענער לאנד האָט מען גע-גלויבט, אז אלעס אויף דער וועלט איז שלעכט און ביטער. אוואו מען גיט זיך א קעהר איז יסורים. "געבאָרען ווערען איז יסורים, שטארבען איז יסורים, און צו אָבגעבען זיך מיט עולם-הזה איז אויך יסורים". אלעס ארום אונז איז דונקעל אָהן א שום שטראהל פון ליכטיגקייט. און פונקט אזוי ווי דיעזע וועלט טויג ניט און עס איז ניט כדאי דאָ צו מאַטערן זיך, אזוי איז יענע וועלט אויך גאָר ניט ווערטה. דער איינ-ציגער וועג פאר דעם מענשען איז צו מבטל זיין די וועלט און צו האָפען און ווארטען אויף דעם מאָמענט ווען אלעס ענדיגט זיך און ווען ער, דער מענש, געהט אריבער אין דער אייביגער גאָר-ניטקייט, די "נירוואנא", דאָס איז דער לעצ-טער וואָרט פון דער פילאָזאָפיע פון אינדיען ווי זי ווערט אויסגעדריקט אין בודהיזם.

צו דיעזע צוויי קאָנטראסטען זיינען געקומען די צוויי נאציאָנען, די גריכען און די אינדיער.ביידע נאציאָנען האָ-בען זיך פיעל אָבגעגעבען מיט בעטראכטען די נאטור, ביידע האָבען געוואָלט לערנען א משל פון די נאטור-קרעפטע אויף דעם לעבען פון מענשען און זיי האָבען עס געלערענט אין צוויי פארשיעדענע וועגען, וועהרענד די גריכען האָבען גע-פונען אין די נאטור-קרעפטע דעם לעסאָן, אז מען דארף זיך ניט זאָרגען און אז יעדער דארף ארויסציהען פון לעבען אזוי-פיעל פערגעניגען, ווי פיעל ער קען נאָר און זעהן צו האָבען

פּפּליכטען אַזוי ווייניג ווי ער קען נאָר, האָבען די אַנדערע געפונען אין די נאַטור־קרעפטע מורא׳דיגע אכזריות׳דיגע קרעפטען, בלינדע כחות וואָס צוברעכען און צעמאָלען אַלעס וואָס שטעהט זיי אין וועג. זיי האָבען בעטראַכט ווי הילפּ־לאָז דער מענש איז אין דעם ווילדען רויש פון די נאַטור־כחות, זיינען געוואָרען פול מיט פארצווייפלונג און האָבען געפונען דעם איינציגען אויסוועג אין א שטענדיגען פּעסי־מיזמוס, צער און וועהטאָג און אין פארטרינקען די נשמה אין מחשבות פון אייביגען גאָר־ניט.

ביידע נאַציאָנען, ניט די גריכישע און ניט די אינדישע, האָבען געקענט שאַפען אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע פעסטע אנ־שויאונג פון זייערע צוויי פארשיעדענע נאַטור־פילאָזאָפיען. די גריכען, ווייל זיי האָבען צופיעל געדיענט די נאַטור, און די אינדיער, ווייל זיי האָבען צופיעל פאַרוואָרפען די נאַטור. דאָרטען, וואו מען פאָלגט דאָס וואָס די נאַטור דיקטירט, קען מען ניט ענטוויקלען קיין גייסטיגע קראַפט זיך צו בעהערשען און זיך שטעלען א י ב ע ר דער נאַטור. ביי די אינדיער האָט אויך ניט געקענט ווערען ענטוויקעלט אַ פעסטער מאָראַלישער לעבען, ווייל מען האָט דאָס לעבען אַליין מבטל געווען. געוויס איז ביי די אינדיער פאראַן די לעהרע פון מוחל זיין זינד, פון ניט אָנריהרען אַ שוואַכען און אַנדערע מאָראַלישע פער־אָרדנונגען, אָבער וואָס איז די פעולה, אַז דאָס לעבען אַליין איז פאַרדונקעלט, אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל וואַרי־מען די נשמה, אַז עס איז ניטאָ קיין אינערליכער זעעלען־קאַמפּף, ווייל אַלעס איז טויט אין דער אינדיש־בודהיסטישער וועלט, קיין האָפנונג, קיין לעבענס־לוסט און וואו עס איז ניטאָ קיין לעבענס־לוסט קען קיין מאָראַל ניט זיין פונקט ווי עס קען ניט זיין קיין מאָראַל ווען אַלעס איז טויט. דאָס אינדיש־בודהיסטישע לעבען איז טויט נאָך איידער ער קומט צו דער "נירוואַנאַ".

* * *

די איינציג ריכטיגע תשובה אויף דער פראַגע: איז דעם מענשען׳ס נאַטור גוט אָדער שלעכט האָט געגעבען דאָס אי־דישע פאָלק: ניט די נאַטור איז דורכאויס גוט און ניט זי איז דורכאויס שלעכט, ניט מען דאַרף איהר דינען און טאָן

דאָס וואָס זי הייסט "דורך איהר שטימע אין מענשענ'ס הארצען" און ניט מען דארף איהר מבטל זיין און פון איהר אנטלויפען.

דאָס יודענטהום זאָגט זיך אָב זיין אורטהייל איבער דעם ענין מיט זיין קורצען און מעכטיגען לשון: כי יצר לב האדם רע מנעוריו, די נאַטור פון מענשענ'ס הארצען איז שלעכט פון זיין יוגענד. מען דארף ניט האָבען קיין סך בעווייזע, אז די נאַטור פון מענשען איז שלעכט. פון וואנען וואָלט געקומען אזוי פיעל פאַלשקייט, אזוי פיעל פארברעכענס, אזוי פיעל געמיינהייטען אויף דער וועלט, אויב ניט פון די שלעכטס־קייט פון דער נאַטור. האָט דאָך שוין דער ענגלענדער לעקי געענטפערט אויף דעם שטאנדפונקט פון רוססא, אז אויב דער מענש וואָלט געווען דורכאויס גוט פון דער נאַטור, וואָלט דאָך ניט געקענט זיין קיין שלעכטע רעגיערונג, שלעכטע אינסטיטוציאָן און שלעכטע ערציהונג וועגען וועל־כע רוססא קלאָגט זיך, אז זיי מאכען קאליע דעם מענשען!

מען דארף אָבער ניט קיין בעסערע בעווייזע ווי יעדער מענש קען אליין האָבען פון זיך. דערמאָנט זיך אָן די שלעכטע געדאנקען וואָס איהר אליין האָט געהאַט אין געוויסע צייטען און איהר האָט זיי אונטערדריקט און איהר וועט וויסען צו וואָס פיר שלעכטע טהאטען די נאַטור איז פעהיג צו טרייבען דעם מענשען! די נאַטור האַלט ניט אָב דעם שכור צו מאכען זיך אונגליקליך, די נאַטור האַלט ניט אָב דעם גנב, און די נאַטור האַלט ניט אָב פון צו טאָן אָדער וועלען טאָן אזעלכע זאכען וואָס ברייננגען אונגליקען ניט נאָר אויף אנדערע מענ־שען, נאָר אויך אויף דעם וואָס טהוט עס! און קהלת איז גערעכט געווען ווען ער האָט געזאָגט, אז די הארץ פון מענ־שען איז פול מיט שלעכטס! די נאַטור האַלט אפילו ניט אָב דעם מענשען פון דעם שוידער פון מלחמה, אדרבה, די נאַטור טרייבט דעם מענשען צום קריעג און די וואָס ווילען פאַרענטפערען קריעג גיבען אָן זייער הויפט־טענה, אז קריעג איז א נאַטירליכע זאך! און ניט נאָר מלחמה: עס איז ניטאָ קיין פארברעכען וועלכען מען זאָל ניט קענען פארענטפערען דורך דער נאַטור, ווארום אלע פארברעכענס שטאמען ווירקליך פון דער נאַטור, פון דעם

חשק וואָס עס קומט אריין דעם פאַרברעכען צו טאָן. דיעזער טריעב, דיעזער ליידענשאַפטליכער אויסברוך פון דער נאַטור ווערט אָנגערופען אין די אידישע ספרים : יצר־הרע.

אָבער צוגלייך מיט דעם יצר־הרע איז פאַראַן א יצר־טוב, איז פאַראַן א נייגונג אין מענשען צו דאָס גוטע, צו דאָס שעהנע און עהרליכע און עס איז די פפליכט פון מענשען דורך די קראַפט פון זיין וויללען, פון זיין ענטשלוס, צו גובר זיין דעם יצר־הרע דורך'ן יצר־טוב, עס הייסט, צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון דער נאָבעלער שטרעבונג געגען די קראַפט פון דער נאַטור־ליידענשאַפט און עס בעזיעגען, אָדער ריכטיגער : עס רעגולירען. די גמרא זאָגט : "דעם מענשענ'ס יצר־הרע שטאַרקט זיך געגען איהם פון דאָס־ניי אַלע טאָג". עס קומט אַלזאָ אויס א טאָג־טעגליכער קאַמפף. א וואונדערליכער קאַמפף, וואָס שטאַרקט די קראַפט פון מענשען און געוואָהנט איהם איין זיך ארויסצורייסען פון די הייטען פון דער נאַטור פון וועלכער ער איז א טהייל און זיך איבער איהר גובר זיין.

אָבער ניט אַנטלויפען און ניט מבטל זיין די נאַטור. דאָס יודענטהום איז געגען די וואָס האסען די נאַטור. דאָס יודענטום ליעבט ניט קיין נזיר, ליעבט ניט די וואָס ענטזאגען זיך פון פאַמיליען־לעבען, ליעבט ניט די וואָס זיינען פאַרטרויערט, ליעבט ניט קיין מעלאַנכאָליע, אדרבה : די וועלט איז א שעהנע און מען דאַרף פון איהר הנאה האָבען, נאָר מיט א מאָס. די נאַטור־ערעגונגען זיינען גוט, שלעכט זיינען נאָר די שלעכטע און שעדליכע ערעגונגען. דער יצר־הרע אַליין איז א ווילקאָמענער גאַסט ווען מען דאַרף איהם האָבען. זאָגט דער מדרש : "ווען נים דער יצר־הרע וואָלט קיינער ניט חתונה געהאַט, קיין קינדער געהאַט, קיין הויז געבויט און קיין גאָרטען געפלאַנצט". אידען דינען ניט די נאַטור — דאָס איז עבודה זרה — אָבער זיי ליעבען איהר, ווייל זיי ליעבען דאָס לעבען. קען מען ליעב האָבען די נאַטור מעהר ווי דער משורר פון "ברכי נפשי" ? ! דער שליסעל צו א גליקליכען לעבען אויף דיעזער ערד האָט מען געפונען נים אין גריכענלאַנד, ניט אין אינדיען, נאָר דאָרטען אויף די בערג פון ירושלים !

די שקלאפען פון דער נאטור

איך וואָלט וועלען בענוצען א פּראָסטען משל וועגען דעם העכערען ענין וועלכען מיר בעהאנדלען דא:

עס שטעהט פאר אייך א גרויסע פינקעלדיגע פלאַש וויין. איהר זייט א וויין־ליעבהאָבער און דאס געטראַנק רעדט צו אייער נאַטור און ציהט אייך צו זיך. וואס טהוט איהר?

עס זיינען פאַראַן פאר אייך דריי וועגען ווי אזוי איהר זאָלט לעזען די פראַגע: די ערשטע וועג איז: צו פאָלגען דאס וואס אייער נאַטור דיקטירט אייך, צוכאַפּען זיך צו דער פלאַש און טרינקען אזויפיעל וויפיעל איהר האָט נאָר כח צו טרינקען און פאַלען שכור אונטערן טיש; די צווייטע וועג איז: ארויסצואווארפען די פלאַש מיט די וויין אום ניט צו זיין אויסגעזעצט צו דער געפאַהר פון אריינפאַלען אין שכרות און מורא האָבענדיג פיר די שלעכטע רעזולטאַטען צו וואס שכרות פיהרט. ארויסווארפענדיג די וויין וועט איהר דאַן, אום איינצושטילען אייער חשק צו דעם געטראַנק, זאָגען אז די וויין איז א ניעדריגע זאַך, אז אין דעם איז פאַראַן אַל־דאָס בייזע און אז מען דאַרף עס פערניכטען פון דער וועלט; די דריטע וועג איז: צו עפענען דאס פלאַש וויין, נעהמען פונקט אזוי פיעל וויפיעל איהר פיהלט אז עס איז ניט צופיעל און אז עס וועט אייך ניט שאַדען, פערמאַכען צוריק די פלאַש און צוגעהן צו איהר נאָכמאָל נאָר דאַן ווען איהר וועט פיהלען אז איהר קענט נעהמען נאָך אַביסעל אָהן א שאַדען צו אייער פיזישען און גייסטיגען געזונד.

די ערשטע צוויי וועגען זיינען, אזוי צו זאָגען, גוי'שע וועגען. די דריטע וועג איז א אידישע. די ערשטע צוויי קומען פון שוואכקייט, די דריטע קומט פון גבורה. אידען זיינען געגען פראָהיבישאַן, ניט ווייל אידען זיינען פערקאָכט אין טרינקען נאָר פונקט קאַפּויר, ווייל אידען האָבען קיינ־

מאָל ניט גע׳שכור׳ט קענען זיי ניט פערשטעהן ווי אזוי מען זאָל אזוי שטאַרק צוגעבונדען זיין צום טרינקען אַז אָדער מען זאָל מוזען אריינפאַלען אין שכרות אָדער מען זאָל דאַרפען אין גאַנצען פארוועהרען דאס מאַכען, דאס פערקויפען, כמעט דאס צוריהרען זיך דערצו! אידען קענען ניט פיהלען קיין שנאה צו ווייַן, וועלכעס איז ניט שעדליך אויב מען זאָל עס נאָר נוצען אין אַ ריכטיגע מאָאס. אַ פאָלק וואָס שכור׳ט ניט קען קיינמאָל ניט איינפאַלען צו פערוועהרען דאס געטראַנק.

ווייל אין אמת׳ן איז שכור׳ן און פאַרוועהרען געטראַנק נאָר צוויי זייטען פון איין מטבע. ביידע קומען פון איין קוועלע: פון גרויס תאוה צום טרינקען און פון ניט קענען זיך איינהאַלטען און טרינקען מיט אַ מאָאס. דאס ניט קענען פערמאַכען די פלאַש אין דער צייט פיהרט אָדער צו שכרות אָדער צו אַנטלויפען אין גאַנצען פון דעם נסיון וועלכען מען קען ניט אויסהאַלטען. ביידע זאַכען שטאַמען דארום פון שוואַכקייט צו בעהערשען זיך, צו קאָנטראָלירען זיך. דאס צופיעל טרינקען און דאס פאַרוועהרען זיינען אייגענטליך נאָר איין זאַך, וועלכע מען קען אויסדריקען אין די ווערטער: זיין אַ שקלאַף צו דער נאַטור און ניט קענען צו איהר זאָגען, ביז דאַנען וועל איך דיר ערלויבען צו געהן און ווייטער ניט.

די דריטע וועג—איך רוף עס נ י ט די מיטעלע—שטאַמט נאָר פון אַן אַנדער קוועלע, עס שטאַמט פון דער גבורה פון כאַראַקטער, עס שטאַמט פון שטאַרק ענטוויקעלטע גייסטיגע קראַפט, עס שטאַמט פון דער אידעע פון דעם אמת׳ן אויבערמענש — ניט דער ״אויבער־מענש״ פון ניטשע, וועלכער איז ניט מעהר ווי אַ שקלאַף צו זיינע געפיהלען — דעם וועלט־בעזיעגער וואס איז פאָלשטענדיגער בעל־הבית איבער זיינע מעשים. און איז זיכער אז ער קען ביישטעהן דעם נסיון און ווען זיך קענען אָבשטעלען ווען ער געהט אויף דעם וועג פון פערגעניגען פונקט דאָרטען וואו מען דאַרף.

אזוי זיכער איז דער איד אַז ער וועט ניט שכור ווערען, אזוי פעסט איז ער אין זיין איבערצייגונג אַז ער וועט ניט לאָזען זיין נאַטור איהם צו בעהערשען אַז ניט נאָר פאַלט איהם ניט איין צו פאַרוועהרען ווייַן, נאָר די גמרא זאָגט

בפירוש אז "דער וואס שיידעט זיך אָב פון ווײן איז אַ זינ־דיגער מענש". געוויס איז ער אַ זינדיגער מענש! ער האָט די פּסיכאָלאָגי פון אַ זינדיגען מענשען, ער איז אַ שוועכלינג פון כאַראַקטער וואס האָט מורא צו האָבען פערגעניגען טאָמער וועט ער ניט קענען זיך איינהאַלטען און עס בענוצען ביז אַ שעדליכען אופן, אַז ניט וואָלט ער דאָך ניט אַנטלאָפען פון אַ זאַך פון וועלכע ער קען האָבען הנאה.

די גאַנצע געשיכטע פון דער ציוויליזאַציאָן, פון דער קולטור, פון דער רעליגיאָן איז אַ לאַנגער און נאָך ניט גע־ענדיגטער קאַמפּף אַרום די דריי וועגען וועלכע מיר האָבען דאָ בעהאַנדעלט, עס איז אַ קאַמפּף איבער דער פראַגע וואס זאָלען מיר מענשען טהאָן, ווי אַזוי זאָלען מיר האַנדלען אין בעצוג צו די שטורמדיגע ליידענשאַפטען וואס עס זיינען פאַראַן אין אונזער האַרץ, אין אונזער בלוט, אין בעצוג צו אונזערע מעכטיגע נאַטירליכע ווינשע וועלכע שרייען או! פאָדערען: ערפיל אונז! ווי אַזוי זאָל דער מענש אלס די העכסטע בעשעפעניש זיך פערהאַלטען געגען דער נאַטיר וואס איז אַרום איהם און אין איהם? זאָגט דער פאָרשער אַדאָלף וואוטקע: "עס איז ניט מעגליך צו פערשטעהן ריכ־טיג היסטאָריע אָהן עטיקס; די וועלט־געשיכטע איז די רעאַ־ליזירונג פון דער מאָראַל אין דער מענשהייט". דער בעריהמ־טער פאָרשער לעאָפּאָלד פאָן ראַנקע בעהויפּטעט אַז די הויפּט קראַפט אין דער מענשליכער געשיכטע ליעגט אין דער מאָ־ראַלישער קאָנסטיטוציאָן פון דער מענשליכער נאַטור.

וואס זאָלען מיר מיט זיך טהאָן אין דער דאָזיגער וועלט אין וועלכער מיר קומען אַריין פאַרטיג צו געניסען פון אַלעם וואס מיר קענען ערדייכען צופרידענצושטעלען אונזערע נאַ־טירליכע ווינשע? די וועלט איז ליכטיג, אַלעם לעבט און ציטערט מיט דער פולקייט פון אינערליכער קראַפט, אַלעם רעדט צו אונז, ווינקט צו אונז: נעהם מיך! דער געוואַלדי־גער געשלעכטליכער טריעב (וועלכער איז ביים מענשען אומ־געהויער פיעל שטאַרקער ווי ביי דער חיה דערפאַר וואס דער מענש האָט די קראַפט פון פאָרשטעלונג און ער קען זיך אַרויסרופען צו יעדער צייט בילדער און עראינערונגען וועלכע די חיה קען ניט) האַלט דעם מענשען אין זיין מאַכט. אַנ־

דערע ליידענשאַפטען ברענען אין אונזערע אָדערן, ווי עס זאָגט דער שאַרפער אויסדרוק פון תלמוד: דאס אויג זעהט און דאס הארץ גלוסט. ארום און ארום, ווען מיר קוקען זיך ארום אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין שום קאָנטראָל, קיין שום פארבאָט, קיין שום וועגווייזער וואס זאָל זאָגען א מאָס און אַ גרענעץ צו די ערפילונג פון אונזערע ווינשע. עס שיינט אַז דער איינציגער כלל וואס די נאַטור זאָגט אונז איז: נעהם וויפיעל דו קענסט, קעהר איבער דעם בעכער, טרינק ביז דו ווערסט שכור, שכור מיט לעבען און ליידענשאַפט ביז דיינע לעצטע קרעפטען!!

וואס זיינען די ענטפערס וואס זיינען געגעבען געוואָרען אויף דיזער פאָדערונג פון דער נאַטור? דער ערשטער ענטפער איז: פאָלג אלעס וואס די נאַטור הייסט דיר, א קינד פון דער נאַטור ביזטו, לעב לויט איהר וואונש, לויט דעם וואונש פון דיין הארצען. דאס איז דער געבאָט פון דער נאַטור־רעליגיאָן, פון דער נאַטור־קולטור און אויך פון דער נאַטור פילאָזאָפיע. מיט איין וואָרט, דאס איז די שטימע פון נאַטוראליזם, וועלכער זעהט ניט אויבען און זעהט ניט אונטען קיין אַנדער זאַך ווי פערלאַנגען און ערפילונגען. אלעס געהט צוזאמען ביי די נאַטור־פעלקער: דער שטראָם פון טייך וועלכער קען ניט אָבגעהאַלטען ווערען, די תאוה פון דער חיה וועלכע ווערט ניט קאָנטראָלירט, די ליידענשאַפטען פון מענשען וועלכע דארפען געהן מיט זייער פולען שוואונג, און די ליידענשאַפטען פון די געטער וועלכע ווערען אויסגעפיהרט אָהן אַ שום אָבהאַלט. אלעס, די גאַנצע וועלט, איז בעשעפטיגט אין איין זאַך: צופרידענשטעלונג פון די ווינשע. עס איז ניטאָ קיין מאָכט, ניט אויבען און ניט אונטען, וואס זאָל קענען עפּעס אריינזאָגען אין דעם דאָזיגען גאַנג פון קרעפטען. אונטער אַזאַ צושטאַנד קען קוים זיין די רעדע פון מאָראַל.

דער יודענטהום שטעמפּעלט דיזען נאַטוראליזם מיט׳ן נאָמען געצענדיענסט. געצענדיענסט מיינט אַ לעבען אָהן קאָנטראָל, אַ לעבען אָהן אַ מאָראַלישע קראַפט וואס זאָל ענטשיידען וואס מען דאַרף טהאָן אָדער ניט. געצענדיענסט מיינט פרייער שפּיעל פון די נאַטור־קרעפטען וואס אין

מענשען. דער תלמוד זאָגט: אז אָבגאָט זיצט אין מענשענ'ס הארצען, יצר־הרע איז זיין נאמען. דינענדיג די געצען האָבען די נאטור־פעלקער אין אמת'ן גדיענט צו די ליידענשאַפטען פון זייער אייגענע ברוסט. אין דער תורה ווערט אָפט געזאָגט אין פערבינדונג מיט געצענדיענסט דאס וואָרט "שרירות־לב", די לוסטען פון הארצען. דער גרויסער קאמפף פון יודענטהום געגען געצענדיענסט איז א קאמפף געגען דאס דיענען צו דער נאטור. דאס דאָזיגע געצענדיענסט אָדער נאטור־דיענסט עקזיסטירט היינט אויך אונטער א נייע פאָרם. איינער פון איהרע פערטרעטער איז ניטשע, וועלכער האָט אוועקגעשטעלט דעם כלל: עס איז פאראן מעהר שכל אין דיין לייב ווי אין דיין בעסטע חכמה. פון אידישע מאָדערנע געצענדיענער וועלען מיר ריידען שפעטער.

פון אזא לעבען אין שכרות נאכגעהענדיג די נאטור מוז אבער אריינטרעטען ווי נאך יעדער שכרות אן אָבשוואכונג פון די לעבענסקרעפטען. די נאטור־פאָלק ווערט פויל, ווערט קראַנק, די איבערזעטיגונג פון גענוס רופט ארויס א רעאַקציאָן און עס ווערט געבאָרען א מורא פיר די ליידענשאַפטען און א פעראכטונג פיר די נאטירליכע ווינשע; עס ווערט געבאָרען די נייגונג צו אנטלויפען פון די פערגעניגענס פון גוף, מורא־האָבענדיג צו טרעפען זיך מיט זיי פנים אל פנים און דאן ערשיינט די צווייטע וועג: דער אַסקעטיזם, דאס אָבשיידען זיך פון דער וועלט און וועלען פערניכטען איהרע פערגעניגענס. דער אסקעטיזם איז ניט מעהר ווי די צווייטע זייט פון דער נאטור־דיענסט, עס שטאַמט פון איין קוועלע: פון ניט האָבען קיין מאָראַלישע קראַפט צו געניסען אַלעס אין א מאָאס. די נאטור־פעלקער, ניט קענענדיג קאָנטראָלירען זייערע נאטירליכע ליידענשאַפטען וואַקלען זיך ארום צווישען די צוויי עקסטרימען פון: גאָר אָדער גאָרניט.

די שיטה פון גאָר־ניט, פון מבטל זיין די וועלט, האָט געפונען, ווי מיר האָבען דערמאַנט פריהער, איהר אויסדרוק און בודהיזם ביי די אינדיער, אויך א פאָלק וואס דיענט די נאטור. אבער שפעטער האָט עס געפונען אן אויסדרוק אין קריסטענטום. דער גרינדער פון קריסטענטום זאָל האָבען געזאָגט: דער וואס האַסט דעם לעבען אין דיזער וועלט

וועט עס האבען אויף יענער וועלט. אויף די חורבות פון דער איבערגעגעסענער, און פון תאוה איבערגעזעטיגטער ציוויליזאציאן פון גריכענלאנד און רוים, האט דאס קריסטענטום געשאפען א קולטור פון האסען דעם גוף, פון מאנאכען און מאנאסטירען. זי האט געפרעדיגט אסקעטיזם צו די ווילדע פעלקער פון אייראפא וועלכע האבען אנגענומען דעם גלויבען אבער האבען ניט געוואלט אויפגעבען זייער נאטור־לעבען. דערפון איז ארויסגעקומען דער גרויסער קאמפף וואס דאס קריסטענטום האט געפיהרט מיט זיך אליין. נאר דארויף וועלען מיר זיך דא ניט אבשטעלען. א מאדערנער פארשטעהער פון דעם קריסטענטום אין זיין האס צום גוף איז טאלסטאי.

דאס יודענטהום איז געגעןביידע טיילען פון דעם נאטור־דיענסט, אי געגען די וואס דיענען די נאטור־נייגונגען ביז שכרות און אי געגען די וואס ווילען אויסרייסען די נאטירליכע פערלאנגען פון מענשען. דאס יודענטום ערקלעהרט קריעג אי דעם נאטוראליזם פון גריכענלאנד און רוים, אי דעם בודהיזם, אי דעם קריסטענטום. דאס יודענטהום הויבט זיך אויף איבער די נאטור, זי שטעלט אוועק די נאטור אלס די ארבייט פון גאט. זי האט פאר דער נאטור ניט קיין מורא. די שטימע פון גאט וועלכער איז העכער ווי די נאטור זאגט דעם אידען ווי ווייט ער מעג געהן אין די ערפילונג פון זיין ליידענשאפט, און דער איד האט כח געגוג צו בעהערשען די נאטור אין איהם און איהר דיקטירען אנשטאט צו ווערען פון איהר דיקטירט. דער איד איז בעוואפענט מיט גייסטיגע גבורה ניט צו ווערען ביי זיך בטל און ווערען נאכגעשלעפט נאך דער שטימע פון דער נאטור. און דעריבער האט ער קיין מורא ניט פאר די נאטור־ליידענשאפטען. ער פערהאסט זיי ניט, ער פערדאמט זיי ניט, ער אנטלויפט פון זיי ניט, ער קוקט זיי אן מיט א שמייכעל פון א העלד וואס ווייס אז דער זיעג איז זיינער און האט קיין מורא ניט צו שטעלען זיך מיט זיי אויפ׳ן שלאכטפעלד.

פארקעהרט: די גמרא זאגט אז דער וואס סען הנאה האבען פון דער וועלט און טהוט עס ניט, וועט ער דארויף דארפען אבגעבען דין־וחשבון! די וועלט דארף מען געני־

סען, זי איז בעשאפען געווארען פאר'ן מענשען. ווייט איז
פון אידען דער רעיון צו מבזה זיין די פעראייניגונג פון מאן
און פרוי וועלכעס איז לויט'ן אידישען בעגריף א הייליגע־
וואונש פון דעם באשעפער. מיר האבען קיינמאל ניט גע־
דיענט צו די נאטור־געצען און האבען קיינמאל דעם גוף ניט
מבזה געווען. מיר זיינען קיינמאל ניט געווען אזוי ווי אנ־
דערע אין גאנצען ערדיש און האבען קיינמאל ניט געוואלט
זיך ענטזאגען אין גאנצען פון דער ערד. מיר האבען אויפ־
געמישט דאס הימלישע מיט דאס ערדישע, דאס גייסטיגע
מיט דאס קערפערליכע און דערפון איז ארויס די העכסטע
קולטור וואס עס איז פאראן אויף דער וועלט. די סולטור
אויף וועלכע דאס אידישע לעבען איז געגרינדעט.

די געבורט פון פרייהייט

ווען איז געבאָרען געוואָרען די פרייהייט ?

מאַנכע חעלען ענטפערן, אז פרייהייט איז געבאָרען געוואָרען ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען, אנדערע וועלען זאָגען די פרייהייט איז געבאָרען געוואָרען ווען די ענגלישע "מאגנא קארטא" איז אַרויסגעריסען געוואָרען פון די הענד פון ענגלישען קעניג, אַנדערע ווען זוכען צו פארבינדען די געבורט פון פרייהייט מיט אַנדערע וויכטיגע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע.

דיעזע אַלע פּאַסירונגען, אָבוואָהל זיי זיינען זעהר וויכטיג פיר דעם מאַרש פון פרייהייט, זיינען נאָר איינצעלנע אינצידענטען אין דער גרויסער פרייהייטס שטרעבונג פון דער מענשהייט. עס איז אָבער פאַראַן א י י ן גרויסער מאָמענט אין דער געשיכטע אין וועלכען די פרייהייט איז ווירקליך געבאָרען געוואָרען אויף דער וועלט און פון וועלכען זי האָט אָנגעהויבען איהר זיעגרייכען מאַרש.

דאָס איז דער מאָמענט ווען די אידישע רעליגיאָן האָט געבראָכען די קייטען אין וועלכע די נאַטור האָט געהאַלטען געשמידט דעם מענשען, און האָט איהם פריי געמאַכט צו האַנדלען ווי ער וויל, צו טאָן ווי ער פארשטעהט, און צו פיהרען זיך ניט ווי די דעספּאָטישע נאַטור הייסט איהם, דיקטירט איהם נאָר ווי ע ר, דער מענש אליין, וויל זיך פיהרען. דאָס איז געווען דער מאָמענט ווען דאָס יודענטום האָט פּראָקלאַמירט די פ ר י י ה י י ט פ ו ן ו ו י ל ע ן, וועלכעס איז ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין פאָלשטענדיג איידער דאָס יודענטום איז געקומען. ד ע ר פ ר י י ע ר ו ו י ל ע ן איז א אידישע שאַפונג און האָט אַנדערש ניט געקענט געשאַפען ווערען ווי נאָר דורך דער אידישער אידעע פון גאָט, וועלכער רעגיערט א י ב ע ר דער נאַטור און האָט געגעבען מענשען א פרייע דעה צו

פאָלגען אָדער ניט פאָלגען וואָס די נאַטור הייסט איהם.

מיר זיינען שוין אַזויפיעל דורכגענומען מיט דער אידעע, אַז דער מענש קען טאָן ווי זיין געוויסען דיקטירט איהם, אַז עס איז אונז שווער צו פאַרשטעהן ריכטיג ווי אַזוי איז עס מעגליך געווען, אַז עס איז געווען אַ צייט ווען דער פרייער ווילען איז אַזוי גוט ווי ניט געווען. צו וואָס האָט מען דאָ געדאַרפט די אידען, אַז זיי זאָלען מחדש זיין אַזאַ פשוט'ע זאַך וואָס יעדער פאַרשטעהט עס און יעדער פיהלט עס? אַזוי פיהלען מיר, ווייל מיר האָבען דאָך שוין הינטער זיך טויזענדער יאָהרען פון אַ קולטור אין וועלכער פרייער ווילען איז געווען דער הויפט־פרינציפּ. אום צו פאַרשטעהן ריכטיג די בעדייטונג פון דער געוואַלדיגער רעוואָלוציאָן אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, צו פאַרשטעהן ריכטיג וואָס די ערקלעהרונג פון דעם פרייהייט פון ווילען האָט געמיינט פאַר אַמאָל און וואָס עס מיינט ממילא פאַר היינט און פאַר שפּעטער, מוזען מיר אויף אַ ווײַלע אַ שפּרונג טאָן צוריק צו דעם מאָמענט ווען די פרייהייט פון ווילען איז געבאָרען געוואָרען.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די נאַטור־געטער האָבען געהערשט, ווען מענשען האָבען געדיענט די נאַטור מיט אַלע זייערע חושים און האָבען אַקצעפּטירט איהר הערשאַפט איבער זיך אָהן שום טענות. דער מענש האָט געגלויבט, אַז עס זיינען ניטאָ קיינע אַנדערע קרעפטען אויף דער וועלט ווי די נאַטירליכע קרעפטען מיט וועלכע ער איז אַרומגערינגעלט. ער איז פון זיי אַרויסגעקומען, ווערט פון זיי ענדליך פאַרשלונגען און מוז טאָן וואָס זיי הייסען איהם. עס איז זייער שטימע וואָס רעדט צו איהם דורך זיין בלוט און פלייש, דורך זיינע אַלע אברים, דורך זיין פאַנטאַזי און דורך זיין שכל, דורך זיין גאַנצען אָרגאַניזם און זיין גאַנצע עקזיסטענץ. וואו ער האָט זיך געקעהרט, וואו ער האָט זיך געווענדעט האָט ער זיך ניט געקענט אַנדערש בעטראַכטען ווי אַ געצייג אין די הענד פון דער נאַטור, וועלכע האָט בעוועגט אַלע זיינע טהאַטען און האָט איהם געטריבען צו טאָן דאָס וואָס ער טוט.

ווען מיר זאָלען וועלען מיט אונזערע ווערטער, מיט אונ־

זער היינטיגען לשון ארויסגעבען אונגעפעהר וואָס דער אמאָליגער נאַטור־מענש האָט געפיהלט וועגען זיך אין דער וועלט, וואָלט ארויסגעקומען פאָלגענדעס בילד: אַ ריעזיגע מורא'דיגע מאַשין אין וועלכע דער מענש איז ניט מעהר ווי אַ זעהר קליינער און ניט בעמערקטער שרייפעלע, וואָס קען דער מאַשין ניט אָבשטעלען אין איהר שרעקליכען מעכטיגען גאַנג, קען זיך אַליין ניט פאַרהאַלטען און זיך אויסשליעסען פון דעם גאַנג פון דער מאַשין. די איינציגע זאַך וואָס אַזאַ שרייפעל קען "טאָן" איז צו לאָזען זיך טראָגען פון די קרעפ־טען וואָס האַלטען איהם אין זייער אייזערנער אומאַרמונג, וואו די מאַשין טראָגט איהם.

איז מעגליך צו ריידען אונטער אַזעלכע אומשטענדען פון אַ פרייען ווילען? פון אַ פרייען אויסוואַהל וואָס צו טאָן און וואָס ניט? די ערשטע קאָנדיציאָן צו זיין פריי צו טאָן עפּוואָס אָדער ניט טאָן איז, לויט דעם כלל וואָס סטיוארט מיל האָט אַוועקגעלייגט, צו וויסען פריהער, אַז מען האָט אַ ברירה צו טאָן אַזוי אָדער צו טאָן פאַרקעהרט. איידער איהר פאַנגט אָן צו קלעהרען, צו איהר זאָלט געהן אויף רעכטס אָדער לינקס, מוזט איהר פריהער וויסען פעסט, אַז עס ווענדט זיך אָן אייך צו געהן רעכטס אָדער לינקס. וועט איהר וויסען, אַז איהר מוזט געהן בלויז רעכטס, וועט איהר שוין גאָר ניט קלעהרען וועגען דער גאַנצער פראַגע און עס וועט גאָר ניט קומען דערצו, אַז איהר זאָלט נוצען אייער ווילען. א פריזאָנער, למשל, וועט גאָר ניט קלעהרען צי זאָל ער געהן עסען מיט די אַנדערע פריזאָנערס אָדער ער זאָל פאָהרען צו א רעסטאָראַן אויף בראָדוויי, וויסענדיג, אַז ער האָט קיין ברירה צווישען צוויי וועגען, אַז ער האָט נאָר איין וועג, איז ביי איהם די פראַגע פון פרייען ווילען אויסגע־שלאָסען.

דער נאַטור־מענש, אָדער דער געצענדינער, וועלכעס מיינט איינס און דאָסזעלבע, איז ביי זיך אַליין געווען אין דער לאַגע פון דעם פריזאָנער. ער האָט געוואוסט נאָר פון איין אויטאָריטעט וואָס דיקטירט איהם אַלע זיינע שריטע, די אויטאָריטעט פון דער נאַטור. ער האָט געוואוסט נאָר איין וועג, די וועג אין וועלכע זיינע נאַטירליכע נייגונגען האָבען

איהם געפיהרט. איז ער געווען אָנגעצונדען פון כעס, האָט אין איהם געברענט די נקמה, האָבען זיך אין איהם צופלאַ־קערט די ליידענשאַפטען — ער האָט געפיהלט אז ער איז ביי זיי אין די הענד און האָבענדיג פאַר זיך בלויז איין וועג, די וועג פון דער נאַטור, האָט ער אפילו ניט געקלערט צו אָנהויבען בערעכענען ווי ער זאָל טאָן און ווי אזוי ער זאָל האַנדלען. דער פרייער ווילען איז אויסגעשלאָסען. קיין פרייען מענשען זעהט איהר ניט פאַר זיך, איהר זעהט א געבונדענעם שקלאַף וואָס ווערט נאָכגעשלעפּט נאָך דער קאַרעטע פון אַלמעכטיגען זיעגער, די נאַטור.

דער פרייער ווילען ווערט געבאָרען אין דער וועלט־געשיכטע אין דעם מאָמענט ווען דאָס יודענטום ערשיינט אויף דער סצענע און ערקלעהרט, אז עס איז פאַראַן א העכערע מאַכט ווי די נאַטור, אז עס איז פאַראַן א כח וואָס פון זיין האַנד האָט עס די נאַטור איהרע כחות, אז ד י ז ע ר כח איז עס גאָר די גרויסע אויטאָריטעט וועמען מענשען דאַרפען פאָלגען, און אז ער האָט זיך ענטפלעקט און האָט געגעבען אַנדערע געזעצע, וואָס זיינען דער היפך פון די נאַ־טור־געזעצע. און אז דער מענש האָט ניט בלויז די פולע פ ר י י ה י י ט צו רעוואָלטירען געגען די דעספּאָטישע פאָדערונגען פון דער נאַטור, נאָר אז עס זיינען פאַראַן געווי־סע מאָמענטען אין וועלכע דער מענש דאַרף און זאָל זיך שטעלען געגען דער נאַטור און זאָל געהן אין א פאַרקעהרטע וועג ווי די אין וועלכער די נאַטור וויל איהם פיהרען.

די גרויסע רעוואָלוציאָן איז געשעהן. פון א פאַרלאָרענע שרייפעל אין א מורא׳דיגע מאשין איז געוואָרען א שטאָלצע פּערזענליכקייט, וואָס האָט אָנגעפאַנגען טראָגען פולע פער־אנטוואָרטליכקייט פאַר זיינע מעשים, פון א שקלאַף וואָס האָט ניט געגלויבט, אז עס איז פאַראַן א זאַך וואָס איז שטאַרקער ווי זיינע קייטען, איז געוואָרען א פ ר י י ע ר מ ע נ ש, וואָס האָט ניט מעהר געקוקט אויף דער נאַטור מיט קנעכטישע אימה, נאָר האָט זיך פאַרמאָסטען מיט איהר אין גבורה זיך אָנשפּאַרענדיג אויף דער גרויסער מאַכט וואָס איז ענטדעקט געוואָרען, א מאַכט וואָס האָט געזאָגט: איהר מענשען־קינדער, איהר זייט פריי, איהר האָט כח צו

בעהערשען אייערע הערשער די נאטור־קרעפטען וואס זיצען אין אייך — אויב נאר איהר וועט וועלען. קלאר און דייטליך ריידען די ווערטער פון דער תורה: זעה. איך האב דיר געגעבען צוויי וועגען, די וועג פון גוטעס און די וועג פון שלעכטעס, די וועג פון לעבען און די וועג פון טויט — זאלסט אויסקלייבען די וועג פון לעבען!

אויסקלייבען!! דאס איז דאך דער ערלייזונגס־ווארט אויף וועלכען די מענשהייט האט געווארט! אויסקלייבען מיינט דאך פרייהייט, ווייל נאר א פרייער מענש קען אויסקלייבען. אויסקלייבען מיינט דאך אין גאנצען אבטהיילען דעם מענשען פון דער חיה, ווייל א חיה קען דאך ניט אויסקלייבען, און כל־זמן דער מענש האט ניט געקענט אויסקלייבען אן אנדער וועג ווי די נאטור־וועג און איז געווען ווי די חיה געשמידט צו דער נאטור, איז ער פון איהר פיעל העכער ניט געווען. דאס בעפרייענדע צויבערווארט איז געזאגט געווארען און די פרייהייט איז געקומען אויף דער וועלט. די פרייהייט פון געוויסען, די פרייהייט פון ווילען און די פרייהייט פון דער טהאט.

זאגט דער דייטשער פילאזאף אוגוסט דארנער: "אין דער גריכישער וועלט פיהלט זיך דער מענש דאך נאך אלץ אבהענגיג פון דער נאטור, ווי פון א דונקעלער, געהיימניספולער מאכט. דאגעגען אבער איז געווארען דיעזע אבהייניגקייט פון דער נאטור בעזייטיגט דורך דער השגה, אז די נאטור אליין איז אבהייניג אן גאט — — — אלס רעזולטאט פון דאס וואס די גאטהייט איז אבגעטהיילט געווארען פון דער נאטור, איז אויך דער מענשליכער גייסט געווארען פריי פון דער נאטור".

* * *

ווילט איהר דורכנעהמען ווי ווייט די נאציאנען וואס האבען געדיענט צו דער נאטור — עס הייסט, די גאנצע וועלט, אויסער אידען—זיינען געווען פון פרייען ווילען, דאן בעטראכט אז אפילו די חיינטיגע נאטור־פילאזאפען אנער־

קענען כמעט ניט דעם פרייען ווילען און האלטען, אז די וועלט, דורך די נאטור־געזעצע, איז אזא מאשין וואס לאזט ניט דעם מענשען די ברירה צו אויסקלייבען זיך זיין אייגע־נע וועג. וואס א מענש טוט איז ער דערצו געצוואונגען צו טאן דורך זיינע בלוט, דורך זיין בעשאפונג, דורך די פיזישע אומשטענדען אין וועלכע ער געפינט זיך. אויב למשל איהר נעהמט מיאוס׳ע ראכע פון אייער א שונא, איז א סימן, אז איהר האט געמוזט אזוי טאן, אז אייער בלוט, אייער טעמ־פעראמענט, מיט איין ווארט, די נאטור אין אייך און ארום אייך האבען אייך געצוואונגען אזוי צו טאן. אויב איהר האט געהאנדעלט גרויסמוטיג געגען אייער שונא, איז עס ניט ווייל איהר האט אויסגעקליבען דעם שעהנערען וועג, נאר דער־פאר וואס אייערע פיזישע אומשטענדען (אייער נאטור) האט אייך געצוואונגען אזוי צו האנדלען, אנדערש האט איהר ניט געקענט טאן וויפיעל איהר זאלט ניט וועלען.

דיזע פילאזאפען בעקאנט אונטער׳ן נאמען דעטערמיניסטען גלויבען, אז אלעס איז בעשטימט אין דער נאטור פון פריהער און קיין זאך קען ניט געענדערט ווערען. עס איז ניטא קיין אנדער קראפט ווי די וואס ליעגט אין דעם שטאף פון וועל־כען אלעס איז אויפגעשטעלט. און ווען איינער ריהרט מיט א פינגער קומט עס נאר דערפון וואס ער איז אזוי צוזאמענ־געשטעלט געווארען, אז די נאטור פון זיין קערפער צווינגט איהם ער זאל יעצט מאכען אזא בעוועגונג און קיין אנדערע. אויב ניט, אויב עס ליעגט ניט אין דער נאטור פון זיין בלוט ער זאל יעצט טאן דיעזע זאך און קיין אנדערע, וואלט דער־מענש ניט געהאט דעם חשק, די קראפט און דעם ווילען צו מאכען דיעזע בעוועגונג. מאנכע פון דיעזע דעטערמיניסטען געהען אזוי ווייט, אז זיי בעהויפטען דאס אויב מען זאל קענען אויסגעפינען די ריכטיגע נאטור פון די אטאמס פון וועלכע די וועלט איז אויפגעשטעלט, וואלט מען דאן געקענט אויסרעכענען ווי דיעזע אטאמס וועלען זיך מוזען קאמבי־נירען אין דער צוקונפט, און דערפון וועט מען קענען אויס־רעכענען, ווי אזוי מענשען וועלען זיך צוזאמענפארען און וואס פאר א כאראקטער די מענשען פון די ווייטערדיגע דורות וועלען האבען און וואס פיר א בעוועגונגען און מעשים

יעדער פון די מענשען אין די נעקסטע דורות וועלען טאָן. זיי בעהויפּטען, אַז מען וועט עס אַלעס קענען בערעכענען פּונקט ווי מען קען בערעכענען ווען אַ לקוי חמה וועט זיין אין הונדערטער יאָהרען ארום דאַדורך וואָס מיר ווייסען די נאַטור־געזעצע דורך וועלכע־די הימלישע קערפּער בעוועגען זיך. זיי ענטזאָגען דארום דעם מענשען די מעגליכקייט צו האַנדלען פריי.

עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ צו בעהאַנדלען דיעזע פילאָזאָפי פון די דעטערמיניסטען און ברייננען די ארגומענטען מיט וועלכע וויליאם דזשיימס און הענרי בערגסאָן צוקלאַפּען אין שטויב די דעטערמיניסטישע אַטאַקע אויפ'ן פרייען ווילען, מיר האָבען עס נאָר געבראַכט, אום צו געבען אַ בעגריף אז אָויב די היינטיגע נאַטור־דיענער קענען אַזוי ווייט לייקענען, אַז דער מענש קען זיין פריי אין זיינע מעשים, ווי אַזוי איז מעגליך געוועזן די פרייהייט פון ווילען און פון מעשים אַמאָל ביי די נאַטור־פעלקער ? מען האָט אַמאָלווירקליך געגלויבט, אַז אַלעס וואָס דער מענש זאָל טאָן איז שוין בעשטימט און עס איז זאָגאַר פארצייכענט אין די בעוועגונגען פון די שטערן פון הימעל.

דאָס יודענטום האָט אָבער פּראָקלאמירט : "פון די ציייבענס פון הימעל זאָלט איהר זיך ניט שרעקען !" דאָס האָט געמיינט צו זאָגען : איהר זייט ניט געבונדען צו די פּאָראויסזאָגונגען פון דער נאַטור, די נאַטור קען ניט שטערן אייער פרייהייט פון טהאַט, איהר זייט פריי !

מאָדערנע אידישע געצענדיענער

בעזיענט האָט דאָס יודענטום די געצענדיענסט און בע־פרייט האָט זי דעם מענשען פון די קייטען אין וועלכע די נאַטור־קרעפטען האָבען געהאַלטען דער מענשליכער נשמה געשמידט. אומגעפאַלען צושמעטערטע זיינען געלעגען אפּאָלאָ און צעאוס און יופּיטער. די גייסטיג פאַרמאַטערטע מענש־הייט האָט אומגעקעהרט צו זיי דעם רוקען מיט ענטטוישונג און איז געלאָפען זוכען טרייסט און קראַפט אויף די בערג פון יהודה און האָבען פון דער גרויסער אידישער תורת געגנו־מען — אַזוי פיעל וויפיעל זייערע קליינע השגות האָבען גע־קענט פאַרטראָגען! אָבער אפילו דאָס ביסעל וואָס זיי האָ־בען גענומען פון רייכען אידישען טיש איז גענוג געווען צו שאַפען דעם פונדאַמענט אויף וואָס עס שטעהט יעצט די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציאָן.

אָבער אין נייצעהנטען יאָהרהונדערט האָט דאָס גע־צענדיענסט אָנגעהויבען זיך אויפכאַפּען אין אייראָפּא. די ווילדע, גרויזאַמע געצען פון די אַלטע דייטשע באַרבאַרען זיינען ערשיענען אויף דער סצענע אין דער קליידונג, אין וועלכער ריכארד וואַגנער האָט זיי אָנגעטהאָן. די ווילדע אַלט־גערמאַנישע מיטאָלאָגיע, מיט איהר רציחה און ליידענ־שאַפט, האָט אָנגעפאַנגען ריידען צום חיה־עלעמענט אין מענשען און עס איז בעשאַפען געוואָרען א פילאָזאָפיע פון אכזריות וואָס האָט פראָקלאַמירט: מאַכט שטעהט איבער אַלעם! עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א מורא'דיגע אַגיטאַציאָן געגען דאָס יודענטום דערפאַר וואָס זי האָט געגעבען דעם קריסטענטום צו דער וועלט, און האָט דערמיט ארויפגעזעצט אויפ'ן טראָהן דעם פּרינציפּ פון מאָראַליטעט. מאַקס שטיר־נער און פרידריך ניטשע האָבען פראָקלאַמירט דעם עגאָ־איזמוס אלס דעם פיהרער פון דער וועלט, גאָר ווי אין די אַלטע געצענדיענערשע צייטען. דער דאַרוויניזמוס אין

ענגלאנד מיט זיין תורה אז די וועלט בעלאנגט צו די שטאַר־קע, האָט אונטערגעהאָלפען די ערוואכונג פון געצענדיענסט דורך אַן אנדער וועג, וועהרענד די שטענדיג פארשייטע, צולאָזענע און מאָראליש צופוילטע פראנצויזישע ליטעראטור האָט געזוכט אויפצולעבען די גאנצע געצענדיענערשע אונ־מאָראַליטעט פון אַלטערטום. אין דערזעלבער צייט איז אין רוסלאנד פארטיג געוואָרען דער אַלץ־צופרעסענדער און פאר־ניכטענדער ניהיליזם־פעסימיזם, ביי וועמען קיין זאך איז ניט הייליג, און אַזוי איז דער געצענדיענסט פון דאָס ניי געבאָרען געוואָרען.

און — ווי אונגלויבליך דאָס זאָל ניט זיין — דער גע־צענדיענסט האָט זיך געלאָזען הערען — און גאנץ שארף הערען — אין אונזער ליטעראטור!

פארביינקט שטארק צום געצענדיענסט האָט זיך דעם בעקאנטען פּאָעט שאול טשערניכאָווסקי. ער איז אוועק צום גריכישען אפּאָללאָ. ער גיסט פאר איהם אויס די הארץ, ער רופט איהם מיט אלע זיסע און ליעבע נעמען: "גאָט — יונגער, קרעפטיגער, פרישער, פאָלקאָמענער און שעהנהייט". ער בעדויערט אפּאָללאָ וואָס מען האָט איהם פארגעסען. ער דערמאָנט מיט התלהבות יענעם דור וואָס איז געווען "שכור מיט לעבען", א דור וואָס די אידען וועלכע זיינען א "קראַנ־קע פאָלק, א האָספּיטאל" האָבען ניט געקענט פארשטעהן. דער העברעאישער משורר דערצעהלט צו אפּאָללאָ אז ער איז דער ערשטער פון די וואָס קומען צו איהם, ווייל עס איז איחם מיאוס געוואָרען די "אייביגע גסיסה" (דאָס יודענ־טום) און ער רעדט מיט פייער צו אפּאָללאָ: "איך בוק זיך צו דיין פסל (געץ). דיין פסל — איז די ליכט פון לעבען — — דאָס גוטע און ערהאבענע — — — דאָס שעהנסטע אין דער בעשעפעניש. איך בוק זיך צום לעבען, צום גבורה, צו שעהנהייט — — — וועלכע זיינען געריובט געוואָרען דורך גע'פגר'טע מענשען און פארפוילטע זריעה פון מענ־שען, די געגנער פון לעבען (די אידען)."

איך גיב דאָ איבער א טהייל פון דעם שיר "לנגה פסל אפולו" אין העברעאיש:

באתי עדיך, מול פסלך אקורה,

פסלך — סמל המאור בחיים:
אקר, אכרעה לטוב ולנעלה,
לאשר הוא נשא במשא כל העולם,
לאשר הוא נהדר במלא כל הבריאה
לאשר יש מרומם בסוד־סודים היצירה.
אכרע לחיים, לגבורה וליופי,
אכרע לכל שכיות החמדה ששדדו
פגרי אנשים ורקב זרע אדם
מורדי החיים — — —

דער שיר איז קלאָר. עס איז אין איהם אויסגעדריקט די גאנצע פילאָזאָפי פון געצענדיענסט אָדער נאַטור־דיענסט. עס איז די פילאָזאָפי פון דיענען צו דיליידענשאַפטען. עס איז א פאַרגעטערונג פון תאוות, ווי דער דיכטער זאָגט אין דעם נאָמען פון אנדערע צוויי געצען — עשתרת און בל: "פרייהייט פאר'ן יצר!" (דרור ליצר). עס איז די פילאָזאָפי פון נענוס אָהן א שום קאָנטראָל. עס איז אין דערזעלבער צייט א קריעגס־ערקלעהרונג צום יודענטום, צום מאָראַל, די גרונד פּרינציפּען אויף וועלכע די אידישע אמונה שטעהט, מיט דעם צולייג: "גע'פגר'טע מענשען", אויף די וואָס האל־טען פון אזא אמונה.

* * *

עהנליכע ווערטער, אויף אן אנדער אופן, זאָגט דר. מ. י. בערדיטשעווסקי, איינער פון די זעהר בעקאַנטע שריפט־שטעלער אין העברעאיש, וועלכער איז לעצטען יאָהר גע־שטאָרבען.

בערדיטשעווסקי קלאָגט אונז אָן, אז "די גאנצע פאָלק האָט פארלאָזען דעם גאָט — פון דער וועלט... די נאַטור, די מוטער פון אלע לעבעדיגע." עס קומט אוים זעהר מאָדנע צו הערען פון א פּראָפעסער אזא פראַזע. אידען האָבען קיינמאָל ניט געהאַלטען אז די נאַטור איז דער גאָט פון דער וועלט. דאָס יודענטום איז געקומען אויסצורייסען פון דער וועלט די אידעע אז נאַטור איז גאָטהייט. דאָס איז די עבודה זרה געגען וועלכער אידען האָבען געקעמפּפט פון אברהם אבינו בז היינטיגען טאָג. בערדיטשעווסקי זאָגט ווייטער: מיר האָבען ניט קיין נאַטור, מיר האָבען ניט קיין וועלט, מיר

האָבען ניט קיין לעבען, מיר האָבען זיך אליין פארניכטעט, מיר האָבען גאָר נישט פון דער ערפינדונג וואָס מיר האָבען אויסגעקלעהרט: „ארויפצוגעהן אין די וואָלקענס און זיין גלייך צום אויבערשטען.“ קורץ, איהם געפעהלט ניט די גאַנ־צע אידישע קולטור. „ביי אונזער קולטור איז דער מענש אָבגעשניטען פון דער וועלט, אָבגעטהיילט פון דער וועלט.“ „דער אינערליכער מענש איז פארטריקענט; ער איז טויט, ווייל ער האָט פארלאָרען זיין בעציהונג צו דער נאַטור.“ „מיר דארפען ניט קיין סך תורה, קיין סך מחשבות, קיין סך מצוות וועלען אונז העלפען, נאָר די תורה פון דער נאַטור, אָט די תורה וואָס איז אייביג אין אלע וועלטען.“

און בערדיטשעווסקי גיט ארויס זיין אורטהייל אויף א גאַנצ׳ע פאָלק אין פאָלגענדע ווערטער: מיר האָבען קיין מענ־שען, נאָר גע׳פגר׳טע מענשען א סך, שאָטענס פון מענשען וועלכע האבען ניט קיין נשמה און קיין לעבעדיגען גוף (אין לנו אנשים, רק פגרי אנשים לרוב, צללי אנשים שאין בהם נשמה וגוף חיים.)

די וואָס ווילען מיר זאָלען אויסבייטען אונזער גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב אויף דעם אָבגאָט פון דער נאַטור; די וואָס ווילען אז מיר זאָלען אָננעהמען דעם געצענדיענסט, דעם אפאָללאָ וועלכען אנטיוכוס האָט געבראכט צו די אי־דען אין דער צייט פון די חשמונאים, בענוגענען זיך ניט מיט זייער עצה. אלס א צוגאָב צו זייער פאָרשלאָג זיינען זיי אונז מכבד מיט׳ן נאָמען „פגרים“ — טויטע מענשען. די השכלה האָט אונז שוין נאָך פריהער אָבגעשטעמפעלט פאר טויטע נפשות. יהודה לייב גאָרדאָן האָט שוין אויך געזאָגט אויף דאָס אידישע פאָלק אז מיר זיינען א דער׳־הרג׳עטער קערפער וואס וואלגערט זיך ארום („חלל גדול שוכב למעצבה“.)

אז די אידען זיינען פגרים און „פארפוילטע זריעה פון מענשען“ איז א בלבול וואָס קיין מענש פון קיין אומה און לשון האָט זיך נאָך ניט געוואגט צו זאָגען.

מענשען וואָס שטעהען באלד צוויי טויזענד יאָהר אין קאַמפף מיט דער גאנצער וועלט, מענשען וועמען קיינע דעס־פאָטען האָבען געקענט ברעכען ווערען אָנגערופען פגרים?

גבורים וואָס פאַלען ביי זיך קיינמאָל ניט אראָב, וועמען קיי־נער קען ניט איבערשרעקען, ווערען אָנגערופען "פאַרפוילטע זריעה פון מענשען"? עס האָט נאָך קיין קאָמאַנדיר ניט גע־זאָגט אז אידען זיינען שוואכער פיזיש און גייסטיג אין קריעג ווי אנדערע. עדות זיינען די מעראַלען וואָס העגד פון ניט־פריינדליכע מליטערישע בעאמטע היינגען אָן אויף אידישע ברוסטען. די פרומע אידען וואָס זיינען מבטל מאַכט און שטעלען אוועק זייער אייזערנעם ווילען געגען די שווערדען פון שונא זיינען עס "שאָטענס פון מענשען", ווי בערדיטשעווסקי רופט זיי?

און וואָס מיינט עס די טענה אז די אידען וואָס היטען אידישקייט האָבען ניט קיין לעבען? וואָס מיינט עס, אז אידען האָבען קיין נשמה און קיין גוף? אז מיר האָבען קיין וועלט ניט, קיין נאַטור ניט? אַלע ווייסען וועגען דעם שטאַרקען לעבענסקראַפט פון די אידען, איבערהויפט פון די אידען וואָס היטען אידישקייט. אַלע ווייסען אז ביי אידען שטאַרבען א קלענערער פראָצענט קינדער ווי ביי גוים. מען זוכט דאַרויף ערקלערונגען אין דעם וואָס אידען שכור'ן ניט, אין דעם וואָס זיי פיהרען א ריינעם פאַמיליען־לעבען. סטאַטיסטישע ציפערן בעווייזען אז אידען לעבען לייגגער ווי אנדערע. און וואו האָט מען געזעהן א פאָלק וואָס זאָל אַזוי פיעל זיך קימערן פאַר'ן געזונד ווי די אידען?

און דעם אידען'ס קיך איז א בעסערע און א געזינטערע ווי דעם גוי'ס. וויכענשאַפטס־לייט וועלען עס אייך בעשטע־טיגען. די "פגרים" האָבען א חוש אפילו אין עסען. עס איז שוין פאַראַן א גאַנצע ווערק איבער אידישע מאכלים וואו עס ווערען אויסגערעכענט הונדערטער ספּעציעל אידישע גע־ריכטען און טשערניכאָווסקי אליין פאַרנעהמט צעהנדליגע און צעהנדליגע שורות אין זיין "ברית מילה" אום צו בע־שרייבען די פיעלע מאכלים וואָס עס זיינען דאָרט געווען. די "שאָטענס פון מענשען" וואָס "גוסס'ן" עסען און טרינ־קען, א פּנים, ווי אמת'ע מענשען... און וואָס איז די מאַסע אידישע סוחרים וואָס פלעגען פאָהרען נאָך מיט הונדערט יאָהר צוריק אין לייפּציג און אויף אנדערע יאַרידען, די וואָס האָבען אויפגעפיהרט לענדער מיט לענדער אין מסחר? און

די אידישע שמיערדען, קצבים, בעלי־עגלות, טרעגער, סטאָ־ליאַרעס, בלעכערס וואָס דעקען אפילו צערקוועס, שוסטער, שניידער, מוליאַרעס און אלע אנדערע געזונדע און האָרע־ווענדע אידען און די אידישע ווייבער־בריות אונזערע, די קרעמערקעס וואָס האנדלען און האָדעווען־אויף גרויסע פאַ־מיליעס, פיהרען הייזער, גיבען אוים קינדער — די אלע זיינען עס "שאָטענס" וואָס "זיינען אָבגעשניטען פון דער וועלט" און וואָס "האָבען ניט קיין לעבען" אין זיך? וואָס פלאַפלען דאָ משכילים וועגען נאַטור? מיט וואָס האָט דער איד ווייניגער "נאַטור" ווי דער גוי? געהען ניט אידען שבת פאַרנאַכט שפּאַצירען? איז ניט די סוכה מיט'ן סכך אַ שעהנע זאַך וואָס שמעקט מיט נאַטור? אידישע קינדער גיבען דאך אפילו עסען קאַשע צו די פויגעלעך אין אַ געוויסען שבת!

"קוממ און זעהט — געפינט זיך אן אנדער טענה ביי בערדיטשעווסקי — מענשען וואָס האָבען גע'אסר'ט צו קו־קען אויף דער נאַטור, אויף די שעהנע בוימען און אויף די שעהנע פלעצער!" דעם מאמר אין פרק וועגען די בוימען אין די פעלדער פאַרפעהלט ניט קיין משכיל'ישער שרייבער צו בענוצען אום צו "בעווייזען" אז פרומע אידען זיינען שונאים צו דער נאַטור. און עס פאַלט זיי גאָר ניט איין, אז אימיצער וועט עפענען דעם פרק און וועט זעהן אז דאָס איז גאָר ניט געשטויגען ניט געפלויגען. דער מאמר שטעהט צווישען אנדערע מאמרים פון וועלכע אלע ריידען וועגען דער וויכטינקייט פון לערנען, און דער מאמר זאָגט אזוי: "אז איינער געהט אין וועג און לערנט, און ער איז מפסיק פון זיין לערנען און ער זאָגט ווי שעהן איז דיזער בוים, ווי שעהן איז דיזע פעלד, איז ער זיך מתחיב בנפש." עס רעדט זיך דאָ ניט אז מען דאַרף ניט קוקען אופ'ן בוים און אז מען טאָר עס ניט בעוואונדערן. עס רעדט זיך אז מען דאַרף ניט מפסיק זיין דעם לערנען אפילו צוליב אזא שעהנע זאך ווי אַ שעהנער בוים. איך האָב זיך דאַרויף אָבגעשטעלט אום צו צייגען ווי אזוי מען וויל ניט זעהן דעם אמת ווען מען דאַרף אָנפאַלען אויף די אידען וואָס היטען אידישקייט,

ווענענס איינציגער חטא איז וואָס זיי האלטען א תורה אין וועלכער מאָראל איז איינער פון די הויפט עקרים.

עס איז פאראן א ספר וואָס איז שוידערליך פערהאַסט ביי די משכילים. ער איז ביי זיי די שווארצקייט אליין. דאָס איז דער "שלחן ערוך". און מערקווירדיג: אין דעם "קיצור שלחן ערוך" וואָס געפינט זיך ביי יעדען פרומען אידען אין הויז איז פאראן אן אבטהיילונג: "ווי אָבצוהיטען דעם גוף לויט דער נאטור". די אבטהיילונג האָט 27 סעיפים, צווי־שען וועלכע עס איז פאראן פאָלגענדער דין: א מענש זאָל שטענדיג זיך אָנשטרייננגען צו וואָהנען אין אן אָרט וואו די לופט איז קלאָר און ריין! אָט דאָס זאָגען די "פגרים"! די פרומע אידען ווערען גערופען "פגרים", "פארפוילטע זריעה" און "שאָטענס" דערפאר וואָס זיי גלויבען אין גאָט און דער־פאַר וואָס זיי האלטען אז מאָראל איז העכער פון תאוות, דערפאר וואָס זיי ווילען זיך האלטען ביים ריינעם יודענטום און ווילען ניט קניען צום בעל, צו אפּאָללאָ אָדער אנדערע געצען.

אידישע בלבולים אויף אידען

ווילט איהר לעזען בלבולים אויף אידען, פאלשקייטען איבער דאס אידישע לעבען פון אונזערע טאטעס, אונזערע זיידעס און עלטער־זיידעס ? ווילט איהר הערען שקרים און ליגענס אויף די וואס לעבען לויט דער אידישער תורה, אידישער טראדיציאן, אויף די וואס אין זייער טאג־טעגלי־כען לעבען איז געוועזן איינגעוויקעלט אלעס וואס איז שעהן און נאבעל ? איהר קענט עס געפינען אין צוויי פלעצער : אין די רעפארטען פון די ערגסטע פון די רוסישע גובערנא־טארען צו דער רעגירונג פון די צארען, און—אין דער השכלה־ליטעראטור !

די ערשטע, די טשינאווניקעס פון ניקאלאי דעם ערש־טען און אויך פון די ווייטערדיגע צארען האבען געזוכט צו פארשווארצען די אידען אין די אויגען פון דער העכערער מאכט און האבען בעריכטעט, אז די אידען זיינען פינסטער־לינגע, ווילדע ברואים, ווייל זיי האלטען פון דעם שרעקלי־כען ספר דעם תלמוד, וואס לערנט אלע שלעכטע מדות ; און די צווייטע, די משכילים, האבען געזאגט אויף די אידען דאסזעלבע. ווערענד די טשינאווניקעס מיט זייערע שקרים האבען פאר׳מסר׳ט די אידען פאר די גוים, האבען די משכילים געטאן א פיעל געפעהרליכערע ארבייט, זיי האבען פארשווארצט די אידישע תורה, די אידישקייט, דאס יודענ־טום, דאס אידישע לעבען פאר אידען גופא.

און ניט נאר האבען זיי עס געטאן, נאר **ז י י ט ו ע ן ע ס י ע צ ט א ו י ך !**

פאר מיר ליעגט א נייער בוך אין העברעאיש, וואס איז געשריבען געווארען היינטיגען יאהר. א בוך אויף וועלכען די טינט האט זיך נאך ניט אבגעטריקענט. עס בעהאנדעלט די ערשטע שעפער פון דער העברעאישער ליטעראטור, אנ־פאנגענדיג מיט אדם הכהן, לעבענסאן, און ענדיגענדיג מיט

קלמן שולמאן. דער פּערפאסער (ש. ל. ציטראָן) שטעלט פּאָר פּאר די לעזער, פאר די היינטיגע לעזער, ווי אזוי דאָס אידישע לעבען אין ווילנא און אין ליטא אין אלגעמיין האָט אויסגעזעהן אין דער צייט ווען אדם הכהן און אנדערע האָבען אָנגעפאנגען זייער חשכלה־ארבייט. אַט ווי אזוי א משכיל פון היינטיגען יאָהר תרפ״ג שילדערט דעם טראַדיצאָנעלען אידישען לעבען פון דער צייט פון ווילנער גאון, ר׳ חיים וואלאזשענער, ר׳ שניאור זלמן פון לאדי א. ז. וו. א. ז. וו.

״א פינסטערניש פון מצרים האָט ״געהערשט אן יענער צייט אין דאָס לעבען פון די אידען ״אין ליטא. די פארשטיינערטע רבנות איז געזעסען אויפ׳ן ״טראָהן און תאָט ארויפגעוואָרפען איהר הערשאפט אויף ״אלעמען. זי האָט געהאט צו זאָגען איבער די אינטערעסען ״פון דעם אידען, איבער זיינע געדאנקען און טהאטען פון ״דער פריה ביז נאכט, פון חדר ביז׳ן קבר. דער צענטר פון ״אלע געזעלשאפטליכע ענינים איז געווען די שוהל. און די ״רבנות איז געווען די נשמה פון דעם דאָזיגען הויז. זי האָט ״געוועלטיגט מיט אן אונבעגרענצטע ממשלה אין דיעזער ״סעריע פון רעליגיעזען לעבען, און איז געווען די גאנצע ״קראפט אין אל־דאָס־גאנצע אידישע לעבען. — —

״זי, (די רבנות) האָט מיט געוואלד אונטערדריקט יעדען מח וואָס האָט געקלעהרט און יעדער הארץ ״וואָס האָט געטראכט, און זי האָט אנגעוויזען ווי דער כלל ״און ווי דער פרט זאָל לעבען. די אינדיווידואליטעט פון דעם ״אידען איז אין גאנצען אָבגעמעקט געוואָרען, און דער ״ווילען פון איינצעלנעם איז געוואָרען געבונדען. די רבנות ״האָט אוועקגעשטעלט א וואַך אויף ״יעדער תנועה און אויף יעדער טריט פון דעם אידען, האָט ״איהם געשמידט אין קייטען. האָט אין איהם דערשטיקט ״יעדען פרייען געפיהל און יעדער פרייער שטרעבונג און ״ער (דער איד) איז געווען ווי א שטומער וואָס עפענט ניט ״דעם מויל, ווייל אויף זיין פנים האָט געשוועבט דער קאַנטשיק פון קהל, וועלכען די רבנות האָט אויסגעהאָדעוועט. ״דער פאנאטיזם און די אונוויסענהייט האָבען געמאכט א

„חורבן פון פאָלק, ווייל מען האָט איהם געהיט און פאַר־
„שטעלט פאר איהם מיט א וואָלקען, אז עס זאָל ניט צו־
„קומען צו איהם קיין שום פונק פון ליכטיגקייט".

איך האָב נאָך ניט געזעהן זייט מיינע אויגען קוקען אויף אותיות אזוי פיעל פאלשע זאכען אויפגעזאמעלט אויף איין אָרט, ווי עס איז געלונגען דעם פערפאסער פון דער אויבענגעבראכטער ציטאטע צו אויפזאמלען אויף אזא קליי־נעם פלאץ. די אונוויסענהייט פון א מענשען, וואָס קען אזעלכעס שרייבען, איז טיעפער ווי דער ים. איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף דעם ציטאט ניט ווייל דער פערפאסער איז מיר וויכטיג, נאָר אום צו צייגען מיט וואָס פיר א בליק מען קוקט נאָך היינט אויך אין השכלה־לאגער אויף אידען וואָס היטען אידישקייט.

מען גלויבט היינט געוועהנליך, אז די השכלה־עפּאָכע צופאלט אין צוויי שארף פארנאנדערגעטהיילטע חלקים. איינע בעלאנגט צו דער צייט פון דער השכלה וואָס איז געוועזן פאר דער צייט איידער דער נאציאָנאליזמוס איז געבאָרען געוואָרען און איינע וואָס איז געקומען נאכדעם ווי דער נאציאָנאליזמוס איז געבאָרען געוואָרען. ליידער איז אָפט ניט גרויס דער חלוק צווישעןביידע האלבע טהיילען ווען עס קומט צו דער פראגע פון יודענטום. מיר האָבען אין פריהערדיגען ארטיקעל בעטראכט וואָס צוויי נאציאָ־נאלע משכילים האָבען געזאָגט איבער די אידען וואָס לעבען נאָך'ן טראדיציאָנעלען אופן. דער שרייבער פון וועמען איך האָב דאָ געבראכט דעם ציטאט, געהערט אויך צו דעמזעל־בען לאגער און וואו געפינט איהר דאָ דעם אונטערשיעד צווישען איהם און צווישען איינעם פון די אסימילאציאָנס־משכילים? וואָלט יענער געקענט ערגער זאָגען איבער די אי־דען וואָס לעבען אידיש, וו דאָס וואָס עס איז דאָ אויבען געבראכט געוואָרען אין דער ציטאטע?

די „אָבשאצונג" פון דעם אידישען לעבען וועלכען עס גיט ציטראן היינט, איז ניט פיעל בעסער ווי די „אָבשאצונג" וועלכע אן אנדער משכיל, בנימין מאנדעלשטאט האָט געשריבען וועגען אידען מיט 43 יאָהר צוריק. דיזער מאנ־דעלשטאָם איז געוועזן א פיהרער פון דור־השכלה (סמאָ־

לענסקין האָט איהם גערופען — א וועכטער פון זיין פאָלק).
דער בעקאַנטער העברעאישער פובליציסט א. דרויאַנאָוו ברייננט פאָלגענדען ציטאַט וואָס בנימין מאַנדעלשטאַם האָט געשריבען איבער די פרומע אידען.

"ווי לאַנג האָט זיך מיר געשלעפט דער שבת, אז איך האָב בעדאַרפט זיין אליין צווישען די דאָזיגע מענשען (אָרטאָדאָקסען), וואָס ווייסען ניט פון זייער רעכטע האנד צו זייער לינקע, נאָר זייערע ליפען שאָקלען זיך און זייער צונג שאָקעלט זיך נאָכאַנאַנד אין גראָבע ספרים פון א סך נאַרישקייטען ווי דער צונג פון א חזיר קלאַפט ווען ער כליאָבעט פון דער קאָרעטע ווען ער עסט וואַרימע צואה". — "איך בין געווען צופרידען וואָס איך האָב זיך ניט שמוציג געמאַכט מיט זייער האַנד וועלכע איז שמוציג פון זייער נטילת־ידים".

די מיינונגען איבער די אידען וואָס היטען אידישקייט איז דיעזעלבע ביי דעם היינטיגען משכיל פון ווילנא, וואָס בעהויפטעט, אז איידער די משכילים האָבען אָנגעפאַנגען זייער ארבייט איז געווען ביי אידען א חשך פון מצרים—און יענעם משכיל מאַנדעלשטאַם. דער אונטערשיעד איז נאָר אין דעם לשון.... ביידע שטעהען אויף דעמזעלבען שטאַנד־פונקט, אז אידען וואָס וואַגען צו האַלטען זייער רעליגיאָן זיינען דעם נאָמען מענש ניט ווערטה.

איז ווערטה צו אָבשטעלען זיך און זאָגען עטליכע ווער־טער וועגען דאָס וואָס דער ווילנער משכיל פלאַפעלט אין דעם ציטאַט וועלכען מיר האָבען געבראַכט אין אָנפאַנג פון ארטיקעל?

אלע ווייסען, אז ביי אידען איז קיינמאָל ניט געווען קיין רבנות אלס א בעזונדער אָרגאַניזירטער קלאַס, וואָס האָט געזוכט אירגענד וועלכע הערשאַפט פאַר זיך. א רב איז א איד וואָס קען לערנען און זיין אויפגאַבע איז צו פסק'נען שאלות און דין־תורות, וועלכע א געוועהנליכער איד (אָדער אידענע) קען ניט פסק'נען. א רב אין דער אלטער וועלט זיצט און לערנט און ענטפערט וואָס מען פרעגט איהם, דער

רב ווארפט אויף קיינעם קיין רעליגאָן ניט ארויף. ער קען גאָר ניט ארויפווארפען, ווייל זיין כח איז נאָר צו זיין דער פארמיטלער צווישען פאָלק וואָס זוכט צו וויסען דאָס וואָס דער ספר אָרדערט און צווישען דעם ספר. דער רב איז, ווי דאָס וואָרט אליין בעדייטעט, א לעהרער, און ער לערנט דאָס פאָלק די תורה, וועלכע דאָס פאָלק דארף, זוכט און וויל. צו זאָגען, אז די ר ב נ ו ת האָט גענומען די אויטאָריטעט איבער דעם אידענ׳ס מעשים, דארף מען זיין אזוי אונווי־סענד ווי א האָטענטאָט. אויב אימיצער האָט רעגולירט דעם אידענ׳ס לעבען, איז עס געווען ניט די רבנות, נאָר די תורה, דער חומש, די גמרא, די פוסקים, דער רמב״ם, דער שולחן ערוך און דאָס פאָלק אליין לערנט אין דיעזע ספרים, אנ־דערע מעהר, אנדערע וויינינגער און דער גאַנצער יחוס פון רב איז וואָס ער ו ו י י ס מעהר וואָס אין די ספרים שטעהט ווי אַן אנדערער. דאָס שייכות פון רב צום פאָלק איז די שייכות פון דעם מאַן וואָס איז געלערנט אין דעם גע־זעץ צו דעם מאַן וואָס איז וועניגער געלערנט, און די אוי־טאָריטעט וואָס ער האָט איז נאָר די אויטאָריטעט פון גע־שריבענעם געזעץ, וועלכען ער פארטרעט.

אלע ווייסען, אז די רבנות האָט קיינמאָל ניט געזוכט און האָט קיינמאָל ניט געקענט טאָן עפעס מ י ט ג ע־ו ו א ל ד, און די בעהויפטונג, אז די ״רבנות״ האָט גע־האלטען א וואך איבער די אידען און האָט זיי געהאלטען געשמידט איז אַן אידיאָטישער שמועס וואָס ווערט אָבער נאכאנאנד איבערגע׳חזר׳ט אין דער ליטעראטור. א רב האָט אזוי וועניג מאכט, אז עס איז נאָך ניט געווען קיין איין שטאָדט אָדער שטעדטעל, וואו עס זאָל ניט זיין עפעס א צד ג ע ג ע ן רב וואָס זוכט איהם אָנצוטאָן נגישות. דער איינפלוס וואָס א רב האָט קומט אויסשליסליך פון אכטונג און גוטען ווילען. פונקט אזוי אידיאָטיש איז צו בעהויפ־טען, אז די אידען וואָס לויפען אין שוהל דאווענען און לער־נען, וואָס פרעגען שאלות וועגען כשרות אָדער אנדערע זא־כען, טוען דאָס ניט ווייל זיי ווילען עס טאָן, נאָר ווייל די רבנות צווינגט זיי דערצו. וואָס אנבעלאנגט צו דעם קהל וויים יעדער, אז אויב קהל האָט געהאַט תקיפות האָבען זיי

עס געקראָגען פון דער רעגירונג און אז די רבנים האָבען דערפון געליטען מעהר ווי אנדערע.

ווילט איהר אָבער וויסען ווי אזוי דאָס אידישע לעבען האָט ווירקליך אויסגעזעהן אין ווילנא און אין ליטא אין דער צייט פון דער "פינסטערניש פון מצרים", קענט איהר עס זעהן פון פאָלגענדען בריעף פון איינעם פון די נכבדים פון ווילנא, אברהם זאקהיים, צו דר. פירסט אין לייפציג. דער בעקאנטער שריפטשטעלער פון דעם דור־השכלה מרדכי אהרן גינצבורג ברייננט דיעזען בריעף אין זיין בע־ריהמטען ווערק "דביר". דער בריעף שילדערט אין קלאָ־רע פארבען די ווילנא א ניינציג יאהר צוריק:

"אין אונזער קהלה זיינען פאראן בתי־מדרשים בע־"שטימט פאר דעם עולם, שעהן געבויט, ביז זעקס אין צאָהל, "איינער פון זיי שטעהט שוין מעהר ווי פיער הונדערט יאָהר, "איז זיין פונדאמענט שוואך געוואָרען און ער איז יעצט "זייט צוויי יאָהר איבערגעבויט געוואָרען פון אונטען ביז "ארויף אויף אכט וואונדערליך שעהנע זיילען. אין אלע "בתי מדרשים פארזאמעלט מען זיך גרופענווייז צו די פאר־"שיעדענע חברות, די לערנען משניות, די לערנען "תלמוד, די לערנען אלפס, אָדער פוסקים אחרונים, און "יעדער לערנט אָב זיין בעשטימטע צייט תיכף נאָכ'ן דאוו־"נען איידער ער געהט ארויס צו זיין ארבייט אָדער צו זיין "געשעפט. — — אויסער דיעזע זיינען נאָך פאראן קליינע "בתי־מדרשים, וואָס בעלאנגען צו פארשיעדענע סאָרטען "בעלי־מלאכות, יעדער פאראייניגט זיך מיט די וואָס געהע־"רען צו דערזעלבער מלאכה און זיינען צוזאמען אין איין "בית־המדרש, און מען דארף דערמאָנען צו גוטען דעם "נאָמען פון די מענשען וואָס מיט די עהרליכקייט פון זייערע "הענד און הארצען האָבען זיי פארוואָרפען דעם מסחר און "האָבען געלערענט זייערע קינדער פארשיעדענע ארבייט: "גאָלדשמידעריי, קריצעריי, אלערליי פון דימענטען־שנייי־"דער ביז גארבערס און צווישען זיי זיינען פאראן וואונ־"דערליכע מייסטערס, וועלכע קריגען ארבייט ביי די גרעס־"טע פירסטען פון לאנד. — —

"און איבערהויפּט איז פּאראן זיך צו וואונדערן, אז די

"טרעגער, די פוהרמאנעס, די מוליארעס, די פיש־הענדלער
"— די אלע היטען זייער לערנען אהן אונטערברעכונג, ווען
"זיי ענדיגען זייער ארבייט, מנחה־צייט, און ווער רעדט,
"שבת און יום־טוב, צו בלייבען אין בית־מדרש צו הערען
"גאט'ס ווארט פון א רב אדער מגיד, וועלכער צייגט זיי
"די וועג אין וועלכען זיי זאלען געהן. און ער רעדט צו זיי
"ווענען מאראל, אדער ער דרשנ'ט וועגען דער פרשה מיט
"רש"י און מדרש, אדער אין עין יעקב וכדומה. — און ווי
"לערנען עס די אינגלאך און יונגווארג אין דער תורה ! די
"וועלכע האבען ניט קיין ארימע עלטערן, דינגען זיך א גו־
"טען רבי'ן פיר דריי אדער פיער תלמידים, און וועגען דעם
"גאנץ ארימען פאלק, וואונדערט זיך יעדער פון דעם רעש
"פון די פיעלע ישיבות, פון וועלכע צוויי זיינען אויסגעציי־
"כענט, ווארום דארטען זיינען פאראן ביז הונדערט און
"פינף אינגלאך פון דער שטאדט און אומגעגענד, זיי האבען
"ראשי־ישיבה'ס און בעזונדערע לעהרערס מופלגים, און די
"איינוואוינער פון שטאדט מיט זייער שטארקען גוטען
"גייסט שטיצען זיי און בעזארגען זיי מיט אלע זייערע נויט־
"ווענדיגקייטען, אזוי אז עס איז כמעט ניטא איין הויז,
"וואו מען געהט צום טיש אהן אן אורח פון די ישיבה־
"בחורים, צו מיטאג און צו וועטשערע. און די נכבדים פון
"די ישיבה בחורים טראגט מען זיי דעם עסען אין בית־
"המדרש. — — אזוי ווערט צוגעבונדען די נשמה פון די
"יונגע צו דער תורה און ער האט דעם תענוג פון זיין לער־
"נען ביז וואנען ער געהט אריין אין דעם געיעג נאך פרנסה,
"אבער אפילו דאן איז ער אויך מקדיש צייט פיר תורת
"וחכמה".

אט דאס איז דאס לעבען וועלכען די משכילים רופען
"חושך־מצרים" ! מיר וועלען נאך פון דיעזען "חושך"
ריידען.

פינסטער אָדער ליכטיג ?

מען קען ניט האָבען קיין מעגליכקייט צו דיסקוטירען די צוקונפט פון אידען און יודענטום אויב מען זאָל ניט האָבען א פולען בעגריף פון דער ווירקונג פון דער השכלה אויפ'ן אידישען לעבען אין די הונדערט און פופציג יאָהר זייט זי האָט זיך אָנגעפאנגען אין בערלין ביז היינטיגען טאָג.

מיר לעבען נאָך יעצט אויך אין רעכטען מיטען פון דער השכלה־פעריאָדע. די פרינציפען וועלכע די השכלה האט אוועקגעשטעלט שטעהען נאָך היינט אויך און די אנשוי־אונגען פון דער השכלה אויף אידען און אידישקייט זיינען דיעזעלבע ווי זיי זיינען געווען מיט הונדערט און פופציג יאָהר צוריק, אָבוואָהל די פאָרם האָט זיך אביסעל געביטען. מיר קענען דארום גאָר ניט וויסען, וואו מיר האלטען יעצט אין דער וועלט, וואָס זיינען די געפאהרען וואָס שטעהען נעגען אונז און ווי אזוי קענען מיר זיך נעגען זיי אנטקעגען שטעלען, אויב מיר קענען זיך אנטקעגען שטעלען, בעפאָר מיר וועלען ניט אונטערזוכען די יסודות פון השכלה און פארשטעהן פארוואָס זי האָט אזויפיעל שאָדען געבראכט צום עקזיסטענץ פון יודענטום.

ווען מיר זאָלען בעטראכטען דאָס אידישע לעבען אין יעצטיגען מאָמענט וועלען מיר געפינען פאָלגענדע קלאסען, וועלכע זיינען אונטער דעם איינפלוס פון דער השכלה און די אנשויאונגען וועלכע זי האָט אוועקגעשטעלט: *די רעפאָרמער, די ראדיקאלען, די גרעסטע טהייל פון די נאציאָנאליסטען*, און אויך די וואָס זיינען נישט אידיש ערצויגען געוואָרען, *וויסען גאָר ניט און ווילען ניט וויסען פון אידישע אנגעלעגענהייטען*. דיזע אלע זיינען מעהר אָדער וויינינער משכילים

דערמיט, וואָס זיי שטעהען אַלע אויף דעם הויפּט־יסוד פון דער השכלה, נעמליך, אַז די אַ ל ט ע א י ד י ש ק י י ט אַזוי ווי מיר קענען איהר פון דער היסטאָריע, אַזוי ווי זי איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור ביז אונז ט ו י ג נ י ט, אַ ז ז י א י ז פ י נ ס ט ע ר און איז דערפאַר פאַר־אורטהיילט צום אונטערגאַנג.

די השכלה האָט מיט הונדערט און פופציג יאָהר צוריק געלערנט די נייע תורה, אַז די אַלטע אידישקייט, די וואָס איז געגרינדעט אויף תורה און מצוות טויג ניט, זי האָט צום ערשטען מאָל אין דער אידישער היסטאָריע ארויסגעגע־בען אַ נייע ערקלעהרונג, אַז אַ לעבען לויט דעם אידישען גלויבען איז אַ לעבען פון פינסטערניש, וועהרענד אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע האָבען אידען געגלויבט, אַז ביי זיי, ביי אידען, איז די ליכטיגקייט. עס איז ניט קיין אונ־טערשיעד וואָס די משכילים האָבען געטאָן און אונטער וואָס פיר אַ מאַסקע זיי האָבען פאַרשטעלט אָדער ניט פאַרשטעלט זייערע געדאַנקען; אין דעם מאָמענט ווען זיי האבען אַ נאָמען געגעבען זייער קאַמפּף: "די מלחמה פון ליכטיגקייט מיט פינסטערניש" האָבען זיי אַרויסגעזאָגט זייער גאַנצען פּראָגראַם. אויב יודענטום איז פינסטערניש פאַר אימיצען, דאַן האָט יענער זיך נאַטירליכערווייזע שוין גייסטיג אָבגעריי־סען פון יודענטום און ער האָט שוין דערמיט אינערליך ניט קיין שייכות.

עס זיינען פאַראַן אין דיעזער פראַגע, וועלכע איז די לעבענס־פראַגע פון דער אידישער נאַציאָן בלויז צוויי מיי־נונגען. די ערשטע איז, אַז די אידישע תורה איז ליכטיג און ממילא איז ליכטיג דאָס אידישע לעבען וואָס פיהרט זיך לויט אונזער טראַדיציאָן. די אַנדערע מיינונג איז, אַז דאָס אידישע לעבען לויט טראַדיציאָן איז אַן אָבגעלעבטע זאַך, וואָס בעלאַנגט צו דער פערגאַנגענהייט, און מען דאַרף דאָס ניט אריינשלעפּען אין דער יעצטיגער צייט, מען דאַרף דאָס אָוועקלאָזען ווי אַ ירושה פון מיטעלאַלטער.

אין גרונד גענומען איז דאָרום ניטאָ קיין גרויסער אונ־טערשיעד צווישען רעפאָרמער, ראַדיקאַלען, די וואָס ווייסען גאָר ניט פון יודענטום און ווילען ניט וויסען, ווי עס זיינען

די מעהרסטע פון די אויפגעהאָדערוועטע אידען אין אַמעריקא און די נאַציאָנאַליסטען פון דעם סאָרט, וואָס האַלטען אַז דאָס יודענטום בעשטעהט פון "פגרים" און "פארפוילטע ווריעה פון מענשען". די לעצטע, די נאַציאָנאַליסטען, וואָס ווינען געגען אידישקייט, שטעהען אָהן אַ שיעור נעהנטער צום אידישען פאָלק ווי די רעפאָרמער, ראַדיקאַלען און די וואָס ווייסען גאָר ניט. אָבער אין בעציהונג צום יודענטום, אין בעציהונג צו דאס איינציגע יודענטום וואס די אידישע היסטאָריע ווייס און קען, זיינען זיי אַלע אין איין קלאַס, ווייל זיי שטעהען אַלע אויף דעם שטאַנד פונקט וואָס די השכלה האָט אַוועקגעשטעלט, אַז אין דער אידישער גאַס איז חושך.

די רעפאָרמער וואָס זאָגען, אַז זיי האָבען זיך בעפרייט פון די קייטען פון מיטעלאַלטער ווען זיי האָבען פאַרוואָרפען די מצוות, און האָבען געלאָזען פון יודענטום בלויז אַזעלכע זאַכען וואָס זיינען אייביגע — זיינען אין אמת'ן ניט מעהר און ניט וועניגער ווי משכילים און האַלטען זיך אָן דעם השכלה־כלל, אַז אידישקייט טויג ניט. עס איז ניט קיין צופאַל וואָס דער אמת'ער גרינדער פון רעפאָרם אין אַמעריקא איז געווען דער משכיל ליליענטאַל, וואָס איז אומגעלאָפען אין מינסק און אין ווילנא מיט די רוסישע טשינאָוניקעס צו פאַרפלאַנצען השכלה ביי אידען. זיין גרינדען פון דעם אַמעריקאַנישען שמד־רעפאָרם איז דער בעסטער בעוויז, אַז די רוסישע אידען האָבען פערשטאַנען וואָס ער איז און אַז ער מיינט חרוב צו מאַכען דאָס יודענטום.

די ראַדיקאַלען אין נויאָרק, וואָס האָבען אַגיטירט און אַגיטירען האָס צום יודענטום און האָבען אויסגעהאָדעוועט אַזויפיעל אידישע שונאי־ישראל, זיינען אויך משכילים, ווייל זיי שטעהען אויך אויף דעם שטאַנדפונקט, אַז דאָס יודענטום דאַרף פאַרוואָרפען ווערען. דאָסזעלבע איז דער ראַדיקאַל אין מאָסקווא פון די "יעווסעקען", וואָס זעצט אַריין אין פריזאָן פיר לערנען גמרא, ווייל דאָס מאַכט, זאָגט ער, פינסטער דעם אידישען מח און מאַכט דעם אידען פיר אַן אַנטי־רעוואָלוציאָנער. דאָס וואָס דער רעפאָרמער פאַרגלאַצט מיט די אויגען און זאָגט, אַז ער האַלט פון דער

"רעלידזשאָן פון איזראעל" און דאָס וואָס דער רויטער שרייט, אַז ער טוט עס אין נאָמען פון דער רעוואָלוציאָנערער פרייהייט — דאָס מאַכט קיין אונטערשיעד צווישען זייביידע אין בעצוג צום יודענטום, זיי זיינען ביידע "משכילים" און שטעהען פעסט אויף דעם פּלאַטפאָרם פון השכלת, אַז אידישקייט איז "חושך".

דער וואָס ווייס ניט פון אידישקייט און וויל ניט ווי־סען — א נייער פּראָדוקט אין די ציוויליזירטע לענדער — איז אויך אין גרונד גענומען א "משכיל", טראָץ דעם וואָס ער ווייס גאָר ניט אַז עס איז פאַראַן אַזא וואָרט אויף דער וועלט. ער גלויבט אויך אונבעוואוסט, אַז דאָס יודענטום איז עפּעס אַן אַלטע זאַך מיט וועלכער עס איז ניט ווערטה זיך אָבצוגעבען און מיט וועלכער מען דאַרף זיך ניט אינטערע־סירען. אויב ער ווייס ווייניג פון דער השכלה טעאָרעטיש, איז ער אָבער א משכיל אין דער פּראַקטיק, ער פ י ה ר ט ד ו ר ך וואָס מען האָט פריהער מיט א דור אָדער צוויי דורות פאַר איהם געפּלאַנט. אויב ער איז ניט קיין אַגיטאַ־טאָר פון דער השכלה, איז ער אָבער איהר פּראָדוקט, ער פיהלט ווי די משכילים, אַז די ביבעל איז עפּעס א ניש־קשה'דיגע זאַך, אָבער ווייטער איז אַלעס גאָר ניט ווערטה אין דער אידישער גאַס.

דער נאַציאָנאַלער־משכיל פון די נאַציאָנאַליסטען, וואָס זיינען נעגען רעליגיאָן, אונטערשיידעט זיך שאַרף פון די פריהערדיגע דריי סאָרטען פערטרעטער פון דער השכלה אין דעם וואָס זיין נאַציאָנאַלער געפיהל מאַכט איהם א געגנער פון אסימילאַציאָן, וועהרענד די פריהערדיגע דריי סאָר־טען "משכילים" שטעהען נאָהענט צו דער אסימילאַציאָן אָדער זיינען איהרע דירעקטע שלוחים. אָבער וויבאַלד אַז ער איז מבטל אידישקייט, האַלט אַז א לעבען פון תורה און מצוות איז "חושך", איז ער אויך א טרייער תלמיד פון דער השכלה, און נאָך מעהר: אונבעוואוסט העלפט ער אויך די אסימילאַציאָן, ווארום דער איינציגער וועג דורך וועלכער די אסימילאַציאָן קען אונטערברייגען די אידישע נאַציאָן איז דורך בטל מאַכען אידישקייט. ער קען דאַרום אויך ניט

געהערען צו די קרעפטען וואָס האַלטען אויף דעם יודענטום און זיין פּלאַץ איז אין דער זייט פון דער "חשכלה".

אויסער דיעזע קלאַסען, וועלכע זיינען מעהר אָדער ווייניגער פּולע משכילים, זיינען נאָך פאַראַן האַלבע משכילים, פיערטעל־משכילים און אַזעלכע אידען וואָס די השכלה פאַרנעהמט ביי זיי גרעסערע אָדער קלענערע פּראָצענטען פון זייערע געדאַנקען און געפיהלען. עס זיינען אפילו פאַראַן אָרטאָדאָקסען, וואָס זיינען אָנגעשטעקט מיט "השכלה", דאָס הייסט, זיי בעטראַכטען מיט וועניג רעספּעקט די אידישקייט, וועלכע זיי אליין היטען, און האַלטען אז די אמת'ע ציוויליזאַציאָן, די העכערע, איז ביי די גוים. אין דער טיעפעניש פון דער נשמה זיינען זיי מבטל דעם אידישען גייסטיגען פאַרמעגען פאַר דעם גוי'שען. זיי זאָגען "ורוממתנו מכל הלשונות וקדשתנו במצוותיך", אָבער אין הארצען איז ביי זיי דער צווייפעל זעהר גרויס, אויב דאָס אידיש־רעליגיעזע לעבען הויבט ווירקליך אויף די אידען העכער ווי אַנדערע ווערען אויפגעהויבען דורך די וועלט־בילדונג. די "השכלה" זיצט אינעווייניג, נאָגט און טענה'ט: טאָמער איז עס קאַפּויר ? !...

דער "השכלת" קאַמפּף ברענט און פלאַקערט ניט נאָר צווישען פאַרשיעדענע סאָרטען אידען, נאָר אויך צווישען פאַרשיעדענע געפיהלען, אין די הערצער פון א גרויסען טהייל אפילו פון די אידען וואָס קעמפּפען פיר דאָס יודענטום. אַלעס וואָס רייסט אַרונטער די אַכטונג פיר אידישקייט, אַלעס וואָס מאַכט אונז צווייפלען אין דער בעדייטונג פון דער זאַך, וואָס האָט אונז ביז יעצט געראַטעוועט פון אונטערגאַנג, אַלעס וואָס ברייננט אונז אין די שוואַכע מאָמענטען צו קוקען צום גוי אַרויף, ווייל מיר מיינען, אז ער שטעהט העכער—איז השכלה. און עס טרעפט אַמאָל, אז אין מיטען זאָגען "ומי כעמך גוי אחד בארץ" דערכאַפּען מיר ביי זיך אינעווייניג דעם "משכיל", וואָס זוכט פאַר אונז אַראָפּצואוואַרפען דעם ווערטה פון דאָס איינציגע זאַך וואָס האָט אונז געמאַכט פיר א "איינציגעס פאָלק", דאָס רעליגיעזע אידישע לעבען.

די "חשכלה" איז אונזער שונא, און אויב עס איז פאַראַן

אַ זאַך וואָס וועט אונז חלילה פאַרניכטען, איז עס קיין אַנ־דער זאַך ווי די "השכלה", דאָס הייסט, די לעהרע וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער אידישער וועלט שוין הונדערט און פופציג יאָהר און פּראָקלאַמירט, אַז אין די געצעלטען פון די וואָס היטען די אידישע תורה און די אידישע מאָראַל איז פינסטערניש און אַז אין דער גוי'שער וועלט איז ליכטיג, ווייל דאָרטען איז די אמת'ע ציוויליזאַציאָן און דערפאַר דאַרפען מיר אַלעס לערנען פון דער גוי'שער וועלט. אָט דאָס איז דער טייטש "השכלה".

ווארום דער וואָס מיינט, אַז "השכלה" מיינט לערנען העברעאיש, מיינט לערנען וועלטליכע בילדונג, מיינט לער־נען שפּראַכען א. ז. וו. האָט אַ טעות. עס איז אַן איינגע־וואָרצעלטער טעות ביי זעהר פיעלע אידען, אַז די השכלה האָט געוואָלט מען זאָל לערנען תנ"ך, דקדוק און די לאַנדעס־שפּראַך א. ז. וו. און דערפאַר האט מען איהר בעקעמפפט. עס קען ניט זיין קיין גרעסערער טעות ווי דיעזער. ניט צו־ליעב דקדוק און שפּראַכען האָט מען געקעמפפט, ניט דאָס איז געווען די "אישו". דער קאַמפּף איז געווען איבער אַ פיעל וויכטיגערע זאַך: איבער דעם וואָס די השכלה איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ נייעם שטאַנדפּונקט, וועלכער האָט אונטערגעגראָבען דעם גאַנצען פונדאַמענט אויף וואָס די אידישע נאַציאָן שטעהט, דער השכלה שטאַנדפּונקט איז געווען, אַז יודענטום האָט אָבגעלעבט און מען דאַרף דערפון אַוועקגעהן צו אַ גרעסערע און ברייטערע וועלט. די השכלה האט געקראָגען בזיון צום יודענטהום און צום אידען!

אַז דער קאַמפּף געגען דער השכלה האָט ניט געמיינט אַ קאַמפּף געגען העברעאיש און געגען שפּראַכען און געגען וועלט־בילדונג, קענען דיענען פאָלגענדע פאַקטען:

דער גאון יעבץ האָט געשריבען נאָך פאַר'ן דור־השכלה, אַז דער עיקר איז דאס לערנען תנ"ך. דער ווילנער גאון האט געגעבען פאָלגענדען פּראָגראַם אין ערציהונג: "די ערשטע זאַך איז צו זיין קלאָר די 24 ספרים פון תנ"ך מיט די נקודות און מיט די טראָפּ, און דער עיקר איז חכמת הדקדוק, נאָכ־הער משניות, נאָכהער תלמוד און ניט עוסק'ן אַ סך איז פּלפּול".

וועלכער קלאָהרער מענש קען עס בעהויפּטען, אז צוליעב לערנען תנ"ך און דקדוק פיר וועלכעס די גאונים האָבען אגיטירט, וועט מען מאכען א קאמפף מיט די משכילים? דאָס זעלבע איז וועגען וועלט־בילדונג און שפּראַכען. א פּוי־לישער רב האָט געשריבען א ספר וועגען נאַטור־וויסענ־שאפט (ידיעות הטבע): כעמיע, אנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע, און די רבנים פון בריסק, סלוצק און לובלין האָבען איהם דערפאַר געלויבט און האָבען געהייסען מען זאָל דיזען ספר וועגען נאַטור־וויסענשאַפט אריינשטעלען צווישען די "ספרים נחמדים".

דער בעקאַנטער רבי ברוך פון שקלאָב האָט אויף דעם פערלאַנג פון ווילנער גאון איבערזעצט אין העברעאיש פון לאַטין די ווערק פון אייקלידעס, און איז געפאָהרען קיין האָלאַנד צו קריגען לאַטייניש אותיות און מען האָט זיך מיט דיעזען בוך דערפרעהט אין גאַנץ ליטא און רבנים האָ־בען געדאַנקט און געלויבט רבי ברוך'ן פיר זיין גרויסע אר־בייט. און אין ווילנא איז געוועזען א דאָקטאָר הורוויץ, וועל־כען די רבנים האָבען הויך געשעצט פיר זיין בילדונג און האָבען איהם געשטיצט. דאָס צייגט קלאָר אז קיינער וואָלט זיך ניט געשטעלט געגען די משכילים צוליב העברעאיש און שפּראַכען. דער קאַמפף איז געוועזען דערפאַר וואָס די משכילים זיינען געקומען אראָבוואָרפען דעם ווערטה פון יודענטום און מאכען די אידען פיר די גייסטיגע קנעכט פון דער גוי'שער גאַס. די הויפּט־זאַך מיט וועלכע די משכילים האָבען זיך אינטערעסירט איז דיזעלבע מיט וועל־כע די אסימילאַטאָרען אינטערעסירען זיך עד היום הזה. דאָס איז די פראַגע: וואָס וועלען די גוים זאָגען?

„וואָס וועלען די גוים זאָגען ?"

צווישען די ליגענס מיט וועלכע מען קאָרמעט אונז זייט א פּאָאר דורות איז אויך פאַראַן דער שקר, אז די פרומע אי־דען פון פאר דעם חשכלה־דור זיינען געווען שפּל ביי זיך אלס מענשען, „איינגעבויגענע רוקענס", „מה יפית" אידען, ווערענד די חשכלה־אידען זיינען געווען שטאָלץ און האָ־בען געוועקט די זעלבסטווירדע אין דעם אידען. עס איז ניטאָ קיין מעהר לעכערליכע זאך ווי דיעזע בעהויפּטונג. קיין פאַלשערע זאך ווי דיעזע מיינונג איז נאָך ניט געווען זייט די וועלט שטעהט.

דער פרומער איד פון פאר דער השכלה און פון נאָך דער חשכלה צייט האָט געליטען רדיפות, ווי דער איד ליידט שטענדיג אין גלות, ווייל ער האָט קיין ברירה ניט. אינע־ווייניג אָבער אין הארצען האָט ער מבזה געווען זיינע פיי־ניגער, ער האָט זיי פעראכטעט מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין נשמה און ער האָט זיך געהאַלטען אָהן א שיעור העכער פאר זיי. ער האָט געהאַט דעם גרויסען כח צו מבטל זיין זיינע שונאים, ער האָט געוואוסט צו אויפהאַלטען זיין ווערטה, זיין גרויסקייט, זיין מענשליכע גאוה און זיין ע ה ר ע פ י ר ז י ך א ל י י ן, טראָץ די מאכט פון זיינע געגנער. און ווי גרויס איז די בעדייטונג פיר אן איינ־צעלנעם מענשען און נאָך מעהר פיר א פאָלק ווען ער האָט די פולע עהרע צו זיך אליין !

די שפלות האָט זיך אָנגעפאַנגען גלייך מיט דער השכלה. יעדער שמייכעל פון א גוי מאכט אן איבערקעהרעניש אין דעם חשכלה־לאגער. די בערלינער „מאספים" פון מענ־דעלסאָן'ס צייט געפינען ניט גענוג ווערטער צו לויבען און דאנקען דערפאר וואָס אין האמבורג איז געוואָרען א אידי־שער נאָטאריוס ! ! ! נפתלי הערץ וויזעל בויגט זיך אין

זיינע ליעדער צו דער ערד און קושט די טריט פון קייזער יוסף דעם צווייטען, איהר זעהט פשוט ווי דער מענש צו־געהט פון התלהבות פון דעם עסטרייכישען קייזער. מיר זעהען ניט פון די ניט־משכילישע אידען איידער די השכלה איז געבארען געווארען קיין "ארויסגעהן פון די כלים" פאר א חסד וואס א פירשט האט געטאן. דער "הנותן תשועה" וואס עס פלעגט געזאגט ווערען איז א ווירדיגע תפלה ווי עס פאסט פאר די איינוואהנער פון א לאנד צו זאגען פיר דאס וואחל פון דער מדינה. ווי חניפה'יש און נאריש זעהט אויס די קריכערייי פון די חשכלה־גבורים פאר די וואס האבען די מאכט אין האנד געגען די האלטונג פון די אידען וואס זיינען ניט ארונטער אונטער די פליגלען פון דער השכלה!

עס וואלט געווען אונמעגליך, אז פרומע אידען זאלען שרייבען מיט התלהבות חניפה־רייד צו אזא בלוטיגען טיראן ווי ניקאלאי דער ערשטער פון רוסלאנד. אבער די פיהרער פון דער חשכלה האבען זיך ניט געשעהמט דאס צו טאן. דער משכיל ליליענטאל, וואס האט נאכהער געגרינדעט די רע־פארם אין אמעריקא, שעהמט זיך ניט צו זאגען, אז ניקאלאי האט ליעב די אידען, "א ליעבשאפט אהן א ברעג, די ליעב־שאפט פון א טאטען צו קינדער". אומזיסט וועט איהר זוכען צווישען די ספרים פון ארטאדאקסישע אידען אזא עקעל־האפטע חניפה ווי עס האט זיך אזוי ארויסגעגליטשט פון דעם מויל פון דעם חשכלה אגיטאטאר. די נשמה פון אן אר־טאדאקסישען אידען האט קיינמאל ניט געקענט אזוי פאלען.

און יצחק בער לעווינסאן שרייבט אויף דעמזעלבען ניקאלאי אז ער האט ניט אויפגעהערט צו טאן גוטעס צו אידען, אז ער איז א דערבארימדיגער טאטע, א העלפער, און ער פיהרט די אידען אויף די וועגען פון יושר און צדק, און ער לערנט די פארבלאנדזשעטע (די אידען) בינה און דעת. דער פאעט פון דער השכלה, אדם הכהן לעבענסאן, צו־גיסט זיך אין חניפה־שירים צו דעם טיראן. פינקעל ווערט נתפעל פון דער גרויסער נשמה פון דעם עהרליכען ניקאלאי. אט אזוי נידעריג איז געפאלען די מענשען־ווירדע ביי די פאהנען־טרעגער פון דער השכלה.

דער העברעאישער שריפטשטעלער א. דראיאנאוו, ביי

וועמען איך האָב גענומען איינינע פון די פריהער־געבראכ־טע פאקטען זאָגט :

"ניט גענוג וואָס די משכילים פון יענעם דור האָבען "געליובט און באזונגען ניקאָלאי'ן און זיין ממשלה — — "נאָר זיי האָבען זאָגאר מסכים געווען צו זיי (צו ניקאָלאי "און זיין ממשלה) אין פיעלע זאכען גענען דער אידישער "תורה און גענען דעם אידישען מאָראל. די רעגיערונג האָט "פיינט געהאט דעם תלמוד און אין אלגעמיין אידישע "ספרים. האָט יצחק בער לעווינסאָן מסכים געווען און האָט "פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל פארמאכען די אידישע דרו־"קעריייען, אויסער די אלע דרוקערייען וואָס זיינען אין די "שטעדט וואו עס איז פאראן א שטענדיגע צענזור, און מען "זאָל אויך אונטערזוכען די ספרים, וועלכע זיינען שוין "געווען פארשפרייט צווישען פאָלק. — — און אויב לע־"ווינסאָן האָט, ווי עס שיינט, געמיינט בלויז ספרים פון "חסידים און פרומקייט, ווייל ער האָט זיי געהאלטען אלס "שעדליך צו דער השכלה און אז ער האָט דערזעהן וואָס "פיר א צרה זיין פאָרשלאָג האָט געמאכט צו די תלמודישע "ספרים, האָט ער חרטה געקראָגען אויף דאָס וואָס ער האָט "געטאָן — איז אָבער געווען אן אנדער משכיל, אברהם "בוכנער, א העברעאישער לעהרער אין "דער ווארשאווער ראבינער שולע "(אן השכלה אנשטאלט ! ג. ב.) פון ווארשא, וועלכער האָט "געשריבען א בוך מיט דער אָפענער כונה צו בעשמוצען "דעם תלמוד און איהם אויסראָטען פון דער וועלט. די רע־"גיערונג (פון ניקאָלאי) בעהויפטעט, אז די אידען זיינען "ניעדריגע מענשען אין מאָראלישען זינן, קומט ש"י פין "און טענה'ט אויך אזוי : "די אידען — זאָגט ער — שטע־"הען אויף א ניעדריגע מדרגה אויף דעם לייטער פון וויסען "און פון מאָראל", און ער האָפט, אז "עס וועט קומען דער "אדון, דער קיסר, אויסצואוואָרצלען פון אונז יעדער וואָר־"צעל פון שלעכטעס, אויסצורייניגען פון שלעכטע מחשבות "די אידישע הערצער". (ניקאָלאי, וואָס הייסט רויבען קינ־"דער פון זייערע מאַמעס און זיי פארטרייבען אין די סטע־"פעס פון דער וואלגא — א הערצער רייניגער !) ניקאָלאי

„און זיינע לייט האָבען בעטראַכט די אידען אַלס שונאים „פון ארבייט, וועלכע לעבען פון פרעמדע האַרעוואַניע, קומט „די משכילישע ליטעראַטור פון יענער צייט און שילדערט „בלויז ליידיג־געהער, בטלנים און ארומשלעפּער אַזוי ווי „עס וואָלטען אין אמת׳ן גאָר ניט געווען קיין פּראַקטישע „מענשען ביי די רוסישע אידען און אין נאָך און נאָך זאַכען „איז געווען כמעט איין לשון און דיעזעלבע ווערטער ביי „דער רעגיערונג און ביי די פיהרער פון דער השכלה אין „יענע צייטען".

דראַיאַנאָוו זוכט, נאַכדעם ווי ער ברייננגט דיעזע אַנקלאַ־גע, צו געפינען אַ זכות אויף די השכלה־פיהרער און ער געהט אוועק אין אַ וויטען פּלפּול, אַז זיי האָבען עס אַלעס געטאָן נאָר אום צו קריגען פאַר אידען בירגער־רעכטע. דאָס איז אַן אויבערפלעכליכער תירוץ, וואָס צייגט אַז דער וואָס זאָגט עס האָט ניט אריינגעדרונגען טיעף אין דעם גרונד פון דער השכלה. די משכילים האָבען געהאַנדעלט פאָלשטענדיג אין איינקלאַנג מיט זייערע איבערצייגונגען, עס איז גאָר ניטאָ „קיין רעטעגישען אין זייערע האַנדלונגען" ווי דער אויבענגעבראַכטער שרייבער זאָגט, אַלעס איז קלאָר פאַר דעם וואָס ווייס וואָס די השכלה איז אין אמת׳ן און וואָס עס זיינען איהרע הויפּט־פּרינציפּען.

די משכילים האָבען אַליין געגלויבט, אַז די אידען טוי־גען ניט, אַז זיי זיינען פּראַזים און שטעהען ניעדריג אין יעדער הינזיכט. זיי האָבען פיינט געהאַט דאָס אידישע לעבען מיט אַ ברענענדע שנאה און האָבען עס געוואָלט פאַרניכטען. זיי זיינען געווען שונאים פון די אידישע פאָרמען פון לעבען און האָבען דארום געוואָלט טאָן אַלעס אין דער וועלט אום דיעזע פאָרמען אויסצורייסען, און אַזוי ווי דער בעסטער וועג עס צו דערגרייכען איז געווען דורך דער מאַכט איז געווען נאַטירליך, אַז זיי זאָלען מאַכען שותפות אפילו מיט דער מאַכט, אַבי צו ערדרייבען דעם צוועק אין וועלכען זיי האָבען געגלויבט. אין דער צייט ווען דער תלמיד פון מענ־דעלסאָן הערץ האָמבערג האָט פאַרגעשלאָגען ענדערונגען צו די אידען פון גאַליציען, האָט ער ניט פאַרגעסען צו זאָגען, אַז אויב זיי וועלען איהם ניט פאָלגען וועט ער פאַרלייגען

זיינע פּלענער פאר די "שרים היושבים ראשונה במלכות" און זיי וועלען זעהן, אז עס זאָל דורכגעפיהרט ווערען... און ווירקליך איז ער אין עטליכע יאָהר שפּעטער ארוים ווי א פּשוט'ער מסור אויף אידען פאר דער רעגיערונג.

דיעזע האנדלונגען האָבען אין אמת'ן געשטימט מיט דער אנשויאונג פון דער חשכלה איבער'ן יודענטום. די השכלה האָט געגלויבט און גלויבט היינט, אז פרומקייט איז א ניעדריגע זאך, אז מצוות זיינען א סימן פון אונוויסענהייט, אז אידישע מנהגים און דינים זיינען דער רעזולטאַט פון פינסטערניש — דארף מען דארום טאָן אלעס וואָס איז מעגליך, אום עס צו פארניכטען. מען מוז עס אונטערברייננגען, אויב דאָס איז שווער צו ערהייכען דורך פּראפּאגאנדא, זאָל מען עס טאָן דורך קאָזאַקען און זשאנדארען. דאָס איז אונגעפעהר דאסזעלבע וואָס די "חשכלה-טרעגער" אין סאָוויעט-רוסלאנד טוען יעצט, צו בעקעמפּפען חדרים דורך פריזאָן! אונטער די אלע ארבייט פון די משכילים אין העברעאיש און אפילו אונטער די אלע כלומר'שט גאנץ אידישע דבורים פון יצחק בער לעווינסאָן און אפילו אונטער די בטלנות זיינע, אז "אחיתופל איז געווען א גרויסער פילאָזאָף און אז סאקראטעס איז געווען זיין תלמיד" — איז געלעגען א בטול צום יודענטום, א האס צום אידישען לעבען, און איבערהויפּט צו דעם פרומען אידען, וואָס האָט געלעבט נאָך אידישע טראדיציאָנען. די חשכלה איז געקומען א ב צ ו ש א פ ע ן דאָס יודענטום אלץ איינס צו זי האָט עס געזאָגט בפירוש אָדער ניט, אלץ איינס צו האָבען די משכילים געהאט א פעסטע פּראָגראם אָדער אויב אפילו זיי האָבען אליין ניט געוואוסט וואָס זיי ווילען און האָבען אליין געגלויבט, אז זיי ווילען קיין גרויסע ענדערונגען ניט מאַכען. די אידען האָבען גוט געפיהלט וואָס דאָ איז: טויזענדער יאָהרען האָבען די אידען געגלויבט, אז די העכסטע געדאַנקען, די שעהנסטע געפיהלען, די אייביגע אמת'ן, די ליכטיגע מחשבות, די ערהאבענסטע חקים און משפּטים איז ביי ביי אידען, אז דאָס אידישע לעבען, די אידישע חויז איז דער קוואל פון אלעס וואָס איז שעהן און נאָבעל, פון פאָלקאָמענהייט און זיטען און פיהרונגען. און דאָ זיינען געקומען מענ־

שען און האָבען ערקלערט אז אלעס פיר וואס אידען האָבען געקעמפפט און האָבען טייער געהאלטען, זיינען נארישקייטען, אז אנשטאט וואס אידען האלטען זיך פיר אן עם סגולה, וואס איז שעהנער גייסטיג פון אלע, שטעהען זיי גאָר אויף א נ י ד ר י נ ע מ ד ר ג ה. אויף אזא אופן איז אויסגעקומען אז די גאנצע אידישע געשיכטע איז אן אונזין, אז דער קאמף איז א נארישער, אז דער איד וואס האָט געמיינט ער האלט אין האנד א דימענט, האלט גאָר אין האנד א שערביל, דער איד איז פלוצלינג, לויט דעם השכלה שטאנדפונקט, אראָבגעפאלען פון הימעל ביז דער ערד, די השכלה האָט ארויסגעצויגען דעם באָדען פון אונטער די אידישע פיס.

וועהרענד די משכילים האָבען פארוואָרפען דעם ווערטה פון יודענטום, פון דעם אידישען לעבען, איז געווען זעלבסטפארשטענדליך, אז זיי זאָלען קריגען א געוואלדיגען רעספעקט פאר׳ן גוי. דער משכיל האָט ניט געקענט האלטען זיך געגענאיבער דעם גוי מיט דערזעלבער אינערליכער ווירדע ווי דער פרומער האָט זיך געהאלטען. דער פרומער איד גלויבט דאָך אין זיין אייגענע גייסטיגע גרויסקייט און זיין קולטור, ווי מען זאָגט אויפ׳ן מאָדערנעם לשון, און דער משכיל פיהלט זיך אָרים און פארשעהמט מיט דער פינסטערקייט פון יודענטום וואָס עס ליעגט אויף איהם און ער וויל נאָכאנאנד צייגען דעם גוי, אז ער, דער משכיל, האָט זיך שוין אין אמת׳ן בעפרייט פון דער חושך׳ניש און ער האָט מורא, אז מען גלויבט איהם ניט. פון וואנען זאָל נעהמען אזא מענש קוראזש ? פון וואנען זאָל ער נעהמען די גייסטיגע שטייפקייט, וועלכע קומט נאָר ווען מען איז איבערצייגט אין דער אייגענער ווירדע ? בן־ציון כ״ץ מאכט אויפמערקזאם אויף דער מערקווירדיגער ערשיינונג, אז עס איז ניט געווען קיין איין ארטיקעל איבער חשכלה וואָס זאָל ניט ענטהאלטען די פראגע : וואָס וועלען די גוים זאָגען ?

און דערפון איז געקומען דאָס זינגען שירים פאר מלבים און דאָס חנופה׳נען די מאכטהאָבער און דאָס ווערען נתפעל פון יעדען פריינדליכען וואָרט (א סימן פון שפלות) און דאָס וועלען אלץ אויסגעבען פיר א טובת־הנאה. א י ן ד ע ם מ א מ ע נ ט ו ו ע ן א א י ד ו ו ע ר ט א־

בערצייגט אז דאָס יודענטום איז א פאַרעלטערטע צוגעלעגענע סחורה, ווערט געבראָכען ביי איהם דער מאָראלישער חוט־השדרה, ער איז ניט מעהר פייהיג צו שטעהן אין די רייהען פון דער אידישער ארמיי, ווייל ער האָט פאַרלאָרען די הויפּט־זאַך פון דעם אידישען חאַראַקטער: גייסטיגע גבורה און קאַמפּפס־לוסט. ער האָט ניט פאַרוואָס מלחמה צו האַלטען. אין דערזעלבער צייט וועו ער ווערט אויס־קעמפּפער פאַר'ן יודענטום, ווערט ער א פאַרגעטערער פון דער גוי'שער גאַס. די פראגע: „וואָס וועלען די גוים זאָגען" ווערט זיין „אני מאמין", זיין הערשער, זיין דיקטירער, ווען ער איז אין הויז, ווען ער געהט אין גאַס, ווען ער שלאָפט, ווען ער שטעהט אויף. דאָס ווערט, אזוי צו זאָגען, זיין אמונה, דאָס ווערט זיין צווייטער „איך", זיין שאָטען. אנשטאַט צו זיין אַ קעמפּפער פאַר'ן יודענטום ווערט ער אַ בעקעמפּפער פון יודענטום אין איהם אַליין.

ווען איהר ווילט וויסען אונזער כח צו גערעטעט ווערען פון דעם אונטערגאַנג וואָס לויערט אויף אונז, זאָלט איהר צעהלען בלויז די קאַמפּפס־פייהיגע, איהר זאָלט אַרויסוואַרפען פון חשבון, ווי מען פלעגט אמאָל טאָן ביי אידען דעם „איש הירא ורך הלבב", דעם שוואַך־האַרציגען, דעם וואָס דיינקט, אַז די אידישע סחורה איז פאַרעלטערט און צוגעלעגען, ווייל דיעזער וועט זיך שוין פאַר אונזער עקזיסטענץ ניט שלאָגען. אַזעלכע האָבען מיר א זעהר גרויסען פּראָצענט.

איידער מיר וועלען קומען צום חשבון וועלען מיר אָבער נאָך אַ בליק טאָן אויף דער אידישער ליטעראַטור, וועלכעס איז אונז אונבעדינגט נויטיג פיר אונזערע וויטערדיגע בעטראַכטונגען.

די אידישע גאס און די גוי'שע

מיט דונערן און בליצען האט די חשכלה ליטעראטור פראקלאמירט פאלגענדע תורה:

א איד וואס היט אידישקייט איז א שווינדלער, א צבוע'ק, א גנב, א פינסטערלינג און איז ניט ווערטה וואס ער געהט ארום אויף דער וועלט.

דאס איז געווען דער עיקר, דער קווינט עסענץ פון אלעם וואס די השכלה האט געהאט צו זאגען וועגען דער אידישער גאס אין העברעאיש און אין רוסיש (די אידישע ליטעראטור האט זיך נאך דאן ניט אנגעפאנגען).

דער דיכטער אדם הכהן שילדערט אונז דעם פרומען אידען אונטער א געוויסען כאראקטער צבעון. דער דאזיגער צבעון איז פארדארבען ביז'ן מארך פון די ביינער, שלעכט, גיפטיג, פאלש און געמיין. ער איז א גרויסער למדן און בע־נוצט זיין לומדות פיר זיינע ניעדריגע צוועקען.

אברהם מאפו, וועלכער האט געשריבען צוויי שעהנע ערצעהלונגען וועגען דעם אמאליגען אידישען לעבען אין ארץ־ישראל פאר דעם ערשטען חורבן, האט געשריבען איבער די אידען פון זיין צייט דעם "עיט־צבוע" (דער געפארבטער פויגעל). די פרומע אידען פון "עיט־צבוע" זיינען אזעלכע ניעדריגע ברואים ווי צבעון פון אדם הכהן: פאלשע, גע־מיינע, פינסטערע, שלעכטע. פון מאפו'ס שילדערונגען לערנט מען ארוים אז אויב אימיצער וויל זעהן אז אנשטענ־דיגען אידען דארף ער געהן צוריק מיט דריי טויזענד יאהר אדער ער דארף אויסזוכען א משכיל... די אידישע גאס איז דער קוואל פון אלעם וואס איז מיאוס און שלעכט.

נאך מיט מעהר שארפקייט האט דאס זעלבע ארויס־געזאגט א משכיל'ישער שריפטשטעלער אין רוסיש, דער בעריהמטער א. ל. לעוואנדא. אין זיין ווערק "א מאגאזין פון באקאליינע סחורה" שילדערט ער דאס אידישע לעבען אין די

ערגסטע פארבען, שטעמפעלט די פרומע אידען אלס נידע־ריגע ברואים, פול מיט געמיינהייטען און חושד׳ניש. דער־פאר ווערט דער גוי׳שער לעבען אידעאליזירט ביז צום הימעל: די גוים זיינען איידעל, עהרליך, נאָבעל, פול מיט ליבטיגקייט. דער גוי איז פערגלייך מיט׳ן אידען. לויט לע־וואנדא׳ס פירוש, איז אזוי ווי דער פערגלייך פון טאג געגען נאכט. לעוואנדא איז געווען שטארק ענציקט פון די רוסי־שע טשינאווניקעס, וועלכע זיינען געווען ביי איהם דער סימבאל פון אלעס וואס איז גוט, שעהן און נאבעל.

אבער אין העברעאיש האט די השכלה ליטעראטור ער־רייכט איהר העכסטע שטופע אין דעם לייב פון דעם דור־השכלה, דער דיכטער יהודה ליב גארדאן. ער איז געווען בעגאבט מעהר ווי אלע אנדערע משכילים פון זיין צייט. אליין א געוועזענער תלמיד פון ישיבה, מיט א בעדייטענדען פאעטישען טאלאנט, מיט א טיעפען חוש פאר סטיל, מיט א קעמפפענדע נאטור האט ער זיך אוועקגעשטעלט אין קאמפף געגען אידישקייט, א קאמפף, וועלכען ער האט ניט פארגעסען אפילו אין די פאאר פון זיינע שירים וואס זיינען געשריבען אין גייסט פון אידישען פאטריאטיזם. אפילו ווען ער בעקלאגט דעם אידישען גבור וואס ווערט צוריסען פון חיות אויף דער רוימישער ארענא, פארגעסט ער ניט צו מאכען שולדיג די פארשטעהער פון דער תורה אויף דעם חורבן פון דאס אידישע לאנד. לויט זיין מיינונג וואלט ארץ־ישראל ניט בעזיעגט געווארען פון רוים אויב די תנאים וואלטען אידען געלערנט די קריעגס־קונסט. ער איז ניט נאר אין כעס אויף די תורה־לערנער פון צווייטען חורבן נאר אויך אויף די נביאים פון פאר׳ן ערשטען חורבן, איבערהויפט אויף ירמיהו.

ביי די אידען פון דער געטא זעהט ער ניט קיין זאך וואס איז ווערטה געלויבט צו ווערען. ער זעהט אין דער אידישער גאס נאר: אייביגע שקלאפעריי, אייביגע שאנדע, שמוץ און מיסט, פיהרער־פערפיהרער, און פאלשע לעהרער. אט דאס איז דער אורטייל פון גארדאן אויפ׳ן אידישען פאלק פון רוסלאנד!

פונקט ווי לעוואנדא זעהט גארדאן אלעס וואס איז

מיאוס ביי אידען און אלעס וואס איז שעהן ביי גוים. אלס ביישפיעל קענען מיר געבען זיין הספד וואס ער מאכט אויף דער לעבעדיגער אידישער פרוי. די אידישע פרוי איז ביי איהם די אונגליקליכסטע בעשעפעניש אין דער וועלט. ער זאגט:

> אידישע פרוי! ווער ווייס דיין לעבען? אין דער פינסטער קומסטו, און אין דער פינסטער געהסטו אוועק. דיין טרויער, דיין פרייד, דיין האפנונג, דיינע ווינשע. ווערען געבראכען אין דיר און ווערען דערשטיקט אין דיר. די וועלט און אלעס וואס זי פערמאגט, אלעס גוטעס און אלע נחת געהערען צו די טעכטער פון אנ־דערע פעלקער, נאר דער לעבען פון דער אידישער פרוי איז אייביגע קנעכטשאפט.

מען ווייס ניט ווען מען לעזט דיזע ווערטער וואס איז דא גרעסער — די פאלשקייט אדער די נארישקייט! עס איז גאר שווער געווען צו גלויבען אז א איד וואס האט געוואהנט צווישען אידען און האט געזעהן דעם שעהנעם אידישען פא־מיליען לעבען, די ליעבשאפט און די רעספעקט פון דעם אידישען מאן צו זיין ווייב, דעם גרויסען אנטהייל וואס די אידישע פרוי נעהמט אין אלע פאמיליען אנגעלעגענהייטען. איהר דעה אין אלעס וואס האט צו טהאן מיט דער הויז, דעם גליק וואס די אידישע פרוי האט אין איהר משפחה — עס איז שווער צו גלויבען אז א איד וואס האט דאס אלעס גע־זעהן זאל קענען אנשרייבען אזעלכע דברים־בטלים און שטות ווי די וואס גארדאן האט געשריבען איבער דער אידישער פרוי. אבער דאס איז דער אונגליק מיט די משכילים אז זיי געהען ארום בלינד צווישען זעהענדיגע און טויב צווישען הערענדיגע.

כל טוב און נחת האט די גוי׳שע פרוי! וואו האט דאס גארדאן געזעהן? ביי דעם טהייל פון דעם רוסישען המון וואס שכור׳ט און שלאגט די ווייבער? האט ער פערגלייכט דעם לעבען פון דעם אידישען בעל־מלאכה מיט זיין פרוי און דעם פון דעם רוסישען? האט ער פערגלייכט ווי אזוי דער אידישער תלמיד־חכם האלט זיך צו זיין פרוי און ווי עס האלט זיך צו זיין פרוי א געבילדעטער מאן פון אנדערע

אומות און האט אויסגעפונען אז ביי די גוים איז דא מעהר פאמיליען־טרייהייט, מעהר צוגעבונדענקייט צו דער הויז. און מעהר איבערגעבענהייט צו דער משפחה? מען דארף זיין ווילד פון שנאה צום אידישען לעבען אז מען זאל קענען אטאקירען אידען אויף דעם שטארקסטען פונקט, דוקא אויף דעם פעלד פון דעם אידישען משפחה לעבען, אויף וועלכען זיי זיינען געווען א מוסטער פאר דער גאנצער וועלט. אבער וואס קען העלפען אידישע מעלות אז די נשמה איז ביי די גוים און אז מען האלט אז וואס גוי'ש איז שעהן און וואס אידיש איז מיאוס.

איך וויל ברייננען א ביישפיעל ווי אזוי די השכלה־ליטעראטור האט געשילדערט דאס אידישע לעבען. איך נעהם אן ערצעהלונג פון יהודה ליב גארדאן "א קעלבערנע פיסעל" און דערצעהל דעם אינהאלט דערפון:

אין א שטאדט זיינען פאראן פינף קצבים, דער ראש־הקצבים הייסט שמואל. ביי איהם קויפען פלייש די צוויי יחסנ'ישע בעל־הבית'טעס, די ווייב פון בעל־טקסא און די רביצין. אלע פרייטאג נעהמען זיי ביי שמואל'ן יעדע צו פאאר קעלבערנע פיסלאך. איינמאל זיינען געקומען געסט צום בעל־טקסא און זיין ווייב האט צוגענומען ביים קצב ניט בלויז איהרע קעלבערנע פיסלאך נאר אויך די וואס זיינען געווען אנגעגרייט פאר דער רביצין. די רביצין ווערט זעהר אין כעס ווען זי דערוויסט זיך דערפון, שיקט זי רופען דעם רב פון באד, דערצעהלט איהם אז די ווייב פון בעל־טקסא האט צוגענומען איהרע פיסלאך און הייסט איהם טריף מאכען אלע טשאלענטען פון שטאדט. שבת ביי קריאת התורה לאזט דער רב אויסרופען אז אלע טשאלענטען זיינען טריף. פארנאכט ערקלעהרט דער רב אין זיין דרשה אז ער האט אויסגעפונען אז עס זיינען פאראן אין שטאדט מעהר קעלבערנע פיסלאך ווי עס דארף זיין לויט די צאהל פון די בהמות. ביינאכט איז אן אסיפה ביים רב אין שטוב און עס געהט ארויס פאלגענדער פסק־דין: 1) אסר'ן אלע קצבים און צווינגען זיי צו פערמאכען די קראמען. 2) שמואל דעם קצב זאל מען געבען 39 מלקות. 3) מאנטאג זאל זיין א תענית־צבור מיט "ויחל" און סליחות. 4) אלע כלים זאלען

ווערען צובראכען. 5) קעלבערנע פיסלאך זאל זיין פאר־ ווערט אין שטאדט אויף אייביג. אויף מארגען, זונטאג, האט מען געכאפט שמואל דעם קצב, איהם אנגעבונדען א קעל־ בערנע פיסעל פון פארענט און איינע פון הינטען און מען האט איהם אזוי דורכגעפיהרט דורכ'ן שטאדט, געבראכט אין שוהל און געגעבען מלקות ווערענד ער האט געשריען ליגענ־ דיג אויף דער ערד: והוא רחום יכפר עון.

אט האט איהר א "מייסטערשטיק" פון דער השכלה ליטעראטור. אט אזוי האבען עס די משכילים פערשטאנען דאס אידישע לעבען! דאס קען אגב דיענען אלס ביישפיעל וועגען דער "קונסט" אין דער השכלה־ליטעראטור. אויב די ריעזען פון דער השכלה האבען געקענט שרייבען אזעלכעס קען מען שוין פערשטעהן וואס עס האבען געשריבען די קלענערע אין יענעם דור ווען דער עיקר איז געווען ניט צו זעהן דעם לעבען און איהם דורכנעהמען נאר צו ווארפען שמוץ אויף א פאלק וואס פיהרט אן עהרליכען ריינעם לעבען. א לעבען פול מיט אידעאליזם, דורכגעדרונגען מיט א גרויסע קולטור.

עס זיינען געווען אין אונזער ליטעראטור אויך אזעלכע וואס האבען פערשטאנען דעם אידען און זיין נשמה, און זיינען געגאנגען אויף אנדערע וועגען ניט אויף דעם בריטען אסימילאציאנס־שאסע פון זייער צייט. מיר וועלען אויס־ רעכענען פיער, וועלכע אבוואהל זיי אונטערשיידען זיך אין פיעלע זאכען איינע פון די אנדערע שטעהען אבער אלע אויף אן אנטי־השכלה שטאנדפונקט. אלע פיער זיינען פול מיט רעספעקט פיר דעם טראדיציאנעלען אידישען לעבען און אלע פיער קניען ניט פאר'ן גוי און האלטען ניט אז דארטען אין גוי'שען לאגער איז אלעס וואס איז גוט און שעהן.

דער ערשטער איז צווייפעל. צווייפעל האט פערשטאנען די גרויסע בעדייטונג פון חסידות נאך איידער אימיצער פון די שריפטשטעלער האט זיך דארויף אבגעשטעלט. און פונקט אזוי האט ער פערשטאנען די אמת'ע שעהנקייט פון דעם אידישען לעבען.

דער צווייטער איז פרוג, דער רוסישער דיכטער וואס טראץ דעם וואס גארדאן האט איהם געהאלטען פאר זיין

יורש האט ער אויסגעקליבען פונקט א פארקעהרטען וועג ווי די אין וועלכע גארדאן איז געגאנגען. פרוג האט געשעפט זיין בעגייסטערונג פון טראדיציאנעלען אידישען לעבען און ער האט געזעהן אין דער אידישער גאס דעם תיפּך וואס גארדאן האט געזעהן.

דער דריטער איז **בן-עמי**, וועלכער לעבט מיט אונז. ער איז דער איינציגער **אידישער** קינסטלער וואס האט אנגע־פאנגען שרייבען אין א אידישען גייסט ווען אלע משכילים זיינען נאך געווען פארנומען אין זידלען אידען און אויס־טראכטען אויף זיי בלבולים. בן־עמי זעהט אין דער אידישער גאס די גאנצע ליכט און שיין וואס דארטען איז דא. בן־עמי איז דער גרעסטער קאנטראסט פון די משכילים וואס האבען געוואלט אלעם חרוב מאכען און געהאט גרויס ערפאלג אין דער מלאכה פון חורבן. און בן־עמי איז טאקע דער גרעסטער שונא פון השכלה. זיינע ווערק זיינען אין רוסיש.

דער פיערטער איז **וואלף יעבץ**. ער האט פיעל געשרי־בען און פערפאסט א געשיכטע פון אידען. ער איז איינער פון די בעסטע סטיליסטען אין העברעאיש. ער איז אויך א גרויסער פיינד פון השכלה און איהר אסימילאציאנס שטאנד־פונקט. אלע פיער זיינען ניט קיין משכילים, ווייל השכלה מיינט ניט בילדונג, און ניט פארטשריט. הערמאן כהן איז געווען איינער פון די גרעסטע פילאזאפען פון דער היינטי־גער צייט און ער איז קיין משכיל, און אויב איינער איז גע־גען יודענטהום איז ער א משכיל אפילו ווען ער קען ניט דעם אלף־בית אין קיין שפראך. השכלה הייסט די מיינונג אז טראדיציאנעלעם יודענטהום טויג ניט און דארף פערוואָרפען ווערען.

די „רענאסאנס"

מיר האָבען שוין געזעהן אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען וואָס די השכלה האָט געבראַכט די אידען: פעראַכטונג צו אלעם וואָס איז אידיש, פארגעטערונג פון אלעם וואָס איז גוי'יש, א שפל'דיגע, חניפה'דיגע האלטונג צו די שטארקע גוי'שע וועלט, א טענדענץ צו פארלייקענען און בעהאלטען אידישקייט אויב עס איז נאָך עטוואָס אזעלכעס ביי די משכילים געבליבען פיר א פּרעמדע אויג, ווי עס ווערט אויס־געדריקט אין דעם בעריהמטען וואָרט וואָס די השכלה האָט אויפגעשריבען אויף איהר פאָהן: „זייַ א איד אין דיין גע־צעלט, זייַ א מענש ווען דו געהסט ארויס אין גאַס". עס איז קלאָר אז דאָ האָט מען ניט געמיינט אז דער איד דאַרף זיין א איד אין געצעלט, אדרבה אויב מען קען פון דעם „איד" פּטור ווערען אפילו אין הויז איז געוויס גוט, אָבער אויב מען קען ניט דערפון לויז ווערען דאַרף מען אמווייניגסטענס ניט ארויסטראָגען די חרפה אויפ'ן גאַס, דאָרטען אין גאַס וואו עס קוקט די גוי'ישע אויג זאָל דער איד זיין א מ ע נ ש. דאָ איז פּלוצלונג אויסגעקלעהרט געוואָרען א נייע תורה: אז איד און מענש זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. און ז'ער וואָס איז א איד איז ניט קיין פולער מענש. א י ד י ש ק י י ט און מ ע נ ש ל י כ ק י י ט זיינען פון דער השכלה אוועק־געשטעלט געוואָרען אלס צוויי קאָנטראַסטען וואָס שטימען ניט איינע מיט די אנדערע. די האָפנונג נאַטירליך איז גע־ווען אז סוף כל סוף וועט די „מענשליכקייט" ארייַנדרינגען אין הויז אויך און דער איד וועט אין גאַנצען א „מענש" ווע־רען, דאָס הייסט ווערען אין גאַנצען אויס־איד.

אין דער מיינונג אז דער איד אלס איד איז ניט גענוג מענש ליעגט דער פונדאַמענט פון אסימילאַציאָן און ענד־ליך אויך שמד. וואָרום די הויפּט קראַפט פון יודענטום איז געווען די פעסטע איבערצייגונג אז די אידישע רעליגיאָן דורך איהר לעהרע און פּראַקטיק מאַכט דעם אידען פאַר דעם

חעכסטען טיפ מ ע נ ש וואָס די וועלט־ציוויליזאציאָן פאר־מאָגט, א נבחר פון דער גאנצער מענשהייט. און דיזער בע־גריף האָט עס געגעבען אזוי פיעל קראפט דעם אידען צו בעזיעגען אלע שטערונגען און אָנהאלטען זיין עקזיסטענץ.

דאָס ארונטערוואַרפען די מענשליכקייט אין דעם אידען איז געווען א פארשווערונג געגען דאָס סאמע לעבען פון דער אידישער נאציאָן.

אזא מיינונג האָט זיך ניט געקענט ענטוויקלען סיידען פון פעראכטונג צו דאָס יודענטום וועלכעס איז ביי די משכילים געוואָרען אלס א מין קאָנטראסט צום מ ע נ־ש ע נ ט ו ם. דאָ האָט געשפּיעלט די ראָלע ניט בלויז דאָס וועלען נאָכאהמען דעם גוי, געווינען ביי איהם א שמייכעל, און קריגען ביי איהם מעהר רעכטע (וואָרום די השכלה־טריי־בער זיינען געווען די ערשטע אין דער אידישער געשיכטע וואָס האָבען געהאנדעלט מיט גייסטיגע ענינים און האָבען עס געוואָלט פארקויפען אויף דעם מארקעט פון „פּראָגרעס״. און עס איז קיין וואונדער אז א היבשער טהייל פון זיי האָ־בען זיך ניט געקענט דערוואַרטען אז דאָס גאנצע פאָלק זאָל פארקויפען זיין ירושה פאר „פּראָגרעס״. האָבען זיי זיך גע־זעהן מיט דעם נאָהענטסטען גלח און האָבען דעם מסחר גע־מאכט פּריוואט...) — מיר זאָגען: ניט נאָר האָט דאָ גע־שפּיעלט די ראָלע דאָס וועלען דערנעהנטערען זיך צום גוי, נאָר אויך א האַס צו דער אידישער רעליגיאָן און צו אלעס וואָס מיט איהר איז פארבונדען, וועלכער די משכילים האָ־בען פאלש פאָרגעשטעלט אלס א רעליגיאָן וואָס איז געגען לעבען און וואָס וויל דערשטיקען יעדען לעבעדיגען געפיהל אין מענשען.

מיר קענען אָבער ניט פאָלשטענדיג פארשטעהן דעם גרונד פון דער השכלה־בעוועגונג אויב מיר זאָלען ניט אָב־שטעלען זיך אויף א ווייל און זאָלען ניט בעטראכטען א געוואלדיגע וועלט־בעוועגונג וואָס האָט ארומגענומען איי־ראָפּא נאָך מיט א פּאָאר הונדערט יאָהר איידער די אידישע השכלה איז געבאָרען געוואָרען, און פון וועלכער די השכלה־בעוועגונג איז א טאָכטער. די דאָזיגע וועלט־בעוועגונג פון וועלכער די אידישע השכלה האָט געשעפּט איהר קראפט איז

די וואָס איז בעקאַנט אין דער וועלט־געשיכטע אונטער דעם נאָמען "רענאַסאַנס" אָדער אויפלעבונג.

"רענאַסאַנס" — דאָס איז דער שליסעל־וואָרט וואָס וועט פאַר אונז עפענען די וועגען פון די בעוועגונגען וואָס האָבען אונז געבראַכט צום קריזיס, און דאָס וועט אונז געבען די מעגליכקייט צו אריינקוקען אין דער צוקונפט וועלכע איז פאַר אונז דער עיקר.

* * *

אַרום דעם פיערצעהנטען יאָהרהונדערט האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אייראָפּאַ און מעהרסטענס אין איטאַליען א בעוועגונג צו איבערענדערן דעם לעבען פון די אייראָפּייאישע נאַציאָנען. די דאָזיגע בעוועגונג האָט אָנגעפאַנגען צו אַטאַקירען די הויפּט־זיילען אויף וועלכעס דאָס אייראָפּייאישע לעבען אין מיטעלאַלטער איז געשטאַנען. דער "רענאַסאַנס" איז אין גרונד גענומען געווען א קאַמפּף געגען מיטעלאַלטער און זיינע אָרדנונגען, און דער צוועק איז געווען צו ברייגגען די נייע צייט וועלכע איז ענדליך ווירקליך געבראַכט געוואָרען.

די אייראָפּייאישע נאַציאָנען האָבען אין מיטעלאַלטער געלעבט אונטער צוויי שווערע דעספּאָטיען. די דעספּאָטי פון די רעגירונגען וועלכע זיינען געווען אונערטרעגליך פאַר די קליינע און אָרימע מענשען. די דאָזיגע מענשען, די מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג, האָבען געזיפצט שווער אונטער דעם יאָך פון די קליינע דעספּאָטלאַך, די פעאָדאַלען וועלכע האָבען אייגענטליך ניט רעגיערט נאָר האָבען גענומען און גערויבט וויפיעל זיי האָבען געוואָלט און געקענט דורך זייערע גערונגענע זעלנער. אויסערדעם וואָס די דאָזיגע פעאָדאַלען פלעגען רויבען און אוועקנעהמען ביי דער בעפעלקערונג וויפיעל זיי האָבען געוואָלט, פלעגען זיי פיהרען כמעט שטענדיג מלחמות איינע מיט די אנדערע און האָבען פול געמאַכט אלע לענדער מיט קריעגעריי, מיט בלוט־פאַרגיסונג, מיט דלות און רויב.

א צווייטע דעספּאָטיע וועלכע איז געווען פיעלייכט נאָך שווערער צו פערטראָגען איז געווען די דעספּאָטיע פון דער קירכע. די קאַטוילישע קירכע וועלכע האָט איהר הויפּט־

זיך אין רוים, אין יענער שטאָדט וואָס האָט אמאָל געהאט די גרעסטע מיליטערישע אָרגאַניזאַציאָן אויף דער וועלט, האָט פערוואַנדעלט דעם גלויבען וואָס האָט זיך בעריהמט אז עס איז אַ גלויבען פון ליעבע, אונטערטעניגקייט און שטילקייט, אין אַ גלויבען פון סאָלדאטען און שווערדען. די פאפסטען האָבען זיך געהאלטען פאַר וועלט־הערשער, אזוי ווי עס זיינען אמאָל געווען די רוימישע אימפעראַטאָרס.

פאַרקעהרט: זייער מאכט איז נאָך געווען גרעסער ווי די מאכט פון די רוימישע אימעפּראַטאָרס. וואָרום יענע האָבען יעהערשט בלויז מיט׳ן שווערד און די פאפסטען האָבען געהאַט ניט נאָר וועלטליכע גבורה דורך ארמייען, נאָר זיי זיינען דאָך לויט זייער ערקלערונג געווען די פערטרעטער פון גאָט אויף דער וועלט. זיי זיינען דאָך געזעסען אויף דעם טראָהן פון פעטרוס, דער נאכפאָלגער פון דעם גרינדער פון קריסטענטום. די פאפסטען האָבען געהאַט אַ מורא׳דיגע מאכט אין האנד וועלכע זיי האָבען אָפט גענוצט אפילו געגען קעניגע וואָס האָבען ניט געוואָלט איינבויגען די קעפּ פאַר זיי.

די פאפסטען האָבען געהאַט אין זייערע הענד די שליסלען פון הימעל אויך. וואָרום לויט דעם קאַטוילישען גלויבען קען קיינער ניט קריגען קיין כפרה אויף זייערע זינד סיידען די קירכע גיט עס איהם. דער קאַטאָליק שטעהט ניט אין נאָהנטע דירעקטע פאַרבינדונגען מיט זיין רעליגיאָן, ווי עס שטעהט דער איד. דער קאַטאָליק קען טהאָן תשובה, קען קריגען אַ פאַרגעבונג צו זיינע חטאים נאָר דורך אַ פאַרמיטלער צווישען זיך און דעם הימעל. דער פאַרמיטלער איז די קירכע וועמענס שלוחים עס זיינען די גלחים, אזוי אז אָהן אַ גלח קען אַ קאַטאָליק ניט ערפילען קיינע פון זיינע פפליכטען אלס קריסט און זיין נשמה ווערט פאַרלאָרען נאָכ׳ן טויט. אונטער אזעלכע אומשטענדען איז די זעלע פון דעם איינצעלנעם מענשען אין גאנצען אויפגעשלונגען אין זיין קירכע. דורכדעם וואָס יעדער מוז זיך מתודה זיין פאַר אַ מענשען, פאַר׳ן גלח, האָט די קירכע געקראָגען אַ קאָנטראָל איבער די פאַרשטעלסטע סודות פון דעם גלויביגען. די קירכע וועלכע האָט געשאפען אַ בעזונדערן שטאנד פון גייסטליכע, וואָס

האָט געהאט אין אלע לענדער אזוי פיעל מאָנאסטירען און האָט איבערהויפט געהאט א פארצווייגטע מאשינערי וואָס האָט געקענט טאָן כמעט אלעס וואָס זי האָט געוואָלט — דיזע קירכע האָט זיך געצייגט צו זיין א שווערער יאָך אויף די מענשען. און וואָס מעהר מאכט זי האָט געקראָגען, אלץ מעהר קאָרופט איז זי געוואָרען. עס האָט געהאלטען אזוי ווייט אז די קירכע האָט פארקויפט פאר געלד כפרה־צעטלען פאר אלע סאָרטען חטאים, די קירכע האָט איהם מוחל געווען די זינד אויב ער האָט נאָר גוט בעצאָהלט. און אין מאנכע פלעצער האָט מען זאָגאר איינגעפיהרט אז ווען אימיצער האָט געוואָלט בעגעהן א פארברעכען, פלעגט ער פריהער קויפען דעם כפרה־צעטעל אום ער זאָל נאכהער געהן מיט א רוהיגען געוויסען צו טאָן זיין פארברעכען, ווייל ער האָט דאָך שוין בעצאָהלט דערפאר דעם גלח.

עס איז אויך שווער געוואָרען דעם אייראָפּייער די קריסטליכע לעהרע פון אסקעטיזם, אז שעהנקייט איז א נעץ, פערגעניגען איז א זינד, און אז דער מענש איז פארשאָלטען פון דעם ערשטען חטא פון אדם און חוה. דיזע לעהרע פון טויטען דעם לייב וואָס איז געקומען פון א קירכע, וועלכע האָט מיט'ן מויל מבטל געווען די וועלט און מיט די הענד האָט זי שטארק געהאלטען די אייזערנע ממשלה — דיזע לעהרע האָט ארויסגערופען א רעאקציאָן. אלס געגענזאץ צו דעם קאטוילישען פארשילטען די נאטור האָט דער "רענע־סאַנס" ארויסגעטראָגען דעם געשריי: צוריק צו דער נאטור!

עס האָט זיך אָנגעפאנגען א קאמפף געגען דער קאטוילי־שער קירכע אזוי גוט ווי געגען דעספּאָטיע. די פיהרער פון דער דאָזיגער מלחמה געגען דער קירכע, וועלכע זיינען גע־שטאנען פאר דער אידעע אז מען דארף זיך אומקעהרען צו דער נאטור וועלכע דאָס קריסטענטום פערהאסט, האָבען זיך גענומען צו די גריכישע קולטור פון אלטערטום וועלכע איז שוין געווען פארגעסען. זיי האָבען אָנגעפאנגען צו אָבגע־בען זיך מיט דער קונסט פון אלטערטום, האָבען אָנגעפאנ־גען בייגקען נאָך דער נאטור־אנהייגגערשאפט פון די אמאָ־ליגע גריכען איידער זיי האָבען אָנגענומען דעם קריסטענ־טום. די "רענאסאנס" האָט ווידער אויפגעשטעלט שעהנ־

קייט אלס דעם גרעסטען אידעאל. אין דערזעלבער צייט האָבען זיי זיך גענומען צו די יסודות וואָס די גריכען האָבען אמאָל אוועקגעלייגט אין דער וויסענשאפט. באלד איז אויס־געפונען געוואָרען דער דרוק וואָס האָט געגעבען נייע גע־וואלדיגע מעגליכקייטען צו פארשפרייטען בילדונג. דאָס ערפינדען פון אמעריקא האָט אָנגעצונדען דעם גייסט פון פאָרשען אויף אַלע געביטען פון דער נאַטור, און דאָס איז ווידער געווען אין איינקלאַנג מיט דעם צוריקקעהרען צו דער נאַטור וועלכע די „רענעסאַנס" האָט געפּרעדיגט אַלס געגענזאַץ צום האס צו דער נאַטור וואָס דאָס קאַטאָליציזם האָט געהאט. די „רענאַסאַנס" איז געווען א טריט צוריק צום אַלטערטום, צום העלעניזם אָדער גריכענטום בעפאָר דאָס קריסטענטום האָט איהם בעזיעגט.

אין דערזעלבער צייט אָבער ווען די „רענאסאנס" איז געווען א בעוועגונג צום העלעניזם, איז עס געווען א בעווע־גונג צום תנ"ך, צום אלטען טעסטאַמענט, וועלכען די קאַ־טוילישע רעליגיאָן פון מיטעלאלטער האָט פארשטופּט אָן א זייט. נאָך איידער עס איז געקומען דער פיערצעהנטער יאָהרהונדערט האָט מען אין ענגלאנד איבערזעצט דעם אַל־טען טעסטאַמענט אין לאַטין. לוטהער האָט אָנגעפאנגען זיין קאַמפּף געגען קאַטוילציזמוס מיט דער איבערזעצונג פון תנ"ך אין דייטש און ער זאָגט אז ער האָט עס געטהאָן כדי „די מוטער אין הויז, די קינדער אין גאַס, און דער פּראָס־טער מענש אין מארק" זאָלען עס קענען לעזען. דער תנ"ך, וועמען די אייראָפּייאישע נאַציאָנען האָבען יעצט דערזעהן, האָט געעפענט מיליאָנען מענשען די אויגען. עס האָט צו־שלאָגען דעם אלטען פעסימיזמוס פון דער קאַטוילישער קירכע וועלכע פּרעדיגט געגען לעבען און נאטור; עס האָט צושלאָגען די מאַכט פון פּאַפּסט און די גייסטליכע, די וואָס האָבען געלעזען דעם תנ"ך האָבען פּלוצלונג אויסגעפונען אז די וועג פון תשובה איז אָפען פאר יעדען, אויב ער בעשליסט נאָר ניט צו טהאָן נאָך אמאָל דעם פארברעכען.

קורץ: די „רענאסאנס" אָדער אויפלעבונג איז געשוואו־מען אויף צוויי גרויסע כוואַליעס — איין כוואַליע האָט איהר געטראָגען קיין גריכענלאנד צו דער נאַטור־דיענסט פון די

גאלטע צייטען, און די אנדערע האָט איהר געטראָגען קיין ירושלים צו דעם קוואל פון ספר־הספרים: צוריק צו דער נאטור! צוריק צו דער ביבעל! קאמפף געגען דער קירכע! די השכלה, ניט פארשטעהענדיג גוט וואָס דאָ טהוט זיך, האָט אויך אויפגעהויבען דעמזעלבען געשריי ווערכער פאסט זיך גאָר ניט פאר דער אידישער גאס, ווי מיר וועלען עס ווייטער ארומריידען, און אנשטאט קאמפף געגען דער קירכע, האָבען זיי געזאָגט קאַמפף געגען דער אידישער רעלי־גיאָן!

דער נביא און דער פילאָזאָף

מיר האָבען געזעהן אז דער אָנפאַנג פון דער השכלה־בעוועגונג איז געווען אַן אָבקלאַנג פון דער בעוועגונג פון דער "רענאַסאַנס" (ווידערגעבורט) וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי די אייראָפּעאישע נאַציאָנען מיט עטליכע הונדערט יאָהרען צוריק, אַז די געשרייען: "צוריק צו דער נאַטור!" "צו דער ביבעל!" און: "קאַמפּף געגען רעליגיאָן", וועלכע די השכלה האָט אויפגעהויבען זיינען דיזעלבע וואָס מען האָט געהערט פריהער אויף דער גוי'אישער גאַס.

אָבער די דאָזיגע אויסגעשרייען פון דער קריסטליכער "רענאַסאַנס" ווען זיי ווערען איבערגעגעבען אין דער אידישער גאַס, זיינען אַזוי לעכערליך אַזוי ווי עס איז לעכערליך ווען אימיצער טאַנצט אויף אַ ווילד־פרעמדע חתונה מיט וועלכער ער האָט קיין שום שייכות ניט.

די קריסטען האָבען געהאַט גוטע אורזאַכען צו שרייען: "גיט אונז אָב צוריק די נאַטור!" ווייל די קריסטליכע רעליגיאָן אונטער דער אויסטייטשונג פון דער מעכטיגער רוימישער קירכע האָט די נאַטור ביי זיי אָוועקגערויבט. דאָס קריסטענטום האָט זיך דאָך גלייך ווען זי איז געבאָרען געוואָרען אָוועקגעשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די וועלט איז אַ פינסטערער אונגליק. דאָס קריסטענטום האָט דאַן געפאָדערט, אַז אַ מענש זאָל אין גאַנצען בטל מאַכען אַלעס וואָס די וועלט האָט אָנגעגרייט און האָט געלערענט אַז געניעסען פון דער וועלט איז אַ פאַרברעכען.

דאָס קריסטענטום איז אין דיזען הינזיכט געווען אַ טרייער חבר צום בודהיזם, די לעהרע וואָס האָט ארויפגעוואָרפען אַ שוואַרצען שלייער פון פעסימיזם אויף דעם מענשען און האָט ערקלעהרט, אַז דער איינציגער גליק פון דעם מענשען איז ווען ער ווערט אויסגעלייזט פון דער וועלט און ווערט גאָר־ניט. דאָס איז דער א ס ק ע ט י ז ם, וועלכער

איז אן אונגליקליכער וועג, א ניט־נאַטירליכער וועג א ו ן פ ו ן א י ד י ש ע ן ש ט א נ ד פ ו נ ק ט א ז י נ ד י ־ג ע ר ו ו ע ג, ווייל עס זוכט צו דערשטיקען אין מענשען זיין לעבען, זיין מוטה. דאָס קריסטענטום האָט נ י ט געירש׳נט פון יודענטום דעם פרעהליכען און געזונדען בליק אויפ׳ן לעבען, די צופרידענהייט מיט דעם לעבען און דעם פּרינציפּ, אז די וועלט איז אין אמת׳ן א גוטע, אז מען האָט איהר בעשאַפען ניט אויף צו פוסטעווען, נאָר מען זאָל אין איהר לעבען און הנאה האָבען פון לעבען.

דער גרויסער אידישער משורר פון תהלים קומט אין ענטציקונג פון דער וועלט, ער לויבט גאָט "וואָס מאַכט שפּראָצען גראָז פאר דער בהמה" און "ציהט ארויס ברויט פון דער ערד און וויין צו דערפרישען דעם מענשענ׳ס הארץ, צו מאַכען שיינען דעם פּנים פון בוימאויל". און ער רופט אויס מיט בעגייסטערונג : "לאָמיר זינגען צו גאָט כל־זמן איך לעב". דער אידישער זינגער שרייט אויס שטעהענ־דיג צווישען דער נאַטור : "דער הימעל פרעהט זיך, די ערד יובעלט, דער ים שאַלט, די בוימען פון וואַלד זינגען !"

דאָס קריסטענטום אָבער האָט קיין גוט וואָרט, קיין פרעה־ליכען אויסדרוק פאר דער נאַטור און אלע איהרע וואונדער.

עס איז ניט שווער צו פארשטעהן פארוואָס די קריסטלי־כע רעליגיאָן האָט געשאַפען דיעזען פינסטערען בליק אויף דער נאַטור, אויף דער וועלט און אויף דאָס לעבען. איין בליק אויף יענער צייט, ווען די גרויסע צוויי נאַציאָנען פון אלטער־טום די גריכען און די רוימער זיינען געקומען נעהמען א גלויבען ביי די אידען, וועט אונז קלאָר מאַכען פאַרוואָס די קריסטען האָבען ניט איבערגענומען ביי אידען דעם געזונ־דען אָפּטימיסטישען בליק אויף דער וועלט, אויף דער נאַטור און אויף דאָס לעבען.

די גריכען און די רוימער האָבען אָנגענומען דעם נייעם גלויבען אנשטאַט זייער אלטע געצענדיענסט ניט פון נחת. די גריכישע און רוימישע מיטהאָלאָגיע איז געווען פאָל־שטענדיג באַנקראָט אזוי ווי עס מוז קומען צו באַנקראָט יע־דער ציוויליזאַציאָן וואָס איז געבויט אויף דיענען און פאר־געטערן ד י נ א ט ו ר ־ ק ר ע פ ט ע ן. קיין ציווילי־

זאציאָן קען ניט עקזיסטירען, אויב זי איז ניט געבויט אויף א פונדאמענט פון מאָראל. א ציוויליזאציאָן פון מאכען שעהנע בילדער, פון בויען שעהנע קונסט־ווערק, פון פאָר־שען פילאָזאָפישע טעאָריען, קען ניט געבען קיין קראפט צו דער מענשליכער נשמה, עס קען ניט געבען צו די ברייטע שיכטען פון א פאָלק קיין אידעאל, אויב עס איז ניטאָ קיין מאָראלישער יסוד, וועלכער זאָל זיין דער פיהרענדער גייסט פון דאָס פאָלק. דער גרונד אויף וועלכער עס שטעהט די גע־ביידע פון דער מענשליכער געזעלשאפט איז ניט קונסט, ניט פילאָזאָפי און ניט וויסענשאפט, נאָר די מאָראלישע און עטישע פרינציפען, וואָס גיבען דעם מענשען א צוועק און א פעסטע וועג אין לעבען.

אָבער די מענשען וואָס דיענען צו דער נאטור קענען קיינמאָל זיך ניט אויפהויבען צו א הויכע מדרגה פון מאָראל. מיר האָבען אין די פריהערדיגע קאפיטלען בעוויזען ווי דער וואָס גלויבט אין די נאטור־געטער, האָט ניט פון וואנען צו שעפּען קיין מאָראלישע פרינציפען, ווייל די נאטור איז ניט מאָראליש און ביי איהר איז ניטאָ קיין ״מען טאָר״ אָדער ״מען טאָר ניט״. די נאטור־פעלקער ווייסען דארום נאָר פון איין געזעץ: טאָן דאָס וואָס די הארץ גלוסט, דאָס וואָס עס ווילט זיך דאָס דארף זיין, דער וואונש איז די בערעכ־טיגונג פאר דעם טהאט און קיין אנדער בערעכטיגונג דארף מען ניט האָבען.

און אזוי לעבט א נאטור־פאָלק ווען עס איז יונג א ווילדען לוסט־לעבען, אָהן קאָנטראָל, אָהן צוריקגעהאלטענקייט, לעבט און פארשווענדעט אָהן א שיעור זיינע כחות אויף אלעס צו וואָס עס רייצען די ליידענשאפטען, א לעבען ווי עס ווערט געשילדערט ביים גריכישען דיכטער האָמער. אָבער די פאר־שווינדונג פון די פיזישע כחות, דאָס טרינקען פון בעכער פון פערגעניגען אָהן א שיעור און אָהן א מאָס שוואכט אָב דעם אָרגאניזם פון א נאציאָן אזוי ווי עס שוואכט אָב דעם אָרגאניזם פון דעם איינצעלנעם, און דאן פאנגט אָן צו גע־באָרען ווערען אין דעם מח פון דאָס פאָלק דער געדאנק, אז אפשר נאָך אלעמען איז נאָך ניט דאָס גאנצע גליק פון לע־בען אין די צופריעדענשטעלונג פון אלע תאוות? אפשר

צאָהלט מען צ ו - ט י י ע ר דערפאר ? און דאַן ווערען געבאָרען די ערשטע מאָראַלישע בעגריפע, וועלכע זיינען געבויט אויף א קרעמערשען חשבון, אז עס ל ו י נ ט אפשר אמאָל זיך צוריקצוהאלטען פון א זאך, ווייל די צוריק־האלטונג אליין קען סוף־כל־סוף ברייננגען מעהר גוטעס ווי די ערפילונג פון די ווינשע. און אזוי זאָגט טאקע דער רוי־מישער סטאאישער פילאָזאָף ע פ י ק ט ע ט ו ס : "פריי־הייט עררייכט מען ניט דורך צופרידענשטעלען, נאָר דורך איינהאלטען אונזער וואונש".

אָבער דיזע מאָראל וואָס קומט פון חשבון האָט קיין קראפט צו אָבהאלטען דעם מענשען פון צו טאָן דאָס וואָס עס דארף ניט געטאָן ווערען. ווען עס רוישט אין מענשען דער שטורם פון זיין ליידענשאפט, איז נאריש צו גלויבען אז א קרעמערשע עצה פון א פילאָזאָף, אז עס ל ו י נ ט בעסער זיך צו בעהערשען וועט איהם געבען כח צו בעזיעגען זיך אליין. דער קאמפף צו בעזיעגען זיך אליין איז דער שווערס־טער פון אלע מלחמות. די בלוט זידט, הארץ און מח ווערען דערהיצט און די נאטור זידענדיג אינווייניג אין מענשען שטויסט איהם מיט געוואלדיגען מאכט צו דעם טהאט וועל־כען ער וויל טאָן. ווי אזוי קען אין אזא לאגע ארויסגעשטעלט ווערען געגען דיעזען כח, עפעס א קאלטער שמועס פון א פילאָזאָף, וועלכער האָט קיין אויטאָריטעט נאָר אין השערה וועגען דעם וואָס בעדארף זיין בעסער : ערפילונג פון די ליידענשאפטען אָדער צוריקהאלטונג ?

ניין ! דער פילאָזאָף איז דאָ קראפטלאָז, ווירקונגסלאָז. אום צו בעזיעגען דער חיה אין מענשען, דארף מען האָבען אַ גרויסע און מורא'דיגע קראפט וואָס זאָל אויפציטערן דעם מענשען ביז צום מארך פון זיינע ביינער. עס מוז זיין אזא קראפט וואָס זאָל ארייננגיסען שטאָהל אין זיין נשמה, א וועלט מיט עקשנות אין זיין הארץ, און אן אייזערנעם ווילען צו איינהאלטען דעם שטורם פון ליידענשאפטען וואָס שטור־מען אין זיין ברוסט, און דער עיקר, עס מוז זיין אזא קראפט אין וועלכער דער מענש זאָל גלויבען, אז זי שטעהט העכער פון דער נאטור, וועלכע הייסט איהם צו געהן אין דער לייכ־טערער וועג צו וועלכער עס ציהען איהם זיינע אינערליכע

כחות. ווי עס האָט דער פילאָזאָף שטיינטהאל אָנ־געוויזען, אז צו וועלען דאָס גוטע איז ניט גענוג, מען דארף האָבען א גרויסען כח עס אויסצופיהרען.

דיעזער כח איז פאראַן נאָר ביים נביא. ער גיט ניט קיין אייז־קאַלטע עצה, קיין געפראָרענע ארגומענטען, ער קומט מיט גאָט׳ס דונער אין האנד, שרייט אויס, ווי אליהו הנביא, מיט דעם שטורם פון א וואולקאן צום פארברעכערישען קעניג: "הרצחת וגם ירשת?" (האָסט ערמאָרדעט און גענומען ירושה ביים ערמאָרדעטען) אָדער ער זאָגט, ווי ירמיה, די געוואלדיגע ווערטער: "הלא כה דברי כאש, נאום ה׳, וכפטיש יפוצץ סלע" (מיינע ווערטער זיינען דאָך ווי פייער, זאָגט גאָט, און ווי א האמער וואָס צושמעטערט א שטיין). ער קומט מיט דעם העכערען געזעץ איבער וועלכען מען קען ניט דיסקוטירען. עס איז ניט קיין חקירה, וועלכע מען קען דרעהען אויף אלע זייטען, נאָר עס איז נאום ה׳, דער אמת אליין, וועלכע דארף קיין בערעכטיגונג. די שוואכקייט פון פילאָזאָף איז וואָס זיינע איז שכל־ארבייט און מיט׳ן שכל קענט איהר בעווייזען אויף אלע אונמאָראלישע זאכען, אז זיי זיינען מאָראליש אפילו אז מאָראל אליין איז א פאר־ברעכען (אזוי טהוט ניטשע און אנדערע). דער כח פון נביא איז, וואָס זיין מעסעדזש איז דער לעצטער וואָרט און לאָזט זיך ניט דעבאטירען, אָדער ווי יחזקאל זאָגט עס קרעפטיג: דער וואָס וויל פאָלגען זאָל פאָלגען און דער וואָס וויל ניט זאָל ניט! ("חשומע ישמע והחדל יחדל").

דער פילאָזאָף קען ניט אריינברייגגען אין לעבען אפילו די אידעען וועלכע ער קריעגט פון זיין שכל, ווייל דער עולם קען איהם ניט פארשטעהן און זיין ווירקונג אויף איהם איז שוואך. דער אמעריקאנער פילאָזאָף סאנטאיאנא זאָגט גאנץ ריכטיג, אז די אידעע פון א רוהע־טאָג (שבת) וועלכער איז וויכטיג פון היגיענישען שטאנדפונקט, וואָלט בשום־אופן ניט געקענט איינגעפיהרט ווערען אָהן רעליגיאָן. דער פילאָזאָף זוכט צו ערקלעהרען ווי אזוי די וועלט איז ווערענד דער נביא צייגט ווי אזוי די וועלט דארף זיין. דער ענגלישער פילאָזאָף און מפרש פון קאנט עדוארד קאירד האָט געזאָגט א וואונדערליכען

ווארט וועגען דער אידישער געשיכטע : דער קאמפף פון ריעזען פאלק — זאגט ער — איז געווען וואס זיי האבען געמאכט אלע מאל טיעפער דעם תהום פון דאס וואס עס איז און דאס וואס עס דארף זיין. מען דארף דערצו צולייגען, אז דאס קומט דערפון וואס אנדערע פעלקער זיינען געווען צוגעבונדען צו דער נאטור און האבען געקענט זעהן נאר זאכען ווי זיי זיינען, ווערענד די אידען וואס האבען געגלויבט אין א קראפט העכער פון דער נאטור, האבען געקענט דערגרייכען א העכערע מדרגה : צו רעכענען ווי אזוי זאכען דארפען זיין אנדערש ווי זיי זיינען. דאס איז דער סוד פון מאראל.

די גריכיש־רוימישע ציוויליזאציאן וואס איז געווען גע־בונדען צו דער נאטור האט ניט געהאט קיין געזונדען מאראַ־לישען יסוד, טראץ דעם וואס זי האט געהאט פילאזאפען. אין דעם ליעגט דער סוד פארוואס די גריכיש־רוימישע צי־וויליזאציאן איז אונטערגעגאנגען טראץ איהר גרויסקייט. און ווען די גריכען און די רוימער האבען פארוואָרפען זייער נאטור־דינסט, וואס האט זיי געפיהרט צום אונטערגאנג, זיי־נען זיי אריבער צום צווייטען עקסטרים און האבען געוואלט דורך דעם קריסטענטום פאר׳מיאוס׳ן אין גאנצען די נאטור און דאס לעבען. וואלטען די גריכען און רוימער געקענט פארשטעהן די נביאים, דאן וואלטען זיי אנגענומען דעם אידישען שטאנדפונקט פון פארווארפען די דיענסט צו דער נאטור אבער האלטען זיך צו איהר מיט ליעבשאפט. דאס איז געווען צו הויך פאר זיי אזוי ווי עס איז געווען פאר זיי צו הויך אחדות הבורא און דארום האבען זיי אנשטאט די אידישע תורה פון לעבען, זיך געשאפען א לעהרע פון מבזה זיין דאס לעבען און געגען דעם האט אין פופצעהן הונדערט יאהר שפעטער דער ״רענאסאנס״ רע־וואלטירט.

דער שונא פון יודענטום — נאטוראליזמוס

ווען אייראפא האט בעשלאסען צו צוברעכען די קייטען אין וועלכע די קאטוילישע רעליגיאן האט איהר געשמידט אין מיטעלאלטער איז עס געווים געווען א גרויסער שריט אויף דעם וועג פון פראגרעס. מיר האבען געזעהן אין פריהערדיגען קאפיטעל ווי אזוי די קירכע האט געזוכט צו דערווייטערען דעם מענשען פון דער נאטור און האט, פונקט פארקעהרט ווי דאס יודענטום געפרעדיגט בזיון צו די נאטירליכע נייגונגען פון דעם מענשען. ווען אייראפא האט זיך אנגעפאנגען פון דיזען בליק פון דער קירכע צו בעפרייען, האט זי זיך אנגעפאנגען צו בעשעפטיגען מיט דער אמאליגער גריכישער און רוימישער ליטעראטור אין וועלכע די נאטור האט א גרויסע ראלע געשפיעלט. מען האט אויך אנגעפאנגען צו פארשען די נאטירליכע קרעפטען און ערשיינונגען, מען האט זיך אנגעפאנגען צו פערטיפען זיך אין די געזעצע פון דער נאטור און דערמיט האט מען געמאכט פריי דעם וועג פיר דער מאדערנער וויסענשאפט.

אבער קומענדיג נעהנטער צו דער נאטור איז אייראפא געווארען אויסגעזעצט צו דער גרויסער געפאהר אריינצופאלען צוריק אין דעם נאטוראליזם אין וועלכען די אמאליגע גריכענלאנד איז געווען פערזונקען און צוליעב וועלכען זי איז אונטערגעגאנגען צוזאמען מיט רוים. דאס איז אייגענטליך דער נאטוראליזם פון וועמען דאס יודענטהום איז דער גרעסטער שונא און וועלכער ווערט ביי אונז אנגערופען עבודה־זרה אדער געצענדיענסט.

ווארום צו זיין אין פריינדליכע בעציהונגען צו דער נאטור אזוי ווי דער איד איז צו איהר, איז איין זאך, און גלויבען אין דער נאטור און איהר דיענען איז א צווייטע זאך. די ערשטע איז א נויטווענדיגקייט פאר'ן מענשען אויב ער

ווייל לעבען א פולע געזונדע לעבען אויף דער וועלט און די צווייטע איז א געפאהר, אז אונגליק פאר'ן מענשליכען גייסט. נאטוראליזמוס מיינט ערשטענס א נייגונג געגען מאראל. עס מיינט צווייטענס א נייגונג אוועקצורייבען ביים מענשען זיין גרעסטען פערמעגען, זיין פרייען ווילען. ער זאל ניט זיין בעל הבית איבער זיינע מעשים. עס מיינט דריטענס צו פערטרינקען דעם מענשען אין דעם טרויעריגען פעסימיזמוס און עס מיינט פערטענס, און דאס איז דער עיקר, די אבלייקענונג פון אן איבערנאטירליכער קראפט, א גאטהייט. וואס פיהרט די וועלט. קורץ, דער נאטוראליזמוס איז פונקט דער קאנטראסט פון יודענטהום אין אלע זאכען פון אנהויב ביז'ן סוף, דאס זיינען צוויי שונאים צווישען וועלכע עס קען קיינמאל קיין שלום ניט זיין, זיי פיהרען שוין א קאמפף ארום דריי טויזענד יאהר און זיי האלטען די מלחמה אין סאמע מיטען.

ווייל דאס יודענטום איז קודם־כל מאראליש וואס דער נאטוראליזם איז ניט; ווייל דאס יודענטהום גלויבט אז דער מענש איז פאלשטענדיג פריי צו טהאן א גוטע טהאט אדער א שלעכטע, ער קען לויט זיין אייגענעם בעשלוס ווערען א צדיק אדער א רשע, און ער קען אויפהערען צו זיין א צדיק און ווערען א רשע אדער פארקעהרט, אלעס לויט זיין וואונש. ווי עס ווערט אזוי קלאר ארויסגעזאגט אין דער משנה: וועלכע איז די וועג וואס דער מענש זאל אויסקלייבען (איזהו הדרך שיבור לו האדם), וועהרענד ביי נאטוראליזמוס קען מען ניט אויסקלייבען ווי אזוי מען זאל זיך פיהרען. ווי מיר ווילען ווייטער זעהן: ווייל דאס יודענטום איז אפטימיסטיש דורך און דורך, אי פאר דעם איינצעלנעם מענשען אי פאר דער גאנצער מענשהייט, וועהרענד דער נאטוראליזמוס מוז פיהרען צום פעסימיזמוס, ווייל די וועלט איז לויט דער נאטוראליסטישער טעארי בלויז א מעכאנישע קאלטע מאשין אהן א פיהרער און אהן א צוועק און ענדליך, און דאס איז דאס וויכטיגסטע, דאס יודענטום שטעהט אויף דער אמונה אין גאט וועהרענד דער נאטוראליזמוס לייקענט עס אפ.

די געפאהר איז אלזא געווען אז די אייראפעאישע נאציאנען וועלכע האבען מורד געווען אין דעם מיטעלאלטערלי־

כען קריסטענטום מיט זיין פאַדערונג צו טויטען דעם גוף וועלען זיך ניט אבשטעלען אין מיטען וואו וואו זיי האבען זיך געדאַרפט אבשטעלען נאָר זיי וועלען אוועקגעהן צוריק צו דעם עקסטרים פון וועלכען די אמאליגע גריכען און רוי־מער זיינען אנטלאָפען אום צו זוכען שוץ אונטער דעם קריסטליכען גלויבען. און אז די געפאַהר איז ניט געווען אז אומזיסטע וועלען מיר באלד זעהן ווען מיר וועלען בעטראַכ־טען אין קורצען דעם מאַרשרוט וואס אייראָפּא האט גע־מאַכט פון דעם "רענאַסאַנס" ביז יעצטיגען מאָמענט און ווען מיר וועלען זעהן אין וואס פיר א צושטאַנד עס געפינט זיך יעצט די וועלט־ציוויליזאַציאָן אין וועלכער מיר אליין שטע־הען יעצט.

גלייך ווי דער "רענאַסאַנס" האט זיך אנגעפאַנגען אין איטאַליען האט זיך אנגעפאַנגען א בעוועגונג געגען מאראלי־שע בעגריפען און פרינציפען. מיר וועלען דאָ לאָזען ריידען פאַר אונז דעם ענגלישען פאַרשער פון דער רענאַסאַנס־פעריאָדע דזש. א. סיימאָנדס. ער שרייבט: "אונטער דער אויבערפלעכע פון א שיינענדיגע געזעלשאַפטליכע קולטור האבען זיך ארויסגעזעהן גראָבע אפּעטיטען און ווילדע ליי־דענשאַפטען — — די איטאַליענישע געזעלשאַפט האט ארויסגעצייגט א כמעט אונפערגלייכליכע פאַרשטעלונג פון ליטעראַרישע, אַרטיסטישע און הויפליכע אויסאיידלונג, וועלכע איז געווען אויסגעמישט מיט ברוטאַליטעטען פון תאוה — — — די ערצויגענע קלאַסען האבען פערלאָרען זייער השגה אין מאַראַליטעט."

מען קען ניט זאָגען אז דיזע ווערטער קענען נאָר אנגע־ווענדעט ווערען אויף יענער צייט. איז ניט א גרויסער טהייל פון דער וועלט־ליטעראַטור פון באָקאַטשיא ביז אַרציבאַשעוו פול מיט אונריינקייט? וועט אימיצער קענען לייקענען אז דיזע סאָרט ליטעראַטור פערדאַרבט די געזעלשאַפט, ער־נידעריגט דעם מענשען און וועקט אין איהם די נידעריגסטע אינסטינקטען? מיר וועלען שפּעטער נאָך בעטראַכטען וואס אונזער העברעאישע און אידישע ליטעראַטור האט געוויזען פאַר גבורות אין דיזער חכמה פון אראָבוואַרפען פון זיך די מענשליכקייט. מיר ווילען דאָ נאָר אנווייזען ווי ווייט דיזער

סאָרט "צוריקקעהרען זיך צו דער נאַטור" האט אנגעריהרט איינעם פון די הויפּט זיילען פון יודענטום. דאס איז א ריק־קעהר צום נאטוראליזמוס אין זיין העסליכער נאקעטקייט.

וואס מעהר איירָאפּא האָט זיך דערנעהנטערט צום נאַ־טוראליזמוס אלץ מעהר איז געווארען ענג דער פּלאַץ פיר דעם פרייען ווילען. דער נאַטוראליזמוס רויבט ביים מענשען זיין נשמה: דער מענש האָט קיין זעעלע. ער איז דער פּראָ־דוקט פון די מאטעריעלע שטאָף פון וועלכע ער איז אויפגע־שטעלט. דער מענש האָט אין זיך קיין זאך מעהר ווי דאס בלוט וועלכע ער האָט גע׳יערשנ׳ט פון זיינע עלטערן. אלעס וואס ער טהוט קומט פון די ווירקונג וואס עס האָט אויף איהם דער אָרט אין וועלכען ער געפינט זיך, די צייט אין וועלכע זיין טהאט ווערט אויסגעפיהרט, די לופט וואס ארום איהם, אין דער וועטער, אין די ליכטיגקייט, אין זיין עסען און זיין קליידונג. קורץ: דער מענש איז א סך־הכל פון מאַ־טעריעלע נאטור זאכען וואס ווירקען אויף איהם און אויסער דעם איז אין איהם קיין גייסטיגעס ניטאָ. אזוי טענה׳ן די מאטעריאליסטען ביכנער, פאָגט, מאלעשאט און אנדערע, וועלכע האָבען געבראַכט דעם נאטוראליזמוס צו זיין לעצטער קאָנסעקווענץ.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך אז אונטער אזא אנשוי־אונג קען ניט זיין קיין פרייער ווילען און עס קען ניט זיין קיין רעדע אז א מענש איז פריי צו טהאָן וואס ער וויל. ווארום אויב חיים שמואל איז ניט א געוויסע פערזענליכ־קייט וואס קען טהאָן מיט זיינע הענד אדער פיס וואס ער וויל, נאָר חיים שמואל איז דער סך־הכל פון א ביסעל בלוט וואס ער האָט, למשל מיט פערציג יאהר צוריק גענומען פון זיין טאטע־מאַמע און פון אזויפיעל און אזויפיעל פונט ברויט, פּאָטייטאָס און פלייש וואס ער האָט אויפגעגעסען אין זיין גאנצען לעבען און ער קען ניט האָבען מעהר שכל, מעהר כאראקטער און מעהר ווילענסקראפט און בעשלום ווי עס איז פאראַן אין זיין בלוט און אין זיינע ברויט, פּאָטייטאָס און פלייש וואס ער האָט געגעסען, איז דאָך ניטא ביי איהם קיין ברירה צו טהאָן אנדערש ווי דאס וואס זיין גוף פאדערט פון איהם, ווייל ער אליין אלס א מענש, אלס א גייסטיגער

קראפט וואס קען זיך שטעלען איבער זיין בלוט און די ברויט און פאטייטאס און פלייש עקזיסטירט דאך גאר ניט. לויט די מיינונג פון די מאטעריאליסטען־נאטוראליסטען. מיט אזא נאטוראליזמוס קען דאס יודענטום—וואס שטעלט אוועק דעם מענשען'ס נשמה און זיין ווילען העכער ווי דער גוף און ווי די נאטור פון דעם גוף און וועלכע גיט דעם גייסט די פולע אויבערהערשאפט איבער דעם מענשען'ס טהאטען — אין שכנות ניט וואהנען. דאס יודענטום איז א וועלט־אנשויאונג וואס האט צו טהאן מיט דער נשמה פון מענשען און ניט מיט די ליים, מיט דעם גוף און די אינסטינקטען פון דער בלינדער נאטור. דאס יודענטהום אהן ווילענס־פרייהייט, אהן די עמאנציפאציאן פון **מענשען** פון די נאטור־קייטען. איז אן אונמעגליכע זאך.

פונקט אזוי איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען א יודענ־טהום וואס שליסט שלום מיט פעסימיזמוס, וועלכער איז א רעזולטאט פון נאטוראליזם. פארוואס איז פעסימיזם א שותף פון נאטוראליזם? דאס איז זעהר פשוט: דער וואס איז אן אנהענגער פון נאטוראליזמוס גלויבט ניט אז עס איז פאראן עפעס א פלאן אדער א אידעע אין דער וועלט. לויט זיין מיינונג איז אלעס אויפגעשטעלט געווארען דורך א צופאל. דורך די אטאמען פון מאטעריע וועלכע האבען זיך אזוי צו־זאמענגעלייגט אז עס איז געווארען אונזער ערד־קוגעל און אלעס וואס דא איז פאראן. ניט בלויז איז ניטא קיין קראפט וואס איז העכער ווי דיזער צופאל, נאר עס איז אפילו ניטא קיין שום אינהלט אין לעבען, אין אזא לעבען וואס איז אויפגעשטעלט יוי א בלינדער שפיעלכעל פון בלינדע אטא־מען. אפילו דער אייגענער בעוואוסטזיין פון מענשען ווערט בטל ווען מען האט אזא אנשויאונג, ווייל דאס בעוואוסטזיין אליין, אויב עס איז דא אזעלכער, איז ניט מעהר ווי א רעזול־טאט פון געוויסע פיזישע שטאפען וואס זיינען דורך א צו־פאל אויפגעווארפען צוזאמען. קען אזא אנשויאונג זיין אנ־דערש ווי שווארצער פעסימיזמוס? דער ווארצעל פון יודענ־טהום איז אבער אפטימיזמוס, אז די וועלט געהט צו בעסער. אז דאס לעבען האט אן ערהאבענעם צוועק. פאר דעם אידען איז ליכטיג די וועלט אפילו ווען ער געהט אין "גיא צלמות".

פאר דעם אנהענגער פון נאטוראַליזמוס איז די וועלט א פינסטערע אפילו ווען ער געהט אין זונענשיין.

דער נאטוראַליזמוס איז דער עקסטרימסטער סאָרט כפירה און איז דער ווייטערסטער היפך פון יודענטום איז בעצוג צו אמונה אין גאָט. זאָגט דער אידישער פילאָזאָף לודוויג שטיין: "מיר קעמפּפען פיר די אנערקענונג פון וועלט־רעיון, פיר דעם בעגריף פון אחדות פון גאָט, ווייל דאס גאַנצע לעבען וואָלט פאר אונז אויסגעזעהן בטל און ליידיג אויב עס זאָל ניט זיין קיין גאָט אויף דער וועלט. ווארום עס איז דאָך ניט כדאי צו לעבען אין א וועלט וואס ווערט געטריבען אהער און אהין דורך בלינדע און ווילדע קרעפטען. אויב עס וואָלט געווען ריכטיג דער שטאַנדפּונקט פון די מאַטעריאַליסטען, אויב די אנאַרכי פון דעם קאסמאָס וואָלט געווען דאס לעצטע וואָרט פון וויסענשאַפט, דאַן וואָל־טען מיר געדאַרפט אין גאַנצען אַבלייקענען דעם דאָזיגען פאַרס וואס רופט זיך וועלט. — — און אזוי ווי מיט טויזענ־דער יאָהרען צוריק זיינען מיר ארויסגעטרעטען געגען א וועלט פול מיט "גוים" געצענדיענער צו קעמפּפען פיר דעם איינ־ציגען גאָט אזוי וועלען מיר ניט אויפהערען איצטער אויך צו בעשיצען דיזען רעיון געגען די אטהעאיסטען. מאַטעריאַ־ליסטען און פלוראַליסטען".

אז דער נאטוראַליזמוס איז א פאַלשע שיטה פון ריין־פילאָזאָפישען שטאַנדפּונקט האָט שוין בעוויזען דער דייי־טשער פילאָזאָף רודאלף אייקען אין זיין נאָבעל־לעקטשור אינ־טער דעם נאָמען "נאַטוראַליזם און אידעאַליזם". ער צייגט־אָן אַז דאס וואס מענשען דיסקוטירען כסדר מיטלען ווי אזוי צו אויסבעסערען די געזעלשאַפט, און דאס וואס מען האָלט אז די געזעלשאַפט דאַרף האָבען א מאַכט איבער דעם איינ־צעלנעם מענשען און אַז דער איינצעלנער האָט צו איהר פליכטען — איז א בעווייז אז א מענש איז העכער ווי די נאַטור, ווארום "אין דער נאַטור איז ניטא די קלענטע מעג־ליכקייט פון אַזא מענדענץ צו מאָראַל". די אינדוסטריע איז אויך לויט דר. אייקען א בעווייז אַז דער מענש איז העכער ווי די נאַטור, ווארום אויב א מענש איז ניט מעהר ווי א טהייל פון דעם פּראָצעס פון דער נאַטור ווי אזוי קען ער זיין

פעהיג פיר אזעלכע אויפטהואונגען? און אייקען ענדיגט: אויב דער מענש האט איינמאל זיך ארויסגעריסען פריי פון די קייטען פון א לעבען פון נאטור איז אונמעגליך אז ער זאל זיך אומקעהרען צו זיי צוריק.

דער נאטוראליזמוס און מאטעריאליזמוס האבען אבער געמאכט א חורבן אין דעם אידישען לאגער!

אין דער מענש א מאשין ?

א פראנצויז מיט'ן נאמען לא מעטריע האט אין 1747 געשריבען א בוך "דער מענש — א מאשין" אין וועלכען ער האט ענטוויקעלט דעם געדאנק אז דער מענש איז ניט מעהר ווי א מאשין וואס בעשטעהט בלויז פון שטאף אהן שום גייסט, פון פיזישע טהיילען אהן קיין גייסטיגען אינהאלט.

דער מענש האט קיין נשמה — האט לא מעטריע ער־קלעהרט — דאס וואס מיר רופען נשמה איז ניט מעהר ווי די קראפט וועלכע מיר האבען צום פיהלען און צום קלעהרען וועלכע שטאמט אבער ניט פון קיין אנדער זאך ווי נאר פון די שטאף פון די פלייש און ביינער פון וועלכע מיר זיינען אויפגעשטעלט. אזוי ווי א מאשין וואס בעוועגט זיך און טהוט געוויסע זאכען און דאך האט עס ניט קיין אנדער זאך ווי שטאף, אייזען אדער אן אנדער מאטעריאל, און די בע־וועגונג קומט נאר דערפון וואס עס איז אויפגעשטעלט אויף א געוויסען אופן, אזוי איז אונזער גוף ניט מעהר ווי א צו־זאמענגעשטעלטע מאשין וועלכע ענטהאלט אין זיך קיין אנדער זאך ווי פיזישע טהיילען.

דער אונטערשייד פון אונזער קערפער צו א מאשין איז נאר דערמיט וואס א מאשין ווערט אנגעצויגען פון דרויסען און אונזער גוף־מאשין ציהט אן זיינע אייגענע ספרוזשינעס. ווען מען זאל געפינען א מיטעל ווי אזוי צו שאפען א מאשין וואס זאל זיך אליין אנציהען, זיך אליין זעצען אין בעוועגונג ווען די אנגעצויגענע קראפט געהט אויס (פערפעטום מאביל) וואלט עס געווען ריכטיג ווי דער מענש.

שפייז בעניימט אלע מאל די בעוועגונגס־קראפט אין מענ־שען און די ווארימקייט וואס די שפייז ברייגנט טרייבט דעם גוף־מאשין. אהן שפייז טריקענט אויס דאס וואס מיר רופען נשמה, וועלכעס איז באמת ניט מעהר ווי בעוועגונג, זי ווערט משוגע און געהט אויס אין גאנצען. מיר דיינקען אז

מיר זיינען גוט, שלעכט, מוטהיג, איידעל, מיר זיינען צו־פרידענע אָדער אונצופרידענע ; אבער דאס איז אלעס פאלש, אלעס הענגט אָב אָן דעם ווי אזוי אונזער מאשין לויפט. מען דענקט אז יענער איז א גרויסער מענש מיט א גרויסע זעעלע אבער די גרויסקייט קומט נאָר דערפון וואס די מארך, דער גראָהער שטאָף, וואס איז א פיזישע זאך, איז אזוי צוזאמענגעשטעלט אז דער גוף פון דיזען מענשען זאָל דענקען מעהר און פון דעם צווייטען וועניגער. קומט אָן ענדערונג אין דעם דאָזיגען גראָהען שטאָף (מארך), ווערט עס אויפגעטרייסעלט, דאן ווערט די גרויסע זעעלע צודרעהט, משוגע אָדער גאָר אונפעהיג צו דענקען. ווען די מארך פון א גרויסען פילאָזאָף וואָלט דורך א צופאל געווען אביסעל ווייכער וואָלט ער געווען אָן אידיאָט. אלעס ווענדעט זיך אָן דעם ווי אזוי די מאשין איז צוזאמענגעשטעלט.

דאס איז אין קורצען די לעהרע פון לא מעטריע, דער מאטעריאליסט פון אכצעהנטען יאהרהונדערט. אבער די טעאָרי פון מאטעריאליזמוס האָט ער ניט ערפונדען. דיזע טעאָריע האָט שוין עקזיסטירט אין אלטען גריכענלאנד. דער גריכישער פילאָזאָף דעמאָקריטוס האָט שוין געזאָגט אז עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין אנדער זאך ווי שטאָף, אפילו די געטער, האָט ער געזאָגט, זיינען אויך פון שטאָף געמאכט געוואָרען. די דאָזיגע שטאָף איז אין שטענדיגע בעוועגונג, די קלענסטע טהיילען פון דעם דאָזיגען שטאָף, די אטאָמס, בעוועגען זיך נאָכאנאנד אָהן אָן אויפהער און פון דיזער בעוועגונג פאָרען זיי זיך אויף און שטעלען זיך צוזאמען אין אָהן א שיעור פאָרמען און דערפון קומען ארוים זונן און ערד, ים א יבשה און אלע ברואים וואס געפינען זיך אויף דער וועלט.

דיזע שיטה איז פארברייטערט געוואָרען דורך דעם פילאָזאָף עפיקורוס (אפיקורס) וועלכער האָט אָבגעלייקענט איר־גענד וועלכע עקזיסטענץ פון גייסט און האָט דיזע אָבלייקונג געמאכט פיר דעם גרונד פון זיין פילאָזאָפיע. דיזע שיטה וועלכע איז א זעהר בעקוועמע פיר די וואס ווילען קיין פליכטען האָבען האָט זיך שטארק פערשפרייט אין אלטער־טום און האָט געקריגען מעהר אנהענגער ווי די שיטות פון

אנדערע פילאָזאָפען. די פיהרער פון יודענטהום האָבען, מיט רעכט, איינגעזעהן אין דעם עפּיקוריאַניזם די הויפּט געפאַהר פאַר'ן יודענטהום און האָבען דאַרום גערופען יעדען וואס איז געגען אמונה מיט דעם נאָמען פון דעם גריכישען מאַטע־ריאַליסט (אפיקורס). פון דאַן אָן איז געבליבען דאס וואָרט אפּיקורס אלס די בעצייכנונג פון געגנערשאַפט צו גאָטהייט, צו רעליגיאָן און צו מאָראַל.

און דאס איז טיעף אויפגעפאַסט. די אידישע רעליגיאָן קען שלום ווערען מיט אַלע סאָרטען פילאָזאָפיען אבער קיינ־מאָל ניט מיט דער פילאָזאָפיע פון מאַטעריאַליזם, וועלכער האַלט אז דער סדר־העולם איז ניט מעהר ווי א צופאַל, ווי א צוזאַמענטרעפונג פון אטאָמס; וועלכער האַקט אונטער אַלע וואָרצלען פון דעם בוים און פערניכטעט דעם גאַנצען גרונד אויף וועלכע די ציוויליזאַציאָן פון יודענטום שטעהט, און אויך די ציוויליזאַציאָן פון אירגענד וועלכע רעליגיאָן, פון אירגענד וועלכער מאָראַלישער אנשויאונג. ווען א אידענע אין דער אידישער גאַס זאָגט אז דער אָדער יענער איז אַן "אפּיקורס" ליעגט אונטער דיזען וואָרט פאָלגענדער געדאַנק וועלכע זי ווייס אליין ניט אין די איינצעלהייטען נאָר זי פיהלט גוט די אַלגעמיינע בעדייטונג פון דאס וואָרט, עס מיינט: "יענער און יענער איז א מענש וואס לייקענט אין גאָט, לייקענט אין גייסט און נשמה, לייקענט אין פליכטען, אין יושר און גערעכטיגקייט, ער גלויבט אז דער מענש איז א מאַשין און ביי א מאַשין איז ניטאָ קיין רעכט אָדער אונ־רעכט".

דער מאַטעריאַליזמוס אָדער די מאָראַלישע אנשויאונג אויף דער וועלט איז כמעט ווי פארגעסען געוואָרען נאָכדעם ווי די גריכיש־רוימישע וועלט איז אונטערגעגאַנגען. מיט דעם "רענעסאַנס" האָט ער אָנגעפאַנגען צוריק אויפצולעבען דורך דעם צוריקגאַנג צו דער נאַטור. לעאָנאַרדא דא ווינטשי האָט עס אָנגעפאַנגען צו פיהלען. דעקאַרט, דער רבי פון שפּינאָזא איז געגאַנגען ווייטער, ער האָט בפירוש געזאָגט אז חיות זיינען דורכאויס ניט מעהר ווי מאַשינען. שפּינאָזא גופא איז געשטאַנען ניט ווייט פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אנשויאונג דורך זיין שיטה אז גאָט און נאַטור איז

איינס (פאנטעאיזם). וועגען לא מעטריע האבען מיר פריהער גערעדט. די מאטעריאליסטען פון דער לעצטער צייט זיינען ביכנער, וועלכער איז געקומען צו דעם בעגריף פון מעכאני־שען וועלט־אנשויאונג; ריהרינג וועלכער בעהויפטעט אז דאס בעוואוסזיין ליעגט אין די שטאף. די פלאנצען וואס א לע־בעדיגע בעשעפעניש עסט גיט אריין אין איהם די געפיהלען און פון דיזע געפיהלען (די חושים) קומט דער פערשטאנד. העקעל פסקנ'ט אויך אז גייסט און שטאף איז איינס און דאסזעלבע, דאס הייסט, אז עס איז קיין גייסט ניטא, און ער טרעט ארויס געגען אירגענד וועלכער רעליגיאן. דער דארוויניזמוס מיט זיין ענטוויקלונגס־טעאריע איז אויך א טהייל פון דער מאטעריאליסטישער וועלט־אנשויאונג, אוועקשטעלענדיג דעם פרינציפ אז אלעס קומט בלויז פון דער ענטוויקלונג פון דעם ערשטען שטאף (אור־נעבעל) וועלכער האט זיך אויסגעארבייט ביז עס האט דערגרייכט די שטופע פון מענשען.

* * *

דער מאטעריאליזם און אלע שיטות וואס שטאמען פון איהם ארויס, מיט אנדערע ווערטער: די אידעע אז די וועלט איז א מאשין וואס האט בלויז שטאף: מאלעקולס, אטאמס און עלעקטראנס, איז א הינקעדיגע שיטה וואס קען ניט ביי־שטעהן די קריטיק פון שכל־הישר.

דער מאטעריאליזמוס קומט אבלייקענען אמונה און אין אמת'ן פאדערט ער פון זיינע אנהענגער נאך מעהר אמונה ווי עס פאדערט די רעליגיאן. לאמיר נעהמען א ביישפיעל: אט זיצט פאר אונז א מענש וואס שרייבט אן אבהאנדלונג איבער א הויכע פילאזאפישע פראגע (רופט איהם קאנט, שפינאזא, העגעל אדער ווי איהר ווילט). דאס איז א פאקט. דיזער פאקט ווערט בעטראכט פון צוויי מענשען ראובן און שמעון. ראובן איז א מאמין, ער גלויבט אז אין דעם גוף פון שרייבענדען פילאזאף זיצט א נשמה, עס הייסט, א נעטלי־כער כח וועלכען ער קען ניט בעגרייפען, ווייל עס איז העכער ווי אונזערע פינף חושים, און דיזער כח, די נשמה, זי גיט עס די מעגליכקייט פיר דעם דענקער צו בעטראכטען אזעלכע וואונדערליכע טיעפע רעיונות. שמעון אבער איז א מאטע־

ריאליסט, אן אנהענגער פון דעם מעכאנישען בליק אויף דער וועלט. ער קוקט אויך אויף דעם פילאזאף וואס שווימט ארום אין א וועלט פון טיפע געדאנקען און זאגט: אט די גרויסע מחשבות פון דיזען מענשען ליגען אין דעם רעטאך וועלכען ער האט היינט געגעסען, זיי ליעגען אין די אטאמען פון וועלכע ער, דער פילאזאף איז אויפגעשטעלט. שמעון זעהט ניט און קען ניט אנטאפען אין דעם רעטאך די מחשבות פון פילאזאף פונקט ווי ראובן קען נים אנטאפען די נשמה ביי איהם. נאר שמעון גלויבט אז די רעיונות ליגען ערגעץ וואו אין די אטאמען, וועהרענד ראובן גלויבט אז זיי ליגען ערגעץ וואו אין א נשמה.

די פראגע איז ווער פון דיביידע האט א שווערערען גלויבען, און וועמעס גלויבען איז ווייטער פון שכל? דער ענטפער איז קלאהר: עס איז פיעל שווערער זיך פארצושטעלען אז אין דעם רעטאך, אין די אטאמען ליעגט פראפ. איינשטיין׳ס טעאריע ווי אז אין דעם גוף פון אלבערט איינשטיין איז בארא‏ן א נשמה וואס האט די טעאריע אויסגעקלעהרט. פערשטעהן קענען מיר דאך ביידע זאכען ניט, ניט ווי אזוי די נשמה האלט זיך אין גוף און ניט ווי אזוי א רעטאך, א ציבעלע, א לעבעל ברויט, א בינטעל אטאמען קען דענקען, פאנטאזירען, שרייבען פילאזאפישע אבהאנדלונגען און ערפינדען א טעאריע פון רעלאטיוויטעט. מוז מען דאך דא בענוצען דעם ענין פון גלויבען. ביי מיר איז גרינגער און לאגישער צו גלויבען די ערשטע. ווען איך זאל דארפען גלויבען אין דער מאשין־טעאריע דארף איך נאך זיין א גרעסערער מאמין, דאס הייסט, איך דארף גלויבען אין א זאך וואס לייגט זיך ווייניגער אויפ׳ן שכל ווי די אמונה אין גאטהייט, אין נשמה — און דערפאר פערווארף איך עס!

אי וואס, דאס דענקען איז דאך אבהענגיג אן דעם מארך, די פיזישע גראהע שטאף, און אויב עס זאל עפעס פאסירען מיט קאנט׳ס מארך אין מיטען פון זיין אבהאנדלונג "איבערן ריינעם פארנונפט". אדער מיט איינשטיין אין מיטען פון זיין פארשונג, וועט קאנט פערלירען זיין פארנונפט און איינשטיינ׳ס חקירות וועלען בלייבען ניט געענדיגט! ! וויל

מען דאָך דערפון דרינגען אַז אויסער די שטאָף עקזיסטירט קיין זאַך ניט ? ! האָט דאָך שוין דער בעריהמטער פילאָזאָף בערגסאָן דיזע טענה פערניכטעט דורך זיין בעווייז אַז אַ זאַך קען זיין ענג פערבונדען מיט אַ צווייטער און דאָך האָט עס אַ בעזונדערען עקזיסטענץ. למשל, זאָגט בערגסאָן, אָט איז אַ הייננער און אָט איז אַ ראָק וואס הייננט אויף איהם. דער ראָק איז אבהענגיג אָן הייננער, פאַלט דער הייננער ארויס ליעגט דער ראָק אויף דער ערד און דאָך זיינען הייננער און ראָק צוויי בעזונדערע זאַכען. עס איז דאָ צווישען זיי אַ פערבינדונג און דאס אַלעס ! די נשמה "הייננט" אויפ'ן מאַרך אבער עס איז ניט דער מאַרך. אָט האָט איהר נאָך אַ משל פון בערגסאָן. דער דיריזשאָר האַלט אַ שטעקעל און ווי דער שטעקעל בעוועגט זיך אזוי שפּיעלט די סימפאָני, אבער באמת איז דער שטעקעל און די סימפאָניע צוויי בעזונדערע זאַכען. "דער פיזישער לעבען צום גייסטיגען איז דאס זעלבע ווי דער שטעקעל צו דער סימפאָני". דער גייסט אָדער נשמה — האַלט בערגסאָן — איז ברייטער ווי דער מאַרך, די טהע־טיגקייט פון מאַרך איז בלויז צוגעפּאַסט צו אַ זעהר קליינעם טהייל פון די טהעטיגקייט פון דעם גייסט און ווייל ער איז ברייטער ווי דער מאַרך קען ער איהם איבערלעבען.

אַדאָלף דאָרנער פרעגט די אייזערנע שאלה ווי אזוי עס איז מעגליך אַז אויב דער מענש איז ניט מעהר ווי אַ שטיקעל שטויב אין וועלט־אַלל זאָל ער קענען די גאַנצע וועלט ארומ־נעהמען מיט זיין בעגריף ? ווי אזוי קען דער קליינער מאַרך האָבען אַן השגה פון די גרויסע וועלט־אידעען ! ווי אזוי קען דער מאַרך פערשטעהן דעם גאַנצען וועלט־צוזאַמענהאַנג ווען עס בעשטעהט נאָר פון אַ בעשרענקטען צאָהל פון מאָלעקולס — דאס איז אונמעגליך צו מאַכען פערשטענדליך ! די מאַ־מאַטעריאַליסטען לייקענען געטליכקייט ; אבער — פרעגט דאָרנער גאַנץ ריכטיג — ווי אזוי וועלען די מאַטע־ריאַליסטען קענען ערקלעהרען אַז אין אַ מאַרך וואס פערמאָגט קיין זאַך ניט אויסער פיזישע קאָמבינאַציאָנען זאָל קענען גאָר אריין דער רעיון וועגען דער אידעע פון אַ גאָט־הייט אלס אַן אבסאָלוטער וועזען ? דאס איז אַ טיעפע פראַגע און זי קען ווערען איבערגעגעבען אין אַזאַ נוסח : אַ

בערגעל מיט פיזישען שטאָף קען געוויס ניט איינפאלען ווע־גען אן אידעע אז עס איז פאראן א זאך וואס איז אין גאנצען אויסערהאלב פון דעם שטאָף, עס איז אן אונמעגליכקייט אז שטאָף זאָל קלעהרען וועגען זאכען וואס זיינען אנדערש ווי דאס אליין איז. אויב, דארום, עס געפינען זיך מענשען וואס קענען האָבען אין זינען גאָטהייט אלס אן אבסאָלוטען וועזען איז דאָך דאס גופא א סימן אז עס איז פאראן אין מענשען אזעלכעס וואס איז אויסער די שטאָף! און די שיטה פון ענטוויקלונג אָדער דארוויניזם קריגט פאָלגענדע שאלה אויף וועלכע עס קען ניט קומען קיין פערענטפערונג: די גאנצע ענטוויקלונג פון די אטאָמען ביז דעם מענשען, קומט צו מאכען די ברואים שעהנער און שטארקער און פאָלקאָמענער. הייסט עס אז עס איז פאראן א צוועק אין דער וועלט. פון וואנען קען אבער דער שטאָף אליין, אָדער די צונויפלייגונג פון בלינדע אטאָמען ענטהאלטען אין זיך א צוועק און א פלאן? אויב די ענטוויקלונג טרייבט די פארשיעדענע זאכען וואס די וועלט פארמאָגט אלע מאָל ווייטער צו א העכערע מדרגה, איז דאָך דערפון א בעוויז, אז עס איז פאראן א כח וואס טרייבט זיי דערצו, וואס איז אלזא דיעזער כח, און פון וואנען קומט ער?

סאָציאַליזמוס און יודענטום — בלוטיגע שונאים

די השכלה האָט אָנגעפאַנגען די צושטערונגס־ארבייט אין דער אידישער גאַס און דער סאָציאַליזמוס האָט געמאַכט דעם חורבן פאָלקאָם. די השכלה האָט נאָר אָנגעריהרט די אינטעליגענטע קרעפטען פון דער אומה. די אידישע מאַסען אין מזרח־איירָאָפּא, דער געזונדער עלעמענט אין וועלכען עס ליעגט די קראַפט פון אַ פאָלק איז געבליבען כמעט ווי ניט בעריהרט פון די אסימילאַציאָנס־טענדענצען פון דער השכלה. די שניידער, שוסטער, סטאָליער אזוי גוט ווי די קליין־הענדלער האָבען פאַרטגעזעצט צו פיהרען דעם אידישען טראַדיציאָנעלען לעבען און האָבען געשעפּט זייער גייסטיגע חשפעה פון די אידישע קוועלען. דער סאָציאַליזמוס אָבער האָט אַריינגעבראַכט דעם קאַמפּף געגען יודענטום אין די רייהען פון אונזער המון, האָט פאַרוואַנדעלט אַ זעהר גרויסען טהייל פון פּשוט'ען אידישען עולם אין שונאים פון יודענטום און כמעט שונאים פון אידען אַליין. דערמיט האָט דער סאָציאַליזם אונטערגעגראַבען דעם פונדאַמענט אויף וועלכען דאָס אידישע לעבען איז געבויט.

פון דעם ערשטען מאָמענט זייט דער סאָציאַליזם האָט זיך בעוויזען אין דער אידישער גאַס איז געוואָרען אַ מלחמה צווישען יודענטום און סאָציאַליזמוס, אַ קאַמפּף אויף טויט און אויף לעבען. דער סאָציאַליזמוס האָט זיך אומעדום אָנגעפאַנגען מיט אַ וואַנדאַלישען צוג געגען אַלעם וואָס איז הייליג און טייער ביי דער אידישער נאַציאָן. זלזולים אויף דער אידישער תורה, בלבולים אויף די אידען וואָס פיהרען זיך לויט דעם אידישען גלויבען, שמוץ־וואַרפעריי אויף דער אידישער פערגאַנגענהייט, גיפטיגע געלעכטערס אויף דער אידישע צוקונפט. דאס יודענטום האָט פּלוצלונג דערזעהן

פאַר זיך אַ מחנה אינעווייניגסטע שונאים־פאררעטהער, וועמעס גרעסטער וואונש עס איז געווען צו אויסמעקען די אידישע רעליגיאָן צוזאַמען מיט דער אידישער נאַציאָן אַלס אַ נאַציאָן פון דער וועלט.

אידישע סאָציאַליסטען זיינען געווען, זיינען יעצט, און וועלען בלייבען די בלוט־פיינד פון יודענטום און פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. דאָס וואָס די אידישע סאָציאַליסטען האָבען אָנגעפאַנגען אין נויאָרק און אין לאָנדאָן מיט יום־כפור־בעללער, דאָס וואָס די בונדיסטען פלעגען שיסען אויף אידען וואָס פלעגען געהן דאַווענען אין שוהל אין 1906, און דאָס וואָס די אידישע סאָציאַליסטען אין סאָוויעט־רוס־לאַנד פאַרשיקען אין פריזאָן פאַר לערנען אידישע למודים מיט קינדער, (אַ סאָציאַליסטישע אינקוויזיציאָן אין 20טען יאָהרהונדערט) — דאָס אַלעס איז ניט קיין צופאַל. דאָס אַלעס איז נאַטירליך און עס שטאַמט ארויס פון די אידעען און די פרינציפען פון סאָציאַליזמוס גופא, אזוי אַז דער קאַמפף געגען יודענטום אזוי ווי געגען אידישע רעליגיאָן איז אַ וויכטיגער טהייל פון דעם סאָציאַליסטישען פראָגראַם און איינע פון די וויכטיגע "מצוות" וואס דער סאָציאַליסטי־שער רבי קאַרל מארקס האָט געלאָזען פאַר די סאָציאַליסטען.

דער סאָציאַליזמוס איז פון זיין נאַטור דער פארביסענ־סטער פיינד פון רעליגיאָן. ער איז געקנאָטען געוואָרען מיט האַס געגען גלויבען, און עס איז אין איהם אריינגעבלאָזען געוואָרען אַ נשמה פון שנאה צו אַלעס וואָס האָט אַ פארבינ־דונג מיט גלויבען און רעליגיאָן. ווייל דער סאָציאַליזמוס איז אין גאַנצען געבויט אויף דעם מ א ט ע ר י א ל י ז ם און ווי מיר האָבען פריהער בעטראַכט, איז אונמעגליך פיר איר־גענד וועלכען גלויבען, איבערהויפט פיר דאָס יודענטום צו שטעהן מיט'ן מאַטעריאַליזם אונטער איין דאַך. איהר קענט גיכער אויפלייגען, אויפפאַארען פייער מיט וואסער ווי מאַ־טעריאַליזם מיט יודענטום, איהר קענט גיכער געפינען אַ פיערקאַנטיגען דרייעק איידער אַ סאָציאַליסט וואָס זאָל זיין אַ איד. דער וואָס האַלט, אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט אויסער מאַטעריע און אַז מיר דאַרפען קיין זאַך ניט האָבען אין זינען, ווי די נאַטור, די וואָס לייקענען אַלעס וואָס

איז גייסטיג, מיט איין וואָרט, דער וואס שטעהט אויף דעם מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט, קען מיט'ן יודענטום קיין שייכות ניט האָבען.

און דער סאָציאַליזמוס איז געפּלאַנט, אויסגעאַרבייט און אויסגעבויט געוואָרען אויף דעם מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט און קאַרל מאַרקס איז דער טאַטע פון דאָס וואָס מען רופט היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, דאָס הייסט, פון דער שיטה, אז אין דער היסטאָריע פון דער מענשהייט האָט ניט געשפּיעלט קיין זאַך קיין ראָלע אויסער די מאַטע־ריעלע נויטווענדיגקייטען פון מענשען. קיין גייסטיגע אינ־טערעסען, ווינשע, פאַרלאַנגען און נייגונגען זיינען ניטאָ, זיי זיינען נאָר א מאַסקע אויף דעם קלאַסענקאַמפּף, וואס עס איז געפיהרט געוואָרען זייט די וועלט שטעהט. דער סאָ־ציאַליזם איז דאַרום ניט נאָר אַן עקאָנאָמישער פּלאַן ווי אַזוי צו רעגולירען די בעציהונגען צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, עס אונטערנעהמט זיך צו זיין א פילאָזאָפיע, א גאַנ־צע וועלט־אַנשויאונג, א בליק אויף דער וועלט, אויף מענ־שען און אויפ'ן לעבען, א בליק וואָס שאַפט אָב אַלע אידעען וואָס מענשען האָבען געהאַט, איבערהויפּט די אידעען וועגען רעליגיאָן און בויט־אויף א נייע אמונה, די אמונה אין מאַ־טעריאַליזם, וועלכעס איז קיין אַנדער זאַך ווי דאָס לייקענען אין אַלעס.

ווערהענד קאַרל מאַרקס האָט געשאַפען דעם מאַטעריאַ־ליסטישען בליק אויף דער געשיכטע און האָט אָבגעלייקענט, אז עס איז פאַראַן אירגענד וועלכער ווערטה און אירגענד וועלכע פראַגע אויסער די פראַגען פון פרייזען און פאַרדינס־טען, האָט דער מאַרקסיזם אויך אָנגענומען אַלע אַנדערע אידעען פון מאַטעריאַליזמוס וואָס אַנדערע האָבען געשאַפען. אַזוי צום ביישפּיעל איז די ערשטע פראַגע וואָס עס קען ווע־רען געשטעלט אין בעצוג צום מאַטעריאַליזם: צו איז פאַראַן גייסט אויסער שטאָף? דאָס איז די פראַגע וואָס מיר האָבען בעהאַנדעלט אין לעצטען קאַפּיטעל. קאַרל מאַרקס ענטפערט דאַרויף, אַז אַזוי ווי עס קען ניט זיין א קערפּער וואָס איז ניט קערפּערליך, אַזוי קען ניט זיין א סאָבסטאַנץ (א זאַך) וואָס איז ניט קערפּערליך. מאַרקס האָט זיך געשטעלט אויף

דעם שטאנדפונקט פון יענע פילאזאפען, וואס לייקענען דעם גייסט און גלויבען נאר אין שטאף. און אויף דיזען שטאנד־פונקט שטעהט אויך ניקאלאי לענין אין זיין בוך וועגען מאטעריאליזם.

עס איז אבער פאראן נאך א מאטעריאליזם וועלכער גלויבט, אז די גאנצע וועלט, איינגעשלאסען פלאנצונגען, חיות און מענש, איז פון זיך אליין ענטוויקעלט געווארען פון אן ערשטען שטאף, דאס איז דער דארוויניזמוס. אבוואהל מארקס האט אנגעפאנגען צו שרייבען איידער דער דארוויניזמוס איז ארויסגעטרעטען, האט עס אויף מארקס'ן געהאט א גרויסען איינפלוס. ליעבקנעכט זאגט, אז מארקס איז געווען זעהר פאראינטערעסירט אין דער דארווין'שער שיטה, און ענגעלס האט געזאגט אויף מארקס'ס קבר, אז אזוי ווי דארווין האט ענטדעקט דאס געזעץ פון דער ענטוויקלונג פון דער ארגאנישער נאטור, אזוי האט מארקס ענטדעקט דעם ענטוויקלונגס־געזעץ פון דער מענשליכער געשיכטע. קורץ: דער מארקסיזמוס האט אויך אריינגענומען דעם דארוויניזמוס אין זיך און אזוי איז ער געווארען נאך מעהר מאטעריאליסטיש ווי ער איז געווען פריהער.

דאס איז אבער נאך ניט אלעס. אן ענגלישער פארשער באקל האט געזוכט צו ערקלערען, אז אלע אידעען פון רעליגיאן, פון ראסע, פון קולטור קומען ארויס נאר פון דעם קלימאט און פון די נאטירליכע געאגראפישע לאגע פון א לאנד. דאס קען אנגערופען ווערען א געאגראפישער מאטעריאליזם. און דער סאציאליזם האט זיך ניט געפוילט אויך דיזען מאטעריאליזם אריינצונעהמען אין זיך.

עס איז פאראן נאך א מאטעריאליזם וואס לייקענט אב די מעגליכקייט פון אן עקזיסטענץ נאכ'ן טויט. דער סאציאליזם האט זיך אנגעכאפט אן דעם אויך און האט עס אקצעפטירט אלס א טהייל פון זיין פראגראם גלויבענדיג, אז אויב ער וועט צונעהמען ביים ארבייטער אירגענד וועלכע האפנונג אויף יענער וועלט, וועט ער מיט מעהר פלייס זיך אבגעבען מיט דעם קלאסען־קאמפף אויף דיזער וועלט.

אט אזוי זעהען מיר, אז דער סאציאליזמוס האט אויסגעזוכט אירגענד וועלכע סארט כפירה וואס ער האט נאר

געפונען, אירגענד וועלכע סאָרט אָבּלייקענונג, און האָט עס אריינגענומען. דער דירעקטער קאמפף געגען רעליגיאָן האָט פארנומען די מחות פון די ערשטע גרינדער פון סאָציאַליזמוס אזוי גוט ווי די מחות פון די וואָס האלטען יעצט מלחמה געגען רעליגיאָן אין רוסלאנד.

דער לעבענס־חבר פון קאַרל מארקס און זיין שותף אין דעם "קאָמוניסטישען מאַניפעסט" פרידריך ענגעלס שרייבט: "היינט אין אונזער בעגריף וועגען די ענטוויקלונג פון דער וועלט איז אבסאָלוט ניטאָ קיין פּלאַץ פיר א באשעפער". און אין אַן אנדער אָרט רעדט ענגעלס מיט התלהבות וועגען דעם, אז עס וועט קומען א צייט אין וועלכען עס וועט, נאָך זיין מיינונג, פארלאָרען ווערען דער גרונד פון גלויבען. "און רעליגיאָן — ענדיגט ער — וועט שטארבען א נאטירליכען טויט".

אין זייער ענגען בליק אויף דער געשיכטע פון דער מענשהייט האָבען די גרינדער פון סאָציאַליזמוס געהאלטען, אז עס איז ניטאָ קיין זאך אויף דער וועלט אויסער עסען מיט וועלכע א מענש קען זיך אינטערעסירען. די שאלה איז דאָך אָבער געקומען פון זיך אליין: טו וואָס איז מיט דער רעליגיאָן, פון וואנען קומט זי? האָבען זיי דארויף געענטפערט די לעכערליכע תשובה, אז די רעליגיאָן איז אויסגעקלעהרט געוואָרען פון דער בורזשואזי אלס א וואפען אין איהר האנד געגען דעם קלאסען־קאמפף. די רעליגיאָן איז די אָפּיום וועלכע מען גיט איין דעם פאָלק אום ער זאָל פארגעסען זיינע צרות. זי, די רעליגיאָן, טרייסט דער וועלט און רעכטפערטיגט איהר און אזוי ווי מען דארף דאָך די עקזיסטירענדע וועלט בעקעמפפען, איז דארום א קאמפף געגען רעליגיאָן א דירעקטער קאמפף געגען דער אָרדנונג פון דער געזעלשאפט, וועלכע זי פארטרעט. און דערפאר האָט ענגעלס געזאָגט, אז עס וועט קומען אמאָל א צייט "ווען רעליגיאָן וועט שוין ניט זיין א שוץ פאר דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט". מארקס'ס אידעע איז געווען ארויסצורייסען דעם ארבייטער פון די צוויי איינפלוסען אונטער וועלכען יעדער מענש פאלט ארונטער: רעליגיאָן און שטאאט אָדער נאציאָן. ער האָט געוואָלט, אז מענשען זאָלען פארגעסען זייער גלויי־

בען און זייער פאטערלאנד און זאָלען געפינען זייער אמונה אין סאָציאַליזם און זייער פאטערלאנד אין דעם קלאַסענקאמפף, וועלכער איז לויט דעם מארקסיזם דער אלף און דער בית פון דער וועלט־קולטור.

די אונטערשטע שורה איז, אז דער סאָציאַליזמוס איז די גרעסטע כפירה־בעוועגונג וואָס איז געווען זייט די וועלט שטעהט, ווייל וועהרענד אלע אנדערע שיטות פון מאטעריאַליזם האָבען גערעדט צו אויסגעקליבענע, צו די מעהר ערצויגענע, האָט דער סאָציאַליזמוס אָנגעזאמעלט אלע סאָרטען אָבלייקענונגען וואס עס זיינען נאָר פאראַן, האָט זיי געבראכט אויפ׳ן מארק און האָט זיי איבערגעגעבען צום המון. נאָך מעהר: דער סאָציאַליזמוס ברייגענדיג צום וויניג־וויסענדען עולם אן הכחשה פון גאָטהייט, פון נשמה, פון מאָראל און לערנענדיג אין פולען קאָנטראסט צום כלל פון יודענטום "לא על הלחם לבדו יחיה האדם" א נייע תורה: "נאָר ברויט אליין אין די וועלט"; דער סאָציאַליזמוס זייענדיג מבזה אלע געדאנקען, געפיהלען, אידעען און אידעאלען אויסער דער שיסעל — האָט דיזע גראָב־מאטעריאליסטישע לעהרע געמאכט פיר א פּאָליטישע וואפען און דאדורך האָבען די אנטי־רעליגיעזע, אנטי־גייסטיגע אנשויאונגען פון מאטעריאליזם געקענט אריינדרינגען אין אזעלכע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, וואו זיי וואָלטען אויף אן אנדער אופן ניט געקענט אריינקומען.

זאָגט טאקע א סאָציאַליסטישער בעריכט פאָלגענדעס: "פון דער מעהרצאָהל דייטשער סאָציאל־דעמאָקראטישע ארבייטער קען מען זאגאר זאָגען אז — — — זיי זיינען מיט גאָט איינפאך פארטיג — — זיי זיינען מאטעריאַליסטען". ניט אומזיסט זאָגט לודוויג וואָלטמאן: "קיין זאך האָט נאָך די רעליגיאָן ניט אזוי אויפגעטרייסעלט ווי דער מארקסיזמוס האָט עס געטאָן".

די עקאָנאָמישע גאולה האָט דער סאָציאַליזמוס ניט געבראכט, און לענין׳ס עקספּערימענט האָט שוין געמאכט פאר אלעמען קלאָר, אז עס וועט ניט ברייגנען, אָבער דערפאר האָט עס געבראכט א ריקשריט אין דער קולטור, א רעאקציאָן אין דער ציוויליזאציאָן, ווייל יעדע בעוועגונג

צום מאַטעריאַליזם, צו דער הערשאַפט פון מאַטעריע אי־בער'ן גייסט, יעדעס אויפהויבען די רויהע געפיהלען פון מענשען אלס די קרעפטען צו וועלכע מיר זאָלען דינען (פייערבאך, דער רבי פון קארל מארקס, האָט געזאָגט: דער מענש איז דער גאָט פון דעם מענשען), יעדע פארלייקענונג פון גייסט איז אַ שריט צוריק פון דעם וועג פון פראָגרעס וועמעס העכסטער צוועק איז דעם מענשענס גייסט פריי צו מאַכען און ניט שמיעדען איהם צוריק אין די נאַטור־קייטען פון וועלכע ער האָט זיך אַמאָל ארויסגעריסען און צו וועלכע דער מאַטעריאַליזם וויל איהם צוריקברייננגען.

דער סאָציאַליזם און דאָס יודענטום זיינען אייביגע שונאים ניט צוליב די עקאָנאָמישע פלענער פון סאָציאַליזם, נאָר צוליעב זיינע אנשויאונגען וואָס זיינען געבויט אויף דער עבודה־זרה פון מאַטעריאַליזם, ווערהענד דאס יודענטום שטעהט און מוז שטעהן אויפ'ן יסוד פון אידעאַליזם.

קארל מארקס און די אידישע געשיכטע

אויב סאָציאַליזם קען זיך ניט צוזאַמענלעבען מיט קיין רעליגיאָן קען געווים קיינמאָל קיין פריעדען זיין צווישען סאָציאַליזם און דער אידישער רעליגיאָן.

עס איז ניט דערפאַר וואָס דאָס יודענטום זאָל אַלס אַ גלויבען אָדער אַלס אַ געזעצגעבונג שטעהן פעסט פיר פריוואַט אייגענטום. דאָס איז ניט דער פאַל. פּריוואַט אייגענטום איז ניט קיין קדושה אין דער אידישער תורה. פאַרקעהרט: די טענדענץ פון יודענטום איז צו בעגרענצען אויף אזוי ווייט ווי עס איז מעגליך די צוזאַמענקלייבונג פון גרויס אייגענטום, ווי עס צייגט דער בעוואוסטער אידישער געזעץ אז דער באָדען, וועלכער איז דער יסוד פון אייגענטום, טאָר ניט פערקויפט ווערען לחלוטין נאָר עס מעג אוועקגעגעבען ווערען בלויז ביז אַ בעשטימטע צייט (יובל) ווען עס מוז זיך אומקעהרען צו דעם פריהערדיגען אייגענטימער. דערמיט איז פארשטעלט געוואָרען דער וועג אז דאָס לאַנד זאָל אריין אין די הענד פון רייכע מענשען און עס זאָל ווערען ענטוויקעלט אַ סיסטעם פון רייכע לאַנד־אייגענטימער פון איין זייט און בויערען־שקלאַפען וואָס זיינען צוגעבונדען צו אַ פרעמדע ערד און ארבייטען איהר פאַר יענעם ניט קריגענדיג דערפאַר מעהר ווי צו אויפהאַלטען דעם גוף פון הונגער־טויט, פון דער אַנדער זייט. אונטער דער אידישער תורה האָט די פעאָדאַלע סיסטעם, דער גרעסטער אונגליק פון דער מענשהייט פון וועלכען מען איז נאָך היינט אויך ניט פטור אין גאַנצען, זיך ניט געקענט ענטוויקלען.

וואָס אַנבעלאַנגט צו דער שייכות צווישען ארבייטער און דעם וואָס גיט אַ הם בעשעפטיגונג שטעהט דער אידישער געזעץ, אין יעדען מעגליכען פאַל, אויף דער זייט פון דעם ארבייטער (יד פועל על העליונה) און עס איז איבריג צו דערמאָנען אַז די נשמה פון יודענטום איז דער קאַמפף פיר

דעם ארימאן, און אז די נביאים זיינען געווען די ביטערסטע שונאים פון די רייכע וואס האבען געדריקט די ארימע. די שאלה, וויעדער, אויב דער ארימער מענש וועט קענען לעבען בעסער אונטער א סיסטעם פון קהל׳שען אייגענטהום (סאָ־ציאליזם) אדער פריוואט אייגענטום האט ניט צו טהאן מיט אמונה; דאס האט צו טהאן מיט דער פראגע צו וועלען מענשען אונטער א קהל׳שען סיסטעם פראדוצירען אזוי פיעל ווי אונטער א פריוואט סיסטעם און צו וועט דאן זיין די חלוקה א בעסערע. דאס איז א פראגע פון פראקטישקייט און ניט פון גערעכטיגקייט, און דאס יודענטהום האט צו דעם קיין שטעלונג. דאס יודענטום איז א שונא פון סאציאליזם ווייל ער איז געבויט, ווי מיר האבען בעוויזען אין פריהער־דיגען קאפיטעל, אויף דעם מאטעריאליזם וואס לייקענט אב די נשמה, דעם גייסט, די גאטהייט און אלעס וואס עס איז דערמיט פערבונדען. דער סאציאליזמוס איז א שיטה פון די עקסטרימסטע אפיקורסות וועלכעס מיינט אויך קיין אנדער זאך ווי מאטעריאליזם, ווי צו דיענען די נאטור, אדער גע־צענדיענסט, ווי מען פלעגט עס אמאל רופען.

מיר האבען אין די פריהערדיגע קאפיטלען געזעהן אז דער ארויסטרעט פון יודענטום אויף דער סצענע פון דער וועלט געשיכטע איז געווען א קריעגס־ערקלעהרונג געגען די וואס האבען געדיענט די נאטור און האבען בעטראכט די נאַ־טור־קרעפטען אלס דער העכסטער אויטאריטעט וועלכע דער מענש דארף פאלגען. מיר האבען געזעהן דעם געוואלדיגען תהום וועלכער האט געטהיילט די אידישע אמונה פון די גלויבונגען פון אנדערע פעלקער: די לעצטע האבען זיך ניט געקענט ארויסרייסען פון די קייטען וואס די נאטור האט אויף זיי ארויפגעלייגט, האבען ניט געקענט קריגען די גייס־טיגע מאראלישע מאכט צו שטעלען זיך געגען זייערע ליי־דענשאפטען, זיי האבען ניט געקענט געפינען אין דער נאטור קיין אויטאריטעט וואס זאל זיי אויפהויבען העכער ווי זייע־רע נייגונגען און גראבע אינסטינקטען, וועהרענד די אידען דורך זייער אמונה אין א גאט וואס שטעהט העכער ווי די נאטור האבען זיך אויפגעהויבען צו דער מדרגה פון דער גרעסטער סארט גבורה, די גבורה פון בעזיעגען זיך אליין

(איזהו גבור הכובש את יצרו). דערפון אייגענטליך שטאמט די שטארקייט פון אידישען כאראקטער צו קעמפפען טויזענ־דער יאהרען מיט א וועלט און זיך ניט אונטערצוגעבען. די מענשען וואס זיינען געוואהנט צו גובר זיין זיך אליין קענען אויך גובר זיין די אומשטענדען מיט דערזעלבער אמונה אין א העכערע מאכט.

דער גרויסער קאמפף פון יודענטהום פון די אור־אלטע צייט איז געווען א קאמפף געגען נאטוראליזם אָדער מא־טעריאליזם, וועלכעס איז איינס און דאסזעלבע. ווען די אידען האבען ניט געוואלט דיענען די געצען פון מצרים אדער פון כנען, ווען זיי האבען שפעטער ערקלעהרט קריעג צו די גריכישע העלעניסטישע קולטור, וועלכעס איז אויך ניט געוען מעהר ווי א דיענסט צו דער נאטור, אבוואהל אין א שעהנערע פארם, ווען דאס יודענטום האט אומעדום געטראגען די פאהן פון אן אבסאלוטע אחדות הבורא און פון דער אידישער תורה, איז עס אלץ געווען איין איינציגער קאמפף געגען נאטור־דיענסט. עשתרות, בל, צעאוס, אפאלא, עבודת כוכבים, עבודה־זרה, אלילות, נאטוראליזם, מאטעריא־ליזם, סאציאליזם—ס'איז אלץ דער אלטער פיינד. סאציאליז־מוס אדער דער מאָדערנער מאטעריאליזם — דאס איז דער־זעלבער שונא געגען וועלכען אליהו האט מלחמה געהאלטען אויפ'ן בארג כרמל, דאס איז דערזעלבער שונא געגען וועל־כען יהודה המכבי און זיינע אנהענגער האבען געצויגען אין שלאכטפעלד. דער מאטעריאליזמוס איז דער פיינד וואס רייסט ארוים מיט'ן ווארצעל. פון היסטארישען שטאנדפונקט — און דאס איז דער איינציגער ריכטיגער שטאנדפונקט — קען א איד קיין סאציאליסט ניט ווערען סיידען ער פער־ווארפט דאס גאנצע יודענטום, מיט אנדערע ווערטער, סיידען ער ווערט אויס איד.

ווען די "אידישע" סאציאליסטען־קאמיסארען אין רוס־לאנד זיינען יעצט די טארקוועמאדאס איז זיך ניטא וואס צו וואונדערען. זיי זיינען שוין לאנג קיינע אידען. אזוי זיי־נען ניט קיין אידען! די סאציאליסטען פון אנדערע לענדער וועלכע וואלטען געטהאן דיזעלבע ווי די רוסישע אויב זיי וואלטען געהאט כח, אדער אויב זיי וואלטען ניט געוואלט

כאַפּען וואוטס פון אידישע בעלי־בתים אין דער אידישער גאַס אין אַמעריקאַ, און וואָלטען ניט געהאַט די ערפאַהרונג אַז עס לוינט בעסער פאַר ביזנעס אַביסעל צו איינהאַלטען זייער שנאה געגען יודענטום.

און ווען די אידישע סאָציאַליסטען האָבען אין אַמעריקאַ צוזאַמען מיט דער מלחמה געגען רעליגיאָן אויך איינגעפיהרט אַ מלחמה געגען מאָראַל, געגען ריינעם פאַמיליען לעבען, ווען זיי האָלטען אַז אַגיטאַציאָן פיר הפקרות איז דעם ברייטעסטען זינן פון דאָס וואָרט איז דאָס ניט בלויז אַ צופאַל, דאָס האָט צו טהאָן מיט דעם יסוד אויף וועלכען דער סאָציאַליזמוס שטעהט, דער יסוד פון מאַטעריאַליזמוס. פון אבלייקענען אַלעס אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. אַלע אידעען און שטרעבונגען אויסער דאָס וואָס איז פערבונדען מיט'ן קלאַסענקאַמפף. דער סאָציאַליזמוס אַנערקענט ניט די קאָפּ אין מענשען און ניט די האַרץ נאָר דעם מאַגען. עס זיינען, לויט קאַרל מאַרקס, קיינמאָל ניט געווען אויף דער וועלט קיינע ענינים וואָס דער מענש זאָל וועלען וויסען, דערגעהן, נאָך וועלכע זיין נשמה זאָל זיין דאָרשטיג, קיינע זאַכען וואָס זאָל בעוועגען זיין גייסט. די וועלט האָט נאָר געהאַט צוויי סאָרטען מענשען: די וואָס האָבען עקספּלאָאַטירט און די וואָס זיינען עקספּלאָאַטירט געוואָרען און וועגען קיין אַנדער זאַך האָבען די מענשען ניט געקלעהרט ווי נאָר ווי אַזוי יענעם צו עקספּלאָאַטירען און ווי אַזוי מען זאָל זיך ניט לאָזען עקספּלאָאַטירט צו ווערען. אין אַ וועלט וואָס עס איז נאָר פאַראַן אַ מאַגען־פילאָזאָפי און קיין אַנדער זאַך —וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט פאַמיילען לעבען? די אידישע סאָציאַליסטען האָבען געצויגען די פולע קאָנזעקווענצען פון דעם סאָציאַליסטיש־מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט. ווייל דער אידישער סאָציאַליזמוס איז דאָך אַ רוסישער און אין רוסלאַנד איז דער סאָציאַליזמוס אויסגעמישט מיט נאָך אַ געפעהרליכער פאַרניכטונגס־טעאָרי ווי ער אליין איז, דאָרטען איז עס אויסגעמישט מיט דעם ניהיליזמוס, אַ שיטה פון תוהו־ובוהו וואָס איז געבאָרען אויפ'ן רוסישען באָדען, אַ שיטה אין וועלכער סאָציאַליזמוס, קאָמוניזם און אַנאַרכיזם מיט אַלערליי סאָרטען רעוואָלוציאָניזם געהען

צוזאמען. מיר וועלען דיזען רוסישען פראדוקט, וועלכער איז נאך מעהר מאטעריאליסטיש אפילו ווי דער סאציאליזמוס בעטראכטען אין דעם נעקסטען קאפיטעל. דערווייל וועלען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער בעטראכטונג פון סאציאליזמוס און יודענטום.

*   *   *

די אידישע סאציאליסטען האבען נאך א בעזונדערע אור זאכע צו זיין איפגעבראכט אויפ'ן יודענטום. די אידישע אמונה גראבט אונטער דעם גאנצען פונדאמענט פון דער פילאזאפי פון קארל מארקס איבער היסטאריע און צייגט ווי פאלש זי איז.

מארקס האט געלערנט — ווי מיר האבען פריהער געזעהן — אז די איינציגע זאך אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט וואס האט א בעדייטונג איז דער פרייז פון עסענווארג, אלע איבריגע זאכען, רעליגיאן, אידעען א. ז. וו. האבען קיין ווערטה, עקזיסטירען ניט, און ווען מיר זעהען א קאמפף פון אידעען, פון גלויבענס א. ז. וו. איז דאס אין אמת'ן ניט מעהר ווי א קלאסענקאמפף איבער עקאנאמישע פראגען, נאר די הערשער, די קאפיטאליסטען, די עקספלאאטירענדע מאכט און די הערשענדע קירכע וויקעלט עס איין אין כלומר'שט'דיגען קאמפף פיר רוחניות.

אבער ווי קען מען פערענטפערען דעם קאמפף פון יודענטום? אט לעבען מענשען אין אלע טיילען וועלט און שלאגען זיך פיר א גלויבען וואס האט קיין הערשער ניט. האט סיין שום קלאס וואס זאל האבען אן עקאנאמישען אינטערעס אין דעם קאמפף. עס זיינען ניטא קיין אידישע מלכים. סיינע אידישע פעאדאלען, קיין אידישע רייכע קירכע וואס זאל דיענען צו א אידישע רעגיערונג. קורץ, ניטא קיינער וואס זאל אויסטראכטען רעליגיעזע ענינים צוליעב אן עקאנאמישען צוועק, און דאך זיינען זיך אידען מוסר־נפש פיר זייער אמונה, פיר זייערע גייסטיגע פרינציפען, פיר אידעאלען וואס האבען מיט עקאנאמישע פראגען ניט צו טהאן!

אדרבה, אויב די עקאנאמישע אומשטענדען זאלען זיין די איינציגע זאך וואס פיהרט די וועלט האבען דאך די אידען געדארפט לאנג אויפגעבען דעם קאמפף און זיך אויס־

מישען מיט זייערע שכנים, וועלכעס וואלט פון מאטעריעלען שטאנדפונקט געווען פאר זיי פיעל בעסער ווי איידער צו זיין אידען און ווערען פערפאלגט דערפאר. ווען דאס יודענטום קעמפפט ליידט און עקזיסטירט איז דאך א בעווייז אז עס איז עפעס פאראן אויף דער וועלט אויסער א מאגען! און אז דיזע זאכען האבען א גרויסען איינפלוס אויף דעם גאנג פון דער געשיכטע, און ממילא איז דאך דער "אני מאמין" פון היסטארישען מאטעריאליזם פון מארקס בטל ומבוטל, ווארום אויב ער ווערט אזוי קלאר אבגעלייקענט אין דער אידישער געשיכטע איז ער דאך שוין ממילא ניט ריכ־טיג אין דער געשיכטע פון דער וועלט אויך.

דיזע קשיא איז אזא שווערע אז עס האט זיך געפונען אן אנטיסעמיטישער פראפעסאר, ווערנער זאמבארט, וואס שטעהט נאהנט צום סאציאליזמוס, וועלכער האט אויסגע־קלעהרט אן אידיאטישע שיטה אז דאס יודענטהום איז א רעליגיאן פון קאפיטאליזם, פון פראפיט, ריכטיג ווי צו זיין אידען איז א זאך וואס בעצאהלט זיך און דארום האלטען זיי זיך דערביי! אבער דאס איז א צו גרויסער אונזין אז אימיצער זאל עס אננעהמען ערנסט. עס איז קלאר אז דער קאמפף פון אידען פאר זייער גלויבען איז א בעווייז פון העכסטען סארט אידעאליזם וואס צייגט ווי פאלש עס איז דער פרינציפ פון היסטארישען מאטעריאליזם וועלכען מארקס האט אויפגעשטעלט.

די אידישע סאציאליסטען פיהלען עס, זעהען איז יו־דענטום די קראפט פון א מלחמה פיר אידעאלען. א דעמאנ־סטראציאן פיר דעם כח פון רוחניות אין וועלכע זיי לייקע־נען, א לעבעדיגען פראטעסט ("א קאנטר־רעוואלוציאן"...) געגען זייער מאטעריאליזם. דערפאר איז זייער האס געגען יודענטהום דאפעלט גרויס.

ניהיליזם — א רוסישע קראנקהייט; באקונין

דער רוסישער סאציאליזמוס איז אין פיעלע הינזיכטען אנדערש ווי דער סאציאליזמוס וואס איז געשאפען געווארען פון קארל מארקס. אום צו פארשטעהן וואס דער רוסישער סאציאליזמוס בעדייטעט מוז מען זיך פריהער אבשטעלען אויף דער ספעציעלער רוסישער בעוועגונג וועלכע איז בע־קאנט אונטער'ן נאמען: נ י ה י ל י ז מ ו ס.

דאס ווארט ניהיליזם שטאמט פון דעם לאטיינישען ווארט "ניהיל" — גאר ניט. דער ניהיליזם גלויבט אין גאר ניט, אנערקענט גאר ניט און געפינט ניט קיין זאך אויף דער וועלט וואס עס זאל ווערטה זיין איבערצולאזען. אלעס צו־שטערען — דאס איז דער עיקר פון ניהיליזם. די פאל־שטענדיגע צושטערונג פון אלעס הייסט ביים ניהיליזם: פרייהייט.

דער ניהיליזם לייקענט אלעס אב. ער טרעט דארום ארויס געגען אלעס וואס די געזעלשאפט האט אנגענומען פאר ריכטיג און גוט. איבערהויפט טרעט ארויס דער ני־היליזם געגען די דריי הויפט זיילען אויף וועלכע די מענש־ליכע געזעלשאפט שטעהט: רעליגיאן, פאמיליע און שטאאט. דער ניהיליזם האלט אז דער שטאאט וועלכער איז דער קוואל פון אלע אונגליקען שטעהט אויף דער פאמיליע און אז די פאמיליע איז געשטיצט אויף דער רעליגיאן. און עס איז דא־רום ניטא קיין אנדער וועג ווי צו מאכען דעם מענשען פריי ווי צו איבערווארפען אין גאנצען דיזע דריי זאכען: דאס דארף טאן די סאציאלע רעוואלוציאן. קיין רעליגיאן, קיין שטאאט, קיין פאמיליע — און די וועלט איז גערעטעט!

פון וואנען איז דער ניהיליזם געבארען געווארען?

אין דעם רוסישען כאראקטער איז פון אייביג־אן געלע־גען א טיעפער פעסימיזמוס. טיעף אין דער נשמה פון רו־

סישען פאָלק איז פאַראַן עפּעס א דונקעלער געפיהל פון טרויער וועלכען דער רוס קען קיינמאָל ניט בעזיעגען. עס איז נאָך ניט געווען קיין איין דיכטער, קיין איין שריפט־שטעלער אין דער גרויסער און ברייטער רוסישער ליטעראַ־טור וואָס זאָל קוקען "אויף דעם זוננ־יגען זייט פון לעבען". אַלעס איז דאָרטען דורכגעווייקט מיט א צער. אפילו די רו־סישע הומאָריסטען טרויערען אויך. אין רוסלאַנד זיינען אייגענטליך קיין הומאָריסטען ניט געווען נאָר סאַטיריקער. און דיזער טיעפער פּעסימיזמוס איז עס דער טאַטע פון ני־היליזם. עס איז ניט קיין ווייטער שריט פון טרויער צו דעם בעשלוס אז אַלעס איז גאָר ניט! עס איז כאַראַקטעריסטיש אז וועהרענד דער אַמעריקאַנער ענטפערט אויף דער פראַגע: וואָס ער מאַכט? מיט די ווערטער: "אָלל־רייט" (אַלעס איז ריכטיג), ענטפערט דער רוס "ניטשעוואָ" (גאָר־ניט).

און צוזאַמען מיט דעם פּעסימיזמוס איז אויך פאַראַן אין דער רוסישער נשמה א געוויסע נייגונג צו פערניכטונג. דער רוס איז פעהיג צו זיין לאַנג רוהיג און גוט און ווערען שטאַרק געריהרט אפילו פון קלייניגקייטען, אָבער פּלוצלונג כאַפּט זיך ביי איהם אויף עפּעס א ווילדער אינסטינקט און ער וויל פאַרניכטען וואָס עס קומט איהם אין האַנד אריין. אַזעלכע מענשען ווי דאָסטאָיעווסקי שילדערט זיינען ניטאָ ביי קיין אומה ולשון, און דאָסטאָיעווסקי האָט געקענט זיין פאָלק פיעלייכט מעהר ווי אירגענד וועלכער אַנדער מענש. און ווער פון אונז האָט ניט געלעזען פון אַפּיצירען וואָס לאָזען זיך וואָילגעהן אַ אַבענד און נאָכדעם ווי מען טרינקט זיך אַז, צוברעכט מען אַלעס וואָס עס געפינט זיך אין הויז. און ביי טשעכאָוו'ן אין "ווישנעווי סאַד" פייערט דער אויפגעקומע־נער רוסישער גביר וועלכער האָט אָבגעקויפט די דאַטשע פון די פּריצים ביי וועמען ער איז אַליין געווען א קנעכט. דערמיט וואָס ער צוברעכט אין זיין עקסטאַז די טייערע שפּיגלען, אויסשרייענדיג: "איך קען פאַר אַלעס בעצאָה־לען!" אָט דאָס איז רוסלאַנד! די מיסטישע פאַרשטעלטע רוסלאַנד וועלכע איז א גאַנץ בעזונדערע וועלט אין זיך אַליין.

דער פּעסימיזמוס איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען אין דער רוסישער נשמה דורך דער פינסטערסטער דעספּאָטיע

וואָס די וועלט האָט וועז געזעהן. פון כאַראַקטער גענייגט צו טרויער און צו מבטל זיין די וועלט, האָט נאָך דער רוס מעהר געטרויערט און מבטל געווען אַלעס דורך דעם שווע־רען לאַסט פון יאָהרהונדערטער וואָס די צאַרען האָבען אויף איהם אַרויפגעלייגט. און פאַר די צאַרען זיינען געווען די טאַטאַרען. דערצו האָבען די רוסען אַ גלויבען וואָס האָט קיין זאַך ניט געשאַפען און האָט דעם פאָלק קיין זאַך ניט געגעבען — אַ גלויבען וואָס האָט ניט אַנגעריהרט ניט דעם שכל, ניט די הארץ פון פאָלק וועלכער איז אין די ניעדריגע שיכטען געבליבען אַ געצענדיענערישע אומה ווי די אוראַלטע רוסישע שבטים זיינען געווען. דאָס אַלעס האָט זיך צוזאַ־מענגעלייגט אין אַ פאַרצווייפלונג אין אַלעס און אין אַ פאַר־דרוס געגען אַלעס, ביז וואַנען די בילדונג פון וועסט־אייראָפּאַ האָט זיך אַריינגעריסען אין רוסלאַנד.

עס איז קיין וואונדער אַז צוויי זאַכען פון דער וועסט־אייראָפּייאישער קולטור האָבען אַם שטאַרקסטען אַנגעלאַקט דעם רוסישען פאָלק — עס הייסט דעם טהייל פון פאָלק וואָס איז געקומען אין בעריהרונג מיט דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציאָן: די ערשטע זאַך איז געווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן מיט איהר איבערקעהרעניש, און די צווייטע זאַך איז געווען די פאַרניכטענדע אידעען פון מאַטעריאַליזם וואָס האָבען אָבגעלייקענט אַלעס מיט איין מאָל. אַלעס איז גאָר ניט! האָבען די רוסען אַרויסגעלערנט פון די וועסט־אייראָפּייאישע מאַטעריאַליסטען: גלויבען איז גאָר ניט, מאָ־ראַל איז גאָר ניט, אידעען זיינען גאָר ניט, אַלע גייסטיגע ענינים זיינען גאָר ניט. („אַ שטיק קעז איז ביי מיר טייערער ווי דער גאַנצער פושקין" — האָט געזאָגט דער ניהיליסט נעקראַסאָוו.) פון דעם איז געווען איין שריט צום לעצטען געדאַנק אַז די גאַנצע געזעלשאַפט האָט קיין פּאָזיטיווע זאַך ניט — און מען דאַרף איהר איבערקעהרען. עס האָט לאַנג ניט געדויערט ביז וואַנען די געבילדעטע רוסען זיינען גע־קומען צו דיזען בעשלוס אויך און — עס איז געבאָרען גע־וואָרען אין די פופציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט דער ניהיליזם!

דער נִיהִילִיזם איז, אַלזאָ, אַ ריין־רוסִישע זאַך. פון איין

זייט איז ער א קאמפף געגען דער רוסישער דעספאטיע און פון דער צווייטער זייט איז עס א פעסימיסטישע אנשויאונג און אן אבלייקענונג פון אלעם גייסטיגעס און א חשק צו צו־שטערען אלעס וואס עס איז פאראן — דאס זיינען צוויי זאכען וואס זיינען דורכאויס רוסישע און קומען ארויס ערש־טענס פון רוסישען כאראקטער, און צווייטענס, פון רוסישע פאליטישע אומשטענדען. מיט'ן סאציאליזמוס אלס א בע־וועגונג וואס האט הויפטזעכליך אן עקאנאמישען פראגראם, האט דער ניהיליזמוס פון נאטור וויניג וואס צו טאן. אזוי ווי אבער אין דער צייט ווען דער ניהיליזמוס איז געבארען געווארען, האט זיך דער סאציאליזמוס פון מארקס אנגע־פאנגען צו פארשפרייטען, האבען איהם די ניהיליסטען אריינגענומען אין זייער פראגראם און אזוי איז עס ארויס־געקומען דער ניהיליסטישער סאציאליזמוס, אדער דער סא־ציאליסטישער ניהיליזמוס אין רוסלאנד. און בשעת קארל מארקס האט געשאפען דעם סאציאליזמוס, האט באקונין, וועלכער איז אין אנפאנג געשטאנען אין נאהנטע בעציהונ־גען מיט מארקס און איז נאכהער זיך מיט איהם פארנאנדער־געגנגען, געשאפען אדער בעסער פארפעסטיגט דעם ניהי־ליזם.

מארקס און באקונין — זיינען די צוויי זיילען פון פרא־לעטאריאט. דער אונטערשיעד פון זיי ביידע איז דער אונ־טערשיעד צווישען דייטשלאנד־איירָאפא און רוסלאנד־אזיען. מארקס גלויבט אין שטאאט, באקונין גלויבט ניט. ער זאגט: "מיר ווייזען צוריק אלע — — געזעצגעבונג, אויטאריטעט און בעאיינפלוסונג אפילו ווען זיי קומען דורך אלגעמיינע שטימרעכט — אין דיזען זינן זיינען מיר ווירקליך אנאר־כיסטען." מארקס וויל שאפען א נייעם ארדנונג און גלויבט אז עס איז בעסער אויב מען זאל עס קענען דורכפיהרען אהן א רעוואלוציאן. באקונין קימערט זיך ניט פאר א נייעם ארדנונג, דער עיקר איז דעם אלטען צואווארפען. ביי איהם איז ניט דער עיקר דער תכלית. ביי איהם איז די רעוואלו־ציאן אליין א תכלית פאר זיך. דורך מארקס'ען רעדט א גע־וויסע אויסגערעכענטע שיטה, צי גלייך צי קרום. פון בא־קונין רעדט דער אינסטינקט, דער חשק צום צוברעכען. דער

רוסישער סאָציאַליזם האָט געערדט און רעדט היינט אויך מיט'ן לשון פון מאַרקסיזם. אין אמת'ן אָבער איז עס באַ־קונינּיזם; עס איז דער גייסט פון אַלעם צו צושטערן.

און דערפאַר ווייל דער רוסישער סאָציאַליזם איז ניהי־ליזם, פאַרנעהמט אין איהם די מלחמה געגען רעליגיאָן, גע־גען אידעאַליזמוס און געגען אַלע גייסטיגע זאַכען נאָך פיעל מעהר פלאַץ ווי אין דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליזם. די מלחמה מיט'ן גלויבען איז, אַזוי צו זאָגען, די נשמה פון רוסישען סאָציאַליזם־ניהיליזם, און דער מאַטעריאַליזם איז אין רו־סישען סאָציאַליזם דערפיהרט געוואָרען ביז דער ווילדעס־טער מדרגה. וואָרום וועהרענד די מאַטעריאַליסטען פון וועסט־אייראָפּא בענוגענען זיך דערמיט וואָס זיי גלויבען ניט אין קיין גייסטיגער זאַך, האָבען די רוסישע סאָציאַליס־טען־ניהיליסטען געמאַכט פון מאַטעריאַליזם אַ וואַפען געגען גלויבען און האַלטען עס פאַר זייער פפליכט צו קעמפפען מיט ווילדע פאַנאַטיזם געגען רעליגיאָן און אַלעם וואָס איז דערמיט פאַרבונדען.

באַקונין, דער רבי פון רוסישען ניהיליזמוס־סאָציאַליז־מוס, ווידערהאַלט אויף שריט און טריט זיין "אמונה", אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט אויסער שטאָף (מאַ־טעריע). ער זאָגט: "דער מענש איז, ווי די גאַנצע איבריגע וועלט, איין פאָלשטענדיגעם מאַטעריעלעם וועזען. דער גייסט, די פעהיגקייט צום דיינקען, צו אריינּנעהמען די פאַר־שיעדענע אינערליכע און אויסערליכע איינדריקע, צו דער־מאָנען זיך די פערגאַנגענע (איינדריקע) — — און אַלגעמיי־נע אָדער אַבסטראַקטע בעגריפען צו שאַפען — און פון די בעגריפע אידעען צו בילדען, מיט איין וואָרט — די אינ־טעליגענץ וואָס שאַפט אונז אונזער גאַנצע אידעאַלע וועלט געהערט צו דער חיה'שער מאַטעריעלער אָרגאַניזאַציאָן פון מאָרך." און ער איז אין כעס אויף "די אידעאַליסטען, אַריס־טאָקראַטען, בורזשואַזען, טעאָלאָגען, מעטאַפיזיקער, פּאָלי־טיקער, מאָראַליסטען, גייסטליכע, פילאָזאָפען און דיכטער" וואָס זיינען אונצופרידען ווען מען זאָגט זיי: "אַז דער מענש מיט אַלע זיינע גלענצענדען אינטעליגענץ, זיינע ערהאַבענע אידעען — — איז קיין אַנדער זאַך ווי מאַטעריע, איז ניט

מעהר ווי דער פּראָדוקט פון דיזער נ י ע ד ר י ג ע ר מ א־ ט ע ר י ע.״

דאָס איז אָבער פאַר איהם נאָך ווייניג. באַקונין שטעלט אוועק דעם קאַמפּף געגען רעליגיאָן אלס דעם צענטער. דעם עיקר פון זיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערער שיטה, בעהויפּטענ־ דיג אַז כל־זמן עס איז פאַראַן רעליגיאָן אויף דער וועלט איז אומזיסט אַלע האָפנונגען אויף פרייהייט. ער קען ניט פאַר־ טראָגען וואָס עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס גלויבען איז גאָט און ווילען אויך פרייהייט פאַר׳ן מענשען, גערעכטיג־ קייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט. דיזע זאַכען, שרייט ער, קענען מיט אמונה ניט געהן. ״וואָרום — זאָגט ער — אויב גאָט עקזיסטירט איז ער דאָך געווים דער אייביגער. דער העכסטער, דער אַבסאָלוטער הערר, און אויב עס איז פאַראַן אַזאַ הערר איז דער מענש א שקלאַף — און ווען ער איז א שקלאַף איז פאַר איהם ניט מעגליך קיין גערעכטיגקייט. קיין גלייכהייט און קיין ברידערליכקייט.״

ווי נאַריש און לעבערליך עס איז דיזער ארגומענט! אָבער פאַר ניהיליסטען איז עס אַן אַרגומענט, און עס איז אַן אַרגומענט פאַר אידישע סאָציאַליסטען וואָס זיינען אָנ־ געשטעקט מיט דער ספּעציעל רוסישער ניהיליזמוס־קראַנק־ הייט. אַזעלכע ״אַרגומענטען״ האָבען פאַרניכטעט א גרוי־ סע טהייל פון יודענטום, האָבען אָבגעריסען פיעלע אי־ דען פון זייער אמונה און פאָלק, און האָבען אוועקגעפיהרט פיעלע פון אונזערע ברידער און שוועסטער אויף דעם וועג פון אסימילאַציאָן און אונטערגאַנג.

און ווידער אמאָל, און ווידער אמאָל קעהרט זיך אום באַקונין צו זיין פּרינציפּ, אַז צו בעקעמפּפען די גאָטהייט־ אידעע איז די העכסטע מצוה פון דער פרייהייט. ער זאָגט:

״די אידעע פון גאָטהייט איז אַן אָבלייקענונג פון דער מענשליכער פרייהייט און פיהרט. נויטווענדיגערווייזע. צו דער פערשקלאַפונג פון דעם מענשען אין דער טעאָרי און אין דער פּראַקטיק — — אלס די שקלאַפען פון גאָט מוזען די מענשען אויך זיין שקלאַפען פון דעם שטאַאט און פון דער קירכע——ווי נאָר גאָט ערשיינט ווערט דער מענש גאָר ניט. גאָט איז אַלעס — אַלזאָ איז דער מענש מיט דער גאַנצער

ווירקליכער וועלט מיט איחם גאר ניט — — ווער עס זאגט אין דיזען געהיימניספולען אלפאבעט: א', מוז אויך ת' זא־גען; און ווער עס וויל גאט בעטען, מוז אויפגעבען זיין פריי־הייט און מענשליכקייט. ווען גאט עקזיסטירט איז דער מענש א שקלאף."

מיר האבען זיך אבגעשטעלט א היבשע וויילע אויף באַ־קונין'ען, ווייל דאס איז דער פארגיפטעטער ברונען פון וואַ־נען עס האבען געטרונקען און טרינקען יעצט אזוי פיעל אי־דישע זיהן און טעכטער. דאס איז דער ניהיליסטישער סם־המות וואס האט אונז שלעכטס געטהאן מעהר ווי אלע שמד'ן. קינדער פון דער אייביגער נאציאן האבען פאר־ווארפען תורת משה פאר דער לעהרע פון באקונין! און עס איז נאך ניט געענדיגט. דאס יודענטום אין רוסלאנד און אין מזרח־אייראפא האט נאך א שווערען קאמפף מיט דעם ניהיליזם, אין וועלכען עס איז פארקערפערט דער עקסטרים־סטער מאטעריאליזם. דער פעסט פון ניהיליזם האט דער־גרייכט, אויסער סאציאליסטען, אויך אנדערע צווייגען פון פאלק. עס זיינען פאראן פיעלע וואס אבוואהל זיי נעהמען ניט אן די סאציאליסטישע זייט פון ניהיליזם, האבען זיי אבער אנגענומען זיין גענגערשאפט צום גלויבען, זיין מא־טעריאליסטישען פאנאטיזם און זיין אנשויאונג פון "גאר־ניט"...

רוסישער איינפלוס אויף די משכילים

חיינריך היינע האָט געזאָגט דאס שרעקליכע וואָרט: ווי עס קריסטעלט זיך אזוי אידעלט עס זיך. דאס איז די טראַגעדיע פון אַ פאָלק וואס איז צושפרייט אין פערשידענע לענדער און איז אויסגעזעצט צו פיעלע פרעמדע איינפלוסען וואס קומען איהם אראָבפיחרען פון זיין אייגענעם וועג. און דאס איז איינע פון די אונגליקען פון גלות.

דער נייעצעהנטער יאהרהונדערט וועלכער איז געווען אַ יאהרהונדערט פון צוברעכען און פערניכטען אין דעם אידישען לאַגער איז געווען אויסגעזעצט צו צוויי בעוועגונגען וועלכע זיינען אייגענטליך געווען בעזונדערע. זיי האָבען זיך אבער ענדליך צוזאַמענגעשלאָסען אום צו מאַכען אַ חורבן אין יודענטום. איין בעוועגונג איז געקומען פון בערלין און די צווייטע פון מאָסקווא. פון בערלין איז געקומען דער משכיליזם און פון מאָסקווא איז געקומען דער מאַטעריאַליזם, דער גרעסטער שונא פון רעליגיאָן און פון גייסט.

די משכילים פון גאַליציען און פון פוילען און רוסלאַנד האָבען גענומען זייערע אידעען פון דייטשלאַנד. אפילו די משכילים פון ווילנא און פון אַנדערע רוסישע צענטרען האָבען געהאַט אַ קליינע פערבינדונג מיט דער רוסישער ליטעראַטור פון דעם אָנפאַנג פון נייעצעהנטען יאהרהונדערט. די ליעבלינגס־דיכטער פון די משכילים זיינען געווען שילער און געטהע, און די השכלה פערשפרייטער אין אדעס האָבען געגלויבט אַז די השכלה קען ביי אידען ניט ווערען איינגעפלאַנצט ווי נאָר דורך דייטש און ניט אומזיסט איז יעדער משכיל אָנגערופען געוואָרען אַ בערלינטשיק.

אבער סוף כל סוף האָט די רוסישע ליטעראַטור אָנגעפאַנגען צו אויסאיבען איהר איינפלוס אויף די משכילים פון רוסלאַנד. ניט נאָר האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בעווייזען אידישע שריפטשטעלער וואס האָבען געשריבען רוסיש נאָר דער רוסישער גייסט האָט זיך געלאָזט מערקען שטאַרק אין

דער העברעאישער ליטעראטור און אזוי ווי אין יענער צייט, אין די זעכציגער יאָהרען, האָט זיך אין דער רוסישער מדינה אָנגעפאנגען ברייט צו פערנאַנדערוואקסען דער מאטעריאַליזם דורכ'ן ניהיליזם און סאָציאַליזם האָט מען באלד דער־הערט דעם שווערען קול פון מאטעריאַליזם אין דער אידישער גאס — צום ערשטען מאָל אין דער אידישער געשיכטע!

אין א פּאָאר יאָהר נאכדעם ווי עס איז ארויס טור־געניעוו'ס ראָמאַן "די טאַטעס און די קינדער" האָט שלום יעקב אבראַמאָוויץ, דער שפּעטערדיגער מענדעלי מוכר ספרים, ארויסגעגעבען א בוך אין העברעאיש אונטער דעמ־זעלבען נאָמען. דער אינהאַלט פון בוך איז דערזעלבער זמר פון דער השכלה: די טאַטעס זיינען פינסטערע צבוע'קעס און גאָר קיין מענשען ניט אבער די קינדער, די משכילים, זיינען שעהן און גוט. קיין שטאַרקע סימנים פון מאטעריאַ־ליזם איז נאָך אין דעם בוך ניטאָ.

אין יענער צייט איז ארויס אויף דער סצענע אורי קאָוונער, א מענש וואס האָט זיך נאכדעם גע'שמד'ט און געוואָרען א רעגיערונגס־בעאמטער. קאָוונער איז ארויסגע־טרעטען שאַרף און ביטער געגען יעדער זאַך וואָס ברייננט ניט אין לעבען קיינע נוצען, מאטעריעלע נוצען. דער גרעס־טער אונגליק לויט זיין מיינונג זיינען די מלמדים. כל זמן עס וועלען זיין מלמדים וועט דאס אידישע פאָלק ניט קענען געהאָלפען ווערען. אלע אידישע ספרים בילדען צוזאמען, לויט קאָוונער'ס מיינונג, "איין בארג פון נארישקייטען" און די נייע ליטעראטור, האָט קאָוונער גע'טענה'ט, איז אויך ניט בעסער ווייל זי עוסק'ט אין נאַרישקייטען. אלעס וואס פיהרט ניט צו קיין מאַטעריעלע נוצען האָבען אויסגעזעהן אין די אויגען פון קאָוונער אלס נאַרישקייטען.

אין דער זעלבער צייט האָט דער העברעאישער פּאָעט יהל"ל זיך אויך גענומען צו פּרעדיגען מאטעריאַליסטישע אידעען, און אין זיינע שורות הערט איהר דעם אָבקלאַנג פון רוסישען מאטעריאַליזם און רעאַליזם און דעם חשק צו פערוואַרפען יעדער זאַך וואס קען ניט ארויפגעלייגט ווערען אויפ'ן וואָגשאָל פון נוצליכקייט, ווייל ס'איז גאָר ניט ווערט. מען דאַרף קיין זאַך ניט לערנען — אָט דיזער רעיון פלעגט

זיך דורך צווישען די שורות — וואס זאָל ניט ברייננען די מזומנים אָדער וואס זאָל ניט פארגרעסערען די טעכנישע איינריכטונגען פון דער געזעלשאפט. אין דער דאָזיגער פראָ־פאגאנדא איז געלעגען א פערראורטהיילונג, א פערדאמונג פיר אַלע אידישע ספרים, פיר דער גאנצער אידישער ערצי־הונג און פיר דעם גאנצען אידישען קולטורעלען לעבען, ווארום אויב דאס ברייננט ניט קיין נוצען און דאס בויט ניט קיין באהנען און טעלעגראפען א. ז. וו. טו וואס פיר אן עקזיסטענץ בערעכטיגונג האָט עס ? !

אין דיזען שטאנדפונקט איז פאראן א מורא׳דיגע אפּאָ־זיציאָן צום יודענטום. אַלע ווייסען אז פון דעם שטאנד־פונקט פון נוצען איז ניטאָ קיין אָרט פיר א אידישע ערצי־הונג, פיר לערנען אידישע ספרים, פיר אָבגעבען זיך מיט אידישע למודים אין אַלגעמיין. די אַלע ענינים זיינען קיינ־מאָל נוצליך ניט געווען און וועלען קיינמאָל נוצליך ניט זיין פאר די וואס זוכען אויף דער וועלט נאָר נוצען. ווען אידען לערנען איז עס ניט דערפאר וואס דאס וועט זיין א צוועק פיר געלד־פערדינען אָדער עהנליכע זאכען, עס ווערט גע־לערנט צוליעב לערנען גופא, צוליעב דעם אינערליכען ווערטה פון דעם לערנען, צוליעב דעם אידעאַלען זייט פון דער תורה. דאס לערנען און די אידישע קולטור איז געווען פערעכענט פון אייביג אָן זייט טויזענדער יאָהרען אַלס א גייסטיגע זאך וואס מאכט דעם מענשען העכער און שעהנער, אַלס א פערפאָלקאָמונג פון דער נשמה. "אז דריי זיצען ביי איין טיש — זאָגט די משנה — און עס איז ניטאָ צווישען זיי קיין תורה איז אַלץ איינס ווי זיי וואָלטען געגעסען פון זבחי־מתים". דאס קען נאָר געזאָגט ווערען ווען מען קוקט אויף דער וועלט פון דעם אידעאַליסטישען שטאנדפונקט, ווען מען קוקט אבער מיט א מאטעריאַליסטישען בליק איז דאס עסען אליין דער העכסטער צוועק און איבערצושלאָגען דעם עסען מיט גייסטיגע ענינים איז ניט נאָר א נארישקייט נאָר אפשר א פארברעכען אויך.

אין דער פלוצלונגער פראָפאגאנדא פיר נוצליכקייט איז אין אמת׳ן ניט געווען קיין נויטיגקייט פון עקאָנאָמישען שטאנדפונקט. ווארום אין אמת׳ן זיינען צווישען אידען גע־

ווען אלערליי סאָרטען בעלי־מלאכות וואס נאָר א געזועל־שאפט דאַרף האָבען. אלעס וואס די אידישע שטעדטעל אָדער שטאָדט האָט בעדאַרפט האָבען איז געוואָרען געמאַכט דורך אידישע הענד. אידישע טעסליארס האָבען געבויט הייזער, אידישע מוליארעס האָבען געמאַכט די אויוועגס, אידישע שניידער און שוסטער האָבען געקליידט און געשוכט דער בעפעלקערונג, און אידישע שמיעדען און סליאָסארעס, און טאָקערס האָבען געארבייט ניט נאָר פאר'ן שטאָדט נאָר אויך פאר דער גוי'שער בעפעלקערונג פון די דערפער און אזוי איז אויך געוועזן דער פאל מיט שוסטער און שניידער פון וועלכע א טהייל פלעגען זאָגאר ארומגעהן איבער די דערפער צו נייהען פיר די פויערים. וואס האָבען דאָ די משכילים אויסגעקלעהרט פיר א "נייעס" וועגען מלאכות מיט וועלכע די אידישע גאַס איז פול געוועזן? דער ענטפער איז קלאָר: דאס האָט מען ניט געמיינט צו הויבען די מלאכות ווי צו ארָאבוואַרפען דעם לערנען. עס האָט געמיינט די נעגאַטיווע האלטונג פון די שפעטערדיגע משכילים צו די אידישע למודים, צו די אידישע ספרים, צו דעם גאַנצען אָבגעבען זיך מיט גייסטיגע זאַכען אויך וועלכע די "כשרון המעשה'ניקעס" האָבען געקוקט מיט פעראַכטונג אלס אויף בטלנות וואס דאַרף ניט עקזיסטירען, ווייל זיי ברייגגען קיין "נוצען" ניט איין. דאס האָט געמיינט אַן אַנזאָג אז עס קומט א נייע צייט אין דער אידישער געשיכטע, א צייט ווען אלעס וואס ביי אידען איז הייליג וועט ווערען ערקלעהרט אז מען דאַרף עס ניט, ווייל מען קען פון דעם גאָר ניט האָבען...

ארום יענער צייט האָט אויך אָנגעפאנגען צו ערשיינען די ערשטע סאָציאַליסטישע בלאַט פאר אידען. דאס איז געוועזן דער "האמת", וועלכער האָט זיך געדרוקט אין העב־רעאיש. דער זשורנאַל האָט ניט פארפעהלט אָנצוזאָגען אין ערשטען נומער אז ער ערשיינט אין העברעאיש ניט דערפאַר וואס די ארויסגעבער האָבען ליעב זייער פאָלק, נאָר ווייל די אידען לעזען אממעהרסטען העברעאיש האָט דער "האמת" געמוזט צו זיי ריידען אויף זייער לשון. דער "האמת" נאַ־טירליך איז געשטאַנען אויף אַן עקסטרים מאַטעריאַליסטי־שען שטאַנדפונקט און אין די פּאָאר נומערן פון "האמת"

איז אויך פאראן א ליעבעס־געזאנג פיר מאקיאוועלי און מאקיאוועליזם.

אין ליליענבלום׳ס ארויסטריט אין זיין ״חטאת נעורים״ איז אויך פאראן די קלאָרע סימנים פון דעם נייעם גייסט וואס די השכלה האָט אָנגענומען אונטער דעם איינפלוס פון דעם רוסישער ליטעראטור. ליליענבלום, וועלכער איז שפּע־טער געוואָרען איינער פון די פיהרער פון דער נאציאָנאל־בעוועגונג איז איבערהויפּט אויפגעבראכט געווען אויף דעם וואס מען לערנט איבריגע זאכען, ער האָט נאָכאנאנד גע־שריען אז מען האָט אין איהם דערשטיקט דאס לעבען און אז די אידישע גאס פערלאָזט דאס וואס עס איז נוצליך. דער ראָמאַנטיזם און אידעאליזם פון די פריהערדיגע משכילים האָט זיך אונטער דעם רוסישען איינפלוס פערוואנדעלט אין רעאליזם און מאטעריאליזם. מען האָט אָנגעפאנגען מעסטען אלעס מיט דעם ארשין פון חנאת האָבען.

אין רעכטען מיטען פון דער דאָזיגער שטרעמונג האָט זיך געלאָזען הערען די שטימע פון א שריפטשטעלער וואס האָט פערטראָטען ניט בלויז די אידעאליסטישע שטרעבונג געגען דער נייער מאטעריאליסטישער וואס האָט זיך אָנגע־פאנגען איינצוואָרצלען אין דער העברעאישער ליטערא־טור נאָר ער האָט אויך פערטראָטען — וואונדער איבער וואונדער — דאס אָרטאָדאָקסישע יודענטום! דאס איז גע־ווען יחיאל מיכל פינס, וועלכער האָט ערקלעהרט אז ״די אידישע רעליגיאָן וועט עקזיסטירען אויף אייביג אזוי ווי יעדער גערעכטע אידעע וועלכע מוז אויפשטעהן אפילו ווען זי פאלט זיבען מאָל״. דאס זיינען געווען ווערטער וועלכע האָבען ניט הארמאָנירט מיט דער השכלה אזוי ווי עס האָבען ניט הארמאָנירט מיט איהר די אידעען פון שמואל דוד לוצא־טא וועלכער איז געשטאנען פעסט פיר דאס יודענטום. דער־פאר האָט לוצאטא ניט פערנומען ביי די משכילים דעם פּלאַץ וועלכען ער פערדיענט און יחיאל מיכל פינס איז טויט־גע־שוויגען געוואָרען. עס איז ניט געווען אין דער חשכלה לי־טעראטור קיין פלאַץ פיר דעם וואס האלט מיט׳ן יודענטום.

וואס, אלזא, האָט די חשכלה געגעבען דעם אידישען פאָלק זייט זי האָט זיך אָנגעפאנגען צו ענדע פון אכצעהנטען

יאהרהונדערט ביז די זעכציגער און זיבעציגער יאָהרען פון נײנצעהנטען יאהרהונדערט? וואס האָט זי געשאַפען?

געשאַפען האָט זי גאָר ניט און צושטערט האָט זי א סך. זי האָט אויף איהר חשבון א סך שאָדען און גאָר קיין פּאזיטיווען. זי האָט זיך געשטעלט נעגען אַלעס וואס איז אידיש, האָט ארויסגעריסען און בעוואָרפען מיט שמוץ דאס אידישע לעבען, האָט ניט געפונען אין אידישען לעבען קיין גאַנצע און גוטע זאַך. זי איז געווען בלינד און האָט ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך פאר איהרע אויגען. אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז אויך ניטאָ וואס צו ריידען וועגען קונסט. בלינדע מענשען קענען קיין קונסט ניט שאַפען.

עס איז מערקווירדיג אז ווערהענד איהר קענט נאָך היינט לעזען מיט פערגעניגען די גרויסע מייסטערווערק פון פאָריגען יאהרהונדערט וואס זיינען געשאַפען געוואָרען ביי די אומות העולם קען מען אין דער העברעאישער ליטעראַטור פון יענער צייט זעהר זעלטען געפינען עטוואס וואס א היינטיגער מענש קען נעהמען אין האַנד אריין. דער דור־ההשכלה איז געווען ניט נאָר א דור אָהן אידישקייט נאָר עס איז אויך געווען א דור אָהן שאַפענדע קרעפטען. עס איז געווען אַ דור שרייבער וואס האָט פיינד געהאַט דאס פאָלק און דאס פאָלק האָט איהם עהרליך געצאָהלט מיט דערזעלבער מטבע און האָט איהם פיינד געהאַט. די השכלה ליטעראַטור איז ניט געווען, ווי ליטעראַטור דאַרף זיין, אַן אויסדרוק פון פאָלקס־נשמה, עס איז געווען גיכער אַ "דאנאָס", אַן אנגריף אויפ'ן פאָלק פון אַ שונא. דער פאָלקס־וואונש איז ניט געווען פערטראָטען אין דאס וואס די שרייבער האָבען געשריבען, די פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע האָט זיך ניט אָבגעשפּיגעלט אין קיין זאַך וואס עס איז געשריבען געוואָרען, דאס פאָלק האָט אין דער ליטעראַטור ניט דערקענט זיין פנים, ער האָט געזעהן עפּעס אַ העסליכע קאריקאַטורע געצייכענט מיט גיפט וועלכע די שרייבער האָבען איהם אונטערגעטראָגען אלס זיין בילד און ער האָט זיך דערפון אָבגעקעהרט.

מיר טרעטען יעצט צו צו די נאַציאָנאַלע משכילים פון פּרץ סמאָלענסקין און ווייטער. מיר וועלען זעהן וואס האָבען זיי פיר דאס פאָלק געשאַפען.

מאָזעס העסס און פּרץ סמאָלענסקין

פּרץ סמאָלענסקין איז געווען דער ערשטער נאַציאָנאַלער משכּיל. דאָס מיינט ניט, אז ער איז געווען דער ערשטער משכּיל וואָס איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַליסט. פריהער פאַר איהם איז מאָזעס העסס, וועלכער איז געווען אַ קאָמוניסט און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו זיין פאָלק, ארויסגע־טרעטען מיט זיין בוך "רוים און ירושלים" אין וועלכען ער רופט די אידען צו אַ נאַציאָנאַלע בעוועגונג אויפצובויען ארץ־ישראל.

אָבער מאָזעס העסס ווערט ביי מיר ניט אריינגערעכענט אין דעם חשבון פון נאַציאָנאַלע משכּילים דערפאַר ווייל ווען ער איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַליסט איז ער געוואָרען אויס משכּיל, דאָס הייסט, ער האָט זיך ענטזאגט פון דעם עיקר אויף וואָס די "השכלה" שטעהט, ער האָט זיך ענטזאגט פון דער אויפגאַבע מבטל צו זיין אָדער בעקעמפפען דאָס רעלי־גיעזע אידישע לעבען. ניט בלויז האָט מאָזעס העסס, ווען ער האָט ארויסגעגעבען זיין "רוים און ירושלים", ניט אָנגע־גריפען דעם פרומען אידען, נאָר פארקעהרט, זיין גאַנצער בוך איז פול מיט ליעבשאַפט צו די אידישע הויז, וואו עס ווערט אָבגעהיט דאָס גאַנצע אידישקייט, אַלעס וואָס ער דערצעהלט פון זיין יוגענד, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין אַ ריין־אָרטאָדאָקסישע אַטמאָספערע, איז דורכגעדרונגען מיט בעגייסטערונג פיר דעם אַלטען אידישען לעבען.

נאָכמעהר: מאָזעס העסס רעדט מיט פריינדשאַפט פון חסידות. ער געפינט, אז די חסידים קענען בילדען אַ גרויסע קראַפט אין דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג. און ריידענדיג וועגען אָרטאָדאָקסישען יודענטהום זאָגט ער: "ווען אימי־צער קעהרט אום זיין רוקען צו טראַדיציאָן רייסט ער זיך ווירקליך אָב פון יודענטום אליין און פון זיין נאַציאָנאַלען אינהאַלט". אַ מענש וואָס שרייבט אַזעלכע ווערטער איז

ניט מעהר קיין משכיל, ווייל ער האָט דערמיט געלייקענט דעם גרונד פון השכלה. דער ערשטער נאַציאָנאַלער־משכיל איז דארום געווען ניט מאָזעס העסס, נאָר פּרץ סמאָלענסקין.

ביי סמאָלענסקין איז דער משכיל געבליבען זיצען צו־זאמען מיט דעם נאַציאָנאַליסט. דער משכיל אין סמאָלענ־סקין איז נאַטירליכערווייזע געקומען פריהער ווי דער נאַ־ציאָנאַליסט. ער האָט אָנגעפאַנגען אזוי ווי אַלע אנדערע משכילים מיט פאַראַכטונג צו די אידישע פאָרמען פון לע־בען. און ווען ער איז געוואָרען נאַציאָנאַליסט האָט ער זיין שטעלונג און האלטונג צו אידישקייט ניט געביטען. אן אגיטאַציאָן פיר אידישען נאַציאָנאַליזמוס און א מלחמה געגען אידישקייט זיינען ביי איהם געגאַנגען אויסגעמישט צוזאַמען און ער האָט וואהרשיינליך ניט געפיהלט ווי עס קעמפּפען אין זיין נשמה צוויי קאָנטראַסטען. ער האָט גאָר ניט געפיהלט, אז ער האָט ניט די גאַנצקייט פון דעם אָרטאָ־דאָקסישען אידען און ער האָט אויך ניט די גאַנצקייט פון דעם משכיל. ער איז א מענש וואָס הייננט צווישען צוויי וועלטען און בעלאַנגט ניט צו קיינער. אזוי איז אויך דער שיקזאַל פון יעדען נאַציאָנאַלען משכיל פון סמאָלענסקין ביז היינט. זיי זיינען צוריסען אין זייערע נשמות און צוטהיילט אין זיך אַליין.

די משכילים ביז סמאָלענסקין זיינען געווען גאַנצע מענ־שען און האָבען געהאַט א גאַנצע פאַלשטענדיגע שיטה; דאָס איז, אמת, געווען א קרומע שיטה, א פאַלשע, א ניט־אידישע, א ניט־עהרענווירדיגע, אָבער א שיטה איז עס געווען, זי האָט געשטימט פון אָנפאַנג ביז'ן סוף, עס איז געווען א שיטה וואָס האָט ניט ענטהאַלטען קיינע קאָנטראַסטען, קיין פייער מיט וואַסער צוזאַמענגעמישט, אַלעס איז געווען קלאָר. די משכילים זיינען געווען אסימילאַטאָרען און האָבען גע־וואָלט ארויסשלעפּען דעם אידען פון זיין אייגענעם סאָרט לעבען אין דער אידישער גאַס, זיי האָבען פעראַכטעט די אידישע מנהגים, האָבען בעלאַכט דעם אידישען "שטאַאט", האָבען מבזה געווען די רבנים, די אידישע ערציהונג, האָבען געהאַלטען, אז דאָס אַלעס דאַרף ווערען אָבגעשאַפט, אָב־געראָמט ווי מען ראָמט אָב אַלטע שמאַטעס און אז די אידען

דארפען אָנפאנגען צו לעבען "ווי עס דארף צו זיין", עס הייסט, ווי גוים, סיי אין די אויסערליכע פאָרמען פון לעבען, סיי אין דער שפּראך. קורץ: עס איז ניטאָ אין דער "געטאָ" קיין זאך וועלכע מען זאָל דארפען שאנעווען און דארום דארף מען פון אלעס וואָס איז פארבונדען מיט דער אידישער גאס ווייכען און פארגעסען און מען דארף זיך בעסער אָבגעבען מיט דאָס וואָס עס ברייננגט "נוצען".

ווי איהר זעהט איז עס א שטאנדפונקט. ווי עמפערט מיר זאָלען ניט ווערן פון אזא שטאנדפונקט, ווי עס זאָל אונז ניט ברענען די הארץ אויף אזא אורטהייל אויף אלעס וואָס איז ביי אונז הייליג, קענען מיר אָבער ניט לייקענען, אז ביי דיזע מענשען איז געווען אן אויסגעהאלטענע לאָגיק: זיי האָבען געוואוסט, אז די אידישע היסטאָריע האָט שוין לאַנג אָבגע'פסק'נט, אז דער יסוד פון דער אידישער נאציאָן איז דאָס יודענטום, דאָס הייסט, די אידישע רעליגיאָן. זיי האָבען געוואוסט, אז די ליעבשאפט, דער רעספּעקט און די איבערגעבענהייט צו די אידישע ספרים, צו די אידישע דינים און מנהגים איז דער יסוד פון דעם אידישען פאָלקס לעבען. און אזוי ווי זיי, די משכילים, האָבען פארלאָרען די ליעבשאפט, דעם רעספּעקט צו דיזע אלע זאכען אין וועלכע עס הייננגט אָב דאָס לעבען פון דער אידישער נאציאָן, האָבען זיי ניט מעהר פיר וואָס זיך צו קימערן.

סמאָלענסקין אָבער איז געווען דער ערשטער פון די משכילים וואָס האָט אָבגעבראָכען דעם השכלה-גאנג אין מיטען. ער איז ניט דערגאנגען ביז די לאָגישע אויספיהרונגען פון דער השכלה און האָט אויך ניט געוואָלט פערווארפען די יסודות פון דער חשכלה, ער איז דערפאר געבליבען אין דער לאגע פון א מענשען וועמען עס פעהלט א פונדאמענט אויף וועלכען ער זאָל קענען בויען א פעסטע אנשויאונג, און אין וועמעס הארץ עס מוז פעהלען יענע אחדות וועלכע איז נויטיג אין לעבען. סמאָלענסקין איז געווען געגען דאָס אידישע לעבען, וואָס איז געווען געבויט אויף די אידישע טראדיציאָנען, אויף דער אידישע געשיכטע, אויף די גאנצע פערגאנגענהייט פון די פריהעריגע דורות, אויף דער אידישער אמונה און האָט ניט געוואָלט קומען צום בעשלוס, אז מען

דארף דארום מיט די גאנצע אידישע ענינים זיך ניט אָבגעבען. ער האָט געזאָגט כמעט דעם גאנצען אלף־בית פון דער השכלה, נאָר ער האָט ניט געוואָלט זאָגען דעם תיו. און פון דער אנדער זייט האָט ער געערדט פון ליעבשאפט צו דער אידישער נאציאָן, פון א נאציאָנאלען געפיהל און האָט ניט פארשטאנען, אז אויב מען האָט ליעב די נאציאָן האָט מען ליעב איהר טראדיציאָן, און אז אויב מען האָט א נאציאָנאלען געפיהל מוז דיעזער געפיהל זיין אנגעבונדען אין דעם נאציאָנאלען לעבען און דאָס נאציאָנאלע לעבען פון אידען איז קיין אנדערער ווי דער אָרטאָדאָקסישער, ווי דער רעליגיעזער אָדער ריכטיגער : ווי דער אידישער לעבען. ווייל די איינציגע וועג אין וועלכען דער נאציאָנאלער געפיהל, דער נאציאָנאלער געדאנק און די נאציאָנאלע אידישע נשמה האָט זיך אויסגעדריקט פון אברהם אבינו ביז היינטיגען טאָג איז — די וועג פון תורה און פון מצוות, די וועג פון אידישקייט, וועלכען סמאָלענסקין האָט צוזאמען מיט אנדערע משכילים בעקעמפפט.

ער האָט ניט געוואוסט און ניט געפיהלט, אז ווען ער גרייפט אָן דאָס אידישע לעבען, די מלמדים וואָס האָבען טריי איבערגעגעבען פון איין דור צום צווייטען די אידישע לעהרע אין וועלכער עס הייגגט אָב דאָס לעבען פון אונז אלס פאָלק, די רבנים וואָס האָבען געהיט אז די נאציאָנאלע אידישע נשמה זאָל ניט אונטערגעהן און האָבען נאכאנאנד אָנגעצונדען דאָס ליכט פון דער תורה, די פרומע אידען וואָס האָבען מיט זייער פייעריגען גלויבען בעזיעגט אלע שונאים— ווען ער גרייפט אָן דיעזע אלע זאכען שטעכט ער די אידישע נאציאָן אין הארצען. סמאָלענסקין, דער משכיל, וואָס האָט געוואָלט ווערען א נאציאָנאליסט, האָט געמעגט איינקוקען אין פאָלגענדע ווערטער פון מאָזעס העסס :

"איהר, וועלכע ערקלעהרט, אז די דינים און מנהגים פון "אונזערע חכמים זיינען נאַרישע אויסטראכטונגען, זאָגט "מיר, איך בעט אייך, וואָס וואָלט געוואָרען פון יודענטום "און פון די אידען, אויב זיי וואָלטען ניט, דורך די איינ־"פיהרונגען פון די תלמודישע חכמים, געמאכט א צאם ארום "דער רעליגיאָן, אום צו בעשיצען עס אין די שפעטערדיגע

"יאָהרען ? וואָלטען זיי געקענט עקזיסטירען אכצעהן הונ־
"דערט יאָהר און שטעלען זיך אנטקעגען די קריסטליכע און
"מחמד'נישע ציוויליזאציאָנען ? וואָלטען זיי שוין ניט פאר־
"שוואונדען לאנג צוריק פון דעם פנים פון דער ערד, אויב
"זיי וואָלטען ניט — — — אויב זיי וואָלטען ניט געשאפען
" — — — א הייליגע טעריטאָריע פיר זייער עקזיסטענץ
"און א באָדען אויף וועלכען זיי זאָלען זיך קענען האלטען ?

ד אָ ס האָט סמאָלענסקין ניט געקענט פארשטעהן. די ערהאבענקייט פון דעם אידישען לעבען אן און פיר זיך, די פאָעזי פון דער אידישער הויז, די הויכע קולטורעלע אידעא־לען אויף וועלכע דער אידישער טאָג־טעגליכער לעבען פון אידען איז געגרינדעט — האָט ער געוויס ניט פארשטאנען, ער האָט ניט געוואָלט אויפגעבען קיין פונקט פון דער השכלה טראָץ דעם וואָס ער האָט הייס און עהרליך געליעבט זיין נאציאָן און ווי עס צייגט אלס ביישפיעל שוין זיין ערשטער אויסגוס פון נאציאָנאלע געפיהלען אין דעם ערשטען נומער פון "השחר". סמאָלענסקין האָט געזעהן אין וויען א פאראד און דאָס האָט איהם געבראכט צו פאָלגענדע געדאנקען :

אָ, אומגליקליכער, וואו איז דיין לאנד, דיין פאטער־לאנד ? ווען איך וואָלט געהאט א פאטערלאנד אין דער וויי־טען — — — איידער צו זיצען אין כל טוב אין א פרעמדע לאנד. — — — ווען אפילו איך זאָל זיצען אין פאלאצען פון גאָלד, זאָל איך פארגעסען ברויט צו עסען, אויב איך וועל דיר פערגעסען ירושלים.

אזוי האָט זיך עס אויסגעדריקט סמאָלענסקין'ס נאציאָ־נאלער געפיהל אין א קלאָרע ליעבשאפט פאר ציון נאָך איי־דער די פאָגראָמען אין רוסלאנד זיינען געקומען. און ווי ווילד קומט עס אויס אין דעמזעלבען נומער פון "השחר", גלייך מיט די אויבענגעבראכטע שורות, די ערקלעהרונג פון סמאָלענסקין וועגען דעם צוועק פון "השחר" אין וועלכער ער רעדט מיט עכט־משכילישען לשון וועגען די "פינסטערלינגע" די "מורדי אור", די "ערד־קריכער" א. ז. וו. און דאָן קומען די אלע בעקאנטע פראזען וועגען "עפענען בלינדע אויגען, וועלכע האָבען ניט געזעהן דעם ליכט פון חכמה" און עהנליכע השכלה־שטאָף.

די אידען וואָס היטען אידישקייט טהיילט איין סמאָ־לענסקין אין דעם דערמאָהנטען ארטיקעל אין צוויי טהיילען: די פארפיהרער מיט וועמען ער געהט מלחמה האלטען, און די פארפיהרטע, וועלכע זיינען גאָר ניט שולדיג, "וואָס די חכמה געהט ניט אריין אין זייערע טויערען". די פארפיהרער "באצווינגען די נאראָנים מיט זייער ביטרעקייט, ווייל דורך דעם איז פעט זייער חלק" א. ז. וו.

דאָס הייסט, אז די גאנצע אידישע גאס ווערט איינגע־טהיילט אין שווינדלער און נאראָנים, די וואָס דארפען ווערען באקעמפפט און די וואָס דארפען ווערען בעדויערט. אז עס זיינען פאראַן אידען וואָס זיינען קיינע שווינדלער און קיינע נאראָנים, נאָר עהרליכע מענשען וואָס פיהרען זיך שעהן, וואָס פיהרען זייערע געשעפטען, טוען זייער ארבייט און פארברייננגען זייער לייזיגע צייט אין תורה, און אז דיעזע מענשען שטעהען אויף קיין פאל ניט ניעדריגער, אויב ניט העכער פון אירגענד וועלכע אנדערע סאָרטען מענשען ביי אירגענד וועלכען ציוויליזירטען פאָלק — ווענען דעם איז גאָר סמאָלענסקין ניט איינגעפאלען. און וואָס איז דאָס די "חכמה" וואָס די אידען לאָזען ניט "אריין אין זייערע טויע־רען", איז אויך ניט קלאָר. קלאָר איז נאָר איין זאך: אז די אידען וואָס האלטען אידישקייט טויגען ניט

שפּאַלטען דאָס יודענטהום אין צווייען

דער מאָמענט ווען א טהייל פון די משכילים האָבען זיך פאַרקירעוועט אויף א נאַציאָנאַלען וועג איז אזוי וויכטיג אין דער אידישער געשיכטע אז מיר מוזען זיך פערהאַלטען ביי איהם א ווײַלע. עס וועט אונז שטאַרק צוניץ קומען אין אונזערע וועיטערדיגע בעטראַכטונגען.

עס ווערט געוועהנליך געזאָגט אז די יעניגע משכילים וואָס זיינען געוואָרען נאַציאָנאַליסטען האָבען עס געטהאָן אונטער דעם איינפלוס פון די פּאָגראָמען פון 1881, ווען מען האָט איינגעזעהן מיט וואָס מען האָט אין רוסלאַנד בעצאָהלט פאַר די אסימילאַציאָנס שטרעבונגען. דאָס איז אָבער ניט אין גאַנצען ריכטיג, און דיזע מיינונג טהוט אן אונרעכט צו יענע משכילים ביי וועמען די נאַציאָנאלע ליעבשאַפט האָט זיך אויפגעוועקט פון אינעווייניג אָהן א שטויס פון דרויסען. וואָרום אָבוואָהל עס איז אמת אז די נאַציאָנאַלע בעוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אין לאַגער פון די משכילים ערשט נאָך די פּאָגראָמען, האָבען זיך, אָבער געפונען אַ צאָהל משכילים וואָס האָבען פריהער גענומען זוכען דעם וועג צום פאָלק.

די אורזאַכען פון דיזער ערשיינונג זיינען ניט שווער צו געפינען. די השכלה האָט שוין ארום דעם מיטען פון נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט בעוויזען די שלעכטע פרוכט וואָס זי האָט געבראַכט. איבערהויפּט האָט מען עס שוין געקענט דייטליך זעהן אין די מקומות וואו מען האָט שוין אין א גרויסער מאָאָס אוועקגעוואָרפען די תורה און פיעלע יסודות פון דעם אידישען לעבען. און די משכילים וואָס זיינען מגולגל געוואָרען אהין, האָבען זיך פּלוצלונג געפונען ענטטוישט פון דער "השכלה בת השמים" ווען זיי האָבען דערזעהן איהר אמת'ע צורה.

אזוי האָט דערפיהלט משה ליב ליליענבלום ווען ער איז

געקומען פון ווילקאָמיר קיין אדעס. די ווילקאָמירער אידען האָבען ביי איהם אויסגעזעהן ווי פּראים, ווי מענשען וואָס זיצען אין שטאָק־פינסטערניש, חושך׳דיגע ברואים, "פּלע־דערמייז" (דאָס איז געווען דער נאָמען מיט וועלכען די משכילים פלעגען אם ליעבסטען אָנרופען די פרומע אידען) און ער האָט זיך אוועקגעלאָזען אהין ווייט אין אדעס וואו עס וואָהנען די מענשען וואָס "די ליכט פון השכלה שיינט אויף זיי" און זיין פאַנטאַזיע האָט פאַרגעשטעלט הערליכע ביל־דער וועגען די גליקליכע מענשען וואָס זיינען ניט מעהר קיין קנעכט פון "שלחן ערוך" און זיי "מארשירען אין דער ליכ־טיגקייט פון דער זון". ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָ־רען ווען ער האָט געפונען אַ שטאָדט פול מיט פארשייטקייט אין וועלכער מען האָט זיך ניט געקימערט וועגען אנדערע זאכען אויסער מיט אויסגעלאַסענהייט און קאָרטען־שפּיעלען אין אַ ווילדען געיעג נאָך געלד. ער האָט אפילו ניט געפו־נען געווען בעלנים צו לערנען זייערע קינדער העברעאיש. מען האָט געקוקט מיט פעראכטונג אויף איהם, אויף העברע־איש אזוי ווי אויף יעדער זאך וואָס האָט אַ גייסטיגען אינ־האַלט. צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ליליענבלום דערזעהן ווי אזוי די "וואָס געהען אונטער דער ליכט פון דער השכלה" זעהען אויס און זיינע יסורים זיינען געווען גרויס. "עס איז מיר שוין געווען בעסער — שרייבט ער מיט וועה־טאָג — ווען מען האָט אויף מיר אין מיין שטאָדט געשריען "אפּיקורס", איידער אז מען קוקט דאָ אויף מיר מיט פער־אכטונג און מען שרייט אויף מיר "פאַנאַטיקער"... צום ערשטען מאָל האָט ביי ליליענבלום׳ען אָנגעפאנגען טאָגען אין קאָפּ מיט דעם געדאנק אַז אידעאליזם דארף מען אפשר גאָר זוכען ניט ביי משכילים נאָר ביי די וואָס פיהרען אַ אי־דיש לעבען.

דאָס וואָס ליליענבלום האָט געזעהן אין אדעס האָט סמאָלענסקין געזעהן אין דייטשלאַנד און עסטרייך, וואָהין ער האָט אוועקגעוואַנדערט. דאָרטען איז דער חורבן וואָס די השכלה האָט אָנגעמאכט געווען נאָך פיעל גרעסער ווי אין אדעס. די אונוויסענהייט אין אידישע למודים איז שוין געוועזן געוואַלדיג גרויס. דער געיעג נאָך פערגעניגען אלס

דער איינציגער אידעאַל אין לעבען, איז דאָ געווען גרויס, און די רעפאָרם האָט שוין בעוויזען אז דאָס איז אַ בעוועגונג וואָס פיהרט צום שמד. וואָרום נאָך פריהער האָט שוין היינריך היינע געזאָגט אז די רעפאָרם איז "אן עוואַנגעליש־קריסטענטימכען אונטער אַ אידישער פירמאַ" און ער האָט אויך געזאָגט אז די רעפאָרם מיינט קיין אנדער זאך ווי אז עס פעהלט די רעפאָרמער דער גייסטיגער כח צו היטען אי־דישקייט.

סמאָלענסקין קלאָגט זיך: דאָס רוב פון די פּראָגרעסיס־טען פעראַכטען ניט נאָר חכמת ישראל נאָר אַלע חכמות און וויסענשאַפטען — — דער פּרייז פון אקציעס איז די איינ־ציגע זאך וואָס זיי לעזען אין די צייטונגען — — זיי זיינען נאָך ערגער פון די פּוילישע אידען וועמען זיי פעראַכטען, ווייל יענע האָבען דאָך עפּעס געלערנט און דיזע האָבען גאָר ניט געלערנט. ער לאַכט אָב פון די רע־פאָרמער וואָס האַלטען אים שבת־תשובה א דרשה וועגען ביסמאַרק'ס פּאָליטיק און וועגען נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, מאַכט חוזק פון זייער טעות וואָס זיי האָבען געמיינט אז דורך שפּיעלען און זינגען וועלען זיי פול מאַכען די טעמפּלען, ווערהענד זייערע טעמפּלען זיינען ליידיג טראָץ דעם אָרגעל און די פּוילישע שוהלען זיינען דאָך פול. ער רעדט מיט כעס וועגען די רעפאָרמער וואָס זאָגען אז מען דאַרף ניט קלערען וועגען ירושלים און העברעאיש, און ער זאָגט:

"מען דאַרף דאָך זיין משוגע צו ריידען אזעלכע זאכען "אין דייטשלאַנד צו אזעלכע צוהערער וואָס איז ניטאָ אפילו "איינער צווישען זיי וואָס זאָל קענען לייענען העברעאיש, "און וואָס ביי קיינעם פון זיי געהט קיינמאָל אויף'ן זינען "ניט ארויף צו דערמאָנען זיך וועגען ארץ־ישראל און די "גאולה, ווייל זיי ווייסען גאָר ניט דערפון, ווייל זייער ריידען "און זייער עסען און טרינקען זיינען אַלץ איינס ווי די "גוי'ישע, און ווען עס וואָלט זיי געלינגען אראָבצונעהמען "זייערע נעזער פון זייערע פּנים'ער וואָלט מען זיי ניט דער־"קענט, ניט אין הויז און ניט אין דרויסען, אז זיי זיינען "אידען."

בעטראַכטענדיג די לאַגע אין דייטשלאַנד און אין עסט־

רייך וואו עס איז געווען אזוי שטארק פארשפרייט די השכלה נאָך וועלכער ער האָט אזוי שטארק געביינקט ווען ער איז געווען אין שקלאָוו, קומט סמאָלענסקין צו אומעדיגע מחשבות. ער זאָגט אז די אמונה און דאָס לערנען אין דער תורה האָבען פעראייניגט די אידען, און ער לייגט־צו:

"אָבער איצטער וואָס אין פיעלע לענדער זיינען שוואך געוואָרען די זיילען פון דת, און אפילו שבת און מילה זיינען שוואך געוואָרען, און אויך אָן דער שפראך און אָן די מלבושים און די איבריגע זאכען וועט מען שוין א אידען ניט דערקע־נען, ווער וועט אונז פארזיכערען אז אין דעם דריטען דור וועט עס שוין ניט האלטען דערביי אז זיי זאָלען שוין גאָר ניט זיך דערמאָנען אז זיי זיינען אידען און דער פיערטער דור זאָל שוין פארגעסען פון וואנען ער שטאמט."

* * *

מיינט איהר דאָך געווים אז זעהענדיג דיזע אלע פאק־טען, אז בעטראכטענדיג וואָס עס ווערט פון די אידען וואָס משכיל'ען זיך, וואָס עס איז געוואָרען פון די רעפאָרמער און אנדערע וואָס האָבען פארלאָזען דאָס אָרטאָדאָקסישע יודענ־טום איז סמאָלענסקין געקומען צו דעם איינציגען לאָגישען בעשלוס צו וועלכען מען מוז קומען — נעמליך אז מען דארף מיט אלע קרעפטען פערשטארקען די אָרטדאָקסי און אויפ־וועקען א ליעבשאפט צו אלעם וואָס איז אידיש?!

חלילה! דער משכיל וואָס איז אין איהם געזעסען וועט אזא זאך ניט דערלאָזען. ווי קען מען עס אויפגעבען די מלחמה מיט די פרומע אידען? ווי קען מען עס מיט זיי שלום שליסען? ניין! די הארץ קען איהם ניט שטילען. אָט, למשל, איז געווען ביי אידען דער רמ"א, דער בעריהמטער פוסק, און ער, דער רמ"א, האָט דאָך אונגליקליך געמאכט די אידען... קלאָגט סמאָלענסקין.

"אָ! וויפיעל טויזענדער האָט דער רמ"א שאדען גע־"מאכט מיט זיינע מנהגים פון זינט ער האָט געלעבט ביז "היינטיגען טאָג! וויפיעל פערגעניגען פון שבת און ימים־"טובים האָט ער פארשטערט דורך דעם וואָס ער האָט טריף "געמאכט די מאכלים פון די אָרימע לייט דורך די מנהגים "וואָס ער האָט אויסגעטראכט."

יעצט ווייסען מיר שוין פון וואַנען דער אידישער דלות שטאַמט, ער איז אין דעם שולדיג! ער און ניט קיין אנדע־רער — דער רמ"א!... און דער רמ"א איז ניט דער איינ־ציגער. סמאָלענסקין האָט געמאַכט אַ פולע ערקלערונג וועגען אַלע דינים וואָס זיינען ביי אידען איינגעפיהרט געוואָרען. די פּוסקים וואָס האָבען עס געמאַכט זיינען געווען איינגעטהיילט אין דריי טהיילען: אַ טהייל פון זיי זיינען געזעסען אין די בתי־מדרשים ווי אין די טורמעס און האָבען ניט געקענט אַ לעבעדיגען מענשען וואָס האָט געזעהן די ליכטיגקייט פון דער זון און זיי האָבען איבערגעקעהרט די וועלט אין אַ פּריזאָן צו פייניגען אַלעמען. דער צווייטער טהייל האָט געמאַכט דינים אום צו אויפהויבען זיך איבער'ן פאָלק און וערען די אָנפיהרער, און דער דריטער טהייל איז געווען אַזעלכע וואָס האָבען אריינגעקוקט אין וועלטליכע חכמות, און ווייל זיי האָבען מורא געהאַט אַז מען זאָל צוליב דעם ניט פאַרדעכטיגען זייער פרומקייט, האָבען זיי נאָכאַנאַנד געמאַכט חומרות כדי מען זאָל ניט צווייפלען אַז זיי זיינען פרום.

ווי געפעהלט אייך אַזאַ בעלייכטונג פון אידישע געשיכטע? און אַט האָט איהר די אַלטע חשכלה מיט איהר גאַנצער פיינדשאַפט צום יודענטום ארויסריידענדיג פון סמאָלענסקין'ס מויל: "די פּיעלע געזעצע האָבען געטויטעט יעדעם געפיהל און יעדעם גייסט פון לעבען אין דער הארץ פון פאָלק, און זיי (די געזעצע) האָבען פון זיי (פון די אידען) געמאַכט ווי געצענדינער וואָס קוקען נאָר אויף מעשים און ניט אויפ'ן גייסט, און דורך זיי (דורך די געזעצע) האָבען אידען פאַרלאָרען די תורה און זייער ריינע אמונה."

ווי איהר זעהט האָט דער נאַציאָנאַליזמוס ניט געבראַכט סמאָלענסקין אפילו איין שריט נעהנטער צום יודענטום. ד'ער שמועס אַז די געזעצע האָבען איבערגעפיהרט די תורה און די ריינע אמונה איז אַ ריכטיג רעפאָרמערישער און משכיל'י־שער, וועלכע הייסען אוועקוואַרפען אידישקייט און זאָגען אַז עס איז געגוג עס זאָל בלייבען די ריינע אמונה. די סינ־סינעטער ראַבבים טענה'ן אויך אַזוי.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט דאַרויף ווייל ביז היינטיגען

טאָג שטעהט דער נאַציאָנאַליזמוס אויף דעם שטאַנדפּונקט פון סמאָלענסקין. דאָס הייסט אז קומענדיג נעהנטער צו דער נאַציאָן איז מען ניט מחויב צו קומען נעהנטער צום יודענטום, נאָכמעהר: אז מען קען בלייבען אין אָפּאָזיציאָן צום יודענטום און גילטען אלס הייסער נאַציאָנאַליסט. די הארבע שאלה: ווי אזוי קען מען זיין א נאַציאָנאַליסט ווער־רענד מען פערוואַרפט דאָס הייליגסטע, אין וועלכעם דיין נאַציאָן האַלט זיך? — קען לויט די אידעען פון סמאָלענסקין פאַרענטפערט ווערען אויף אזא אופן: מען קען עס טאָן! ווען מען טהיילט־אָבביידע זאכען איינע פון די אנדערע — די רעליגיאָן און די נאַציאָן — און מען בעטראַכט זיי ניט אלס איין און דאָסזעלבע זאך, נאָר אלס צוויי בעזונדערע זאכען!

מיט אנדערע ווערטער: סמאָלענסקין, וועמעס נשמה עס איז געווען צוריסען אין צווייען, ליעב האָבענדיג די אידישע נאַציאָן און פיינט האָבענדיג דאָס רעליגיעזע אידישע לעבען, האָט אנשטאָט צו מודה זיין אז די שפּאַלטונג איז ביי א י ה ם, א י נ ע ו ו י י נ י ג, צווישען איד און משכיל, ארויפגעוואָרפען די שפּאַלטונג אויף דאָס יודענטום, ערקלעה־רענדיג אז דאָס יודענטום בעשטעהט פון צוויי בעזונדערע טהיילען. זאָגט סמאָלענסקין: מיר דאַרפען לערנען דורך שריפט און וואָרט, מיט אלע מעגליכקייטען צו אָ ב ט י י־ ל ע ן צ ו ו י ש ע ן ג י י ס ט פ ו ן פ אָ ל ק א ו ן צ ו ו י ש ע ן ד י ג ע ז ע צ ע פ ו ן ד ע ר ר ע ל י־ ג י אָ ן, א ז ז י י ז אָ ל ע ן נ י ט א ו י ס ז ע ה ן ו ו י א י י נ ג ע פ ל אָ כ ט ע ן א י י נ ע א י ן ד י א נ ד ע ר ע; אז ווען איינע פון זיי פאַלט, פאַלט אויך דאָס צווייטע. ("כי נקום להורות בכתב ובפה כפי אשר תמצא ידנו ל ה ב ד י ל ב י ן ר ו ח ה ע ם ו ב י ן ח ק י ח ד ת ל ב ל י ר א ו כ א ח ו ז י ם ו ש ל ו ב י ם ז ה ב ז ה אשר אם יפול האחד אז גם להשני אין תקומה.")

סמאָלענסקין האָט געקעמפּפט געגען די דייטשע רעפאָר־מער און אסימילאַטאָרען, וועלכע האָבען געזאָגט אז יודענ־טום איז נאָר א רעליגיאָן און האָבען אוועקגעמאכט מיט'ן האנד דעם נאַציאָנאַלען פּרינציפּ. ער האָט פאַרטהיידיגט

דעם נאציאָנאַלען זייט פון יודענטום מיט גרוים וואַרימקייט, אָנווייזענדיג ריכטיג אז לייקענענדיג די נאציאָנאַליטעט פון אידישען פאָלק מיינט אונטערגאַנג. ער האָט אָבער אין דער־זעלבער צייט זיך געשטעלט אויף דעמזעלבען שטאַנדפּונקט פון די רעפאָרמער און אסימילאַטאָרען, דערמיט וואָס ער האָט אנערקענט אזוי ווי זיי די חלוקה צווישען רעליגיאָן און נאציאָן. דער אונטערשיעד איז נאָר, וואָס זיי האָבען אויסגעקליבען די רעליגיעזע העלפט און ער האָט אויסגעקליבען די אנדערע — די נאציאָנאַלע העלפט. ביידע צדדים האָבען געמאַכט פון יודענטום א קריפּעל.

מיר וועלען אָבער טיעפער דיסקוטירען דיזע לעבענס־פראגע ווען מיר וועלען יעצט צוטרעטען צו א פיעל גרעסערען דיינקער ווי סמאָלענסקין, און דאָס איז אחד־העם, וועלכער האָט אויפגעבויט א גאַנצע פילאָזאָפיע פון א נאציאָנאַליזם אָהן יודענטום.

דער גוואלד־רים

רעליגיאָן אָהן נאַציאָנאַליזמוס! נאַציאָנאַליזמוס אָהן רעליגיאָן!

ווער האָט עס אויסגעטראַכט דיזע צוויי שרעקליכע בע־גריפען וועלכע זיינען בלויז צ ו ו י י נעמען פון א י י ן זאַך: א ס ם־ה מ ו ת פ א ר ד ע ר א י ד י ש ע ר נ א צ י אָ ן! א טויט־אורטייל אויף דאָס אידישע פאָלק! וואָרום סיי די אידען זאָלען געהן אין דעם וועג פון "רעליגיאָן אָהן נאַציאָנאַליזמוס" און סיי זיי זאָלען געהן אין דעם וועג פון "נאַציאָנאַליזמוס אָהן רעליגיאָן" וועלען זיי צו קיין אנ־דער רעזולטאַט ניט קומען ווי: אונטערגאַנג.

מערקווירדיג! מעהר ווי דריי טויזענד יאָהר האָבען אידען געלעבט, געקעמפּפט און בעזיעגט אלע שטערונגען און אלע שונאים און האָבען ניט אָנגעפאנגען צו פארדעכטיגען אז זיי בעשטעהען פון צוויי האַלבע חלקים. עס איז זיי גאָר ניט איינגעפאלען אז זיי זיינען אויפגעלאָטעט פון צוויי סאָר־טען שטאָף פון וועלכער איין סאָרט שטאָף איז: רעליגיאָן און דער אנדערער איז: נאַציאָן. דער איד האָט זיך גע־פיהלט אלס א גאנצע באַשעפעניש אויסגעגאָסען און אויס־געקנעטען פון איין שטאָף, אלעס וואָס אין איהם איז איד, איד אין אלע זיינע אברים, אין אלע זיינע געדאנקען און גע־פיהלען, אין אלע זיינע מעשים און פיהרונגען, אין אלע זיי־נע ווינשע און האָפנונגען.

ווען איהר קומט צו א אידען ווען ער זיצט ביים סדר (א ריכטיגען אידען וואָס וויים ניט פון דער גאנצער חקירה וועגען רעליגיאָן און נאַציאָן, אזוי ווי די גאנצע אידישע היסטאָריע האָט דערפון ניט געוואוסט ביז מיט א הונדערט יאָהר צוריק) און איהר פרעגט איהם צי טהוט ער א רעלי־

גיעזע זאַך אָדער אַ נאַציאָנאַלע, וועט ער אייך אָנקוקען פאַר אַ משוגע'נעם. ער טהוט ניט קיין בלויז־רעליגיעזע זאַך און ער טוט ניט קיין בלויז־נאַציאָנאַלע, ער טוט אַ **אידישע** זאַך און געננוג! אין דעם וואָרט אידישע זאַך איז אַלעס איינגעשלאָסען. עס דאַרף קיין ווייטערע ערקלערונגען. אַ אידישע זאַך הייסט אַ זאַך וואָס די אידישע נאַציאָן טהוט און איז פאַראָרדערט פון דער אידישער רעליגיאָן אזוי צו טאָן. נאָכמעהר: ווען אַ איד טהוט אַ אידישע זאַך קען עס אַנדערש ניט זיין ווי רעליגיעז און עס קען אנדערש ניט זיין ווי נאַציאָנאַל. **יעדער נאַציאָנאַלער טהאַט איז אַ רעליגיעזער, און יעדער רעליגיעזער טהאַט איז אַ נאַציאָנאַלער.**

אַ איד היט שבת — ערפילט ער דערמיט אַ הייליגע נאַציאָנאַלע פפליכט, ווייל דאָס איז דער טאָג אין וועלכען די בני ישראל רוהען "זכר ליציאת מצרים" און ער היט דערמיט אַ הייליגען געבאָט פון דער תורה. איז ער מל זיין קינד — טהוט ער דערמיט די העכסטע נאַציאָנאַלע פפליכט און אַ געבאָט פון דער תורה. פאַסט ער יום כפור אָדער ער היט כשרות — טהוט ער אַ נאַציאָנאַלע זאַך און ערפילט אַ מצוה פון דער תורה. דער פאַקט אז די תורה הייסט אַ זאַך טהאָן, מאַכט עס פאַר נאַציאָנאַל. דאָס וואָרט "נאַציאָנאַל" איז אָבער ניט בענוצט געוואָרען, און דאָס וואָרט "רעליגיעז" איז אויך ניט בענוצט געוואָרען אין אזא זינען אז עס זאָל מיינען "בלויז־רעליגיעז". אין דעם נוצען פון דיזע צוויי ווערטער ליעגט שוין די געפאַהר פאַר'ן יודענטום. ווען איינער זאָגט: איך בין אַ איד לויט מיין רעליגיאָן, מיינט עס אז ער לייקענט אָב די אידישע נאַציאָן. דאָס מיינט אַ **כפירה אין דעם יסוד פון יודענטום** וועלכע שטעהט אויף די פאָלשטענדיגע אחדות און צונויפגיסונג פון נאַציאָן און רעליגיאָן. דער וואָס זאָגט: איך בין אַ איד לויט מיין רעליגיאָן, פאַרניכטעט ער די רעליגיאָן אליין אויך, ווייל די אידישע רעליגיאָן איז **נאָר** אַזעלכע וואָס איז געבויט אויף דעם אידישען נאַציאָנאַלען געדאַנק. אין דעם מאָמענט ווען מען פערוואַרפט דעם נאַציאָנאַלען פרינציפ פון יודענטום ווערט עס אויס אידישע רעליגיאָן,

עס ווערט עפּעס אַנדערש און ניט דער אידישער גלויבען.

ווען אַ איד זאָגט: איך בין אַ נאַציאָנאַלער איד, מיינט עס שוין דורך דעם וואָרט גופא אַז ער פערוואַרפט די אי־דישע רעליגיאָן, אַז ער אַנערקענט איהר ניט און פיהלט צו איהר קיין פפליכטען. דאָס מיינט אויך אַ כ פ י ר ה אין דעם יסוד פון יודענטום וואָס שטעהט אויף די פאַלשטענדיגע אחדות און צונויפגיסונג פון נאַציאָן און רעליגיאָן, אַזוי אַז עס זיינען ניטאָ קיין צוויי זאַכען נאָר איינע. ווען איינער זאָגט: איך בין אַ נאַציאָ־נאַלער איד, פאַרניכטעט ער די נאַציאָן אויך, ווייל די נאַ־ציאָן וועלכע מיר קענען און וועלכע עקזיסטירט ביז היינט איז אַזעלכע וואָס זי איז געווען איינס מיט דער רעליגיאָן, און אויב אימיצער ווייל שאַפען אַ אידישע נאַציאָן אָהן רע־ליגיאָן וועט עס ווערען אוים אידישע נאַציאָן, עס וועט ווע־רען (אויב עס זאָל אַזא זאַך קענען ווערען) עפּעס אַנדערש אָבער ניט די אידישע נאַציאָן.

געקומען איז דער געפעהרליכער געדאַנק פון שפּאַלטען דאָס יודענטום אין דעם דור פון השכלה, דער דור וואָס איז אַנטלאָפען פון אידישקייט און זיך געיאָגט נאָך עמאַנציפּאַ־ציאָן. זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו זאָגען אַז דאָס יודענטום איז ניט מעהר ווי אַ קאָנפעסיאָן, אַ גלויבען; ערשטענס, אום צו פיהלען זיך ווייניגער איד, און צווייטענס, וועלכעס איז דער עיקר, אום צו קענען דורך דעם גיכער אויסווירקען גליי־כע בירגער רעכטע. דורך אָבלייקענען די אידישע נאַציאָ־נאַליטעט האָבען זיי געמיינט צו קויפען די פריינדשאַפט פון די גוים.

זיי האָבען געדיינקט אַז אום צו ערדייכען גלייכבערעכ־טיגונג דאַרפען זיי קלאָר מאַכען צו די גוים אַז די אידען זייי־נען ניט קיין בעזונדערע אומה וואָס זיצט אין פאַרשידענע לענדער, נאָר זיי, די אידען, בעלאַנגען אין גאַנצען צו דער אומה צווישען וועלכער זיי וואָהנען. זייער פּלאַן איז געווען צו זאָגען, למשל, צו די דייטשען: איהר דאַרפט אונז געבען גלייכע רעכטע, ווייל מיר זיינען אַזעלכע דייטשען ווי איהר. מיר זיינען נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ד י י ט ש ע ן און קיין שום אַנדער נאַציאָנאַלע פערבינדונג האָבען מיר ניט און

ווילען ניט האָבען, ווייל די נאַציאָן פון וועלכער מיר שטאַמען — די אידישע נאַציאָן — איז שוין טויט זייט טיטוס האָט חרוב געמאַכט ארץ-ישראל. אי, דאָס יודענטום וועלכען אי־דען האַלטען, איז עס נאָר אַ רעליגיעזער בעגריף, אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן דייטשען פון פּראָטעסטאַנטישען און פון קאַטוילישען גלויבען, אַזוי קענען דאָך זיין דייטשען פון משה׳ס גלויבען. מיר זיינען עס אַזעלכע. עס איז דאַרום ניטאָ קיין אורזאַכע פאַרוואָס איהר זאָלט אונז ניט רעכענען פאַר אמת׳ע דייטשען און געבען דייטשע בירגער רעכטע. און דאָסזעלבע האָט מען געזאָגט אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער.

און אַזוי, איז עס געבאָרען געוואָרען צום ערשטען מאָל אין דער פיער־טויזענד יאָהריגער אידישער געשיכטע אַ נייע שיטה אַז דאָס יודענטום בעשטעהט פון צוויי טהיילען: פון אַ רעליגיעזען און אַ נאַציאָנאַלען. די אַסימילאַטאָרען האָבען נאָכאַנאַנד גערעדט וועגען דעם רעליגיעזען זייט פון יודענ־טום אום צו קענען בעסער אָבלייקענען דעם נאַציאָנאַלען, וועלכען זיי האָבען געהאַלטען אַלס קאָנטר־באַנד וואָס זיי האָבען געוואָלט בעהאַלטען. זיי האָבען געהאַלטען אַז די גוים וועלען גיכער מוחל זיין די אידען דאָס וואָס זיי האָבען אַן אַנדער גלויבען, ווי דאָס וואָס זיי האָבען אַ בעזונדער נאַ־ציאָנאַליטעט. דער שטאַאַט איז ניט אַזוי פּעראינטערע־סירט אַז אַלע בירגער זאָלע בעלאַנגען צום זעלבען גלויבען ווי אַז אַלע בירגער זאָלען בעלאַנגען צו דערזעלבער נאַציאָ־נאַליטעט. דער פאַקט אַז ביי די גוים איז רעליגיאָן אַ בע־זונדער זאַך און נאַציאָנאַליזם אַ בעזונדער זאַך, האָט די דאָ־זיגע אַסימילאַטאָרען געגעבען אַ בעסערע מעגליכקייט צו ערקלערען אַז ביי אידען איז אויך דאָסזעלבע.

* * *

מיר האָבען געזעהן אַז דער חשק צו טהיילען דאָס יודענ־טום אין צווייען איז נאָר געבאָרען געוואָרען מיט דעם צוועק אום אַ העלפט צו פערוואַרפען, אָדער ריכטיגער: ער איז געקומען נאָר דאַן ווען מען האָט שוין אַ העלפט פאַרוואָרפען. דאָסזעלבע איז מיט די בלויז־נאַציאָנאַליסטען וואָס האָבען אויך צושניטען דאָס וואָס איז געווען אַ גאַנצע און לעבעדיגע

זאך: דאָס יודענטום אין צוויי טהיילען, אויף דיזעלבע טהיי־לען אין וועלכע די אסימילאטאָרען האָבען עס פריהער איינ־געטהיילט אין דעם רעליגיעזען און דעם נאַציאָנאַלען, און אויך דאָ ביי די נאַציאָנאַליסטען איז עס געקומען פון נאָכ־מאכען די גוים. אזוי ווי די רעפאָרמער־אסימילאטאָרען האָבען נאָכגעקוקט די גוים אין דער חלוקה, ווייל ביי גוים זיינען די צוויי זאכען ניט איינס און דאָסזעלבע, אזוי האָ־בען די נאַציאָנאַליסטען אויך אָנגעפאנגען צו שרייען: לאָמיר אָבטהיילען רעליגיאָן פון נאַציאָנאַליזמוס, אזוי ווי עס איז אָבגעטהיילט ביי די גוים "קירכע און שטאאט".

פאַרוואָס האָבען די נאַציאָנאַליסטען געוואָלט מאכען די אָבטהיילונג? מיר האָבען פריהער געזעהן די אורזאכען וואָס האָבען בעוועגט די אסימילאטאָרען. לאָמיר זעהן וואָס זיינען געווען די אורזאכען וואָס האָבען געפיהרט די נאַציאָ־נאַליסטען צו אקצעפּטירען די חלוקה פון רעליגיאָן און נאַ־ציאָנאַליזמוס? אָט איז דער ענטפער דאַרויף:

די פּאָגראָמען פון 1881 האָבען געבראַכט א גרויסען טהייל פון די משכילים צו אומקעהרען זיך צוריק צו זייער פאָלק. א טהייל פון די וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט (די קלענערע טהייל) זיינען געקומען צוריק צום יודענטום אין גאנצען. די מעהרסטע אָבער האָבען ניט געוואָלט אוועק־ווארפען זייער געגנערשאפט צו דער רעליגיאָן וועלכע איז ביי זיי געבליבען אלס ירושה פון דער חשכלה. מיט איין וואָרט: זיי האָבען געוואָלט בלייבען "משכילים" אין בעצוג צו אלעם וואָס האָט צו טהאָן מיט'ן יודענטום און אין דער־זעלבער צייט ליעב האָבען דאָס אידישע פאָלק. אין אזא לאַ־גע האָבען זיי געפונען פאר זיך גרייט די שפּאלטונג פון רע־ליגיאָן מיט נאַציאָנאַליזמוס וואָס עס איז געווען פון פריהער, האָבען זיי זיך אָן דעם אָנגעכאפּט, און האָבען ערקלעהרט: מיר זיינען נאַציאָנאַלע אידען. דאָס הייסט מיט אנדערע ווערטער: מיר זיינען ניט מחויב צו האָבען אָן עסק מיט דער אידישער רעליגיאָן, מיר זיינען אי־דען אזוי ווי די דייטשען זיינען דייטשען, די פראנצויזען זיי־נען פראנצויזען, א. ז. וו. און אזוי איז בעשאפען געוואָרען דער וואָרט "נאַציאָנאַלער איד" (יהודי לאומי) אום מיט

איין מאָל צו ווערען פארטיג מיט'ן גאנצען יודענטום, ער־קלערענדיג אז נאציאָנאַליזמוס אליין איז דאָס יודענטום און מעהר ווי צו זיין "נאציאָנאַל" דארף מען ניט.

נאָר אָט ווע‌לען מיר איבערגעבען די ערקלערונג ווי אזוי דער אידישער נאציאָנאַליזמוס־אָהן־רעליגיאָן איז געשאַפען געוואָרען אין די ווערטער פון בן־יהודה. ער זאָגט: "די שפּאַלטונג און דער ריס צווישען דער אידישער נאציאָן און דער אידישער רעליגיאָן האָט שוין געמאכט דער פריהערדי־גער דור (ער מיינט דעם דור וואָס איז געווען איידער די נאַ־ציאָנאַליסטען זיינען געקומען) און די נאציאָנאַליסטען האָ־בען נאָר — — — געטהאָן ווי יענע האָבען געטהאָן, נאָר פון דעם צווייטען זייט און זיי האָבען ערקלערט אז זיי זיינען אידען פון נ א צ י אָ ן אָבער ניט פון ר ע ל י ג י אָ ן."

אָדער לאָמיר לאָזען ריידען אחד־העם'ען אליין. אָט ווי אזוי ער שטעלט פאָר דאָס געבורט פון נאציאָנאַליזמוס:

"טויזענדער אידען, אזעלכע וואָס זיינען פון זייער קינד־"הייט אָן ערצויגען געוואָרען אויסערהאַלב פון גרענעץ פון "יודענטום, און אזעלכע וואָס ווען זיי זיינען אויפגעוואקסען "האָבען זיי מורד געווען (אין יודענטום) און האָבען איהר "יאָך אראָבגעוואָרפען — האָבען זיך יעצט אומגעקעהרט "צום פאָלק און ביד רמה האָבען זיי אויפגעהויבען דעם פאָהן "פון אידישען נ א צ י אָ נ א ל י ז מ ו ס, אָהנע זיך "אומצוקעהרען צו דער אידישער רעליגיאָן, צו האַלטען איה־"רע מיינונגען און מקים זיין איהרע מצוות — — — זיי "זעהען אין דעם אידישען נאציאָנאַליזמוס בלויז דעם גע־"פיהל פון ראַסע אליין, וואָס ווארפט ניט ארויף קיין שום "אנדער פפליכט אויסער די ליעבע צום פאָלק און די ארבייט "צו אויפהויבען זיין כבוד אָהנע צו בעגרענצען די פרייהייט "פון מענשען אין זיינע אנשויאונגען און אין זיין פריוואַט "לעבען" (על פרשת דרכים, תופ"א, זייטע 80.)

אלזאָ, עס איז קלאָר, דער נאציאָנאַליזמוס־אָהן־רעליגיאָן פ ע ר וו א ר פ ט א י ן ג א נ צ ע ן ד אָ ס י ו ד ע נ ־ ט ו ם. מיר וועלען זעהן ווייטער וואָס עס האָט געבראכט און וואָס עס קען ברייננען!

די תורה פון סיני און די ״תורה״ פון אָדעס

איינע פון די געפעהרליכסטע בעוועגונגען איז דער אידי־שער געשיכטע געגען יודענטום, און אפשר די געפעהרליכ־סטע פון אלע, איז די בעוועגונג פון ״אחד־העם׳יזם״. וועל־כעס מיינט די שיטה וואס איז בעארבייט געווארען און פער־שפרייט געווארען פון בעקאנטען העברעאישען דענקער און שריפטשטעלער אחד־העם (אשר גינזבורג) וועלכער האט גע־וואלט מזכה זיין די אידען מיט א נייע תורה פון אדעס אנ־שטאט די תורה פון בארג סיני, וועלכע מיר האבען געהאל־טען ביז היינט.

ווען מען זאגט יודענטום מיינט מען דערמיט זעלבסט־פערשטעהנדיך דאס היסטארישע יודענטום, דאס יודענטום וועלכע מיר קענען און ווייסען פון משה רבינו ביז ר׳ מאיר שמחה, דאס יודענטום פון די נביאים, חשמונאים, תנאים, אמוראים, גאונים, דאס יודענטום פיר וועלכע די אידען זיי־נען זיך מקריב שוין טויזענדער יאהרען, קורץ, דאס איינ־ציגע יודענטום וועלכע האט א רעכט גערופען צו ווערען מיט דיזען נאמען.

יעדער וואס שאפט א זאך וואס איז געגען דעם פרינציפ, די אנשויאונג, די אמונה, די איבערצייגונג פון אלע אידישע לעהרער און פיהרער פון די פריהערדיגסטע צייטען פון אונ־זער פאלק ביז היינט, יעדער וואס קלערט אוים א נייע זאך נעגען דעם איינשטימיגען אורטייל פון דער אידישער גע־שיכטע, און רופט די נייע שאפונג מיט׳ן נאמען ״יודענטום״ בעגעהט א פאלסיפיקאציאן. א מענש אדער א גרופע מענ־שען קענען זיין געגען יודענטום אזוי ווי זיי קענען זיין געגען אירגענד וועלכע אנדער זאך, אבער זיי קענען ניט, אויב זיי ווילען זיין עהרליך, נעהמען אן אלטען טויזענדער־יאהריגען פערהייליגטען בעגריף און עס אנהייגען אויף א זאך וועלכע איז דער היפוך פון דאס וואס דער ווארט בעדייט. ווען אחד־

העם און זיינע אנהענגער רופען אן זייער נייע ערפינדונג מיט דעם נאמען יודענטום (יהדות) איז דאס שוין פון מאראלישען שטאנדפונקט ניט שעהן!

די גאנצע אידישע היסטאריע שטעלט אוועק דאס יודענטום, די תורה, אויף דעם יסוד פון רעליגיאן און אויף דעם יסוד פון געזעצע. עס איז ניטא קיין איין איינציגער אידישער פיהרער אין דער לאנגער אידישער געשיכטע וואס זאל אנדערש זאגען. דאס איז "יהדות" און קיין אנדער זאך קען עס ניט זיין. אימיצער קען זאגען: די רעליגיאן געפעלט מיר ניט, די מצוות פערווארף איך, דאס יודענטום האט מיט מיר ניט צו טהאן. אבער וואס וועט איהר זאגען צו א מענשען וואס זאל וואגען צו קומען צו אן אלטע אומה וואס האט געפארבט די וועלט מיט איהר בלוט פיר איהר אמונה און זאגען: איך וויל ניט אייער רעליגיאן און וויל ניט אייערע מצוות. איך וועל דארום מאכען א "יודענטום" אהן אמונה און אהן מצוות און איך וועל אייך פארשלאגען אז איהר זאלט פערווארפען אייערע און אננעהמען מיין "יודענטום" אלס דעם אמת'ן! און דאס האט אחד־העם געטהאן. ער האט פערווארפען די אמונה, האט פערווארפען די מצוות און האט געשאפען אזא זאך וואס ער רופט "נאציאנאלעס יודענטום"! און וואס מיינט א פלאן ווי פטור צו ווערען פון אידישקייט!

אחד העם איז אין פיעלע הינזיכטען געפעהרליכער ווי די פריהערדיגע משכילים. יענע האבען בעקעמפפט דאס יודענטום, אחד־העם בעקעמפפט עס ניט. ער איז מבטל די גאנצע אידישע רעליגיאן. מיט די גאנצע געגנערשאפט צום יודענטום פון יהודה ליב גארדאן האט ער נאך אלץ געהאט צו איהם א געוויסע בעציהונג. ביי אחד־העם עקזיסטירט ער שוין גאר ניט. ער נעהמט איינפאך און שטעלט ארויף אויף זיין פלאץ אן אייגענע געביידע ריכטיג ווי דאס אלטע יודענטום וואלט שוין, חלילה, אויף דער וועלט ניט געווען.

אחד־העם איז א משכיל פון משכילישען חדר. זיין בליק אויף דאס אידישע לעבען איז ניט העכער ווי דער געווערנליך משכילישער. "די אידען — זאגט ער — זיינען די קנעכט פון ספר, עס איז א פאלק וואס זיין נשמה איז ארויסגעלאפען פון זיין הארצען און איז אין גאנצען אריין אין געשריבענע

ווערטער, אפילו די תורה שבעל פה איז אויך "פערשטייי־נערט" געווארען אין געשריבענע ווערטער". און דערפאר שלאגט ער פאר א נייע תורה, א "תורה פון הארצען". די אידישע הארץ — טענה'ט אחד־העם — איז קראנק. לאגיק, ערפאהרונג, געזונטער פערשטאנד, מאראלישער געפיהל — דאס אלעס זיינען ניט בכח אוועקציהען (די אידישע הארץ) נאך זיך און אוועקפיהרען איהר אויף א נייע וועג צו א פרייען ציעל.

די אלע זאכען וואס זיינען אויסגערעכענט זיינען פאלש און קומען פון משכילישער־געגנערשאפט צו די אידען וואס לעבען לויט דעם אידישען שטייגער. די אידישע תורה איז ניט פערשטיינערט. עס איז א תורה פול מיט קראפט פון לעבען. די אידען וואס לעבען א ריכטיגען אידישען לעבען זיינען ניט פארשטיינערט, זיינען פול מיט בעגייסטערונג, פול מיט אידעאלען, האבען א טיעפען חוש אין דער וועלט און זוכען צו געניסען פון איהר אויף אזויפיעל וויפיעל זיי קענען. די "געשריבענע ווערטער" זיינען אן אייביגער קוואל פון דיכטונג, פון ווארימקייט, פון אידעאליזמוס. אין די "געשריבענע ווערטער" זיינען פאראן ברייטע וועלטען פון פאנטאזיע, אהן א שיעור האפנונג, א! אוצר פון נאציאנאלע גבורה, כוואליעס פון השתפכות הנפש. די "געשריבענע ווערטער" האבען קיינמאל ניט געשטערט דעם אידען צו ענטוויקלען אלע זיינע קרעפטען, פיזישע (געוויס! אפילו פיזישע, די אידען זיינען פיזיש אזוי געזונד ווי איר־ענד וועלכע נאציאן) און גייסטיגע.

און אויב אחד־העם מיינט אז די "געשריבענע ווערטער" שטערען צו בויען ציון איז דאס אויך גרונד־פאלש. צעהנד־ליגע יאהרען פריהער איידער אחד־העם האט מזכה געווען דאס פאלק ישראל מיט זיינע חקירות האט ר' צבי הירש קא־לישער, א רב פון די "פארשטיינערטע געשריבענע ווערטער", אגיטירט פאר ציון, און א שטיק צייט פאר אחד־עם'ס עצות האבען ארטאדאקסישע אידען געלייגט דעם פונדאמענט פון דער קאלאניזאציאן אין ארץ־ישראל, אין פתח־תקוה. ט'ו צו וואס טויג עס דער גאנצער אנפאל אויף דאס "פאר־שטייגערטע" יודענטום אויב ניט צוליעב דער חשכלה. און

אחד־העם זאגט טאקי אליין אז די „השכלה" האט געוויזען די וועג ווי אזוי צו „אויפלעבען די הארץ". אבער וואס טויגען אלע פארדרעהטע ווערטער? די „תורה פון הארצען", די וועג צו „בעפרייען די הארץ פון פאלק" א. ז. וו. מיינט אז עס זאל געשאפען ווערען א „נאציאנאלע יודענטום" אהן דער אידישער רעליגיאן, אהן מצוות. מיט איין ווארט. אהן יודענטום! און ווען מען האט געזאגט אז דאס איז פארניכטונג פון רעליגיאן, א נייע תורה, האט אחד־העם געענטפערט ווי אלע משכילים ענטפערען: „שווארצע!" די עולה פון די „שווארצע" איז געווען וואס זיי האבען פערשטאנען אז אזעלכע ווערטער: „מבטל צו זיין די פערשטיינערונג וואס הערשט אין אינערליכען לעבען און צובינדען די הארץ צו דער נאטור אהן די פערמיטלונג פון „ספר", מיינט מבטל צו זיין דאס יודענטום, ווייל אנדערש קען עס ניט מיינען.

מען דארף ניט מעהר האבען די תורה און די אידישע רעליגיאן — אזוי איז קלאר פון אחד־העם'ס לעהרע — ווייל ער האט געגעבען א גרינגערע תורה, א „נאציאנאלעס יודענטום", „וואס ווארפט ניט ארויף קיין אנדער פליכט אויסער ליעב האבען דאס פאלק". איהר הערט? א איד האט קיין שום אנדערע פליכטען ניט ווי ליעב האבען דאס פאלק. און ניט נאר איז ער אזא גוטער איד ווי דער וואס היט די גאנצע תרי"ג מצוות נאר ער איז א פיעל בעסערער איד — לויט אחד־העם'ס תורה. — היטען די תורה און לעבען ווי א איד איז ניט נאר ניט קיין מעלה נאר עס איז גאר א חסרון.

איינער האט איהם אנגעפרעגט וועגען א אידען, למשל, וועלכער גלויבט ניט אין גאט, אין דער תורה און אין אלעם וואס דערפון קומט ארויס (דאס הייסט א איד וואס האט מיט'ן יודענטום גאר ניט צו טהאן) נאר ער האט ליעב זיין פאלק און זיין ליטעראטור און זיין „גייסטיגען פערמעגען" (א ווארט וואס אחד־העם האט געשאפען און האט קיין בעדייטונג ניט). דער מחבר פון דער נייער תורה ענטפערט איהם: „אזא איד איז א טרייער איד צו זיין פאלק און זיין גייסט ניט נאר ווי אלע וואס גלויבען נאר, אין א געוויסען זינן, נאך מעהר פון זיי". און נאכדעם ערקלעהרט ער עס מיט א חקירה אז דער איד וואס איז א מאמין איז זיין ליעבע צום

פאָלק ניט גאַנץ, ווייל ער גלויבט דאָך אַז אַלע זאַכען וואָס דאָס פאָלק האָט אויפגעטהאָן האָט מען צו פערדאַנקען דעם רבונו של עולם, אָבער יענער איד וואָס גלויבט אין גאָר נישט האָט ער קיינעם ניט צו דאַנקען. דאַנקט ער דעם פאָלק אַליין..

"דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ — ענדיגט דער גרינדער פון דער נייער אמונה — פון אַ אידען אַ מאַמין איז דער שטאָלץ פון אַ קנעכט. — דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פון אַ ניט־גלויביגען נאַציאָנאַליסט איז די שטאָלץ פון אַ פרייען מענשען!"

אַלזאָ, פרומע אידען וואָס טראָגען די תורה, האַלטען אויף די אידישקייט און האַלטען אויף דאָס לעבען פון דער אידי־שער נאַציאָן. די אידען וואָס שיקען די קינדער לערנען אין די ישיבות, אונזערע עהרליכע טאַטעס. אונזערע צנועות'דיגע מאַמעס זיינען — קנעכט. און די וואָס זיינען מחלל כל קודש, די וואָס לעבען ווי די גוים, די וואָס האָבען אראָבגע־וואָרפען פון זיך יעדען סימן אַז זיי זיינען אידען — זיינען בעסערע אידע און טרייערע אידען און שטעהען העכער פאַר די יענע!

אַזעלכע זאַכען, פול מיט שפּאָט און פעראַכטונג צום יודענטום, צו אונזער גאַנצע היסטאָריע, פול פערשוועכונג צו די הייליגטימער פון אַ נאַציאָן, איז נאָך ניט געהערט געוואָרען, אפילו פון די עקסטרימסטע משכילים. אייד־ער די נאַציאָנאַלע־השכלה איז געקומען. פון דעם קען מען זיך שוין מאַכען אַ בעגריף וואָס "נאַציאָנאַלעס יודענטום" מיינט.

ווי ווייט די שנאה צו פרומע איז ביי דעם אדעסער מחוקק גרויס, איז צו זעהן פון פאָלגענדען פאַקט: די גאַליצ־יאַנער חובבי־ציון האָבען אָבגעמאַכט מיט דעם טשערטקאָ־ווער רבי'ן אַז ער זאָל אויסקלייבען ווען ער וויל פון זיינע חסידים און מען זאָל פאַר זיי מאַכען אַ קאָלאָניע אין ארץ־ישראל. די קאָלאָניע זאָל זיין אונטער דעם אויפזיכט פון טשערטקאָווער, ער זאָל שיקען אַ רב און אַ שוחט.

קען אירגענד וועלכער ציוויליזירטער מענש האָבען עפּעס געגען אַזאַ אָבמאַך אָדער געגען די גאַליציאַנער חובב־ציון וואָס האָבען דעם אָבמאַך געהאַט? האָט זיך אָבער געפונען אַ פּראַ־אָדם וואָס איז אַרויס מיט אַן אַנגריף אויף די גאַ־

ליציאנער חובבי־ציון און טענה'ט אז זיי האבען דערמיט גע־זינדיגט געגען טאלעראנץ. האבען די פיהרער פון די גאליצ־יאנער חובבי־ציון געענטפערט אז פארקעהרט. דוקא פון דעם שטאנדפונקט פון טאלעראנץ איז דער אבמאך מיט דעם טשערטקאווער א גוטע זאך, ווייל ארץ־ישראל איז פאר אלע אידען און אויב חסידים ווילען מאכען א קאלאניע און ווילען העלפען דעם ישוב, איז אדרבה ואדרבה!

איז דאך, דאכט זיך, די זאך קלאר פאר אלעמען. קומט אבער דער גרינדער פון "נאציאנאלעס יודענטום" און פאלט אן אויף די גאליציאנער חובבי־ציון וואס האבען געטראן אזא פערברעכען און פערהאנדעלט מיט א חסידישען רבי'ן און רופט זיי "פאנאטיקער", זאגט אז זיי בעהאלטען א וואלף אין דעם פעל פון א שעפס און אז זיי מאכען אן אינקוויזי־ציאן אין דעם נאמען פון טאלעראנץ. א חסידישע קאלאניע אין ארץ־ישראל הייסט ביי איהם אינקוויזיציאן. און ער גיט דערביי א משל פון טארקוועמאדא. און דער לעזער לעזט. ציהט מיט די אקסלען און גלויבט ניט זיינע אויגען.

אויב אימיצער קען בעווייזען עטוואס וואס איז מעהר ענג־הערציג, מעהר אונטאלעראנט, מעהר אונאידיש און מעהר ווילד יועל איך איהם זעהר דאנקבאר זיין. — דא הע־רען מיר די שטימע פון דער אלטער השכלה ווי זי שטעהט און געהט, און דאס איז עס דער מאן וואס איז געקומען אבשא־פען דאס יודענטום און געבען א נייע תורה צום פאלק ישראל!...

דער אידישער געזעץ און די הארץ

אלע וואס זיינען געקומען חרוב מאכען דאס יודענטום האָבען אָנגעפאנגען זייער צושטערונגס־ארבייט מיט אן אטאַקע אויף די "שטריינגע" אידישע געזעצע. אלע זיינען געקומען מאָהנען די קריוודע פון דער הארץ וועלכע ווערט, ווי זיי זאָגען, אונטערדריקט אין דער אידישער רעליגיאָן. און אחד־העם און זיינע אנהענגער מיט זייערע טענות געגען געשריבענעם געזעץ און זייער פאנטאזירען פון א נייע "תורה אין הארצען" האָבען דאָ באמת קיין נייעס ניט אויפגעטהאָן.

מיר האָבען שוין דערמאנט ווי פאלש עס איז די מיינונג אז דער אידישער געשריבענער געזעץ איז "פערשטיינערט". שטעהענדיג פעסט אויף דעם אידישען געזעץ האָבען אידען געשאפען די גרעסטע פאָעזי וואס די וועלט פערמאָגט, די פאָעזי פון תנ"ך, און די אונענדליך וואונדערשעהנע אגדה פון תלמוד, און די זיסע קונסטפאָלע מדרשים, און די פאנטאזיען־רייכע קבלה, מיט'ן זוהר און די דיכטערישע חסידות. שטעהענדיג פעסט אויף דעם געשריבענעם געזעץ איז געשאַפען געוואָרען דאס אידישע לעבען מיט זיינע טרוימען און זייערע אידעאלען, מיט זיין האָפנונג אויף גליקליכע משיח'ס צייטען, שטעהענדיג פעסט אויף דעם געשריבענעם געזעץ זיינען ביי אונז געבאָרען געוואָרען די רבי עקיבא'ס, די רב סעדיה גאון'ס, די רמב"ם'ס, די יהודה הלוי'ס, די בעל שם'ס און די ווילנער גאון'ס. נאָר מענשען וואָס קענען ניט די אידען, וואס קענען ניט דאס יודענטום, קענען בעהויפטען אז אונזער געזעץ האָט דערשטיקט די הארץ. וואו איז דאָ א הארץ אזוי ווייך, אזוי צארט, אזוי פיתלענד

ווי די אידישע הארץ! און אין וועלכער הארץ געפינט מען אזוי שטארק דעם אָבקלאַנג פון אלעם וואס איז נאָבל, פון אלעם וואס איז גרויס, פון אלעם וואס איז מענשליך ווי אין דער אידישער הארץ!

אויב אבער מען מיינט מיט דער "תורה פון הארצען" אז דער מענש דארף אלס אויטאָריטעט די הארץ אנשטאט דאס געזעץ, אויב מען מייגט אז מען דארף דעם געזעץ בעזייטי־גען ווען עס קומט אין קאָנפליקט מיט די ליידענשאפטען און ווינשע פון הארצען, דאן האָט שוין לאנג דאס יודענטום דארויף געענטפערט. דער היסטאָרישער, דער נאציאָנאלער ענטפער פון דעם אידען אויף אזא פאָרשלאג קען נאָר זיין אזוי און ניט אנדערש:

איך וועל שטענדיג בעסער אויסקלייבען איבערצוגעבען די פראגע וואס איך זאָל טהאָן אין א שווערען מאָמענט פון אונענטשלאָסענהייט צו די געזעצע איידער צו דער הארץ, ווייל איך ווייס קלאָר, אָהן דעם מינדעסטען צווייפעל, אז אויב איך זאָל נעהמען די עצה אָדער דעם אָרדער פון די געזעצע וועל איך קומען צו א בעסערען רעזולטאט ווי אז איך זאָל נעהמען די עצה פון הארצען. איך בין זיכער אז איך קען מיך אָנטרויען צו די שטרייננגע געזעצע פון מיין גלויבען, איך קען אבער זיך ניט אָנטרויען אויף דאס הארץ, וועלכע קען מיר פערפיהרען ווער ווייס וואוהין, פיליינכט צו מיין אייגע־נעם שאדען און צו מיין אייגענעם אונגליק.

די געזעצע איז דער אידישער זייל אויף וועלכען איך שפאר זיך אָן אין דער צייט ווען מיינע פיס וואקלען, ווען מיין קאָפּ רוישט און ווען איך בין אין די נעגעל פון אן אי־נערליכען שטורם און איך האָב מורא צו פערלירען מיין גלייכגעוויכט. אין יענעם מאָמענט ווען איך שטעה הילפלאָז, מאכטלאָז, געגען זיך אליין, ווען עס איז פאר מיר אונמעגליך צו ענטשליסען זיך צווישען "יע" און "ניין" ערשיינט פאר מיר דאס געזעץ ווי עס ערשיינט דער שטריק וועלכען מען ווארפט אראָב פון א שיף צו דעם וואס קעמפפט מיט די כוואליעס. דער געזעץ, שטרייננג און פעסט, ערנסט און שטארק ווי דער אונבויגזאמער פעלזען, איז דער פיהרער וואס נעהמט מיך אָן קרעפטיג פאר'ן האנד און פיהרט מיר

ארוים פון דעם כאָאָס פון געפיהלען און ליידענשאַפטען אויף א פעסטע און זיכערע וועג.

דאס יודענטום איז געקומען אויף דער וועלט צו ערקלעהרען קריעג דער בלינדער פיהרערשאַפט פון הארצען און אוועקשטעלען אויף דעם פּלאַץ די פיהרערשאַפט פון דעם געזעץ. די "תורה פון הארצען" איז ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די אַלטע עבודה זרה געגען וועלכע די נביאים האָבען געקעמפפט. דאס גריכענטום געגען וועלכער די חשמונאים האָבען געפאָכטען איז אויך געוועזען א "תורה פון הארצען", וועלכע איז ניט מעהר און ניט וועניגער ווי דאס דיענען צו דער נאַטור, דאס איז דאָך דער נאַטוראַליזם מיט וועלכען דאס יודענטום קען אונטער איין דאַך ניט וואָהנען. די לעזער וועלען זיך עראינערען אז אין די פריהעריגע קאַפּיטלעך האָבען מיר בעוויזען אז די גאַנצע געשיכטע פון דער אידישער רעליגיאָן איז א קאַמפּף געגען נאַטוראַליזם, געגען דער שיטה אז די נאַטור, די מענשליכע נאַטירליכע ליידענשאַפטען, די הארץ זאָל דיקטירען די פיהרונגען פון מענשען. אחד־העם איז א נאַטוראַליסט, א מאמין אין נאַטוראַליזמוס, א חסיד פון דאַרווין, לאָק און מילל און דער נאַטוראַליזמוס רעדט עס ארוים פון זיין מויל אין די ווערטער: "א תורה פון הארצען".

מען דערצעהלט אז אחד־העם האָט צוגעשיקט אן עקזעמפּלאַר פון זיין "תורה שבלב" צו דעם בעריהמטען רב ר' שמואל מאָהליווער און דער רב וועלכער איז געוועזען עמפּערט פון דעם אַרטיקעל האָט איהם געענטפערט אז אין דער תורה איז געשריבען: ולא תתורו אחרי לבבכם"... אין דיזער תשובה, אויב די זאַך איז ריכטיג, איז געלעגען אין קורצען די ערקלעהרונג אז אחד־העם'ס "תורה פון הארצען" איז עס די עבודה־זרה געגען וועלכע דאס יודענטום ווארנט. נאַטור־דיענסט האָט אונטער די וואָרצלען פון דער אידישער רעליגיאָן. און ניט נאָר האָט דער פרומער רב פערשטאַנען וואס עס מיינט א "תורה פון הארצען", נאָר די שרייבער וואס זיינען אוועק צו דער אמת'ער עבודה־זרה, צום נאַטוראַליזם פון ניטשע, האָבען אויך אזוי פערשטאַנען. בערדיטשעווסקי און אַנדערע "ניטשעאַנער" האָבען געוואָלט אלעס איבער־

קעהרען אָדער ווי אחד־העם דריקט זיך וועגען זיי אויס, "די שרייבער וואס האָבען ערקלעהרט קריעג דעם "ספר" און אלעס וואס איז אין איהם, עס הייסט, אויף די פעסטע געזעצע וועלכע האַלטען איין אז דער ווילען זאָל זיך ניט צופיעל שטאַרקען, די וועלכע דערמאַנען מיט ליעבשאַפט די "מתאוננים" פון דור המדבר, וועלכע האָבען ניט געוואָלט אונטערבויגען די "קראַפט פון לעבען" פיר געזעצע און אויסבייטען דעם טאָפּ פלייש און די מצרים'שע ציבעלע אויף א יאָך פון מאָראַלישע פליכטען", און ווען אחד־העם האָט זיי אַטאַקירט האָבען זיי געשריען: דו האָסט דאָך אליין געלערנט אז דער געשריבענער געזעץ איז פערשטיינערט און אז מען דאַרף לאָזען די הארץ א פרייען וועג! זיי האָבען מיט רעכט געהאַלטען אחד־העם'ן פיר זייער רבי'ן אין דער נאַטור־דיענסט און זיינען געוועזען פערוואונדערט ווען ער האָט ניט געהאַט דעם מוטה צו געהן צו דעם איינציגען שלום צו וועלכען מען מוז קומען ווען מען ערקלעהרט קריעג דעם געשריבענעם געזעץ אין נאָמען פון דער הארץ.

אחד־העם האָט גע'טענה'ט אז ער שטעהט פיר דעם אידישען מאָראַל און ער וויל ניט געהן אזוי ווייט ווי בערדיטשעווסקי און אנדערע וואס ווילען "בעפרייען דעם לעבען פון גוף פון דעם גייסטיגען קראַפט וועלכער האַלט זיי איין". אבער זיי האָבען פון איהם ריכטיג געפאָדערט: אהער אָדער אהין! האָסטו ערקלעהרט קריעג דעם געשריבענעם געזעץ, שטעהסטו פיר די "תורה פון הארצען" דאַרף מען אלעס צוברעכען און פערניכטען, אויב דו הייסט אבער זיך האַלטען ביי אידישען מאָראַל, טו וואס האָסטו געלערנט אז די תורה פון הארצען שטעהט העכער ווי דער געזעץ. און עס איז א צער צו זעהן ווי אחד־העם מאַטערט זיך צו פערענטפערען דיזע הארבע קשיא, וועלכע קען ניט פאַרענטפערט ווערען. ווארום אויב מען נעהמט אראָב די אויטאָריטעט פון רעליגיאָן וועלכע אחד־העם האָט אראָבגענומען, און מען טרעט ארויס געגען דעם געשריבענעם געזעץ ווי אחד־העם איז ארויסגעטרעטען, טו פון וואנען זאָל זיך נעהמען די מאָראַל וועלכע ער האָט געוואָלט אויפהאַלטען? אָדער מיט אנדערע ווערטער: פערוואַרפענדיג דאס יודענטום און

אוועקשטעלענדיג די הארץ אלס אויטאָריטעט איז ניטאָ קיין אָרט מעהר פאר מאָראַל אָדער נאַציאָנאַלער מאָראַל ווי אחד־העם רופט עס אָן.

דער אונטערשיעד פון אחד־העם צו בערדיטשעווסקי און אַנדערע איז אין דעם וואס זיי האָבען געוואָלט א "נאַציאָנאַלעם יודענטום" אָהן רעליגיעזע פליכטען און ממילא אָהן מאָראַלע פליכטען, וועהרענד ער, דער רבי, האָט געוואָלט "א נאַציאָנאַלעם יודענטום" אָהן רעליגיאָן נאָר מיט מאָראַל. און אום צו קענען פאַרשלאָגען אזא ווילדע זאך מאַטערט ער זיך צו אָבטיילען רעליגיאָן פון מאָראַל, א זאך וועלכע איז פאַלש פון פילאָזאָפישען שטאַנדפונקט אין בעצוג צו רע־ליגיאָן אין אַלגעמיין און אין בעצוג צו דער אידישער רע־ליגיאָן בעזאָנדערס. עס האָט שוין דער פילאָזאָף וויליאַם דזשיימס געמאַכט אויפמערקזאַם אז מאָראַל שטיצט זיך אויף רעליגיאָן.

וואס אנבעלאַנגט דעם יודענטום איז ניטאָ קיין שום ספק אַז דער גאַנצער אידישער מאָראַל איז קיין אַנדער זאך ווי רעליגיאָן. די אידען האָבען עררייכט די העכסטע שטופע אין זייער בליק אויף מאָראַל נ אָ ר צוליעב זייער בעגריף אין אחדות־חבורא. מיט איין וואָרט, די אידישע רעליגיאָן האָט געשאַפען די אידישע מאָראַל און אָהן די ערשטע קען די צווייטע ניט עקזיסטירען. אַן אַמעריקאַנער פאָרשער דזשיימס מאָנטגאָמערי האָט עס שוין בעסער פערשטאַנען ווי דער אדעסער מחוקק. מאָנטגאָמערי זאָגט:

"א טיעף אריינגעפרעסטע איבערצייגונג — — צוזאמען "מיט א מאָראַלישע עקשנות וואס האָט בעשיצט די איבער־"צייגונג ביז'ן סאַמע טויט, איז געוועזן די כאַראַקטעריסטיק "פון דער אידישער רעליגיאָן — — די אידעע פון א פעסטע "איבערצייגונג אין רעליגיאָן, מיט א שטרייגנען מאָראַלי־"שען צוועק צו לעבען און צו שטאַרבען פאַר דעם, דאס איז "דער בייטראַג וואס די אידישע רעליגיאָן האָט געגעבען "צו דער וועלט."

אומזיסט וויל אחד־העם מיט זיין שנאה צו רעליגיאָן אָב־טיילען די אידישע נאַציאָן פון איהר גלויבען, און אָבטיילען די אידישע מאָראַל פון דעם גלויבען. דאס גענחט אַלעס צו־

זאמען. אָדער אַ גאַנצע יודענטום, און איינציגע יודענטום אין וועלכער גלויבען, געזעץ, נאַציאָנאַליזמוס און מאָראַל איז אויסגעמישט — אָדער גאָר נישט. קיין נאַציאָנאַלע מאָראַל אָהן יודענטום קען ניט זיין אזוי ווי עס קען ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע יודענטום אָהן יודענטום!

דר. שמעון בערנפעלד, אליין איינער פון די "משכילים", זאָגט: "די לעהרע פון מאָראַל פון די משכילים הענגט "אין דער לופט און דער פראַקטישער מאָראַל זייערער "שטאַמט נאָר פון די קראַפט פון געוואָהנהייט, וועלכער "הערשט אין אַלע נאַטירליכע און היסטאָרישע ערשיינונגען. "די רעליגיאָן איז פריהער געווען דער שטוים־קראַפט פיר "מאָראַל — — און דאס ווירקט נאָך פיר אַ געוויסע צייט "אבער ווען דער כח פון געוואָהנהייט וועט אויפהערען — — "איז מעגליך אז די יעצטיגע קולטורעלע עפּאָכע וועט חרוב "ווערען."

די וויכטיגקייט פון געשריבענעם געזעץ אלס געגענזאַץ צו די לייזיגע "הארץ"־ביזנעס האָט פערשטאַנען ביאַליק וועלכער זאָגט:

"עס וואַקסט אַ דור וואס וויים נאָר מימרות און פזמונים "און זאַכען וואס זיינען מעהר ניט ווי מויל־מלאכה — — "מען זאָגט: נאַציאָנאַליזמוס, ליטעראַטור, שאַפונג, ערצי־ "הונג, העברעאישע געדאַנקען — און דיזע אַלע זאַכען היינ־ "נען אויף אַ האָאר פון עפּעס אַ ליעבשאַפט: ליעבשאַפט צו "אַ לאַנד, צו אַ שפּראַך — — וואס איז ווערטה אַ לופטיגע "ליעבשאַפט? אבער וואו נעהמט מען פליכטען? — — "אַ שטרעבונג פון הארצען, אַ גוטער ווילען, זיינען שעהן "און גוט נאָר ווען עס איז פאַראַן מעשים, מעשים הארט ווי "אייזען, אַ שטרייננגע פליכט."

א הויז פון קארטען

א שטיקעל שפינוועבס אין ווינקעל פון א פארלאזענעם צימער, איז שטארקער ווי די פילאזאפיע פון דעם דאזיגען פרייען נאציאנאליזם, א קארטען־שטיבעל וואס א קינד שטעלט אויף איז פעסטער געבויט ווי די געביידע פון א נאציאנאליזמוס־אהן־יודענטום מיט וועלכען מען וויל מזכה זיין דעם פאלק ישראל אויף דער עלטער. מען גיט דארויף א בלאז און עס בלייבט דערפון קיין שריד ופליט.

איך וועל געבען פיער פונקטען געגען די פיער בענדער פון "על פרשת דרכים" אין וועלכע די דאזיגע לעהרע איז געשאפען געווארען.

ערשטער פונקט: נאציאנאליזמוס איז ניט קיין קראפט, וואס ליעגט אין די בלוט אליין. ווען עס פליעסט אין אימיצענס אדערן די בלוט פון א געוויסע ראסע פון א געוויסען פאלק, ווערט ער נאך דערמיט אליין ניט קיין נאציאנאליסט פון יענער ראסע אדער פון יענער פאלק. ווארום אויב אימיצער וואלט ווירקליך געווען געבונדען צו זיין נאציאן דורך דעם וואס ער קומט פון איהר בלוט, וואלטען דאך נאציאנען זיך געהאלטען אייביג אפילו ווען זיי האבען קיין לאנד, אפילו ווען זיי זיינען אין דער פרעמד אלס א מינאריטעט צווישען אנדערע. דער פאקט, אז קיין נאציאן, אויסער די אידישע, האט ניט געקענט לעבען אין דער פרעמד. דער פאקט, למשל, אז א מאן וואס שטאמט פון האלענדישע נאציאן, ווי רוזוועלט, איז ניט געוועזן קיין "האלענדישער נאציאנאליסט" אין אמעריקא. און אז א מאן וואס שטאמט פון די פראנצויזען, ווי לא־פאלעט, איז ניט קיין "פראנצויזישער נאציאנאליסט" אין אמעריקא, איז א בעווייז, אז דער

כח פון בלוט איז ניט גענוג צו שאַפען א נאַציאָנאַליזמוס. און די אידישע אַסימילאַטאָרען האָבען עס בעוויזען. זייער אידישע בלוט צווינגט זיי גאָר ניט אידישע נאַציאָנאַליסטען צו זיין.

די בלוט אליין איז אלזאָ ניט גענוג צו האַלטען אימיצען צוגעבונדען צו זיין נאַציאָן, מען דאַרף נאָך דערצו האָבען א שטאַרקען חשק, צו וועלען זיין צו איהר צוגעבונדען, דער חשק קומט דערפון וואָס עס ציהט דעם מענשען צו געוויסע אידעען, וועלכע ער טהיילט מיט זיין פאָלק, עס ציהט איהם צו געוויסע אידעאַלען אין וועלכע ער איז פאַראייניגט מיט זיין פאָלק, צו געוויסע מיינונגען, גלויבונגען, געדאַנקען, מנהגים, מעשים, פאָרמען פון לעבען. קורץ, דער נאַציאָנאַליזמוס איז ניט א פיזיאָלאָגישע זאַך, וואָס מען ירשנ'ט עס ווען מען ווערט געבאָרען, נאָר דאָס איז א פסיכאָלאָגישע. עס קומט ניט מיט אמאָל, נאָר עס ווערט ענטוויקעלט און אויפגעשטעלט פון א סך זאַכען צוזאַמען, וועלכע זיינען די אורזאַכען פון איינעמס אָנגעבונדענקייט צו זיין נאַציאָן.

איז דאָך דערפון קלאָר צו יעדען מענשען וועמעס מארך עס איז אין אָרדנונג, אז וואָס מעהר א מענש איז פאַרבונדען מיט זיין נאַציאָן דורך פאַרשיעדענע זאַכען, וואָס מעהר ער גלויבט אין די אידעען, אידעאַלען, געדאַנקען פון זיין פאָלק, וואָס מעהר ער איז מיט איהם פאַרקניפּט דורך אמונה, דורך מעשים, מנהגים, פאָרמען פון לעבען, אלץ גרעסער און שטאַרקער איז זיין נאַציאָנאַליזמוס, אלץ מעהר פיהלט ער, אז ער איז א טהייל פון א נאַציאָן און אלץ מעהר אורזאַכען האָט ער צו שטעהן מיט זיין נאַציאָן.

ווי אונלאָגיש איז עס דאַרום צו בעהויפּטען, אז א איד, וואָס איז נ י ט קיין שותף צו זיין נאַציאָן אין די אידעען פון אמונה, אין די אידעאַלען פון רעליגיאָן, אין די מעשים וואָס זיינען ביי דער נאַציאָן פאַררעכענט פיר הייליג, אין די מנהגים פון טויזענדער יאָהרען, אין די פאָרמען פון לעבען. קורץ, א איד וואָס האָט איבערגעריסען כמעט אלע פעדים פון וועלכע דער שטריק פון נאַציאָנאַליזמוס איז אויפגעוועבט, איז אזא נאַציאָנאַליסט ווי דער וואָס היט די תורה און מצוות. צו זאָגען, אז א איד וואָס פון יודענטום

איז ביי איהם געבליבען נאָר העברעאיש און א חשק פיר א אידישע לאַנד, איז אזא גוטער נאַציאָנאַליסט ווי דער וואָס גלויבט אין יודענטום און פיהרט א אידישען לעבען, איז ריכטיג ווי צו זאָגען, אז איין דאָלאר איז פונקט אזוי פיעל ווי צעהן, אז איין יארד איז פונקט אזוי לאנג ווי צעהן אָדער אז מען קען אויפטאָן אין איין טאָג פונקט אזוי פיעל ווי אין צעהן. ניט־ריכטיג איז אָבער צו בעהויפטען, אז ווען מען וועט אוועקנעהמען פון אונטער א בריק וואָס איז געשטאַנען א לאַנגע צייט אויף צעהן סלופּעס 9 און לאָזען איינעם, וועט דער בריק בלייבען שטעהן אזוי ווי פריהער אָדער ער וועט נאָך שטארקער ווערען. לויט אחד־העם, וועט דער בריק דערפון נאָך שטארקער ווערען...

צווייטער פונקט : ווען מען זאָגט דאָס וואָרט "נאַציאָנאַליזמוס" מיינט עס די וועגען, די מעטאָדען, און די מיטלען דורך וועלכע א פאָלק האָט זיין גייסט אויסגעדריקט. דאָס זיינען די נאַציאָנאַלע וועגען, די נאַציאָנאַלע מעטאָדען און די נאַציאָנאַלע מיטלען דורך וועלכע די נאַציאָן דריקט־אויס איהר נשמה. אויב די נשמה פון א נאַציאָן האָט געפונען דיעזע וועגען, מעטאָדען און מיטלען און קיינע אַנדערע פיר פּאסענד צו איהר צוועק, איז א קלאָרער סימן, אז דיעזע און קיינע אַנדערע זיינען גוט אום צו אויסדריקען דאָס וואָס די נאַציאָנאַלע נשמה וויל, דאָס הייסט, אויסדריקען דאָס וויכטיגסטע, די סאמע הארץ פון נאַציאָנאַליזמוס. זאָגט דאָך אחד־העם אליין : "א גאַנצע פאָלק איז אונמעגליך, אז ער זאָל טאָן איין זאך איין דור נאָכ'ן צווייטען נאָר דורך א טעות, ער טוט עס דורך דעם בעפעהל פון דעם אינסטינקט, פון דעם וואונש פון עקזיסטענץ וואָס עס ליעגט אין איהם". אויב אזוי, ווי קען זיין א נאַציאָנאַליזמוס אָהן יודענטום, אז אלע ווייסען, אז די וועגען, מעטאָדען און מיטלען דורך וועלכע דער גייסט פון אידישען פאָלק דריקט זיך אויס, זיינען געוועזען קיינע אַנדערע ווי די פון דער אידישער רעליגיאָן און איהרע מצוות ? ! אויב דער נאַציאָנאַלער גייסט פון דער אידישער אומה האָט כסדר געאַרבייט נאָר דורך דיעזע וועגען, דאַרף מען נאָך האָבען א בעסערען בעווייז, אז אין זיי און נאָר אין זיי ליעגט דער

אידישער נאַציאָנאַליזם ? און אויב מען קעהרט זיך אָב פון דיעזע מיטלען קעהרט מען זיך אָב פון דעם גרונד פון דעם אידישען נאַציאָנאַליזם !

ווי פאַלש איז דארום דער וועג פון די וועלכע ווילען שאַפען א אידישען נאַציאָנאַליזמוס אָהן די אַלע זאכען אין וועלכע דער אידישער נאַציאָנאַליזמוס האָט זיך אויסגעדריקט. אנשטאט דיעזע אַלטע וועגען, מעטאָדען און מיטלען שלאָגען זיי פאָר עפּעס א נייע זאך וואָס קיינער ווייס ניט וואָס דאָס מיינט: "גייסטיגע פארמעגענס" (קנינים רוחנים). וואָס פאר א גייסטיגער פארמעגען איז עס פאראן ביי אידען אויסער די אידישע רעליגיאָן און אלעס וואָס דערמיט איז פארבונדען ? האָט שוין ליליענבלום ריכטיג געזאָגט, אז דאָס פאָלק קען זיך מקריב זיין פיר זיין תורה, אָבער ניט עפּעס פיר א גייסטיגען פארמעגען, וועלכע מען וויל איהם דערלאנגען. און אחד־העם ווען ער ענטפערט די וואָס ווילען אן אנדער לאנד פאר אידען אנשטאט ארץ־ישראל, זאָגט : "דאָס פאָלק — — אין זיין היסטאָרישע צורה איז עס דער־יעניגער וואָס וויל עקזיסטירען, ער און ניט קיין אנדערער, אין גאנצען ווי ער איז מיט זיינע עראינערונגען און זיינע האָפנונגען". ווי נאאיוו דארף א מענש זיין צו שרייבען אזעלכע ווערטער און ניט בערעכענען, אז דיעזע ווערטער פארניכטען זיין גאנצע שיטה פון נאַציאָנאַליזמוס אָהן רעליגיאָן. ווארום אויב דאָס פאָלק דארף בלייבען ווי ער איז "אין זיין היסטאָרישע צורה", דאן איז ניט גענוג פאר איהם די זכרונות און די האָפנונגען וועלכע דער פרייער נאַציאָנאַליזם לאָזט־איהם־איבער, ווארום די היסטאָרישע צורה פון אידישען פאָלק איז ניט זכרונות און האָפנונגען, נאָר תורה און מצוות אין וועלכע די זכרונות און האָפנונגען געהען אריין און דורך וועלכע זיי ווערען אויסגעדריקט.

דריטער פונקט : דער נאַציאָנאַליזמוס אָהן רעליגיאָן קען אוועקפיהרען אין די ווייטעסטע מקומות, עס קען ברייננגען אפילו צו א נאָהענטע שכנות מיט'ן קריסטענטום. ווארום אויב נאַציאָנאַליזמוס ווערט געמאָסטען ניט דורך רעליגיאָן, נאָר דורך דער נייער מאָאס פון "גייסטיגען פארמעגען", דאן איז דאָך אלעס וואָס איז ארויסגעקומען פון אי־

דישע מענשען, עס הייסט, פון מענשען וואָס שטאַמען פון דער אידישען נאַציאָן, א טהייל פון אידישען נאַציאָנאַליזמוס, ווייל דאָס געהערט דאָך אויך צו אונזער "גייסטיגען פאַר־מעגען". אויב אַלעס וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון די וואָס האָבען בעלאַנגט צו אונזער נאַציאָן, איז נאַציאָנאַל, דאַן איז דער "בעל" און "עשתורת" נאַציאָנאַלע אידישע ענינים, ווארום אידען האָבען דאָך דערצו געדיענט. און דער גרינדער פון קריסטענטום און זיינע הויפּט־תלמידים האָבען דאָך אויך געשטאַמט פון אידען, און פון נ א צ י אָ נ אַ־ל ע ן שטאַנדפונקט בעלאַנגען זיי דאָך אויך צו די אידישע נאַציאָן. און ווירקליך האָט מען מיט עטליכע יאָהר צוריק געשריבען אין ארץ ישראל השתפכות הנפש צו דעם מאַן פון נצרת. עס האָט ארויסגערופען דעם כעס פון די אידישע וואָרטפיהרער און אחד־העם איז אויך געווען איינער פון די וואָס האָבען זייער צאָרן ארויסגעזאָגט געגען די וואָס האָבען אָנגעפאַנגען פיהלען א ביינקשאַפט צו דעם קריס־טענטום אין שאַרפע ווערטער. אָבער אין אמת'ן האָבען זיי בלויז געצויגען ז י י ן שיטה ביז א לאָגישער קאָנזעק־ווענץ. שולדיג איז די שיטה. יענע שרייבער האָבען גע־קלעהרט אזוי : אויב נאַציאָנאַליזמוס האָט מיט דער אידי־שער רעליגיאָן ניט צו טאָן, פאַרוואָס זאָל מען ניט טאָרען א ביסעל קאָקעטירען מיט אירגענד וועלכע אַנדער אמונה אויסער דער אידישער און בפרט מיט אַזעלכער וואָס מענ־שען פון דער אידישער ראַסע האָבען געשאַפען אין דער אידישער לאַנד ?...

און ווי גרויס איז דער וועהטאָג, אַז דר. קלויזנער, איי־נער פון די אייזערנע זיילען פון דער העברעאישער ליטעראַ־טור, אַ אנהיינגער פון דער שיטה פון פרייען נאַציאָנאַליז־מוס און א תלמיד מובהק פון אחד־העם, האָט געשריבען א בוך איבער דעם גרינדער פון קריסטענטום אין וועלכען ער הויבט איהם אויף צו דער מדרגה פון די נביאי־ישראל ! ! געוויס, ווייל קלויזנער ניט אָב'שמד'ען אידען, אָבער דער פאַקט, אַז א נאַציאָנאַלער שריפטשטעלער האָט געקענט שרייבען איבער דעם "אותו האיש" אין אַזא טאָן, וואָס מוז אַרויסרופען צער און שאַנדע ביי אידען און צופריעדענהייט

ביי מיסיאָנערען ; דער פאַקט, אַז עס זאָל אַזוי שטאַרק פעה־לען דער חוש פון רעספעקט צום יודענטום ביי אַ מאַן פון די העברעאיש־נאַציאָנאַלע גדולים, איז אַ בעוויז ווי ווייט דער דאָזיגער סאָרט נאַציאָנאַליזמוס איז פון יודענטום און פון אידישען גייסט !

פיערטער פונקט : דער "פרייער נאַציאָנאַליזם" איז ניט און קען ניט זיין אידיש־נאַציאָנאַל, ווייל ער איז אין גאַנצען ווי ער שטעהט און געהט גענומען געוואָרען ביי די גוים. עס איז, אַזוי צו זאָגען, אַן אַ ס י מ י ל א צ י אָ נ ס נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז מ ו ס. דער גרונד פון אסימילאַציאָן איז צו נאָכמאַכען די גוים, נעהמען ביי זיי אַ מאָאס און לויט דיעזער מאָאס צושניידען דעם אידישען ראָק. און אַזוי האָ־בען געטאָן אונזערע "לאומיים". ביי גוים איז דער נאַציאָ־נאַליזמוס אָהן רעליגיאָן, דאַרף ביי אונז אויך אַזוי זיין. אונזערע "לאומיים" אַרט אפילו גאָר ניט וואָס עס איז פאַ־ראַן אַזאַ אונטערשיעד צווישען די אידען און די גוים אין דיעזער פראַגע, אַז מען קען גאָר ניט אָפּלערנען פון איינע אויף די אַנדערע.

ביי גוים איז רעליגיאָן און נאַציאָנאַליזמוס בעזונדערע זאַכען, ווייל זיי שטאַמען פון בעזונדערע קוועלען. דער נאַ־ציאָנאַליזמוס קומט פון אינעוויינינג פון דער ראַסע, וועהרענד די רעליגיאָן קומט פון דרויסען. דאָס קריסטענטום איז ניט אַרויסגעקומען פון דעם נאַציאָנאַלען גייסט פון די פראַנצוי־זען אָדער די ענגלענדער א. ז. וו. עס איז גאָר געקומען פון ירושלים און אַטהענס ! ביי אידען אָבער איז די רעליגיאָן אַזוי ווי דער נאַציאָנאַליזמוס אַן אינעווייניגסטע זאַך, אָדער ריכטיגער, איין זאַך. דער גאָט פון דער וועלט איז ביי אידען דער אלקי ישראל און דער העכסטער נאַציאָנאַלער אויס־דרוק אין וועלכען עס איז פאַרוויקעלט דאָס לעבען פון אונ־זער נאַציאָן איז דער פסוק : שמע ישראל, וועלכער איז דער גרונד־פרינציפּ פון אונזער רעליגיאָן.

ביי גוים איז די רעליגיאָן מעהר ניט ווי אַן אויסגוס פון האַרצען פון דעם אינדיווידועלען מענשען צו זיין גלויבען איבער אינדיווידועלע וועהטאָגען. ביי אידען זיינען די עיקר תפלות אַן אויסגוס פון דער נאַציאָן, פון דער כנסת ישראל

צום אידישען גאָט, צו "זייער טאַטען אין הימעל" אזוי אז די אידישע רעליגיאָן איז אין גאַנצען נאַציאָנאַל.

ביי גוים איז די רעליגיאָן בלויז אן אמונה, ביי אונז איז די רעליגיאָן די קראַפט וואָס רעגולירט דעם לעבען, וואָס שאַפט די נ א צ י אָ נ א ל ע ימים־טובים, וואָס מאַכט די נאַציאָנאַלע מנהגים, וואָס האָט געגעבען אונזערע נאַציאָ־נאַלע געזעצע, און אלעס וואָס מיר פאַרמאָגען אלס נאַציאָן קומט דירעקט פון דער רעליגיאָן.

ביי גוים בעלאַנגען פיעלע נאַציאָנען צו איין רעליגיאָן אַזוי אַז רעליגיאָן און נאַציאָנאַליזמוס מוזען זיין בעזונדערע בעגריפען, ווייל איינס קען ניט דעקען דאָס צווייטע, ווער־רענד ביי אידען זיינען ניטאָ אַזעלכע וואָס זאָלען האָבען אַן אַנדער רעליגיאָן און עס איז ניטאָ קיין אַנדער נאַציאָן וואָס זאָל האַלטען דאָס יודענטום אַזוי, אַז דאָס וואָרט "איד" מיינט ביידע זאַכען. און ענדליך :

די גוי'שע נאַציאָנען האָבען אַנדערע וועגען צו היטען זייער נאַציאָנאַלען לעבען, וועהרענד די איינציגע שמירה פון אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ איז די רעליגיאָן.

הערצל, נאָרדוי, אחד־העם

די שיטה פון "נאַציאָנאַליזם אָהן יודענטום" דאַרף פאַר־נעהמען אונזער אויפמערקזאַמקייט, דערפאַר ווייל דיעזע שיטה, וועלכע איז אַזוי געפעהרליך פיר'ן יודענטום הערשט איבער דער העברעאישער ליטעראַטור, זי הערשט איבער די גייסטער פון א גרויסע טהייל העברעאישע אינטעליגענטען פון וועמעס רייהען עס קומען די לעהרער, די ערציהער פון אונזערע יוגענד, אין וועמעס הענד מיר גיבען אונזערע קינדער צו מאַכען פון זיי אידען; זי, די דאָזיגע שיטה, האָט זיך אריינגע'גנב'עט אין דער ציוניסטישער בעוועגונג טראָץ דעם וואָס די בעסטע ציוניסטען, די פּאָליטישע, פון הערצל'ס חדר, און די פראַקטישע פון ליליענבלום'ס חדר האָבען איהר ביטער בעקעמפט. מען רעדט שוין ניט פון דעם אָרטאָדאָקסישען זייט, וואָס האָבען, נאַטירליכערווייזע, איהר ערקלעהרט קריעג פון דעם ערשטען מאָמענט ווען זי איז ענטדעקט געוואָרען.

צובינדענדיג זיך צו דעם הייליגען רעיון פון ציון און צו אונזער נאַציאָנאַל־שפּראַך העברעאיש, האָט דיעזער שיטה געלונגען אָנצוכאַפּען זיך אָן די "ווינקלען פון מזבח" פון וועלכען מען וועט איהר ניט אַזוי גיך קענען פאַרטרייבען. זי האָט זיך אַרומגעוויקעלט מיט דער פּאָהן פון ציון אַזוי, אַז אַנדערע מיינען, אַז זי, דיעזע אַנטי־יודענטום שיטה און דער ציוניזמוס איז איין זאַך.

אָבער, דאָס איז ניט ריכטיג. די בעוועגונג פון חבת־ציון איז געבאָרען ניט פון נאַציאָנאַליסטישע משכילים, נאָר פון יענע אידען וואָס האָבען ניט געטיילט נאַציאָנאַליזמוס פון יודענטום. ר' צבי הירש קאַלישער, ר' אליה גוטמאַכער און אַנדערע האָבען אָנגעפאַנגען די בעוועגונג פיר חבת־ציון, פונקט ווי אַלע פריהערדיגע בעוועגונגען פאַר ארץ־ישראל

אין דער אידישער געשיכטע זיינען ארויסגעקומען פון גאַנצע אידען. דער נייער ישוב־ארץ־ישראל געראַנק איז אַ ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם ישוב־הישן, וועלכער האָט אויפגעבויט די אידישע שטעדט אין ארץ־ישראל. די חבת־ציון־בעוועגונג איז געבאָרען געוואָרען אין קדושה דירעקט פון דאָס יודענטום און ניט פון דער חשכלה און איהר טאָכטער דער נאַציאָנאַליזמוס־געגען־דת.

די צווייטע ציוניסטישע בעוועגונג, די פּאָליטישע, פון הערצל און נאָרדוי, האָט אויך ניט געהאַט קיין שום פּאַרבינדונג מיט די דאָזיגע משכילים, וואָס האָבען געוואָלט שאַפען אַ נאַציאָנאַליזם אָהן יודענטום. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט זיך ניט אָבגעגעבען מיט קיין גייסטיגע פראַגען, האָט ניט געוואָלט ברעכען קיינע אידישע טראַדיציאָנען און האָט ניט געוואָלט אראָבפיהרען אַ פאָלק פון איהר היסטאָרישען וועג. הערצל און נאָרדוי האָבען געוואָלט שאַפען די אידישע מדינה און האָבען ניט געוואָלט געבען קיין נייע תורה צו אַן אַלטע אומה. אדרבה, ביידע ריעזען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג האָבען געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר'ן יודענטום. און די אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען זיי געצאָהלט צוריק מיט רעספּעקט און צוטרויען.

און דאַן האָט דער מחוקק פון דער אדעסער תורה פאַרלייגט אַ מלחמה געגען הערצל און נאָרדוי, וועלכע האָט זיך געצויגען יאָהרען־לאַנג. זיי, די דאָזיגע ציון־פיהרער, וואָס האָבען געוואָלט שאַפען די אידישע מדינה און לאָזען צורוה די אידישע אמונה, האָבען פאַר איהם, פאַר אחד־העם'ן, ניט געטויגט. אַ ציוניסט וואָס האָט ניט געוואָלט אָבשאַפען די תורה און אנשטאַט איהר פּראָקלאַמירען אַ נייעם יודענטום, וואָס בעשטעהט בלויז פון "גייסטיגען פאַרמעגען" אין העברעאיש, איז קיין ציוניסט אין זיינע אויגען. און עס איז ניטאָ קיין לעבערליכערע זאַך ווי אַז אחד־העם האָט געמאָהנט ביי הערצל און נאָרדוי "יהדות", וועהרענד די פרומע אידען האָבען ביי זיי גאָר ניט געמאָהנט. די אָרטהאָדאָקסען זיינען געוועזען ליבעראַל און האָבען ניט געפאָדערט פון הערצל און נאָרדוי און אַנדערע פרייע ציוניסטען, אַז זיי מוזען ווערען אָרטאָדאָקסען, וועהרענד דער דאַרוויניסט אחד־העם האָט

דוקא געוואָלט, אַז הערצל און נאָרדוי זאָלען גלויבען אין זיין "קולטור" און האָט ניט געוואָלט צוגעבען, אַז מען קען זיין אַ ציוניסט נאָר דערמיט וואָס מען וויל אויפבויען ארץ־ישראל. די געפּעהרליכסטע פאַנאַטיקער זיינען די ראַדיקאַלע פאַנאַטיקער. ער האָט מבטל געווען דאָס יודענטום פון דער אידישער נאַציאָן, וואָס איז הייליג אין אַ לאַנגע געשיכטע פון דורות און ער האָט ניט געקענט איבערטראָגען ווען אי־מיצער האָט מבטל געווען זיין נייע בעשעפעניש, דעם "נאַ־ציאָנאַליזמוס אָהן יודענטום", און האָט דערמיט ניט גע־וואָלט האָבען צו טאָן.

און דאָ קען מען זעהן ווי אונגערעכט עס זיינען די דאָזי־גע נאַציאָנאַליסטען־משכילים און ווי גראָב עס איז זייער האַנדלונג אין בעצוג צו דער אידישער נאַציאָן. זיי האָבען זיך דערווייטערט פון זייער פאָלק און ווילען זיך אומקעהרען צוריק. על־פּי־דין דאַרפען זיי זיך אומקעהרען אין גאַנצען, אָננעהמען די דרכים און דעם סאָרט לעבען וואָס דאָס פאָלק האָט געפיהרט און פיהרט היינט אויך, זוכען טרייסט צו זייער געבראָכענעם געמיטה אין דער מאַמעס שויס, מיט איין וואָרט: אויב זיי זיינען ענטטוישט געוואָרען אין דער פרעמד און פיהלען, אַז זיי האָבען געמאַכט אַ טעות, דאַרפען זיי אָננעהמען צוריק אַלץ וואָס זיי האָבען אַוועקגעוואָרפען און פאַרגעסען דעם טעות וואָס זיי האָבען געמאַכט אַוועק־געהענדיג.

אָט דאָס הייסט אַן עהרליכער, אַ בראַוער צוריקקעהר. עס הייסט אויך, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, אַ פּאָעטישער צוריקקעהר, אריינפאַלענדיג צוריק אין דער שטימונג אין וועלכער מען איז געווען פריהער.

אויב אָבער זיי געהען צוריק אין דעם אידישען לעבען ניט אריין, נאָר זיי ווילען העלפען ציון, ווילען העלפען שאַ־פען אַ אידישע מדינה, אַ נאַציאָנאַלען צענטער — זיינען זיי אויך ווילקאָמען. קיינער וועט זיי ניט פרעגען וועגען זייערע מיינונגען, קיינער וועט זיי ניט חוקר ודורש זיין איבער זייע־רע איבערצייגונגען. האַנד ביי האַנד וועט מען מיט זיי געהן אין דער גרויסער אַרבייט. די נאַציאָנאַלע אַרבייט איז גרויס גענוג, אַז עס קען אריינגעהמען אַלעמען. עס וועט אפילו ניט

זיין ביי דער ארבייט קיין פארנאנדערטהיילען זיך אין פאר־טייען.

וואס זאגט איהר אבער צו אזעלכע משכילי׳שע בעלי־תשובה וואס קומען צוריק צום פאלק און שטעלען זיך ניט צופרידען דערמיט וואס מען נעהמט זיי ברידערליך אויף און מען פאדערט פון זיי קיין זאך ניט, פארקעהרט, זיי הויבען אן צו פאדערן פון פאלק, אז דאס פאלק זאל זיינע דרכים אוועקווארפען, אז דאס פאלק זאל אנדערש ווערען, הויבען־אן צו זוכען חסרונות און פארלאנגען, אז דאס פאלק זאל זיך לאזען פיהרען ווי זיי, די צוריקגעקומענע, וועלען זיי לערנען, לויט די מעטאדען וואס דיעזע בעלי־תשובה האבען געבראכט פון יענע מקומות וואו זיי זיינען אזוי ביטער ענטטוישט געווארען !

דאס וואלט געווען עהנליך צו א זוהן, וואס האט אוועקגעווארפען דער מאמען, האט איהר פארגעסען, זיך אוועקגע־שלעפט איבער דער וועלט, האט נאכהער חרטה געהאט און איז געקומען אהיים צוריק און די ערשטע זאך וואס ער טוט איז צו כאפען די מעבעל און ווארפען און איבערקעהרען אלעס אין שטוב קאפויר און שרייען צו דער מאמען, אז עס געפעהלט איהם ניט איהרע גאנגען, איהרע פיהרונגען, איהר האלטען זיך ! וואס וואלטען מענשען געזאגט צו אזא פרא־אדם ?

און אזעלכע „בעלי־תשובה" ווי די לעצטע זיינען עס געווען די וואס האבען געשאפען דעם „נאציאנאליזמוס אהן יודענטום". זיי זיינען געקומען צוריק צו זייער פאלק מיט אנטי־יודענטום׳דיגער השכלה אין האנד, זיי זיינען געקומען מיט א בטול צו אלעס וואס איז אידיש, זיי זיינען געקומען אלס „משכילים" אין דער אידישער גאס און האבען זיך גלייך גענומען צום צוואווארפען און איבערקעהרען אלעס וואס זיי האבען געפונען. דאס איז ביי זיי „פארשטיינערט", דאס איז ניט נאך זייער געשמאק, די אידען דארפען זיך „אויסמענשלען" — פונקט די טענות פון די „משכילים" וועמעס נאכפאלגער די נאציאנאלע־משכילים זיינען.

די דאזיגע משכילים, ווען זיי זיינען געקומען צוריק און האבען זיך אנגעשלאסען אן דער חבת־ציון־בעוועגונג, זיינען

זיי אויפגענומען געוואָרען זעהר פריינדליך. ווען עס איז אָבער געבאָרען געוואָרען דער דאָזיגער נאציאָנאַליזמוס אָהן יודענטום און מען האָט דערפיהלט, אז דאָס וויל אונטער־גראָבען דעם יסוד אויף וועלכען די אידישע נאציאָן שטעהט, האָט זיך אָנגעפאנגען דער קאמפף. פון דער נייער תורה איז ניט נאָר ניט געבראכט געוואָרען קיין נוצען אין דער ציוניס־טישער בעוועגונג, נאָר עס האָט געבראכט בלויז שאדען, ווייל ער האָט געבראכט אַ שפּאַלטונג צווישען די חובבי ציון פאר'ן קאָנגרעס און אַ שפּאַלטונג צווישען די ציוניסטען נאָכ'ן קאָנגרעס. דער דאָזיגער גלגול פון דער השכלה איז נאָר געווען אַ שטערונג אין דער ארבייט פאר ארץ־ישראל.

ווי ווייט עס האָט געהערשט ליבעראליזם אין לאַגער פון די חובבי ציון איידער די תורה פון "לאומיות" איז גע־שאפען געוואָרען קען מען זעהן פון אחד־העם'ס ווערטער אַליין איבער די האַלטונג פון די פרומע צו איהם איידער ער איז ארויסגעטרעטען מיט זיין שיטה. ער דערצעהלט אז איידער זיין ארטיקעל "תורה שבלב" האָט זיך אָבגעדרוקט "האָט געהערשט רע־ליגיעזע טאָלעראנץ אין דער מחנה פון די חובבי־ציון". די אָרטאָדאָקסען האָבען איהם קיינמאָל ניט פאָרגעהאַלטען פיר זיינע פרייע אידעען, האָבען זיך מיט איהם און מיט אַנדערע פרייע בעטהייליגט אין פארשיעדענע ארבייטען אויף דעם פעלד פון "חבת ציון", טראָץ דעם וואָס זיי, די אָרטאָדאָקסען, האָבען געוואוסט, אז די פרייע האָבען אַנדע־רע בעגריפען און מיינונגען אפילו אויף חבת ציון אַליין אויך. "ניט איינמאָל און ניט צוויי מאָל — שרייבט ער — האָב איך פאָרעפענטליכט פארשיעדענע ארטיקלען, וועלכע האָבען געקענט געבען גענוג שטאָף פיר פאנאטיקער זיי זאָלען אויף מיר ארויספאַלען — — און פון דעסטוועגען האָב איך אפילו קיין איין מאָל ניט געהערט, אז אונזערע רעליגיעזע חברים זאָלען מיר אויסריידען און אז זיי זאָלען האַלטען פרייהייט אין מיינונגען אַלס אַ שטערונג אויף דעם וועג פון אונזער שותפות'דיגע ארבייט".

איך האָב געבראכט דיעזע ווערטער, ווייל איך האַלט עס פון גרויס וויכטיגקייט. עס צייגט די טאָלעראנץ פון דער

אָרטאָדאָקסיע, אז זי ענטזאגט זיך ניט צו ארבייטען אין הארמאָניע אין שותפות מיט די פרייע, נאָר ווען יענע געהען ניט אונטערגראָבען דעם יסוד פון יודענטום. עס ווערען היינט אויך געפיהרט מלחמות צווישען די אָרטאָדאָקסען און די אָנהייננגער פון פרייען נאציאָנאליזם, און דיעזע מלחמות זיינען ניט דערפאר וואָס די אָרטאָדאָקסען ווילען פרום מאכען די פרייע, נאָר ווייל יענע ווילען מאכען א נייע תורה, די "תורה פון נאציאָנאליזמוס" געגען דער תורה פון דת.

ווענען אחד־העם און אלע אנהייננגער פון "נאציאָנאליזם אָהן יודענטום" דארף מען זאָגען די ווערטער, וועלכע ער זאָגט מיט אונרעכט געגען די פּאָליטישע ציוניסטען, וואָס האָבען ניט געוואָלט אנערקענען זיין "קולטור", ער פּסקנ'ט:

"געגען אזעלכע אידען דארפען מיר זיך בעוואפענען מיט "אונזער גאנצען כח. ניט אום צו "אָבטיילען זיי פון דעם "פאָלק און זאָגען צו זיי: ארויס פון דער מחנה!"—חלילה! "יעדער וואָס קומט אין דער מחנה איז אונזער ברודער, און "מען זאָגט איהם ניט: געה ארויס!— אָבער ניט יעדער "וואָס קומט אין דער מחנה לאָזט מען איהם ער זאָל "איהר פיהרען וואו זיין הארץ "גלוסט..."

פאר וואָס קעמפּפען אידען

מיר קעהרען זיך אום צו דעם פּונקט מיט וועלכען מיר האָבען דיעזע סעריע אָנגעפאַנגען.

דער נאַטירליכער וועג פאר דער מינאָריטעט איז צו ווע־רען אסימילירט און פארשוואונדען אין דער מאַיאָריטעט. דער געפאהר פון אונטערגאנג שוועבט שטענדיג איבער׳ן קאָפּ פון דער מינאָריטעט און זי קען זיך נאָר רעטען דורך א שטענדיגען קאמפּף, דורך א נאכאנאנדיגע אָנשטריינגונג פון אַלע קרעפטען. דאָס לעבען פון א מינאָריטעט איז אן אונ־אויפהערליכע מלחמה מיט די אומשטענדען, מיט דער סביבה. אָהן קאמפּף איז דאָס לעבען פון דער מינאָריטעט אן אונמעגליכקייט.

אָבער, א קאמפּף דאַרף האָבען א שטארקע אורזאכע פארוואָס ער ווערט געפיהרט. מענשען קענען ניט שטעהן נאָכאנאנד אין קריעג אָהן א צוועק, אָהן אן אידעאַל פיר וועלכען עס זאָל זיך לוינען צו שלאָגען. דער צוועק אָדער דער אידעאַל פון א קאמפּף קען אויסקומען ביי א זייטיגען, א ניט-וויכטיגער, אָבער ביי דעם וואָס קעמפּפט פאר איהם מוז ער זיין זעהר גרויס, זעהר וויכטיג און ערהאבען, אז ניט וועט ער אין קאמפּף ניט געהן. ווען אימיצער בעשליסט זיך צו ליידען, דאַרף ער האָבען עפּעס גרויסעס, וואָס זאָל איהם בעצאָהלען צו ברייגגען דערפאר קרבנות.

עס איז דארום קלאָר, אז אויב די אידישע נאציאָן זאָל ווייטער לעבען אַלס א מינאָריטעט און זאָל ווייטער אָנהאַל־טען דעם קאמפּף מיט דער סביבה, מוז זיין א גרויסע אור־זאכע, א גרויסער צוועק און א מעכטיגער אידיאַל פיר וועל־כען די מלחמה זאָל אָנהאלטען. מיר פארשטעהען זעהר גוט וואָס עס איז געוועזן די אורזאכע פאר דעם אידישען קאמפּף און וואָס עס איז געוועזן דער אידעאַל פיר וועלכען די אידישע נאציאָן איז געשטאנען אין שלאכטפעלד ביז יעצט. מיר

דארפען עס גאָר ניט פארשטעהן, עס איז קלאָר געשריבען, אז מיר "זיינען געקומען אין פייער און אין וואסער אויף די היילינקייט פון דיין נאָמען". אלע ווייסען, אז די גרויסע אורזאכע וואס האָט געמאכט די אידען פאר קעמפפער, וואָס האָט אין זיי ארייננגעגעבען כח צו קוקען דעם טויט אין פּנים און ניט אנטלויפען, וואָס האָט זיי געמאכט פיר בעלי־מלחמה געגען אלעמען וואס ארום זיי, איז — אמונה. אמונה איז עס דער גרויסער צוועק און דער הויכער אידעאל וואָס האָט ניט דערלאָזען, אז דער איד זאָל זיך אונטערגעבען צו דעם איינפלוס פון דער מאיאָריטעט. און דער כח פון אמונה איז ווירקליך די גרעסטע קראפט וואָס די וועלט פארמאָגט, ווייל קיין גבורה קען ניט ביישטעהן געגען גלויבען. ווייל אלע פיזישע און מאטעמאטישע חשבונות פון מעהר און ווייניגער, פון שוואכער און שטארקער, הערען אין גאנ־צען אויף צו עזיסטירען, ווען עס קומט צום פונקט פון גלוי־בען, וועלכער איז אין גאנצען א גייסטיגער בע־גריף. איין מאמין קען זיך האלטען געגען א מיליאָן אונגלוי־ביגע. דאָ ווערט אין גאנצען פארשוואונדען די מאָס פון מינאָריטעט און מאיאָריטעט.

אמונה בעצאָהלט אויך זעהר גוט פיר אלע ליידען, און פיר אלע קרבנות, וועלכע מען גיט פאר איהר. זי גיט רייכע וועלטען פון בעגייסטערונג, זי שאפט אוצרות פון גליק, זי פערוואנדעלט צער אין תענוג און טויט אין אייביגען לעבען, זי גיסט ארײן גבורה אין דער הארץ פון שוואכען און זי גיט שטאָלץ און מוטה דעם פארפאָלגטען, זי גיט ארײן פאראכ־טונג אין דעם בליק פון מערטירער צו די וואָס פייניגען איהם. דער בעל־אמונה איז דער אויבער־מענש, וואָס שוועבט ווייט העכער איבער די קעפ פון זיינע שונאים, ער טרינקט פון דעם אייביגען קוואל פון נשמה־שמחה. עס געהט דער איד מיט דער שווערער משא פון יסורים און רדיפות אויפ'ן פלייצע און פון זיין טיעפען הארצען רייסט זיך ארויס א דאנק צו גאָט, דעם באשעפער פון אלע וועלטען, און ער זאָגט: "א אייביגע ליעבע האָסטו ליעב דיין פאָלק דער הויז פון ישראל, תורה און מצוות, געזעצע און משפטים האָסטו אונז געלערנט, און דערפאר — — — פרעהען מיר זיך מיט

די ווערטער פון דיין תורה און מיט דיינע מצוות אויף אייביג״...

אָט דאָס איז די אורזאַכע פיר וועלכע די אידישע מינאָריטעט האָט געקעמפפט, אָט דאָס איז געוועזען די סיבה, דער צוועק און דער אידעאַל, וואָס האָט געהאַלטען דעם אידען שטענדיג אויפ׳ן שלאַכטפעלד גרייט צו מלחמה, עס איז געוועזען פיר וואס זיך צו שלאָגען. צו קעמפפען פיר דעם ריינ־סטען אמת, וועלכען גאָט אליין האָט ענטפלעקט, צו ווערען אויסגעקליבען פון דעם וועלט־באַשעפער, איין פאָלק פון אַלע אומות, צו ווערען געהייליגט דורך זיינע געבאָט, אַן ערוועהלטע משפחה פון דער גאַנצער מענשהייט, צו לעבען און פיהרען זיך לויט די ערהאבענסטע פעראָרדנונגען וואָס שטאַמען פון גאָט אליין — דאָס איז אַזאַ געוואַלדיגע אַנ־שויאונג פיר וועלכע אַלע קעמפפע זיינען לייכט און קליין!

וואָס זיינען אָבער פאַראַן אַנדערע אורזאַכען פיר וועלכע די אידישע מינאָריטעט זאָל קעמפפען אין דער צוקונפט, אויב ניט די רעליגיאָן? קיינער קען ניט זאָגען, אַז די אי־דישע נאַציאָן וועט קעמפפען נאָר דערפאַר, אום צו בלייַ־אַ נאַציאָן. דאָס וואָלט געווען אַלץ איינס ווי אַז איינער וואָלט זאָגען: די מינאָריטעט וועט קעמפפען פיר דעם גרויסען אידעאַל צו בלייבען אַ מינאָריטעט!... אָדער ווי אַז אימיצער זאָל זאָגען: אָט דיעזער מענש פאָהרט אַהין, אום כדי צו פאָהרען אַהין... אָדער נאָך ריכטיגער: עס איז אַלץ איינס ווי אַז איינער זאָל זאָגען: אָט דיעזער מענש, אָדער דיעזע גרופּע מענשען ליידען און אָפּפערן אום צו ליידען און אָפּפערן... דאָס הייסט, אַז אידען זאָלען קעמפפען און אָפּ־פערן אָהן אַן אורזאַכע, וועלכעס איז אַ זאַך פון אונמעגליכ־קייט.

אפשר וועט די אידישע נאַציאָן אָנפיהרען ווייטער דעם קאַמפּף געגען דער גוי׳שער מאַיאָריטעט צוליעב העברעאיש, דאס הייסט, אַז אַ פאָלק זאָל אנשטרענגען אַלע זיינע כחות צו מלחמה האַלטען מיט דער סביבה צוליעב אַ שפּראַך? דאָס איז אַ זאַך וועלכע מען קען ניט ערוואַרטען. קיינמאָל קען אַ לשון ניט פערוואַנדעלט ווערען אין אַזאַ הייליגטום, אַז אַ פאָלק זאָל אין דעם קאָנצענטרירען דעם גאַנצען לעבען

און זאָל זיין גרייט פאר איהם פיהרען אייביגע מלחמות און זיין אָבגעזונדערט פון דער ארומיגער סביבה, איבערהויפט ווען דאָס פאָלק רעדט אויף אן אנדער שפראך, אויף דער שפראך פון לאַנד, און זיין נאציאָנאלער לשון איז ניט מעהר ווי די שפראך פון בוך.

עס איז אמת, אז ביי אידען איז די נאציאָנאל־שפראך היילינ ("לשון קודש"), אָבער די קדושה ליגט ניט אין דעם לשון, ניט אין די ווערטער, נאָר אין דער תורה, אין דער אמונה, וועלכע איז אין דער שפראך איינגעוויקעלט. נעהמט ארויס פון דער שפראך דעם אינהאַלט און זי ווערט אויס הייליג. עס איז איבריג צו זאָגען, אז א שפראך אליין קען ניט צופלאַקערן די פאַנטאַזיע, קען ניט ווארעמען די הארץ צו גרויסע טהאטען, קען ניט ווערען קיין איבערצייגונג פיר וועלכעס מען זאָל אַרויסטרעטען אין קאַמפף. א שפראך איז וויכטיג אין נאציאָנאלען לעבען ווען זי טרעט־אַרויס אלס די טרעגערין פון דער אידעע פון שטאאט, ווען עס איז אין איהר איינגעוויקעלט לאַנד און מלוכה אָדער, ווי אין דעם פאַל פון אידען, ווען עס איז אין איהר איינגעוויקעלט אמונה און תורה, דאָס הייסט, אז די וויכטיגקייט פון דער שפראך איז קיינמאָל ניט אין זיך אליין, נאָר אין דעם וואָס זי איז פארבונדען מיט אנדערע וויכטיגע קרעפטען אין נאציאָנאלען לעבען. אין ארץ־ישראל איז העברעאיש א ריעזיגע קראַפט, ווייל זי איז די פאָרם אין וועלכער דער אידישער נאציאָנאלער לעבען ווערט אויסגעדריקט, דאָרטען איז עס ענג פארבונדען מיט דעם בעגריף: מדינה, לאַנד, פּאָליטיק, און אלע זאכען וואָס געהען מיט א נאציאָנאלען לעבען. אָבער, מיר ריידען פון גלות, וואו עס וועט וואָהנען די גרעסטע טהייל פון דער אידישער נאציאָן, אפילו נאכדעם ווי אונזער נאציאָנאלע היים וועט ווערען פאָלשטענדיג פארטיג.

מיר האָבען יעצט אין גלות פיעלע העברעער, וואָס העב־רעאיש איז ביי זיי א גרויסע קדושה אין וועלכער זיי זוכען צו געפינען א גאנצען און פולען לעבען. אָבער זייער צוגע־בונדענקייט צו העברעאיש קומט מעהרסטענס דערפון וואָס זיי האָבען זיך אליין געהאָדעוועט אין פרומע אידישע היי־זער, וואו לשון־קודש איז הייליג מיט א רעליגיעזע קדושה.

פאַר דיזע העברעער האָט די שפּראַך נאָך די ווארימקייט וואָס דער דת האָט דאָרטען אריינגעלייגט. און דאָס לערנען העברעאיש קומט נאָך אַלץ דערפון וואָס עס זיינען פאַראַן עלטערן, וועלכע שיקען זייערע קינדער לערנען ניט צוליעב דער שפּראַך, נאָר צוליעב אידישקייט. לשון־קודש ווערט אויפגעהאַלטען צוליב דעם יודענטום, אָבער קיינמאָל קען קיין "יודענטום" ניט געשאַפען ווערען אויף דעם גרונד פון העברעאיש. העברעאיש האָט אַ צוקונפט נאָר אויף אַזוי ווייט ווי עס וועלען זיין אידען, וואָס וועלען דאַוונען, געהן אין שוהל הערען קריאת התורה, און וואָס וועלען לערנען לשון־קודש'דיגע ספרים, דאָרטען וואו דיזעס וועט ניט זיין, וועט קיין העברעאיש זיין. עס איז דארום אויסערהאַלב פון אירגענד וועלכע מעגליכקייט, אַז די אידישע מינאָריטעט וועט האַלטען פאַר וויכטיג צו לעבען אַ נאַציאָנאַלען לעבען צוליעב דער העברעאישער שפּראַך.

אפשר וועט די נאַציאָנאַלע היים פון ארץ ישראל וויר־קען אַזוי פיעל, אַז די אידישע מינאָריטעטען אין אַלע לענ־דער זאָלען געפינען אין דעם אַן אורזאַכע פאַר זייער אָנהאַל־טען אַ נאַציאָנאַלען אידישען לעבען אין די גלות־לענדער? דיזע האָפנונג איז אַזוי שוואַך, ווי עס איז שוואַך די האָפ־נונג, אַז העברעאיש וועט געבען די קרעפטען וואָס עס זיינען נויטיג אום צו לעבען אַלס בעזונדער נאַציאָן אין די לענדער וואו מיר וואָהנען.

די אידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל וועט קיין מאָל ניט קענען האָבען אַזא מאַכט אויף די אידען פון גלות, אַז זיי זאָלען דאָ אין די פרעמדע לענדער לעבען אַ נאַציאָ־נאַלען לעבען, נאָר דערפאַר וואָס דאָרטען, אין ארץ־ישראל, האָבען אידען אַ בעזונדער מדינה. עס איז פאַראַן אַ גרויסע סברה, אַז ווען די אידישע נאַציאָנאַלע היים וועט זיין פאַר־טיג, וועלען די אסימילאַטאָרען נאָך גיכער זוכען צו אָבלייק־קענען זייער שייכות מיט דעם אידישען נאַציאָנאַליזמוס, אום פון זיך אַראָבוואַרפען דעם חשד, אַז זיי זיינען ניט קיין פולע בירגער דערפאַר וואָס זיי האָבען אַ פאַרבינדונג מיט אַ פרעמדען שטאַאט... זיי, די אסימילאַטאָרען, וועלען דאַן שרייען, אַז אַ אידישער נאַציאָנאַליסט קען נאָר זיין דער וואָס

איז א בירגער פון ארץ־ישראל, די לאנד פון דער אידישער נאציאָן, אָבער ניט אַ איד פון אמעריקא, פון ענגלאנד א. ז. וו.

דאָס איז אין בעצוג צו די אסימילאטאָרען, וואָס אנבע־לאנג צום פאָלק איז אָבוואָהל עס איז קיין צווייפעל, אז דער פאקט וואָס אין ארץ־ישראל וועלען אידען האָבען א מדינה, וועט זיין א גרויסע הילף צום אידישען נאציאָנאלען געפיהל אין גלות, וועט אָבער דאָס אליין ניט זיין קיין גענוגענדע אורזאכע פארוואָס די אידישע מינאָריטעט זאָל זיך האַלטען בעזונדער און זאָל לעבען אן אייגענעם לעבען, אויב עס וועט ניט זיין די הויפּט־טרייב־קראַפט, די רעליגיעזע, וועלכע איז די אורזאכע פון דער אידישער עקזיסטענץ צווישען די פעל־קער. אין דער צייט פון דער ענדע פון דער צווייטען בית המקדש האָבען אידען אויך געלעבט אין פארשיעדענע לענדער און זייער הויפּט־צובונד צו ארץ־ישראל איז געווען דער רעלי־גיעזער צענטר, דער בית־המקדש, צו וועלכען יעדער איד האָט געמוזט שיקען זיינע יעהרליכע טעקסעס וועלכער פלעגט אויפגעמאָנט ווערען מעהר רעגולער ווי די סטייט־טעקסעס. (מאָמזען: „געשיכטע פון רוימישע פּראָווינצען").

עס איז אלזאָ קלאָר, אז ניט העברעאיש, טראָץ איהר גרויסע בעדייטונג פיר נאציאָנאלען לעבען, און ניט די בע־וועגונג צו בויען ציון, טראָץ די ריעזיגע כחות וואָס די שטרעבונג צו ציון ענטהאלט פאר דאָס לעבען פון פאָלק, און אפילו ניט די אויפגעבויטע ציון קענען זיין גענוג אור־זאכען וואָס זאָלען געבען די אידען פון די גלות־לענדער קראַפט אום צו שטעהן אין קאמפף פיר דאָס לעבען פון דער אידישער מינאָריטעט. די קראפט קען נאָר קומען ווען דיעזע אלע זאכען זיינען צוזאמענגעבונדען מיט א גאנצען יודענ־טום.

אונזערע וואפען אין אייביגען קאמפף

מיר זיינען געקומען צום בעשלוס, אז א קליינער הייפעל מענשען וואס וואהנט צווישען א גרויסע פרעמדע קערפער־שאפט — א מינאָריטעט אין א מאיאָריטעט — קען אנדערש ניט אָנציהען זיין עקזיסטענץ סיידען ער האט א גרויסען אידעאל צוליב וועלכען ער זאל האבען מוטה נאכאנאנד צו קעמפפען געגען דער סביבה, וואס וויל איהם פארשלינגען. דיעזער גרויסער אידעאל איז פאר אידען: די רעליגיאָן.

אָבער אפילו א גרויסער אידעאל איז ניט גענוג, אויב עס זאלען ניט זיין קיינע מיטלען דורך וועלכע דאס פאָלק, אָדער די מינאָריטעט זאל קענען אויפהאלטען זיין בעזונדער עקזיסטענץ. אין א מלחמה איז ניט נאָר נויטיג צו האָבען אן אורזאכע צוליעב וועלכע מען וויל קעמפפען, מען דארף אויך האבען וואפען. אָהן וואפען קען מען קיין קריעג ניט פיהרען, ווי גרוים עס זאל ניט זיין דער חשק צו קריעג. די וואפען זיינען די מיטלען דורך וועלכע דער קאמפף ווערט געפיהרט נאכדעם ווי א פאָלק באשליעסט אין קריעג צו געהן.

וואס זיינען די וואפען פון דעם קליינעם הייפעל מיט וועלכע ער וועהרט זיך געגען דער גרויסער געזעלשאפט וואס וויל איהם פארשלינגען? וועלכע זיינען עס די כלי־זיין פון דער מינאָריטעט וואס קענען איהר פיהרען צו אן ערפאָלג אין דעם שווערען קאמפף? מיר וועלען באלד ארומריידען די פארשיעדענע סאָרטען כלי־זין, וועלכע די אידען האָבען גענוצט. פריהער אָבער פון אלעם מוז מען פעסטשטעלען דעם כלל, אז אלע וואפען מוזען האָבען דעם אלגעמיינעם צוועק צו אָ ב ט ה י י ל ע ן די מינאָריטעט פון דער מאיאָרי־טעט, צו מאכען א וואנד צווישען די קליינע הייפעל און די גרויסע מחנה, א וואנד וואס זאל דיענען ווי א דאם, וועלכער

בעשיצט די איינוואָהנער פון די פלאַכע געגענדען אין ניע־דערלאַנד, אַז דער ים זאָל זיי ניט פערפלייצען. די מינאָרי־טעט דאַרף, מוז האָבען אַזאַ וואַנד, אום די כוואַליעס פון דער אימער דראָהענדער אסימילאַציאָן זאָלען אויף איהר ניט ארויפגעהן.

דער שוץ פון דער מינאָריטעט איז אין דעם, וואָס זי איז אַ נ ד ע ר ש פון דער מאַיאָריטעט, אין דעם וואָס איהרע מיטגליעדער פיהלען, ווייסען און קענען ניט פאַר־געסען, אַז זיי זיינען אַנדערש. דאָס בעוואוסטזיין וואָס עס ליעגט ביי די מיטגליעדער פון דער מינאָריטעט, אַז זיי זייי־נען אַנדערש, אַז עס זיינען פאַראַן פיעלע זאַכען אין וועלכע זיי זיינען אָבגעטהיילט פון דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי וואָהנען — דיעזער בעוואוסטזיין לאָזט זיי ניט צו אויסמישען זיך מיט זייערע שכנים, ער איז דער שומר וואָס היט דאָס לעבען פון דער מינאָריטעט.

ווארום, אויב די מיטגליעדער פון דער מינאָריטעט זייי־נען ניט אַנדערש ווי די פון דער מאַיאָריטעט, אויב עס איז ניטאָ קיין וואַנד, וואָס טהיילט זיי אָב, אויב דער לעבען אין דער מינאָריטעט איז גלייך מיט דעם לעבען אין דער מאַיאָ־ריטעט, וועט מען סוף־כל־סוף ניט קענען אָבהאַלטען די מיט־גליעדער פון דעם קליינעם הייפעל, אַז זיי זאָלען ניט אריבער אין דער גרויסער מחנה, עס פאַלט דאַן אַוועק דער גרונד אויף וועלכען עס שטעהט דאָס לעבען פון דער מינאָריטעט אַלס אַ בעזונדער קערפערשאַפט.

די גרויסע פיהרער פון דער אידישער נאַציאָן האָבען עס פאַרשטאַנען. קיינער האָט ניט אַזוי גוט ווי זיי דורכגענומען די געזעצע פון דער געזעלשאַפט, און קיינער האָט ניט אַזוי טיעף ווי זיי אריינגעדרונגען אין דער מענשליכער פסיכאָ־לאָגיע. זיי האָבען געוואוסט, אַז ווען די אידישע נאַציאָן איז צושפרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט, אַז די גרוי־סע אידעאַלען פון דער אידישער אמונה זיינען ניט גענוג אום צו היטען דאָס לעבען פון אידישען פאָלק, און זיי האָ־בען זיך דארום גענומען צו פאַרשטאַרקען די וואַפען מיט וועלכע די אידען זאָלען קענען קעמפפען געגען די כוואַליעס פון אַסימילאַציאָן, האָבען זיך גענומען שאַרפער מאַכען

ד א ס א נ ד ע ר ש ז י י ן צווישען דעם אידען און די אנדערע פעלקער.

דאס אידישע לעבען איז געווען אנדערש ווי דער גוי'שער, נאך איידער די פאלשטענדיגע פארשפרייטונג פון אידען איז פארגעקומען. די מצוות זיינען די וואנד וואס האט אב־געטהיילט דעם נאציאנאלען אידישען לעבען פון דעם גוי'־שען לעבען. די אידישע געמיינדען וואס האבען געלעבט אין פארשיעדענע לענדער אויסערהאלב פון ארץ־ישראל נאך פאר'ן חורבן בית־המקדש, האבען דורך דיעזע אבטהיילונג צווישען איד און גוי געקענט פיהרען א בעזונדערע געמיינדע לויט זייערע אייגענע תורה און לויט זייערע אייגענע דרכים. אבער ווען די צושפרייטונג פון אידען איז געווארען פאל־שטענדיג, האבען די וויטזעהענדע פיהרער פון דער אידי־שער נאציאן געפונען, אז די אונטערשיעדע צווישען איד און ניט־איד דארפען זיין נאך גרעסערע און שטארקערע, און זיי האבען געמאכט די גזירות, אז א איד זאל ניט עסען קיין גוי'שע ברויט, קיין גוי'שע אויל און קיין גוי'שע וויין. די גמרא ערקלעהרט, אויף איהר שטייגער, קלאר דעם צוועק פון די גזרות. די ערקלעהרונג צייגט אונז דעם טיעפען פא־ליטישען בליק וואס די תלמודיסטען האבען געהאט אויף די צוקונפט פון דער אידישער נאציאן. און ווי גוט זיי הא־בען פארשטאנען די פסיכאלאגישע יסודות פון דעם געזעל־שאפטליכען לעבען. לויט דער גמרא'ס ערקלעהרונג איז, אויב מען עסט ברויט מיט דעם גוי צוזאמען, עסט מען נאכ־הער זיינע בוימאויל, מען טרינקט נאכהער זיין וויין און נאכהער נעהמט מען גוי'שע ווייבער, (געמישטע הייראטהען איז דער לעצטער שטאפעל פון אסימילאציאן פאר שמד) און נאכהער קומט שוין פאלשטענדיגער שמד. זיי האבען געוואוסט דעם שווערען קאמפף וואס א מינאריטעט האט דורכצומאכען אום צו בלייבען לעבען. די אידישע געשיכטע האט געוויזען, אז זייער שטאאטסמאנשאפט איז געווען א ריכטיגע.

די אידישע מצוות זיינען די פעסטונג וואס רינגעלט ארום דאס אידישע לעבען. דאס איז די וואנד הינטער וועל־כער מיר האבען זיך בעשיצט טויזענדער יאהרען און וועלכע

האָט אונז געהיט פון אונטערגאַנג. דורך די מצוות פיהלען מיר נאכאנאנד, אז מיר זיינען אידען, און מיט זיי בעקעמפ־פען מיר אַלע געפאַהרען פון דער אסימילאַציאָן. די מצוות — און קיין אנדער זאַך ווי די מצוות — מאַכען אונז פיר א בעזונדער פאָלק, וואָס לעבט א בעזונדער לעבען. יעדע מצוה איז א בעזונדער וואַפע און איז א טהייל פון אונזער נאַציאָ־נאַלע כלי־זין מיט וועלכע מיר ציהען אין שלאַכטפעלד פיר דאָס לעבען פון אונזער פאָלק.

שבת איז א ריעזיגע פעסטונג, וואָס שיצט דעם הויפּט־אריינגאַנג פון דער אידישער מחנה. דער שבת פארשטעלט די וועג פיר אַלע פערזוכען פון דער אסימילאַציאָן צו אריינ־רייסען זיך אין דעם אידישען לאַגער. אזוי לאַנג ווי דיעזע פעסטונג שטעהט, קען "קיין שונא ניט אריין אין די טויע־רען פון ירושלים", עס הייסט, אין די טויערען פון דעם אי־דישען נאַציאָנאַלען לעבען. ווען דער איד רוהט אָבער זונטאג, צוזאַמען מיט דעם גוי, און שבת ארבייט דער איד גלייך מיט דעם ניט־איד, איז דער ד א ם אויפגעבראָכען און די וואַסער פון ים, די אסימילאַציאָנס־כוואַליעס רייסען זיך ברייט אריין אין דער אידישער גאַס. א מינאָריטי וואָס פאַר־לירט איהר הויפּט־אונטערשיעד צווישען זיך און דער מאַיאָ־ריטעט, פארלירט דערמיט דעם הויפּט זייל אויף וועלכעס איהר לעבען איז אָנגעשפּאַרט. איך רעד דאָ ניט וועגען שבת אלס דעם אוצר פון אַלע רעליגיעזע אידעאַלען, איך רייד דאָ ניט פון שבת אַלס די הויפּט־קוועלע פון פּאָעטישע בעגייסטערונג, איך רייד דאָ ניט פון שבת אַלס דער צענטר פון אַלע אידישע כחות־הנפש, איך רייד דאָ ניט פון שבת אַלס די גרעסטע גייסטיגע שאַפונג וואָס עס איז פאַראַן אויף אונזער ערד־קוגעל, איך רייד דאָ ניט פון דעם שבת אלס די זונן וואָס בעלייכט דעם גאַנצען אידישען לעבען. איך האָב זיך דאָ נאָר אָבגעשטעלט אויף שבת אַלס איינע פון די מעכ־טיגסטע וואַפען מיט וועלכע די אידען האָבען בעזיעגט זייערע שונאים און דורך וועלכע די אידישע נאַציאָן איז גערעטעט געוואָרען פון אונטערגאַנג.

א צווייטע פעסטונג איז כשרות. כל־זמן דער אידישער טיש איז אנדערש ווי דער גוי'שער, איז פאַראַן א שאַרפער

גרענעץ צווישען איד און ניט־איד, דאָס איז דער נאציאָנאַ־לער גרענעץ, וואָס ציהט זיך אין דער לייגג אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל און טהיילט אָב די "געצעלטען פון יעקב" פון אַנדערע געצעלטען. דאָס איז די נאַציאָנאַלע פלאַג. דער איד וואָס עסט קיין טרפה, טראָגט הויך איבער זיין קאָפּ די נאַ־ציאָנאַלע פאָהן און ער שיצט דערמיט די עקזיסטענץ פון זיין אומה. דערמיט וואָס ער עסט ניט פון גוי'שען טיש, שיצט ער די וואַנד, די הייליגע וואַנד פון אָבטהיילונג צווי־שען אונזער נאַציאָן און אַנדערע. האָט איד די פראגע פון כשר־טרפה פאַרוואָרפען, האָט ער פאַרוואָרפען א שטיק־כלי־זין מיט וועלכע די אידישע נאַציאָן בעשיצט זיך פון טויט, ער האָט געמאַכט א לאָך אין דער נאַציאָנאַלער פעס־טונג פון ישראל, עס איז ריכטיג ווי איינער וואָס שטעהט אין קאַמפף און ער נעהמט און ברעכט־איבער זיין שווערד אין צווייען און בלייבט חילפלאָז. דיעזעלבע קיך פאַר איד און גוי, מיינט דיזעלבע משפחה, געמישטע עסען איז ניט ווייט פון געמישטע הייראַטען און פאָלשטענדיגע אסימילאַ־ציאָן. און וואָס וויינינגער א איד פיהלט דעם גרענעץ צווי־שעןביידע וועלטען, די אידישע און די ניט־אידישע, אַלץ נעהנטער איז ער צום אונטערגאַנג אַלס איד. א נאַציאָן בע־שטעהט נאָר פון איינצעלנע מענשען און ווען דער איינצעל־נער איד פאַרלירט זיין אידישע גרונד, האָט די נאַציאָן ניט מעהר זיך אויף וואָס צו האַלטען. און אַזוי איז מיט אַנדערע מצוות אין וועלכע דאָס נאַציאָנאַלע אידישע לעבען איז איינגעוויקעלט.

מאַקס נאָרדוי, מיט זיין שאַרפקייט צו שאַפען אויסדרוי־קע, האָט אָנגערופען דער אָרטאָדאָקסי: "דאָס געפּאַנצערטע יודענטום". קיין מעהר טרעפענדער אויסדרוק קען ניט זיין. דער אָרטאָדאָקסישער איד קעמפּפט דעם נאַציאָנאַלען קאַמפף פון דאָס אידישע פאָלק אין פולע בעוואַפנונג. ער איז געפּאַנצערט פון קאָפּ ביז די פיס און איז אימער "אין אַקציאָן". ער קעמפּפט אין אונזער נאַציאָנאַלער קריעג אין דער פריה, ביי טאָג און אין אבענד, וואו ער געהט און וואו ער שטעהט, ביין טיש און אין גאַס. און וואָס ווייטער אימי־צער רוקט זיך אָב פון דער אָרטאָדאָקסי, אַלץ מעהר און

מעהר ענטוואַפּענט ער זיך און אַלץ וויניגער איז ער נאַציאָ־נאַלער איד, און אַלץ וויניגער האָט ער רעכט זיך מיט דעם נאָמען אָנצורופען. ווארום, עס מוז איין מאָל פאר אַלע מאָל זיין קלאָר, אַז אַ נאַציאָנאַלער איד הייסט אַ איד וואָס קעמפּפט פאר דאָס לעבען פון דער נאַציאָן מיט די נאַציאָ־נאַלע וואפען, וועלכע זיינען די איינציגע וואָס קענען אונז אויפהאַלטען אין לעבען. אַ נאַציאָנאַלער איד קען ניט היי־סען דעריעניגער וואָס האָט זיך ענטוואַפּענט און לאָזט דער־מיט דעם שונא אריינדרינגען אין לאַגער.

אין אמת'ען האָבען די נאַציאָנאַליסטען געדאַרפט זיין די גרעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטען און אַגיטאַטאָרס פיר מצוות המעשיות. זיי האָבען דאָך אָהנע צווייפעל ליעב די אידישע נאַציאָן און וואָלטען וועלען זיין אייביגע עקזיסטענץ און זיי קענען דאָך ניט לייקענען, אַז דאָס היטען פון אידישקייט איז אַ געוואַלדיגער כח צו אויפהאַלטען דאָס לעבען פון פאָלק, אַ נאַציאָנאַליסט וואָלט געדאַרפט האָבען דעם טיעפּסטען צער און דעם שאַרפסטען וועהטאָג, ווען ער זעהט ווי מען פאַרשוועכט די מצוות המעשיות, ער האָט בעדאַרפט פיהלען און טראַכטען: וועה איז צו אונז! אָט נעהמען אידען און צוברעכען מיט זייערע אייגענע הענד אונזערע פיילען, אונ־זערע שפּיזען, אונזערע שוץ־מיטלען מיט וועלכע מיר בע־שיצען זיך פון אסימילאַציאָן! זיי גראָבען־אונטער אונזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ! אַזוי האָבען די נאַציאָנאַליסטען געדאַרפט פיהלען, אויב זיי זאָלען ריכטיגע נאַציאָנאַליסטען זיין. ווער רעדט, אַז זיי, די נאַציאָנאַליסטען, זאָלען אליין מאַכען אַזאַ אַנטי־נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציאָן, ווי למשל, געהן בצבור צו אַ טרפה'ן טיש, האָט געדאַרפט זיין אַזאַ אונ־מעגליכקייט, ווי אַז איינער זאָל אונטערצינדען די הויז אין וועלכער ער געהט שלאָפען.

אַן אמת'ער נאַציאָנאַליסט איז געווען דער פּערפאַסער פון פאָלגענדען וואונדערליכען מדרש:

„עס איז גלייך צו איינעם וואָס איז אריינגעפאַלען אין „וואסער, האָט דער קאַפּיטאַן איהם דערלאַנגט אַ שטריק „און האָט צו איהם געזאָגט: נעהם אָן פעסט דיעזען שטריק „אין דיין האַנד און לאָז איהם ניט אָב, ווארום אויב דו

"ווערסט איהם אָבלאָזען, [illegible] טו ניט מעהר. אזוי האָט גאָט "געזאָגט צו די אידען: [illegible] מן איהר זייט אָנגעבונדען צו "די מצוות, זייט איהר [illegible] מיט'ן לעבען". (במדבר ר' פ' ט"ז).

ניין! אונזערע נאַציאָנאַליסטען זיינען קיין נאַציאָנאַ־ליסטען ניט. די אמת'ע נאַציאָנאַליסטען, די איינציגע וואָס האָבען א רעכט דיזען נאָמען צו טראָגען, זיינען די אידען וואָס היטען אידישקייט!

דובנאָוו וויל מען זאָל מאַכען נייע „מצוות“

אַז די אידישע נאַציאָן קען ניט לעבען אָהן מצוות — זיינען מודה אפילו די טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזמוס. נאָר וואָס דען? זיי שלאָגען־פאָר צו מאַפען נייע מצוות אנ־שטאט די אַלטע. דער פאָרשלאָג צו מאַכען נייע מצוות איז געמאַכט געוואָרען פון ד ו ב נ אָ ו ו ׳ ן דירעקט און פון אחד־העם׳ן אינדירעקט, אָבער גענוג קלאָר.

איידער מיר ברייננען דובנאָוו׳ס פאָרשלאָג צו מאַכען נייע מצוות, איז ווערטה זיך אָבצושטעלען אויף דער שיטה וואָס דובנאָוו האָט געשאַפען אין נאַציאָנאַליזמוס. וואָרום דובנאָוו איז, אַזוי ווי אחד־העם, אַ טאַטע פון אַ שיטה אין נאַציאָנאַליזמוס, ער איז אויך אַ „רבי“ און אַ מחוקק און האָט בעשאַפען אַ „נייעם יודענטום“ אנשטאט דעם אַלטען, אָבער אַן אַנדערן ווי אחד־העם׳ס.

ווערענד אחד־העם האָט געבויט זיין נאַציאָנאַליזמוס אויף העברעאיש און די שטרעבונג צו אויפבויען ארץ־ישראל אַלס נאַציאָנאַלען צענטר, איז ביי דובנאָוו׳ן העברעאיש ניט אַזאַ וויכטיגער יסוד, אידיש איז ביי איהם אויך אַ נאַציאָ־נאַל־שפּראַך אַזוי ווי העברעאיש, און ביי זיינע תלמידים איז אידיש ד י נאַציאָנאַל־שפּראַך, און וואָס אַנבעלאַנגט צו דער שטרעבונג צו ציון, וועלכע איז ביי אחד־העם דער עיקר פון אַלע עיקרים, איז ביי דובנאָוו׳ן פאַראַן אויף דעם פּלאַץ אַן אַנדער שטרעבונג: ד י א ו י ט אָ נ אָ מ י ע א י ן ד י ג ל ו ת ־ ל ע נ ד ע ר. ער גלויבט, אַז אויב די אידי־שע מינאָריטעטען אין פאַרשיעדענע לענדער וועלען קריגען אייגענע אויטאָנאָמיע, וועט עס זיין גענוג צו אויפהאַלטען די אידישע נאַציאָן אין לעבען. דער אידישער עקזיסטענץ, האַלט דובנאָוו, איז געווען געזיכערט אין גלות דורך „אוי־טאָנאָמיזמוס“, דאָס הייסט: „דורך שטעהן אין דעם אייגע־נעם רשות און אַ שטרעבונג צו אַן אינערליכע נאַציאָנאַלע

פרייהייט", זיך אַנטהייל׳ענדיג פון דער סביבה דורך אַן אייגענע איגערליכע הנהגה און דורך די אָבהיטונג פון דעם אייגענעם קולטורעלען פאַרמעגען". מיט איין וואָרט: ווען די אידישע געמיינדען וועלען האָבען די פּאָליטישע רעכטע פיר זייער אויטאָנאָמישע פרייהייט, וועט אַלעס זיין גוט און די אידישע נאַציאָן וועט אַרויס פון געפאַהר.

דאָס איז דער אינהאַלט פון דובנאָוו׳ס נאַציאָנאַליזמוס. אחד־העם׳ס נאַציאָנאַליזמוס איז אַ נאַציאָנאַליזמוס אָהן רעליגיאָן און דובנאָוו׳ס איז א נאַציאָנאַליזמוס אָהן רעליגיאָן. און דערצו אָהן העברעאיש און אָהן ארץ־ישראל! נאָכדעם ווי מיר האָבען בעהאַנדעלט דעם ענין פון נאַציאָנאַליזמוס אָהן רעליגיאָן, נאָר מיט העברעאיש און ארץ־ישראל און געוויזען זיין גרונדלאָזיגקייט, זיין אונמעגליכקייט און זיין לײדיגקייט, איז איבריג צו ריידען וועגען אַזאַ סאָרט נאַציאָנאַליזמוס. וואָס האָט נאָך פאַרוואָרפען אונזער הייליגע נאַציאָנאַלע שפּראַך אויך אין וועלכע דאָס לעבען פון אונזער נאַציאָן איז איינגעוויקעלט און וואָס איז "נייט־ראַל" צו ציון די האַרץ פון דער אידישער אומה.

אויטנאָמיע פון אידישע געמיינדען איז געוויס א גוטע זאַך, אָבער דאָס רעטעט ניט דובנאָוו׳ס נאַציאָנאַליזם פון צו זיין דברים בטלים. העברעאיש און די שטרעבונג צו ארץ־ישראל זיינען אודאי און אוודאי גרויסע זאכען, אָבער קיין יודענטום זיינען זיי ניט, ווען זיי געהן אָהן אידישקייט און ממילא זיינען זיי שוין קיין נאַציאָנאַליזמוס אויך ניט. די צרה איז מיט די אַלע סאָרטען "נאַציאָנאַליסמוסען" וואָס זיי נעהמען אַרויס איין זאַך פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען פאַרמעגען און מיינען, אַז זיי האָבען שוין אַלעס, וועהרענד אין אמת׳ן האָט יעדער זאַך איהר בעדייטונג נאָר ווען עס קומט צוזאַמען מיט דאָס גאַנצע יודענטום. אַזוי ווי די שרייפלאַך פון א מאַשין, וועלכע פאַרלירען זייער ווערטה און ברייגגען ניט זייערע נוצען, ווען זיי זיינען בעזונדער, אַרויסגענומען פון דער מאַשין. די גבורה פון אַלטען יודענטום בעשטעהט אין דעם וואָס עס איז אַ גאַנצע מאַשין און אַלע שרייפלאַך אַרבייטען צוזאַמען פיר דעמזעלבען צוועק.

מיר קעהרען זיך אום צו דעם פונקט, אַז די טעאָרעטי־

קער פון נאַציאָנאַליזמוס זעהן אליין איין, אז אַהן מצוות היינגט דאָס אידישע לעבען אין דער לופטען און אַז דער־פאַר וואַלטען זיי וועלען מאַכען נייע מצוות. דובנאָוו זאָגט:

„אויב אונזער גלויבען אין דעם עקזיסטענץ פון יודענ־„טום איז ניט קיין נאַרישער איינשמועס, נאָר אַן אי־„בערצייגונג, וואָס קומט דורך די אויספאָרשונג פון אַלע „אורזאַכען און רעזולטאַטען פון אונזער געשיכטע; — — „דאַן איז ו'ער דאָזיגער גלויבען פאַרבונדען אין טהאַטען. „אין מצוות מעשיות, אָבוואָהל ניט די מצוות פון שלחן־ערוך. „דער גרונד פון די נאַציאָנאַלע מצוות זיינען: אַ שטענדי־„גער קאַמפּף: פיר די אויטאָנאָמיע פון די קהלות; — — „פיר אַ נאַציאָנאַלע ערציהונג ביי די עלטערן אין הויז און „אין די סקולס; פיר דער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך און „די פאָלקס־שפּראַכען פון גלות. — — — די וואָס האַלטען „זיך, אַז זיי זיינען פּטור פון די דאָזיגע מצוות המעשיות, „טראָגען אין זייער הארצען אַ פּגר פון אַ גלויבען, און זיי „וועלען זיך ניט אויפכאַפּען צו רער אויפלעבונג פון דער „נאַציאָן".

אַלזאָ, אַנשטאַט די מצוות וואָס מיר האָבען געהאַט, דאַרפען מיר זיך שאַפען נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע מ צ ו ו ת. טו וואָס האָבען מיר דאָ פאַרדיענט פון דעם אויסטויש? עס וואָלט שוין געווען לאָגישער, ווען די נאַציאָנאַליסטען וואָס ווילען ניט האָבען צו טאָן מיט דער רעליגיאָן זאָלען זאָגען: „מיר בעפרייען יעדען וואָס ערקלעהרט זיך פיר אַ נאַציאָנאַ־לען אידען פון אַלע פּפליכטען, מיר וואַרפען אַראָב פון איהם „דעם יאָך פון מצוות" און זאָגען איהם, אַז עס איז גענוג ווען ער וויים אין הארצען, אַז ער איז אַ נאַציאָנאַליסט, איז שוין פאַר איהם גענוג!" דאָס וואָלט אַמווייניגסטענס גע־ווען אַ פאָרשלאָג, וואָס עס וואָלט אויסגעזעהן גוט פאַר די וואָס ווילען אַ פרייען לעבען און זיין פּטור פון מצוות. אָבער, אויב מצוות דאַרף מען און אַז ניט קען מען זיך ניט „אויפ־כאַפּען צו דער אויפלעבונג פון דער נאַציאָן", אויב די נייע מחוקקים ווילען געבען אַ נייעם „שולחן־ערוך", קומט דאָך די נאַטירליכע שאלה: איז דאָך שוין אפשר בעסער דער אַלטער „שולחן־ערוך" און די אַלטע מצוות ווי די נייע?!

איבערהויפּט ווען די אַלטע האָבען דאך שוין קלאָר בעוויזען, אַז זיי האָבען געראַטעוועט די אידישע נאַציאָן פון אונטערגאַנג און די נייע מצוות ווייסען מיר דאך נאך ניט זייער כח.

איין בליק אָבער אויף די "נייע מצוות" איז גענוג צו איבערצייגען יעדען, אַז זיי האָבען קיין קראַפט, זיי זיינען טויט גלייך פון זייער בעשאַפונג.

א קאַמפף פיר אויטאָנאָמיע פון די קהלות! און וואָס וועט שוין זיין, אַז די קהלות וועלען האָבען אויטאָנאָמיע, אויב די אידען וועלען ניט לעבען קיין רעליגיעזען אידישען לעבען? א אידישע קהלה איז א לעבעדיגע בעשעפעניש מיט לעבעדיגע אינטערעסען, ווען זי האָט לעבענס־פראַגען מיט וועלכע זיך אָבצוגעבען: פראַגען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט שחיטה, מיט כשרות, מיט רבנים, מיט שוהלען, מיט אידישע דינים, וועלכע דער רב פסקנ'ט, מיט אַלע אַנדערע שאלות וואָס עס קומען פאָר אין געמיינדע, וואו אידען לע־בען אַן אידישען לעבען. נעהמט אָבער אוועק די רעליגיאָן פון דער אידישער געמיינדע, נעהמט אוועק די תורה און די מצוות, אָדער פשוט'ער: נעהמט אוועק דעם "שולחן־ערוך", וועלכען איהר פאַרוואַרפט, און איהר האָט ניט מעהר קיין געמיינדע און איהר האָט ניט מעהר קיין נויטווענדיג־קייט פיר אויטאָנאָמיע און די פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, וועלכע איהר וועט קריגען איז א טויטער בוכשטאַב אָהן א שום בעדייטונג. די גאַנצע "מצוה" פון אויטאָנאָמיע איז דאך דאַרום א לעבערליכע זאך אָהן די אַלטע מצוות, וועלכע איהר האָט פאַרוואַרפען.

און וואָס בעדייטעט די מצוה פון נאַציאָנאַלע ערציהונג אָהן יודענטום? בלייבט דען פון דער ערציהונג אָהן רע־ליגיאָן מעהר ווי עס בלייבט פון דער קהלה ווען מען נעהמט פון איהר אוועק די רעליגיאָן? וואָס האָבען מיר פאַר א נאַציאָנאַלע ערציהונג אין הויז און אין סקול, ווען ניט די אַל־טע מצוות פון שבתים און ימים טובים, די אידישע רעלי־גיעזע ספרים, תורה און נביאים א. ז. וו.? קען א מענש מיט א געזונדען פאַרשטאַנד גלויבען, אַז מעשה־ביכלאך אין אידיש אדער אין העברעאיש וועלען געבען דעם אידישען

פאָלק דעם קראַפט און דעם מוטה וואָס די ספרי־קודש האָ־
בען זיי געגעבען ?

אז דער היילער נאַציאָנאַליזמוס הייגגט אין דער לופ־
טען, איז אחד־העם אויך מודה. ער שרייבט :

"דער פּשוט'ער נאַציאָנאַלער איך פיהלט די נויטינקייט
"צו פאַרבינדען דעם נאַציאָנאַליזמוס מיט דעם פּראַקטישען
"לעבען, ער זאָל אַליין וויסען, אַז ער האָט פּפליכטען, וועל־
"כע ער דאַרף ריכטיג ערפילען. דער מענש וואָס האָט אַ
"הארץ זיך איבערצוגעבען צו אַ גייסטיגען אידעאַל, פאַ־
"דערט פון זיין אידעאַל, אַז ער (דער אידעאַל) זאָל קענען
"אריינדרינגען אין די טיעפעניש פון זיין הארצען און זיך
"פאַרבינדען דאָרט מיט אַלע זיינע געפיהלען און נייגונגען,
"אום אַז דער מענש זאָל פיהלען די אנוועזענהייט פון זיין
"אידעאַל שטענדיג און ניט צופעליג און ער זאָל אין איהם
"געפינען אַ וועגווייזער אין אַלע וועגען פון לעבען. דאָס איז
"דאָך געווען דער טעות פון דעם רעפאָרמירטען יודענטום,
"וועלכע האָט געגלויבט, אַז זי וועט קענען צובינדען זיך די
"הערצער אויף שטענדיג דורך איין שעה פון געזאַנג און אַ
"דרשה פון שבת צו שבת. נון, האָט די ערפאַהרונג געלע־
"רענט, אַז אַזאַ יודענטום, וועלכע פיהלט ניט אַן די הארץ
"שטענדיג, נאָר ערשיינט פון צייט צו צייט און וועט
"פאַרשוואונדען — קען ניט ווערן אַ ווירקענדע קראַפט אין
"לעבען. און זי מוז ענדליך ארונטער צו דער מדרגה פון אַ
"פּוסטע צערעמאָניע, וועלכע האָט ניט קיין נשמה. אויב,
"אַלזאָ, דער נאַציאָנאַליזמוס — — דאַרף פאַרריכטען דאָס
"וואָס דער רעפאָרם־יודענטום האָט קאַליע געמאַכט, דאַרף
"ער ארומנעהמען דעם לעבען פון דעם "פּשוט'ען" מענשען,
"וועלכער איז ניט קיין שרייבער, אָדער לעהרער אָדער
"עסקן, און ער, (דער נאַציאָנאַליזמוס) דאַרף זיין פיר איהם
"אַ ריכט־שנור אין אַלעם וואָס ער טוט, ביז ער זאָל וויסען
"און פיהלען שטענדיג, אַז דער נאַציאָנאַליזמוס איז ניט
"נאָר אַ שפּיעלכעל פאַר די ליידיגע צייט, נאָר אַ לעהרע פון
"פּראַקטישען לעבען (תורת־חיים). — — און דאָס האָט דער
"נאַציאָנאַליזמוס ניט געטאָן ביז יעצט. ער האָט זיך בע־
"נוגענט מיט נאַציאָנאַלע "שטונדען" פון דרשות און

„אסיפות פון צייט צו צייט און דאָס טאָג־טעגליכע לעבען
„איז געבליבען ליידיג ווי ער איז געוועזן אַהן אַן אי־
„נערליכע פאַרבינדונג מיט דעם אידעאַל פון די דרשות
„און עס איז דארום קיין וואונדער, אַז טראָץ די התלהבות
„און די „דבקות״ וואָס עס הערשט אין דער מחנה פון די
„נאַציאָנאַליסטען זעהט מען שוין דאָרטען און דאָ די סימנים
„פון מיעדקייט און ליידיגקייט פון האַרצען״.

אלזאָ, אחד־העם אליין איז מודה, אַז דאָס לעבען פון
אַ „נאַציאָנאַלען אידען״ איז ליידיג, און ער האָט פאַרגע־
שלאָגען דארום אַ נייע „מצוה״ פאַר די נאַציאָנאַליסטען,
אום אויסצופיללען זייער ליידיגקייט. ד י נ אַ צ י אָ־
נ אַ ל י ס ט ע ן ז אָ ל ע ן ז י ך פ אַ ר ז אַ מ ל ע ן ג ר ו־
פ ע נ ו ו י י ז א ו ן ח ו ק ר ו ד ו ר ש ז י י ן א י ן
ד י ש אַ ל ו ת פ ו ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן מ אַ ר אַ ל.
מיר שיינט, אַז יעדער מענש מיט אַ שכל־הישר וועט צו־
געבען, אַז איידער צו געהן צו אַ גרופע (אגודה) צו עוסק'ן
„אין שאלות פון מאָראַל״ איז גלייכער זיך אריינכאַפּען אין
בית־המדרש בין מנחה־למעריב און לערנען אַ פרק משניות,
אַ שטיקעל עין יעקב אָדער אַ מוסר־ספר...

מיר אַארט פאָלגענדע קשיא: אויב מענשען קומען צו
דער איבערצייגונג, אַז דאָס לעבען פון אַ פאָלק קען ניט זיין
געבויט אויף נאַציאָנאַלע התלהבות אליין און אַז מען דאַרף
האָבען מ ע ש י ם, פראַקטישע טהאַטען אין טאָג־טעג־
ליכען לעבען, אָדער ווי מען רופט עס אויפ'ן אַלטען לשון
„מצוות״, טו פאַרוואָס געהען זיי שאַפען אַ נאַציאָנאַליזמוס
אַהן יודענטום? און פאַרוואָס זאָגען זיי ניט:

אַ נאַציאָנאַליסט דאַרף קודם־כל זיין אַ איד, ווייל דאָס
אידישע לעבען פון תורה און מצוות איז דער גרונד אויף
וועלכען דער נאַציאָנאַליזמוס קען זיך האַלטען און אָהן דעם
איז אַלעס ווי אַ וואָלקען וואָס פאַרשווינדעט און ווי אַ רויך
וואָס ווערט גאָר נישט! !

די ״נאציאָנאלע ערציהונג״

לאָמיר שאפען א ״נאציאָנאלע ערציהונג״ ! — איז געוואָרען דער געשריי גלייך ווי דער נאציאָנאליזמוס־אָהן־רעליגיאָן האָט זיך בעוויזען.

איך קען זיך ניט פאָרשטעלען קיין מעהר לעכערליכען אויסדרוק, קיין מעהר נארישען לאָזונג ווי דער פאָרשלאָג צו געהן שאפען א ״נאציאָנאלע ערציהונג״ ביי א נאציאָן וואָס האָט שוין איהר נאציאָנאלע ערציהונג זייט עטליכע טויזענד יאָהר !

ווען מען זאָגט ״לאָמיר מאכען א ״נאציאָנאלע ערציהונג״ זעהט עס אויס, אז די ערציהונג וואָס עס איז געווען ביי אידען ביז די נאציאָנאלע משכילים האָבען זיך אומגעקעהרט פון פרעמדע גערטנער איז ניט געווען נאציאָנאל. עס זעהט אויס, אז מען האָט אין די אידישע חדרים געלערנט פיינט צו האָבען די אידישע נאציאָן און מבזה זיין דאָס פאָלק ישראל, אָדער אמווייניגסטענס, אז מען האָט אין יענע חדרים ניט איינגעפלאנצט קיין ליעבשאפט צום פאָלק, צו זיינע גרויסע מענשען, צו זיינע אידעאלען. עס זעהט אויס, אז פון די אידישע חדרים, וואו אונזערע טאטעס, זיידעס, עלטער־זיידעס ארויף, ארויף ביז עזרא הסופר, זיינען ארויסגעקומען אידען וואָס האָבען פון זייער נאציאָן ניט געוואָלט וויסען, האָבען ניט געוואָלט איינטונקען א פינגער אין קאלטען וואסער פאר דער אידישער אומה. מען האָט זיי דאָרטען, אין די אידישע שולען פון ירושלים ביז ווילנא, געמאכט פיר אסימילאטאָרען ביז וואנען די נאציאָנאלע משכילים האָבען איינגעזעהן, אז עס איז צייט צו מאכען אידען פיר נאציאָנאלע אידען.

עס קלינגט ווי א נארישער וויץ, ווען מען קומט צו א פאָלק, וואָס פון איהרע סקולס זיינען ארויס די חשמונאים, רבי עקיבא און זיינע תלמידים, די שעפּפער פון תלמוד אין

ארץ־ישראל און בבל, די דורות פון רש"י, רמב"ם און ר' יהודה הלוי, די גולי שפּאַניען ביז די מערטירער פון אוקראינא און מען זאָגט, אז מען ווער ערשט געהן שאַפען פיר דיעזער אומה א סקול, וואו מען וועט לערנען נאַציאָנאַליזמוס. די מענשען, נאַציאָנאַלע משבילים, וואָס זיינען אַרויסגעטרעטען מיט אַזעלכע דבורים, האָבען ניט קיין "געפיהל פאר הומאָר", ווי מען רופט עס אין דיעזע לענדער, אז ניט וואָלטען זיי געפיהלט דעם גרויסען חוזק וואָס עס ליעגט אין זייער פאָרשלאָג. אָבער, אויסער וואָס עס פעהלט זיי הומאָר, פעהלט זיי אויך דרך־ארץ, דרך־ארץ פיר א גרויסע אומה, פיר דעם פאָלק ישראל.

א "נאַציאָנאַלע ערציהונג" הייסט אַזא ערציהונג וואָס וועקט אין דער נשמה פון דעם קינד ליעבשאַפט און איבערגעבענהייט צו דער נאַציאָן ביז מסירת נפש, אַן ערציהונג וואָס וועקט אַכטונג און ליעבע צו די גרויסע מענער פון דער נאַציאָן, וואָס פלאַנצט איין אין דעם מח פון קינד די געדאַנקען, וועלכע זיינען ביי דאָס פאָלק טייער און די אידעאַלען וועלכע די נאַציאָן פארמאָגט און זי מאַכט די נייע דורות גרייט צו טראָגען ווייטער די עקזיסטענץ פון דער נאַציאָן.

און זינט די וועלט שטעהט האָט נאָך קיין מענש ניט געקענט אויסקלערען א מעהר "נאַציאָנאַלע ערציהונג" ווי די אַלטע אידישע טראַדיציאָנעלע ערציהונג. די דאָזיגע ערציהונג האָט אַרומגערינגעלט דעם קינד מיט א נאַציאָנאַלע אַטמאָספערע. זי האָט צו איהם אין חדר געבראַכט אונזער נאַציאָנאַלע לאַנד מיט איהרע בערג און טהאָלען, זי האָט איהר צו פינף יאָהר אריינגעפיהרט אין דער געזעלשאַפט פון די אבות פון דער נאַציאָן, זיינע אויערען האָבען געהערט די שטימע פון גאָט, דעם בעשעפער פון אלע וועלטען ריידען צו די נאַציאָנאַלע ריעזען פון אונזער פאָלק, ער האָט געהערט די דונערן און בליצען דורך וועלכע אונזער נאַציאָנאַלע תורת איז געגעבען געוואָרען צו אונז, די תורה אין וועלכע ער, דאָס קינד, לערענט. ער האָט דיעזע נאַציאָנאַלע געזעצע געלערענט, האָט געוואוסט, אז דיעזע געזעצע היט זיין טאַטע און ער וועט עס אויך היטען, און אז קיין פאָלק איז

ניט אזוי גליקליך אזעלכע געזעצע צו האָבען. ער האָט גע־וואוסט, אז קיין אומה, ווי שטאַרק זי זאָל ניט זיין, וועט אונז ניט קענען פארניכטען, ווייל גאָט וואכט אויף זיין אויסגעקליבענע נאַציאָן, ווען ער וועט ברייננגען צוריק אין דער אידישער לאַנד. און דאָרטען, אין דער אידישער שולע, האָט מען ניט נאָר דערצעהלט דעם קינד וואָס עס זיינען זיינע נאַציאָנאַלע פפליכטען, נאָר מען האָט איהם אָנגעטאָן דעם אידישען פאַנצער, די וואפען, די מצוות המעשיות, און מען האָט איהם געלערענט באלד פון זעקס יאָהר אָן ווי אזוי צו ציהען אין שלאַכטפעלד געגען די שונאים פון דער אידישער נאַציאָן. פון דאָרטען, פון חדר, איז ער אַרויס א פאָלשטענדיגער נאַציאָנאַלער קעמפפער, וואָס האָט געהאַט די וואפען מיט וואָס צו קעמפפען און האָט געוואוסט פאַרוואָס ער קעמפפט!

ווי ברייט און רייך איז די פעלד פון דער נאַציאָנאַלער פאָעזי אין וועלכע די אידישע ערציהונג האָט געבאָדען די נשמה פון קינד. "אז ישיר" און "האזינו", "האספו ואגידה לכם" און "מה טובו אוהליך יעקב", "ואתחנן אל ה'" און "שוב מחרון אפיך", "והיה באחרית הימים" און "הוי אריאל, אריאל" און תהלים! און דאָס אַלעס צוזאַמען איז אויסגעגאָסען געוואָרען אין איין געטליכע האַרמאָניע, אין וועלכער די גאַנצע וועלט, אַלע פעלקער, ים'ן, בערג און טהאָ־לען, חימעל און ערד, פערגאַנגענהייט און צוקונפט האָבען געזאָגט שירה, און אין דעם גאַנצען וועלט־געזאַנג הערט זיך העכער און שאַרפער דער קול פון דער כנסת ישראל, דאָס אויסערוועהלטע פאָלק, דער טרעגער פון דעם אייביגען אמת!

אָט דאָס איז די נאַציאָנאַלע ערציהונג פון דעם אידישען חדר, אָט צו דיעזער נאַציאָנאַלער ערציהונג האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אונזער גבורה מיט וועלכער מיר האָבען די גאַנ־צע וועלט גובר געווען. און דאָ זיינען געקומען עטליכע משכילים, וואָס האָבען אויסגעלעקט עטליכע פרעמדע טע־לערס, אַלץ איינס צו ביי פיסאַרעוו, אָדער באַקל און ספענ־סער, אָדער וועלהאַוזען און זאָגען, אז זיי ווילען עס יעצט געהן געבען דעם אַלטען ישראל א "נאַציאָנאַלע ערציהונג".

די דאָזיגע "נאַציאָנאַלע ערציהונג", וועלכע די משכילים

האָבען געשיינקט דעם אידישען פאָלק צו פארנעהמען דעם פלאַץ פון יודענטום, איז געקומען אין גאַנצען פון די גוים, זי איז געגען דעם נאַציאָנאַלען גייסט פון אידישען פאָלק, וועלכער אנערקענט תורה און מצוות אַלס דעם יסוד פון אונזער חנוך. זי איז געגען אונזער נאַציאָנאַלער געשיכטע, וועלכע האָט שטענדיג אנערקענט בלויז דאָס יודענטום אַלס דעם עיקר פון נאַציאָנאַלען אידישען לעבען און ניט די ש פ ר א ך אויף וועלכע די נאַציאָנאַליסטען־משכילים ווילען אַלעס בויען. אונזער נאַציאָנאַלע סקול רופט זיך ״תלמוד־תורה״ און ניט ״תלמוד־לשון״... די נאַציאָנאַלע־משכילים האָבען אין דיזער זאַך אַזוי גוט ווי אין אַנדערע פשוט נאָכגעטאָן די גוים, ווי אמת׳ע אסימילאַטאָרען, מאַכען אַ שולע ריכטיג ווי ביי די גוים, נאָר אויף העברעאיש. ריכטיג ווי מיר וואָלטען געקעמפּפט זייט טויזענדער יאָהרען ניט פיר אַן אמונה און פיר געזעצע וואָס זיינען פארהייליגט, נאָר צוליעב אַ שפּראַך. און ריכטיג ווי די שפּראַך וואָלט אונז געקענט רעטען פון טויט, ווען מיר ווּעלען פערוואַרפען דאָס וואָס האָט אונז ביז יעצט ערהאַלטען ביי׳ן לעבען. ווען די משכילים זיינען געקומען מאַכען דיזע סקולס אויפ׳ן גוי׳שען שטייגער, האָבען זיי עס געדאַרפט רופען אַ נ ט י ־ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ערציהונג. ווייל עס איז געגען דעם גייסט, געשיכטע און אויפפאַסונג פון דער אידישער נאַציאָן.

אָט, ווי אַזוי זלמן עפשטיין, דער בעקאַנטער שריפטשטעלער, בעשרייבט דעם גרעסטען אינסטיטוציאָן פון דער דאָזיגער ״נאַציאָנאַלער ערציהונג״, די גימנאַזיום אין יפו:

״עס איז דאָ ניטאָ קיין שום סימן פון ״דעם רעליגיעזען ״ציטערניש, וואָס מען פיהלט ווען מען לערענט דעם תנ״ך, ״עס איז דאָ ניטאָ די סודות׳דיגע הייליגקייט, און די ער־ ״האבענע ליכטיגקייט, וועלכע קען נאָר ערוועקט ווערען אין ״דער ווייכער און יונגער הארץ פון קינד. די יונגע ווייכע ״נשמה וואָס איז אַזוי מסוגל און אָפען אריינצונעהמען אין ״זיך די אייביגע הייליגקייט פון תנ״ך אין דעם מאַנטעל פון ״דער טראַדיציאָן פון דער אומה, געפינט דאָ ניט אפילו ״קיין לייכטען אויסדרוק, וועלכער זאָל איהם ווארימען און

"דערוועקען אין דעם דאָזיגען פּאָעטישען ווינקעל און זאָל
"לאָזען צייכענס פיר דעם גאַנצען לעבען. — — — קאַלט
"און האַרט ווי אַ שטיין שטעהט דאָ דער באַרג סיני און ער
"רעדט גאָר ניט און ער זאָגט גאָר ניט פיר די הערצער פון
"אייז, וועלכע זיינען אַרום".

ווי געפעהלט אייך אַזאַ "נאַציאָנאַלע ערציהונג ?" נאָר לאָמיר לאָזען ריידען די נאַציאָנאַלע־משכילים, דער באַנק־ראָט פון דער "נאַציאָנאַלער ערציהונג" איז אַזוי גרויס, אַז זיי מוזען שוין אַליין דאָס אַרויסזאָגען. דער העברעאישער דיכטער יעקב פיכמאַן פון ארץ ישראל שרייבט :

"אַז מיר בעטראַכטען די רעזולטאַטען פון (נאַציאָנאַלען)
"חנוך — — קומען מיר צו זעהר אומעדיגע בעשליסע — —
"עס איז ניט צום דערקענען קיין שום סימן פון ברכה אין
"דער בעשאַפונג פון אַן אָריגינעלע קולטור, פאַרקעהרט, איז
"פיעלע הינזיכטען זעהען מיר די סימנים פון צופוילטקייט,
"דער נאַציאָנאַלער קולטורעלער הויך האָט זיך ניט אויפגע־
"הויבען. — — די גייסטיגע אָרימקייט זעהט זיך דאָ
"אַרויס פון יעדער ווינקעל — — דער נייער העברעאישער
"חנוך אי דאָ (אין ארץ ישראל), אי אין אַנדערע לענדער
"האָט ניט פאַרשטאַרקט די אידישע שאַפונגס־קרעפטען. —
"— זאָלען מיר זיך ניט שעהמען מודה צו זיין אויפ'ן קול :
"די נייע ערציהונג האָט געהאָלפען צו שאַפען דערווייל אַ
"טיפּ וואָס איז זעהר ווייט פון רייכקייט פון גייסט, האָט
"בעשאַפען אַ העברעאישע קולטור, וועלכע איז אויבער־
"פלעכליך, אָהן טיעפקייט, מיט שוואַכע וואָרצלען און אָרים
"אין פרוכט".

דאָס זאָגט אַ איד, וואָס קימערט זיך ניט וועגען אידיש־קייט, וואָס קענען שוין זאָגען אידען אין וועמעס הארץ עס איז נאָך פאַראַן אַ לעבעדיגעס יודענטום ? !

און דער טאַטע אַליין פון דאָזיגען נאַציאָנאַליזמוס־אָהן־יודענטום, אחד־העם, איז אויך געצוואונגען נאָך אַ סך דריידלאַך און פּשט'לאַך, ווי זיין שטייגער איז, צו מודה זיין, אַז מען לערענט אין דער יפו'ער גימנאַזיע תנ"ך לויט די איבערדרייאונגען און אויסטייטשונגען פון די גוי'שע בי־בעל־קריטיקער. און אַז ער האָט געפרעגט ביי אַ אינגעל אַ

שטיקעל תנ"ך, האָט ער ניט געוואוסט און האָט געענטפערט: "ווי קען מען עס געדיינקען ? דאָרטען (אין תנ"ך) איז דאָך אַלעס אַזוי צומישט !"

אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם אַנטי־נאַציאָנאַלען חנוך אין ארץ־ישראל. ניט בעסער איז ער אין גלות. אָפען און קלאָר זאָגט אַ שריפטשטעלער און לעהרער פון ארץ־ישראל, דוב קמחי (אליין אויך פון נאַציאָנאַלען־אָהן־רעליגיאָן חדר) :

"אַ נייער דור איז אויפגעשטאַנען אין לאַנד, אָהן תורה, "אָהן טראַדיציאָן, אַ דור פון פוסטע פראַזען, פון גייסטיגע "ליידיגקייט און פון חלול הקודש. אַ דור אָהן אַ צורה, וואָס "שטעהט גרייט אומצובייטען די ארץ־ישראל'דיגע פראַזע "אויף אַן אַנדער פראַזע פון לאָנדאָן אָדער פּאַריז, — — "די זע גרויסע ליידיגקייט איז אריינגעוואָרפען געוואָרען "אין די לופט פון ארץ־ישראל דורך די לעהרער־ערציהער, "וואָס האָבען איבערגעביטען איבערנאַכט — — די שוועררע חומשים אויף די "ספּורי המקרא" און רש"י און די "גמרא זיינען אויסגעביטען געוואָרען אויף די דינע אילוסטרירטע בראָשורען — איבערזעצונגען פון רוסיש, דייטש, "פראַנצויזיש און ענגליש".

איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן די ריכטיגקייט פון דיעזע פארשיעדענע אַנקלאַגען, ווען איך בין געוועןאין ארץ־ישראל. עס איז קלאָר, אַז די "נאַציאָנאַלע ערציהונג" איז באַנקראָט ניט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון יודענטום, נאָר אפילו פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַליזמוס אַליין אויך.

"חדר" און "בית־ספר לאומי"

אז דער זאַגענאַנטער "נאַציאָנאַלער ערציהונג" איז א דורכפאַל אין ארץ־ישראל, אויף דעם אידישען באָדען, קען מען דאָך שוין פערשטעהן וואָס פאר א דורכפאַל ער איז אין די גלות לענדער, אומעדום וואו ער איז געקומען ירשנ'ען דעם טראַדיציאָנעלען אידישען חנוך!

ניט בלויז איז דער "חנוך לאומי" ווייניגער נאַציאָנאַל ווי דער חנוך אין חדר, נאָר ער איז פון איהם ניעדריגער אויך אין מענשליכען, גייסטיגען, אינטעלעקטועלען און אפילו פעדאַגאָגישען שטאַנדפונקט.

אויף ערציהונג קען מען קוקען פון צוויי שטאַנדפונק־טען: איין שטאַנדפונקט איז אז דער צוועק פון ערציהונג איז צו מאכען דעם קינד פעהיגער צו פאַרדיענען, ווען ער וואַקסט אויף, זיין פרנסה, צו מאַכען איהם לייכטער זיין וועג אין לעבענס־קאַמפף. דאָס איז דער נ ו צ ל י כ ע ר בליק אויף ערציהונג. דער צווייטער שטאַנדפונקט איז, אז דער צוועק פון ערציהונג איז צו אויפהויבען דאָס קינד אויף א העכערער מדרגה אין קולטור, אויסבילדען זיין נשמה, אויסצואיידלען זיין הארץ, שטאַרקען זיין כאַראַקטער, איינ־פלאַנצען אין איהם די געדאַנקען און געפיהלען וועלכע זייי־נען דער ווינקעלשטיין פון דער ציוויליזאַציאָן, מיט איין וואָרט — געבען דעם קינד די אידעאַלען אין וועלכע די געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָדעוועט זיך, גלויבט. דאָס איז דער אידעאַלער בליק אויף ערציהונג.

די אידען וועלכע לעבען, ליידען און קעמפפען צוליעב אידעאַלען און וועלכע שטעלען די אייביגע גרויסע שטרע־בונגען פון גייסט אלס דעם עיקר אין מענשליכען לעבען,

האָבען נאַטירליכערווייזע אוועקגעשטעלט די ערציהונג אויף דעם אידעאַליזם און ניט אויף נוצען. דער אידישער חדר איז ניט געשאַפען געוואָרען צו פאַרזאָרגען דעם קינד מיט גשמיות, נאָר פערזאָרגען אז ער זאָל זיין א איד. דער צוועק פון דער אידישער ערציהונג איז לערנען צוליב די גרויסע אידעאַלען וואָס זיינען אין לערנען איינגעוויקעלט, מאַכען פון דעם קינד א מענשען ביי וועמען געוויסע גרויסע אידעען זאָלען זיין טייער און וועלכע ער זאָל נאָכפאָלגען זיין גאַנ־צען לעבען.

אימיצער קען האָבען א טענה אז אין דער אידישער ער־ציהונג האָט מען שוין צופיעל איגנאָרירט די פראַגע פון נוצען; אז מען האָט געדאַרפט לערנען מיט די קינדער די לאַנדס־שפּראַך און אנדערע ענינים וועלכע א מענש דאַרף האָבען אין זיין לעבענס־קאַמפּף. אָבער עס איז קיין צוויי־פעל אז די אידישע ערציהונג מוז שטעהן אויף דעם אידע־אַלען גרונד, ווייל דער גאַנצער אידישער לעבען אלס א בע־זונדער פאָלק אין א פרעמדער סביבה איז געבויט אויף אי־דעאַליזם. פון דעם שטאַנדפּונקט פון נוצען האָבען שוין אי־דען לאַנג געדאַרפט גוים ווערען. און אפילו ווען די אידען זיינען געווען אין זייער אייגענער לאַנד איז דער יסוד פון חנוך געווען אַן אידעאַלער. דער גרונד פון אידישער ער־ציהונג איז געלייגט אין דעם פסוק פון חומש וועלכען א איד זאָגט אין קריאת־שמע: "ולמדתם את בניכם", און דאָס מיינט ניט אז מען דאַרף לערנען צוליב נוצען, נאָר צוליב: לאהבה את ה'אלקיכם ולעבדו בכל לבבכם ובכל נפשכם. מיט אַנדערע ווערטער, צוליב אידעאַליזם.

אויב, אלזאָ, די אידישע ערציהונג איז און מוז זיין אַן אידעאַלע, איז זעלבסטפערשטענדליך אז וואָס מעהר און גרעסער עס זיינען די אידעאַלען פון דער אידישער שולע, אַלץ פעסטער איז איהר שטאַנד און אַלץ שטאַרקער איז די ערציהונג וואָס זי קען געבען. דער גייסט פון חדר האָט געשטימט מיט דיזען כלל. דער חדר איז געווען פול מיט אידעאַלען. די אמונה איז אַן אידעאַל וואָס אַפּעלירט צום זעקס־יאָהריגען קינד אזוי ווי צו עלטערע קינדער. עס איז א צענטראַלע אידעע וואָס נעהמט ארום אלע חושים, די גאַנ־

צע קרעפטען פון דער נשמה, און פילט אַן די האַרץ. עס איז קיין אונטערשיעד צי דער קינד ווען ער וועט אויפוואקסען וועט פונקט אזוי גלויבען ווי בשעת ער איז געווען א קינד אין חדר, אָדער עס וועלען פאָרקומען ענדערונגען אין זיינע איבערציינגונגען. ווען דער קינד איז אין חדר האָט ער פאר זיך אַ גרויסע אידעאַלע וועלט און ער קען אין דיזער וועלט זיין אריינגעטאָן מיט לייב און זעעלע.

אָבער וואָס פאר אידעאַלען גיט איהם די "נאַציאָנאַלע" סקול? זי גיט איהם העברעאיש! אָבער א שפראַך קען ניט זיין קיין אידעאַל ניט פאר קיין קינד און ניט פאר קיין ערוואקסענעם מענשען. א שפראַך איז ניט קיין איבערציי־גונג. איהר קענט אין א שפראַך ניט גלויבען. א שפראַך בעגייסטערט ניט. א שפראַך בויט ניט אין דער נשמה פון קינד קיין פאַנטאַסטישע וועלטען.

די "נאַציאָנאַלע ערציהונג", וועט מען טענה'ן, גיט דאָך דעם קינד דעם נאַציאָנאַלען אידעאַל. אָבער דער וואָס האָט א ידיעה אין חנוך ווייסט גאַנץ גוט אז צוליב דעם נאַציאָ־נאַליזמוס אליין איז בעסער אז מען זאָל ניט נאָכאַנאַנד טענה'ן פון נאַציאָנאַליזמוס אין סקול. אלע ווייסען אז דער נאַציאָנאַלער געפיהל דאַרף קומען ניט דירעקט פון ריידען וועגען איהם, נאָר ער דאַרף אונבעמערקט געשאַפען ווערען אלס דער פועל יוצא פון אנדערע למודים. שוין דאָס ווידער־האָלען נאָכאַנאַנד וועגען "לאומיות" אין סקול שטימט ניט מיט דעם צוועק צו שאַפען ביים קינד אזא אידעאַל וואָס זאָל זיין גאַנצע נשמה ארומנעהמען. ווען ערציהונג ווערט פראָ־פאַגאַנדא האָט זי איהר אייגענעם וואָרצעל אונטערגעהאַקט. די "נאַציאָנאַלע" סקול איז א פראָפאַגאַנדא סקול געוואָרען.

אָבער דאָ איז פאַראַן נאָך אַ וויכטיגערע זאַך. עס איז שוין צייט געווען אז מען זאָל וויסען אז מען קען ניט ערצי־הען קיין קינד בלויז מיט רעיונות וואָס זיינען איהם ווייניג נוגע אלס אינדיווידועלער מענש נאָר זיינען הויפטזעכליך נוגע דעם כלל. א מענש איז קודם כל, לויט דעם פילאָזאָ־פישען אויסדרוק, אַ "איך" און נאָר יענע געפיהלען זיינען שטאַרק ויעלכע האָבען מיט זיין "איך" א בעריהרונג. די "נאַציאָנאַלע" ערציהונג ליינט כמעט דאָס גאַנצע געוויכט

אויף דער בעציהונג פון קינד צום כלל. אלעס איז געבויט אויף די פפליכטען וואָס דער איינצעלנער האָט צו זיין נאַציאָן, ער דאַרף זיין נאַציאָנאַל צוליב דער נאַציאָן א. ז. וו. זיינע אייגענע נשמה־בעדערפנישען אלס אן איינצעלנער מענש ווערט ווייניג בעריהרט. דאָס איז א טרוקענע זאַך פאַר׳ן קינד וועלכער לעבט, ווי אלע ברואים, קודם־כל פאַר זיך און וויל ביי יעדער זאַך וויסען וואָס איז ער דאָ פאַר א מחותן. די אמת׳ע אידישע ערציהונג, די טראַדיציאָנעלע, עוסק׳ט מיט איהם אליין. גאָט איז זיין גאָט, די תורה איז זיין תורה, די מצוות זיינע מצוות, די עברות זיינע עברות, דעם שכר קריגט ער, דעם עונש קריגט ער, ער ווערט קודם־כל אליין א איד, זיין נאַציאָנאַליזמוס איז געבויט אויף זיינע אייגענע פערזענליכע געפיהלען, וועהרענד די „נאַציאָנאַלע ערציהונג“ פערלאַנגט פון איהם אז זיין נאַציאָנאַליזמוס זאָל זיין געבויט כמעט אויסשליסליך אויף דעם וואָס ער בעלאַנגט צו דער אידישער נאַציאָן. דער אונטערשיעד איז א געוואַלדיגער. לויט דעם אידישען טראַדיציאָנעלען ערציהונג פיהלט א איד אזוי: איך בין א איד און דאַרום בין איך א מיטגליעד פון מיין נאַציאָן. לויט דעם „נאַציאָנאַלען“ ערציהונג קומט עס אויס אַנדערש: איך בין א מיטגליעד פון מיין נאַציאָן און דאַרום בין איך א איד. אין ערשטען פאַל קומט דער נאַציאָנאַליזמוס פון אינעווייניג, פון דער נשמה, איז א טייל פון דעם דיינקענדען „איך“ פון מענשען. אין צווייטען פאַל איז עס אן אויסערליכע זאַך.

דער הויפּט־צוועק פון דעם אידעאַליסטישען חנוך איז צו אויסבויען דעם כאַראַקטער. קולטור אָהן כאַראַקטער און ערציהונג — זאָגט מעטיו ארנאָלד — איז אָהנע צווייפעל, איבערפלעכליך, לעדיג און שוואַך. דער נאַציאָנאַלער חנוך איז געבויט אין גאַנצען אויף קולטור. עס איז, אזוי צו זאָגען, א ליטעראַרישע ערציהונג, פון וועלכער דער כאַראַקטער ווערט ניט געבויט. אַנדערש איז דער אידישער טראַדיציאָנעלער חדר. ער שטעהט פעסט אויף מאָראַל און רעליגיאָן, אויף אייזערנע פּרינציפּען און געזעצע, אויף פעראָרדנונגען און פפליכטען. און דערפאַר ווערט דאָ אויסגעשמיעדט דער

כאראקטער. די סקול וואָס שאַפט כאראקטער איז ניט נאָר די אמת נאציאָנאלע אידישע סקול, ווייל די נאציאָנאלע אי־דישע פּסיכאָלאָגיע שטעלט כאראקטער העכער ווי אלעס, נאָר עס איז אויך פון ערציהערישען שטאנדפּונקט פיעל העכער און בעסער.

אפילו פון טעכנישען זייט פון ערציהונג איז אויך דער חדר העכער ווי די "נאציאָנאלע" סקול. דער אידישער וועג איז צו ענטוויקלען די שארפקייט פון שכל ביים קינד. דאָס איז אן עיקר גדול אין אונזער חנוך און עס האָט וואונדערליך גוט געארבייט. א היבשער טהייל פון אונזער שארפקייט האָבען מיר צו פערדאנקען אונזער סיסטעם פון חנוך אין וועלכען דער תלמיד מוז זיך אליין ראנגלען מיט די פּראָב־לעמען, מוז אליין טאַפּען זיין וועג. דער רבי — נאָר אָנוויי־זענדיג ווי אזוי צו געהן. דער חדר האָט געלערנט דיינקען אונאבהיינגיג, זוכען אייגענע דרכים, פערשטעהן איין זאך פון דער צווייטער, בויען דרייסטע השערות. אָט דאָס איז די כאראקטעריסטיק פון אידישען חנוך. דער "נאציאָנא־לער" חנוך האָט אָבגעלערנט פון די גוים אריינצולייגען דעם קינד אלעס אין מויל, דערלאנגען איהם אלעס פארטיג. דאָס איז א גרויסע ירידה. אין "בית ספר לאומי" איז ניט בלויז וואס מען לערנט דאָרטען פיעלע שוואכע ענינים, נאָר מען לערנט עס אויף אזא אופן אז אויב עס זאָל געהן אזוי א פּאָאר דורות וועט די גייסטיגע שארפקייט פון אידישען קינד זינקען.

ווי ווייט וויכטיג עס איז אז די קינדערשע קעפּ זאָלען אליין ארבייטען, קען מען זעהן פון פאָלגענדען כלל וואָס דער ענגלישער שריפטשטעלער מעטיו ארנאָלד בריינגט פון גרוי־סען ערציהער וואָלף:

"(דער לעהרער) זאָל נעהמען אזוי ווייניג אן אנטהייל ווי עס איז נאָר מעגליך אין דעם אונטעררריכט; ער דארף נאָר מאכען דעם אָנפאנג: ארייננפיהרען, און לאָזען די הויפּט ארבייט פאר די תלמידים אז זיי זאָלען עס טאָן."

פיעל העכער איז געשטאנען דער חדר איבער דער "נא־ציאָנאלער" שולע אויך דערמיט, וואָס אין חדר האָט מען געלערנט אלעס אין א בונטע צוזאמענמישונג, וועלכעס איז

אזוי אנציחענד פאר'ן קינד. אין דעם תנ"ך אָדער די גמרא געהען צוזאמען: געזעצע און אגדות, מאָראַל און היסטאָריע, שילדערונגען וועגען גרויסע מענשען און פּראָפעסיאָנען וועגען ימות המשיח. אפילו קיין רעליגיאָן האָט מען ניט געלערנט דאָרטען אלס א בעזונדער זאך. אין חדר האָט מען אויך פערשטאַנען בעסער דעם פּעדאַגאָגישען געזעץ אז מען דארף געבען די אָריגינעלע ספרים איידער ערקלערונגען וועגען זיי. אין די „נאַציאָנאַלע" סקולס רעדט מען מעהר וועגען די נביאים איידער די נביאים אליין, און פון די ספרי-הקודש מאכט מען א חלול-השם וואָס מען מאכט ספורי-החומש און אויף אזא אופן ערנידריגט מען די קדושה פון דער תורה, ווייל ביים קינד וועט זיך טומלען אין קאָפּ צוויי תורות — די וואָס איז אין תנ"ך און די וואָס אימיצער האָט איבערגעשריבען אין אַן ערגערען נוסח. דארויף קען מען זאָגען: עס איז א חרפּה פאר א בעקאנטען גוי. וואָרום וועהרענד ביי אונז מאכט מען צו שפּאָט די ספרי-הקודש דורך די קיצורים, האָט טאָלסטאָי געשריבען וועגען אזעלכע פערקירצטע שטיקער פון ביבעל אין רוסיש פאָלגענדעס:

„די פארקירצטע ערצעהלונגען זיינען ניט אינטערעסאנט און ניט פערשטענדליך. — — — איך האָב אונטעררריכטעט און אונטעררריכט יעצט די ספּורים פון פון די הייליגע שריפטען נאָר דורכ'ן תנ"ך. דאָס לערנען אויף אַן אנדער אופן האַלט איך פאר שעדליך."

טאָלסטאָי האָט געהאט מעהר רעספּעקט פאר אונזער נאַציאָנאַלען ספר און האָט איהם מעהר פארהייליגט, ווי אונזערע „נאַציאָנאַלע" ערציהער. ער האָט ניט געוואָלט ענדערען אפילו בלויז די איבערזעצונג פון תנ"ך אין רוסיש, און אונזערע שרייבען-איבער די ספרי-הקודש, פארשוועכען אונזער נאַציאָנאַלע היילינגטום און פערדארבען די שעהנקייט פון ספר-הספרים.

אפילו פון שטאַנדפּונקט פון שפּראַך האָט דער חדר מעהר פערשטאַנען ווי צו אונטעררריכטען איידער דער „בית ספר לאומי". אין חדר האָט מען געוואוסט צו לערנען ספרים פון א גרויסען אינהאלט און אז די שפּראַך זאָל מען זיך לערנען ממילא. אין די „נאַציאָנאַלע" סקולס האַלט מען נאָכאַנאַנד

אין לערנען די שפראך און דער סוף איז, אז די שפראך פון די תלמידים, פון די נאַציאָנאַלע בתי־ספר איז אָהן א שיעור אָרימער, בלאסער און שוואכער ווי די שפראך פון די וואס האָבן געלערנט אין חדר. א געזונטע, קלאָהרע וואויל־קלינגענדע און ריכטיגע העברעאיש געפינט איהר ביי די לעצטע און ניט ביי די ערשטע.

איז דען א וואונדער אז דער חדר האָט געגעבען העברע־אישע לעזער, און דער "בית ספר לאומי" האָט קיין העברע־אישע לעזער ניט געשאַפען ?!

די "נאציאָנאלע" ליטעראטור

ניט לאנג צוריק האָט זיך א שרייבער אָבגעשטעלט אויף דער פראגע, וואָס איז די אורזאכע וואָס דער העברעאישער לעזער איז כמעט ווי פארשוואונדען?

עס איז יעצט ניטאָ אין גאנץ איראָפּא אפילו איין העברעאישע צייטונג, אויסער די וואָכענבלאט "העולם" אין בערלין, וועלכע עקזיסטירט ניט דורך איהרע אייגענע כחות, נאָר ווערט ארויסגעגעבען דורך די געלד פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציאָן. די אויסגאבע פון "התקופה" שטעהט אויך אויף דאָס געלד פון א יחיד, און אזוי איז כמעט אלעס וואָס ווערט ארויסגעגעבען אין העברעאיש, געשטיצט ניט אויף די פאָדערונג פון לעזער וואָס צאָהלען דערפאר. און ווען מען רעדט וועגען א פרעססע אָדער ליטעראטור פון א פאָלק, ווערט געמיינט אזא פרעסע און ליטעראטור וואָס שטעהען אויף א געשעפטליכען באזיס, ווייל דאָס איז דער איינציגער בעוויז, אז עס זיינען פאראן מענשען, וואָס אינטערעסירען זיך דערמיט און וואָס צאָהלען דערפאר געלד.

מיט 30־40 יאָהר צוריק איידער די "נאציאָנאלע אויפלעבינג" פון ערציהונג און פון ליטעראטור איז געקומען, זיינען געווען צייטונגען וואָס האָבען געלעבט פון זייערע לעזער, "המליץ", "הצפירה", "המגיד" א. א. עס זיינען געווען זשורנאלען וואָס זיינען געשטאנען אויף זייערע אייגענע פיס. איז ניט דערפון קלאָר גענוג, אז דער "חדר" האָט געגעבען העברעאישע לעזער און דער "בית ספר לאומי" קען אפילו קיין העברעאישע לעזער ניט ארויסגעבען? !

און עס איז גאָר קיין וואונדער: די שילער פון "בית ספר לאומי" זיינען צו ווייניג אידען, אז זיי זאָלען זיין פארקאָכט אין העברעאיש. ביי די וואָס לשון־קודש איז דער אוצר פון זייער אמונה, פון דער תורה, איז זעלבסטפערשטענדליך, אז זיי זיינען דערצו אָנגעבונדען מיט אלע פעדים

פון זייער נשמה, אָבער ביי די וואָס העברעאיש איז נאָר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, און נוצט בלויז אום מען זאָל קענען פאַרשטעהן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, איז ניטאָ אַזאַ טרייהייט און ליידענשאַפט און רעספּעקט פיר דער דאָזיגער שפּראַך, איבערהויפּט ווען זיי קענען אַנדערע שפּראַכען, רייכערע ווי העברעאיש (פון דעם שטאַנדפּונקט פון שפּראַך) און האָבען פאַר זיך אַנדערע ליטעראַטורען גרעסערע ווי די העברעאישע. כל־זמן העברעאיש האָט אַ קדושה, קען זי נאָך ביישטעהן די קאָנקורענץ פון אַנדערע לשונות וואָס האָבען קיין קדושה ניט. אַזוי שנעל אָבער ווי מען האָט פון איהר אַראָבגעצויגען די קדושה און געמאַכט איהר וואָכעדיג, זיינען אַנדערע לשונות שטאַרקער פון איהר.

* * *

און אין אמת'ן איז ניטאָ קיין אורזאַכע פאַרוואָס די העברעאישע ליטעראַטור, ווי זי איז געווען ביז יעצט, זאָל זיך האַלטען פעסט און זאָל קענען צובינדען צו זיך אידישע הערצער. די העברעאישע ליטעראַטור איז קודם־כל ניט קיין אידישע, זי האָט קיין אידישע געדאַנקען, פאַרטרעט קיין אידיישע מחשבות, האָט ניט דעם אידישען גייסט, האָט ניט קיין אידישע אַנשויאונגען. זי האָט אָבגערוקט אָהן אַ זייט די גאַנצע אידישע היסטאָריע, מען קען זאָגען, עס איז אַ גוי'שע ליטעראַטור אין העברעאישע ווערטער! אפילו דער לשון און דער סטיל איז פרעמד פאַר'ן אידישען געדאַנקען־גאַנג און פאַר'ן אידישען אויער.

ווי בלינד זיינען עס די מענשען וואָס גלויבען, אַז ווען מען נעהמט פרעמדע אידעען, געדאַנקען און געפיהלען און אַמאָל נאָך אַזעלכע וואָס זיינען געגען די אידעען, געדאַנקען און געפיהלען מיט וועלכע און דורך וועלכע די אידישע נאַציאָן האָט געלעבט און מען שרייבט עס אין העברעאיש, ווערט עס דערמיט אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור! אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור הייסט נאָר אַזאַ וואָס שטאַמט אַרויס פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס דריקט אויס די אַנשויאונגען און איד . גן, וועלכע זיינען טיעף פאַרזונקען אין דאס לעבען און שטרעבען פון דער נאַציאָן.

די העברעאישע ליטעראַטור איז אויפ'ן בעסטען אופן

ניט מעחר ווי א פּאַרמיטלערין צווישען דעם אידישען לעזער און די אידעען פון דער אויסערליכער ניט־אידישער וועלט. איהר הויפּט בעשעפטיגונג איז אַלזאָ צו ברייגנען גוי'שע מחשבות אין אידישען לאַגער, אָדער ווי אַנדערע וועלען עס אויכדריקען אין א מליצה־לשון, איירָאָפּעאיזירען דעם אידען.

אָבער אַזאַ סאָרט אַרבייט מוז דאָך סוף־כל־סוף קומען צו א ברעג. כל־זמן דער אידישער לעזער האָט אַליין וויניג געלעזען די איירָאָפּעאישע ליטעראַטורען, איז נאָך געווען א פּלאַץ פאַר די שרייבער וואָס האָבען געקענט דייטש אָדער רוסיש אָדער פראנצויזיש צו אריינקוקען א ביסעל אין יענע ליטעראַטורען און אַראָבקומען אין דער אידישער גאַס און דערציעהלען דאָס וואָס מען זאָגט דאָרטען אין דעם „עולם הגדול", אמאָל אָנגעבענדיג די קוועלע און אמאָל ארויסגע־בען די פרעמדע פאַר אייגענע. אָבער ווען דער לעזער איז אליין אַן אריינגעהער אין דער איירָאָפּעאישער ליטעראַטור, ווען ער טרעפט צו די גוי'שע קוועלען אליין און דאַרף שוין ניט קיין פּאַרמיטלער וואָס זאָל עס איהם איבערגעבען אין העברעאיש, צו וואָס דאַרף ער די העברעאישע ליטעראַטור. וואָלט איהם די העברעאישע ליטעראַטור געגעבען אידישע געדאַנקען וואָס ער געפינט ניט דאָרטען, וואָלט ער איהר געוואָרפט, אָבער אַז קיין אָריגינעלע אידישעס געפינט ער דאָ ניט, וואָס קען איהם ציהען אהער צו דער העברעאישער ספרות ? !

אָבער, אין אמת'ן איז לא־די וואָס מען געפינט כמעט ניט אין דער העברעאישער ספרות אידישע אידעען, געפינט'ן דאָרטען לרוב אזעלכעס וואָס איז אין גאַנצען געגען דעם אידישען גייסט, וואָס איז ניט נאָר פרעמד, נאָר אויך געגען דעם עצם פון יודענטום.

אידען זיינען א פּאָלק וואָס האָט געלעבט מיט איבער־צייגונגען, עס איז א פּאָלק ביי וועמען דער לבוש איז ניט דער עיקר, נאָר דער פּרינציפּ וואָס איז אין דעם איינגעווי־קעלט. די שפּראַך אליין מאַכט ביי איהם א זאַך ניט אידיש, אויב דער אינהאַלט איז א פרעמדער. ווער רעדט אויב דער אינהאַלט איז געגען דאָס וואָס די אומה האַלט פאַר הייליג. די אידען וואָס שטעהען אויף דעם פונדאַמענט פון יודענטום

אויף דעם אמת'ן נאציאָנאַלען פלאַטפאָרם פון אידישקייט ק ע נ ע ן דארום די "נאציאָנאַלע" ליטעראַטור ניט אַק־צעפּטירען. די וואָס שטעהען ניט אויף דיזען פלאַטפאָרם און עס איז ביי זיי רעכט אָנצונעהמען די מיינונגען און אַנ־שויאינגען וואָס די דאָזיגע ליטעראַטור דריקט אויס, ד א ר פ ע ן איהר ניט אַקצעפּטירען, ווייל זיי נעהמען די סחורה פון דער ערשטער האַנד.

די "נאציאָנאַלע" ליטעראַטור האָט גע'ירשנ'ט דעם חשק פון נאכאהמונג פון דער פריהערדיגער השכלה־ליטע־ראַטור. אַז די השכלה־ליטעראַטור ביז דער עפּאָכע ווען די נאציאָנאַלע משכילים זיינען געקומען איז געווען א נאכאה־מונג נאָך די גוי'שע ליטעראַטורען — דאָס האָט אחד־העם שוין געזאָגט מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. ער שרייבט:

"פון דעם אָנפאַנג פון אונזער נייער ליטעראַטור ביז "איצטער האָט מען כמעט ניט געזעהן קיין בוך וואָס זאָל "זיין באמת אָ ר י ג י נ א ל אויף וועלכען מען זאָל קענען "אָנווייזען, אַז אין איהם האָט זיך אַנטפּלעקט אונזער נאַצ־"יאָנאַלער גייסט אין א בעזונדער וועג. כמעט אַלעס איז אַן "איבערזעצונג אָדער א נאכאהמונג — — — צו אַזוי אָדער "אַזוי שוועבט אויף דעם א פרעמדער גייסט און מיר קענען "ניט פיהלען אין אונזער הארצען אַן אמת'ן נאציאָנאַלען "בונד מיט אַזא ליטעראַטור, וועלכע קומט ניט מעהר ווי "געבען אונז פון דאָס וואָס אַנדערע פאָרמאָגען אָנקליידענ־"דיג די אנשויאונגען און די געפיהלען פון יענע אין א פאָרם "וועלכע איז ערגער פון דער פאָרם אין וועלכער די בעלי־"הבתים אַליין האָבען זיי אָנגעקליידעט".

אבער די "נאַציאָנאַלע" ליטעראַטור אַדער ריכטיגער די ליטעראַטור פון די נאציאָנאַלע משכילים איז נאָך ווייני־גער אָריגינעל אפילו ווי די השכלה ליטעראַטור. און זי איז נאָך מעהר נאכאהמעריש ווי די לעצטע. די השכלה־ליטע־ראַטור האָט אַמוועניגסטענס געהאַט אידעאַלען, זי האָט גע־גלויבט אין דער מענשהייט, איז געווען אָפּטימיסטיש. וועה־רענד די יעצטיגע "נאַציאָנאַלע" ליטעראַטור האָט איבער־גענומען דעם צווייפעל, דעם פּעסימיזם, די חושד'ניש און דעם שווערען געמיטה פון די רוסישע און אַנדערע

שריפטשטעלער. מען בעשעפטיגט זיך אין העברעאיש מיט אונגעזונדע, קרענקליכע פארפוילטע ענינים, מיט אַלעם וואס איז פול מיט דעקאַדענץ. מען דאַרף זוכען מיט ליכט א געזונטע שטרעבונג — און מען וועט עס ניט געפינען. פינסטערע שטאָף פון וויסטע דעגענערירטע מוחות ווי די שופּמאַנס, שטיינמאַנס, וועלכע א איד מיט אַ געזונטען חוש קען אין האַנד ניט אריינגעהמען. די "העלדען" פון די דאָזיגע שאַפונגען זיינען קראַנקע ברואים וואס טהוען קיין זאַך ניט נאָר פערברייינגען זייערע גאַנצע יאהרען אין זעלבסט-אנאַליזע, אין קריצען מיט די צייהן און שלאָגען מיט'ן פויסט אין בעט און טראַכטען שמוציגע מחשבות. דאס קומט ניט פון לעבען, די וויסטע שרייבער פון דער דאָזיגער ליטעראַטור זעהען ניט דעם לעבען, פערשטעהען איהם ניט, זיי לעזען די ערגסטע שטאָף פון די גוי'שע דעקאַדענטען און קריימען זיי נאָך.

פיעל ערגער איז די "נאַציאָנאַלע" ליטעראַטור ווי די השכלה־ליטעראַטור אין בעצוג צו די פּאָרנאָגראַפיע. די השכלה־ליטעראַטור מיט אַלע איהרע חסרונות האָט אָמוועניגסטענס געהאַט דאס וואס מען קען רופען די אידישע אנשטענדיגקייט. מיט קיין שמוץ האָט זי זיך ניט מטמא געווען. י. ל. גאָרדאָן און אַנדערע האָבען קיין נבול־פּה ניט געשריבען. אבער די "נאַציאָנאַלע" ליטעראַטור איז דורכגעטונקט אין די ניעדריגסטע פאָרנאָגראַפיע פון דעם ערגסטען סאָרט אזוי אַז אויב אימיצער האָט דאס גליק אַז זיינע קינדער פאַרשטעהען העברעאיש קען ער קיין העברעאישען זשורנאַל אין שטוב ניט ברייינגען אוים מורא טאָמער וועט עס אריינפאַלען צו זיין זוהן אדער טאָכטער.

די וואס שרייבען שמוץ האָבען די הצלחה אַז ווען מען קלאָגט זיי אָן איז אונמעגליך פאר דעם אנקלעגער צו ברייינגען די בעוויזע עפענטליך. ווארום ווער קען עס איבערדרוקען די נידריגע שפּל'ע עקעלהאַפטע שילדערונגען וואס אזעלכע שרייבער ערלויבען זיך? פאר מיר ליעגט אַ באַנד פון העברעאישען זשורנאַל "התקופה" און איך זאָג אַז קיין אומה ולשון איז נאָך ניט געפאַלען אזוי נידעריג אזעלכעם צו דרוקען, ווי דאס וואס דאָרטען איז פאַראַן. דאס איז די

גאַנצע פופציג שערי טומאה. מענשען וואס קענען אזעלכעס שרייבען, און די וואס רעדאקטירען עס און גיבען עס ארויס פאר קהל זיינען דערטרונקען אין שמוץ און בלאטע.

דאס רופט מען ״נאציאנאלע״ ליטעראטור. און דאס דרוקט מען אין דער הייליגער שפראך פאר א פאלק וואס מאראל איז דער ווינקעלשטיין פון זיין נאציאנאלען לעבען! איז א וואונדער אז דאס פאלק, דער טהייל פון פאלק וואס לעבט נאך אידיש און מענשליך, וויל פון אזא ליטעראטור ניט וויסען?!

מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק האט אחד־העם (וועלכער האט געמיינט אז מען קען מבטל זיין דאס יודענ־טום און אויפהאלטען די אידישע מאראל, ער איז א מאראַ־ליסט) געלעזען אין ״הצבי״ פון ארץ־ישראל עפעס א פאר־נאגראפישע ערצעהלונג איבערזעצט פון פראנצויזיש. האט עס איהם זעהר וועה געטהאן און ער האט געשריבען פאל־גענדעס:

״אונזער נאציאנאלער גייסט, מיט וועלכען מיר גרויסען
״זיך, האט דאך פיינט זנות פון משה רבינו ביז היינט, טו
״ווי אזוי דרוקט מען עס ניבול־פה אין אונזער נאציאנאלער
״שפראך — — — אין א נאציאנאלע צייטונג?!״

דאס איז געווען מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק. ווען די ״נאציאנאלע״ ליטעראטור האט נאך ערשט אנגע־פאנגען זיך צו ענטוויקלען. היינט וועט שוין אחד־העם גאר נישט זאגען, ווארום אויב ער זאל זאגען דארף ער ארויס־טרעטען געגען כמעט אלעס וואס עס ווערט געשריבען אין דער העברעאישער בעלעטריסטיק.

די ״נאציאנאלע״ ליטעראטור איז אן אבשפיגלונג פון דער ״נאציאנאלער״ השכלה, וועלכע האט איבערגענומען פון דער פריהערדיגער השכלה די געגנערשאפט צום טראדיציא־נעלען יודענטום, דעם דרך־ארץ פאר דער גוי׳שער גאס און די שקלאפעריי פיר די מיינונגען וואס עס הערשען דארטען. זי ציהט איהר כח, אויסער אין איניגע אויסנאהמספעלע, פון ר־ויסען און איז פרעמד צום אידישען נאציאנאלען גייסט.

פון "כאסידיסמוס" צום קריסטענטום

מיר האָבען געזאָגט אז די העברעאישע ליטעראטור איז נאָר אן אָבשפּיגלונג פון דאָס וואָס מען שרייבט און דיינקט אין דער גוי'ישער גאָס און אַז זי פּאַרטרעט ניט די אידישע מחשבה, די אידישע אנשויאונג און די אידישע געפּיהלען. עס זיינען נאַטירליך פאראן אויסנאַהמען. אין דעם דור פון השכלה פ א ר דער עפּאָכע פון נאַציאָנאַלע משכילים זיי־נען אויך געווען אויסנאַהמען. מיר האָבען זיי דערמאָנט אויף דעם פּלאַץ וואו מיר האָבען יענעם דור בעהאַנדעלט. אין דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור זיינען אויך פּאַראַן אויסנאַה־מען ווי, למשל, צייטלין, בר־טוביה, טהיילוויז דר. קלאַצקין און ר' בנימין.

אָבער דאָס זיינען אויסנאַהמען וואָס מאַכען נאָך שטאַר־קער דעם כלל. דר. קלויזנער האָט זיך מיט עטליכע יאָהר צוריק שטארק פערוואונדערט ווען בר־טוביה האָט פּרובירט אָנריהרען די פראַגע וועגען די בעציהונגען צווישען רעליגיאָן און נאַציאָנאַליזמוס און האָט בפירוש ערקלעהרט אין "השלוח" אז דאָס איז עפּעס א נייע ערשיינונג ווייל די נאַ־ציאָנאַלע ליטעראַטור, זאָגט ער, שטעהט אויף דעם שטאַנד־פּונקט אז רעליגיאָן האָט מיט נאַציאָנאַליזמוס ג אָ ר נ י ט צו ט אָ ן. און נאָך א סך פריהער האָט די העברעאישע ליטעראַטור אַזוי גוט ווי ארויסגעוואָרפען די צוויי גרויסע דענקער און שריפטשטעלער—יחיאל מיכל פּינס, וועלכער איז שוין טויט און וואָלף יעבץ, וועלכער לעבט—פאר קיין אַנ־דער חטא נאָר פאר דעם וואָס דיזע צוויי מענשען האָבען ניט געוואָלט שפּיעלען דעם משכיל'ישען ניגון. עס האָט זיי אפילו ניט געהאָלפען וואָס זיי האָבען ביידע אַזוי פיעל געשאַפען פאר ציון. ה' יעקב פיכמאַן דערמאָנט יעבץ'ס גרויסע פעהיגקייט און אויפטועונגען און זאָגט אז די "רע־ליגיעזע רעאַקציע האָט איהם אויפגעגעסען". מיט אנדערע

ווערטער הייסט עס, אז די ״נאַציאָנאַלע״ ליטעראַטור האָט איהם געפּסל׳ט. יעבץ׳ס רעליגיעזע רעאַקציאָן בעשטעהט אין דעם וואָס זייענדיג א גרויסער שריפטשטעלער ערלויבט ער זיך צו דיינקען און לעבען אין איינקלאַנג מיט דער אידישער טראַדיציאָן. און דר. קלויזנער, ריידענדיג וועגען יחיאל מיכל פינס, פרעגט ער: פאַרוואָס האָט ער ניט געהאַט אזא איינפלוס ווי י. ל. גאָרדאָן, ליליענבלום און בן־יהודה, וועהרענד אין פּיעלע זאַכען איז ער געשטאַנען העכער פון זיי? און ער ענטפערט זעהר פּשוט: דערפאַר וואָס ער איז געווען א קאָנסערוואַטאָר! די נאַציאָנאַלע משכילים מאַכען גאָר קיין סוד ניט דערפון אז דער וואָס איז ״געשלאָגען״, שונאי־ישראל, אויף אידישקייט און איז אָנגעבונדען אָן די דרכים פון דער אידישער נאַציאָן האָט קיין ״שאַנס״ אין דער ״נאַציאָנאַלער״ ליטעראַטור.

איז דען א וואונדער אז דאָס פאָלק, אָדער דער טייל פון פאָלק, אויף וועמען דאָס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן האַלט זיך, די וואָס לעבען ווי אידען און קעמפפען ווי אידען, האָבען ניט אַנערקענט דיזע ליטעראַטור אלס די וואָרט־פיהרערין פון אידישען פאָלק? אָבער דאָס האָט איהר ווייניג געאַרט. זיי האָבען זיך איבערהויפּט ניט אינטערעסירט מיט דאָס וואָס די טראַדיציאָנעלע אידען האָבען געדיינקט. דער ערשטער וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דיזער פראַגע איז געווען ביאַליק. ער האָט דער ערשטער געמאַכט אויפמערקזאַם אז ״א וויכטיגע טהייל פון פאָלק האָט נאָך ניט געגעבען קיין פולע סאַנקציאָן צו דער נייער ליטעראַטור אלס א וועג־ווייזערין און פיהרערין.״ ביאַליק האָט אויך ערקלעהרט אז די העברעאישע ליטעראַטור ״קלינגט ווי א גלעקעל אין א פוסטער חורבה״ און זי ״בייסט מיט די צייהנער איהר אייגענעם ביין און עסט איהר פלייש.״ ביאַליק זעהט שטענדיג טיעפער און ווייטער ווי אנדערע.

א גאַנץ בעזונדערען אָרט אין דער העברעאישער ליטעראַטור פאַרנעהמט דאָס שרייבען וועגען חסידישע ענינים. נאָך אין מיטען פון דעם השכלה־דור, איידער די נאַציאָנאַלע השכלה האָט זיך בעוויזען, האָט צווייפעל געזוכט צו בעווייזען אז די משכילים האָבען ניט ריכטיג אָבגעשאַצט

דאָס חסידות. פּרץ האָט נאכהער דאָס חסידות בעזונגען אין זיינע ליטעראַרישע מייסטערווערק. אָבער טראָץ די וויכטיגקייט פון פּרץ'ס חסידישע מעשה'לאך זיינען זיי ניט געוואָרען די הויז־ספרים פון טראַדיציאָנעלע אידען. איך געפין אין דעם צוויי אורזאכען. ערשטענס האָט פּרץ בע־האַנדעלט חסידות פון א צופיעל אבסטראַקטען און אויסער־ליכען שטאַנדפּונקט. פּרץ האָט בעשאַפען א בעגריף וועגען חסידות וואָס איז הוילע קונסט, אזוי אז דער חסיד דערקענט זיך דאָרטען ניט. דער טראַדיציאָנעלער איד, ווען ער לעזט פּרץ'ן, פיהלט ער אז עס איז געקומען א מאַן און האָט אָב־געשאַצט דאָס חסידות מיט אַן אייראָפּייאישע אויג, מיט א פרעמדע אויג. ער האָט פון דאָס אידישע חסידות געמאכט א זאך נאָך דעם געשמאַק פון אַן אנדער וועלט.

דער פּשוט'ער איד פיהלט אז פּרץ האָט אויסגעקליבען חסידות אלס מ א ט ע ר י א ל צו שאַפען א קונסט־ווערק וועלכע ער זאָל קענען ארויסשטעלען "להראות העמים והשרים את יפיה" און עס איז דארום ניטאָ קיין אינערלי־כער באַנד צווישען פּרץ'ס חסידישע שריפטען און דאָס פאָלק. מיר זעהען אין דעם א ביישפּיעל ווי אזוי מען קען א אידישען ענין בעהאנדלען אויף א ניט־אידישען אופן. די צווייטע אורזאכע איז וואָס פּרץ האָט געשריבען אויסער חסידישע זאכען, אויך דאָס "שטריימעל", איינע פון די גיפ־טיגסטע אטאַקען אויף'ן טראַדיציאָנעלען יודענטום און אויף דעם אידישען בעגריף פון מאָראַל און איז אין לעבען געווען זעהר ווייט פון דאָס וואָס א טראַדיציאָנעלער איד ערוואַר־טעט פון א וואָרט־פיהרער.

נאַטירליך קען אַזאַ ערקלעהרונג ניט געפעלען ווערען די וואָס קוקען אויף דעם אידישען לעבען מיט פרעמדע אויגען. סטייטש! — וועלען זיי זאָגען — וואָס האָט עס צו טאָן ווי אזוי דער מחבר פון א גרויסע ווערק פיהרט זיך אין פּרי־וואַט לעבען?

אָבער וואָס קענט איהר טאָן מיט אַן אלטען פאָלק וואָס האָט זיך זיינע אייגענע בעגריפע, פּונקט ווי עס האָט זיין אייגענעם גאָט און זיין אייגענע תורה, און וויל זיך ניט לאָ־זען דיקטירען פון אנדערע? ביי גוים איז טאַקע אפשר ניט

שטאַרק די פאַרבינדונג צווישען פּערפאַסער און חבור (אָב־וואָהל עס זיינען דאָ בעווייזע אז דאָרטען איז אויך דאָ א פערבינדונג), אָבער ביי אידען איז ענג פאַרקניפּט דער מענש און דער חבור. דער איד וועלכער פיהלט אידיש און לעבט אידיש ווערט ניט נתפעל פון קונסט אלס א זאך פאר זיך אליין. ער ווערט בעגייסטערט פון ד י קונסט וואָס טראָגט אָן אידעע וועלכע איז ביי איהם טייער און ווען אי־מיצער זאָגט־ארויס אן אידעע, האלט דער איד אז ער דאַרף עס אליין היטען און דורכפיהרען. אויב ניט, בעטראַכט ער עס פאַר א פאַלשע זאך. ער קען ניט אַקצעפּטירען א פער־פאַסונג אויב דער פערפאַסער איז ניט ערנסט, אויב ער שרייבט פאר אנדערע. דער גייסט פון דער אידישער אומה ווערט אויסגעגאָסען אין די ווערטער: "לא המדרש עיקר אלא המעשה" און נאָר די פערפאַסער וואָס זייערע מעשים שטימען מיט דאָס וואָס זיי שרייבען קענען האָפען אז דאָס פאָלק זאָל אַקצעפּטירען זייערע ווערק. און דאָס ערקלעהרט אונז די ערשיינונג אז טראָץ דעם וואָס פּרץ האָט געשריבען חסידישע מעשיות זיינען קיין "פ ר ץ ש ט י ב ל א ך" נ י ט אָ און "פ ר ץ'ס ר א ד י ק א ל ע ש ו ל ע ן" וו א ו מ ע ן ב ע ק ע מ פ פ ט ד אָ ס י ו ד ע נ ט ו ם ז י י נ ע ן י א פ א ר א ן. און זיינע תלמידים ווילען ניט ארויפשטעלען קיין העברעאישען וואָרט אויף זיין מצבה, ווייל דאָס איז נאָך זייער מיינונג רעאַקציאָנער...

אָבער די וואָס זיינען געקומען שפּעטער, ווי פּרץ, האָ־בען גענומען דעם ענין פון חסידות און געמאכט דערפון א וואָפען געגען יודענטום. האָראָדעצקי און מאַרטין בובער טענה'ן אז דאָס חסידות איז געבאָרען געוואָרען אין בעל־שם'ס צייטען אום צו מלחמה האלטען געגען דעם למוד־התורה און געגען די מצוות המעשיות. זיי שרייען אז זיי ווילען עס בעגייען די "חסידות", שרייענדיג אז די כונה און די חאַרץ זיינען דער עיקר און גרייפען־אָן אלע אידישע גע־זעצע און רופען־אָן דאָס פּראַקטישע יודענטום מיט אלע זלזולים. עס איז ניטאָ קיין לעכערליכערע זאך ווי צו זעהן די דאָזיגע לייט וואָס שרייבען איבער דעם בעש"ט, דעם קאָרעצער צדיק און דעם מעזעריטשער מגיד, ריידען־איבער

אלע פאלשע בלבולים אויפ'ן יודענטום פון די אמאליגע משכילים וועלכע האבען געמאכט דאן אש און בלאטע פון חסידות אויך צווישען אנדערע זאכען! דער אמת איז, אז די הארארעצקים און די בובערס זיינען דיזעלבע סארט משכילים ווי די אמאליגע. דער איינציגער אונטערשיעד איז וואס זיי האבען גענומען פאר א וואפען געגען יודענטום די בעוועגונג פון שטארקסטע פרומקייט!

דאס איז אבער ניט אלעס. ניט גענוג וואס זיי האבען גענומען די לעהרע פון חסידות וועלכע איז געבויט אויף יראה און קדושה און געמאכט דערפון א קאמפפס־מיטעל געגען אלעס וואס איז אידיש, זיינען נאך מאנכע פון זיי פארקראכען אזש ביז'ן קריסטענטום! מארטין בובער, וועלכער שרייבט אין דייטש איבער "כאסידיזמוס" און האט שוין א היבש ביסעל אנהיינגער, געפינט ניט גענוג ווערטער אין זיינע "דריי רעדען איבער דאס יודענטום" און אין זיינע אנדערע שריפטען צו לויבען די ערשטע קריסטען און דעם קריסטענטום אין דער צייט ווען ער איז געבארען געווארען. ער איז פארליעבט אין דעם מאן פון נצרת. ער וואלט וועלען אידען זאלען טאן צוויי זאכען: אוועקווארפען די מצוות און אננעהמען דעם שטאנדפונקט פון די ערשטע קריסטען אין זייער קאמפף געגען די פרושים. דאס הייסט פשוט, געבראכט אייך דעם שמד אונטער'ן טיהר. און דאס אלעס אין נאמען פון חסידיזמוס! עס זיינען פאראן ווילדע זאכען אויף אונזער וועלט.

אט דאס איז די טויטע האנד פון דער השכלה. ווען אפילו זי נעהמט זיך צו א אידישען ענין רוהט זי ניט ביז זי פ א ר' ג ו י' י ש ט ע ס. דאס איז פונקט פארקעהרט ווי אזוי עס געהט און עס מוז געהן דער שאפונגס־פראצעס ביים אידישען פאלק. עס איז רעכט אז אידען נעהמען א זאך פון א פרעמדע פאלק, אבער עס ווערט אזוי איבערגע־לייטערט און איבערגעגאסען אין דעם אייגענעם שאפונגס־גייסט פון יודענטום אז דאס ווערט דורכאויס אידיש. דאס גענומענע איז ניט מעהר ווי א מאטעריאל, דער ליים, אויף וועלכען דער קינסטלער ארבייט־אויס זיינע אייגענע טיעף־דורכגעפיהלטע אידעען.

לאָמיר נעהמען א ביישפּיעל פון דער קונסט־וועלט: שעקספּיר האָט גענומען סיוזשעטען און לעגענדען און האָט פון זיי געשאַפען זיינע אייביגע מייסטערווערק, און דאָס איז ז י י נ ע, דערפאר ווייל ער האָט בלויז גענומען גולם׳ס און האָט דערפון געמאכט דאָס וואָס זיי זיינען היינט. א נאציאָן איז גרעסער ווי א יחיד. די אידען קענען נעהמען אָפּט דאָ אָדער דאָרט א שטיקעל פּרעמדע מאַטעריאַל און דאָס "מתקן" זיין, ווי מען רופט עס אין חסידות. אָבער אום דאָס צו קענען טאָן מוז מען זיין פולע אידען, שטארקע אידען; מען מוז האָבען דעם פייער דעם פרעמדען מאַטעריאַל צו צושמעלצען. משכילים קענען עס נים. זיי, אז זיי נעהמען עפּעס, ברייננען זיי עס צושלעפּען אין דער אידישער גאַס מיט דער גאנצער פרעמדהייט, מיט דער גאנצער גוי׳ישקייט. און ניט נאָר דאָס — זיי טהוען קאַפּויר: זיי נעהמען א זאך וואָס איז כלו אידיש, כלו קודש און מאַכען עס גוי׳יש, אזוי אז קיין איד קען דאָס שוין אפילו נאָכדעם ניט דערקענען.

ביאַליק און די נאַציאָנאַלע פּאָעזיע

מיר ווילען זיך יעצט ווענדען צו אונזער מאָדערנער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע. אין עפּאָכע פון אמת'ן נאַציאָנאַלען אויפלעבען, אין אמת'ע תחיה לאומית ביי א פאָלק געפינט געוועהנליך איהרע משוררים, אמווייניגסטענס איהר משורר דורך וועלכען די מעכטיגע כוואַליעס פון די נאַציאָנאַלע געפיהלען און האָפנונגען ברעכען זיך אַרויס, דורך וועלכען דאָס פאָלק זאָגט אין דאָס וואָס עס וועבט זיך, פאר די צו־קונפט, אין דער טיעפעניש פון איהר נשמה. אזא דיכטער איז דער שופר פון דער נאַציאָן דורך וועלכען דאָס פאָלק שטורמט־ארויס זיינע גאולה־טרוימען און זיין גבורה־ענטשלוס צו קעמפפען און זיעגען.

אומזיסט וועט איהר זוכען אזא משורר אין דער "תחית לאומית" מיט וועלכער מיר פראהלען אזוי. מיר האָבען עטליכע בעדייטענדע דיכטער מיט וועלכע קיין נאַציאָן וואָלט זיך ניט געשעהמט, אָבער מיר האָבען ניט דעם נאַציאָנאַלען דיכטער, וועלכען מיר זוכען. ווארום אפילו חיים נחמן ביאַליק איז אויך ניט דער דאָזיגער משורר, וועלכער זאָל קענען קריגען די קרוין פון המשורר הלאומי פון אן עפּאָכע פון אויפלעבונג.

ביאַליק איז ניט נאָר דער גרעסטער דיכטער פון היינטיגען דור, נאָר פון פיעלע דורות פון פריהער אויך. זיכער איז אז זייט ר' יהודה הלוי איז נאָך ניט געווען ביי אונז אזא משורר. אין דעם ביבלישען קלאַנג פון זיינע מעכטיגע שורות איז ניטאָ קיין זינגער אין אונזער ליטעראַטור זייט יאָהר־הונדערטע, וואָס זאָל זיך קענען מיט איהם פארגלייכען. אין זיין פשוט'ען און געוואַלדיגען נוסח איז פאַראַן דער עכאָ פון לאַנגע אַלט־פערגאַנגענע דורות, זיינע ווערטער, אייזערנע לשון־קודש'דיגע ניט געקינסטעלטע ווערטער שטעהען פאר

אייך ווי די ברייטע פארנאנדערגעצווייגטע צעדערבוימען פון לבנון, אדער די שטארקע "דעמבעס פון בשן".

ווען איהר וואנדערט צווישען די שורות פון ביאליק, האט איהר דעם געפיהל, אז איהר וואנדערט אין אן אוראלטען וואלד און יעדער שריט וואס איהר טוט ברייננגט אייך אן אבקלאנג פון צייטען און עפאכען וואס זיינען פארשוואונדען אבער האבען דא געלאזען דעם גאנצען צויבער. אט פיהלט איהר ווי א שטורם בויגט די צווייגען, איהר האט זיך אנגע־שלאגען אן א שורה געבויט אין דעם ביבלישען סטיל, אבער ניט נאכגעאחמט און ניט גענומען ווי זי שטעהט און געחט, ווי די בעלי־מליצה טוען, נאר אייגענס געשאפען פון אלטע געוואלדיגע ווערטער.

אט פיהלט איהר ווי עס בלאזט אויף אייך א זיסער זאנפטער ווינטעל פון צווישען די בוימען, דער דיכטער האט אייך מיט אמאל געבראכט אין דער אטמאספערע פון דער מדרש־עפאכע ; אין איין שורה שפעטער זייט איהר שוין אין מיטעלאלטער, דעם דיכטער'ס לשון ווערט מיט אמאל עהנליך צו חלוי'ס און גבירול'ס, און אט הערט איהר פלוצלונג דעם קלאנג פון דעם אידישען הלכה־לשון, דער שקלא־וטריא פון דער ישיבה מיט איהר קראפט, מיט איהר וואונק, מיט איהר שארפקייט, מיט איהר אידישע קלוגהייט. איהר פיהלט אבער דאס אלעס מיט איין מאל, אלעס איז צוזאמענגענומען און דורכגענומען אין איין זאך אין דעם ביאליק'שען לשון, אין זיין סטיל וועגען וועלכען מען קען איבערפראזירען דעם בעקאנטען ווארט פון נאפאלעאנען איבער די פיראמידען און זאגען : פון ביאליק'ס ווערטער קוקען אויף אייך ארויס פיער טויזענד יאחר אידישע געשיכטע.

א נאציאן לייגט ארייז איהר נשמה אין ווערטער. יעדער דור לאזט איבער זיינע הייליגסטע געפיהלען אדער אין נייע ווערטער וואס ער שאפט, אדער ער פארבינדעט עס מיט אלטע פריהערדיגע ווערטער, וועלכע ער מאכט ברייטער און רייכער מיט א נייעם פשט, מיט א נייעם ניואנס אזוי אז א גרויסע קולטורעלע פאלק איז ניט בלויז וואס זי שאפט אלעמאל נייע ווערטער, נאר די אלטע קריגען פארטוועהרנד נייע בעגריפע, נייע בעדייטונגען. דאס זיינען די אינערליכע

נשמות פון די ווערטער, נשמות און "נשמות יתירות", דאָס זיינען די סודות פון הארץ און זעעלע וואָס די נאַציאָן גיט־איבער צו די ווייטערדיגע גענעראַציאָנען ניט אזוי אין דאָס וואָס די ווערטער בעדייטען פון אויבען, ווי אין דאָס וואָס עס ליעגט אין זיי בעהאַלטען, און די מיסטעריעזע קלאַנגען, וועלכע זיינען ארום די ווערטער ארומגעוויקעלט. אין דיעזע אָפענע און בעהאַלטענע בעגריפען וואָס זיינען פארבונדען מיט די ווערטער ליעגט אייגענטליך די אמת'ע געשיכטע פון דער נאַציאָן, די געשיכטע פון זיין דיינקען, טראַכטען, פיהלען און האָפען. די ווערטער זיינען אָפט ניט מעהר ווי סימנים פון בּרייטע און גרויסע וועלטען, ניט־דערזאָגטע וועלטען, ניט־אויסגעשפּראָכענע, נאָר אָנגעוואונקענע...

און ווען עס קומט דער מאַן וואָס פארשטעהט די פאָלקס־נשמה, דער מאַן אין וועמענס הארצען עס זיינען איינגע־דריקט אַלע פריהערדיגע דורות, פארשטעהט ער די ווערטער אין אַלע זייערע פארשיעדענע געשיכטליכע בעגריפען, אין אַלע זייערע דורכגעלעבטע גלגולים און ער בענוצט זיי אויף אזא אופן, אז אַלעס וואָס איז אין זיי בעהאַלטען טרע־טען ארוים מיט זייער גאַנצען מאַכט און צויבער. אזוי צו בענוצען ווערטער קען נאָר דער וואָס האָט א בליק אין דער זעעלע פון דער נאַציאָן, דער פאר וועמען אַלע סודות פון דער אומה זיינען ענטפּלעקט. אָדער צו זאָגען טאַקע מיט ביאַליק'ס ווערטער אין דעם "ווערקשטאַט פון דער נשמה פון דאָס פּאָלק" (בית היוצר לנשמת האומה) אום צו וויסען וואָס דאָרטען שפּינט זיך און וועבט זיך פון אייביג אָן: אזא מאַן איז ביאַליק. און אזא דיכטער קען נאָר זיין דער וואָס האָט זיך ערצויגען אין פולע אידישקייט, וואָס האָט געזעהן די שכינה אין די געצעלטען פון יעקב, וואָס האָט זיך געבאָדען אין דעם ים וואָס פאַנגט זיך אָן פון בראשית און ציהט זיך אוועק ביז תוספות און מהרש"א, זוהר און קבלה. אזעלכער פיר וועמען קיין סוד פון דעם אידישען שאַפונגס־גייסט איז ניט בעהאַלטען.

* * *

עס איז אָבער ניט באַשערט געווען, אז ביאַליק זאָל זיין אין גאַנצען דאָס וואָס ער האָט בעדאַרפט זיין, דאָס וואָס

ער האָט געקענט זיין. די השכלה האָט אויך אויף איהם איהר האַנד אוועקגעלייגט. אפילו ער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען דעם אידען און דאָס יודענטום מעהר ווי די מעהרסטע דיכ־טער און שריפטשטעלער אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור, האָט זיך ניט געקענט אין גאַנצען בעפרייען פון דעם השכלה־בליק.

ביאַליק זאָגט אליין וועגען דער צייט אין וועלכער ער איז אַרויסגעטרעטען: "עס איז געווען אַ צייט פון תוהו ובוהו, פון אויסגעמישטע גרענעצען, פון סוף און אָנפאַנג, פון צואוואַרפען און בויען, פון אַלטקייט און יוגענד, און מיר, די צווישען־קינדער — — — האָבען זיך געבוקט צו ביידע וועלטען... הייגגען אין מיטען צווישען דיעזע ביידע מאַג־נעטען". — — איך ווייס ניט קלאָר וואָס ביאַליק מיינט אין די אויבענגעבראַכטע ווערטער, וואָס איז ביי איהם "סתירה" און וואָס איז "בנין"? אָבער זיכער איז אַן די צייט איז געווען אַ צייט פון "תוהו ובוהו" און אַז די אַלטע השכלה האָט געלאָזען איהר בטול צום יודענטום צו דער נאַציאָנאַלער השכלה און אַז דערפון איז אין אַ געוויסע מאָס ערגריפען געוואָרען אויך ביאַליק.

לאָמיר נעהמען די צוויי דימענטען פון ביאַליק'ס פאָ־עטישע קרוין דעם "המתמיד" און "על סף בית המדרש". אין "המתמיד" זעהען מיר דעם ערשטען מאָל אַ אידישער דיכטער וואָס האָט אויפגעפאַסט וואָס עס בעדייט דער גרוי־סער געזאַנג פון "הוי, הוי אמר רבא, הוי, תנו רבנן!..."

"ווער ביזטו שטיין, ווער ביזטו פעלזען.
געגען אַ אידישען אינגעל וואָס איז עוסק אין תורה?"
און ווייטער:
"די בני הישיבה, ווי אויסגעוואַשענע קינדער,
לויפען צום שוים פון זייערע מוטערס,
אַזוי ליכטיגע און קלאָרע קומען זיי פאַרטיג
מיט לאַנגע גמרות צו זייערע טישען
און אַלע צוזאַמען הויבען־אָן לערנען די תורה
שאָקלען זיך די בחורים ווי יונגע לייבען
בעטען און זינגען ריכטיג ווי זיי וואָלטען געראַוועוועט

און עס זינגט צו גאָט יעדע הארץ און גליעד. — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

הוי, הוי, אמר רבא, הוי, הוי אמר אביי !
איז דאָ דער ווערקשטאַט פון דער פאָלקס־נשמה ?
דער קוואַל פון איהר בלוט, וואָס גיט איהר
אייביגעס לעבען, וואָס גיט איהר
פייער און היץ ? — — —
וואָס זיינען די קולות און וואָס דער פלאַקער
וואָס הויבען דעם נפש ביז'ן הימעל ?״

אזוי זאָגט ביאַליק דער איד. אָבער דאָ קומט דער השכלה־שטן און צומישט איהם זיינע מחשבות און מיר הערען אין דעמזעלבען שיר ״המתמיד״ אז די ישיבה־בחורים זיינען ״אונגליקליכע נפשות, פארשעהמטע נשמות״, אז די ישיבה איז ״א פריזאָן״ און ״א שטעהענדער פארבלאָטיגטער זומף״ און ווי משכילי'ש קלינגען פאָלגענדע ווערטער אין דעמזעלבען ״המתמיד״ : ״ביז דיין נשמה איז פארמאַטערט געוואָרען פון אונגעזעטיגטען דורשט, פון ניט־ערפילטע תאוה, ניט געליעבט געוואָרען און ניט געליעבט, און די צוויי אויגען וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען צו זעהן — — ווע־רען דונקעל, ווערען פינסטער און זעהען גאָר ניט, און אָהנע צו גליזטען עטוואָס ענדיגען זיי זיך אין דער פינסטער״...
און דער דיכטער ווענדעט זיך צו אונז און פרעגט : ״און צו וואָס זיינען זיי אומזיסט בעשאַפען געוואָרען, און ווארום געהען זיי אומזיסט פארלאָרען, די דאָזיגע נשמות ?״ ״וויים דער אונגליקליכער, אז ער איז אונגליקליך ?״

אָבער ביאַליק, וועלכער פארשטעהט אזוי טיעף די אי־דישע טראדיציאָן און די גבורה פון אידישען גייסט דער־מאָנט זיך, אז ער האָט זיך געלאָזען אונפאָרזיכטיגערהייד פאַנגען פון דעם משכיל און ער גיט אַ שפרונג צוריק און זאָגט :

״דער אונגליקליכער ? ווער קען איבערצייגען, אז אַ מענש איז געשאַפען געוואָרען צו ברייטקייט ? — — —
צוויי סדרים גמרא — ווי זיס איז זיין גורל ! און ווי זאָל ער זיך ניט פרעהען, אז זיינע אויגען זעהען שוין דעם פרייז

פון זיין ארבייט, אז מתמיד און עלוי רופט מען איהם. א כהן האָט בלויז איין ציץ זהב, א פירשט האָט בלויז איין קרוין. אַ דיכטער, אַ העלד איין לאָרבער קראַנץ, אָבער אויף דעם קאָפּ פון אונזער בחור גלענצען צוויי קרוינען! אי מתמיד אי עלוי, צוויי הויכע שטאַפּעל אויף דעם לייטער פון דער תורה".

אָבער גלייך הויבט זיך אויף דער משכיל און דער דיכ־טער רעדט שוין ווידער מיט אַן אנדער טאָן: "רבונו של עולם! די דאָזיגע כחות (פון די מתמידים) אויף וואָס ווע־רען זיי פאַרניכטעט?"

אָבער אומזיסט זאָרגט זיך אונזער דיכטער אַזוי שטאַרק גאַר דעם "מתמיד", דער מתמיד האָט אין אמת'ן אַ ברייטערע וועלט ווי דער דיכטער אליין איז עס משיג. וואָס פאַר־נעהמט ער, דער משורר, זיך אַזוי פיעל מיט דער עקאָנאָמי־שער זייט פון דעם עלוי? דעם משורר'ס אויפגאַבע איז צו צייגען אונז די נשמה פון דעם מתמיד. ווי ניט ריכטיג איז עס צו בעדויערען דעם לעבען פון אידעאַליסטען, דערפאַר וואָס זיי געהען, למשל, ניט געגוג שפּאַצירען און פיהרען ניט קיין ליעבעס. און וואָס פיר אַ צער איז עס, אַז אַזאַ גרויסער משורר ווי ביאַליק זאָל ניט פיהלען, אַז ער שרייבט ניט אַן אָבהאַנדלונג איבער די לאַגע פון די מתמידים אלס אַ קלאַס פון דעם פּראָלעטאַריאַט אינערהאַלב פון דער אידישער גע־זעלשאַפט, פון געזעלשאַפטליכען און עקאָנאָמישען שטאַנד־פּונקט. ער דאַרף אונז געבען וואָס דער מתמיד און ישיבה זיינען אין דאָס לעבען פון דער נאַציאָן, אין דעם קאַמפּף פיר גרויסע אידעאַלען פון רעליגיאָן און מאָראַל. דעם ישיבה־בחור איז ניטאָ וואָס צו בעדויערן, ער איז דער טרעגער פון אידישען געדאַנק, דער גבור וואָס געהט אין פראָנט פון דער אידישער ארמיי, דער פעלדמאַרשאַל וואָס ציהט אין שלאַכט־פעלד אַן דער שפּיצע פון זיין פאָלק געגען אַלע וועלט־מעכטע און ער זיעגט! אָט דאָס איז דער ישיבה־בחור ווי אַזוי ער איז אין אמת'ן אין דער געשיכטע פון דער אידישער נאַציאָן. און נ אָ ר אַזוי וואָלט איהם ביאַליק געזעהן, ווען ער וואָלט ניט געוועזען אין דער צייט פון השכלה פון וועלכער ער האָט זיך ניט געקענט בעפרייען, טראָץ זיינע ריעזיגע כחות.

זיי בעדויערען אנשטאט צו בעוואונדערען

אומזיסט וועט איהר זוכען אין אונזער מאָדערנער ליטעראטור א ביסעל נ א צ י אָ נ א ל ע ג א ו ה, איהר וועט עס ניט געפינען. אויב איהר ווילט געפינען א שטאָלצען וואָרט וועגען פאָלק ישראל, א וואָרט וואָס זאָל אויפהויבען די ווירדע פון אייער נאציאָן ביי אייך אין די אויגען, דארפט איהר געהן צו אונזערע אַלטע ספרים, פון חומש ביז צו דער צייט פון פאר דער השכלה, אין דער "אויפקלערונגס" עפּאָכע איז עס ניטאָ. אונזער "נאציאָנאלע" ליטעראטור קען נאָר ב ע ד ו י ע ר ע ן דעם אידען און מעהר גאָר ניט.

און איהר מעגט זיך זאָגען וואָס א י ה ר ווילט, א י ך האָב ניט ליעב ווען מען האָט פאר דער אידישער נאציאָן, די קרוין פון דער מענשהייט, ב ל ו י ז בעדויערען, ווען מען מאכט פון מיין אומה א טעמא פון בלויז קלאָגען אויף איהר פינסטערן מזל, ווען מען מאכט פון איהר בלויז א אונגליקליכען "נעבאך" ווי א ברעקעל האָלץ פון א געשייטערטע שיף וואָס בלאָנקעט זיך ארום איבער די ים־כוואליעס. דאָס בעליידיגט מיר ביז אין די טיפעניש פון מיין נשמה, דאָס פייניגט מיין זעעלע, דאָס ערניעדריגט מיין נאציאָנאלע זעלבסטווירדע, און אזא האלטונג צום אידישען פאָלק ברענט מיר פיעל ערגער ווי מאנכע רדיפות פון דרויסען.

און איך שעהם זיך ניט אויסצוזאָגען, אז אָפט פאלט מיר אריין א געדאנק, אז די האלטונג פון דער אסימילאציאָנס־השכלה איז אין געוויסע הינזיכטען אפשר געוועזען ווירדיגער ווי די האָלטונג פון אונזער נאציאָנאלער השכלה, ווי ווילד אזא ערקלערונג זאָל ניט אויסקומען. די אסימילאציאָנס־השכלה האָט געפיהרט א מורא'דיגע מלחמה געגען יודענטום אלס שונא. ביי די שריפטשטעלער פון יענעם דור איז דאָס יודענטום געוועזען א מאכט, זיי האָבען אלזאָ אינעווייניג

געהאט רעספעקט צו איהם, ווי מען האָט שטענדיג רעס־פעקט צו א קראַפט געגען וועמען מען האַלט מלחמה. עס איז בעסער צו ווערען בעקעמפּפט איידער בעדויערט.

ניין! איך וועל זיך קיינמאָל ניט לאָזען בעדויערען אַלס איד. איך וועל מיין גורל ניט אויסבייטען אויף דעם גורל פון א זוהן פון אן אנדער אומה, ווי גרוים און מעכטיג זי זאָל ניט זיין. איך וועל מיין ירושה ניט אויסטוישען פיר אַלע מלוכות פון מזרח און מערב, פיר אַלע גלאַנץ און פראַכט פון אַלע הויפּטשטעדט וואָס באַדעקען דעם ערד־קוגעל. עס איז בעסער צו זיין איין שעה א איד איידער צו זיין זיבעציג יאָהר א גוי. דאָס איז מיין אינערליכע איבערצייגונג וואָס איז אריינגעדרונגען אין יעדען טראָפּען פון מיין בלוט.

דער איד איז ניט קיין וואָרים וואָס ווערט געטראָטען אונטער די פיס. ער איז א קעמפּפער וואָס ליידט דורך זיין אייגענעם ווילען. דער איד האָט שוין לאַנג געקענט זיך אויסלייזען פון זיינע צרות און ווען ער טוט עס ניט, איז עס ווייל ער האָט א צוועק, ער האָט א כונה, ער האָט א פּלאַן און ער שטעהט פעסט פאַר זיין פּלאַן. און טראָגט אַלע רדיפות און יסורים האָט דער איד זיין נקמה אָן זיינע פיינד, זיין נקמה איז וואָס זיי קענען איהם ניט בייקומען, זיין נקמה איז וואָס ער לעבט זיי איבער און ער שטעהט אויף זייערע קברים און ניט זיי אויף זיינעם. זיין נקמה איז וואָס ער איז מעכ־טיגער פאַר זיי, מעכטיגער אין גייסט, מעכטיגער אין עקשנות, מעכטיגער אין ווילען, מעכטיגער אין מאַרך, מעכ־טיגער אין אייזערנעם כאַראַקטער, מעכטיגער אין מוטה, שרעקט זיך ניט פאַר זיי און גיט זיך ניט אונטער. אין דעם אידען'ס נשמה איז פאַראַן דער זעלבסטבעוואוסטזיין פון זיין סופּעריאָריטעט. ווי שטאַרק זיינען די ווערטער פון דעם אידען אין זיין פרייהייטס־יום־טוב, ווען ער הויבט אויף זיין כוס וויין, און זאָגט מיט נאַציאָנאַלע גאוה: ניט איינער האָט אונז געוואָלט פארניכטען נאָר אין יעדער דור שטעלט מען זיך געגען אונז צו פערניכטען אונז און גאָט איז אונז מציל פון זייערע הענד. דאָס איז דער גבורה'דיגער אויסרוף פון דער אידישער נאַציאָן, דאָס איז דער "טשאַלענדזש" פון דעם אידען צו דער גאַנצער וועלט.

און עס איז פאראן נאך אן אנדער נקמה וואס מיר פיהר־לען געגענאיבער אונזערע שונאים. זיי קענען זיך פון אונז ניט בעפרייען, סיידען זיי זאלען אלע, אלע נאציאנען צו־זאמען בעגעהן זעלבסט־מארד! אומזיסט קריצען זיי די צייהן אויף אונז. מיר האבען זיי געגעבען זייער רעליגיאן, פון אונז שטאמט דאס בעסטע וואס זיי פארמאגען אין זייער ציוויליזאציאן. וואו זיי קעהרען זיך און וואו זיי ווענדען זיך שלאגען זיי זיך אן אין אונזערע געדאנקען. זיי מוזען מודה זיין, אז מיר זיינען זייערע רביים און זיי קענען ניט אויסלעשען אונזער ליכט, ווי זיי קענען ניט פארלעשען די זון. מיר האבען זיי בעזיעגט אין זיי גופא — און דאס איז די ראכע וואס מיר האבען אן זיי!

אבער פיעל וויכטיגער ווי די ראכע איז אונזער גליק וואס מיר טראגען די ליכט פון דעם גרויסען אמת, מיר וועלען אונזער ספר ניט אויסבייטען פיר אלע וועלט־אימ־פעריעס און מיר מעגען היינט אויך און וועלען שטענדיג מעגען מיט א פולען געוויסען דאנקען גאט וואס מיר זיינען אידען און ניט עפעס אנדערש. איהר הערט? דאנקען און פרעהען זיך וואס מיר זיינען אידען, ווי אין דאוונען שטעהט, ווי אין אלע הייליגע ספרים שטעהט, און זיין גליקליך מיט יעקב׳ס חלק און ניט ב ע ד ו י ע ר ע ן! דאס איז דער אידישער שטאנדפונקט, דאס איז דער היסטארישער שטאנדפונקט, דאס איז דער איינציגער שטאנדפונקט אויף וועלכען אידען קענען שטעהן, אויב זיי ווילען אידען זיין.

אבער דאס איז ניט דער געפיהל וועלכען איהר וועט געפינען אין דער נאציאנאלער ב ע ד ו י ע ר ו נ ג ס־ליטעראטור. אפילו ביאליק, וועלכער איז נעהענטער צום יודענטום ווי די מעהרסטע פון די דיכטער און שריפטשטע־לער אין אונזער נייער ליטעראטור, האט זיך נאר זעהר זעלטען אויפגעהויבען צו דער ריכטיגער אבשאצונג פון דעם אי־דענ׳ס לעבען. בלויז אין צוויי פון זיינע שירים רעדט ער מיט דעם לשון פון דער אידישער נאציאן, אין זיין "על ספר בית המדרש" זאגט ער:

און מיין נאמען וואס זיי האבען אויסגעמעקט פון
זייער בוך מיט גאוה,

ווייל איך האָב איהם ניט פארשמוצט מיט זנות און בלוט,
וועט דער לעצטער בלייבען אויף דער וועלט
און ער וועט זיין דער שטעמפעל פון גאָט אין דער
וועלט־געשיכטע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וועסט ניט פאלען, אידישער געצעלט, איך וועל דיר
צוריק אויפבויען
פון די הורבעס ערד וועל איך אויפשטעלען צוריק די ווענד.
וועסט נאָך איבערלעבען פּאלאצען ווי דו האָסט
איבערגעלעבט
אין די גרויסע פארניכטונגען ווען די פעסטונגען זיינען
געפאלען.
און אין זיין אנדער שיר : "אם יש את נפשך לדעת"
זאָגט ער :
אויב דו ווילסט וויסען דעם פעלזען
וואָס אויף זיין שפּיץ האָבען דיינע עלטערן אוועקגעטראָ־
גען זייער אידעאל,
די תורה, די קדש־הקדשים — און האָבען עס גערעטעט...
אויב דו ווילסט וויסען די בעהעלטעניש וואָס האָט
אויפגעהאלטען
— אין זיין ריינקייט — דעם שטארקען גייסט פון
דיין פאָלק,
וואָס אפילו לעבענדיג אין שאנדע און שפּאָט
האָט איהר עלטער ניט פארשעהמט איהר יוגענד — —
אין בית המדרש געה ! — —

אָט דאָס זיינען כמעט די איינציגע שטאָלצע דבורים וואָס מיר געפינען ביי ביאליק. דאָס לעצטע פון די צוויי ציטאטען איז געשריבען געוואָרען מיט פינף און צוואנציג יאָהרען צוריק. אלעס וואָס ביאליק האָט געשריבען פון דאן איז בעדויערען. די אידישע ספרים זיינען ביי איהם "די קברים פון פאָלק", ער אליין, דער משורר, איז אן "אנטלאָפענער פון די קברים" (פליט־קברים). דאָס פאָלק איז "פארוויאנעט פול מיט שאנדע און גאל, אין גאנצען פארפוילט און צופרעסען פון פוס ביז'ן קאָפּ". און ווען דער דיכטער זעהט די אידישע קדושים זאָגט ער : "א י י ע ר ע

געפאלענע — זיינען געפאלען אומזיסט, און ניט איך און ניט איהר ווייסען צו וואָס זייט איהר געשטאָרבען, און פאר וועמען און פאר וואָס זייט איהר געשטאָרבען, אייער טויט האָט ניט קיין טעם אזוי ווי אייער לעבען האָט קיין טעם ניט געהאט..."
אָט אזוי ניעדריג איז עס אראָבגעפאלען ביין דיכטער דער ענין פון שטארבען "על קדוש השם." ניט אידיש און ניט נאציאָנאל איז דיעזע שטעלונג פון משורר צו די קדושים פון די פּאָגראָמען. אויב דאָס זאָל זיין די שטעלונג פון אידישען פּאָלק צו זיינע מארטירער, וואָלט די גאנצע אידישע געשיכטע געווען א נארישער וויץ.

דאָס איז אָבער ניט די שטימע פון אידישען פּאָלק וואָס וויים פיר וואָס ער קעמפּפט, וויים פיר וואָס ער ליידט. דער קישענעווער שמש וואָס האָט זיך געלאָזען ערמאָרדען ניט צולאָזענדיג די הוליגאנעס צו דער תורה, און די צוויי פּראָסטע גאס־מענשען, פּאקירער פון לעמבערג, וואָס זיינען אריין אין פייער אין שוהל, האָבען בעצאָהלט מיט זייער לעבען פאר רעטען די ספר תורה, האָבען גוט געוואוסט וואָס זיי טוען, זיי אזוי ווי אלע וואָס זיינען געשטאָרבען על קדוש־השם, זיינען די גווארדיע פון אונזער נאציאָן וואָס בעשיצען די אומה. די אידישע נאציאָן וויים אנדערש ווי אָבצושעצען די מארטירער. דאָס איז די שטימע פון דער בעדויערנדער ליטעראטור פיר וועלכער די קודש־הקדשים פון פּאָלק ישראל איז פארמאכט, וועלכע קען דעם אידען נאָר בעקלאָגען, אָבער קען איהם ניט שעצען, קען איהם ניט בעוואונדערן.

* * *

אונזער נאציאָנאלער דיכטער איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען. עס וועט אויפשטעהען אמאָל א נאציאָנאלער משורר, וואָס וועט פאשטעהען די גרויסקייט פון א אומה וואָס "פייער קען איהר ניט פארברענען און וואסער קען איהר ניט דערטרינקען"; אן אומה וואָס צו איהר אליין איז אנטפלעקט געוואָרען דער סוד פון אונשטערבליכקייט, אן אומה

וואָס איז האַרטער ווי פעלזען, וועלכע קוקט אַראָב אויף יאָהר טויזענדע, וואָס קומען און פערגעהען נעבען איהרע פיס.

עס וועט אויפשטעהן אַ משורר אין וועמעס האַרץ עס וועט ברענען דער פלאַם וואָס איז אָנגעצונדען געוואָרען אין די צייטען פון אברהם אבינו און וועלכע קיינע ווינדען און שטורעמס האָבען ניט געקענט אויסלעשען, אָט דער פלאַם וואָס האָט געוואַרימט אַלע אונזערע גבורים, אַלע קדושים, אַלע קעמפפער פון דער אידישער נאַציאָן. דאָס איז דער פייער וואָס האָט געפיהרט די חשמונאים, און די מגורשים פון שפּאַניען און אַלע וואָס זיינען געגאַנגען אין קאַמפּף פיר דאָס נאַציאָנאַלע לעבען פון דער אומה וועלכע איז די תורה.

און יענער משורר בעשיינט פון דער ליכטיגקייט פון באַרג סיני, אויפגעציטערט ביז דער טיפעניש פון זיין זעעלע פון דער גרויסער קדושה פון אַ הייליגעס פאָלק, וואָס טראָגט דעם אמת צווישען די מענשען־קינדער וועט דורכנעמען די דאָזיגע געוואַלדיגסטע ערשיינונג פון דער וועלט, דעם העלדען קאַמפּף פון אַ פאָלק פיר די אייביגע אידעאַלען פון דער מענשהייט, וועט פיהלען, אַז דער איד איז מיט זיין לעבען און קאַמפּף דער שיר־השירים פון דער וועלט, דאָס וואונ־דער־שאַפונג פון בורא עולם. ער, יענער, משורר, וועט אויפ־זאַמלען אַלע מעכטיגע אידישע קלאַנגען פון די קולות וברקים פון מדבר סיני, פון דעם "שמע ישראל" פון אידישע מאַר־טירער, פון דעם כה אמר ה׳ פון די געטליכע נביאים, פון אַלעמען וואָס האָבען אַריינגעלייגט זייער נשמה אין די שאַ־פונג פון ישראל׳ס אייביגקייט.

און ער וועט זינגען אַ שיר־גבורים צו דער אידישער אומה, צו דער כנסת־ישראל, וואָס וועט אויפריהרען אַלע וועלטען און וועלכע וועט געלאָזען ווערען אַלס אייביגע ירושה פאַר די ווייטערדיגע דורות צו שטאַרקען זייער האַרץ, צו שמיעדען זייער רצון און צו מאַכען זיי אַזוי מעכטיג און הייליג און ליכטיג ווי אונזערע עלטערען זיינען געוועזן.

איהם, יענעם דיכטער וועט דאָס פאָלק ישראל קרוינען מיט דער קרוין פון נאַציאָנאַלען משורר.

א בעוועגונג אָהן א פאָלק

די העברעאישע בעוועגונג אָדער ליטעראַטור האָט ניט קיין המון, קיין איינפאַכען פאָלק וואָס זאָל שטעהן הינטער איהר, און דאַרום קען מען זאָגען, אז די גאַנצע העברעאישע בעוועגונג איז אומגעפאַלען — אזוי קלאָגט זיך א געוויסער העברעאישער שרייבער.

דער שרייבער פארגעסט אָבער, אז אום א בעוועגונג זאָל האָבען א פאָלק הינטער זיך דאַרף עס ארויסקוועלען פון פאָלק. אלעס וואָס עס ווערט געשאַפען ניט מיט'ן פאָלק, דורכ'ן פאָלק און פאַר'ן פאָלק, קען ניט האָבען קיין קיום. אויב א רעגיערונג מוז פארטרעטען דאָס פאָלק, מוז א קולטורעלע בעוועגונג געוויס ליעגען אויף די ברייטע פלייצעס פון פאָלק. אלעס וואָס עס ווערט געשאַפען אָהן איהם מוז פאַראיבערגעהן. דאָס פראָסטע פאָלק איז דער באָדען פון וואַנען אלע נאַציאָנאַלע בעוועגונגען, פון וואַנען אלע קולטורעלע קרעפטען ציהען זייער השפעה. אפילו די וואָס גלויבען, אז די וועלט ווערט געפיהרט דורך איבער־מענשען, דורך די זשעניען, וואָס געהען מיט זייערע אייגענע כחות און רייסען אוועק מיט זיך דעם עולם, מוזען אויך מודה זיין, אז אום דאָס פאָלק זאָל האָבען א פארבינדונג מיט די וואָס ווילען זיין זיינע פיהרער, מוזען די פיהרער שטעהן אין נאָהענטע בעציהונגען צום פאָלק, אין פראָסטערע ווערטער: צום המון.

דער כח פון יודענטום איז אויך געווען אין דעם המון, אין דעם פשוט'ען פאָלק, וואָס האָט געדאַווענט, געלערענט, געשיקט די קינדער לערנען. אָט די שניידער און די שוסטער, סטאָליארעס און מוליארעס, וואָס האָבען זייער שווער־פאַרהאָרעוועטע גילדען אוועקגעטראָגען פאר שכר־לימוד, געשיקט די קינדער למקום־תורה, האָבען עס אויפגעהאָדעוועט אונזערע גרויסע מענשען, זיי האָבען עס געגעבען א פעסטקייט דעם אידישען לעבען. זיי זיינען עס געווען דער חוט־השדרה

פון דער אידישער נאציאָן. און נאָך גאנץ אמאָל האָט מען עס אזוי שטארק געוואוסט. "זייט פאָרזיכטיג — זאָגט דער תלמוד — מיט די קינדער פון די אָרימע לייט, ווארום פון זיי קומט ארויס די תורה". אונזער קראפט איז אין המון און ניט אין עטליכע הייפלאך אינטעליגענטען. און אויב די העברעאישע בעוועגונג האָט ניט קיין המון הינטער זיך, איז געוויס א זעהר שלעכטער סימן פאר איהר.

אָבער, די העברעאישע בעוועגונג, אָדער ריכטיגער, די מאָדערנע נאציאָנאלע בעוועגונג, וועלכע מען בעטיטעלט מיט'ן נאָמען "אויפלעבונג" האָט ניט געקענט האָבען קיין המון הינטער זיך, עס איז לכתחילה געווען פאראורטהיילט צו בלייבען אין א שמאָלען קרייז פון אינטעליגענטען, וואָס זיינען כמעט אָבגעריסען פון פאָלק, טראָץ דעם וואָס זיי ריידען אין נאָמען פון נאציאָנאלע אידעאלען. די פארטרע־טער פון דער דאָזיגער בעוועגונג זיינען ניט געווען די שלוחי־צבור פון דעם חמון בית ישראל און ניט נאָר דאס: זיי האָ־בען ניט אויסגעדריקט דאָס וואָס עס ליעגט ביים פאָלק אויפ'ן הארצען, עס איז קיין פאָלקס־ליטעראטור ניט געווען און ממילא האָט עס שוין ניט געקענט זיין קיין נאציאָנאלע ליטעראטור.

אַלס ביישפיעל פון די ווייטקייט פון דער העברעאישער בעוועגונג פון פאָלקס־לעבען קען דיענען דער נארישער קאמפף וואָס עס איז געפיהרט געוואָרען אין דעם העברע־אישען לאגער געגען דער אידישער שפראך, דעם לשון פון מיליאָנען אידען, פון דעם טהייל אידען וואָס טראָגען אין זיך די גאנצע קראפט פון נאציאָנאלען אידישען לעבען. מענשען וואָס שטעהען נאָהנט צום פאָלק, וואָס פארשטעהען די פאָלקס־נשמה, קענען ניט אזוי האלטען זיך צו א שפראך אין וועלכער עס איז ארייננגעגאָסען געוואָרען אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען אזוי פיעל אידישע ליידען און פריי־דע, א שפראך אין וועלכער עס איז אריין אזא גרויסער טהייל פון אונזער נאציאָנאלען לשון־קודש. אמת'ע אידישע נאציאָ־נאלע אידען, די פרומע אידען, האָבען קיין מאָל זיך ניט בעצויגען מיט שנאה צו דעם אידישען לשון. די שעפּפער פון חסידות, אזוי גוט ווי די פאָרשטעהער פון דער תורה פריהער

פון דער חסידישער עפּאָכע און שפּעטער, האָבען קיינמאָל ניט מבזה געווען דעם אידישען לשון. געוויס, האָט קיינעם ניט געקענט איינפאַלען צו פאַרגלייכען די אידישע שפּראַך צו אונזער נאַציאָנאַלען לשון העברעאיש אָן וועלכען דאָס לעבען פון אונזער נאַציאָן איז אָנגעבונדען, אָבער צו בע־קעמפּפען דער פאָלקס־שפּראַך, איהר צו מבזה זיין, דאָס האָט קיינעם ניט געקענט ארויף אויפ'ן זינען, ביז וואַנען עס איז געקומען די השכלה מיט איהר פעראכטונג פיר אלעס וואָס איז אידיש און זי האָט עס אָנגעפאַנגען מבזה צו זיין אידיש. די משכילים האָבען געקעמפּפט געגען אידיש, ווייל זיי האָבען געוואָלט, אז די אידען זאָלען ריידען די לאַנדעס־שפּראַך. די נאַציאָנאַלע השכלה וואָס האָט אזוי פיעל גע'־ירשנ'ט פון דער פריהערדיגער השכלה, האָט איבערגענומען דעם דאָזיגען אסימיליאַטאָרישען קאַמפּף געגען אידיש און האָט עס געמאַכט פיר א עיקר אין איהר פּראָגראַם. און נאָך היינט קענט איהר זעהן ווי יעדער נארישער אינגעל, וואָס שרייבט העברעאיש, זידעלט דעם ״ז'רגון״. ווי לעכערליך איז דיעזע ערשיינונג ווען מען באַרעכענט, אז העברעאיש האָט נאָר א קיום אין די לענדער וואו אידען ריידען אידיש און דאָר־טען וואו אידיש איז מעהר ניט אָ איז העברעאיש אין א שפל־המצב. אידיש און העברעאיש זיינען ניט קיין געגנער איינע צו די אַנדערע אין דעם פאָלקס־לעבען (פון די שונאים פון יודענ־טום, וועלכע בעהאַלטען זיך אונטער'ן נאָמען ״אידישיסטען״ רייד איך ניט), נאָר זיי זיינען א הילף איינע צו די אַנדערע. די אָפּאָזיציאָן פון דער העברעאישער בעוועגונג צו אידיש קומט נאָר פון ניט־פאַרשטעהן דאָס פאָלק און זיין לעבען.

אָבער דאָס איז נאָר בענוצט געוואָרען אלס א משל. דער עיקר איז וואָס די העברעאישע בעוועגונג האָט ניט פאַר־שטאַנען, אז דאָס פאָלק האָט א פעסטגעשטעלטע מיינונג איבער דעם וואָס א העברעאישע בעוועגונג דאַרף בעדיי־טען, א מיינונג וואָס איז איינגעוואָרצעלט אין דער פאָלקס־נשמה זייט טויזענדער יאָהרען. דיעזע מיינונג איז אַז א העברעאישע בעוועגונג איז און מוז זיין א רעליגיעזע בע־

וועגונג, אַז די העברעאישע שפּראַך מוז זיין פאַרבונדען מיט דעם אידישען דת. דער גאַנצער פּלאַן צו אָבטהיילען העברע־איש פון יודענטהום איז פרעמד צו דעם פאָלקס־נשמה. דאָס פאָלק קען עס גאָר ניט בעגרייפען, אין דער איבערצייגונג פון 99 פּראָצענט פון אידען ליעגט די פּשוט'ע שאלה : אויב ניט קיין אידישקייט צו וואָס דאַרף איך העברעאיש ? !

איך האָב געהערט פון אַ גרויסען ציון־פּיהרער פאָלגענדען אַנעקדאָט : נעבען דער שטאָדט צפת האָבען זיך געפונען אַ גרופּע ראַדיקאַלע אַרבּייטער. איינמאָל זיינען זיי אַריינגעפאָהרען שבת בייטאָג אין דער הייליגער שטאָדט צפת מיט פערד און וואָגען. די קינדער פון שטאָדט דערזעהענדיג אַזאַ זאַך זיינען נאָכגעלאָפען נאָך'ן וואָגען און געשריען : "אידען פאָהרען אום שבת !" די וואָס זיינען געזעסען אויפ'ן וואָגען האָבען געענטפערט די פרומע אידישע קינדער : "גוים ! דברו עברית !"

דאָס פאָלק האַלט ניט מיט די וואָס זיצען אויפ'ן וואָגען, נאָר מיט די קינדער דורך וועמעס מויל עס רעדט די אידישע געשיכטע. דאָס פאָלק האַלט מיט הערמאַן שטרוק, וועלכער האָט אויסגערופען אויף אַ קאָנגרעס : "אויב מען אָרדערט חזיר אויף העברעאיש, איז עס אויך טריף"... און די גאַנצע חקירה וואָס די העברעאישע בעוועגונג האָט זיך געמאַטערט צו פאַרשפּרייטען, אַז העברעאיש איז אַ נאַציאָנאַל שפּראַך וואָס דאַרף זיין וואָכעדיג און דאַרף ניט האָבען צו טאָן מיט רעליגיאָן, איז אַ דורכפאַל. די וואָס שיקען זייערע קינדער צו לערנען העברעאיש האַלטען עס ניט פאַר וואָכעדיג, נאָר פיר הייליג און די וואָס האַלטען העברעאיש פאַר וואָכעדיג האָבען זיי אַנדערע וואָכעדיגע שפּראַכען צו לערנען זייערע קינדער, שפּראַכען וואָס קענען זיי מעהר נוצען בריינגען, פון זייער שטאַנדפּונקט, ווי העברעאיש. און טאָמער זיינען פאַראַן אין אייראָפּאַ און אין אַמעריקאַ קינדער וואָס לערנען העברעאיש, לערנען זיי עס נאָר אַלס שפּראַך פון רעליגיאָן, אפילו ניט איין טאַטע צווישען צעהן פון די טאַטעס וואָס שיקען די קינדער העברעאיש לערנען האָט אין זינען העברעאיש אַלס שפה לאומית. מען שיקט די קינדער אין תלמוד תורה, אין היברו סקול נ אָ ר מיט דעם צוועק

דאָס קינד זאָל קענען דאַוונען, חומש א. ז. וו. זאָל וויסען אידישקייט. און אַזוי איז עס ריכטיג. זיי, די עלטערן, דאָס פאָלק, האַנדעלט אין דעם גייסט פון דער אידישער געשיכטע.

אָט אַזוי איז די העברעאישע אָדער די נאַציאָנאַליסטי־שע בעוועגונג ניט בלויז ניט געגאַנגען מיט'ן פאָלק, נאָר זי איז געגאַנגען ג ע ג ע ן פאָלק. וואָס ביין פאָלק, ביים המון, איז געווען טאָג איז ביי דער בעוועגונג געווען נאַכט און פאַרקעהרט. וואָלט די בעוועגונג געווען א פאָלקס־בעווע־גונג, דאַן וואָלט עס געשטימט מיט די פונדאַמענטאַלע בעַ־גריפען פון פאָלק, עס וואָלט דאַן געווען אַן ארמיי אויף ווע־מען די בעוועגונג וואָלט געקענט שטעהן. די זאַך איז אָבער געווען פאַרקעהרט. די בעוועגונג איז געווען א פרעמדע, האָט זיך ניט געקענט צוזאַמענפלעכטען מיט'ן פאָלק, ריכטיגער: עס האָט ניט געשטימט מיט דעם נאַציאָנאַלען אידישען וועג, וואַרום דער אמת'ער נאַציאָנאַלער וועג איז דער פאָלקס־וועג.

צו דעם דאַרף מען צולייגען נאָך א פונקט: די פיה־רער פון דער בעוועגונג האָבען ניט ג ע ל ע ב ט מיט דעם אידישען פאָלקס־לעבען. דער אידישער המון נעהמט ניט אָן קיין פיהרערשאַפט נאָר פון די די וואָס טוען אַלעס גלייך מיט'ן כלל. אַלע אידישע פיהרער ביז דעם דור פון השכלה האָבען געלעבט גלייך מיט דעם המון, האָבען קיינמאָל ניט געזאָגט: דאָס איז גוט פאַר'ן המון און מיר קענען זיך בע־געהן אָהן דעם. אָבער די פיהרער פון די נאַציאָנאַליסטישער בעוועגונג האָבען קיינמאָל זיך ניט געפונען דאָרטען וואו דאָס פאָלק געפינט זיך. און דאַרום זיינען זיי געבליבען א בעזונ־דער מחנה, א הייפעל אינטעליגענטען, וואָס האָבען זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען די פאָלקס־פיהרער, ווערהענד דאָס פאָלק באלפיו וברבבותיו איז געווען ווייט פון זיי.

עס זיינען פאַראַן צוויי ריכטונגען ביי אידען וואָס האָ־בען א פאָלק הינטער זיך, וואָס האָבען אַן המון. די איינע איז די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע און די צווייטע איז די טראַ־דיציאָנאַל־אָרטאָדאָקסישע. די ראַדיקאַל סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט אַ מאַסע אויף וועלכע זי קען בויען. א מאַסע וואָס גלויבט אין געווויסע פרינציפען און לעבט מעהר אָדער ווענינער לויט דיעזע פרינציפען. זי האָט א פאָלקס־עלעמענט

אויף וועלכען זי שטעהט. די טראַדיציאָנאַל־אָרטאָדאָקסישע בעוועגונג שטעהט אויף דעם המון וואָס לעבט לויט דעם יודענטום, גלויבט און טוט לויט דעם טראַדיציאָנעלען אי־דען. דאָס איז דער המון וואָס געהט אין די שוהלען, אין די חסידים שטיבלאַך, וואָס לערענט אַליין וויפיעל ער קען, לויט זיינע אומשטענדען און שיקט די קינדער לערנען. אזא המון, פלייש און בלוט, געזונטער קערן פון פאָלק איז פאַראַן אין יעדער לאַנד, וואו אידען געפינען זיך אין א בעדייטענדען צאָהל.

אָבער די אַזויגערופענע נאַציאָנאַלע ריכטונג, די העב־רעאיסטיש־קולטורעלע ליטעראַרישע, האָט קיין פאָלק. עס זיינען ניטאָ קיינע מאַסען וואָס זאָלען פיהרען א נאַציאָנאַ־ליסטיש־העברעאיסטיש־קולטורעלען לעבען. דאָס איז א טע־אָרעטישער בעגריף וואָס איז געבליבען ביי יחידים, האָט ניט געפונען קיין פאָלקסמאַסען וואָס זאָלען עס אָננעהמען, און וועט ניט געפינען.

איך בין איבערצייגט, אז דיעזע ריכטונג, די דריטע, וועט ניט בלייבען אויף שטענדיג. זי איז אן איבערגאַנגס־עטאַפּ. די אַזויגערופענע נאַציאָנאַלע אידען וועלען מוזען קומען רעכטס אָדער אַוועקגעהן לינקס. אָדער זיי וועלען קומען צו־ריק צום פשוט׳ען יודענטום, געפינענדיג אין איהם די שוץ געגען די קרעפטען וואָס ווילען פאַרניכטען די אידישע נאַ־ציאָן, אָדער זיי וועלען אַוועקגעהן צו די וואָס אינטערעסירען זיך ניט מיט דער אידישער נאַציאָן.

די זיבען זיילען פון אנטיסעמיטיזמוס

ביז יעצט האָבען מיר ארומגערעדט וועגען די אינערליכע קרעפטען פון יודענטום אין קאמפף מיט די אסימילאציאָנס כוואַליעס וואָס רינגלען אונז ארום. מיר האָבען אָבער ביז יעצט ניט אָנגעריהרט אן אויסערליכע זאך וואָס האָט א גרויסען איינפלוס אויף אונזער אינערליכען אידישען לע־בען, א זאך מיט וועלכער מיר קומען אין בעריהרונג יעדען טאָג: מיר מיינען ד ע ם א נ ט י ס ע מ י ט י ז מ ו ס. ווען מען רעדט פון דעם קאמפף פון דער אידישער נאציאָן פיר זיין עקזיסטענץ, קען מען ניט אויסמיידען זיך אָב־צושטעלען אויף דער ווירקונג פון דער גוי'שער שנאה צו אונז אויף אונזערע געדאנקען און אונזערע געפיהלען.

בעפאָר אָבער מיר ווילען בעטראכטען די ווירקונג פון אנטיסעמיטיזמוס אויף דעם אידישען לעבען, אויף אונזער רעליגיעזען אָדער נאציאָנאלען בעוואוסטזיין, מוזען מיר ווארפען א בליק אויף דעם גרונד פון דער דאָזיגער ערשיי־נונג, אום צו קענען פעסטשטעלען צו איז דער אנטיסע־מיטיזמוס א פאָראיבערגעהענדע ערשיינונג, ווי אנדערע דיינקען, אָדער עס איז אן אייביגע זאך. ווען מיר ווילען וויסען דעם יסוד פון אנטיסעמיטיזמוס ווילען מיר קענען ענטפערן אויף דיעזער פראגע.

* * *

דער אנטיסעמיטיזמוס איז געבויט אויף זיעבען זיילען. פיער פון די זיבען זיינען אלגעמיינע פסיכאָלאָגישע אורזא־כען און דריי זיינען אורזאכען וואָס זיינען ספעציעל נוגע צו די אידען. מיר ווילען זיי אויסרעכענען אין פאָלגענדען סדר:

1. ג ר ו פ ע ן ־ ה א ס. עס ליעגט טיעף איינגעוואָר־צעלט אין דעם הארַאקטער פון מענשען דער געפיהל פון פריינדשאפט צו דער אייגענער גרופע צו וועלכער דער מענש בעלאנגט און אונפריינדשאפט אָדער געגנערשאפט צו דער

גרופּע צו וועלכע מען בעלאַנגט ניט. שטאַמען שטאַמט דיע־
זער געפיהל פון דעם אויסגעשפּרייטען און פאַרברייטערטען
עגאָיזם פון מענשען. די גרופּע צו וועלכער איהר בעלאַנגט
איז פאַרבונדען מיט אייך, עס איז אַלזאָ א טהייל פון אייער
"איך", פון אייער עגאָ, די גרופּע פון וועלכער איהר זייט
א מיטגליעד איז בעלויכטען מיט אייער ליכט, בעשיינט מיט
אייער גלאַנץ, און ליעב האָבענדיג אייער גרופּע האָט איהר
דורכדעם ליעב זיך אליין, גרויסענדיג זיך מיט אייער גרופּע
גרויסט איהר זיך אַליין, איהר זייט א שותף אין איהרע
שבחים, ו ו י י ל א י ה ר ז י י ט א י ן א י ה ר
פ אַ ר אַ ן. ממילא איז אייער גרופּע ביי אייך דער אויס־
דרוק פון פאָלקאָמענהייט. די אַנדערע גרופּע אין וועלכע
איהר זייט ניטאָ איז אייך פרעמד, קאַלט, האָט מיט אייער
עגאָ ניט צו טאָן, איהר זייט דארום צו איהר אונפריינדליך,
געגנעריש געשטימט, און איהר וואָלט שטענדיג געוואָלט,
אז אייער גרופּע זאָל שטענדיג איבערוועגען, איבערשטאַרקען
דער פרעמדער גרופּע, ווייל דאַדורך פיהלט איהר אַז א י ה ר
שטאַרקט־איבער, איהר פאַרשרייבט די זיעגע און אויסצייכ־
נונגען פון אייער גרופּע אויף אייגענעם חשבון. דער
יונגער מאַן וואס לערנט אין הארוואַרד, אפילו אויב ער איז
נעהמט קיין אַנטהייל אין די רייסעס צווישען די הארוואַרד־
יעיל אַטהלעטיקס, איז צופריעדען און שטאָלץ ווען "האר־
וואַרד" זיעגט, ער נעהמט דעם זיעג אויף זיין אייגענעם
פּערזענליכען חשבון, דורך זיין גרופּע איז ער חשוב'ער גע־
וואָרען. ער האָט ליעב הארוואַרד און ער האָט פיינט (אין א
געוויסע מאָס) יעיל. אַזוי איז מיט דעם יונגען מאַן פון יעיל
אין בעצוג צו זיין גרופּע.

לאָמיר נעהמען אַ נעהנטערן און א מעהר וועהטאָגדיגען
משל: צווישען ליטווישע און פּוילישע אידען איז פאַראַן אַ
געוויסער סאָרט אַנטאַגאָניזם. דער ליטווישער איד איז
שטאַרק בעוואוסטזיניג וועגען זיין גרופּע, די גרופּע פון ליט־
וואַקעס, און אַזוי איז דער פּוילישער וועגען זיין גרופּע. און
אָפּט וואַרפט מען זיך מיט בעליידיגענדע ווערטער פון איין
גרופּע צו דער צווייטער. ביי אונז אין אַמעריקא וועט זיין
אומזיסט, אַז מיר וועלען פאַרלייקענען, אַז עס איז פאַראַן

א געוויסע פרעמדקייט צווישען די אידען פון ליטא, פוילען און גאליציען, טראָץ דעם וואָס אלע לעבען צוזאַמען. דאָס איז די גרופען־נייגונג און די גרופען־אָבנייגונג וואָס איז פאַראַן אין מענשליכען חאראקטער. די אידען זיינען א גרופע אין אנדערע גרופען און ווערען אונפריינדליך בעטראכט פון יענע גרופען צווישען וועלכע זיי געפינען זיך.

2. אנדערש־זיין. דער מענשליכער עגאָאיזמוס טרייבט איהם ער זאָל פאָדערן, אז דער צווייטער זאָל האָבען דיזעלבע מיינונגען, דיזעלבע אידעען, דיזעלבע נייגונגען א. ז. וו. אזוי ווי ער. עס טוט א מענשען הנאה אפילו ווען ער טרעפט אימיצען וואָס איז פארליעבט אין דיעזעלבע מאכלים אין וועלכע ער איז פארליעבט. אויב יענער שטימט מיט איהם אין געשמאַק, האלט ער עס פיר א קאָמפלימענט פאר זיך, פיר אן אנערקענונג פון צווייטען, אז זיין געשמאַק איז א גוטער. פונקט אזוי ווי ער איז צופריעדען ווען ער זעהט, אז דער צווייטער האָט דיעזעלבע נייגונגען ווי ער, אזוי רופט זיך ביי איהם ארויס א ווידערווילען ווען ער זעהט, אז אימיצער איז אנדערש ווי ער. ער נעהמט עס אן אלס אן ארויסרוף פון צווייטען, אלס אן ערקלעהרונג, אז זיין געשמאַק איז ניט דער ריכטיגער, זיינע אידעען זיינען קרומע, זיינע מיינונגען ניט קיין ריכטיגע. ווען אימיצער זעהט מענשען וואָס האָבען אנדערע אידעען, אנדערע מיינונגען, אנדערע חאראקטער־שטריכען און אנדערע געזיכטסציגע, פיהרט עס צו אן אונפריינדליכע שטעלונג צו זיי. דאָס איז געוויס ניעדריג, ענגהערציג, אונמאָראליש, אָבער אזוי איז עס. אין דער מענשליכער זעעלע איז פאַראַן א סך ניעדריגעס, איבערהויפּט אין בעצוג צום מענשען׳ס עגאָאיזם; און די געגנערשאַפט צו דעם וואָס איז אנדערש, איז א טהייל פון מענשען׳ס עגאָאיזם.

די אידען זיינען געווען, און מוזען זיין אנדערש, דורך גלויבען, דורך זיטען, דורך כאראקטערשטריכע. נאָך המן האָט דאָס אנדערש זיין בעצייכענט אלס אן אורזאכע פאַרוואָס מען זאָל זיי פיינד האָבען: "ודתיהם שונות". און אין די שריפטען פון אפּיאָן, דער ביטערער גריכיש־עגיפּטישער אנטיסעמיט, זעהט מען שטארק ארויס דעם פארדרוס וואס די אידען האָ־

בען א בעזונדער תורה און נעהמען ניט קיין טהייל אין די רעליגיעזע דיענסט פון זייערע שכנים. און נאָך פאר'ן חורבן האָט עס די רוימער פארדראָסען, וואָס די אידען פון רוים האָבען א בעזונדער לעבען מיט בעזונדערע שוהלען און זיינען אנדערש ווי די רוימער. קיין רעליגיעזע שנאה אין דעם זינן ווי מיר פארשטעהען עס היינט, האָט נאָך דאַן אין רוים ניט געקענט זיין, ווייל אין רוים זיינען געוועזען פארטראָטען פיעלע רעליגיאָנען פון פיעלע לענדער, און מען האָט זיך וועגען דעם אין רוים ניט שטארק געקימערט. דער פארדרוס איז געוועזען דערפאר וואָס דער אידישער דת איז געוועזען גאַנץ אַנדערש ווי אַלע אַנדערע רעליגיאָנען (א גלויבען אָהן געצען) און די רוימער האָבען עס ניט געקענט אראָבשלינגען.

3. קאָנקורענץ. מענשען האָבען ניט ליעב זייערע קאָנקורענטען און מען דארף ניט ערקלעהרען די אורזאכע דערפון. קאָנקורענץ ערוועקט אונצופריעדענהייט סיי דער קאָנקורענט איז ערפאָלגרייך אָדער ניט. אויב אָבער ער איז ערפאָלגרייך, ווערט די אונצופריעדענהייט פערוואַנדעלט אין קנאה און האַס. און ווען מען האָט אימיצען פיינט צוליעב קאָנקורענץ, ווייל מען פארדעקען די קוועלע פון דער שנאה, מען וויל פארלייקענען, אַז עס שטאַמט פון אייגענ־נוץ, זוכט מען חסרונות און חטאים אויף דעם קאָנקורענט אַלס אַן אויסרייד פאר דער פיינדשאַפט. ווען יענער אבער בעלאַנגט צו א בעזונדער גרופע, טראָגט מען אריבער די שנאה אויף דער גאַנצער גרופע, מען זוכט חטאים און חסרונות אויף דער גאַנצער גרופע, און מען זוכט אויסצו־גיסען דעם כעס אויף דעם כלל צוליעב דעם פרט. אנשטאַט צו זאָגען: „איך האָב פיינט יענעם, ווייל יענער איז מיין קאָנקורענט", זאָגט מען: „מיר האָבען פיינט זיי, ווייל זיי זיינען געגען אונז, זיי פארכאַפּען אונזערע געשעפטען, און אגב זיינען זיי פארדאָרבען א. ז. וו. א. ז. וו.". און אין קאַמפף ווערט בענוצט יעדע מעגליכקייט צו ארויפפאַלען אויף אַלעם מיט וואָס דער קאָנקורענט האָט א שייכות, זיין גלויבען, זיין ראַסע א. ז. וו.

אונטער'ן וואָרט קאָנקורענט דארף פארשטאַנען ווערען

ניט בלויז קאָנקורענץ אין עקאָנאָמישען זינן, נאָר אויך אין גייסטיגען. אידישע שטרעבונגען אויף דעם גייסטיגען פעלד רופען ארויס די קנאה און דעם האס וואס עס רופט ארויס א אידישע אונטערנעהמונג אין געשעפט, שאַרפקייט און פייהיגקייט, טאַלאַנט און געניאַליטעט זיינען פונקט אזעלכע אורזאַכען צו רייצען דעם פערדרוס ווי הצלחה אין האַנדעל. און אזוי ווי אידען אלס שטאָדטישע איינוואָהנער און אלס מענשען מיט א נייגונג צו גייסטיגע ארבייט קומען אין קאָנ־קורענץ־בעריהרונג מיט אַנדערע אויף אַלע פעלדער פון טהעטיגקייט איז שטענדיג פאַראַן אורזאַכען פיר א נייע אויפ־פלאַקערונג פון שנאה צו אידען. אויב מרדכי איז געוועזען א סאָרט קאָנקורענט צו המן'ען ווייל ער האָט זיך פאר איהם ניט געוואָלט בוקען, האָט ער געבראַכט המן'ען צו בעהויפ־טען אַ ליגען אַז די אידען זיינען ניט טריי צו די געזעצע פון לאַנד, און דער קאַמפף איז איבערגעטראָגען געוואָרען פון א קאַמפף געגען מרדכי צו אַ קאַמפף געגען עם מרדכי. דער גרונד איז אבער געווען קאָנקורענץ. די גרעסטע שונאים פון אַלטערטום געגען אידען זיינען געווען די גריכען. דאס איז דערפאַר וואס די אידען און גריכען זיינען געווען אין דער צייט פון פאר'ן חורבן בית המקדש, קאָנקורענטען סיי אין האַנדעל און סיי אין קולטור אין אַלעקסאַנדריען (מצרים) איז דאַן געווען אַ גרויסע אידישע געמיינדע וואס האָט גע־פיהרט א גרויסען האַנדעל און דאָרטען איז געווען אַ צענטער פיר אידישע געלעהרזאַמקייט. די גריכישע סוחרים האָבען געהאַלטען די אידען אלס געשעפטס־קאָנקורענטען, און די גריכישע שריפטשטעלער האָבען געהאַלטען די אידען אַלס זייערע קאָנקורענטען אויף אַן אַנדער פעלד. עס האָט דאַן אויסגעבראָכען אַ פּאָגראָם וועלכען דער רוימישער גאָווער־נאָר האָט געהאָלפען. און עס איז ניט געווען קיין צופאַל אַז ווען אַן דער שפּיצע פון דער אידישער דעלעגאַציאָן וואס איז געפאָהרען קיין רוים צו מאָהנען גערעכטיגקייט איז געשטאַ־נען דער אידישער פילאָזאָף פילאָ, איז אַן דער שפּיצע פון דער גריכישער דעלעגאַציאָן וואס איז געפאָהרען קיין רוים מסר'ן אויף אידען געשטאַנען דער גריכישער שריפטשטעלער אַפּיאָן. אַפּיאָן און פילאָ זיינען געווען צוויי קאָנקורענטען

אויף דעם פעלד פון גריכישע שריפטשטעלעריי אין אלעק־סאנדריען אזוי ווי אנדערע גריכען און אידען זיינען געווען קאנקורענטען ביים האפען־האנדעל אין אלעקסאנדריען.

4. כעס־אָבפיהרער. עס איז פאראן א ניעדריגע תאוה אין מענשען צו זוכען א קרבן אויף וועמען אָבצופיהרען דעם צאָרן ווען עס איז ניטאָ דירעקט אויף וועמען עס אויס־צולאָזען. געוועהנליך זוכט מען אין אזא געלעגענהייט א שוואכען אויף וועמען דעם כעס ארויפצוואַרפען. אָפט זוכט א שלעכטער מענש צו אויסגיסען זיין שלעכטע שטימונג אויף זיין ווייב ריכטיג ווי זי וואָלט אין עפּעס שולדיג געווען. ווען מען וויל אויף אימיצען אויסלאָזען דעם כעס זידעלט מען, גרייפט מען אָן, מען טראַכט אויס בלבולים, פאלשע בעשולדיגונגען אין וועלכע די בעשולדיגער גלויבען אליין ניט, עס דיענט נאר אלס א תירוץ צו אויסלאָזען די רציחה אויף אן אונשולדיגען, ווי איינער זאָגט: סטייטש: דו אזעלכער און אזעלכער!... פארוואָס האָסטו אזוי און אזוי!... דאס איז נאָר ווי א מאַסקע צו קענען אָנפאלען ווען מען פיהלט צוליעב אירגענד וועלכע אורזאכע שלעכט צום מוטה. די אידען אלס די שוואכערע גרופּע אין דער געזעלשאפט ווערען אָפט אויסגעקליבען אלס כעס־אָבפיהרער. אלעס איז גוט פיר אזא אויסרייד: עלילת דם, עלדערס אָוו זייאָן, באָל־שעוויזם, אום צו האָבען אויף וועמען אויסצוגיסען די גאַל. איז א וואַליוטא געפאלען, דארף מען אויסלאָזען דעם כעס צו אידען; פערלירט מען א מלחמה דארף מען אויסלאָזען צו אידען. געוויס גלויבט קיינער אין דעם, אבער מען דארף אויף אימיצען זיך ארויפוואַרפען אום זיך צו גרינגער מאכען אויפ'ן הארצען.

מיר האָבען בעצייכענט די פיער אורזאכען פון אנטיסע־מיטיזם וואס האָבען צו טהאָן מיט דער שנאה צו אידען אלס א מינאָריטעטס גרופּע צווישען מאיאָר־טעטס גרופּען. מיר וועלען יעצט בעטראַכטען די אנדערע אורזאכען וואס האָבען צו טהאָן דירעקט מיט דער שנאה צו אידען אלס אידען.

זיי האסען אונז ווייל — זיי דארפען אונז דאנקבאר זיין

מיר האָבען אויסגערעכענט פיער פונקטען אויף וועלכע דער אַנטיסעמיטיזמוס שטעהט. יענע פיער פונקטען האָבען עקזיסטירט אין בעצוג צו די אידען וואָס האָבען געוואָהנט אין אַנדערע לענדער אפילו איידער די אידישע מדינה איז אונטערגעגאַנגען און איידער דאָס קריסטענטום איז געבאָרען געוואָרען. אָבער צוזאַמען מיט דיעזע צוויי ערשיינונגען, וועלכע זיינען געקומען אין איין צייט, זיינען צוגעקומען נאָך דריי אורזאַכען פיר אַנטיסעמיטיזמוס אויסמאַכענדיג צוזאַמען זיבען יסודות פיר דער פיינדשאַפט צו אידען. מיר וועלען אויסרעכענען דיעזע דריי אין פאָלגענדען סדר :

1. **אַן ערשיינונג אָהן אַ גלייכען.** עס ליעגט אין דער נאַטור פון מענשען צו קוקען מיט פאַרוואונדערונג און מיט אונפריינדליכקייט אויף אַן ערשיינונג וואָס איז איינציגע אין איהר מין און האָט ניט צו זיך קיין ביישפיעל. מיר זיינען געוואָהנט ווען מיר זעהען עפעס אַ זאַך, אַ לעבעדיגע אָדער אפילו אַ ניט־לעבעדיגע, צו ציהען אַ פאַרגלייך צווישען דאָס וואָס מיר זעהען פאר אונזערע אויגען און צווישען אַנדערע עקזעמפּליאַרען פון דעמזעלבען סאָרט. דאָס קומט דערפון וואָס אַן ערשיינונג וואָס איז איינע אין דער וועלט צושטערט דעם גאַנצען בעגריף וואָס מיר האָבען וועגען דער וועלט. אין דעם מאָמענט ווען מיר זעהען עס, דאַכט זיך אונז : ווען ניט דיעזע אויסנאַהמע וואָלטען מיר פאַרשטאַנען גוט און קלאָר דעם סדר־העולם, אָבער דיעזער יוצא מן הכלל מאַכט חרוב אונזער כלל און פאַרניכטעט דאָס גאַנצע בילד וואָס מיר

האָבען פון דער וועלט. וואָס טוט מען מיט דער דאָזיגער אויסנאהמע, וועלכע מען קען ניט קלאַסיפיצירען, ווייל דאָס איז א קלאס פיר זיך? אזא זאך זעהט אויס ביי אונז נ י ט נ א ט י ר ל י ך, און פאר אלעם וואָס איז ניט נאטירליך שרעקט מען זיך. עס מאכט ניט קיין אונטערשיעד צו עס איז שעהנער ווי אנדערע זאכען אָדער מיאוס׳ער, דער פאקט, אז עס איז צו קיין זאך ניט גלייך מאכט אז מען זאָל זיך האלטען דערצו פון דער וועיטען, ווי צו א רעטעניש, וועלכען מען קען ניט דורכנעהמען.

די אידישע נאציאָן איז זייט דעם אונטערגאנג פון דעם אידישען שטאאט אן ערשיינונג וואָס איז איין איינציגע אויף דער וועלט. עס זיינען פאראן אזוי פיעל נאציאָנען, גרויסע און קליינע, אָבער יעדע זיצט אויף איהר ערד. און ווען אימי־צער דערמאָהנט זיך וועגען א געוויסע אומה, וואקסט גלייך אויס פאר זיינע אויגען קודם־כל דער געאָגראפישער בעגריף וואָס איז מיט דיעזען וואָרט פארבונדען, אויך דער פּאָלי־טישער בעגריף. א נאציאָן הייסט א געוויסע פאָלק וואָס זיצט אויף א בעשטימטען שטח ערד און ווערט רעגיערט פון א געוויסע מלוכה. א נאציאָן וואָס האָט ניט דיעזע צוויי זאכען, איז ניטאָ אונטער דער זונן אויסער דער אידישער. ווען אי־מיצער דערמאָהנט זיך וועגען דער אידישער נאציאָן, וואקסט ניט ארויס פאר זיינע אויגען, ערד, לאנד, גרעניצען, הויפּט־שטאָדט, מלוכה, נאָר עס וואקסט אויס פאר די אויגען גאָר אן אנדער סאָרט בעגריף: א גרופּע מענשען, וואָס וואָהנען אין אלע לענדער, אונטער אלע קלימאטען, אונטער אלע רע־גיערונגען אין אלע הויפּט־שטעדט, ריידענדיג אלע שפּראַ־כען, און דאָך זייענדיג איין נאציאָן, וואָס איז פארבונדען פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער מיט איין באנד. עס איז אמת, אז מענשען פון אנדערע נאציאָנען וואָהנען אויך אין פארשיעדענע לענדער, אָבער דאָס זיינען נאָר יחידים, דאָס פאָלק אלס א גאנצע האָט איהר בעשטימטען געאָגראפישען זיץ, און די יענע וואָס געהען אוועק אין אנדערע מקומות געהען טאקע אונטער און פארמישען זיך אין די פרעמדע סביבות וואו זיי ווערע מגולגל. די אידען אליין זיינען אן אויסנאהמע: אָט איז א פאָלק, וואָס האָט בטל געמאכט דעם

כלל, אז א נאציאָן דארף האָבען א געאָגראפישען זיץ און א מלוכה!

אָט איז א זאך וואָס האָט ניט קיין גלייכען, האָט ניט קיין חברים, קען ניט אריינגעשטעלט ווערען אין דער קאַטעגאָריע פון אומות און איז דאָך אַן אומה מיט לייב און לעבען. א יוצא־מן הכלל! אַן אוננאַטירליכער זאָנדערלינג, א פּלא! און דערפון קומען עס ארויס אַזעלכע פאָרשטעלונגען ווי די פון "וואנדערענדען אידען", און עהנליכע זאכען וואָס די גוי'שע פאַנטאַזי האָט געשאַפען אַלץ אויף דעם גרונד וואָס די עקזיסטענץ פון דער אידישער נאַציאָן איז אַזוי אונגלייך צו אנדערע נאַציאָנען און איז דעריבער אונפארשטענדליך.

2. די רעליגיעזע תביעות. די צוויי רעליגיאָנען וואס זיינען ארויסגעקומען פון יודענטום איז אויסער וואָס ביידע זיינען געבויט אויף דעם ברענענדען חשק צו בעקעהרען אַלעמען צו זייערע גלויבונגען, האָבען זיי נאָך ספּעציעלע טענות צו אידען. זיי האַלטען זיך, אז זיי זיינען די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון יודענטום, דאָס הייסט אַלזאָ, אז זיי זיינען דאָס יודענטום, און דאָס וואָס אידען האָבען דיעזע אמונות פארוואָרפען, ווערט ביי קריסטען און מחמדנער אָנגענומען אלס אַן אָפענע ערקלעהרונג פון אידישען פאָלק, אז דער יסוד אויף וועלכע ביידע גלויבענס בערופען זיך איז א פאַלשער, אז זיי זיינען א פאַלשע אויסטייטשונג פון יודענטום און אז זייער טענה האָט ניט קיין גרונד. אין דער האַלטונג פון מחמד'ן צו אידען זעהט מען קלאָר דיעזען פונקט. ער האָט ערווארטעט ווען ער האָט גענומען פון יודענטום דעם פּרינציפּ פון אחדות און האָט געהייסען זיינע נאָכפאָלגער צו תפלה טאָן מיט'ן פנים צו ירושלים, אז די אידען וועלען אקצעפּטירען זיין אמונה אַלס א פאָרטזעצונג און אויסטייטשונג פון יודענטום. ווען ער האָט געזעהן, אז די אידען זיינען איהם און זיין לעהרע מבטל, איז ער געוואָרען א שונא־ישראל.

דער צוזאמענשטויס מיט'ן קריסטענטום איז געוועזן נאָך א פיעל שארפערער. דער גרינדער פון קריסטענטום האָט אַליין געשטאַמט פון אידען. ער און זיינע תלמידים האָבען געזאָגט, אז זיי זיינען נאָכפאָלגער פון יודענטום. די אידען האָבען זיי

ביין ערשטען שריט ארויסגעשטויסען, זיי און זייער לעהרע, פון אלע גרעניצען פון יודענטום און פון אידישען לאגער, אָבשניידענדיג אירגענד וועלכע שייכות, פארבינדונג, בע־ציהונג צווישע יודענטום און די נייע סעקטע. דער טויט פון גרינדער פון קריסטענטום, וועלכער איז פארוויקעלט גע־וואָרען אין א וואָלקען פון לעגענדען האָט פארשארפט די שנאה פון די, וואס האָבען געגלויבט אין דער נייער אמונה צו דער געגנערישער שטעלונג וואָס אידען האָבען גע־נומען צום קריסטליכען גלויבען. ווען די קריסטליכע אמונה איז געוואָרען די הערשערין אין רוים האָט זי זיך מיט רציחה געוואָרפען אויף די אידען, וועלכע האָבען אזוי ווי זייערע אור־עלטערן ניט געוואָלט געבען קיין אנערקענונג דעם קריסטענ־טום. אזוי ווי די קרייציגונג איז געוואָרען דער עיקר פון דער קריסטליכער אמונה און די אידען זיינען געווען פארמישט אין דעם, איז געווען א ברייטע פעלד פיר די פארשפרייטונג פון האס צווישען די בארבארען פון אייראָפּא, וואָס האָבען אקצעפּטירט דעם נייעם גלויבען.

די דאָזיגע שנאה האָט נאָך היינט אויך איהר קראַפט. ערשטענס, איז נאָך היינט אויך פאראַן רעליגיעזער האָס, עס איז נאָך ניט אזוי לאנג די צייט ווען קריסטליכע סעקטען גופא האָבען בלוטיגע מלחמות צווישען זיך געפיהרט. און צווייטענס, איז שנאה א זאך וואָס ווערט א געוואָהנהייט, זינקט אריין אין די בלוט און אין די מארך פון די ביינער און געהט־איבער בירושה פון דור צו דור. די דורות ווערען געבאָרען מיט דער שנאה און אויב דער רעליגיעזער האס איז ביי זיי שוין ניט שטארק, ווייל די אמונה איז ביי זיי שוואך, וועלען זיי אויסזוכען אן אנדער תירוץ פאר דער שנאה, זיי וועלען דעם אלטען געפיהל געבען א נייע פאָרם, אזוי ווי עס זיינען פאראַן מנהגים וועלכע בלייבען ביי פעלקער פארהיי־ליגט טראָץ דעם וואָס די אורזאכען וואָס האָבען דיעזע מנהגים ארויסגערופען זיינען שוין לאנג פארשוואונדען, מען האָט פיר די אלטע מנהגים נייע טעמים געפונען און אלעס איז אזוי ווי פריהער.

3. דער חוב וואָס די וועלט איז אונז שולדיג. איינע פון די הויפט־אורזאכען און

אפשר די גרעסטע פון אלע איז דאָס וואָס די וועלט האָט ביי אונז אַזוי פיעל גענומען. מיר זיינען די קרעדיטאָרס פון דער ציוויליזירטער וועלט. וואו מען גיט זיך א קעהר זעהט מען אונזער פאַרמעגען, אונזערע אוצרות, וועלכע זיי האָבען גענומען ביי אונז. מעטיו ארנאלד זאָגט, אז יעדער ציוויליזירטער מענש האָט אין זיין גייסטיגען פארמעגען דריי־פיערטעל פון דאָס אידישע פאָלק און איין פיערטעל פון דער גריכישער. ווייל, זאָגט ער, פון אידען האָט די וועלט גענומען די כללים, ווי אַזוי צו פיהרען זיך אין לעבען, און דאָס בעדייטעט ניט ווענינער ווי דריי פיערטעל פון לעבען. ארנאָלד רעדט פון דעם וואָס פון אידען האָבען די קריסטען זייער גלויבען גענומען. אָבער אין אמת'ן האָבען די אידען בעאיינפלוסט די היינטיגע ציוויליזירטע וועלט אויך דורך אַנדערע וועגען אויסער רעליגיאָן.

אזוי איז עס צום ביישפּיעל אָנגענומען, אז וועהרענד די אידען האָבען געגעבען צו אייראָפּא א רעליגיאָן, האָבען די רוימער געגעבען צו אייראָפּא אלעס וואָס האָט צו טאָן מיט געזעצגעבונג. אייראָפּא איז געבויט אויף דעם לעקס ראָמאַנאַ, דעם רוימישען געזעץ. דאָס וואָלט געהייסען, אַז אידען האָבען מיט דיעזען צווייג פון דער ציוויליזאציאָן גאָר ניט צו טאָן, קומט אָבער אונזער געוועזענער פּרעזידענט וואודראו ווילסאָן, וועלכער איז א היסטאָריקער און אַ יוריסט און ער בעהויפּטעט, אַז דער אידישער איינפלוס האָט זיך פארצווייגען אויך אויף דעם געזעץ פון אייראָפּא. ער שרייבט:

„די געזעצע פון משה אַזוי גוט ווי די געזעצע פון רוים „האָבען געגעבען אידעען און בעגייסטערונג צו די מענשען און „אינסטיטוציאָנען וואָס האָבען איינגעאָרדענט די מאָדערנע „וועלט. און ווען מיר וואָלטען געהאַט אָפען די אויגען צו „זעהן די איידעלע עלעמענטען, וועלכע שטעלען צוזאַמען „דעם עיקר פון אונזערע היינטיגע מנהגים, סיי אין פּריוואַט־„לעבען און סיי אין די עובדות פון שטאַאט, וואָלטען מיר „לייכט געעקענט בערעכענען ווי גרויס עס איז אונזער חוב „צום אידען פאר אנדערע זאַכען אויסער רעליגיאָן!"

מען איז אונז שולדיג א גרויסען חוב. מיר האָבען דער וועלט פיעל טובות געטאָן. אָבער צו דעם פון וועמען מען

קריעגט גרויסע טובות קען מען זיך האלטען אויף צוויי אופנים: אָדער מען צאָהלט איהם מיט פיעל פריינדשאפט אויס דאנבארקייט, אָדער מען האסט איהם טאקע דערפאר וואָס מען איז איהם א דאנק שולדיג. די מענשען זיינען מעהר געניינט צו דעם צווייטען וועג ווי צו דעם ערשטען.

צו פיינט האָבען פאר א טובה, דארף מען ניט זיין דוקא קיין שלעכטער מענש. דאָס איז א נאטירליכע ערשיינונג ביי געוועהנליכע מענשען אויך. עס איז ניט אנגענעהם צו דאר־פען אימיצען דאנקבאר זיין, עס איז ניט אנגענעהם צו זיין צו אימיצען פארפפליכטעט, אז יענער זאָל האָבען א מאָרט־גיידזש אויף אייער נשמה. ווען איהר דארפט אימיצען דאנק־באר זיין, שטעלט עס יענעם איבער אייך, עס מאכט אייך קלענער פון איהם, ווייל איהר זייט דער מקבל טובה. די מעהרסטע מענשען האָבען ניט אזא מאָראלישען כח. און ווען זיי זיינען אימיצען פיעל שולדיג, ווען זיי האָ־בען איהם א סך צו פערדאנקען, קריגען זיי איהם פיינט.

גוים קענען צו אידען גלייכגילטיג ניט זיין. זיי זיינען צופיעל מיט'ן אידען פארבונדען. די ביבעל איז א אידישע. די הייליגע פלעצער ביין קריסט זיינען אין ארץ־ישראל. ווען ער קומט אין קירכע הערט ער דעם געזאנג פון אידישען תהלים. פיער הונדערט מיליאָנען קריסטען זיינען פאראן און זיי קענען קיין נייעם תהלים ניט מאכען און מוזען נוצען דוד בן־ישי'ס. און אפילו ווען ער איז ניט פרום, קען ער משה, ישעיה און עמוס ניט מבטל זיין. ער מוז דארום, אָדער ליע־בען אידען פיר די גרויסעס וואָס זיי האָבען געטאָן, אָדער ניט פארגינען זיי דעם כבוד און זיי פיינט האָבען. צו געבען פולע אנערקענונג און דאנקבאר זיין צו א שוואכע פאָלק וואָס איז אומעדום א מינאָריטעט, ווילט זיך ניט, קלייבט מען אויס די אנדערע וועג. לאָיד־דזשאָרדזש האָט געזאָגט: ס'זעהט אויס זעהר ניט־לאָגיש צו זינגען זונטאג אין קלויס־טער אידישע געזאנגען און געהן מאָנטאג מאכען אן אָנפאל אויף אידען. עס איז א סברה, אז דער אָנפאל פון מאָנטאג קומט דוקא צוליעב די אידישע געזאנגען אום זונטאג. וואָס גרעסער דער חוב, אלץ גרעסער די שנאה.

אנטיסעמיטיזמוס — אן אייביגע זאך

נאכדעם ווי מיר האבען בעטראכט דעם יסוד פון אנטיסעמיטיזמוס, איז איבריג צו שיינקען אויפמערקזאמקייט צו די טענות, וועלכע די אנטיסעמיטען פון אלע דורות האבען ארויסגעזאגט געגען אידען. עס איז דאך קלאר, אז דאס וואס זיי זאגען איז נאר א תירוץ צו פארדעקען די אמת'ע אורזאכען פון דער שנאה צו אידען. ווארום אויב זיי זאלען זאגען דעם אמת וועט זיך דאן ארויסציינען, אז די שולד ליעגט אין די גוים, אין זייער אונטאלעראנץ, אין זייער אונדאנקבארקייט א. ז. וו. די אנטיסעמיטען אבער ווילען דאך ארויפווארפען די שולד פון זייער האס צום אידען אויף די אידען און זיי זיינען געצוואונגען צו געהן פון איין שקר צום צווייטען, אום צו צייגען, אז מיר פארדיענען מען זאל אונז פיינט האבען.

זאמבארט זאגט : אידען האבען געשאפען דעם קאפיטאליזם, בעללאק זאגט: אידען האבען געשאפען דעם באלשעוויזם, איינער שרייט : אידען זיינען רעליגיעזע פאנאטיקער, א צווייטער זאגט : אידען זיינען געפעהרליכע אטהעאיסטען, איינער זאגט : אידען זיינען בעלי־גאוה וואס פעראכטען זייערע שכנים, אן אנדערער זאגט : מיר זיינען שקלאפען פון־דער־נאטור־ארויס און מיר זיינען צופרידען מיט אלע בושות און חרפות אבי מען לאזט אונז מאכען א דאלאר. איינער זאגט מיר זיינען פייגלינגע און וועלען אנטלויפען וואו די אויגען טראגען פון א הונד'ס בילל און א צווייטער זאגט : מיר קוילענען קינדער און עסען זייער בלוט. איינער האט פיינט די אידישע געטאס צוליב זייער דלות, א צווייטער האט פיינט די אידען צוליב זייערע גבירים. איינער האט פיינט די אידען, וואס זיי ריידען ניט גוט די לאנדסשפראך, א צווייטער, דערפאר, ווייל זיי קענען צופיעל, לערנען צופיעל און נעהמען אוועק די פרייזען אין די סקולס.

איינער זאָגט: אידען זזיינען חנפים און קריכער, א צווייטער זאָגט: אידען זיינען חצופים און עסען אַלעמען אויף מיט די אויגען. איינער זאָגט, אז אידען האָבען קיינמאָל קיין זאך ניט אויסגעקלעהרט, זיי זיינען בלויז נאָכאהמער, א צוויי־טער זאָגט: אידען האָבען אויסגעקלעהרט אַלע שיטות פון איבערקעהרעניש און פארניכטונג. איינער זאָגט: אידען בעריהמען זיך מיט א שקר, אז זיי זיינען א ראסע, וועה־רענד זיי זיינען עס ניט, זיי זיינען אויסגעמישט פון אַלע פעלקער, אַן אינטערנאציאָנאַלער ליים געקנאָטען פון די פסולת פון אַלע נאציאָנען, א צווייטער זאָגט: די אידען זיינען אַן אָבגעזונדערטע ראסע פון אור־אַלטע צייטען און האָבען בלויז איין צוועק, צו פארדארבען אַלעס וואָס אנדערע ראסען טוען. איינער שרייט: די אידען לעבען צוזאמען ווי א סטאדע, דער אַנדערער זאָגט: אידען קריכען אריין אור־מעדום אין פרעמדע פעלדער.

אָבער דאָס אַלעס האָט אין אמת'ן גאָר קיין שייכות צום אנטיסעמיטיזם. די שנאה צו אידען איז ניט אָבהייננגיג אין דעם ווי אזוי אידען זיינען, ווי אזוי אידען פיהרען זיך, עס איז ניט אבהייננגיג ניט אין אונזערע מעשים, ניט אין אונזער כאראקטער און ניט אין קיין זאך, וואָס האָט מיט אידען אַלס אזעלכע צו טאָן. דער אנטיסעמיטיזם האָט צו טאָן מיט דער גוי'שער נאטור, מיט דער גוי'שער כאראקטעריסטיק און אַלע אורזאכען פון דער שנאה קומט פון זיי און ניט פון אונז. מיר האָבען אין דער העסליכער זאך קיין חלק ניט. און עס איז ניטאָ קיין מעהר לעבערליכע זאך ווי די אומזיסטע אַר־בייט וואָס די אסימילירטע אידען לייגען אוועק, אום צו גע־פעלען ווערען די גוים כדי צו קלענער מאכען, ווי זיי מיינען, די אורזאכען פארוואס די גוים האבען אונז פיינט.

מאנכע האָבען געפונען די ישועה געגען אנטיסעמיטיז־מוס אין דעם וואָס אידען זאָלען אָנפאנגען צו ריידען דייטש על־פי־דקדוק אנשטאט אידיש. מאנכע אין דעם, וואָס מען זאָל מאכען די שוהלען עהנליך צו די קירכען, מען זאָל דאווענען אין דער לאַנדעס־שפּראַך. מאנכע האָבען געגלויבט, אז די אידען דארפען אויפהערען צו מאכען מיט די הענד, ווי זיי זיינען געוואָהנט צו טאָן. אין אמעריקא האָט מען גע־

גלויבט אין געוויסע קרייזען, אז אידען דארפען זיך שפריי־טען איבער'ן לאנד ניט לויט דעם נאטירליכען גאנג פון די אומשטענדען, נאר מיט דער כונה, אז זיי זאלען חלילה ניט זיצען אין א בעדייטענדע צאהל איינע נעבען די אנדערע, עס זאלען חלילה קיין אידישע קווארטאלען ניט אויסוואקסען. דער גאנצער געיעג פון די האלב־אסימילירטע אידען איז געווען צו איבערמאכען דעם אידען אזוי אז מען זאל איהם אויפהערען צו פיינט האבען. אין זייער קורצזיכטיגקייט האבען זיי ניט פארשטאנען, אז אום צו באקעמפפען דעם אנטיסעמיטיזמוס דארף מען גאר דעם גוי איבערמאכען, און דאס איז געווים ניט אין אונזערע קרעפטען.

ערשט נאכדעם ווי מען האט ארויסגעוויזען דיזעלבע שנאה צו די אידען וואס האבען גערעדט גוט דייטש, און גע־רעדט די לאנדעס שפראך, און געדאווענט אויף גוי'ש, אדער גאר ניט געדאווענט, האט אנגעפאנגען צו טאגען אין די מוחות, אז די אידען קענען גאר ניט העלפען אין דעם ענין פון אנטיסעמיטיזמוס. דיעזער רעיון איז נאך יעצט אויך ניט קלאר ביי אלע אידען. די זאך איז אבער קלאר, אז די גוים זיינען אין כעס ניט ווייל דער איד איז אזוי אדער אזוי, נאר ווייל ער איז, און אזוי לאנג ווי אידען האלטען־אן זייער עקזיסטענץ, וועלען די גוים ניט צופרידען זיין און דער אנטיסעמיטיזם וועט ניט אויפהערען.

מיר זיינען אלזא געקומען צו דעם פונקט וועלכער איז פאר אונז אזוי וויכטיג: צו דער פראגע, אויב דער אנטי־סעמיטיזמוס איז א פאראיבערגעהענדע ערשיינונג, ווי אנ־דערע דיינקען, אדער עס איז אן אייביגע אונהיילבארע קראנקהייט? אויף דעם גרונד פון דאס וואס עס איז פריי־הער געשריבען געווארען איז ניט שווער צו קומען צו א בעשלוס. אזוי ווי דער אנטיסעמיטיזמוס איז ניט קיין רע־זולטאט פון קיינע אויסערליכע זאכען, נאר ער שטאמט פון דער נאטור פון מענשען קען ער פערשווינדען נאר דאן ווען די מענשליכע נאטור וועט געביטען ווערען פון וואָרצעל ארויס, און אזוי ווי קיינער קען ניט ערווארטען, אז אזא זאך זאל פאסירען, קען מען ניט ערווארטען, אז דער אנטעסי־

טיזמוס זאָל זיך ווען עס איז ענדיגען אזוי לאַנג ווי אידען וועלען לעבען אַלס מינאָריטעט צווישען די נאַציאָנען. נעה־מענדיג אין אנבעטראַכט, אַז אידען וועלען שטענדיג לעבען צווישען די אומות אפילו אויב די אידישע נאַציאָנאַלע היים זאָל געבויט ווערען און זאָל קענען ארייננעהמען מיליאָנען אידען (אין קיין פאַל וועט דאָס אידישע לאַנד ניט קענען ארייננעהמען מעהר ווי א פינפטעל פון דעם צאָהל פון אונ־זער פאָלק) מוז מען קומען צום בעשלוס, אַז פון דעם אַנטי־סעמיטיזמוס וועט מען קיינמאָל ניט פטור ווערען.

דער אַנטיסעמיטיזמוס האָט זיינע פארשיעדענע צייטען: א צייט ווען זיינע כוואַליעס שלאָגען הויך און א צייט ווען זיי זיינען עטוואָס רוהיגער. ווען עס שטאַרקט זיך דער נאַ־ציאָנאַליזם ביי די נאַציאָנען, ווי עס איז געווען דער פאַל אין דער אַנדער העלפט פון נייינצעהנטען יאָהרהונדערט. און יעצט נאָך דער קריעג, שטייגט ער ארויף צו א הויכע מדרגה. ווען עס קומט א צייט וואָס דער קאָסמאָפּאָליטיזם שטאַרקט זיך און דער נאַציאָנאַליזם ווערט שוואַכער, דאַן איז דער אַנטיסעמיטיזמוס אויך שוואַכער. אַזוי איז געווען אין אַנפאַנג פון נייינצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען די קאָסמאָפּאָלי־טישע געדאַנקען און געפיהלען האָבען זיך געטראָגען איבער אייראָפּאַ. דער וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקאַ האָט צו טאָן מיט דער דאָזיגער ערשיינונג. אַמעריקאַ איז ביז ניט לאַנג ניט געווען נאַציאָנאַל אין דעם זינן פון ראַסע. דאָ האָט געהערשט די איבערצייגונג, אַז אַלע ראַסען וואָס קומען אהער זיינען גלייכע שותפים אין דער שאַפונג פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָן, דאָס איז אַלזאָ געווען א נאַציאָן אין ווערען, קיין נאַציאָנאַליזמוס אין דעם ראַסען־בעגריף איז נאָך דאָ ניט געווען. יעצט ווערט עס אַנדערש, די אַמע־ריקאַנער האָבען אָנגעפאַנגען צו פיהלען, אַז זיי זיינען שוין אַן אויסגעגאָסענע ראַסע, א ראַסע אין וועלכע די אַנגלאָ־סאַקסישע בלוט איז שטאַרקער ווי אַנדערע און עס האָט זיך אַנגעהויבען א שנאה צו די אַנדערע ניט אַנגלאָ־סאַקסישע ראַסען און ממילא איז די שנאה גרעסער צו די אידען ווי צו אַלע אַנדערע צוליעב די פריהער אויסגערעכענטע אורזאַכען און אין א געוויסען טהייל צוליעב דעם וואָס די אידען ווילען

ניט ווערן אויפגעגעסען אָדער אסימילירט פון די אמע־ריקאנער. דער קאָסמאָפּאָליטישער בליק, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, פון דעם אמעריקאנער אויף די פארשיע־דענע נאַציאָנאַליטעטען, וואָס קומען דאָ אריין, איז אזוי גוט ווי געענדיגט. דער נאַציאָנאַליסטישער, אין ענגען זינן, האָט זיך אָנגעפאנגען. אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע איז אריין אן עפּאָכע, וועלכע איז ניט אזוי גינסטיג פאר׳ן אידען ווי די עפּאָכע וועלכע איז אוועקגעגאנגען.

דער אנטיסעמיטיזמוס איז אַלזאָ א שטענדיגער תושב. אָבער די פאָרמען אונטער וועלכע ער ציינט זיך ארויס זיינען ניט שטענדיג די זעלביגע. דאס ווענדעט זיך אָן דער מאָס בילדונג און קולטור פון א לאנד. וואָס ניעדריגער א פאָלק שטעהט אויף דעם שטאפעל פון ציוויליזאציאָן אַלץ גרעבער זיינען די פאָרמען אונטער וועלכע זיין אנטיסעמיטיזמוס צייגט זיך ארויס. אין מזרח־איירָאפּא צייגט זיך דער אנטי־סעמיטיזמוס ארויס אין דער פאָרם פון אָנפאַלען אויף אידען, אין וועסט־איירָאפּא איז מען בעסער ערצויגען, אז מען זאָל זיך קענען בעשעפטיגען מיט פּאָגראָמען, דער אנטיסעמי־טיזמוס נעהמט דארום דאָרטען אָן די פאָרם פון א פיינד־ליכע האלטונג, פון א געגנערשאפט אין דער געזעלשאפט, אָנגריפע אין דער פרעסע א. ז. וו. אין ענגלאנד זיינען אויך פאַראַן אנטיסעמיטען, אָבער זיי ווילען קיין פּאָגראָמען ניט פארשלאָגען. מען דארף ניט האָבען קיין ווילדערן אנטיסע־מיט ווי בעללאָק, אבער ער וואגט ניט צו העצען פיר גוואלד־מיטלען געגען אידען, ער גיט צו אין זיין גיפטיגען בוך "די אידען", אז געזעצגעבונג, געטאָ־גזרות אין דערגלייכען מיט־לען געגען די אידען, קענען ניט בענוצט ווערען און אז עס האָט זיך ארויסגעצייגט אין דער פערגאנגענהייט אלס א דורכפאל.

די מורא אז דער מיטעלאלטער געהט צוריק איז דארום ניט קיין בעגרינדעטע. די מענשהייט געהט ניט צוריק צו פערפאָלגונגען. נאָך אַלעמען איז דער גאנג פון דער געשיכטע צו מעהר ווייכקייט און ניט צו מעהר הארטקייט. ניט בלויז וועט עס אין די ציוויליזירטע לענדער ניט קומען צו אזעלכע פערפאָלגונגען ווי אידען האָבען יעצט דורכגעלעבט און לע־

בען נאָך יעצט אויך דורך אין מזרח־אייראָפּא, נאָר עס וועלען קומען צייטען, ווען אין מזרח־אייראָפּא וועלען אויך אויפהערען די רויהע בארבארישע פאָרמען פון אנטיסעמיטיזמוס. מען קען וויסען דעם קולטור־צושטאנד פון א פאָלק לויט די פאָרם פון זיין אנטיסעמיטיזמוס און ווי אזוי די שנאה צו אידען דריקט זיך ביי איהם אוים. און אזוי ווי פעלקער געהען צו מעהר קולטור און ניט צו וויינינגער, איז צו ערווארטען, אז דער אנטיסעמיטיזמוס וועט ווערען "איידעלער" צוזאמען מיט די אויסאיידלונג פון די פעלקער.

דער אנטיסעמיטיזמוס וועט בלייבען אין דער פאָרם פון געזעלשאפטליכע געגנערשאפט. די גוים וועלען דורך זייער האנדלונג צייגען דעם אידען, אז ער איז ניט ווילקאָמען. ער וועט ניט זיין קיין אָנגעלייגטער חבר צווישען סטודענטען, וועט ניט זיין קיין בעליעבטער שכן אין א גוי'שע הויז אָדער אין א גוי'שע נאכבארשאפט, ער וועט טרעפען קאלטע בליקען אויף די טריינס, אין די לאבבי פון גרויסע האָטעלען, מען וועט איהם מאכען פיהלען, אז מען בעטראכט איהם פאר א פרעמדען פאר אן אנדערען, און פון צייט צו צייט אָנגריפע אָפענע און פארשטעלטע אין דער פרעסע, אין דער ליטעראטור. קורץ, די אלע פאָרמען פון אנטיסעמיטיזמוס, אויסער די גראָבע פאָרמע פון אכזריות און אויסנאהמסגעזעצע, וואס עקזיסטירען יעצט, וועלען עקזיסטירען אויף אייביג.

און עס וועט שטענדיג דעם אידען וועה־טאָן, און עס וועט שטענדיג האלטען אין איהם וואך דעם געפיהל און די איבערצייגונג, אז יעקב איז יעקב און עשו איז עשו, אז צווישען זיי איז פאראן א תהום איבער וועלכען קיינער קען קיין בריק ניט אויפבויען.

ווי די גוים העלפען אונז אידען צו זיין

עמיל זאָלא האָט אמאָל ארויסגעזאָגט א געדאנק וועגען די בעציהונג צווישען אידען און גוים, וועלכער קען איבער־געגעבען ווערען אונגעפעהר אזוי:

די אייראָפּעאישע נאציאָנען וואָס האָבען געוואָלט אז דער איד זאָל פארשווינדען האָבען געהאנדעלט זעהר נאריש אין דער דאָזיגער פראגע. זיי האָבען געדארפט דעם אידען אויפנעהמען אין זייער געזעלשאפט מיט אלע ליעבשאפט, האָבען ניט געדארפט מאכען קיין שום פירוש וועגען די אונ־טערשיעדע צווישען איד און גוי. דער איד האָט געדארפט געפינען ארום זיך נאָר פריינדליכקייט און ברידערליכקייט פון דער זייט פון זיינע שכנים. עס וואָלט דאן דער איד לאנג־זאם אבער זיכער ארייננעגליטשט זיך אינ'ם קערפער פון די אייראָפּעאישע נאציאָנען, און ער וואָלט פערשלונגען געוואָ־רען אזוי אז ער וואָלט ניט מעהר געווען אויף דער וועלט. אנשטאט דיעזע פּאָליטיק האָבען די אייראָפּעאישע נאציאָ־נען און אנדערע נאציאָנען זיך גענומען צו פערפאָלגען דעם אידען, צו בעטראכטען איהם אלס א פרעמדער, אן אונגע־ווינשטער, אן אָבגעזונדערטער. דער איד האָט געענטפערט מיט שנאה און אָבגעזונדערטקייט פיר שנאה און אָבגעזונ־דערטקייט. און אזוי האָבען די וואָס האָבען געוואָלט דעם אידען פארניכטען, גאָר געבראכט דערצו, אז דער איד זאָל בלייבען אלס אזעלכער און ניט אויסגעמישט ווערען מיט אנדערע.

א טהייל אמת איז געווים פאראן אין די ווערטער פון זאָלא. די געשיכטע פון אידען זייט דער עמאנציפאציאָן האָט געצייגט וואָס פאר א ריזענשריט די אסימילאציאָן מאכט אין אידישען לאגער אין דער צייט ווען עס ווייזט זיך אויף א צייט א צייכען פון אונזערע שכנים, אז זיי ווילען לעבען מיט אונז פריעדליך. דער אָנפאנג פון נייגצעהנטען יאָהרהונ־

דערט האָט געזעהן אַ כוואַליע פון שמד און אַסימילאַציאָן אין דייטשלאַנד אַלס רעזולטאַט פון די אידעען פון גלייכהייט און ליבעראַליזם וואָס האָבען זיך דאָן אַרומגעטראָגען אין יענער מדינה. די אַסימילאַציאָן פון די אידען אין פראַנקרייך האָט זיך אָנגעפאַנגען גלייך דערמיט וואָס זיי האָבען געקראָגען בירגעררעכטע. אַלס אַ פּרייז פיר דעם ליבעראַליזם פון די פראַנצויזען האָט זיך דערהערט אין אידישען לאַגער דער געשריי: פראַנקרייך איז אונזער ירושלים! די וואָס האָבען עס געדיינקט, האָבען נאָך אַליין ניט געוואוסט וויפיעל פון זייער יודענטום זיי ווילען אװעקגעבען פיר דער גלייכבערעכטיגונג, אָבער זיי האָבען געוואוסט און געפיהלט, אַז זיי געהען אוועקגעבען איין זאַך פאַר דער אַנדערער, אַז זיי געהען פאַרהאַנדלען אַ טהייל, אמווייניגסטענס, פון זייער ירושה פיר די ביסעל רעכטע און פריינדליכען שמייכעל פון דעם גוי.

אַ היבשע צייט שפּעטער איז פאָרגעקומען דאָסזעלבע אין דעם גרויסען צענטר פון יודענטום, אין רוסלאַנד. די האָפנונג אויף גלייכהייט וואָס האָט אַ שיין געטאָן אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען האָט געבראַכט אַ מעכטיגע כוואַליע פון רוסישער אַסימילאַציאָן אין דער אידישער גאַס. די דאָזיגע אַסימילאַציאָנס כוואַליע איז פאַרהאַלטען געוואָרען ווען די וואָס האָבען געהאָפּט אויף די פאַרברידערונג פון אידען און רוס האָבען געזעהן, אַז זייער חלום וועט ניט פאַרווירקליכט ווערען, ווען זיי האָבען דערזעהן אַ פיינדליכע רוסישע אינטעליגענץ, אַ פיינדליכע רוסישע פּרעסע און אַ רעגיערונג וואָס מאַכט פּאָגראָמען. די ענטוויקלונג פון די אידישע אינטעליגענץ אין רוסלאַנד איז געקומען אַ ביסעל שפּעטער ווי די ענטוויקלונג פון די אידישע אינטעליגענץ אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט געשטאַמט פון דערזעלבער אורזאַכע ווי די ענטוויקלונג פון דער אידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד: די אונפריינדליכקייט פון די שכנים. די גוים האָבען ניט געגעבען דאָס וואָס זיי האָבען געדאַרפט געבען אין דעם געשעפט: די ברידערליכקייט און פריינדשאַפט, וועלכע מען האָט פון זיי ערוואַרטעט, האָבען דערפאַר די אידען ניט געגעבען זייער טהייל פון דעם מסחר:

די פארלייקענונג פון זייער שטאם און זייער זעלבסטבעוואוסטזיין.

מיר האבען נאר־וואס דערמאנט, אז אין דייטשלאנד איז די ענטטווישונג געקומען פריהער, דערפאר איז דער בוך "רוים און ירושלים" פון מאזעס העסס געשריבן געווארען מיט צוואנציג יאהר פריהער איידער דאס בוך "אויטאעמאנציפאציאן" פון דר. פינסקער. אין דעם גרונד פון ביידע ביכער ליעגט איין געדאנק: ישראל וועט ניט האבען קיין מנוחה נאר אין זיין אייגענע היים. די עמאנציפאציאן וואס די גוים האבען אונז געגעבען האט ניט געבראכט דאס גליק וואס מען האט ערווארטעט. דער "אויטאעמאנציפאציאן" איז געשריעבען געווארען נאך די פאגראמען אין 1881. אין פופצעהן יאהר שפעטער נאך פינסקער האט מען דעם צארטפיהלענדען אריסטאקראטישען דר. הערצל נאכגעשריען: "העפ! העפ!" און "זאו־יודע", איז ער געגאנגען און אנגעשריעבען דעם "יודענשטאאט"!

מיר זיינען, אלזא, געקומען צו דעם פונקט וועגען די ווירקונג פון אנטיסעמיטיזמוס אויף'ן יודענטום. עס איז קלאר, אז דער אנטיסעמיטיזם איז א שטיצע פיר די אייפהאלטונג פון דער אידישער נאציאן, אלץ איינס צו מיר וועלען עס זאגען אפען אדער מיר וועלען עס בעהאלטען מיט מליצה. ביסמארק און איגנאטיעוו, צוויי שונאי־ישראל'דיגע מיניסטארען, וואס האבען אדאפטירט דעם אנטיסעמיטיזמוס אלס פאליטישע שיטה, האבען א האנד אין דער ערוואכונג פון אידישען געפיהל ביי דער אידישער אינטעליגענץ. טרייטשקע און דריומאן און זייער חבריא האבען אויך א טהייל אין דעם, און די אנטיסעמיטישע דבורים וואס מיר הערען לעצטענס אין אמעריקא האט געוויס דערמאנט פיעל אידען, אז זיי האבען א שייכות מיט'ן אידישען פאלק מעהר ווי זיי האבען גערעכענט. אלע ווייסען, אז די יאנג מענס היברו אסאסיאיישאן איז געשאפען געווארען, ווייל די יאנג מענס קריסטשען אסאסיאיישאן האט ניט צוגענומען אידען פריינדליך אין איהר מיטטע. די "אידישקייט" פון די יאנג מענס היברו אסאסיאיישאנס און עהנליכע ארגאניזאציאנען איז אן אנדער פראגע וואס געהערט ניט אהער. איך האב עס

דאָ בלויז בענוצט אַלס משל, וואָס אידען מוזען זיך קאָמ־פּאַנירען בעזונדער אפילו ווען זיי וואָלטען וועלען זיין צוזאַ־מען מיט גוים.

עס איז דארום קלאָר, אז ווען מען רעדט וועגען דער פראַגע פון דער אידישער עקזיסטענץ אַלס נאַציאָן, ווען מען רעדט פון דער געפאַהר פון אידישען אונטערגאַנג, טאָר מען ניט אַרויסלאָזען פון זינען דעם אַנטיסעמיטיזמוס, וועלכער איז אַ שטערונג פאַר דיעזער געפאַהר. דער אַנטיסעמיטיז־מוס, ווי מיר האָבען געזעהן פריהער, וועט בלייבען אייביג. אידען וועלען אייביג פיהלען די אונפריינדליכקייט פון זייערע שכנים, און וועלען דארום שטענדיג פיהלען, אז זיי זיינען אַ בעזונדער פאָלק. די נאַציאָנען וועלען ניט אָננעה־מען זאָלא'ס פאָרשלאַג און וועלען ניט אַרויספאַלען צו אונז אויפ'ן האַלז, אום צו ווערען פון אונז פטור דורך פריינד־שאַפט. זיי זיינען נאָך אַלעמען צו שלעכט און צו גראָב, אַז זיי זאָלען קענען בעהאַלטען זייער שנאה און זיך בענוגענען דערמיט וואָס זיי זאָלען אונז געבען אַ מיתת־נשיקה. די גוים וועלען אונז שטענדיג דורך זייער פיינדשאַפט העלפען אידען צו זיין.

* * *

דאָס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן איז אַלזאָ אַב־היינגיג פון צוויי זאַכען : פון דער אינערליכער קראַפט פון יודענטום און פון דער אויסערליכער בעהאַנדלונג וואָס מיר קריגען פון די גוים. פון דעם וואָס עס איז פריהער געזאָגט געוואָרען אין דיעזען קאַפּיטעל זעהען מיר, אַז די אויסער־ליכע קראַפט וואָס העלפט אונז צו זיין אידען, וועט קיינמאָל ניט פאַרשווינדען. עס וואָלט אָבער אויסגעקומען פאַלש אויב אימיצער זאָל בעהויפּטען אויף דעם גרונד פון דאָס אויבענגעזאָגטע, אַז אידען קענען זיך האַלטען אייביג אַלס אַ פאָלק נאָר דאַדורך וואָס די גוים האָבען אונז ניט ליעב.

אום אַז אַ פאָלק זאָל לעבען לאַנגע דורות איז ניט גענוג דאָס וואָס די שכנים האָבען איהם פיינט, עס מוז זיין אַן אינערליכע קראַפט וואָס זאָל האַלטען פריש און שטאַרק די לעבענסקרעפטען פון דעם נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם. עס מוז זיין אַ פעסטער כח אין דער נשמה פון פאָלק וואָס זאָל איהם

פיהרען פון יאָהרהונדערט צו יאָהרהונדערט און זאָל איהם ניט לאָזען ווערען פארטריקענט. אום אז אימיצער זאָל לע־בען, מוז ער האָבען אונבעדינגט א חשק, א ווילען צום לעבען. קיין כח אין דער וועלט קען ניט אויפהאַלטען דאָס לעבען אין א באַשעפעניש וואָס וויל ניט לעבען. דאָס לעבען קען קיינמאָל ניט קומען פון דרויסען, עס מוז קומען פון אינעווייניג, אָבאָהל די דרויסענדיגע כחות קענען איהם פאַרשטאַרקען. צו דרינגען דאַרום אז דאָס אידישע פאָלק וועט ניט אונטערגעהן דערפאַר ווייל די גוים זיינען שלעכט צו אונז, איז ניט קיין ריכטיגע זאַך.

שטעלט זיך פאָר וואָס פיר א סאָרט לעבען וואָלט די אידישע נאַציאָן געקענט פיהרען ווען די קרעפטען פון אונ־זער דת, פון אונזער פערגאַנגענהייט זאָלען פאַרלירען זייער בעדייטונג, ווען דאָס וואָרט : "איך בין א איד" זאָל בע־דייטען : "מען לאָזט מיר ניט ווערען א גוי". דאָס אידישע לעבען וואָלט אויף אַזא אופן זיין א שוידערליכער אונגליק, א פאַרזעהעניש, עס וואָלט געווען א פּלאָג פון וועלכען מען קען ניט פּטור ווערען.

און וואָלט מען טאַקע ווירקליך ניט געקענט פּטור ווערען ? אויב די אידען זאָלען ניט מעהר זיין צוגעבונדען צו די אוצרות פון יודענטום, אויב זיי זאָלען אַלע פיהלען נאָר איין זאַך, ווי אַזוי ווערט מען דערפון לויז און ווי אַזוי מען קען זיך אריינכאַפּען אין גוי'שען לאַגער, וואָלט דאַן ווירקליך די גוי'שע וואַנד פון שנאה וואָס רינגעלט אונז ארום געווען אַזוי שטאַרק, אַז די אידען וואָלטען שטענדיג געמוזט זיין אידען ?

דאָס גלויבט זיך ניט. סוף־כל־סוף האָבען שטענדיג די יעניגע אידען וואָס האָבען זיך געוואָלט אויסמישען מיט די גוים—אויסגעמישט. ווען עס וואָלט אין אָנפאַנג געווען א שווערער פּראָצעס, וואָלט עס אָבער אין פערלויף פון עט־ליכע דורות פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א פאָלשטענדיגע פאַראייניגונג פון איד און גוי.

און פון די אידען וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט פון מיטען דער וועג פון אַסימילאַציאָן, צוליעב די שנאה פון די גוים, איז אויך קיין בעווייז, אַז אַסימילאַציאָן איז אונמעג־

ליך, אויב אידען זאָלען נאָר וועלען. זיי קעהרען זיך אום צ ו ם פ אָ ל ק. דאָס הייסט, אז ווייל עס איז פאַראַן פאָלק, וואָס לעבט אַ אידישען לעבען, וואָס פאַרמאָגט אַ געזונדעס יודענטום, קומען צו איהם צוריק די פאַרבלאָנד־זשעטע זיהן. וואָלטען אָבער אַלע אידען געווען אויף דעם וועג פון אסימילאַציאָן, וואָלטען ניט זיין קיינע מאסען אי־דען, וועלכע זיינען אידען דורך זייער איבערצייגונג, דורך דעם לעבעדיגען כח פון יודענטום, וואָלט זיך קיינער ניט אומגעקעהרט.

דער סוד פון אונזער לעבען איז אַלזאָ ניט אין די אויי־סערליכע אומשטענדען, נאָר אין די אינערליכע, דער שליסעל פון אונזער צוקונפט איז ניט אין גוי'שע הענד, נאָר אין אונזערע אייגענע הענד. אויב מיר וועלען זיין אידען איז גוט, אויב ניט וועלען אונז די גוים אין אידישקייט ניט קענען אויפהאַלטען. דער אַנטיסעמיטיזמוס איז געוויס אַ קראַפט וואָס שיצט אונז אין אַ גרויסע מאָס נאָכדעם ווי מיר האַלטען זיך פון אונזער אייגענעם ווילען ביים יודענטום, ווען אָבער ביי אונז גופא וועט ווערען פאַרניכטעט דער גרונד פאַר אונזער עקזיסטענץ, וועלען אונז קיין גוי'שע כחות ניט קענען העלפען.

דאָס אמעריקאנער יודענטום

די געגנוואַרט און די צוקונפט פון יודענטום אין אמע־ריקא איז אַ זעהר וויכטיגע פראַגע, ניט נאָר פאַר אונז, אמעריקאַנער אידען, נאָר אויך פאַר די אידען פון דער גאַנ־צער וועלט. דאָס איז ניט נאָר דערפאַר, וואָס די אידען פון אמעריקא צעהלען שוין באַלד אַ פיערט־חלק (כן ירבו) פון דער אידישער נאַציאָן, נאָר אויך דערפאַר, ווייל אין אמע־ריקא ווערט יעצט געמאַכט די גרעסטע „פּראָבע" אין דער אידישער געשיכטע, אויב עס קען געשאַפען ווערען אַ ווירקליכער אידישער לעבען אין אַ לאַנד וואו אידען האָבען אַ גרויסע מאָס פרייהייט און גלייכהייט.

קלענערע „פּראָבען" זיינען שוין געמאַכט געוואָרען אין פאַרשיעדענע אַנדערע לענדער און די רעזולטאַטען זיינען ניט צופריעדענשטעלענד. מען קען ניט זיין צופרידען מיט דעם צושטאַנד פון יודענטום אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך איז נאָך פיעל ערגער, אין דענעמאַרק האָט די אַסימילאַציאָן עררייכט די העכסטע שטופע, אין איטאַליען, אַן אַמאָליגער גרויסער צענטער פון יודענטום, איז די לאַגע פון אידישקייט זעהר אַ טרויעריגע. אָבער אין די לענדער אין וועלכע מיר האָבען אויסגערעכענט זיינען די צאָהל פון די אידען קליין און די קליינקייט פון זייער צאָהל האָט געוויס צו טאָן מיט די שוואַכקייט פון אידישקייט דאָרטען. אַמעריקאַ איז די ערשטע פרייהייטס־לאַנד, וואו עס וואָהנען מיליאָנען אידען. וועט זיי געלינגען צו שאַפען דאָ אַ געזונדען אידישען לע־בען ?

אויב יא, וועט עס ניט נאָר לעזען די פראַגע וועגען דער צוקונפט פון יודענטום אין אַמעריקא גופא, נאָר עס וועט אויך זיין אַ תשובה אויף דער פראַגע וועגען דער צוקונפט פון יודענטום אין מזרח־אייראָפּאַ. וואָרום אין מזרח־אייראָפּאַ וועט דאָך דער צושטאַנד פון

ציוויליזאציאָן סוף־כל־סוף אויך גרייכען צו דעם צושטאַנד פון די הויך־ציוויליזירטע לענדער. און אויך דאָרטען וועלען די אידען דאַרפען דורכלעבען דעם שווערען קאַמפף מיט מעכטיגע לאַנד־קולטורען, ווי עס האָבען די אידען פון די הויך־ציוויליזירטע לענדער אין וועסט־אייראָפּא און אין אַמעריקא. אויף אַזאַ אופן איז די פראַגע פון יודענטום אין אַמעריקא אַ פראַגע פון דער העכסטער בעדייטונג פאַר די אידען פון אַלע לענדער. אויף דעם באָדען פון די פּאַראַיי־ניגטע שטאַאַטען קומט־פאָר און עס וועט פאָרקומען דער גרעסטער קאַמפף פון דער אידישער געשיכטע אין אַ פ ר י ע גלות־לאַנד פיר דער עקזיסטענץ פון אידען אַלס אַ מינאָריטעט, אַלס אַ נאַציאָנאַליטעט וואָס וויל אויפהאַל־טען איהר אייגענע נשמה, איהרע אייגענע לעבענס־פאָרמען געגען אַ שטראָם פון אַ מעכטיגע פרעמדע קולטור וויאָס סטראַשעט עס צו פאַרשלינגען.

עס איז נאָך צו פריה צו זאָגען עטוואָס בעשטימטעס איבער די אויסזיכטען פון אַן ענדליכען ערפאָלג אָדער זיי נעפאַהרען פון אַן ענדליכע ניעדערלאַגע אין דעם קאַמפף וואָס אידען פיהרען אין אַמעריקא. עס וועט אָבער זיין פאַלש און זעלבסטנאַרעריי, אויב מיר זאָלען פאַרלייקענען, אַז אין די ערשטע שלאַכטען וואָס דאָס יודענטום האָט געהאַט אין אַמעריקא ביז יעצט האָט ער פאַרלאָרען. די אַמעריקאַנער אידען האָבען פאַרלאָרען צוויי וויכטיגע פעסטונגען, די וויכטיגסטע אין דעם שוץ פון דאָס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן: דעם שבת און די אידישע ערציהונג. דאָס זיינען די צוויי זאַכען וואָס אידען האָבען פאַרלאָרען אויך אין די אַנדערע לענדער, וואו זיי האָבען זיך צוזאַמענגע־שטויסען מיט דער פרעמדער וועלט, אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד א. ז. וו. אָבער עס שיינט מיר (איך האָב ניט קיין ציפערן וועגען דעם), אַז דער אונטער־גאַנג פון שבת איז אין אַמעריקא פיעל שטאַרקער, פיעל פאָלשטענדיגער ווי אפילו אין וועסט־אייראָפּא (פון די אי־דישע מקומות איז ניטאָ וואָס צו ריידען). איהר זעהט אין דער לאָנדאָנער איסט־ענד פיעל מעהר סימנים פון שבת ווי אין דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, איהר זעהט דעם שבת

מעהר קענטיג אין בערלין, דער אַלטער צענטער פון אסימי־לאציאָן, ווי אין נויאָרק.

וואָס אַנבעלאַנגט צו אידישע ערציהונג, האָט מען מיט פופצעהן יאָהר צוריק קוים געקענט ריידען פון אַזאַ זאַך אין אַמעריקאַ. היינט שטעהט די זאַך בעסער. אָבער די מאַיאָריטעט פון אידישע קינדער קריגען נאָך היינט אויך קיין אידישען אונטערריכט. און דער אמת מוז געזאָגט ווערען, אַז אפילו די וואָס קריגען אַ אידישען אונטערריכט, קענען אויך דערפון פיעל ניט ארויסנעהמען. פון אנדערטהאַלבען שטונדען אַ טאָג (אַ טהייל פון דיעזע אַנדערטהאַלבען שטונדען ווערען נאָך פאַרווענדעט אויף אַזעלכע למודים וואָס האָבען אַ קליינע בעדייטונג פאַר'ן יודענטום), וועלכע ווערען געגעבען פאַרנאַכט, נאַכדעם ווי דער קינד האָט שוין ז י י ן סקוהל דורכגעמאַכט, קען ער וויינינג אידישקייט ציהען. אידישקייט איז אַ זאַך וואָס איז גרויס ניט נאָר אין אינהאַלט, נאָר אויך אין קוואַנטיטעט. עס איז אַ מעכטיגע און ברייטע לעהרע, די שאַפונג פון לאַנגע דורות. דאָס קען מען ניט איבערגעבען צום יונגען דור דורך אַ צויבערשפּרוך. אידישע ערציהונג מיינט קיין אַנדער זאַך ווי ל ע ר נ ע ן און דאָס לערנען נעהמט צייט. איך מיין ניט צו קליין־מאַכען די בעדייטונג פון דאָס וואָס עס ווערט געטאָן אויף דיעזען פעלד מיט אַזוי פיעל אַנשטרייגגונג און אָפט מיט אַזוי פיעל זעלבסטאויפאָפּפערונג פון די עסקנים און מיט פיעל איבערגעבענהייט און אָפט מיט אַ גרויסען טהייל אידעאַליזם פון די לעהרער, אין דער ליינג און אין דער ברייט פון גאַנצען לאַנד, אָבער דאָס איז ניט דער אידעאַל פון אַ אידישע ערציהונג, אַז אונזערע קינדער, נאַכדעם ווי זיי שפּייזען זיך אַ גאַנצען טאָג ביי אַ פרעמדען טיש, זאָלען קומען צו אונז צו פאַרבייסען מיט אַ אידישע קנוח־סעודה אין אַ שעה שלא יום ולא לילה.

אַן אמת־אידישע ערציהונג קען גערופען ווערן אין אמעריקא נאָר סקולס, וואו דאָס אידיש קינד פאַרנעמט דעם גרעסטען טהייל פון טאָג מיט אידישע למודים, דאָרטען, וואו מען לערענט די לאַנדעס־שפּראַך און אַלע נויטיגע ידיעות אונטער איין דאַך מיט די אידישע למודים אויף אַזאַ אופן, אַז

די אידישע לעהרע זעהט ניט אויס ווי א נאָכשלעפעניש נאָך אנדערע למודים. דאָס זיינען די סקולס, וועלכע מען רופט דאָ ישיבות. אָבער דיעזע זיינען אזוי ווייניג אין צאָהל, אז בלויז צוויי אָדער דריי פון הונדערט אידישע קינדער אין אמעריקא לערנען דאָרטען. אין אידישע ערציהונג זיינען די אמעריקאנער אידען פיעל הינטערשטעליג אפילו געגען די אידען פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד, שוין ניט ריידענדיג וועגען די לענדער, וואו די אידישע ערציהונג איז אין אידישע הענד, ווי עס איז דער פאַל אין מזרח־אייראָפּא.

אַלע ווייסען, אז דער דור אידען וואָס איז אויסגעוואַקסען אין אמעריקא אָדער וועלכער איז דאָ געבאָרען געוואָרען, אינטערעסירט זיך ניט מיט קיין אידישע פראַגען, אויסער אמאָל מיט צדקה, וועלכע איז ניט קיין ספּעציעל אידישע זאַך אפילו אויב זי ווערט אנגעווענדעט צו אידען, אינטע־רעסירט זיך ניט מיט קיין אידישע פּראָבלעמען, א דור פיר וועמען דאָס יודענטום איז ניט קיין לעבעדיגע זאַך, ניט א אידעאַל וואָס פילט־אָן די נשמה, ניט א וועלט־אַנשויאונג, נאָר עפּעס אַ ירושה פון פריהערדיגע צייטען וואָס דער "אָלד־מאַן" האָט אריבערגעבראַכט פון יענער זייט ים און צוליעב וועמען מען דאַרף געהן ימים נוראים אין שוהל, ווען ער לעבט און מאַכען אַן "הזכרה" נאָך איהם ווען ער איז טויט.

* * *

אָבער אפילו פון די וואָס ווייסען יא עטוואָס אין אידיש־קייט אין אמעריקא פון דעם היגען דור, ווערט עס ביי זיי לאַנגזאַם פאַרוואַנדעלט אין א פאַרלעגטע סחורה, וועלכע ווערט ווייניג בענוצט. זיי ציהען ניט ארויס פון זייער ידיעה אין אידישקייט דעם פולען בענעפיט וואָס זיי האָבען גע־דאַרפט און געקענט ארויסציהען, צוליעב דער איינפאַכער אורזאַכע, ווייל עס איז דאָ אין אמעריקא ניטאָ דאָס וואָס מען קען אָנרופען א אידישען לעבען — צווישען די וואָס זיינען דאָ געבאָרען געוואָרען אָדער ערצויגען געוואָרען.

קיין אמעריקאַנער אידישער לעבען איז ניטאָ אין דיע־זער לאַנד. די וואָס פיהרען מעהר אָדער ווייניגער א אידישען לעבען דאָ אין אמעריקא, זיינען ניט קיינע אמעריקאַנער, זיי

זיינען ווילנער, בריסקער און בערדיטשעווער אידען, וואָס זיינען אהער געקומען און האָבען אהער געבראכט שטיקלאך פון דעם אידישען לעבען דאָרטען. און די וואָס האָבען גע־האט אן אמעריקאנער ערציהונג פיהרען שוין קיין אידישען לעבען ניט אויסער די צאָהל אָרטאָדאָקסען וואָס געפינען זיך צווישען די היגע געבאָרענע אָדער ערצויגענע. דאָס גיט אונז אן ערקלעהרונג פארוואָס עס זיינען ניטאָ אין אמעריקא קיינע שריפטשטעלער אין ענגליש, וואָס זאָלען שרייבען איבער דאָס אידישע לעבען אין דיעזער לאנד און פארוואָס די אי־דישע שריפטשטעלער וואָס האָבען פּרובירט אָנריהרען די פראגען פון אידישען לעבען אין אמעריקא בעציהען זיך כמעט אויסשליעסליך וועגען דעם אריבערגעקומענעם דור. וועגען דעם היגען אידען איז ניטאָ וואָס צו שרייבען. אי־דישע קונסט קען נאָר געשעפּט ווערען פון א אידישען לעבען און דאָס איז אין אמעריקא ניטאָ.

ישראל זאנגוויל האָט אמאָל געזאָגט וועגען די וואָס גלויבען, אז די אידישע ליטעראטור (דאָס הייסט, די ליטע־ראטור פון אידען אין פארשיעדענע שפּראכען) וועט אויפהאלטען דאָס אידישע פאָלק, אז דאָס איז א טעות. אי־דישע ליטעראטור — האלט זאנגוויל — קען נאָר עקזיסטי־רען אזוי לאנג ווי עס איז פאראן א אידישעס לעבען, און א אידישער לעבען קען נאָר זיין ווען אידען לעבען לויט זייער רעליגיאָן, ווען אידען הערען אויף צו לעבען זייער בעזונדער אידיש־רעליגיעזען לעבען, איז ניטאָ מעהר קיין שטאָף פאר דער אידישער ליטעראטור.

אמעריקא האָט בעוויזען, אז זאנגוויל איז גערעכט אין דיעזער מיינונג. פון די אמעריקאנער אידישע מענער און פרויען ביי וועמען אין הויז אידישקייט פארנעהמט קיין אָרט, אין וועלכע אידישע שמועסען ווערען ניט געהערט, אידישע ענינים ווערען ניט דיסקוטירט, אידישע צייטונגען ווערען ניט געלעזען, איז ניטאָ וואָס צו שרייבען. דאָס יו־דענטום האָט אין אזעלכע הייזער ניט קיין פּלאץ און די אי־דישע ליטעראטור קען מיט אזעלכע הייזער ניט זיין פאר־בונדען.

אונטער אזעלכע אומשטענדען טרעפט זעהר אָפט, אז

דער אידישער יונגער מאַן וואָס האָט יאָ געהאַט אַ אידישע ערציהונג און האָט ארויסגענומען פון זיין אידישע סקול געוויסע ידיעות איבער אידישע ענינים, האָט ער עס נאָכ־הער ניט וואו צו פארווענדען. די גאַס אַרום אין וועלכער ער ווערט אריינגעוואָרפען איז ניט אידיש, קיין אידישעס לע־בען פיר וועלכע זיינע ידיעות וואָלטען זיך געפּאַסט, געפינט ער ניט און ביסלעכווייז פארגעסט ער דאָס ביסעל וואָס ער האט געבראַכט פון סקול, עס ווערט פארדאַרט אין דער אונגינסטיגער אַטמאָספערע וועלכע ער געפינט אַרום זיך.

דאָס איז די אַלגעמיינע לאַגע פון דער אידישער גאַס אין אַמעריקאַ. עס זיינען אָבער פאַראַן קרעפטען וואָס אַר־בייטען צו גונסטען פון אַ פעסטען יודענטום אין דיזער לאַנד. איידער מיר וועלען די דאָזיגע קרעפטען אונטערזוכען ווע־לען מיר אָבער נאָך וואַרפען אַ בליק אויף די שטערונגען אין דעם קאַמפּף פיר אידישקייט אין אַמעריקאַ.

די שטיינער אין וועג פון אמעריקאנער יודענטום

עס איז פאַראַן אַ רייהע אורזאַכען וואָס האָבען געפיהרט דערצו, אַז דאָס אַמעריקאַנער יודענטום זאָל זיך געפינען אין דעם שוואַכען צושטאַנד אין וועלכע עס געפינט זיך. לאָמיר זיי פּרובירען אויסרעכענען.

1. *די צייט.* דאָס אידישע לעבען אין אַלע לענדער, וואו עס זיינען פאַראַן אָדער וואו עס זיינען געווען גרויסע קבוצים, איז געבויט געוואָרען אין צייטען פון אמונה און עס האָט זיך דאַרום געקענט פארפעסטיגען גלייך פון אָנפאַנג. אין בבל, אין שפּאַניען, אין דייטשלאַנד, אין פּוילען, אומעדום וואו אידען האָבען זיך בעזעצט האָט די בעזעצונג שטאַטגעפונדען אין א צייט פון גלויבען און דאָס אידישע לעבען האָט לכתחלה געקענט אָננעהמען א שטאַרקען אידישען קאָליר. אין אַמעריקא איז עס אַנדערש געווען. דאָס אַמעריקאַנער יודענטום, ווען מען רעדט דערפון אין א ברייטען זינן, איז געשאַפען געוואָרען אין דער אַנדער האַלבער פון נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט, אין אַ צייט ווען די אמונה איז געווען אויפגעטרייסעלט, ווען אלע קרעפטען פון פארניכטונג זיינען געווען אם שטארקסטען, ווען אפילו אין דער אלטער וועלט, וואו דאָס אידישקייט איז איינגעוואָרצעלט פון לאַנגע דורות, האָט אַלעס זיך געשאָקעלט אונטער דעם שטורם פון צושטערונג, וואָס האָט געדראָהט דער אידישער גאַס. אַזאַ צייט, אין דעם רעכטען ברען פון השכלה, איז געווים ניט מסוגל צו אַזאַ ריזיגע ארבייט, ווי איבערצוטראָגען דאָס יודענטום אין א נייעם צענטער און איהם איינצופלאַנצען אויף אַ נייעם באָדען, אַן אַרבייט צו וועלכער מען דאַרף האָבען פיעל גלויבען, טרייהייט און אידעאַליזם.

2. *דער גייסט פון דער אמעריקאַנישער ציוויליזאַציאָן* איז אַזעלכער וואָס

מאכט שוואך דעם חשק צו קעמפפען פאר אידעאלען. אמע־ריקא איז געבויט אויף דעם בעגריף פון נוצען. דער אמערי־קאנער גיט זיך ווייניג אָב מיט אבסטראקטע אידעען, מיט פּרינציפּען וואָס האָבען ניט קיין שייכות צום טאָג־טעגליכען לעבען. דער שטאנדפּונקט פון נוצליכקייט איז דאָ דער ריכט־שנור צו אלעס וואָס דער מענש טוט און אפילו צו אלעס וואָס דער מענש דיינקט. דאָס יודענטום וואָס איז געגרינדעט אויף אַן אידעאליסטישען בליק אויף דער וועלט האָט זיך דאָ צוזאַמענגעשטויסען מיט אַ גאַנץ אַנדער בעגריף וועגען דער וועלט. די אידישע העכערע געדאַנקען און טיעפערע געפיהלען האָבען דאָ בעגעגענט אַ הארטע און קאלטע אַט־מאָספערע, וואָס איז געגען סענטימענטאלע ענינים. און טאָמער איז פאראַן אין אמעריקא אויך מאנכע טיעפע מחשבות אָדער געפיהלען, האָבען עס די איינוואנדערער ניט געקענט זעהן און אָנטאַפּען, דאָס וואָס זיי האָבען יא גע־קענט זעהן איז אַ מדינה וואָס שטעהט נאָר אויף איין כלל, אַז מען טאָר חלילה אַ רגע ניט מבטל זיין פון דער הייליגער ארבייט געלד צו פאַרדינען. "צייט איז געלד", דאָס איז אויסגעקומען פאר'ן איינוואנדערער צו זיין די גאנצע תורה פון אמעריקאניזמוס. אין אזא מדינה קומט אָן שווער דאָס גרינדען פון אַ אידישעם לעבען אויף אידעאלע יסודות, מיט אַ רעליגיעזען אינהאַלט, אַ לעבען אין וועלכען עס דאַרפען פאַרנעהמען אַ גרויסען פּלאַץ אזעלכע זאכען פון וועלכע מען קען קיין נוצען ניט האָבען. איינע פון די הויפּט־זאכען פאר וואָס עס איז שווער צו פאַראינטערעסירען דעם יונגען אי־דישען דור אין אידישע אנגעלעגענהייטען איז דאָס וואָס ער קען ניט זעהן אין דעם קיין פּראַקטישע נוצען און עס קומט אויס ביי איהם לופטיג. עס האָט זיך דארום שווער געלאָ־זען איינצופלאַנצען אַ אידישקייט אין דיעזער לאַנד מיט אַ דור אָדער צוויי צוריק.

דער אמעריקאנער איז ניט קיין מאַטעריאליסט א י ן ז י י ן א נ ש ו י א ו נ ג, אדרבה ער איז פון דער נאַטור געניינגט צו רעליגיאָן, אָבער זיינע געדאַנקען און בעגריפען זיינען קאָנצענטרירט ארום מאַטעריעלע זאכען, זיינע פּראָב־לעמען זיינען כמעט אויסשליסליך די פּראָבלעמען פון בויען,

פון "עקספאנשאָן" אין דער אינדוסטריע. דעם אמעריקאנעמס קוק אויף דער וועלט צייכענט זיך אוים מיט פשטות וואָס גרענעצט אָפּט אין אויבערפלעכליכקייט. די שעהנסטע גע־בײדע איז ביי איהם די גרעסטע געביידע: א סך שטיינער, א סך אייזען און א סך עטאזשען. די גרעסטע מענשען זיינען ביי איהם נאָר די וואָס זייער גרויסקייט האָט זיך ארויסגע־וויזען אָדער אין גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, אָדער אין ברייטע פּאָליטישע אָרגאניזאציאָנס־ארבייט. פון גרויסע דיינקער אָדער דיכטער ווערט דער אמעריקאנער ניט נתפעל. און אין קיין לאַנד אויף דער וועלט האָט מען ניט אזוי וועניג דרך־ארץ, אזוי וועניג רעספּעקט פיר דעם גע־לערנטען מענשען ווי אין אמעריקא. ווען דער אמעריקאנער זאָגט אויף אימיציען: "ער איז א ביזנעס־מאַן", איז ער ביי זיך זיכער, אז זיין מויל האָט ארויסגעזאָגט דעם גרעסטען טיטול וואָס מען קען אויף אימיצען זאָגען. די אידישע קול־טור פון רוחניות, א קולטור וועלכע ווערט אויסגעדריקט אין אזא וואָרט ווי "תורה איז די בעסטע סחורה" און אין וועל־כער א מאַמע פארוויגט איהר זוהן אין דער האָפנונג ניט אז ער וועט זיין א גביר, נאָר ער וועט זיין א רב, האָט ניט געקענט געפינען קיין וויכען גרונד אין א לאַנד וואו מען פרעגט יענעם וויפיעל ער איז ווערטה, און די ווערטה פון מענשען ווערט אקוראט אָבגעשאצט לויט דאָס געלד וואָס ער פארמאָגט. די אמעריקאנישע ציוויליזאציאָן האָט זעהר שעהנע זייטען: איהר ברייטער ליבעראליזמוס, איהר געזונטער חוש פון דן זיין יעדען לכף־זכות, צו פארגינען יענעם א. ז. וו. אָבער גראָד אין דער זאך וואָס איז אזוי וויכטיג פיר די עקזיסטענץ פון יודענטום: אין דער אָבשעצונג פון דאָס הויכע און טיפע, דאָס גייסטיגע, איז די אמעריקאנער צי־וויליזאציאָן פיעלייכט פונקט דער היפך פון דאָס יודענטום. די אידען, קומענדיג אהער, האָבען נאַטירליכערווייזע פאר־לאָרען דעם רעספעקט און דעם אינטערעס פאר די זאכען וואָס זיינען ביי אידען שטענדיג געשטאַנען ווי מען זאָגט אין דעם מעכטיגען תלמודישען אויסדרוק "ברומו של עולם" (אין דער הויכקייט פון דער וועלט).

3. פ ר י י ה י י ט ו ו ע ר ט א ָ פ ט ג ע ט י י ט ש ט

אויף צוויי אופנים. פריי פון אונטערדריקונג און פריי פון פפליכטען. די געשיכטע פון ציוויליזאציאָן לערענט אונז, אז כמעט שטענדיג זיינען דיביידע בעגריפען אויסגעמישט געוואָרען און פרייהייט פון אונטערדריקונג האָט אַרויסגערופען דעם חשק אויך צו בעפרייען זיך פון פפליכטען. די גרויסע מאַיאָריטעט פון אמעריקאנער אידען זיינען דורך דער רייזע קיין אמעריקא בעפרייט געוואָרען פון אונטערדריקונג און פארפאָלגונג, עס איז דארום געווען נאַטירליך, אז א גרויסע צאָהל פון זיי זאָל מיט דער דאָזיגער בעפרייאונג פון אויסנאהמס־געזעצע און אנדערע רדיפות אויך פארבינדען דעם בעגריף פון בעפרייען זיך פון אייגענע פפליכטען צום יודענטום. עס ליעגט סיי־ווי אין דער נאטור פון אן איינוואנדערער ער זאָל זוכען צו אויסבייטען זיינע מנהגים, און צו ענדערן זיין סאָרט לעבען, איז עס דען א וואונדער, אז א סך פון די איינוואנדערער אין אמעריקא האָבען אויסטוענדיג די קליידונג, וואָס זיי האָבען געבראכט פון יענער זייט ים, אויך אויסגעטאָן א טהייל פון זייער נשמה, פון זייער רעליגיעז־נאַציאָנאַלען "איך"?!

4. דער "שטאאט" איז איינער פון די הויפּט־קרעפטען אין דער געזעלשאפט. עס העלפט צו שיצען א טראַדיציאָנעלען לעבען פון פלוצלינגע איבערקעהרענישען, די מאַיאָריטעט פון מענשען ווילען ניט געהן געגען אן איינגעפיהרטען "שטאאט" און ברעכען עפענטליך מיט די אָנגענומענע פאָרמען לויט וועלכע די געזעלשאפט לעבט. אָבער דער "שטאאט" עקזיסטירט נאָר דאָרטען וואו די געזעלשאפט איז שוין לאנג איינגעוואָרצעלט. אין א נייע מדינה איז נאָך קיין "שטאאט" ניטאָ און די לייכטזיניגקייט איז אין אזעלכע אומשטענדען א מעהר אָדער ווייניגער נאטירליכע זאך. דאָס ברעכען פון אידיש־טראַדיציאָנעלען לעבען האָט זיך אין רוסלאנד בעוויזען עפענטליך אין אדעס פריהער ווי אין אנדערע פלעצער אין רוסלאנד. דאָס איז דערפאר, וואָס אדעס איז געווען א נייער ישוב און די וואָס זיינען אהין געקומען זיינען פריי געווען פון "שטאאט". אין א פיעל גרעסערע מאָס האָט זיך עס געמוזט ארויסצייגען אין אמעריקא.

5. די גרויסע שטעדט און צענטרען

אין וועלכע די גרעסטע טהייל פון די איינוואנדערענדע אי־
דען האבען זיך בעזעצט זיינען ניט מסוגל אז עס זאל דארטען
זיך ענטוויקלען א פולער אידישער לעבען. אידישקייט איז
א זאך וואס דארף האבען, אזוי צו זאגען, א פאטריארכאלישע
אטמאספערע, אדער אזעלכע אומשטענדען וואו א פאטריאר־
כאלישע אטמאספערע זאל קאנען געשאפען ווערען. עס
דארף האבען די אידישע הויז—ניט די טענעמענט רומס וואו
איין שכן האט אזוי ווייניג פארבינדונג מיט דעם אנדערן. עס
דארף האבען דעם אידען דעם בעל־הבית, פשוט דער איי־
גענטימער פון א הויז מיט א טהייל פון דער משפחה ארום
זיך אפילו נאכדעם ווי די קינדער האבען חתונה, עס דארף
האבען די אידישע שוהל וואו די שכנים געהען אריין אין
אבענד ניט נאר לערנען נאר אויך זיך דורכצושמועסען, און
וואו עס ווערט געשאפען א געוויסע אלגעמיינע שטימונג, א
געוויסע עפענטליכע מיינונג, ניט ווי אין די געוויסע שטעדט
וואו די שוהל שטעהט געשלאסען און געשמידט אין אייזערנע
טויערען און וואו עס פעהלט דער ווארימער געזעלשאפטלי־
כער פארקעהר צווישען די וואס קומען דארטען. עס דארף
האבען די סוכה ארום יעדער הויז אום סוכות, דאס מצה־בא־
קען אום פאר פסח. קורץ, עס דארף האבען אזעלכע אומ־
שטענדען וואו דאס גאנצע לעבען פון יעדען אידען אדער
אידישער פרוי זאל זיין ארומגערינגעלט מיט דאס וואס איז
אידיש, עס דארף האבען א *אידישע געזעלשאפט
גאנץ און פאלשטענדיג אין זיך
אליין*. עס דארף האבען דאס אידישע שטעדטעל וועל־
כע איז דער מארך־ביין פון אידישען לעבען.

די גרויסע שטעדט מיט זייער רעש און טומעל, מיט זיי־
ער צוזאוואָרפענהייט, מיט די פרעמדקייט פון איינער צום
אנדערען, מיט דעם אונגעדולד וואס בעהערשט אלעמען, זיי־
נען א צו הארטער באדען פאר די איינפלאנצונג פון א אי־
דישעם לעבען. די סאסייעטים, די מיטינגס, די טעאטערע,
די ארגאניזאציאנס־טהעטיגקייט, אדער כלל־טהעטיגקייט
וועלכע מיר רופען דא אן "אידישעם לעבען", קען קוים אנ־
גערופען ווערען מיט דיזען נאמען. דאס איז אן אויסערלי־
כע זאך און ניט קיין אינערליכע. עס האט ניט קיין פארבינ־

דונג מיט דאָס לעבען פון דעם אידען אינעווייניג אין זיין הויז, אין זיין פאמיליע, מיט זיין אינערליכען דיינקען און פיהלען און דער גאנצער טומעל ווערט געשאפען פון א קליי־נע צאָהל מענשען פון וועלכע א טהייל טהוען עס אלס פראָ־פעסיאָן.

די קליינע שטעדט אין אמעריקא זיינען אויך ניט מסוגל צו שאפען א אידישעס לעבען טראָץ דעם וואָס דאָ פעהלט די חסרונות פון דער גרויסער שטאָדט אין בעצוג צו אידיש־קייט. דער צאָהל פון אידען איז דאָרטען צו קליין. מען דאַרף ניט פערגעסען אז די אידישע שטעדטעל אין די מזרח אייראָפייאישע לענדער איז געווען א א י ד י ש ע שטעד־טעל מיט א גוי'ישען קווארטאל און ניט א גוי'ישע שטעדטעל מיט א אידישען קווארטאל. דער אונטערשיעד, ווי יעדער פערשטעהט, איז א געוואלדיגער. עטליכע אידען אין א פרעמדער שטעדטעל ווערען בטל ביי זיך, ווערהענד די אי־דישע תושבים פון א חיימישע שטעדטעל פלעגען ניט בטל ווערען און דאָס לעבען פון דער שטעדטעל איז געווען און איז היינט אויך דאָרטען א אידישער.

6. ר ע פ אָ ר ם. ווען די מזרח־אייראָפייאישע אידען וואָלטען געקומען אין אמעריקא און געפונען א ליידיגען פלאַץ, וואָלט אויך געווען שווער פאר זיי צו עטאבלירען דאָ א פעסטעס יודענטום ווי מיר האָבען פריהער בעוויזען. ערגער אָבער איז געווען אז זיי האָבען שוין דאָ געפונען דאָס פארניכטענדע רעפאָרם־"יודענטום". מיט דער ביסעל אָר־טאָדאָקסישע שפאניש־פאָרטוגעזישע אידען וואָס זיינען גע־קומען אין דיזען לאנד האָבען די מזרח־אייראָפייאישע אידען געהאט ווייניג בעריהרונג. די, מיט וועמען זיי זיינען יא גע־קומען אין בעריהרונג, זיינען געווען די דייטשע רעפאָרמירטע אידען און דאָס איז איינע פון די הויפט־שטערונגען פאר דער ענטוויקלונג פון א געזונדען יודענטום אין דיזער לאנד.

מיר וועלען בעטראכטען דעם קאמפף צווישען רעפאָרם און אָרטאָדאָקסי אין נעקסטען קאפיטעל.

די רעפאָרם אין אמעריקא

אין א פאָריגען ארטיקעל האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אויף דעם פונקט, אז דאָס יודענטום שטעהט אויף צוויי זיילען: רעליגיאָן און נאַציאָן, תורת ישראל און עם ישראל. זוער עס נעהמט אוועק איינעם פון די צוויי זיילען פאַרניכטעט דעם יסוד פון אונזער עקזיסטענץ, ווייל אויב עס פאַלט איינער פון די צוויי זיילען, פאַלט דער צווייטער גלייך מיט איהם. די רעפאָרם האָט אָבער אומגעוואָרפען ביידע מיט אמאָל, עס האָט מיט איין קלאַפּ פאַרניכטעט אי תורת ישראל, אי עם ישראל.

רעפאָרם האָט אָפיציעל אָבגעלייקענט די עקזיסטענץ פון דער אידישער נאַציאָן. רעפאָרם בעטראַכט דעם חורבן פון ירושלים אלס די ענדע פון פאָלק ישראל אלס א נאַציאָן, און וויל ניט אז די אידען זאָלען ווען עס איז אין דער צוקונפט ווערען א נאַציאָן צוריק אויף דעם אמאָליגען אידישען באָדען. עס איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידען, אז רעפאָרם אנערקענט ניט, אז מיר זיינען א נאַציאָן אין די גלות-לענדער וואו מיר וואָחנען. דערמיט האָט רעפאָרם אונטערגעהאקט די וואָרצלען פון דעם אידישען בוים און האָט זיך געשטעלט מחוץ פון כלל-ישראל אין זיין היסטאָרישען און איינציגען בעגריף, וואָרים ווען איהר זאָגט כלל-ישראל מיינט איהר קיין אנדער זאך ווי די נאַציאָנאַלע אידישע קערפערשאַפט, וועלכע איז יעצט פונקט אזא נאַציאָנאַלע איינהייט ווי אין די צייטען פון דוד און שלמה.

רעפאָרם האָט זיך אָבער ענטזאגט פון דער אידישער תורה, פונקט ווי זי האָט זיך ענטזאגט פון דער אידישער נאַציאָן. די מצוות המעשיות זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען. אלע געזעצע פון דער תורה זיינען פאַרוואָרפען געוואָרען און ערקלעהרט געוואָרען, אז זיי זיינען ניט מעהר גילטיג, פונקט

ווי דאָס קריסטענטום האָט ערקלעהרט דורך פאול און זיינע חברים מיט נײַנצעהן הונדערט יאָהר צוריק. דער איינציגער אונטערשיעד צווישען רעפאָרם־"יודענטום" און קריסטענ־טום איז דאָס, וואָס רעפאָרם־יודענטום גלויבט ניט אין דעם גרינדער פון קריסטענטום. אָבער די רעפאָרם זוכט מיט אַלע איהרע כחות אָבצואווישען אויך דיעזען אונטערשיעד צווי־שען זיך און דאָס קריסטענטום, זי זוכט צו שטעהן מיט דעם מאַן פון נצרת אויף א זעהר פריינדליכע פוס. די ראבים צו־רייסען זיך לויבענדיג איהם. דאָס וואָס די ראבים זאָגען וועגען איהם, קען געזאָגט ווערען פון יעדער גלח אין יעדער קירכע. און א ראבי האָט דיעזען ווינטער ביי דער גרויסער יובילעאום־קאָנווענשאָן פון די רעפאָרמער אין נויאָרק פאָר־לאַנגט מען זאָל דעם גרינדער פון קריסטענטום אָפיציעל אריינגעהמען אין רעפאָרם־יודענטום, און די רעפאָרם־צײַ־טונג פון נויאָרק האָט אויפגעפאָדערט די רעפאָרמער, אז מען זאָל זיך צוזאַמענבינדען מיט די קריסטען, אז יענע זאָלען זיך אָבזאָגען פון געוויסע בעגריפע אזוי ווי די רעפאָרם האָט זיך אָבגעזאָגט און עס זאָל געגרינדעט ווערען א אוניווערסאַ־לע רעליגיאָן וואָס זאָל זיין אַלץ איינס פיר קריסט און איד. אַלזאָ, א פאַלשטענדיגער שמד!

רעפאָרם איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א בריק איבערצופיהרען די אידען צום שמד, עס איז דער פארמיט־לער פון דער אסימילאציאָן, דער יסוד פון רעפאָרם איז אראָבצומעקען פון אידען אַלעס וואָס טהיילט איהם אָב פון זיינע קריסטליכע שכנים, אום ענדליך צו שליסען די איי־ביגע "פריינדשאפט", וועלכע מיינט קיין אנדער זאַך ווי דער אונטערגאַנג און פאָלשטענדיגע פארשווינדונג פון דאָס אי־דישע פאָלק אין דער גוי'שער סביבה. די וועג פון רעפאָרם צום קריסטענטום איז א קלאָרע. א סך האָבען עס שוין גע־פונען אין דער קריסטשען־סייענס קירכע, וואו עס זיינען פאראַן פיעלע אידען. דער אמת איז, אז צו קומען זונטאג אין טעמפעל און הערען לויבענדיג דעם מאַן פון נצרת, איז ניט פיעל אנדערש ווי צו געהן אין קירכע און עס איז ניט שווער צו מאַכען די ענדערונג. מען דאַרף ניט פארגעסען, אז דער ענין פון שמד האָט דאָ אַן אנדער בעגריף, מען פאַנגט אָן

צו געהן אין קירכע אָהן איבעריגע צערעמאָניעס און דער שמד איז געקומען ממילא.

רעפאָרם איז געבאָרען געוואָרען אין דייטשלאנד אלס דער אויסדרוק פון דער אסימילאציאָנס שטרעבונג וואס האט ארומגעכאפט מענדעלסאָנ'ס תלמידים און זיי געפיהרט צום שמד. אָבער, ווי עס זאָגט עמיל ג. הירש, איינער פון די זיילען פון רעפאָרם אין אמעריקא, איז דער גאנג פון רעפאָרם פאר־האלטען געוואָרען אין דייטשלאנד ארום מיטען פון נייני־צעהנטען יאָהרהונדערט דורך אויסערליכע אומשטענדען (דאָס הייסט, דורך די אונפריינדליכקייט פון דער קריסטלי־כער בעפעלקערונג), איז עס דארום אריבער אין אמעריקא. מיט אנדערע ווערטער, אין אמעריקא האָט דער אסימילא־ציאָנס־רעפאָרם געפונען א ברייטערע פעלד, אזוי ווי שטענ־דיג איז לייכטער דער וועג פיר אסימילאציאָן אין א פריי־הייטס־לאנד. מען דארף אָבער מוסיף זיין, אז ווערענד אין דייטשלאנד זיינען געשטאנען אן דער שפיצע פון רעפאָרם מלומדים, איז די רעפאָרם אין אמעריקא אָנגעפיהרט געוואָ־רען און ווערט היינט אָנגעפיהרט מעהרסטענס פון עמי־הארצים. די רעפאָרם איז קיין יודענטום, עס איז אן אנטלויפען פון דער אידישער רעליגיאָן און פון דער אידישער נאציאָן.

און ווען די אידען פון די מזרח־לענדער זיינען אהער אָנגעקומען האָבען זיי שוין געפונען די רעפאָרם עטאבלירט אין אמעריקא. און דאָס האָט געווירקט און ווירקט היינט אויך געגען דעם, אז עס זאָל געשאפען ווערען א פעסטעס יודענטום אין דיעזער לאנד. אין דייטשלאנד איז די רעפאָרם געשאפען געוואָרען צו בעקעמפפען דאָס יודענטום, וועלכע איז געוועזען פעסט איינגעוואָרצעלט, אין אמעריקא אָבער זיינען די צושטערער פון דעם אידישען דת געקומען נאָך איידער דאָס יודענטום איז דאָ געבויט געוואָרען אויף א ברייטען מאסשטאב.

* * *

די רעפאָרם לעבט אויף דעם חשבון פון דער אָרטאָדאָקסי. די קינדער פון די רעפאָרם אידען זיינען שוין אזוי ווייט פון אידישע אנגעלעגענהייטען, אז אפילו דער טעמפעל איז

שון פאר זיי איבעריג. אין די רעפאָרם טעמפּלען זיינען פאַ־
ראַן אַ סך רוסישע אידען, וועלכע וואָלטען געווים געזוען אין
שוהל ווען ניט די רעפאָרם. אזוי ווי די רעפאָרמער זיינען אַ
רייכערער קלאַס, פיהלען פיעלע פון אונזערע רוסישע און
גאַליציאַנער רייך־געוואָרענע אידען דעם השק צו געהן מיט
די רייכערע. ניט די "פּרינציפּען" פון רעפאָרם ציהט זיי
אוועק אהין, נאָר די רייכערע געזעלשאַפט וואָס זיי געפינען
דאָרטען. און אויף אַזאַ אופן ווערען אוועקגעצויגען פון דער
אָרטאָדאָקסי קרעפטען וואָס וואָלטען פיעל נוצען געבראכט.

דער רעפאָרם־טעמפּעל קען ניט צוציהען די קינדער פון
ראַדיקאַלע אידען וואָס האָבען ניט מיט רעליגיאָן קיין
שייכות, אויך יענע יוגענד אין אַמעריקאַ וואָס איז ערצויגען
געוואָרען אָהן אַ שום אידישען אונטעררריכט, געהט ניט אין
טעמפּעל און האָט מיט איהם קיין פאַרבינדונג. די וועלכע
דער טעמפּעל וויל כאַפּען און כאַפּט זיינען דוקא די קינדער
וואָס האָבען געהאַט אַ שטיקעל אידישע ערציהונג, די קינדער
פון עלטערן וואָס זיינען מעהר אָדער ווייניגער געניגט צו
אידישקייט. דאָס זיינען די קינדער וואָס וואָלטען געגאַנגען
אין שוהל און וואָלטען איבערגענומען די פיהרערשאַפט פון
אידישע ענינים אין דער צוקונפט, זיי זיינען דער עלעמענט,
וועלכען די רעפאָרם זוכט אָבצורייסען פון דאָס ביסעל אי־
דישקייט וועלכע זיי האָבען. ווענגען פיעלע פון זיי קען דאָס
יודענטום זאָגען : אשר טפחתי ורביתי אויבי כלם.

עס זיינען אויך פאַראַן אידען וואָס געהערען צוביידע,
אי צו אָרטאָדאָקסי, אי צו רעפאָרם. עס איז זעלבסטפער־
שטענדליך, אַז פון אַזעלכע צווייזייטיגע אידען געווינט ענד־
ליך די רעפאָרם און ניט די אָרטאָדאָקסי, און די קינדער פון
אַזעלכע אידען וועלען געהן גיכער צו רער ערשטער איידער
צו דער צווייטער. דאָס איז מעהרסטענס צוליב דעם וואָס די
רעפאָרמער זיינען אַ רייכערע קלאַס און אויך צוליעב דעם
וואָס די רעפאָרם־ראַבים שטעלען אַרוים די רעפאָרם אַלס
אַן "אַמעריקאַנישעס יודענטום" און די אָרטאָדאָקסי אַלס אַ
"פרעמדע יודענטום" ("פאָראיין דזשודאאיזם"), טראָץ דעם
וואָס די רעפאָרם איז קיינמאָל ניט געוועזן קיין אַמעריקאַנער
יודענטום און האָט מיט דעם אַמעריקאַניזם ניט צו טאָן,

ווייל אין אמת'ן קומט עס גאָר פון דייטשלאנד, און מען דארף דארויף אָנשרייבען : "מייד אין דזשוירמעני".

די וויכטיגסטע אורזאכע וואָס די רעפאָרם האָט איינ־פלוס, טראָץ איהר גוי'שקייט און ליידיגקייט איז דאָס וואָס די רעפאָרם אידען האָבען פארנומען אַלע וויכטיגע פּאָזיציאָנען פון אידישען געזעלשאפטליכען לעבען אין אמעריקא. אַלע וויכטיגע אידישע אָרגאניזאַציאָנען ווערען אָנגעפיהרט פון רעפאָרמירטע אידען. די מעהרסטע פּראָמינענטע אידען אין אמעריקא זיינען רעפאָרמער, און צווישען זיי זיינען פאַראַן פיעלע וואָס האָבען אַלס מענשען דעם רעספּעקט פון אַלע אידען און דער ניט־אידישער וועלט. טראָץ דעם וואָס די רעפאָרמער זיינען ניט מעהר ווי אַ הייפעל אין פערגלייך מיט די אידען פון מזרח־אייראָפּא, איז די פיהרערשאַפט פון אַלע געזעלשאפטליכע טהאטען אין זייערע הענד.

די אמעריקאַנער עפענטליכקייט הערט נאָכאנאנד פון רעפאָרמירטע אידען, פון רעפאָרמירטע ראַבים און הערט ווייניג פון די אידען וואָס זיינען קיינע רעפאָרמער, יועז מען רעדט אין דער ענגלישער פרעסע וועגען יודענטום, ווערען רעפאָרמער אנגעגעבען אַלס די אויטאָריטעטען אין אידישע אנגעלעגענהייטען און אַלס די אידישע וואָרט־פיהרער. דאָס מוז מאַכען אַ ווירקונג אויף די אידישע יוגענד, איבערהויפּט די וואָס ווייסען ווייניג אין אידישע ענינים. דאָס וואָס עס זיינען דאָ עטליכע ציוניסטען צווישען די רעפאָרמער (אַ פערשווינדענדע מינאָריטעט צווישען די ראַבים, וועלכע זיינען ביטערע געגנער פון ציוניזמוס), דיענט אויך צו "כשר'ן" רעפאָרם אין די אויגען פון אַ טהייל פון אונזער יוגענד, וואָס איז נאַציאָנאַל געשטימט, און איז דערוויל אַ הילף פיר רעפאָרם געגען אָרטאָדאָקסי. אין אלגעמיין איז עס אַ גרויסע שטערונג איז וועג פון טראַדיציאָנעלען יודענטום אין אמעריקא דאָס וואָס אין דער פראָנט־שורה פון דער אי־דישער בעפעלקערונג שטעהען אנדערע און ניט די וואָס בע־לאַנגען צו דער אָרטאָדאָקסי.

דאָס איז אָבער אַ פּראָבלעם ניט נאָר פיר דער אמערי־קאַנער אָרטאָדאָקסי, נאָר אויך פאר דער אָרטאָדאָקסי פון דער גאַנצער וועלט. אין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר

זיינען די אידען וואָס לעבען לויט דער אידישער טראַדיציאָן אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון די וויכטיגע פּאָזיציאָנען פון עפענטליכען לעבען. אָן אויסנאַהמע איז אין פּוילען, וואו עס זיצען אין סענאַט און אין סיים אָרטאָדאָקסישע אידען און רבנים געשיקט אַלס די שלוחים פון אידישע בירגער. ווען אָרטאָדאָקסישע אידען ווילען האָבען זייערע פאָרשטעהער אין די אידישע פיהרערשאַפט, וואַרפט מען זיי אויף פון די אַנדערע לאַגערן, אַז עס פּאַסט ניט פאַר פרומע אידען צו זוכען פּאָליטיק, זיי דאַרפען עס לאָזען פיר אַנדערע. די טענה איז פאַלש און אונגערעכט און עס האָט קיין אַנדער כונה ווי צו וועלען פאַרטרייבען די אָרטאָדאָקסישע אידען אין אַ ווינקעל. עס איז זעהר נאַטירליך, אַז די אָרטאָדאָקסישע אידען זאָלען שטרעבען צו עראָבערן די פיהרערשאַפט אין דער אידישער וועלט אויף אַזוי וויט ווי זיי קענען. די פיהרערשאַפט פון די אידישע אינטערעסען און פון דער אידישער פּאָליטיק איז אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע געווען אין די הענד פון אָרטאָדאָקסישע אידען און עס שיינט, אַז די חסדאי איבן שפּרוט'ס, די אברבנאַל'ס און די מנשה בן ישראל'ס האָבען עס לכל־הפּחות אַזוי גוט געפיהרט ווי די היינטיגע ניט־טראַדיציאָנעלע אידישע פיהרער. די פאַרטרעטער פון היסטאָריש־נאַציאָנאַלען יודענטום, האָבען אַמווייניגסטענס אַזאַ רעכט אויף פיהרערשאַפט ווי אַנדערע, און זיי דאַרפען דערפאַר קעמפּפען צוליעב זייער אידעאַל, ווייל דאָס וואָס רעפאָרמער אין אמעריקאַ און ראַדיקאַלען אין אַנדערע לענדער שטעהען אָן דער שפּיצע פון דער אידישער כלל־טהעטיגקייט, מאַכט עס דעם טראַדיציאָנעלען יודענטום קליין אין די אויגען פון יונגען דור.

עס איז פאַראַן נאָך אַ געפאַהר אין אמעריקאַ, און דאָס איז, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען נאָך אַ רעפאָרם צווישען דער אַלטער רעפאָרם און דער אָרטאָדאָקסי, דיעזע האַלבע־רעפאָרם, וועלכע וועט ווערען אָנגעפיהרט פון די וואָס שטאַמען פון רוסישע אידען און וועט זיין מעהר נאַציאָנאַל ווי די אַלטע, וועט גיכער ווי יענע קענען איינדרינגען אין די רייהען פון דער אָרטאָדאָקסי און וועלכעס וועט סוף־כל־סוף פיהרען צו אַ גאַנץ־רעפאָרם.

אן איינטהיילונג פון אמעריקאנער אידען

די אמעריקאנער אידען צעהלען יעצט ארום דריי און א האלב מיליאָן. מיר װעלען פרובירען איינטהיילען זיי, לויט זייער האלטונג צום יודענטום, אין פארשיעדענע גרופען. די איינטהיילונג איז ניט לויט ציפערן, וועלכע זיינען וועגען דעם ענין ניטאָ, עס איז נאָר לויט די בעאָבאכטונג פון שרייבער און זיינע פערזענליכע איינדריקע.

די איינטהיילונג מוז געמאכט ווערען אין צוויי בעזונדערע חלקים. צוערשט קומט דער חלק פון די אריבערגעקומענע, עס הייסט, דער טהייל פון דער אידישער בעפעלקערונג, וועלכער איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין אן אנדער לאנד און איז געקומען אהער מיט מעהר אָדער ווייניגער א פארטיגע אידישע בילדונג. דאן — די היגע ערצויגענע אָדער געבאָרענע. די שייכות פון דיזע צוויי הויפט-גרופען צום יודענטום איז נאטירליכערווייזע ניט דיעזעלבע, עס וועט דארום זיין בעסער פיר אונזער צוועק צו בעטראכטען פריהער די פארשיעדענע גרופען פון די אריבערגעקומענע און נאכהער די פארשיעדענע גרופען פון די היגע ערצויגענע, די וואָס זיינען דורכגעגאנגען די פאָבליק-סקול און זייער שפראך איז ענגליש.

די אריבערגעקומענע.

צווישען די אידען וואָס האָבען געבראכט אהער זייער שפראך און זייער ערציהונג, קען מען איינטהיילען פאָלגענדע גרופען:

1. סאָציאליסטען-ראדיקאלען. כמעט אלע פון זיי שטעהען אויף א מאטעריאליסטישען שטאנדפונקט, האלטען זיך געגנעריש צו רעליגיאָן און צום נאציאָנאליזם, טראָץ דעם וואָס זיי האָבען ניט געקענט אין גאנצען אויסוואָרצלען אלע אידישע מנהגים פון זייערע הייזער, איבערהויפט די וואָס זיינען פארבונדען מיט אידישע ימים טובים. דער איינ-

פלוס פון דיעזער גרופּע אין אמעריקאנער יודענטום איז געווען און איז א פאַרניכטענדער, א צערשטערענדער אין אלע הינזיכטען. ניט נאָר בויען זיי קיין זאַך אין אמעריקאנער יודענטום, נאָר זיי לייגען שטיינער אין וועג פון די וואָס ווילען בויען. וואָלט דיעזע גרופּע געהאַט איינפלוס אויף איהרע קינדער, וואָלט דער חורבן וואָס זי האָט געבראַכט נאָך גרעסער געווען. עס וואָלט דאַן אויפגעשטאַנען א דור פון ביטערע שונאים צום יהדות און דער אידישער נאַציאָן. גליקליכערווייזע האָבען זיי קיין איינפלוס אויף זייערע קינדער, וועלכע פאַרוואַרפען דעם סאָציאַליזם, דעם ראַדיקאַליזם און אויך די שנאה צו רעליגיאָן. די דאָזיגע קינדער זיינען נאַטירליך אין גאַנצען פרעמד פון אידישקייט, אָבער דעם אַלץ־צופרעסענדען ניהיליסטישען גענאָסענטום האָבען זיי ניט.

2. סתם אידען. צו דיעזער גרופּע געהערט דער גרעסטער טהייל פון די אריבערגעקומענע אידען אין אמעריקא. זיי האָבען קיין בעזונדערע טעאָריען וועגען יודענטום. זיינען ניט ראַדיקאַל און ניט קאָנסערוואַטיוו, האָבען א אידישען געפיהל, וואָס ווערט אמאָל מעהר אמאָל ווייניגער געוואָרימט פון אַלטע היימישע ערינערונגען. די אידישע שטעדטעל, דער חדר, די מאַמע ביי ליכט־בענטשען, די היימישע חתונה, די שמחות, דער פולער אידישער לעבען, וועלכען זיי האָבען געזעהן — דאָס אַלעס איז איינגעקריצט אין די מחות און מעגען זיי זיין אפילו דרייסיג אָדער פערציג יאָהר אין אמעריקא, זויגט נאָך די נשמה אַלץ פון יענע קוואַלען ביי וועלכע זיי האָבען דעם יוגענד פאַרבראַכט. די סתם־אידען געהען אמאָל אריין אין א שוהל, גיבען אויף א תלמוד תורה, אויב עס איז דאָ ווער עס זאָל זיי שטאַרק בעטען, און שיקען אמאָל א קינד אהין, איבערהויפּט פאַר בר־מצוה. זיי לאָזען אָבער זעהר ווייניג איבער אידישקייט צו זייערע קינדער. דאָס ביסעל אידישקייט וואָס די עלטערן ציינען אמאָל ארויס איז קיין לעבעדיגע קראַפט, עס לעבט נאָר ווי א בלאַסע אָבשפּיגלונג פון אמאָל. עס האָט קיין כח צו איבערגעהן פון איין דור צום צווייטען. די קינדער פון די מעהרכטע פון די סתם־אידען האָבען שוין ניט וואָס צו ערינערן זיך און האָבען

ניט פון וואַנען צו שעפּען עטוואָס פאַר זיך, און מיט דעם אוועקגעהן פון דעם דור וואָס האָט געבראַכט א ז כ ר ו ן פון יודענטום, בלייבט ביין דור־יורש גאָר ניט. דער צווייטער דור איז דער גייסטיגער קינד פון א פרעמדען איינפלוס.

3. נאַציאָנאַליסטען. דאָס זיינען א קליינע גרופּע וואָס בעשטעהט מעהרסטענס פון תלמידים פון דער העברעאישער ליטעראַטור פון די לעצטע דרייסיג יאָהר. די דאָזיגע גרופּע פאַרמאָגט א היבש ביסעל אינטעליגענץ אין איהרע רייהען. פון איהר קומען כמעט אַלע לעהרער פון העברעאיש איבער׳ן לאַנד און די מעהרסטע פון די ציוניסטישע עסקנים.

4. אָרטאָדאָקסען. די אָרטאָדאָקסען פון אמעריקא צופאַלען אין דריי טהיילען:

א. די וואָס פיהרען זיך אַליין לויט דעם אידישען דת, אָבער האָבען ניט גענוג גבורה צו קעמפּפען געגען שטראָם און איבערגעבען די אָרטאָדאָקסישע ירושה צו זייערע קינדער. אין דיעזען פאַל צייכנען זיך די קינדער פון אַזעלכע אָרטאָדאָקסישע אידען ניט אויס פון די קינדער פון סתם־אידען.

ב. די וואָס האָבען די קראַפט און מוטה צו ערציהען א דור וואָס זאָלען היטען דעם דת, אָבער גיבען ניט די קינדער א גענוגענדע מאָס פון אידישע לעהרע און אידישע בילדונג. קורץ: די ליכט פון אידישען ל ע ר נ ע ן איז זיי פרעמד און זייער נשמה איז ניט דורכגענומען מיט דעם פייער פון דער אידישער תורה, אָהן וועלכען דאָס יודענטום קען קיינמאָל ניט זיין פאָלקאָם.

ג. די וואָס האָבען געגעבען זייערע קינדער א פאָלשטענדיגע אידישע לעהרע, האָבען געשאַפען פאַר זיי א אידישע אטמאָספערע, אין וועלכע די הויז און די סקול געהען צוזאַמען, און וועלכע דאָס היטען פון דת געהט צוזאמען מיט א טיעפע ידיעה אין תנ״ך, תלמוד און אנדערע אידישע ספרים. דאָס איז דער טהייל פון אָרטאָדאָקסי, וואָס האָט דאָ פאַרפלאַנצט דעם פולען יודענטום אויף דיזען נייעם באָדען פון אמעריקא.

דאָס זיינען די גרופּען אין דעם דור וואָס איז איז אהער אריבערגעקומען און וואָס האָט געהאַט אויף זיך די גרויסע

אויפגאַבע צו איבערטראָגען די אידישע טראַדיציע און דאָס אידישע לעבען אין דער נייער וועלט. מיר וועלען יעצט אַ קוק טאָן ווי אַזוי עס גרופּירען זיך די נייע אידען וואָס זיינען דאָ געבאָרען געוואָרען אָדער ערצויגען געוואָרען.

די היגע געבאָרענע

די גרופּירונג פון די היגע געבאָרענע אין וועלכע עס געהען אריין די דייטשע אידען און די אנדערע וואָס זיינען שוין דאָ פון אַ פּאָר דורות, מוז זיין אנדערש ווי די גרופּירונג פון די אריבערגעקומענע. אַזוי, צום ביישפּיעל, פאַלען ארויס פון דיעזער גרופּירונג די סאָציאַליסטען־ראדיקאַלען, וועלכע זיינען אַזוי גוט ווי גאָר ניטאָ צווישען די היגע געבאָרענע און עס קומט אריין אַן אנדער גרופּע, וועלכע פעהלט אין דער גרופּירונג פון די אריבערגעקומענע. די ע נ ג ל י ש ־ ר י י־ ד ע נ ד ע, אין אמעריקאַ־ערצויגענע טהייל פון די אידען אין דיעזער לאַנד קען ווערען איינגעטהיילט אַזוי :

1. אידישע־אמעריקאַנער. זיי זוכען שטענדיג מעהר צו בעטאָנען זייער אמעריקאַניזם, ווי זייער אידישקייט, ריכטיג ווי דאָס וואָלט געווען צוויי ענטגעגענגעזעצטע זאַכען און מען מוז די צווייטע אונטערדריקען צוליעב דער ערשטער. זיי האַלטען אויס שעהנע טעמפּלען, אָהן אידישען אינהאַלט. דאָס יודענטום בעשטעהט ביי זיי הויפּטזעכליך אין צדקה. (עס איז שווער זיי צו בעווייזען, אַז די צדקה זאָל פאַרווענדעט ווערען אין אײנקלאַנג מיט'ן אידישען געזעץ. זיי האַלטען אויס טרפה־האָספּיטעלער, טריפה בתי יתומים.) די מעהרס־טע פון דיעזער גרופּע בעלאַנגען צו רעפאָרם, וועלכען מיר האָבען בעהאַנדעלט אין פאָריגען קאַפּיטעל.

2. קאָלירלאָזע אידען. צו דיעזער גרופּע בעלאַנגט די גרויסע מאַיאָריטעט פון די וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אָדער ערצויגען געוואָרען אין דיעזער לאַנד, די קינדער פון סתם־אידען, סאָציאַליסטישע אידען און אויך פון דעם טהייל אָרטאָדאָקסישע אידען, וואָס האָבען ניט איבערגעגעבען בירושה די אידישקייט צו זייערע קינדער. די וואָס בעלאַנגען צו דיעזער גרופּע, די מעהרהייטס גרופּע פון צווייטען דור, האָבען קיין שטעלונג צום יודענטום, אידישע ענינים פאַר־נעהמען אין זייערע געדאַנקען זעהר ווענינ פּלאַץ, אָבוואָהל

זיי פארקעהרען אויסשליעסליך אין אידישער געזעלשאפט. דאס יודענטום איז ביי זיי ניט קיין רעליגיעזע אנשויאונג, ניט קיין נאציאנאלער אידעאל און אויך ניט קיין פאלקס־ירושה, וואס איז איינגעבאקען אין הארצען, עס איז ביי זיי א סארט שטאמס־געפיהל (זיי שעהמען זיך ניט מיט זייער ראסע און זוכען עס ניט צו פארדעקען) און עס בעשטעהט ביי זיי אין געוויסע צערעמאניען, וועלכע זיי האל־טען און וועלכע האבען קיין שטארקע פארבינדונג מיט זייער אינערליכען "איך". זיי האלטען אם שטארקסטען פון הזכרת נשמות, יאהרצייט, בר־מצוה, קאנפירמיישאן פיר מיידלאך. קיין אידישע צייטונגען לעזען זיי ניט. אינטערעסירען זיך ניט אפילו מיט דאס וואס מען שרייבט אין ענגליש איבער אידישע אנגעלעגענהייטען. ווייסען זעהר ווייניג איבער דער אידישער פערגאנגענהייט, פיהלען ניט, אז זיי האבען צו זארגען פיר א געוויסע גייסטיגע ירושה, וועלכע זאל ניט אונטערגעהן, ווייסען ניט די גרויסקייט פון דער אידישער רעליגיאן, איהרע אידעען, אידעאלען און צוועקען. זיי דער־זעהען אמאל צופעליגערווייזע אין אן אלגעמיינעם בוך ווע־גען די גרויסקייט פון דער ביבעל, אדער לעזען אין א צייט־טונג וואס א גלח, א ראבי, א רעדנער פון טשאטאקווא, א פראפעסאר פון ארכעאלאגיע האט געזאגט וועגען אזא סארט ענין און אין דעם בעשטעהט זייער "אבשאצונג" וועגען זייער אייגענע רעליגיאן וועגען וועלכער זיי האבען פון אידישער קוועלע גאר־ניט אדער אזוי גוט ווי גאר ניט גע־לערענט. וועגען צוקונפט פון יודענטום האבען זיי געווים ניט צו זארגען. דאס יודענטום איז ביי זיי קיין לעבעדיגע זאך ניט אינדיווידועל, ווייל עס איז ביי זיי קיין אמונה ניט איינגעפלאנצט געווארען, און ניט קאָ־לעקטיוו אלס די גייסטיגע קראפט פון אידישען פאלק. א טהייל פון דיזער גרופע איז יא עטוואס רעליגיעז גע־נייגט, אבער דאס קומט מעהר פון דעם איינפלוס פון דער ארומיגער אנגלא־סאקסישער קולטור, א קולטור מיט א רע־ליגיעזען פונדאמענט און א ליעבשאפט צו דער ביבעל, ווי פון דעם איינפלוס פון די אידישע עלטערן. דיעזע נייגונג פון דעם לאנד צו רעליגיאן איז פון די אידען ניט אויס־

גענוצט געוואָרען פיר די צוועקען פון יודענטום. די דאָזיגע גרופּע וועגען וועלכער מיר ריידען דאָ, איז אין גאַנצען אוועקגעגעבען געוואָרען אויף פרעמדע הענד: זאָלען גוים ערציהען אונזערע קינדער וועהרענד מיר זיינען פאַרנומען מיט אנדערע זאַכען! צו מאַכען די קינדער פאַר בעוואוסטזיי־ניגע אידען קאָסט געלד, צייט, אנשטריינגונג און געדולד, וועהרענד צו איבערגעבען אלעס אין פרעמדע הענד און זיין פּטור פון קינדער־ערציהונג איז א לייכטע זאַך. דער שמעלץ־טאָפּ איז פאַרטיג, אריינגעוואָרפען אהין די נשמות פון אונ־זערע קינדער און פריי געוואָרען פון א שווערע פפליכט! אין די טויזענדער יאָהרען פון אידישע געשיכטע האָט קיין ביי־שפּיעל דערצו ניט פּאַסירט. צו דיזער גרופּע געהערען אמ־וויינינגסטענס אכציג פּראָצענט פון דעם געבאָרענעם אָדער אופגעהאָדעוועטען אידישען דור אין אמעריקא.

3. א זעהר קליינע הייפעל פון אמעריקאנער געבאָרענע אָדער ערצויגענע ציוניסטען. די נאַציאָנאַלע בעוועגונג איז זעהר וועניג אריינגעדרונגען אין דעם צווייטען דור פון אידען אין אמעריקא. די מעהרסטע פון דיזער גרופּע שטאַמען פון אָרטאָדאָקסישע עלטערען און זיינען געקומען צום ציוניזמוס אלס רעזולטאַט פון היימישען איינפלוס.

4. אַמעריקאנער געבוירענע אָדער ערצויגענע אָרטאָ־דאָקסען. דאָס זיינען די וואָס זיינען די טרייע טרעגער פון טראדיציאָנעלען יודענטום אין אמעריקא. זיי שרעקען זיך ניט אָב פאַר'ן שווערען קאַמפּף וואָס זיי האָבען דאָ דורכ־צומאכען. בעוואָפענט מיט דער אלטער אידישער עקשנות און מיט א לעבעדיגעם יודענטום אין הארצען זיינען זיי ענט־שלאָסען צו שאפען אין דיזער לאַנד א היים פאַר אידישקייט ווי די היימען וואָס זיינען פריהער געווען און זיינען היינט אין אנדערע לענדער. אין יענע קרייזען הערט מען די שטי־מע פון יעקב שאלען מיט פייער און התלהבות ווי אין די אלטע צייטען און אין די אלטע מקומות. יונגע לייט, געבאָ־רען אין דיזער מדינה, זיצען אין די אבענדען און לערנען תנ"ך, גמרא און משניות און אנדערע אידישע ספרים. צוזאַ־מען מיט די אָרטאָדאָקסען וואָס זיינען אהער אריבערגעקו־מען בילדען זיי די קעמפּפענדע ארמיי וואָס געהט בעזיעגען

א פּלאַץ אונטער דער אמעריקאנער זונן פאר דער כנסת־ישראל דורך דער גרינדונג פון אן אמת'ן אידישען לעבען, פון תורה און מצוות, לערנען און מעשים, נאָבעלע אידעאַלען און אייביגע אמת'ן. זיי זיינען עס די גרינדער פון די ישיבות, פון תלמוד־תורה'ס און פון אלעס וואָס איז לעבעדיג און קרעפטיג אידיש אין דיזער מדינה.

איך ווייס ניט דעם פּראָצענט פון דער אָרטאָדאָקסי אין אַמעריקא. זי איז א קליינע מינאָריטעט. איך רעכען אז זי איז קוים צעהן פּראָצענט. איך ווייס אָבער אז אויף די אַקסלען פון דיזער מינאָריטעט ליעגט די גאנצע צוקונפט פון אידען אין אמעריקא, אויב עס איז פאַראַן אזא צוקונפט. זיי זיינען דער אוואַנגאַרד (חלוץ) פון דער אידישער נאַציאָן אין דיזער לאַנד. זיי טראָגען דעם פאַקעל וועלכער בעלייכט ניט נאָר זייער אייגענעם לאַגער, נאָר שיקט אויך א שטראַהל צו די אנדערע טהיילען פון דער אידישער מחנה וועלכע וואַרימט זיך אָן דעם פייער פון אָרטאָדאָקסי און לעבט פון איהר זכות.

צאָהל פון אידען אויף דער גאַנצער וועלט

איידער מיר ווען אונטערציהען דעם סך־הכל פון אלעס וואָס איז ביז יעצט געזאָגט געוואָרען און פּרובירען קומען צו א בעשלוס וועגען דעם צוקונפט פון יודענטום, דאַרפען מיר זיך נאָך אָבשטעלען אויף דריי זאַכען, וואָס וועלען האָבען אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע אין די שפּעטערדיגע דורות. דער איינפלוס וועט זיין צום גוטען; ער וועט העלפען דער אידישער נאַציאָן אין דעם שווערען קאַמפּף פון איהר עקזיסטענץ. די דריי זאַכען זיינען:

די צאָהל פון אידען.
די נאַציאָנאַלע היים אָדער שיבת ציון.
די אָנשטרענגונג פיר דער היימלאַנד.

ווען מען דיסקוטירט די לעבענס־פראַגע פון דער אידישער נאַציאָן שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע די צאָהל פון אידען. וואָס מעהר עס זיינען פאַראַן אידען, אַלץ מעהר האָפנונג איז פאַרהאַן, אַז דאָס פאָלק וועט איבערלעבען אַלע קריזיסען, וואָס קלענער עס איז די צאָהל אַלץ גרעסער איז די געפאַהר פון אַסימילאַציאָן. מיר וועלען דאַרום בעטראַכטען ווי אַזוי איז געווען די צאָהל פון די אידען אין פערלויף פון דער אידישער געשיכטע זייט חורבן בית־המקדש ביז היינט. פאַר אונז זיינען נאַטירליך ניט אַזוי וויכטיג דער צאָהל פון די אידען, ווען זיי האָבען געהאַט זייער לאַנד, ווי דער צאָהל פון אידען אין דער גאַנצער צייט פון דער צושפּרייטונג.

די צאָהל פון די אידען גענוי ביים חורבן בית המקדש איז ניט בעקאַנט. לויט אַלע קוועלען איז ארץ־ישראל אין יענער צייט געווען געדיכט בעפעלקערט. ירושלים אליין האָט געהאַט אַ גרויסע בעפעלקערונג, אָבער די מלחמה מיט די רוימער האָט געמוזט פאַרניכטען אַ גרויסע צאָהל אידען, פיעלע

ייב[illegible] פארקויפט געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. נאָר אפּיל [illegible] זאָלען אָנגעהמען א קאָנסערוואַטיווע הע[illegible]
[illegible]
[illegible] אין [illegible]. מיר האָבען די [illegible] פון [illegible],
[illegible] צייט האָבען זיך געפונען א מיליאָן אידען א[illegible] צווישען 8 מיליאָן [illegible]. מען איז [illegible] [illegible] [illegible] מיליאָן אידען האָבען זיך דאָן געפונען [illegible] די רוימישע און גריכישע לענדער, אין בבל און אנדערע מקומות, ווייל די צושפּרייטונג פון די אידען איז שוין געווע גרויס נאָך פאר'ן חורבן. לויט דיזען רעכענונג זיינען אידען געוועזן ארום פיער און א האלב מיליאָן מענשען אין דער צייט ווען די מויערען פון ירושלים זיינען געפאלען. בע־טראכטענדיג דיזע צאָהל אין פערגלייך מיט דער צאָהל פון אנדערע פעלקער אין יענער צייט, זיינען אידען געווען ניט קיין קליינע אומה. אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, ווען די אידען וואָלטען געזעסען אויף אן אייגענע גרויסע און ברייטע לאַנד פון דאַן ביז יעצט, וואָלטען יעצט געווען מעהר אידען ווי פינעזער, זיי וואָלטען געצעהלט הונדערטע מיל־יאָנען.

די אומשטענדען אָבער זיינען ניט געווען גינסטיג פיר דאָס חרוב געוואָרענע פאָלק זיך צו מעהרען און ניט האָבענ־דיג קיין גרונד אויף צו בויען סטאַטיסטישע השערות, מוז מען אָננעהמען, אז זייער צאָהל איז ניט געוואקסען, נאָר פיעללייכט נאָך קלענער געוואָרען אין די פיעלע יאָהרהונדער־טע וואָס זיינען אוועק ביז עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די געוואלדיגע פערפאָלגונגען פון די קרייצציגע, ווען די איי־ראָפּעאישע בארבארען זיינען געגאַנגען אָבנעהמען דעם קריסטליכען קבר פון די מחמדנישע הענד און האָבען בע־שלאָסען, אז איידער זיי קומען קיין ירושלים זאָלען זיי פאר־טילינגען אלע אידען וואָס זיי וועלען געפינען אויפ'ן וועג. נאָך די קרייצציגע איז געווען די שווארצע מגפה, און נאָכ־הער האָבען זיך אָנגעפאַנגען דאָס נויטען צום שמד אין שפּאַניען און אין אנדערע לענדער. נאָכהער האָבען זיך אָנ־געפאַנגען די גירושים, פון פראַנקרייך, פון ענגלאַנד, פון בעהמען, פון שפּאַניען, וועלכע האָבען געבראַכט פארניכטונג

פאר אידען. און בעפאר נאך דאס אידישע פאלק איז געקומען צו זיך האבען זיך אנגערוקט די גזרות ת״ח ביי וועלכע א פערטעל מיליאן אידען זיינען אויסגע׳הרג׳עט געווארען אזוי, אז ביין ענדע פון 17טען יאהרהונדערט איז געווען די צאהל פון אידען אויף דער גאנצער וועלט ניט מעהר ווי איין מיליאן. אין פערלויף פון זעכצעהן יאהר־הונדערטע פון חורבן בית שני ביז׳ן חורבן פון די אידישע קהלות אין אוקראינא איז די צאהל פון אידען געפאלען פון פיער און א האלב מיליאן אויף איין מיליאן. דאס איז דער שווידערליכער פרייז וואס די אידען האבען בעצאהלט פאר׳ן גלות. א בעמערקונג מוז אבער דערביי געמאכט ווערען, אז אין מיטעלאלטער האבען זיך די גוים אויך ניט פיעל גע־מעהרט.

דער צאהל פון אידען האט אנגעפאנגען צו וואקסען מיט דעם אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט. אין פערלויף פון דעם דאזיגען יאהרהונדערט איז די צאהל פון אידען גע־וואקסען אויף דריטהאלבען אדער דריי מאל אזוי פיעל. ארום דעם יאהר 1700 זיינען געווען אויף דער גאנצער וועלט ארום א מליאן אידען, ווערענד ארום דעם יאהר 1800 זיינען שוין געווען אן ערך פון דריי מיליאן אידען אויף דער וועלט. די אורזאכע פון דיעזען וואוקס איז געווען ראשית די פארקלענערונג פון פארפאלגונגען און פון גירושים, און צווייטענס, די אויסבעסערונג פון עקאנאמישען מצב אין איראפא. די צאהל פון דער אלגעמייגער בעפעל־קערונג איז אויך שטארק געשטיגען אין פערלויף פון 18טען יאהרהונדערט, אבער די צאהל פון אידען איז געשטיגען נאכ׳ן ערך מעהר.

אבער דער 19טער יאהרהונדערט האט געבראכט נאך בעסערע רעזולטאטען פאר דעם צאהל פון אידען ווי דער 18טער. אידען האבען אנגעפאנגען דעם 19טען יאהרהונדערט מיט א צאהל פון דריי מיליאן אויף דער גאנצער וועלט און האבען געענדיגט דעמזעלבען יאהרהונדערט מיט א צאהל פון צוועלף מיליאן. פון ארום 1800 ביז ארום 1900 איז די צאהל פון דער אידישער פאלק פאר־גרעסערט געווארען אויף פיער מאל אזוי־

פ י ע ל. פאַר דער וועלט־מלחמה איז געווען דער צו־וואוקס פון אידען א מיליאָן נפשות אין זעקס יאָהר. (לעש־צינסקי).

דעם וואוקס פון די אידען אין 19טען יאָהרהונדערט קען מען בעסער בעטראכטען, ווען מיר ווען זיך צוקוקען צו די צאָהל אידען אין רוסלאנד. אין גאַנץ רוסלאנד (מיט פוילען) זיינען געווען אין סוף פון דער ערשטער האלב פון 19טען יאָהרהונדערט, צוויי מיליאָן אידען, וועהרענד די רוסישע פאָלקס־צעהלונג אין 1897 גיט אָן אָפיציעל די צאָהל פון די אידען אלס 5,215,805, דאָס הייסט, מעהר ווי פאַרדאָפּעלט אין פופציג יאָהר צייט, און אין יענע פופ־ציג יאָהר, דאַרף מען ניט פאַרגעסען, איז שוין געווען א שטאַרקע עמיגראַציאָן פון אידען פון פוילען און רוסלאנד קיין אַמעריקא, איבערהויפּט אין די יאָהרען פון 1881 נאָך די פּאָגראָמען ביז 1897, ווען דער אויבענדערמאָהנטער צענ־זוס אין רוסלאנד איז גענומען געוואָרען.

וויכטיג איז, אַז ניט נאָר איז די צאָהל פון אידען אין רוסלאנד אין פערלויף פון 19טען יאָהרהונדערט פאַרגרע־סערט געוואָרען אין א בעדייטענדער מאָס, נאָר דער צו־וואוקס פון אידען איז געווען כמעט ווי דאָפּעלט ווי דער צו־וואוקס פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג דאָרטען. אין די פינף און צוואַנציג רוסישע גובערניעס, וואו דער פּראָצענט פון אידען איז געווען אין אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט ז ע ק ס ־ ז י ב ע ן געגען דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג, איז אין מיטען פון 19טען יאָהרהונדערט געשטיגען ביז א כ ט ־ נ י י ן. און אין 1897 האָט שוין דער פּראָצענט דער־גרייכט ביז צ וו ע ל ף פּ ר אָ צ ע נ ט פון דער אַלגע־מיינער בעפעלקערונג. אָדער לאָמיר נעהמען די צאָהל פון די אידען אין די צעהן פוילישע גובערניעס. אין 1816 זיינען געווען אין די צעהן פוילישע גובערניעס 212,000 אידען, אין 1913 זיינען דאָרט געווען 1,954,898 אידען. דער פּראָצ. פון די אידען געגען־איבער דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג איז געווען אין 1816 7.8 פּראָצענט און אין 1913 שוין 14.97. פון הונדערט פערזאָן פון דער אַלגעמיינער בעפעל־קערונג אין 1816 איז געוואָרען 481 אין 1913, וועהרענד

פון הונדערט אידען אין 1816 איז געוואָרען 922 אין 1913 (לעשצינסקי). עס הייסט, אז דער אידישער צואוואוקס איז פאַר דער צייט געווען כמעט צוויי מאָל אזוי גרויס ווי דער ניט־אידישער.

פון די אלע חשבונות קומט ארויס איין זאך קלאָר, אז אין פערלויף פון די לעצטע הונדערט יאָהר (ביז דער קריעג) זיינען אידען געוואָרען פארמעהרט פיער מאָל אזוי פיעל. די צאָהל אידען יעצט (1923) ווערט אָבגעשאצט אויף פ ו פ צ ע ה ן מ י ל י אָ ן. טריטש שאצט עס אויף זיבעצעהן מיליאָן). אויב, אלזאָ, די פארמעהרונג פון די אידען אין די קומענדע הונדערט יאָהר זאָל זיין אין דערזעלבער פראָפּאָרציאָן, ווי עס איז געווען אין די פערגאנגענע הונדערט, וועלען מיר האָבען איבער הונדערט יאָהרען ז ע כ־ ציג מ י ל י אָ ן א י ד ע ן. אָבער דאָס זעהט נאָר אויס אזוי פון אויבען. ביי א נעהנטערע בעטראַכטונג פון דער פראגע וועלען מיר קומען צום בעשלוס, אז מיר קענען ניט ערווארטען אזא צואוואוקס אין די קומענדע הונדערט יאָהר ווי אין די פערגאנגענע.

די הויפּט אורזאכען פון דער פארמעהרונג פון אידען זיינען ביז יעצט געווען: גרויסע משפחות, יונגע הייראַטען, ריינער פאמיליען־לעבען, ניכטערן־זיין און זעהר שטארקע אי־ בערגעבענהייט צו דעם האָדעווען פון קינדער. צו דער לעצ־ טער אורזאכע איז צו פערדאנקען, אין א זעהר גרויסע מאָס, דער פאקט וואָס די שטערבליכקייט פון אידען איז אין דער גאנצער וועלט קלענער ווי ביי ניט־אידען. אָבער דיעזע אלע מעלות וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט זיינען פארבונדען מיט דעם רעליגיעז־טראַדיציאָנעלען אידישען לעבען. וואו די אידען ווארפען אוועק דיעזען לעבען, פאנגען־אָן דיעזע מעלות צו פערשווינדען, די משפחות ווערען קלענער, דאָס פאַ־ מיליען־לעבען ווערט שוואכער, און אלס רעזולטאט קומען קראַנקהייטען, וואָס זיינען ביי אידען קיינמאָל ניט געווען, חתונות ווערען פיעל שפעטיגער, די איבערגעבענהייט צו קינדער־האָדעווען ווערט קלענער, און אזוי ווערט אונטער־ געגראָבען דער הויפּט־פונדאמענט פון דער אידישער פאַר־ מעהרונג, ייען די אידען קומען מעהר אונטער דעם איינפלוס

פון מאָדערנע אומשטענדען. אָט, למשל, איז אין ברעסלוי, אין 1906, געווען ביי אידען 309 טויטע און ניט מעהר ווי 306 געבורטען, "אלזאָ א פארקלענערונג אנשטאט א פאר־גרעסערונג" (ראדלער־פעלדמאן).

דער אָנפאנג פון דעם 19טען יאָהרהונדערט האָט נאָך גע־פונען א פעסטען יודענטהום און נאָר אַ זעהר קליינע הייפעל זיינען געווען אוועק פון דעם אידישען טראדיציאָנעלען לע־בען, וועהרענד דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט האָט שוין געפונען דעם אידישען לעבען אויפגעטרייסעלט פון זיינע פונדאמענטען, דער אידישער כח פון קאמפף געגען דער סביבה איז אָבגעשוואַכט, געמישטע־הייראטהען אין די פרייע לענדער זיינען מעהר ווי פריהער. די אונטערשטע שורה איז, אז מען קען ניט ערווארטען, אַז דער וואוקס פון אידען זאָל זיין אזוי גרוים ווי פריהער. און דאָס האָט גע־פיהרט דר. רופין, וועלכער האָט אויפגעזאמעלט א גרויסען מאטעריאל וועגען די ענינים, צום בעשלוס, אַז טראָץ דעם גרויסען צוואוקס וואָס אידען האָבען געהאט אין פערלויף פון אכצעהנטען און נייצעהנטען יאָהרהונדערט, איז דער סוף פון אידען, אז זיי וועלען אין די גלות־לענדער אין גאנ־צען פארשווינדען, צוליעב דעם וואָס זייער צאָהל וועט אונ־טער די נייע אומשטענדען ניט נאָר ניט ווערען מעהר און מעהר, נאָר וויינינגער און וויינינגער.

דאָס איז אָבער א צו־פעסימיסטישער בליק און דער שכל־הישר איז געגען דעם.

לעשצינסקי שטעלט־אויף אַ ליסטע פון פאָלגענדע עלף גרעסטע אידישע געמיינדען אויף דער וועלט: נויאָרק, ווארשא, טשיקאגאָ, בודאפעסט, אדעס, וויען, פילאדעלפיא, לאדז, לאָנדאָן, בערלין, קיעוו. אין דיעזע עלף קהלות זיינען פאראן 3,353,838 אידען, אלזאָ מעהר אידען ווי עס איז געווען אויפ'ן גאנצען ערד־קוגעל מיט הונדערט יאָהר צוריק. די קאָנצענטרירונג פון די אידען אין גרעסערע שטעדט איז אן ערשיינונג וואָס האָט צו טאָן מיט אונזער פראגע, ווארום דאָרטען וואו עס ווערען געבילדעט גרויסע אידישע געמיינ־דען מוז אידישקייט ניט־ווילענדיג קריגען א שטיקעל כח. אין גרויסע געמיינדען זיינען פאראן פיעלע שיכטען פון דער

אידישער בעפעלקערונג, וואָס קומען כמעט גאָר ניט אין בע־ריהרונג מיט קיין גוים. דאָרטען וואו די אידען בילדען א בע־דייטענדען פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג, איז ניט אזוי לייכט זיי צו פארשלינגען. און מיר זעהען, אז אין יעדעס לאנד איז דער טענדענץ פון די אידען צו קומען אין די גרוי־סע שטעדט אין די אינדוסטריעלע און האנדעלס־צענטרען, און דאָרטען פון זיך אליין בויען אידישע קוואַרטאלען. אזוי, למשל, זעהען מיר אין אמעריקא אז באלד דריי פערטעל פון צאָהל פון די אידען פון גאנצען לאנד וואָהנען אין צעהן גרויסע אידישע קהלות. ווען מען זאָגט, דארום, אז די אידען זיינען אין אמעריקא דריי פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג איז עס ריכטיג נאָר אין דעם אלגעמיינעם צאָהל, אָבער אין בעצוג צו אונזער פראגע, די פראגע פון אסימילאציאָן, איז דער פּראָצענט א גאנץ אנדערער. אין ניו יאָרק צום ביישפּיעל זיינען אידען 25 פּראָצענט און א בעפעלקערונג פון 25 פּראָצענט איז פיעל שווערער צו פערשלינגען ווי א בעפעלקערונג פון דריי פּראָצענט. די גרויסע קהלות און די צאָהל פון אידען איז איינע פון די קרעפטען וואָס זיינען פ י ר אונז ניט געגען אונז.

אויב מיר קענען ניט ערוואַרטען זעכציג מיליאָן אידען הונדערט יאָהרען, אויב אפילו מיר זאָלען "אוועקגעבען" דריי פיערטעל פון דעם צאָהל פיר אלע צעשטערענדע עלע־מענטען קענען מיר דאָך אָבער נאָך אלץ האָבען א רעכט צו האָפען אויף א 15 מיליאָן אידען אין 2023, נאטירליך אויב נאָר עס זאָל בלייבען א געזונדער קערן, ארום וועלכע דאָס איבעריגע זאָל זיך קענען האלטען.

די נאציאָנאלע היים

ווען דער "פארניכטער פון נאציאָנען" נבוכדנאצר פון בבל האָט געקוילעט די קינדער פון אידישען קעניג פאר די אויגען פון זייער פאָטער, האָט דעם קעניג די אויגען אויסגעשטאָכען, האָט די אידען אוועק געפיהרט פון ארץ־ישראל אין ווייטען בבל, האָבען די געפאַנגענע אידען מיט פייער געשוואָרען: פארגעסען זאָל ווערען מיין רעכטע האנד, אויב איך וועל דיר פארגעסען, ירושלים!

דאַן, אין יענעם מאָמענט איז געלייגט געוואָרען דער פונדאמענט פון א נייע נאציאָנאלע היים אויף די נאָך רויכערענדע חורבות פון דער אַלטער היים, וועלכע נבוכדנאצר האָט צושטערט.

און ווען טיטוס האָט שפּעטער געטאָן דיזעלבע ארבייט ווי נבוכדנאצר, האָט פארברענט די ווידער־אויפגעבויטע נאציאָנאלע היים און האָט די געפאנגענע אידען געפיהרט ניט קיין מזרח צו בבל, נאָר צו מערב אין רוים, האָבען די געפאַנגענע פייערדיג ווידערהאָלט די אַלטע הייליגע שבועה, וועלכע איז שוין געווען ניט נאָר אויסגעשריבען אויף פּאָרמעט, נאָר איינגעקריצט אין יעדער אידישער נשמה.

זיי האָבען די שבועה ניט פאַרגעסען.

אויף דעם מיבער, אויף דעם גוואדאַלקאָוויר, אויף דער סעין, אויף דער רהיין, אויף דער ווייכסעל, אויף דער וואָלגא, אויף דער טעמזע און אויף דעם פרת האָבען זיי די שבועה ניט פארגעסען. פעסט זיינען די בליקען פון דעם עקשנות־פאָלק געווען איינגעגעסען אין דעם בארג פון ציון אויף וועלכע די נאציאָנאלע היים וועט ווידער שטעהן.

און פון אַלע ברעגען פון דעם ערד־קוגעל, אין אַלע צייטען, אין אַלע דורות זינט די מחנות פון אדרינוס־קיסר האָבען אויסגע'הרג'ט די לעצטע גבורים פון בר־כוכבא און רבי עקיבא, האָבען זיך אידען געצויגען אהין, צו דער אידישער

לאַנד, האָבען די שטיינער געקושט, און האָבען זיך דאָרטען בעזעצט — דער פונדאמענט פון דער נאציאָנאַלער היים!

און עס האָט זיי ניט געקענט אָבהאַלטען דער שווערד פון בארבארען, די געפאהרען פון דער רייזע, ניט די שרעקען פון ים־רויבער און ניט די סכנות פון יבשה־פראים האָבען זיי געקענט שטערען אויסצופיהרען זייער שבועה. קיין מאַכט האָט ניט געקענט אויסרייסען דעם אידישען ישוב פון דער אידישער לאַנד.

און פרומע טאטעס אין אלע טהיילען פון דער וועלט האָבען געלד געגעבען אויסצוהאַלטען די אידען אין ארץ־ישראל, און פרומע מאַמעס האָבען מיט היילינע ציטערניש ביי ליכט־בענטשען זייערע גראָשענס געשענקט פיר די שומרים פון ציון. און פון די גראָשענס זיינען אין ארץ־ישראל אידישע הייזער געבויט געוואָרען, אידישע קווארטאלען גע־גרינדעט געוואָרען.

ביז עס איז געוואָרען מעגליך ארויסצוגעהן פון די שטעדט און אָנפאנגען צו פלאנצען אויפ׳ן פעלד, און דער וועג צו קומען אין ארץ־ישראל איז גרינגער געוואָרען, האָ־בען זיך אידישע גערטנער פארפלאנצט און אידישע דערפער זיינען אויסגעוואקסען — מעהר און מעהר שאפט זיך און בויט זיך די נאציאָנאַלע חיים.

די אַלטע שבועה איז ניט פארגעסען געוואָרען. קיסרים זיינען געפאלען און קאליפען זיינען געקומען, קאליפען זיינען בעזיעגט געוואָרען און קרייצפאָהרער זיינען געקומען, קרייצפאָהרער זיינען פערשוואונדען און סולטאנען זיינען געקומען. ביז וואנען עס האָבען אין א ליכטיגען פריה־מאָרגן אָנגעהויבען דונערן הארמאטען נעבען ברעג ים, פון א שיף אויף וועלכער עס האָט געפלאטערט די פאָהן פון דער גרעס־טער אימפעריע אויף דער וועלט, איז אראָבגעשטיגען א מאן מיט א אידישען פנים מיט א שווערד אויפ׳ן זייט און ער האָט ערקלעהרט, אז דער ענגלישער קעניג האָט איהם גע־שיקט די נאציאָנאַלע היים צו מאכען. און דער מאן איז אן אור־אור אייניקעל פון יענע וואָס האָבען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק די גרויסע און היילינע שבועה פון אם אשכחך געגעבען!

וועט אימיצער וואַגען צו צווייפלען נאָך דעם אַלעמען, אַז די נאַציאָנאַלע היים וועט געבויט ווערען? וועט אימיצער וואַגען צו זאָגען, אַז גראָד איצט, ווען ארץ־ישראל איז אין די הענד פון א מדינה, וואָס האָט צוגעזאָגט צו העלפען אידען בויען זייער היים, וועלען אידען פאַרגעסען זייער שבועה, נאַכדעם ווי זיי האָבען איהר הייליג געהאַלטען ביז יעצט?

דער וואָס זאָגט עס, האָט אַ קורצען בליק און קען ניט אַרומנעהמען די געשיכטע פון דער ציון־"בעוועגונג" פון דעם ערשטען "אם אשכחך" ביז יעצטיגען מאָמענט, ער קען ניט אַרומנעהמען אַ געוואַלדיגע ערשיינונג וואָס ציהט זיך צוויי און אַ האַלב טויזענד יאָהר און איז דער צענטראַלער פּונקט פון דער פאָלקס־נשמה.

דער מאַנדאַט איז מעהר גוט אָדער וויניגער גוט, דער ווייסער־פּאַפּיר איז האַלב־שלעכט אָדער דריי־פערטעל שלעכט, אָדער ער טויג גאָר ניט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן איז שטאַרק אָדער שוואַך, פייהיג אָדער אונפייהיג אָנצופיהרען די ארבייט, דאָס זיינען ניט די הויפּט־פראַגען. די נאַציאָנאַלע היים איז ניט אָנגעוויזען אויפ'ן מאַנדאַט, אויף דעם ווייסען אָדער דונקעלען פּאַפּיר און אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן. איידער עס איז געווען אַ מאַנדאַט, און פּאַפּירען, און אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן, האָבען אידען געבויט ארץ־ישראל, האָבען פערוואַנדעלט ירושלים און צפת און טבריה אין אידישע שטעדט, האָבען קאָלאָניען געבויט און האָבען געשאַפען די אידישע בעפעלקערונג פון פּאַלעסטינא. ניט דער מאַנדאַט האָט געשאַפען דאָס וואָס מיר האָבען אין ארץ־ישראל, נאָר דאָס וואָס מיר האָבען אין ארץ־ישראל האָט אונז געגעבען דעם מאַנדאַט.

די אידען וואָס וועלען קומען אין ארץ־ישראל צו בעזעצען זיך, צו זייען און פלאַנצען, צו אַרבייטען און האַנדלען, זיי וועלען מאַכען די נאַציאָנאַלע היים. און די אידען וועלען קומען, זיי קומען איצט אויך. און די וואָס קומען ניט וועלען העלפען מיט געלד, זיי העלפען יעצט אויך. זיי האָבען שטענדיג געהאָלפען. מיט פופציג, מיט הונדערט, מיט פינף־הונדערט יאָהר צוריק. יעדער צייט לויט איהרע אומשטענדען.

צו זאמלען די בעשיעדענע סומען געלד וואָס מען פלעגט מיט הונדערט יאָהר צוריק שיקען פאַר'ן ישוב אין ארץ־ישראל, איז דאַן געוועזן אַזוי שווער ווי צו שאַפען מיליאָנען פאַר ציון היינט. דער עיקר איז, אַז די שבועה איז ניט פאַרגעסען.

וויפיעל וועט דויערען ביז די נאַציאָנאַלע היים וועט פאַר־טיג ווערען? דאָס איז אַן איבריגע פראַגע. עס האָט געדוי־ערט אַ לאַנגע צייט איידער די ערשטע חיים אונזערע אין ארץ־ישראל איז פאַרטיג געוואָרען. עס האָט געדויערט לאַנג איידער די צווייטע איז פאַרטיג געוואָרען. אפשר וועט עס דיעזען מאָל געהן שנעלער, און אפשר ניט. עס ווענדעט זיך אָן די אומשטענדען, עס ווענדעט זיך מעהר ווי אַלעס אין אידען. ניט פאַר אונז איז צו זעהן דעם דאַך פון דער אידי־שער היים, אָבער מיר קענען מיט זיכערהייט קוקען פאָראויס אין דער צוקונפט אריין, און מיר זעהען דאָרטען די דריטע היים עטאַבלירט אין ציון.

* * *

און פונקט ווי עס איז זיכער, אַז עס וועט זיין אַ דריטע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל, אַזוי איז זיכער, אַז זי וועט זיין אַ א י ד י ש ע חיים, אידיש אין אינהאַלט, אידיש אין אויפפאַסונג, אידיש אין בעגריף, לויט דער אי־דישער טראַדיציאָן, לויט דער תורה.

דער קאַמפף צווישען יודענטום און דעם נאַציאָנאַליזמוס־אָהן־רעליגיאָן וועגען וועלכען מיר האָבען גערעדט אין די פריהערדיגע קאַפיטלען, וועט ניט אויפהערען אפילו אויף אַ מאָמענט, און עס דאַרף ניט אויפהערען. דאָס זיינען צוויי שיטות, וועלכע קענען ניט צוזאַמענגעפאָרט ווערען. די טראַ־דיציאָנעלע אידען קענען ניט מסכים זיין צו אַזאַ סאָרט היים, וואָס זאָל מיט דם יודענטום ניט האָבען צו טאָן. וואו עס זאָל הערשען אַ קולטור וואָס נעהמט אַלץ פון די גוים, נאָר זי טראָגט עס איבער אין העברעאיש.

אַן ארץ־ישראל אָהן אידישקייט, אַן ארץ־ישראל, וואָס איז ניט מעהר ווי אַ שקלאַפּישע נאַכאַהמונג נאָך דאָס וואָס די משכילים האָבען געזעהן אין אַנדערע לענדער, וואו זיי זיינען געוועזן איידער זיי זיינען געקומען אין דער אידישער לאַנד — דאָס איז ניט די ארץ־ישראל, וואָס דאָס אידישע

פאָלק קען אַקצעפּטירען. דאָס אידישע פאָלק האָט שטענדיג אַנערקענט און וועט שטענדיג אַנערקענען נאָר אַן ארץ־ישראל, וועלכע איז איין זאַך מיט תורת ישראל.

און ניט אַזאַ חנוך ווי דער וואָס איז איינגעפיהרט אין די ארץ ישראל סקולס (אויסער די סקולס וואָס זיינען אונ־טער דעם אויפזיכט פון ″מזרחי″ און די טראַדיציאָנעלע בתי־חנוך פון אַנדערע אָרטאָדאָקסען) קען צופרידען שטעלען די אידען, וואָס ווילען אַ אידישע ארץ־ישראל. עס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען צו מיר אין האַנד דער זיבעצעהנטער באַנד פון ″התקופה″ און איך קען זיך ניט בעהערשען ניט צו געבען וואָס עס זאָגט דאָרטען איבער דער גימנאַזיע פון יפו און וואָס זי האָט געשאַפען, דער בעגאַבטער שריפט־שטעלער, ראַדלער־פעלדמאַן (ר׳ בנימין), וועלכער וואָהנט אין ארץ־ישראל זייט פופצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר, איז אַ תושב פון תל־אביב אין שכנות פון דער גימנאַזיע. ער רעדט וועגען די גייסטיגע ליידיגקייט פון נייעם ישוב און ער שרייבט:

″די גייסטיגע פּרוכטלאָזיגקייט ברייגנט צו פאַרוואונ־
″דערונג. זי שפּיגעלט זיך אָב אם בעסטען אין דער העברע־
″אישער גימנאַזיע אין תל־אביב, וועלכע איז שוין אַלט אַ
″גאַנצען דור. מיר זועלען ניט דערמאָהנען די פאַרהייליגטע
″נעמען פון ″מיר, איישישאָק, וואָלאָזשין″, אום צו מאַכען
″אַ פערגלייך. עס שיינט, אַז אפילו פאַרוואָרפענע שטעדט־
″לאַך אין די פאַרוואָרפענסטע מדינות האָבען אויך אַרויס־
″געבראַכט בעסערע פרוכט ווי די פרוכט פון דעם דאָזיגען
″גייסטיגען ″צענטר″ (די גימנאַזיע) און גרויס איז דער
″וואונדער: אָט איז אַ הויז ווי אַ פּאַלאַץ, ליכטיג, פיעל
″ספרים, און גוטע ″לעהרע־קרעפטען″, מענשען מיט הויכע
″בילדונג, די פּיאָנירען פון דער אויפלעבונג, אָט איז דער
″לעצטער וואָרט פון פעדאַגאָגיע — — — אָט זיינען פאַ־
″ראַן אין דיעזען און אין עהנליכע אנשטאַלטען אין ארץ־
″ישראל טויזענדער תלמידים, די בעסטע יונגען און מייד־
″לאַך, מיט גוטע קעפּ און פיהלענדע הערצער און דער רע־
″זולטאַט איז — נול. אויב דו זעהסט איינעם פון זיי, וועל־
″כער האָט אַ שטיקעל פּייכטקייט, זאָלסטו וויסען, אַז ער

„האָט עטוואָס פון דרויסען געבראַכט. דער עיקר איז, אַז „דער גאַנצער ישוב איז אַזוי ווי די גימנאַזיע: פּרוכטלאָ־ „זיגקייט און אויבערפלעכליכקייט, עס איז אַ דור פון ריי־ „דען, און ריידען קען ער אויך ניט, איז ניטאָ אין דאָס אַלעס „עפּעס אַ אינערליכע פעהלער? איז דאָ ניטאָ עפּעס אַ טעות, „אַ פאַרבלענדעניש?".

אָט האָבען מיר די עדות פון אַן ארץ־ישראל שריפטשטע־לער און בעאָבאַכטער, אַז דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ח נ ו ך, ווי זיי רופען עס, האָט געבראַכט נ ו ל. איך האָב געזעהן אין ארץ־ישראל, אַז אויב איהר ווילט אַ יונגער מאַן זאָל וויסען אַ פּסוק, דאַרפט איהר זיך ווענדען צו די וואָס האָבען געלערענט אין די שולען פון אַלטען ישוב, אָדער מזרחי־שולען. קענען די אידען אין ארץ־ישראל זיין צו־פריעדען מיט אַן ערציהונג, וואָס איז פיעל ניעדריגער אין אַלע הינזיכטען ווי די ערציהונג וואָס אַ אידישע קינד האָט געקראָגען אין אירגענד וועלכע שטעדטעל אין גלות?

און דאָס איז די אורזאַכע פון קאַמפף. אַ קאַמפף פיר אידישע ערציהונג, אַ קאַמפף פיר שבת אין דער אידישער לאַנד, אַ קאַמפף פיר'ן יודענטום אין דער לאַנד פון יודענ־טום. און דער קאַמפף וועט געוואונען ווערען פון די וואָס שטעהען פאַר'ן יודענטום. דאָס אידישקייט אין ארץ־ישראל וועט גיבר זיין די מאָסענזאָן'ס און די באַגראַטשאָוו'ס מיט זייערע גימנאַזיען און זייערע סקולס. די וואָס האָבען גע־זיעגט אין וואָלאָזשען, וועלען זיעגען אין ירושלים און יפו. אומזיסט, למשל, האָבען משכילים פון תל־אביב ניט געוואָלט אַז תל־אביב זאָל אָננעהמען אַ פעראָרדנונג פון שמירת שבת, עס האָט זיי ניט געהאָלפען. אַזאַ פעראָרדנונג איז אָנגענומען געוואָרען. עס ליעגט אַ גרויסער כח אין טראַדיציאָן אין ארץ־ישראל, אַז די אַלע וואָס שעפּען זייער חכמה פון זשענעוואַ, פון מאָסקוואַ אָדער פּאַריז וועלען עס ניט קענען גובר זיין. דער בעל־הבית אין ארץ־ישראל וועט בלייבען דער אָרטאָ־דאָקסישער איד!

אין ארץ־ישראל האָט דאָס יודענטום שטענדיג בעזיעגט זיינע געגנער, ער האָט בעזיעגט דעם בעל, ער האָט בעזיעגט די פאַלשע נביאים, האָט בעזיעגט די העללעניסטען, ער האָט

בעזיעגט די צדוקים, ער וועט בעזיעגען דעם משכיליזם, וואָס פאַר׳גנב׳ט זיך אונטער דעם נאָמען נאַציאָנאַליזם און וויל ארויסטרייבען אידישקייט פון דער אידישער היים.

אויב דארום מיר זיינען אין צווייפעל וועגען די צוקונפט פון דער אידישער נאַציאָן און פון יודענטום אין די גלות־לענדער, זיינען מיר פאָלשטענדיג זיכער אין ארץ־ישראל מיט ביידע, וועלכע זיינען אין אמת׳ן איינס און דאָסזעלבע. דאָר־טען, אויף די בערג פון יהודה, וועט אויפגעבויט ווערען א נאַציאָנאַלע היים, וואָס וועט ניט פאַרשעהמען דאָס לאַנד פון די נביאים, דאָס לאַנד פון ר׳ עקיבא, ר׳ יהודה הלוי, דער רמב״ן און אלע גדולים פון דער אידישער טראַדיציאָן.

ווירקונג פון ארץ ישראל אויף'ן גלות

די נאציאנאלע היים וועט זיבערן די צוקונפט, די איי־ביגקייט פון דער אידישער נאציאן. וועהרענד דאס לעבען פון דער אידישער נאציאן אין גלות איז געבויט אויף אי־בערנאטירליכע אנשטרענגונגען, איז ער געגרינדעט אין ארץ־ישראל אויף א רעאלען באדען, אויף א פעסטען גרונד. און דערפון קומט עס וואס ארץ־ישראל איז שטענדיג געווען דער קודש־הקדשים פון דער אידישער נשמה. דאס פאלק ווייס און פיהלט, אז די אמת'ע גאראנטיע פיר די צוקונפט פון אידען איז אין ארץ־ישראל און אז דאס וואס דאס אידישע פאלק בויט דארטען איז לעולם ועד. די גמרא זאגט, אז דער וואס וואהנט אין א"י איז גלייך צו איינעם וואס האט א גאט, און דער וואס וואהנט אין חוץ־לארץ איז גלייך ווי איינער וואס האט ניט קיין גאט. געוויס: אויב ער האט יא א גאט פאר זיך, איז ער ניט זיכער פאר זיינע אייניקלאך אדער אור־אייניקלאך. פולעס יודענטום, פאלשטענדיגעס יו־דענטום קען נאר זיין אין דער אידישער לאנד.

אבער, ניט נאר וועט די נאציאנאלע היים פארזיכערן די עקזיסטענץ פון דעם טהייל פון פאלק וואס וועט זיצען אין ציון, עס וועט אויך האבען א ווירקונג צו־גוטען אויף די אידען וואס וועלען בלייבען זיצען אין די לענדער פון גלות, דאס הייסט, אויף די פיער־פינפטעל פון פאלק וואס וועלען אין ציון ניט געהן, ווארום אונטער די בעסטע אומשטענדען וועט אין דער נאציאנאלער היים וואהנען בלויז איין איד געגען פיער וואס וועלען וואהנען אין גלות.

די פראגע ווי אזוי וועט זיין די ווירקונג פון ארץ־ישראל אויף די אידען פון גלות איז בעהאנדעלט געווארען אין פערשיעדענע אופנים און האט ארויסגערופען פערשיע־דענע תשובות. הערצל האט געגלויבט, אז די גרינדונג פון א יודענשטאאט וועט ענדיגען די אידישע פראגע אויף דער

וועלט. אז א טהייל פון די אידען וועלען אוועק פון די גלות־לענדער אין אן אייגענע היים, וועט זיין ווייניגער אורזאכע פאר'ן אנטיסעמיטיזמוס, ווייל די קאנקורענץ וועט קלענער ווערען, און אזוי וועט די אידישע פראגע צווישען די אומות קריגען איהר לעזונג. דער דאזיגער געדאנק פון דעם יודענ־שטאאט אלס לעזונג צו די אידישע פראגען אין גלות איז ענטוויקעלט געווארען ווייטער און עס איז דערפון ארויס־געקומען די אידעע, אז די גרינדונג פון דער אידישער הייב וועט מאכען אן ענדע צו דער פעראכטונג מיט וועלכע מען בעציהט זיך צו אונז. ווען מען וועט וויסען, אז עס איז פא־ראן א אידישע מדינה, וועט מען אויף אונז לייגען מעהר כבוד, ווייל מיר וועלען דאן אויפהערען צו זיין דאס פאלק אהן א היים.

ביידע זאכען זיינען ניט ריכטיג. דערמיט וואס א פינפ־טעל אדער ווייניגער פון די אידען וועלען וואהנען אין אן אייגען לאנד וועלען די אנטיסעמיטען ניט אויפהערען אידען פיינט צו האבען. ניט די קאנקורענץ און ניט די אנדערע אורזאכען פון דער גוי'שער שנאה וועלען ווערען קלענער דורך־דעם וואס א ניט גרויסער טהייל פון דעם אידישען פאלק וועלען אוועקגעהן פון די גלות־לענדער. פון רוסלאנד זיינען אוועק קיין אמעריקא א בעדייטענדע צאהל אידען און דער אנטיסעמיטיזמוס איז דאדורך ניט קלענער געווא־רען. וואס אנבעלאנגט צו דער מיינונג, אז אויב אידען וועלען האבען אן אייגענע מדינה וועט מען אויפהערען צו קו־קען אויף זיי מיט פעראכטונג, איז קלאר, אז די אורזאכען אויף וועלכע עס איז געגרינדעט די שלעכטע בעציהונג פון גוי צום איד וועלען ניט געענדערט ווערען צוליעב־דעם וואס אין ארץ־ישראל וועלען אידען האבען אן אייגענע היים. אויב דער פרעזידענט פון א געוויסע אוניווערזיטעט אין אמעריקא, אן אריסטאקראט פון פיוריטאנישע אנגלא־סאקסישע בלוט, האט ניט גערן די אידישע סטודענטען, וועט זיין שטעלונג ניט ווערען אנדערש, ווייל ירושלים וועט זיין א אידישע הויפט־שטאדט. ער און זיין גלייבען וועלען קלערען : הלואי געהען אלע אידען אוועק פון באסטאן און פון נויארק אין ירושלים און פארגעסען די וועג אהער צוריק צו קומען. אלס

אַ ווייטערביישפּיעל קען דיענען פאָלגענדער פאַקט: אויף די איטאַליענער אין אַמעריקא קוקט מען פון אויבען אַרונ־טער, און עס העלפט זיי גאָר ניט, וואָס זיי האָבען אַ גרויסע מדינה מיט אַ גרויסע און שעהנע הויפּט־שטאָדט, מיט אַ קעניג און קעניגין און מיט אַן אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.

אויב די אידען ווערען בעטראַכט אַלס אַ נ ד ע ר ע, אַלס פרעמע, וועט די נאַציאָנאַלע היים דערצו גאָר ניט קענען העלפען. אדרבה, די אַנטיסעמיטען וועלען געפינען אַ נייעם אויסרייד פאַר אַנגריפע: איהר זיינט ניט קיין פולע דייטשען, רוסען, אַמעריקאַנער א. ז. וו. ווייל אייער הארץ איז אין אַן אַנדער מדינה, איהר האָט צוויי מדינות און ווילט זיך ניט אויסמישען מיט די בירגער פון די לענדער וואו איהר וואָהנט. עס איז נאַטירליך ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך דערפון וואָס די אַנטיסעמיטען וועלען זאָגען, ווארום וואָס אידען זאָלען טאָן אָדער ניט טאָן וועלען זיי אַלץ געפינען וואָס צו זאָגען, אָבער דאָס בעווייזט, אָהנע צווייפעל, אַז די נאַ־ציאָנאַלע היים וועט ניט לעזען די אידישע פראַגע אין גלות און וועט ניט ענדערען די בעציעהונג צווישען אונז און דער גוי'שער וועלט. די ווירקונג פון דער אידישער היים אויפ'ן גלות וועט זיין ניט אין בעצוג צו דער אידישער לאַגע, נאָר אין בעצוג צום יודענטום גופא, צו דעם אינערליכען זעלבסט־בעוואוסטזיין פון אידישען פאָלק.

* * *

מיט דער ווירקונג פון דער נאַציאָנאַלער היים אויף דעם אינערליכען בעוואוסטזיין פון אידען אין גלות האָט זיך בע־שעפטיגט מעהר פון אַלעמען אחד־העם. ער איז דער וואָס האָט געשאַפען דעם אוידרוק, אַז ארץ־ישראל דאַרף זיין אַ "מרכז רוחני", אַ גייסטיגער צענטער, וואָס זאָל נאָכאַנאַנד בעאיינפלוסען די לענדער פון גלות.

אין דעם געדאַנק, אַז אַ אידיש היים אין ארץ־ישראל וועט בעאיינפלוסען מעהר אָדער ווייניגער דאָס יודענטום פון גלות איז פאַראַן אַ געזונדער קערן. שלעכט איז נאָר וואָס אחד־העם האָט געמאַכט דערפון אַ שיטה און האָט מיט איהר בעקעמפּפט הערצל און נאָרדוי און אַלע אַנדערע וואָס האָבען געוואָלט קודם־כל אַ אידישע מדינה אין ארץ־ישראל, און

ער האָט זיך ארומגעקריעגט מיט די פּראַקטישע ציוניסטע וואָס האָבען געטאָן און געבויט ביסלעכווייז וואָס זיי האָבן געקענט אין ארץ־ישראל. ביי איהם האָט קיין זאך ניט גע טויגט, סיידען עס איז געטאָן געוואָרען לכתחילה צוליעב דעם גייסטיגען צענטר. א שולע איז ביי איהם געווען וויכ־טיגער ווי א קאָלאָניע, וועהרענד יעדער וויים, אז ווען מען מאַכט קאָלאָניען ווערען סקולס ממילא, און פון סקולס קענען קיין קאָלאָניעס ניט ווערען.

איבערהויפּט איז פאַלש דער בליק, אז יעדער שריט וואָס זאָל געטאָן ווערען אין ארץ־ישראל מוז לכתחילה געמאַכט ווערען מיט כונות און יחודים פיר א ״מרכז רוחני״, און אויב מען ריהרט א פינגער אָהן דיעזע כונות איז שוין די גאַנצע ארבייט פּסול. יעדער וויים, אז א גייסטיגער צענטר ווערט פון זיך אליין אין א לאַנד וואו עס איז פאַראַן א פיזישער צענטר. אין בבל זיינען געווען א סך אידען, איז עס געווען א גייסטיגער צענטר, און אזוי איז געווען אין פּוילען און דערזעלבער כלל איז אויך גינסטיג אין ארץ־ישראל, וואָס מעהר אידען, אלץ מעהר גייסטיגער צענטר. זאָלען זיצען אידען אין פּאַלעסטינא ״תחת גפנם ותחת תאנתם״, וועט עס שוין ממילא זיין דער ״מרכז רוחני״. אין אמת׳ן איז ארץ־ישראל ביז יעצט אויך געווען א גייסטיגער צענטר אין פיעלע הינזיכטען. די פּשוט׳ע אידען האָבען עס פערשטאַנען פיעל בעסער ווי די היינטיגע טעאָרעטיקער, די בעלי־קבלה זיינען אוועק אין ארץ־ישראל און האָבען געמאַכט די שטאָדט צפת פיר א גייסטיגען צענטר, די חסידים ביין ענדע פון אַכצעהנ־טען יאָהרהונדערט האָבען געטאָן דאָסזעלבע, און די אידען פון ירושלים האָבען בעאיינפלוסט די אידען פון גלות דער־מיט וואָס זיי זיינען דאָרטען געזעסען. אז עס וועלען קומען אידען אין ארץ־ישראל וועלען געוויס אויפשטעהען פון זיי אידען מיט גרויסע גייסטער און וועלען ווירקען אויף די אידען פון דער גאַנצער וועלט. עס איז זעלבסטפערשטענדליך אז ניט די יפו׳ער לעהרער און ניט קלויזנער מיט זיינע אָב־האַנדלונגען וועגען ישו, און ניט די אנדערע תלמידים פון ״אחד העם״, וואָס זיינען געקומען מאַכען דעם ״גייסטיגען צענטר״, וועלען קענען בעאיינפלוסען די אידען סיי די וואָס

זיצען אין גלות און סאי די וואָס זיצען אין ארץ־ישראל גופא. דורך די "מרכז רוחני"־לייט וועט קיינמאָל ניט מקוים ווערען דער פסוק "כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים".

און דאָ ליעגט דער הויפּט־טעות פון דעם גייסטיגען אָדער דעם אחד־העם'יסטישען מרכז־רוחני'דיגען ציוניז־מוס. ער פאָדערט א "גייסטיגען צענטר" סתם אין דער וועלט אריין, ווערהענד ארץ־ישראל דארף זיין א צענטר פון יו־דענטום. די אידישע וועלט, צושפּרייט אין אלע ווינקלען פון דעם ערד־קוגעל, ערוואַרט פון ארץ־ישראל א פערשטאַרקע־רונג אין דער אידישער אמונה, א בעגייסטערונג פיר דעם דת ישראל, א פייערדיגען וואָרט פון אמת'ע יהדות, וואָס זאָל שטאַרקען זייערע הערצער אין דעם קאַמפּף פון יודענ־טום מיט די סביבות אין וועלכע זיי געפינען זיך. גוי'שע געדאַנקען, פרעמדע אידעען האָבען אידען גענוג אין די לענ־דער וואו זיי זיצען און זיי וועלען עס ניט דאַרפען קריגען איבערגעגעבען און נאָכגעמאַכט אין העברעאיש פון ירושלים. זיי וועלען זוכען פון ארץ־ישראל אידישקייט, און אויב ארץ־ישראל וועט עס געבען, וועט ארץ־ישראל זיין דער צענטר פון וואַנען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט ווערן בעלויכטען.

ארץ־ישראל, אום עס זאָל זיין דער איינפלוסרייכער צענטר, דארף ניט בלויז זיין דער פלאַץ פון אידישען נאַציאָ־נאַליזמוס, נאָר וואָס עס איז פיעל ברייטער: דער פלאַץ פון יודענטום. די ערשטע איז געוואַלדיג קליין אין פערגלייך מיט דעם לעצטען. נאַציאָנאַליזמוס האָט יעדעס פאָלק, אפילו די קלענסטע אונבעדייטענדסטע אומה און מען דארף ניט זיין קיין "עם הנבחר" דערצו, ווערהענד אונזער הויפּט־קראַפט בעשטעהט אין דעם וואָס מיר האַלטען זיך פיר אַן אויסערוועהלטער פאָלק. עס איז ניטאָ אין נאַציאָנאַליזם אַליין קיין ברייטע אידעען, קיין וועלט־אַנשויאונגען, ווערהענד דאָס יודענטום נעהמט אַרום מיט זיין בליק די גאַנצע וועלט. עס איז אמת, אַז א פאָלק קען אָהן נאַציאָנאַליזמוס ניט לעבען, אָבער עס איז ניטאָ דערמיט וואָס צו שטאָלצי־רען. דאָס יודענטום אָבער מיט זיינע אייביגע אידעאַלען, איז דער שטאָלץ און די מאַכט פיר אונזער פאָלק. ניט דער־מיט האָבען מיר גובר געווען אלע שונאים וואָס מיר האָבען

א נאַציאָנאַליזמוס, נאָר וואָס מיר האָבען א תורה וואָס עוסק'ט אין פיעל ברייטערע אידעען ווי דער נאַציאָנאַליזמוס. דער נאַציאָנאַליזמוס איז א טהייל, א וויכטיגער לעבענס־טהייל, אָבער דאָך ניט מעהר ווי א טהייל פון יודענטום. ווען דער ארץ־ישראל נאַציאָנאַליזמוס וועט זיין ווי אין די אַלטע צייטען, דער טרעגער פון יודענטום, וועט זי זיין דער גייס־טיגער צענטר פיר די גאַנצע תפוצות הגולה. עס איז קיין ספק, אז די נאַציאָנאַלע היים וועט זיין א היים פון יודענ־טום (דער אומקעהר קיין ציון איז אייביג געווען פארבונדען מיט דעם געדאַנק פון א רעליגיעזע אויפלעבונג, און אפילו גוים וואָס האָבען איבער דעם געטרוימט אין פערשיעדענע צייטען, האָבען אויך אַזוי געהאַלטען) און דורך־דעם וועט זי וואַרעמען די אידישע הערצער אין אַלע לענדער פון דער וועלט.

אָט אַזוי וועט די נאַציאָנאַלע־היים אין ציון זיין דער לייכט־טורעם פאַר די אידען וואָס וועלען וואַנדערן אין די פאַרשיעדענע וועגען פון גלות, און וועלען ווענדען זייער בליק צו מזרח, און אויב ניט אַלע אידען, און אויב אפילו ניט א מאַיאָריטעט פון די אידען וועלען בלייבען אויפ'ן ריכטיגען וועג צוליעב דער ליכט פון ציון, וועט דאָך אמווייניגסטענס א מינאָריטעט, די קעמפּפענדע מינאָריטעט, שעפּפען קראַפט און מוטה פון דער אידישער היים אויף די בערג פון יהודה.

* * *

אָבער ניט בלויז וועט די אידישע היים האָבען אן איינ־פלוס אויף דעם לעבען פון אידען אין גלות, נאָר די ארבייט פ א ר דער אידישער היים, די אנשטריינגונג וואָס די אי־דען פון דער גאַנצער וועלט וועלען דאַרפען נאָך אין פערלויף פון פיעלע דורות פאַרווענדען אום די נאַציאָנאַלע היים אויפ־צובויען, וועט געבען גרויס קראַפט צו אונזער נאַציאָן, וואַ־רום אין קיין זאַך ווערט דער מענש ניט אַזוי געשטאַרקט ווי אין דער ארבייט און אנשטריינגונג צו ערגרייכען א געווי־סען צוועק.

מאַקס נאָרדוי האָט אמאָל ארויסגעזאָגט א שעהנעם רעיון וועגען די אידישע האָפנונג אויף ערלייזונג. די הויפּט־קראַפט — אַזוי אונגעפעהר האָט ער געזאָגט — פון א גרוי־

סען אידעאַל איז וואָס ער ווערט קיינמאָל ניט פאָלשטענדיג ערדייכט. די מענשען וואָס שטרעבען עס צו ערדייכען, טרויי־מען און ארבייטען מיט אַלע קרעפטען אום צו קומען צו דעם ענדליכען ציעל און דורך דעם גופא זיינען זייערע כחות שטענדיג פריש און שטאַרק און זייער ענערגיע ווערט ניט אנשלאָפען.

עס איז קלאָר, אַז אום די נאַציאָנאַלע היים זאָל ווערען פאַרטיג וועט עס דויערען דורות, אין פערלויף פון דער דאָ־זיגער צייט וועלען די אידען פון די גלות־לענדער האָבען די אויפגאַבע צו שאַפען די ציגעל פיר דער גרויסער געביידע, זיי וועלען דאַרפען צושטעלען די געלד און די מענשען און א סך כחות וועלען מוזען ווערען אריינגעלייגט אין דער אונ־טערנעהמונג און דיעזע ארבייט אליין וועט זיין א קראַפט פון לעבען פאַר דעם אידישען אָרגאַניזם אויף דער גאַנצער וועלט. בויענדיג די אידישע היים וועלען די אידען אין גלות בויען זיך אליין און וועלען פון דער ארבייט ציהען כחות אין ביטערן קאַמפף, וואָס זיי וועלען האָבען אום צו קענען בייי־שטעהן די כוואַליעס פון אסימילאַציאָן וואָס וועלען זיי דראָ־העןצו פערשלינגען.

דער סך־הכל

לאָמיר נעהמען, איידער מיר קומען צום שלוס, א סך־הכל פון דאָס וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען ביז יעצט:

די אידישע פאָלק איז אנדערש ווי אלע אנדערע משפחות פון דער ערד, דערמיט וואָס זי האָט געבראכט אויף דער וועלט אן אמונה אין וועלכער עס איז פארקערפּערט דער העכ־סטער פילאָזאָפישער אמת וואָס די וועלט האָט געעקנט דער־גרייכען: די אחדות פון אלע כחות פון דער נאַטור און פון אלע וועלט־ערשיינונגען אונטער איין איינציגער געטליכער מאַכט.

צוזאמען און ענג פארבונדען מיט דיזען גרויסען רעיון האָט דאָס אידישע פאָלק ענטפלעקט א פּרינציפּ וואָס דרינגט אריין טיעף ביז דעם גרונד פון דער מענשליכער עקזיסטענץ, נעמליך: אז דער יסוד אויף וועלכען די מענשהייט מוז שטעהן איז מ אָ ר א ל. אלע מענשליכע אימפּולסען, אלע ליידענשאַפטען, אלע קרעפטען מוזען ווערען אונטערוואָרפען אונטער דעם מאָראַלישען געזעץ. מאָראַל איז די נשמה פון דער וועלט, גערעכטיגקייט איז דער ציל אויף וועלכען די גאנצע וועלט־עקזיסטענץ איז אָנגעשפּאַרט. די קרוין פון דער יצירה איז פּפליכט, וועלכע גאָט אליין היט. דער מאָראַ־לישער וועלט־בליק איז די פאָלגע פון דער לעהרע פון אחדות־הבורא.

ביידע זאכען — דער פּרינציפּ פון אחדות־הבורא און פון די מאָראַלישע הערשאַפט אויף דער וועלט — זיינען ארויס־געגעבען געוואָרען אין דער געוואלדיגסטער שפּראכע וואָס מענשליכע אויערען האָבען ווען געהערט, אין די פייערדיגסטע דבורים צו וועלכע עס איז ניטאָ און עס וועט ניט זיין קיין גלייכען אין אלע רייד און לשונות וואָס זיינען געווען און וואָס וועלען זיין אזוי לאַנג ווי די וועלט וועט שטעהן. א שורה גייסטיגע ריזען, נביאים, אין וועמעס ברוסט דער געט־

ליכער פייער האָט געפלאַקערט, וועלכע זיינען געוועזן "שטאַר־קע פעסטונגען, אייזערנע זיילען און קופערנע מויערן" (ירמיה א' י"ח) אין קאַמפּף פאַר'ן אמת, האָבען מיט גבורה און שטורם געטראָגען די צוויי לעהרען, די לעהרע פון גאָט־הייט און פון דער מאָראַל. אַלעס צוזאַמען איז אויפגעגאַ־סען געוואָרען אין דעם הייליגען ספר־הספרים וואָס נעהמט אַרום הימעל און ערד און איז די אָבשפּיגלונג פון גאַנצען יוניווערזום מיט זיין באַשעפער: דער תנ"ך, וועלכער איז אין גאַנצען אנדערש סיי אין אינהאַלט סיי אין פאָרם פון אַלעס וואָס שטערבליכע האָבען געשאַפען.

די דאָזיגע צוויי לעהרען, די פון גאָטהייט און די פון מאָ־ראַל, וועלכע זיינען אונטהיילבאַר איינע פון דער אַנדערער, זיינען פאַרקערפּערט אין אַ רייהע פון מצוות המעשיות, אָהן וועלכע ביידע זאַכען קענען זיך ניט האַלטען און וואָלטען גע־בליבען היינגען אין דער לופט. די דאָזיגע מצוות המעשיות האָבען געשאַפען אַ אידישען לעבען וועלכער איז שעהנער און ריינער און ערהאַבענער פון אירגענד וועלכען אַנדער לעבען וואָס עס איז פאַראַן ביי אירגענד וועלכער אומה ולשון, אַ לעבען פון צוריקגעהאַלטענהייט און אין דערזעלבער צייט פון גענוסען פון דער וועלט, ניט קיין טרינקען פון כוס פון די ליידענשאַפטען ביז שכרות און ניט קיין נזירות, נאָר אַ לעבען וואָס גיט קראַפט דעם גוף און דער נשמה, אַ האַרמאָ־ניע צווישען קערפּער און גייסט.

בעוואַפענט מיט אַלע פיער זאַכען, וועלכע זיינען איין זאַך, מיט אמונה, מאָראַל, תנ"ך און מצוות המעשיות וועל־כע זיינען צוזאַמענגעגאָסען אין דאָס יודענטום אָדער די תורה, האָבען די אידען זיך געלאָזען איבער דער וועלט צו זיין אומעדום אַ מינאָריטעט צווישען אַ פרעמדער מאַיאָרי־טעט, און האָבען בעוויזען אַ וואונדער וועלכער האָט צו זיך קיין גלייכען אין דער געשיכטע: צו בלייבען לעבען אויף אַ פרעמדען באָדען. דעם דאָזיגען וואונדער אָבער איז ניט שווער צו ערקלערען. דער כח פון אמונה וועלכער קען ריה־רען בערג, די מאָראַלישע יסודות וועלכע זיינען דער רעזול־טאַט פון אמונה, דער תנ"ך וועלכער פאַראייניגט ביידע זאַ־כען, און די מצוות המעשיות וועלכע פערבינדען אין זיך אַלע

דריי פריהערדיגע — האָבען געגעבען דעם אידען גבורה צו קעמפּפען מיט די כוואַליעס וואָס האָבען איהם געוואָלט פאַרשלינגען, האָבען איהם געגעבען דעם שטאָלץ צו בעטראַכ־טען זיך אלס אַ סופּער־נאַציאָן, אלס אַ העכער פאָלק ווי אנ־דערע, וואָס וועט מאַכען אַ שריט אַ ר ו נ ט ע ר אויב עס זאָל זיך אויפגיסען מיט די אנדערע פעלקער, האָבען איהם געגעבען די איבערצייגונג אז ער איז גליקליך מיט זיין העַ־כערער אמונה, מיט זיינע העכערע מאָראַלישע בעגריפע, תורה ומצוות. צו טראָגען דאָס יודענטום, טראָץ אלע ליי־דען וואָס עס גיט דעם טרעגער, איז געווען פאררעכענט ביי איהם אלס אַ בעזונדער טובה וואָס קיין פאָלק האָט ניט גע־קראָגען נאָר די אידישע. דאָס אידישע לעבען האָט איהם אויך ארומגערינגעלט מיט אַ מויער, אזוי אז ער האָט זיך גע־פיהלט ווי ער וואָלט געלעבט אין אַן אייגענע בעזונדערע געזעלשאַפט וואָס לעבט אין אַן אנדערע גרעסערע געזעל־שאַפט, אַן אויטאָנאָמיע וואָס איז געגרינדעט ניט אויף דאָ־קומענטען און אָבמאַכונגען נאָר אויף די אינערליכע קראַפט, נאָר אויף די לעבעדיגע איבערצייגונגען פון אַ פאָלק וואָס איז שטענדיג גרייט געווען עס צו פאַרטהיידיגען מיט דעם לעצ־טען טראָפּען פון זיין בלוט. און אזוי האָט ישראל געוואָהנט צווישען די פעלקער ביז דעם מיטען פון דאָס וואָס די קריס־טען רופען דעם אכצעהנטען יאָהרהונדערט, דאָס הייסט: ארום זיבעצעהן הונדערט יאָהר זייט חורבן בית המקדש. עס איז געווען אַ לעבען פון רדיפות אָבער פון גרויס ליכטיגקייט אינעווייניג. אין מיטען פון שטורם האָבען די אידען ווייַ־טער געפלאָכטען זייער גאָלדענע קייט פון געדאנקען און אי־דעען, האָבען געקוקט אין דער אייביגקייט און געווען זיכער מיט דעם צוריקקעהר פון אַ אידישער צוקונפט אין דער אַל־טער אמאָליגער היים.

אָבער אין מיטען פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט איז דורכגעגאַנגען אַ כוואַליע פון געגען־אמונה אויף דער וועלט. דאָס איז אויך געקומען אין אידישען לאַגער. די יסודות פון גלויבען האָבען זיך אָנגעפאַנגען שאָקלען און דערמיט האָט זיך אָנגעפאַנגען שאָקלען די גאַנצע געביידע אין וועל־כער די אידען זיינען געווען בעשיצט — די געביידע פון דת.

נאטוראליזמוס און מאטעריאליזמוס זיינען געוואָרען די אָבּ־נעטער צו וועלכע מענשען האָבען זיך אָנגעפאנגען בוקען. און דאדורך זיינען שוואך געוואָרען די הויפּט־זיילען אויף וועלכע דאָס אידישע לעבען איז געבויט. די אמונה אין נאַטור האָט שוואך געמאכט די אמונה אין גאָט. דאָס בוקען זיך צו דער נאטור האָט אָבגעשוואכט די פּרינציפּען פון מאָראל. דורך דער אָבשוואכונג פון אמונה איז געקומען אן אָבשוואכונג אין די מצוות המעשיות וועלכע זיינען געבויט אויף דער אויטאָריטעט פון גלויבען. דורך דער אָבשאַפונג פון די מצוות האָט דאָס אידישע לעבען אָנגעפאנגען צו פּאר־ליערען זיין קאָליר און ער האָט זיך אָנגעפאנגען צו דער־נעהנטערען אלע מאָל ווייטער צום גוי׳ישען לעבען. אונטער די נייע אומשטענדען האָט מען אָנגעפאנגען צו קוקען אויף דער גוי׳ישער וועלט מיט גרויס דרך ארץ און עס האָט זיך פארנאנדערגעברענט דער חשק צו אסימילאציאָן אין פערשי־דענע פאָרמען, צו דער עקסטרימער פאָרם פון שמד, אָדער אין א מאָדערנער פאָרם פון רעפאָרם, וועלכעס מיינט אז אנ־שטאט צו געהן אין דער קירכע זאָל מען די קירכע ברייננגען צו זיך, צו אין דער פאָרם פון השכלה וועלכע האָט ערקלערט קריעג דער אמונה און דאָס אידישע לעבען און אלעס וואָס איז פארבונדען מיט דער אידישער גאס, וועלכעס ווערט גע־רופען מיט דעם שאנד־נאָמען "געטאָ".

אָבער אין מיטען וועג פון דער השכלה זיינען די גוים אָנגע־קומען אנטקעגען — מיט שטעקענס. זיי זיינען מוחל די פריינדשאפט און די חניפות פון די משכילים. א טהייל האָ־בען זיך דאן אומגעקעהרט און האָבען זיך גענומען צו בויען א יודענטום בלויז אויף דעם נאציאָנאלען געפיהל פון אי־דישען פאָלק. דער אידישער נאציאָנאליזמוס האָט גערארפט זיין פונקט ווי דער גוי׳ישער: אן אומה ווי אלע אומות גע־בויט אויף וואָכעדיגע יסודות: פאָלק, לאנד, שפּראך אָהן רעליגיאָן. אזוי ווי אָבער אין דיזער שיטה פעהלט דער עיקר: די אמונה מיט דער בעגייסטערונג וואָס זי גיט, דער מאָראַ־לישער יסוד וועלכער איז מיט אמונה פארבונדען, די מצוות־המעשיות וועלכע פארקערפּערען אין זיך די צוויי פריהער־דיגע פּונקטען און אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער נאַ־

ציאָנאַלער אידישער לעבען, און אזוי ווי דער בעגריף איז גע־גען דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע און קומט פון פרעמדע קוועלען, פון נאָכאַהמונג נאָך דעם גוי׳ישען נאַציאָ־נאַליזמוס וועלכער איז בעזונדער פון רעליגיאָן — איז דיזע וועג צו מאַכען פון אידישען פאָלק א גאַנץ נייע בעשעפעניש ווען עס זאָל פעהלען — דאָס יודענטום, א פאַלשע און קען צו קיין רעזולטאַטען ניט פיהרען. די נייע העברעאישע לי־טעראַטור איז ניט קיין פאָרטזעצונג פון דער אלטער. זי איז דער היפך פון דער אַלטער אין איהר טענדענץ. זי איז ניט דער שפּיגעל פון פאָלק, ווייל דאָס פאָלק, אויף אזוי ווייט ווי ער איז נאָך אידיש, איז פארבונדען מיט דעם רעליגיעזען יודענטום און ניט מיט קיין אַנדערען, ווייל קיין אנדערער עקזיסטירט ניט. דאָס איז רעליגיעז־נאַציאָנאַל אָדער נאַציאָ־נאַל־רעליגיעז, עס איז איין זאַך וואָס קען ניט געטהיילט ווערען. און די פראַגע פון אידישער צוקונפט קען נאָר פאר־ענטפערט ווערען דורך דער פראַגע צי עס וועלען זיין אין דער צוקונפט אידען ביי ווען דאָס יודענטום איז אן אמונה, א דת און א פעסט איינגעאָרדענטער אידישער לעבען, אָדער חלילה ניט.

אין דערזעלבער צייט אָבער ווען דאָס יודענטום אין גלות איז אין אַזאַ קריזיס, ווערט געשאַפען די אידישע היים אין ארץ־ישראל און דאָרטען איז די צוקונפט פון יודענטום גע־זיכערט. וואָס וועט אָבער בלייבען מיט׳ן גלות־יודענטום, מיט דער גרויסער מאַיאָריטעט פון אידישען פאָלק? אום צו ענטפערען אויף דיזער פראַגע דאַרף מען בערעכענען ווי מען בערעכענט אין יעדען קאַמפּף, די קרעפטען פוןביידע צדדים וואָס שטעהען אין דער מלחמה. מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט צוויי סאָרטען כחות: די כחות פון צושטערונג און די כחות פון אויפהאַלטען וועלכע קעמפּפען אין דער אידי־שער גאַס, אין דער אידישער הויז. דאָס זיינען קרעפטען וואָס האַלטען מלחמה אָהן רחמנות אויף לעבען און אויף טויט, און וועלען קיינמאָל קיין וואַפענשטילשטאַנד ניט אָננעהמען.

לאָמיר אויסרעכענען די הויפּט־קרעפטען פון צושטערונג

אויף איין זייט און די קרעפטען פון אויפהאלטען אויף דעם צווייטען זייט.

די קרעפטען פון צושטערונג.

1. די אַבשוואַכונג פון אמונה. דורך דער אַבשוואַכונג פון אמונה פערליערט דער איד זיין התלהבות, זיין קאַמפף־לוסט פאר דער אויפהאלטונג פון יודענטום, זיין עקשנות וועלכע איז די ערשטע נויטווענדיגקייט אין א שטענדיגער מלחמה. ער פערליערט דעם פּאַטעטישען בעגריף וועגען יודענטום, וועלכעס איז געבויט אויף די העכערע וועלטען פון בעגייסטערונג וואָס די אמונה גיט.

2. די אַבשוואַכונג פון מצוות המעשיות. דורכדעם פערליערט דער איד דאָס אידישע לעבען, די זאכען וואָס האלטען אין איהם וואך זיין אידישען בעוואוסטזיין, די זאַכען וואָס קענען איבערגעגעבען ווערען פון דור צו דור. ער פערליערט דורכדעם דעם בעגריף און דעם בליק אין דער אידישער געשיכטע, וועלכע ווערט ניט אַנגעהאלטען דורך ווערטער נאָר דורך מעשים. ער פערליערט דעם צאַם מיט וועלכען דער איד איז אַבגעטהיילט אלס מינאָריטעט פון דער ארומיגער סביבה. ער פערליערט די וואפען מיט וועלכע דער איד בעפעסטיגט זיין טאָג־טעגליכען געצעלט.

3. די מאַטעריאַליסטישע אנשויאונג. די מענשען זייגען היינט מעהר אַבגעגעבען ווי אין די פריהערדיגע צייטען צו אויסרעכענען יעדע זאך לויט די נוצען וואָס עס ברייננגט. יודענטום קען קיין נוצען ניט ברייננגען אין א מאַטעריעלען זינן און דארום איז דער גייסט פון דער צייט אין א גרויסער מאָאָס געגען דעם און מען דארף בעזונדערע אנשטרענגונג עס צו היטען.

4. דער איד איז אין ציוויליזירטע לענדער ארייננגעטרונקען אין א פרעמדער אטמאָספערע. א פרעמדע קולטור בעהערשט די מוחות און די הערצער פון דעם אידישען עולם, איבערהויפּט די וואָס ווערען ערצויגען אין ניט־אידישע סקולס. דאָס פּארדרייננגט אידישע געדאנקען און געפיהלען אַן א זייט אָדער עס שטויסט זיי ארויס אין גאַנצען.

5. בטול־היש פאר'ן גוי.

די קרעפטען פון אויפהאלטען.

1. דאס לעבעדיגע יודענטום ביי דעם טהייל אידען וואס גלויבען און היטען און טהוען.

2. די ווירקונג פון ארץ־ישראל און די ארבייט פאר ארץ־ישראל.

3. די פארמעהרונג פון אידען וואס אונזער צאהל ווערט גרעסער און גרעסער.

4. דער אנטיסעמיטיזמוס וועלכער שטארקט דעם אי־דישען געפיהל.

דאס זיינען די צוויי מחנות פון אורזאכען. איין טהייל ציהט צום אונטערגאנג, די אנדערע — צום לעבען. דיזע צוויי מחנות שטעהען איינע געגען די אנדערע. ווער וועט זיעגען אין דער דאזיגער געוואלדיגער מלחמה וואס שטורמט אין דער נשמה פון א פאלק?

דער לעבענס קאמפף פון דער אידישער אומה

וואס פאר א מורא'דיגע און געוואלדיגע ערשיינונג!

אין דער ברוסט פון א פאלק וועמען די גאנצע וועלט האט ניט געקענט בעזיעגען, קעמפפען: דער מלאך פון עקזיסטענץ מיט דער סטרא־אחרא פון אונטערגאנג; די קדושה מיט דער טומאה; דאס לעבען מיט דעם טויט. די נאציאנאלע נשמה פון פאלק ישראל רופט צום ווייטערדיגען לעבען, צו דער פארטזעצונג פון דער גרויסער געשיכטע פון דער אומה, און דער מלאך המות פון פערשווינדונג שארפט לאנגזאם זיין שווערד, און ווער עס האט אויערען קען עס הערען...

און ניט נאר קעמפפט א נאציאן איהר לעבענס קאמפף מיט דעם אונטערגאנג, עס קעמפט אן אמונה, א תורה, א רעליגיאן, א וועלט־אנשויאונג געגען פערניכטונג — אט די אמונה וואס איז געגעבען געווארען מיט דונערן און בליצען און איז געטראגען געווארען דורך פייער און ארויס גאנץ; אט די אמונה וואס קיין וואפען האט איהר ניט געקענט בעזיעגען שטעהט אין שלאכט מיט דעם מורא'דיגסטען פון אלע שונאים וואס אן אמונה קען האבען: גלייכגילטיגקייט. ניט דורך שטורם און קאמפף קענען גלויבענס בעזיעגט ווערען, נאר דורך דער אלעס־פערניכטענדער, אלעס צופרעסענדער — גלייכגילטיגקייט, וואס טויטעט אלעס וואס לעבט אין דער נשמה.

דער גייסט פון דער פערגאנגענהייט וועלכער איז איינגעגעסען פון אזוי פיעל דורות אין אונזער בלוט רופט אין אונז, ווארנט אונז פון דער געפאהר, ערמוטיגט אונז ניט ארא־בצולאזען די פאהן, ניט אונטערצוגעבען זיך. ריעזיגע שאטענס פון די מענשען וואס האבען אונזער נאציאן געשאפען ווינקען צו אונז: ניט ניט אויף דעם קאמפף! מיר האבען פיר די אייביגקייט פון ישראל געלעבט און מיר זיינען דערפאר גע־

שטאַרבען, טראָגט ווייטער ביז צו דער אייביגקייט די ירושה וואס מיר האָבען אייך געלאָזען. דאַן דערוועקט זיך אלעס וואס איז שעהן און ערהאבען, אלעס וואס איז אידיש, אין אידישע הערצער, און עס שיינט דאַן אז דאס לעבען איז גובר דעם טויט.

אבער דער גייסט פון דער געגענוואַרט ציהט דאַן ארויס אויפ'ן שלאַכטפעלד און ער פאָדערט מען זאָל פערגעסען דאס געוועזענע, דאס פערגאַנגענע: אלטע ירושות — טענה'ט ער — דאַרפען פעשווינדען, מען קוקט ניט אויף דעם נעכטען נאָר אויף דעם היינט; פערלאָזט דאָס וואָס האָט פאַסירט אמאָל, זאָל אייער הארץ און אייער מארך זיין בעשעפטיגט מיט דעם היינט און מיט דאס וואס איהר קענט פון איהם ארויסציהען. די גרויסע מתים זאָלען רוהען אין פריעדען אויף זייער געלעגער, לאָזט זיך ניט שטערען פון דאס וואס זיי האָבען געשריבען אין זייערע ספרים. ווען די ספרים און דאס לעבען קומען אין א צוזאמענשטויס בעזייטיגט די ספרים און טהוט ווי דאס לעבען הייסט אייך.

נאָר צוריק רופט דאס העכערע און בעסערע אין אידען און זאָגט איהם: די אידישע אמת'ן זיינען אייביגע. זיי דאַר־פען ניט ווערען געאָפּפּערט צוליעב בעקוועמליכקייט. ניט בעקוועמליכקייט נאָר פליכט איז די העכסטע זאך אין דער וועלט. די וועג פון קעמפּפער איז ניט אויסגעבעט מיט בלו־מען אָבער פאַר'ן אמת איז ווערט צו קעמפּפען און ווערטה צו לעבען. מיר ווילען ניט ווי פייגלינגע אנטלויפען פון שלאַכטפעלד דערפאַר וואס דער קאַמפּף איז שווער.

* * *

זיער האָט מעהר שאַנסען צו געווינען דעם קאַמפּף? עס איז זעהר שווער צו ארויסזאָגען דעם ביטערען אמת. מען איז געוואָהנט אין דער אידישער גאס צו אזוי פיעל שקרים, זעלבסטנאַרעריי, איינשמועסונגען, פערזיכערונגען אז ס'איז ניטאָ וואס מורא צו האָבען: אידען זיינען געווען און וועלען זיין. מען רופט עס אָפּטימיזם ווערהענד דער אמת'ער נאמען דערפון איז: א תירוץ אום מען זאָל זיך ניט דאַרפען אָנ־שטריינגען צו היטען אידישקייט, אום מען זאָל פערשפּאָרען אין גאַנצען צו קלעהרען איבער די פּראָבלעמען פון יודענטום.

אזא אָפּטימיזמוס איז אַ געפעהרליכער. דאס איז געווען דער אָפּטימיזמוס פון די פאַלשע נביאים וואס האָבען פערזיכערט נאָכאַנאַנד אז "דאס שלעכטס וועט צו אונז קיינמאָל ניט קומען."

פון וואַנען איז עס געקומען געוואָרען דיזער אָפּטימיזמוס? ווער האָט עס געגעבען די גאראַנטי אַז אידען וועלען אייביג לעבען אלס פאָלק? אזא גאראַנטי איז פאראַן ביי די נביאים אבער דאס איז נאָר פיר דעם פאַל ווען אידען וועלען וועלען זיין אידען, אויב אבער זיי ווילען אליין אוועקגעבען זייער ירושה ווער וועט זיי אָבהאלטען פון אונטערגאַנג? מיר האָבען אין אַ פריהערדיגען קאפּיטעל געזאָגט אז טראָץ דעם וואָס דער אנטיסעמיטיזמוס איז איינער פון די אורזאַכען וואָס שטערען דעם אסימילאַציאָן קען מען אָבער ניט רעכענען אז דאָס וועט אויפהאלטען די אידען אלס פאָלק ווייל אַ פאָלק קען ניט לעבען מיט אַן אויסערליכע קראַפט, עס מוז האָבען אַן אינערליכען כח.

די אידישע פערמעהרונג איז געווים אַ גרויסע הילף געגען אסימילאַציאָן אבער עס וועט זיין אַ גרויסער טעות צו גלויבען אז דער צאָהל אליין איז אַ גאראַנטי פיר דער אידישער צוקונפט. אויב עס קענען זיך אסימילירען אביסעל קענען זיך אסימילירען אַ סך אויך. עס ווענדעט זיך ווי אזוי די קראַפט פון אסימילאַציאָן איז. די גבורה פון אַ קבוץ ליעגט ניט אין דער צאָהל אליין, נאָר אין די קוואַליטעט פון די איינצעלנע וואס שטעלען די צאָהל צוזאַמען. אויב די איינצעלנע מיטגלידער, למשל, פון אַן ארמיי זיינען ניט גוט קען די אַרמיי ניט געווינען ווי גרויס איהר צאָהל זאָל ניט זיין. די וויכטיגקייט פון צאָהל איז נאָר דאַן ווען די יחידים זיינען גוט. די פראַגע פון אַ סך אידען איז וויכטיג נאָר דאַן ווען יעדער איד בעזונדער איז אַ גוטער איד, אויב אבער יעדער בעזונדער זאָל ניט זיין גוט וועט זייער גרויסע צאָהל דעם יודענטום ניט אויפהאלטען.

אז די גרויסע צאָהל איז קיין שמירה געגען אסימילאַציאָן האָט שוין אונז בעוויזען די געשיכטע. מיר האָבען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל געבראַכט די עדות פון פילאָ אז אין זיין צייט (פאר'ן חורבן בית שני) זיינען געווען אַ מיליאָן

אידעז אין מצרים. דאס איז אַ גרויסע צאָהל איבערהויפּט ווען זיי וואָהנען אין אַ ניט גרויסע לאַנד פון געאָגראַפישען שטאַנדפּונקט. די מעהרסטע פון דעם גאַנצען מיליאָן האָט געוואָהנט אין איין שטאָדט אַלעקסאַנדריען. וואס איז גע־וואָרען פון דיזער גרעסטער געמיינדע וואס האָט געהאַט ניט נאָר אייגענע קוואַרטאַלען נאָר אויך אייגענע טריידס, אַ סאָרט יוניאָנס? (עס דערצעהלט דער תלמוד אז ווען אַ איד פלעגט קומען קיין אַלעקסאַנדריען, איז אויב ער איז געווען אַ וועבער פלעגט ער געהן צו די וועבער פעראייניגונג, איז ער געווען אַ גאָלדשמיד פלעגט ער געהן צו די גאָלדשמיד פעראייניגונג און אזוי אויך אַנדערע בעלי מלאכות.) זי איז אונטערגעגאַנגען.

די אידען אין אַלעקסאַנדריען זיינען געווען, אזוי ווי עס זיינען די היינטיגע אידען אין הויך ציוויליזירטע לענדער, שטאַרק אריינגעטהאָן אין דער קולטור פון זייערע שכנים. די אידען פון אַלעקסאַנדריען האָבען גערעדט גריכיש, געשרי־בען גריכיש, און זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון אַ פרעמדער ניט־אידישער סביבה. די אַלעקסאַנדריער אידען האָבען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק נאָך אַלע וואהר־שיינליכקייטען איבערגעלעבט דעמזעלבען קאַמפּף וואס די אידען אין וועסט אייראָפּא און אין אַמעריקא לעבען דורך יעצט און זיי זיינען ניט גערעטעט געוואָרען דורך זייער גרוי־סען צאָהל און אויך ניט דורך דעם אַנטיסעמיטיזמוס וואס עס איז געווען שטאַרק דאַמאָלס אין מצרים. די אידען אין אַלעקסאַנדריען האָבען געהאַט ביידע זאַכען, אי גרויסע גע־מיינדען אי געגנערשאַפט פון די איבריגע בירגער, דאס וואס עס האָט זיי געפעהלט איז געווען תורה. אין זייער יודענטום האָבען זיי געמאַכט פשרות מיט דער ארומיגער סביבה אזוי ווי עס טהוען אונגעפעהר היינט די רעפאָרמער, אויב מען ק"ן בכלל מאַכען אַ פערגלייך אין דיזען ענין. עס איז דארום קלאָר אַז אויב דער נייגונג צו נאָכמאַכען די גוים איז פאַראַן, ריכטיגע אידישקייט איז ניטאָ, איז די סכנה פון פער־שווינדען זעהר גרויס אפילו פאַר אַ גרויסע אידישע בעפעל־קערונג. די קראַפט מוז זיין אינעווייניג, אין דאס לעבען פון פאָלק גופא. אויב דאָרטען איז ניטאָ מעהר דיזע קראַפט איז

עס ווי א קערפּער אָהן אַ נשמה: דער גרויסער קערפּער צו־פאַלט אזוי ווי דער קליינער קערפּער.

אין דעם קאַמפּף מיט דער ארומיגער סביבה, מיט דער ניט־אידישער אַטמאָספערע זיינען די שאַנסען פון געווינס זעהר שטאַרק אויף דער זייט פון דער סביבה. זי נעהמט ארום דעם אידען מיט אַן אייזערנעם רינג און נאָר מיט גרויסע כחות קען מען זיך וועהרען געגען דעם, דער געוועהנ־ליכער עולם האָט אבער ניט אַזעלכע כחות. מען דאַרף אויך האָבען אין זינען אַז די סביבה ווירקט אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער וועהרענד די כחות פון בעשיצען זיך ווערען אַלע מאָל שוואַכער און שוואַכער ביים געוועהנליכען עולם, לויט ווי מען דערוייטערט זיך פון דער אידישער טראַדיציאָן. אַ געגענד וואו עס וואָהנען אידען האָט נאָך היינט אַ מעהר אָדער ווייניגער אידישען אויסזעהן אפילו אין אַמעריקאַ, אבער דאָס איז דערפאַר וואס די אידען זיינען נאָך נאָהנט צו דעם ריכטיגען אידישען דור. וואס ווייטער אבער די אי־דישע בעפעלקערונג רוקט זיך אָב פון דער אידישער טראַדיצ־יאָן אַלץ מעהר דרינגט אין איהר אריין דער גייסט און אפילו די כאַראַקטעריסטיק פון דער ארומיגער סביבה. עס איז אַ [illegible] אַז אפילו די פיזיאָגנאָמיע ווערט אויך לאַנגזאַם געענ־דערט.

אין דעם גרויסען קאַמפּף וואס עס שטורעמט ביי אידען האָט ליידער דער סטרא־אחרא פון אונטערגאַנג א סך וואַפען. דער גרויסער גלאַנץ פון דער גוי'שער וועלט העלפט איהם, די סקול העלפט איהם, דער חשק צו פערגעניגען העלפט איהם. די לאַנדעס שפּראַך העלפט איהם, (עס איז שווער זיך משער צו זיין ווי געוואַלדיג גרויס עס איז די וויכטיגקייט פיר אידען און יודענטום וואס אין די מעהרסטע לענדער וואו אידען וואָהנען, האָט מען אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר גערעדט און מען רעדט היינט אויך אַ בעזונדער שפּראַך און מען בעזיצט דערצו אַ בעזונדער שריפט. ווען אידען הערען אויף צו קאָמוניקירען צווישען זיך אויף אַן אייגענעם לשון — עס מאַכט ניט אויס פון וואָנען דער לשון איז גענו־מען, עס איז גענוג אַז קיינער רעדט ניט אויף איהם אויסער אידען — פערלירען זיי אַ ריעזיגען טהייל פון זייער אידיש־

קיים. די משכילים און אסימילאטארען האבען דארום שטענ־
דיג געארבייט אז די אידען זאלען אוועקווארפען זייער
לשון).

עס איז דארום קלאר אז אויב מיר ווילען זיך ניט לאזען
נארען מוזען מיר מודה זיין אז אין דעם קאמפף צווישען די
פעו־ניכטענדע און די אויפהאלטענדע קרעפטען אין דער
אידישער נאם האבען ניט די בויענדע כחות קיין גרויסע
שאנסען; די וואגשאל נויגט זיך אויף דער זייט פון די צו־
שטערענדע כחות.

* * *

אבער טראץ אלע זיעגע פון די כחות פון צושטערונג
וועלען זיי דעם זיעג, דעם גרויסען ענדליכען זיעג איבער
דאס פאלק ישראל אין גלות ניט האבען.

דאס אידישע פאלק אין די גלות לענדער וועט ווערען
גערעטעט דורך א מינאריטעט, דורך די קליינע צאהל פון די
וואס האבען ניט געקניעט פאר'ן בעל, דורך די גבורים וואס
וועלען קיינמאל די פאהן ניט פערלאזען און וועלען בלייבען
טריי אלם היטער און שיצער פון יודענטום.

אין דעם גאנג פון דאס אידישע פאלק אין די ווייטערדיגע
דורות אין די גלות לענדער, וועלען כסדר פאלען פון אלע
זייטען, דורך געמישטע הייראטען, דורך סתם־אסימילאציאן,
דורך פאלשטענדיגע אבפרעמדונג פון כלל־ישראל, דורך פער־
שיעדנע סארטען שמד, אבער עס וועט בלייבען א מינארי־
טעט, א געזונדער קערן, וואס וועט ניט קוקענדיג אויף די
געפאלענע ביים זייט מארשירען ווייטער און ווייטער מיט א
געהויבענעם קאפ, מיט מוטה און ענטשלאסענהייט אין די
אויגען און מיט אמונה אין הארצען. די דאזיגע מינאריטעט
וועט טראגען אין איהר האנד די אייביגקייט פון דער אידי־
שער נאציאן.

און אזוי וועט זיין דער סדר פון דעם גאנג פון פאלק
ישראל דורך דעם מדבר פון אסימילאציאן:

וואס ווייניגער אימיצער איז בעוואפענט אלץ גיכער וועט
ער פאלען. צום ערשטען וועט מען פאלען אין די רייהען פון
די וואס ווייסען פון אידישקייט גאר ניט און זיינען נאר גע־
בארען געווארען אלס אידען, נאכדעם וועלען די קוילען פון

דער אַסימילאַציאָן אָנגרייפען אין די רייהען פון די גלייכגיל־טיגע ביי וועמען דאס אידישקייט איז ניט מעהר ווי אַ לייי־דיגער נאָמען. די נעקסטע קרבנות וועלען זיין אין די שורות וואו עס איז שטארק די נאָכאַהמונג נאָכ'ן גוי. נאכהער קומען די רייחען פון די וואס אנערקענען דאס יודענטום אין פּרינ־ציפּ נאָר חיטען עס ניט. די עקזיסטענץ אבער פון פאָלק הייגגט אין דער קעמפּפענדער מינאָריטעט, די געפאַנצער־טע, די וואס זיינען בעוואפענט פון קאָפּ ביז די פיס מיט תורה און בעשיצען זיך אין דער פעסטונג פון אַ פולען אידי־שען לעבען.

האָט דאָך ישעיה עס שוין פאָראויס געזאָגט: שאָר ישוב!

שאר ישוב

אויף די בערג פון יהודה שטעהט דער גרויסער נביא ישעיה, קוקט אין די ווייטע צוקונפט און זאָגט־פאָראויס דאָס וואָס עס וועט טרעפען מיט זיין פאָלק אין ווייטע דורות:

דאָס איבערגעבליבענע וועט זיך אומקעהרען — דאָס איבערגעבליבענע פון יעקב — צו דעם שטארקען גאָט. וואָרום אויב דיין פאָלק ישראל וועט זיין ווי די זאמד פון ים, וועט (בלויז) דאָס איבערגעבליבענע פון איחם זיך אומקעהרען. (ישעיה י׳ כ׳ כ״א)

ישעיה גלויבט אין דאָס ביסעל, ניט אין דער סך. ער גלויבט אין די וועניגע, ני אין די פיעלע. ער גלויבט אין דער מינאָריטעט און ניט אין דער מאַיאָריטעט.

דער בריליאנטענער ענגלישער שריפטשטעלער מעטיו ארנאָלד האָט שוין אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם וואָס דער גרעכטער פון אלע פילאָזאָפען, פלאטאָ, גלויבט אויך זעהר שטארק אז די מינאָריטעט שטעהט העכער ווי דימאַיאָריטעט. אויך פלאטאָ האלט אז די אמת׳ן און די אידעאלען ליעגען ניט אין דער מאַיאָריטעט נאָר אין דער מינאָריטעט. וועהרענד אָבער פלאטאָ — זאָגט ארנאָלד — איז פעסימיסטיש געשטימט אויב די מינאָריטעט קען רעטען א גאנצע פאָלק, איז ישעיה אָפטימיסטיש. ער איז זיכער אז די מינאָריטעט קען און וועט דאָס פאָלק העלפען, שאָר־ישוב!

אָבער ארנאָלד האָט צו וויייניג געקענט דאָס יודענטום אום צו וויסען אז די אמונה אין דער מינאָריטעט איז טיעף איינגעוואָרצעלט אין דעם אידישען פאָלק. דער גריכישער פילאָזאָף האָט נאָר משער געווען די וויכטיגקייט פון דער מינאָריטעט, אָבער ביי אידען איז עס א יסוד. עס איז א טחייל פון דער אידישער וועלט־אנשויאונג, אן עיקר גדול אין דער אידישער געשיכטע און ניט בלויז ישעיה אליין, דאָס **גאנצע יודענטום איז א טיעפער מאמין אין דער מינאָריטעט.**

די אידישע תורה האָט ערקלעהרט און אוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ אז דער עיקר איז די מינאָריטעט און ניט די מאיאָריטעט. הויך און שארף קלינגען איהרע ווערטער:

"ניט ווייל איהר זייט מעהר ווי אלע פעלקער האָט גאָט אין אייך געגלוסט". (דברים ז' ז')

מיר זיינען אן אויסערוועהלטע פאָלק, און מיר פארגעסען ניט נאָכאַנאַנד צו דערמאָנען אז גאָט האָט אונז אויסגעקליבען פון אלע אנדערע נאציאָנען, א מינאָריטעט פון דער מאַיאָריטעט. אין דעם אויסקלייבען ליעגט דער סוד פון אונזער גרויסקייט. ניט א ל ע קענען זיך אויפהויבען צו דער הויכער מדרגה צו וועלכער ג ע ו ו י ס ע קענען זיך אויפהויבען.

ניט אין דער ברייטער, גרויסער און גלייכער פלעכע, דער טהאָל, די פּרעירע, ליעגט דאָס שעהנהייט. די שעהנהייט ליעגט אין די בערג וואָס הויבען זיך ארויס פון דעם פלאַכען טהאָל, שפּארען אָן מיט זייערע קעפּ די וואָלקענס און קוקען ארונטער אויף דעם גלייכען פּלאץ וואָס ליעגט ביי זייערע פיס. די בערג זיינען די א ו י ס ג ע ק ל י ב ע נ ע, ארויסגעהויבען פון דער אלגעמיינער פלעכע. זיי זיינען די מינאָריטעט, אין זיי ליעגט די קראַפט, אין זיי ליעגט די שעהנקייט.

און דערפאר איז די אידישע תורה געגעבען געוואָרען אויפ'ן בארג, אין דער הויך, און דערפאר איז די שכינה קיינמאָל ניט אראָבגעגאנגען ניעדריגער ווי צעהן איילען צו דער ערד. זי קען אונטען ניט שטעהן מיט אלעמען אין טהאָל... און דערפאר זינגט דער זיסעסטער זינגער און קעניג פון ישראל: ווער וועט א ר ו י פ ג ע ה ן אויפ'ן בארג פון גאָט. צו דער גאָטהייט מוז מען ארויפגעהן. און דער וואָס וויל עפּעס זעהן, עפּעס וויסען, מוז ער אויף א הויכען אָרט ארויפשטייגען: פון די שפּיצען פון די פעלזען זעה איך איהם, און פון די בערג בעטראכט איך איהם. (במדבר כ"ג ט')

די מינאָריטעטען זיינען די שפּיציגע בערג וואָס הויבען זיך ארויס פון די פלאַכע מאַיאָריטעטען און ד אָ מ י נ י ר ע ן, בעהערשען די דאָזיגע פלעכען ניט מיט פיזישע גבורה נאָר מיט דעם כח פון גייסט וואָס עס ליעגט אין זיי. די מי־

נאָריטעטען קוקען ווייטער איבער די קעפּ פון די מאַיאָרי־טעטען.

און אזוי פיעל איז שטארק אין יודענטום די איבערצייי־גונג אז די לעבענס־קראפט פון א נאציאָן ליעגט אין דער מינאָריטעט, אז עס איז אמאָל גענוג א מינאָריטעט פון איין מענשען צו איבערוועגען א גאנצע אומה. משה איז געוועגען — זאָגט די גמרא — געגען אלע זעקס הונדערט טויזענד אי־דען וואָס זיינען ארויס פון מצרים.

ווען ניט משה וואָלטען די זעקס הונדערט טויזענד קיינ־מאָל פון מצרים ניט ארויס. ווען ניט דער יחיד מיט זיין קראפט וואָס לייזט אויס די נאַציאָן, וואָלט די נאַציאָן אין אייביגע שקלאַפעריי פארבליבען. ווען ניט די מינאָריטעט וואָס טראָגט אויפגעהויבען אין האַנד די ליכט, וואָלט די מאַ־יאָריטעט אין אייביגע פינסטערניש פאַרפאַלען געוואָרען. זעקס הונדערט טויזענד און אפילו זעקס מאָל זעקס הונדערט טויזענד פאר איין משה און זיבעציג אומות פאר איין אומה אויב זי האָט דעם אמת מיט זיך, זיבעציג מאָל זיבעציג מאַ־יאָריטעטען פאר איין מינאָריטעט וואָס טראָגט איהר גאָט אין הארצען. די אידען זיינען דער משה פון דער מענשהייט, און די מינאָריטעט פון טרייע פּולע איבערגעבענע אידען זיי־נען דער משה פון דעם אידישען פאָלק.

* * *

און ניט נאָר משה, דער וועלכער פאר איהם און נאָך איהם איז ניט געוועזן און וועט ניט זיין איינער וואָס איז גלייך צו איהם, נאָר אפילו קלענערע מענשען, אויב זיי זיינען נאָר גרעסער ווי דער רבים, אויב זיי זיינען נאָר די בערג צווישען די טהאָלען, זיינען זיי געוועגען אזוי פיעל ווי דער גאנצער דור צווישען וועמען זיי לעבען. ניין! זיי זיינען פיעל וויכ־טיגער ווי דער גאַנצער דור. "די גאַנצע וועלט ווערט גע־שפייזט — זאָגט דער כביכול לויט דער גמרא — צוליב מיין זוהן חנינא, און חנינא דאַרף ניט מעהר האָבען ווי א מאָאס טייטלען פון איין שבת ביז'ן אַנדערען". חנינא דארף בלויז א מאָאס טייטלען, אָבער ער טראָגט די וועלט מיט זיין זכות.

און דאָס איז די אידעע פון צדיק הדור אין חסידות. דער צדיק הדור איז די מינאָריטעט. ער דער צדיק, איז דער

אויסערוועהלטער, דער בחיר האומה, דער זייל אויף וועמען די גאנצע געביידע האלט זיך. ער איז דער יסוד עולם, דער פונדאמענט אויף וועמען אלעס שטעהט, דער צענטראלער פונקט אין וועלכען אלע ליניען קומען זיך צוזאמען, דער גרויסער באסיין וואוהין אלע השפעות קומען אריין און פון וואנען אלע השפעות געהען זיך פארנאנדער.

דער צדיק־הדור, די מינאריטעט, טראגט די וועלט נים נאר מיט זיין אייגענעם זכות, נאר דער עיקר דערמיט וואס מיט זיין זכות איז ער אויך "מתקן" דעם גאנצען דור. ווארום אין יעדען מענשען וואס וואהנט אין טהאל, אין דער פלעכע, איז פאראן א הייליגער פונק, א ניצוץ פון דאס ריינע, פון דאס ערהאבענע, פון דאס ליכטיגע, פון דאס אייביגע. דאס איז דער פונק פון גאט'ס נשמה, חלק אלקה ממעל, אבער ער איז פארשטעלט און פארדונקעלט. דער צדיק־הדור לאזט ניט דער פונק זאל חלילה פארפאלען ווערען, אויסגעלאשען ווערען ביי די וואס זיצען אין טהאל. קוקענדיג אויף איהם ווערט ביי זיי, ביי די טהאל־זיצער, פון דאס ניי אנגעצונדען דער פונק, פונקט ווי קוקענדיג אויף דער זון ווערט ליכטיג אין יעדען אבר און עס ווערט ליכטיג אין אלע אונזערע חושים. דער צדיק איז דער כח־המושך וואס ציהט און וועקט אלע גוטע כחות. ער "פאררינכט" אלעס וואס ווערט פגום, און הויבט אויף מיט זיך די גאנצע מחנה פון טהאל, ניט צום שפיץ בארג, דאס קענען זיי ניט דערגרייכען, אבער אויפ'ן וועג צום בארג העכער און העכער, אויף דעם וועג פון שלמות. פערציג טויזענד תפלות — זאגט דאס חסידות — האט דער בעל שם טוב מעלה געוועז מיט זיין תפלה. זיי האבען זיך אן זיין תפלה אנגעקלעפט און נאכגעגאנגען אזוי ווי די ניצוצות הקדושים פון דער גאנצער עדה ציהען זיך צו און געהען נאך דער ליכטיגקייט פון דעם צדיק וועלכער מאכט אלעמען ליכטיגער, אזוי ווי ווען א מחנה שטעהט אין דער פינסטערניש און עס הויבט זיך פלוצלונג אויף איבער זיי א פאקעל ווערט די גאנצע מחנה בעלויכטען...

דער צדיק־הדור — זאגט אונז ר' נחמן בראצלאווער — איז אין דער בחינה פון משה — ער לייזט אויס דעם גאנצען דור. אבער דער צדיק איז דער סימבאל פון די ביסעל, וואס

בויגען ניט די קניה, אין די סך וואָס האָבען ניט די גבורה צום קאַמפף. דער צדיק־הדור איז דער סימבאָל פון אידען צווישען די פעלקער. די גאַנצע געשיכטע פון אידישען פאָלק איז א געשיכטע פון גלויבען, ניט אין די וויפיעל, נאָר אין די וועלכע; ניט אין די צאָהלען, נאָר אין די קוואַליטעט; פון גלויבען אין דער מינאָריטעט און ניט אין דער מאַיאָ־ ריטעט.

אָבער פאַר דער מינאָריטעט שטעהט שטענדיג א גע־ פאהר. די מינאָריטעט איז און מוז זיין אין א נאַטירליכער געפעהרליכער לאגע. זי איז אין דער סכנה צו ווערען אסי־ מילירט אין דער מאַיאָריטעט, צו ווערען פארשלונגען אין דער סביבה.

וואָס איז דער מיטעל מיט וועלכען די מינאָריטעט קען בעקעמפפען די דאָזיגע סכנה?

דער מיטעל איז, אז די מינאָריטעט זאָל גלויבען אין דעם כח און דעם פרינציפ פון מינאָריטעט, עס הייסט: זי זאָל זיין זעלבסטבעוואוסט אז זי שטעהט העכער ווי די מאַיאָרי־ טעט, אז זי האָט א בעזונדערע שליחות און אז זי דארף דאַ־ רום ניט נאָכאַהמען די דרכים פון דער מאַיאָריטעט. זי דארף זיין איבערצייגט אז די רעטונג ליעגט אין איהר.

אום אז א קליינע צאָהל זאָל קענען בלייבען ביי איהרע אידעען און ניט קאַפּיטולירען צו דער גרעסערער סביבה אין וועלכער זי לעבט, מוז זי האָבען דעם גייסטיגען כח מבטל צו זיין די סביבה. וואָרום אויב זי וועט ניט מבטל זיין די סביבה וועט זי סוף כל סוף מוזען בטל ווערען ביי זיך אין די אויגען און דאַן איז זי אויפ׳ן שוועל פון אונטערגאַנג. דער צדיק־הדור איז געוויס אן ענו ווי א צדיק מוז זיין, אָבער בטל ווערען ביי זיך ווערט ער ניט. ער האָט דעם פולען בעוואוסט־ זיין אז ער שטעהט אויפ׳ן בארג און ניט אין טהאָל.

ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: אויב עס זיינען פאַ־ ראַן צעהן מענשען אויף וועמען עס שטעהט די וועלט, בין איך און מיין זוהן צווישען זיי; אויב עס זיינען פאראַן פינף מענשען אויף וועמען די וועלט שטעהט, בין איך און מיין זוהן צווישען זיי; אויב עס זיינען פאראַן צוויי מענשען אויף וועמען די וועלט שטעהט, בין איך און מיין זוהן די דאָזיגע

צוויי. איז עס גאוה וואָס האָט ארויסגערעדט פון דער מויל פון דיזען גרויסען תנא און קדוש? חס ושלום! דאָס האָט פון זיין מויל ארויסגערעדט דער גרויסער כלל אז די מינאָריטעט מוז זיין בעוואוסטזיניג פון איהר וויכטיגקייט, אז זי מוז האַלטען אז "לא נברא העולם אלא בשבילי". דאָס הייסט, אז די אידעאלען וועלכע זי, די מינאָריטעט, טראָגט זיינען די העכסטע וואָס זיינען פאראן אויף דער וועלט.

ווען אפילו צוויי מענשען טראָגען א גרויסען אידעאַל, מוזען זיי גלויבען אז זייער אידעאל וועגט אריבער די גאנצע וועלט, מוזען זיי די וועלט מבטל זיין און זיין איבערצייגט אז דער אמת איז ביי זיי. איך און דער אמת — האָט אמאָל אימיצער געזאָגט — קענען בלייבען שטעהן אפילו אין דער מינאָריטעט. דאָס איז דערזעלבער פרינציפּ וואָס רבי שמעון בן יוחאי האָט פריהער אויסגעדריקט, אונטער דער פּאָעטישער פאָרם פון "איך און אלעזר מיין זוהן".

דאָס איז דער געזעץ פאר די קעמפּפער, פאר די וואָס טראָגען אידעען און אידעאַלען וואָס זיינען ביי זיי הייליג: דער ערשטער פּונקט איז צו האלטען זיך איבער דער סביבה. אן "אתה בחרתנו" אין אירגענד וועלכער פאָרם און אונטער אירגענד וועלכער צורה, אָבער אן "אתה בחרתנו" פון פפליכטען. קיין מענש קען ניט טראָגען מעהר פפליכטען ווי א צווייטער, אויב ער זאָל דערביי ניט וויסען אז ער ווערט דורך דער ערפילונג פון דיזע פפליכטען העכער ווי דער צווייטער, אז עס הויבט איהם אויף א י ב ע ר דעם וואָס טראָגט דיזע פפליכטען ניט.

און דאָס וועט געבען כח דעם שאר־ישוב אין זיין גאַנג.

* * *

און דער שאר־ישוב וואָס וועט בלייבען אפילו נאָך אלע חורבנות וואָס די אַסימילאַציאָן וועט מאַכען, וועט זיין דער משה פון יעדען דור, עס וועט זיין דער ערלייזער וואָס וועט ניט נאָר אויסלייזען זיך אליין פון אונטערגאנג נאָר וועט אויך "מתקן" זיין אלע אידישע פונקען וואָס עס וועט זיין ביי דער שוואכער מאַיאָריטעט. עס וועט מעלה זיין די ניצוצות הקדושים פון אלע אידישע הערצער, פון דעם גאנצען כלל ישראל, וועלכער האָט א חלק לעולם הבא, פון די אלע

ישראל וואָס אף על פי שחטא ישראל הוא, פון אלע ביי וועמען עס גלימערט א נאָך ניט אין גאנצען אויסגעלאָשענער קויהל, אלעס וועט ווערען געוואַרימט דורך דעם פייער וואָס עס וועלען טראָגען די מינאָריטעט־טרייע, פולע טראַדיציאָנעלע אידען. דורך דעם זכות פון דער באַרג־מינאָריטעט וועט לעבען דער טהאָל, וועלען זיך האלטען אויך א טהייל פון די וואָס קיין אייגענע כחות האָבען זיי ניט. דער צדיק־הדור, דער מיעוט פון שומרי־הדת וועט אויף זיי מגין זיין...

פול מיט דער בעוואוסטזיניגקייט אז דער גרעסטער אוצר פון דער מענשהייט: די אידעאַלען פון יודענטום, און דאָס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן איז איבערגעגעבען געוואָרען אין א י ה ר ע הענד, וועט די טראַדיציאָנס־טרייע מינאָריטעט טראָגען די אידישע תורה מיט דער גבורה פון די מכבים, מיט דער עקשנות פון אונזערע קדושים וואָס האָבען מיט "שמע ישראל" זיך געשטעלט געגען דער מאַכט פון שווערד און פייער, און מיט דעם הויכען אידעאַליזם וועלכע נאָר א פאָלק וואָס האָט נביאים געהאט קען האָבען. ניט די האנד פון אויסערליכען שונא, ניט דער דומער געלעכטער פון דעם שפּאָטער, ניט די קאלטע אטמאָספערע פון גלייכגילטיגקייט אַרום וועט אָבהאלטען דעם מאַרש פון דער בראַוער מחנה. ווייטער און ווייטער אין די קומענדע לאַנגע דורות פון דער פאַרנעבעלטער צוקונפט, ביז דעם אחרית הימים וועלען זיי געהן אין געשלאָסענע רייהען. פאַר זיי וועט געהן דער עמוד־האש פון דעם אייביגען אמת וואָס איז אָנגעצונדען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני, און הינטער זיי וועט שאַלען די שטימע פון אידישען גאָט, דער פיהרער פון ישראל: "אז דו וועכט געהן אין פייער וועסטו ניט פאַרברענט ווערען און אין וואסער וועסטו ניט דערטרונקען ווערען, וואָרום א י ך בין מיט דיר."

ע נ ד ע

אינהאלט פערצייכנים

זייטע

אין ירושלים צו נעילה

לאנגהייט פון גלות.—אידישע אייביגקייט אין געפאהר.—אינערליכער קריזיס. 16-11

פארוואס דער איד איז ניט געשטארבען

נאטור פיהרט צו אסימילאציאן.—אידען האבען זיך געהאלטען העכער.—היינטיגע אידען האלטען זיך ניעדריגער. 23-17

הארווארד אדער וואלאזשין ?

ווי מען האט געקוקט אמאל אויפ'ן אידישען ספר, אויף אידישע ידיעות און ווי מען קוקט היינט.—די סכנה וואס ליעגט אין דעם וואס אידען גלויבען היינט אז די גוי'שע וועלט איז העכער. 28-24

די פאעזי פון דער געטא

די אידישע מאמע.—דער אידישער טאטע.—מלאכים פון שבת.—שבת־טיש.—חלומות פון אידישען קינד.—צניעות.—קדושה פון משפחה.—לערנען לשם לערנען.—בעלי מלאכות לערנען בין מנחה למעריב.—משיח און ארץ־ישראל. 34-29

די "משכילים"

מענדעלסאן און די שמד־השכלה.—פארקויפט דאס יורענטום.—בלינד געווען צו די מעלות פון דער אידישער נאס.—"ליכטיגקייט" האט ביי זיי געהייסען גוי'שקייט.—דרך־ארץ פאר אלעם וואס קומט פון גוי.—ליליענטאל דער משכיל. 40-35

די גרויסע מלחמה געגען דער אידישער נאס

משכילים ווילען פערניכטען די גמרא.—דער ספר וואס נעהמט ארום די גאנצע וועלט.—וואס די גמרא בעדייט פאר אידען.—תלמוד מאכט אונז פאר גבורים.—משכילים האבען געשריען: צוריק צום תנ"ך, אום צו מבטל זיין דעם תלמוד. 46-41

רעפארמער און אסימילאציאן

רעפארמער ריידען פון נביאים, מיינען אבצושאפען אידישקייט.—פערניכטען מצוות המעשיות.—"סאציאלע גערעכטיגקייט" און "עטישע קולטור".—רעפארמער ווי משכילים לערנען אלעס פון די גוים. 52-47

חסידים אויפ'ן שלאכטפעלד

חסידות בעשיצט יודענטום געגען השכלה־אסימילאציאן.—חסידישע וואפען: התלהבות; אהבה; דבקות.— אבשאצונג פון חסידות. — מיסטיציזם און קבלה. 58-53

די פאעזי פון חסידות

נגונים.—חסיד קוק אין דעם אינערליכען תוך פון א זאך.—ער קוקט מיט דיכטערישע אויגען אויף דער וועלט. — דער וואונק. — השתפכות הנפש..—"וועלט־שמערץ". — שכינתא בגלותא.— ר' לוי יצחק. 63-59

זייטע

חסידות, פאָלק ישראל און ארץ־ישראל
חסידות בעטראכט די אידישע פאָלק אלס א קדושה.—אהבת ישראל.—בײנקשאפט נאך דער גאולה און ארץ ישראל. — בעש"ט'ס תלמידים פאָהרען קיין ארץ־ישראל. 69-64

לערנען
לערנען איז דאס העכסטע אין יודענטום. — די קראפט פון ווערטער. — ווערטער קריגען וואס ווייטער אלץ מעהר בעדייטונגען. — ווערטער ציהען זיך אויס. — כח פון ווידערהאָלונג. — ר' חיים וואלאזשינער בעקעמפפט השכלה מיט'ן לערנען. 75-70

צוויי ארמייען — איין צוועק
די חסידים אונטער דער הערשאפט פון די תלמידים פון בעש"ט און די מתנגדים אונטער דער פיהרערשאפט פון די תלמידים פון ווילנער גאון בעקעמפפען חשכלה; די ערשטע דורך פרומקייט, די צווייטע דורך תורה. 80-76

קענען אידען לעבען אָהן מצוות המעשיות ?
חשכלה־טרעגער, רעפארמער און אויך נאציאנאַ־ליסטען בעהויפטען אז מען קען זיין א גוטער איד אָהן מצוות המעשיות. 86-81

זיינען די נביאים געגען אידישקייט ?
די פאלשע בעהויפטונג אז נביאים האבען ניט געהאלטען פון מצוות. — ירמיה, יחזקאל, ישעיה. 92-87

שניידט ניט דאָס יודענטום אין שטיקער
פילא, קריסטען, מחמד, קראים, משכילים, רע־פארמער, נאציאנאליסטען קלייבען אויס טהיילען פון יודענטום. — מען מוז נעהמען דאס גאנצע: פון אחדות הבורא ביז—פליישיגס און מילכיגס. 98-93

דער אידישער שמעלץ־טאָפּ
פערשיעדענהייטען אין מיינונגען זיינען שטענ־דיג געווען ביי אידען. — אבער דאס וואס אלע אידען זיינען געווען פעראייניגט אין מצוות המעשיות האט געמאכט איינינג די נאציאן. 105-99

נשמות וואָס געהען נאקעט
אלע אידעאלען מוזען ווערען פארקערפערט אין מעשים. — אז ניט ווערען זיי פארלארען. — קריסטענטום האלט ניט פון מעשים. — שטאנד־פונקט געגען מצוות געקומען פון גוים. 111-106

יעדער איד איז א פילאָזאָף
דער גרעסטער פילאזאפישער וועלט־רעיון איז אחדות הבורא. — יעדער איד ווייס און פיהלט טיעף דעם רעיון. — אלע מצוות געבויט אויף דיזען געדאנק. 118-112

זייטע

איד און מענשהייט
בעגריף פון א פארברידערונג פון אלע מענשען איז געבארען געווארען ביים יודענטום. — א רעזולטאט פון אחדות הבורא. — די וואס האבען גערינענט צו דער נאטור האבען עס ניט געקענט אויסקלערען. 124-119

גאט און נאטור; ירושלים און אטהענס
העללעניזם און העברעאיזם. — נאטור איז ניט־מאראליש. — יודענטום האט ערקלעהרט קריעג די נאטור־דיענסט און דערמיט געבראכט די חוי־בע מאראלישע בעגריפע. — גריכישע פילאזאפען בען פאר'ן ארימאן זיך ניט אנגענומען. 130-125

דער יצר־הרע און דער יצר־טוב
גריכען און אינדיער. — ערשטע האבען געלע־רענט אז אלץ איז גוט. — צווייטע האבען געלע־רענט אז אלץ איז שלעכט. — דער אמת איז אין־מיטען. — אלעס מיט א מאאס. 136-131

שקלאפען פון דער נאטור
נאטוראליזם איז א געפעהרליכע שיטה וואס מאכט דעם מענשען פאר א קנעכט פון זיינע ליידענשאפטען. — אדער עס בריינגט גאר צו אסקעטיזם. ׳ יודענטום אין קאמפף מיט נאטו־ראליזם. 144-137

די געבורט פון פרייהייט
נאטור־דיענסט דערלאזט ניט דעם מענשען צו הא־בען א פרייען ווילען. — דורך דער ערקלערונג פון א גאט איבער דער נאטור האט יודענטום געשאפען דעם פרייען ווילען. 151-145

מאָדערנע אידישע געצענדיענער
בעגייסטערן זיך פאר נאטור און געצענדיענסט. — טשערניכאווסקי, בערדיטשעווסקי. — רופען אידען "שאטענס" און "פגרים". 158-152

אידישע בלבולים אויף אידען
משכילים טראכטען אוים שקרים אויף אידען. — א בילד פון ווילנא פון פאר נייגציג יאהרען. 165-159

פינסטער אָדער ליכטיג?
פארשיעדענע סארטען משכילים וואס האבען בעהויפטעט און בעהויפטען אז די אידישע טראדיציאן איז א פינסטערע. — נאציאנאלע משכילים. 172-166

"וואָס וועלען די גוים זאָגען?"
חניפה און קריכעריי צום גוי האט זיך אנגעפאנ־גען מיט דער השכלה. — ארטאדאקסישער איד האט שטאלץ. — משכילים האבען גע'חנפ'ט טי־ראנען מיט דער גרעסטער שפלות. — אדם הכהן, יצחק בער לעווינזאן, ש"י פין. 179-173

זייטע

די אידישע גאס און די גוי'שע

די משכילים האָבען געוואָרפען שמוץ אויף אלעס וואָס זיי האָבען געזעהן אין דער אידישער גאס און האָבען בעזונגען אלעס וואָס זיי האָבען געזעהן ביי גוים. — אדם הכהן, מאַפּו, לעוואַנדא, יהודה ליב גארדאָן. 185-180

די רענאַנסאַנס

אלס א רעזולטאַט פון דער קריסטליכער לעהרע פון אסקעטיזם האָט די רענאַסאַנס גערופען צו־ריק צו דער נאַטור. — וואָס די השכלה האָט דערפון געלערענט. 192-186

דער נביא און דער פילאָזאָף

דער פעסימיזם פון בודהיזם און קריסטענטום. — אידישער אָפּטימיסטישער בליק אויף דער וועלט. 198-193

דער שונא פון יודענטום — נאַטוראַליזם

דער קאַמפּף פון יודענטום געגען נאַטוראַליזם היינט ווי עס איז געווען א קאַמפּף אַמאָל. מאָדערנער נאַטוראַליזם פון ביכנער, פאָגט, מאָ־לעשאָט און אנדערע. — לודוויג שטיין אייקען. 205-199

איז דער מענש א מאשין?

מאַטעריאַליזמוס פון די אלטע צייטען ביז יעצט. דעמאָקריטוס. — אפּיקורס.—דעקארט.—שפּינאָזא. בערגסאָן'ס קאַמפּף געגען מעכאַנישער וועלט־אַנשויאונג. — דארנער. — דאַרוויניזמוס. 212-206

סאָציאַליזמוס און יודענטום — בלוטיגע שונאים

סאָציאַליזמוס געבויט אויף מאַטעריאַליזם. — געגען אמונה. — מאַרקס'עס היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. — ענגעלס. — יודענטום אלס הכחשה פון היסט. מאַט. 219-213

קארל מארקס און די אידישע געשיכטע

נאַטור־דיענסט, עשתורת, בל, צעאוס, אפּאָלאָ, עבודת־כוכבים, עבודה־זרה, אותיות, נאַטוראַליזם, מאַטעריאַליזם, סאָציאַליזם — דער אלטער אי־דישער שונא. — אידישע סאָציאַליסטען אין סאָוויעט רוסלאַנד, אין אמעריקא. — זאַמבארט. 225-220

ניהיליזם—א רוסישע קראנקהייט; באקונין

ניהיליזמוס געגען רעליגיאָן. — רוסישער שוואַרץ־צער פעסימיזם. — דאָסטאָיעווסקי, נעקראַסאָוו. —באַקונין'ס קאַמפּף פאַר מאַטעריע געגען גייסט. — פאַרוואָרפען דאָס יודענטום פאַר דער לעהרע פון באַקונין. 232-226

זייטע

רוסישער איינפלוס אויף די משכילים

טורגעניעוו'ס "טאטעס און קינדער" און אבראמאוויץ'עס "האבות והבנים". — אורי קאוונער. יהלל'ס מאטעריאליסטישע טענדענצען. — סאציאליסטישער זשורנאל אין העברעאיש. — ליליענבלום און זיין "חטאת נעורים". — שרייבער האבען פיינט דעם פאלקסלעבען. — דאס פאלק צאהלט מיט דערזעלבער מטבע. 238-233

מאזעס העסס און פרץ סמאלענסקין

אונטערשיעד צווישען העסס און סמאלענסקין. —די געבורט פון נאציאנאלען משכיל. — ליעבט זיין פאלק אבער ירשן'ט שנאה צו אידישקייט פון פריהערדיגע משכילים. — "השחר". — "פינסטערלינגע". 244-239

שפאלטען דאס יודענטום אין צווייען

סמאלענסקין, דער ערשטער וואס טהיילט אב נאציאנאליזמוס פון רעליגיאן. 251-245

דער גוואלד־ריס

טהיילען רעליגיאן פון נאציאנאליזמוס איז סם־המות פאר'ן אידישען פאלק. — שטענדיג געווען איין זאך. — געלערנט פון די גוים: "קירכע און שטאאט". — בן־יהודה'ס ערקלעהרונג. 257-252

די תורה פון סיני און די "תורה" פון ארעס

אחד העם'יזם.—וויל שאפען א נייע "יודענטהום" אהן רעליגיאן. — בעהויפטעט אז דער וואס גלויבט ניט און היט ניט, שטעהט העכער ווי דער שומר־דת. 263-258

דער אידישער געזעץ און די הארץ

"תורת שבלב". — די הארץ איז ניט דער ריכטיגער וועג־ווייזער. — די שייכות פון מאראל צו רעליגיאן. — וויליאם דזשיימס. — דזשיימס מאנטגאמערי. — שמעון ברנפלד. — ביאליק איבער הארץ און מעשים. 269-264

א הויז פון קארטען

פיער פונקטען געגען די פיער בענדער "על פרשת דרכים" פון אחד־העם. — בלוט ניט גענוג פאר נאציאנאליטעט. — נאציאנאליזמוס אהן תורת און מצוות קען אוועקפיהרען צום קריסטענטום. — דר. קלויזנער'ס בוך איבער דעם גרינדער פון קריסטענטום. — אונטערשיעד צווישען גוי'שען און אידישען נאציאנאליזם. 276-270

הערצל, נארדוי, אחד־העם

תבת ציון געשאפען ניט פון נאציאנאלע משכילים. — פאליטישער ציוניזם. — הערצל און נארדוי ניט געווען געגען יודענטום. — טאלעראנץ פון דער ארטאדאקסי. — אחד־העם'יזמוס א שטערונג פאר ארץ־ישראל. 282-277

זייטע

פאר וואס קעמפפען אידען

מינאריטעט מוז האבען אידעאל. — העברעאיש אליין קיין אידעאל צו אויפהאלטען א פאלק. 288-283

אונזערע וואפען אין אייביגען קאמפף

שבת, כשרות א. ז. וו. מינאריטעט מוז זיין ארומגעצאמט. מצוות די פעסטונג. גרענעץ צווישען איד און גוי. "געפאנצערטעס יודענטום". ווען נאציאנאליסטען וואלטען נאציאנאליסטען געווען. 295-289

דובנאוו וויל מאכען נייע מצוות

אויך א "מחוקק". אויטאנאמיזמוס. א נייער "שולחן־ערוך". ספרי־קודש און מעשה־ביכלאך. 301-296

די "נאציאנאלע ערציהונג"

דורכפאל פון "נאציאנאלע" ערציהונג צוגעגעבען פון משכילים אליין. "תלמוד תורה" אדער תלמוד־לשון ? גייסטיגע ארימקייט פון נאציאנאלען חנוך. 307-302

"חדר" און "בית ספר לאומי"

דער "חדר" איז געשטאנען העכער אין נאציאנאלען, אין אידעאלען, און אפילו פעדאגאגישען זינען ווי דער "בית ספר". ערציהונג איז ניט פראפאגאנדא. ערציהונג און כאראקטער. פארקירצטע ספרי־תנ"ך. הדר־תלמידים קענען א טיעפען העברעאיש. 314-308

די "נאציאנאלע" ליטעראטור

פרעמדע אידעען, פרעמדע געדאנקען און געפיהלען. אויפ'ן בעסטען אופן ניט מעהר ווי א שדכן צווישען אידישען לעזער און אייראפא, פארנאגראפיע. דרך־ארץ פאר דער גוי'שער גאס. אפט געגען עצם פון יודענטום. 320-315

פון חסידיזמוס צום קריסטענטום

פרץ'ס חסידישע מעשיות. הארדעצקי און בוּבער. לעצטער איז פערליבט אין מאן פון נצרת. 326-321

ביאליק און די נאציאנאלע פאעזי

ביאליק'ס שירה. דער קאמפף צווישען איהם און דעם "משכיל" וואס איז אין איהם. 332-327

זיי בעדויערן אנשטאט צו בעוואונדערן

קיין סימן פון נאציאנאלע שטאלץ אין דער נאציאנאלער ליטעראטור. 338-333

א בעוועגונג אהן א פאלק

העברעאישע ליטעראטור איז געווען ווייט פון פאלק. איהר ניט־ריכטיגע האלטונג צו אידיש. סאציאליסטישער המון, ארטאדאקסישער המון. נאציאנאליסטישער המון איז ניטא. 344-339

די זיבען ויילען פון אנטיסעמיטיזמוס

גרופען האס. אנדערש זיין. קאנקורענץ. כעס אבפיהרער. 350-345

זייטע

שנאה אנשטאט דאנקבארקייט

אן ערשיינונג אהן א גלייכען. רעליגיעזע תביעות צו אידען. ווילסאן וועגען אידישען איינפלוס אויף געזעץ. דער חוב. 356-351

אנטיסעמיטיזמוס — אן אייביגע זאך

אבער די רויהע פארמען פון פערפאלגונגען זיינע וועלען אבפאלען. יעקב איז יעקב און עשו איז עשו. 362-357

ווי די גוים העלפען אונז אידען צו זיין

עמיל זאלא איבער אסימילאציאן. ווי דער אנטיסעמיטיזמוס האט געווירקט אויף העסס, פינסקער, און הערצל. כח פון יודענטום איז אינעווייניג. 368-363

דאָס אמעריקאנער יודענטום

די ערשטע שלאכטען וואס דאס יודענטום האט געהאט אין אמעריקא. אידישעס לעבען ניטא. שבת און ערציהונג. 374-369

די שטיינער אין וועג פון אמעריקאנער יודענטום

אורזאכען וואס האבען געשטערט צו שאפען א פולעס אידישעס לעבען אין אמעריקא. 380-975

די רעפאָרם אין אמעריקא

א בריק צו דער גוי'שער וועלט. רעפארם רויבט פון דער ארטאדאקסי. רייך געווארענע אידען. רעפארמער פארנעהמען דעם אויבען־אן. האלב־רעפארם. 386-381

אן איינטהיילונג פון אמעריקאנער אידען

בעזונדערע צוויי גרופירונגען ; אריבערגעקומענע און היגע געבארענע. 393-387

צאָהל פון אידען אויף דער גאנצער וועלט

דער וואוקס פון אידישען צאהל און זיין שייכות צו דער אסימילאציאנס פראגע. 400-394

די נאציאָנאלע היים 407-401

די ווירקונג פון ארץ־ישראל אויפ'ן גלות 414-408

דער סך־הכל 421-415

דער קאמפף פון דער אידישער אומה 428-422

שאָר ישוב

די מינאריטעט, צדיק־הדור. די גבורים. זיי וועלען רעטען דאס פאלק פון אונטערגאנג. 435-429

LIBRARY
APR 1 7 2007
UNIVERSITY OF TORONTO

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the

LIBRARIES *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

Farley Mernick
in loving memory of
his parents
Frank and Belle Mernick

3 1761 0[illegible] 3795